

די יודישע

פאלקס־געשיכטע

נאך דער

„פאלקסטהימליכער געשיכטע דער יודען"

— פון —

פראפעסאר ה. גרעטץ.

נײ איבערדרוקט, אויסגעבעסערט און פערפאלקאמט
ביז צו דער געגענווערטיגער צײט
פון בן־צבי.

צווייטער טהייל.

היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יארק.

אינהאלטס־פערצייכניס:

די איבערגאַנגס־צייט.

די צייט פון די גאונים.

די יודיש־שפּאַנישע צייט.

דִי אִיבֶּערְגַאנְגְסְצַייט.

——

עֶרְשְׁטֶעס קַאפִּיטֶעל.

דִי נָאכְוֶועהֶענִישֶׁען פוּן דֶער מִלְחָמָה.

(70—93 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

גְרוֹים אוּנ שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז גֶעוֶועהְן דֶער בְּרָאךְ, וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק; מֶעהר פוּן נַיין הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד יוּדֶען זֶענֶען אַוֶועק גֶעפִירְט גֶעוָוארֶען גֶעפַאנְגֶען. טִיטוּס הָאט גֶעהֵייסֶען בְּרֶענְגֶען קַיין רוֹם נוּר דִי אַדְ‍ַיאבֶּענֶעשְׁטֶע פְּרִינְצֶען, עֶר זָאל זֵיי קָאנֶען הַאלְטֶען פַאר אַ מַשְׁכּוֹן, אוּנ דֶער מִיט וַוארְפֶען אַ מוֹרָא אוֹיף דִי הֶערְשֶׁער פוּן אַדְיַאבֶּענֶע, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוֹיפ'ן רָצוֹן פוּן זַיין פְרַיינְד פְרָאנְטָא, אוּנ עֶר הָאט בַּאלְד אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען אַלֶע, וָואס עֶס אִיז נוּר אוֹיף זֵיי אַ חָשַׁד גֶעפַאלֶען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהְן אִין דֶער מִלְחָמָה. דִי, וָואס זֶענֶען אָבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען, הָאבֶּען מְקַנֵא גֶעוֶועהְן דִי טוֹיטֶע, וַוייל פִיעל פוּן זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי רָאמֶערְס קָאסְט, אוּנ פִיעל, וָואס מֶען הָאט פֶערְקוֹיפְט פַאר קְנֶעכְט, פְלֶעגֶען זִיךְ אַלֵיין פַארְשָׁאלְטֶען דָאס לֶעבֶּען. עֶפִּיס בֶּעסֶער אִיז נוּר גֶעוֶועהְן דִי דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אוֹיף זִיךְ בַּעֲלֵי גוֹאֲלִים פוּן אַזֶעלְכֶע אֶערְטֶער, וואו יוּדֶען הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט, וַוייל דִי יוּדֶען פְלֶעגֶען נִיט קוּקֶען אוֹיף קַיין גֶעלְד, אוּנ וִוי פִיעל מֶען הָאט נוּר

גֶעפָּארְדֶערְט פְּלֶעגֶען זֵיי בֶּעצָאהְלֶען, אַבִּי אוֹיסְצוּקוֹיפֶען זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן פְרֶעמְדֶע הַאנְד.

וֶעסְפַּאסְיַאן וָואס הָאט אִין זִין גֶעהַאט, אַז דֶער נִצָחוֹן אִיבֶּער דִי יוּדֶען זָאל אִיהם אַיינְבְּרֶענְגֶען אַרֶעכְטֶע סְטָבֶע, הָאט גֶעהֵייסֶען שְׁטִיקֶער־וַויים פֶערְקוֹיפֶען דָאס לַאנְד יְהוּדָה. טִיטוּס הָאט זִיךְ אָבֶער נִיט בֶּעגְנִיגְט מִיט דֶעם עֲשִׁירוּת, וָואס עֶס אִיז צוּגֶעקוּמֶען דֶעם פָאטֶער, אוּנ הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע מִיטֶעל וִוי אַזוֹי זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין דִי עַקְשָׁנִים, וָואס הָאבֶּען אִיהם אָבְּגֶעקָאסְט אַזוֹי פִיעל צַייט אוּנ מִיה. אַז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעפָאהְרֶען פוּן דֶער מִלְחָמָה אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין סִירְיֶען, אוּנ דָארְט אַבִּיסֶעל אוּנְטֶער־גֶעלֶעבְּט מִיט זַיינֶע גוּטֶע בְּרִידֶער, הָאט עֶר קַיין אַנְדֶער תַּעֲנוּג נִיט גֶעפוּנֶען וִוי נוּר אַרוֹיסְפִיהְרֶען אוֹיף אַפְּלַאץ יוּדִישֶׁע גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ זֵיי לָאזֶען זִיךְ שְׁלָאגֶען מִיט ווִילְדֶע חַיוֹת, וָואס הָאבֶּען מִן הַסְתָּם נוֹבֵר גֶעוֶועהן דִי שְׁלַאפֶע יוּדֶען. אָפְּט פְּלֶעגְט עֶר מַאכֶען דִי אֵייגֶענֶע שְׁפִּיעל טַאקִי צְווִישֶׁען דִי יוּדֶען אַלֵיין, וָואס הָאבֶּען גֶעמוּזְט זִיךְ שְׁלָאגֶען צְווִישֶׁען זִיךְ אַזוֹי לַאנְג בִּיז בֵּיידֶע זַייטֶען זֶענֶען גֶעוָוארֶען הֲרוּגִים. אַזוֹי הָאט זִיךְ טִיטוּס נוֹהֵג גֶעוֶועהן אִין דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּנֶם פָאטֶער אוּנ פוּן זַיין בְּרוּדֶער דָאמִיטְיַאן, אוּנ דָאס אֵייגֶענֶע הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטְהוּן אֲפִילוּ אִין צֶעזַארֶעאַ־פִילִיפִּי, אוּנ הָאט גֶעלָאזְט, צוּ לִיעבּ זַיין צַייט פֶערְטְרַייבּ, אוּמְקוּמֶען טוֹיזֶענְדֶער יוּדִישֶׁע יוּנְגֶע לַייט פַאר דִי אוֹיגֶען פוּן דֶעם קֶענִיג אַגְרִיפַּא אוּנ זַיין גֶעלִיעבְּטֶע פְּרִינְצֶעסִין בֶּערֶנִיצַא. אִיבְּרִיגֶענְס אִיז טִיטוּס׳ס לִיעבֶּע צוּ אִיהר פָארְט גֶעוֶועהן דֶעמָעלְט דָאס שְׁטִיקֶעלֶע מַזָל וָואס יוּדֶען מוּזֶען אָפְּט הָאבֶּען צוּ זֵייעֶר שְׁלִים־מַזָל: אַז דִי אַנְוָואהְנֶער פוּן אַנְטִיָאכְיֶען אוּנ אַלֶכְּסַנְדְרִיֶען זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען טִיטוּסֶן מְקַבֵּל פָּנִים זַיין אוּנ הָאבֶּען גֶעוָואלְט בַּיי אִיהם פוֹעֶלְן, עֶר זָאל הֵייסֶען פוּן דָארְט אַרוֹיסְטְרַייבֶּען דִי יוּדֶען, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען שׁוֹין נִיט מֶעהר זֵייעֶר אֵייגֶען לַאנְד אוּנ מֶען הָאט זֵיי נִיט ווָאוּהִין צוּ טְרַייבֶּען, אוּנ דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אֲפִילוּ נִיט גֶעוָואלְט בֶּעשְׁטֶעהן מֶען זָאל בַּיי זֵיי צוּגֶעהְמֶען חָאטְשֶׁי עֶפִּיס פוּן זֵייעֶרֶע רֶעכְטֶע, ווִי דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט.

מִיט גְרוֹיס פְּאַרַאד הָאט מֶען טִיטוּסֶן בֶּעגֶעגֶענְט אִין רוֹם אוּנ כְּדֵי זַיין שִׂמְחָה צוּ פֶערְגְרֶעסֶערְן הָאט מֶען אִיהם אָנְגֶעגְרֵייט שֶׁאהְנֶע עֶטְלִיכֶע קָרְבָּנוֹת: דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן זִיבֶּען הוּנְדֶערְט יוּדִישֶׁע גִבּוֹרִים אוּנ זֵייעֶרֶע צְווֵיי שְׁטַארְקֶע פִיהְרֶער, יוֹחָנָן פוּן גִיזְחַלָּת אוּנ שִׁמְעוֹן בַּר גִיוֹרָא. יוֹחָנָן הָאט אִין דֶער צַייט פוּן דֶער בֶּעלֶאגֶערוּנְג אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעלִיטְהֶען פוּן הוּנְגֶער, אַז עֶר

האט זיך געמוזט מיט זיינע ברידער אונטערגעבען די רוימער. שמעון האט זיך א ביסעל מעהר געהאלטען און האט נאך גערעכענט אז עס וועט איהם געראטהען זיך ארויס צו ראפען פון אונטער דער ערד און אנפאלען אויפ'ן שונא. נור אז ער האט געזעהן אז די לעבענסמיטעל לאזען זיך אויס און אז אלע זיינע האפנונגען זענען פאלש, האט ער זיך ענטשלאסען אהן מורא אקעגענגעהן דעם טויט אנגעטהון אין א ווייסען קיטעל מיט א פורפור מאנטעל פון אויבען. איז ער ארויס געקראכען פון זיין בעהאלטעניש און האט גלייך געמעלדעט דער רוימישער וואך ווער ער איז. דערפאר איז אויף איהם געפאלען דער גורל מען זאל איהם, ביי טיטוס'ס אריינפאהרען, שלעפען אויף א שטריק איבער אלע גאסען פון רום און דערנאך אראבווארפען פון א שטיין, און ער האט פארן טויט געמוזט מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן ווי מען האט געטראגען אלע טהייערע כלים פונ'ם בית המקדש ביים פאראד פאר א צייכען פונ'ם גרויסען נצחון, ווי די שונאים האבען געלאכט און חוזק געמאכט פון דעם וואס איז ביי איהם געוועהן דאס הייליגסטע. ניט בעסער איז אויך געוועהן יוחנן וואס האט געמוזט זיינע לעצטע עטליכע יאהר פארברענגען אין תפיסה. יאזעפוס פלאוויוס, וואס האט ניט קיין קליינע נגיעה געהאט אין דעם פאלען פון דער יודישער מלוכה, האט געמוזט צו־קוקען פון ווייטענס ווי אזוי מען רעכענט זיך אב מיט זיינע ברידער און עס איז איהם נאך ערגער געוועהן וואס זיינע רוימישע פריינד האבען אין איהם נאר פארגעסען, פונ'ם נאנצען כבוד, וואס מען האט אבגעגעבען די העלדען, איז איהם גאר ניט אנגעקומען און נור דעם איינציגען אלכסנדר טיבעריוס, וואס ער איז טאקי געוועהן דער עיקר אין דער מלחמה, האט מען געשטעלט א זייל פאר א זכרון.

די פרייד פון די רוימער איז געוועהן גאר אהן א סוף: זיי האבען געלאזט מאכען א בעזונדער מטבע אויף וועלכער פון איין זייט איז געוועהן אויסגעמאהלט א וויינענדיגע פרוי מיט געבונדענע האנד, און אויף דער אנדערער זייט זענען געשטאנען אויף לאטייניש און גריכיש די ווערטער: "די געפאנגענע יודעא". אויסער דעם האבען די רוימער געמאכט א טהייער'ן טויער, דורך וועלכען טיטוס איז אריינגעפאהרען קיין רום, און האבען איהם איבערגעלאזט פאר א זכר אויף דור דורות. נאך אין היינטיגע צייטען ווייזט מען דארט עטליכע כלים פונ'ם משכן, וואס זענען נאך איבערגעבליבען. די יודען פון רום פלעגען א צייט לאנג ניט וועלען דורכגעהן אפילו נאהענט

פון דעם טויער אונ פלעגען בעסער אָנלעגען ווענ. אבי זיך ניט דערפאַנגען אין דעם וואס האט צושטערט זייער לאַנד. זייער היילינטהום.

פון דעסטוועגען איז נאך דאס גאַנצע לאַנד יְהוּדָה ניט געווען אונטערוואָרפען: דריי פעסטונגען, הֶערָאדִיוּם, מַאכֶערוּס, אונ מְסַדָה. האָבען זיך נאך געהאַלטען, אונ דער נייער מוֹשֵׁל בַּאסוּס האט בעקומען אַ בעפעהל ער זאָל אַלע מיטעל טהון, אונ די דאָזיגע פעסטונגען איינעהמען. מיט די אַנוואָהנער פון הערָאדִיוּם האט ער ניט געהאַט פיעל צו טהון, ווייל זיי האָבען זיך באַלד אונטערגעגעבען; שווערער איז איהם אָנגעקומען ביי דער בעלאַגערונג פון מַאכֶערוּס, וואס מען האט ניט געקאָנט אַהין צוטרעטען אונ וואו עס האָבען זיך געפונען גענוג לעבענסמיטעל אונ וואַסער־קוואַלען אַזוי אַז די אַנוואָהנער וואס זייער ראֹש איז געוועהן אַ יונגער גִבּוֹר אֱלִיעֶזֶר, האָבען ניט נור קיין מוֹרָא ניט געהאַט פאַר'ן שׂוֹנֵא, נור זיי פלעגען נאך אָפט אָנפאַלען אויף דעם רָאמִישען חַיִל. איין מאָל האט זיך אָבער געמאַכט אַז אֱלִיעֶזֶר איז צו ווייט פערקראָכען אונ פּלוּצוּם האָבען איהם די רָאמער דערטאַפּט; אַז די אַנוואָהנער פון מַאכֶערוּס האָבען פון ווייטענס דערזעהן ווי בַּאסוּס וויל הענגען אֱלִיעֶזֶר'ן האָבען זיי באַלד געשיקט זאָגען אַז זיי געבען זיך אונטער אַבי מען זאָל זייער ראֹש שענקען דאס לעבען. בַּאסוּס האט געהאַלטען וואָרט נור פון די אַנוואָהנער פון אַנדערע אָרטער האט ער אויסגעהרג'ט זיבעצען הונדערט מאַנער, אונ ווייבער אונ קינדער האט ער פערקויפט פאַר שקלאַווען. דערמעלט זענען אויך אומגעקומען דריי טויזענד יודען, וואס יְהוּדָה בֶּן יָאִיר איז געוועהן זייער פיהרער, אונ וואס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אַ וואַלד, ניט ווייט פון דעם יַרְדֵן. דערנאָך האט זיך בַּאסוּס גענומען צו דער פעסטונג מְסַדָה נור ער איז פּלוּצוּם געשטאָרבען, אונ דער נייער מוֹשֵׁל סִילְוַוא האט געמוזט איבער־נעהמען די שווערע אַרבייט. צו מְסַדָה, וואס האט זיך געפונען אויף אַ שפּיציגען שטיין איז געוועהן נאך שווערער צוצוקומען. אונ דערפאַר איז אויך געראָטהען דעם פיהרער פון די טויזענד אַנוואָהנער פון דאָרט, אֱלִיעֶזֶר בֶּן יָאִיר אַ לאַנגערע צייט זיך צו האַלטען נעגען די רָאמער; נור אַז דער שׂוֹנֵא האט זיך שטאַרק צופיהרט די הענד אונ דורך דעם פייער, וואס ער האט אַהין אַריינגעוואָרפען, האָבען זיך דאָרט אָנגעהויבען גרויסע שׂרֵיפוֹת, האט אֱלִיעֶזֶר פאַרגעלעגט מען זאָל זיך לעבעדיגערהייט ניט איבערגעבען, אונ עס איז ביי אַלע געבליבען דער הֶסְכֵּם – זיך אַליין דאס

לעבען געהמען. אזוי איז טאקי געשעהן: פריהר האבען די מאנער געשטאכען
ווייבער און קינדער, דערנאך האט איינער דעם אנדערן געקוילעט, און אז
די ראמער זענען דעם ערשטען טאג פסח אריין, קיין מסבה האבען זיי דארט
געפונען נור צוויי ווייבער און פינף יונגלעך.

דאס עקשנות האט נאך מעהר צורייצט וועספאסיאן, און האט זיין
צארן געגען די יודען נאך פיעל פערגרעסערט. די שול אין צעזארעא, וואס
צו ליעב איהר האט זיך אנגעהויבען די גאנצע מלחמה, האט ער געהייסען
צושטערן און א חוץ דעם האט ער געמאכט אז די יודען זאלען צאהלען
נאר א בעזונדערן מס. און דאס געלד וואס פלעג געהן אויפ'ן בית המקדש
זאל איינפליסען אין טעמפעל פון יופיטער. אגריפאן האט ער פאר זיין
געטריישאפט געשענקט נאך ערד, און פארגרעסערט זיין הערשאפט אין
גאלילעא; אלכסנדר טיבעריוס האט אויך דערגרייכט פאר זיין בריה'שאפט די
גרעסטע מדרגה. און אפילו יאזעפוס פלאוויוס האט בעקומען פונ'ם קאיזער
פיעל מתנות, און איז געווארען אין הויף איינער פון די גרעסטע חשובים.
און די יודען וואס האבען געקאנט זיין פאלשקייט, האבען עס איהם
פארגינען פונ'ם גאנצען הארצען.

די לעצטע פעסטונגען זענען אויך געפאלען, אבער די שנאה פון די
יודען צו די ראמער איז דערמיט נאך ניט אויסגעלאשען געווארען. די
ראזינע, וואס עס האט זיי געגליקט זיך ארויס צו ראפען פון ירושלים,
אדער שפעטער פון מסבה דורך אונטערערדישע גאנג, און זענען אריבער
צו זייערע ברידער אין די געגענדען פון פרת, אראביען, מצרים און קירענע,
האבען אהין מיט געבראכט א שרעקליכען האס געגען די שונאים און נאך
א גרעסערן חשק צו נקמה. אין אלכסנדריען איז זיי טאקי געראטהען איבער
צורעדען די דארטיגע יודען, און ווייל אלע האבען נאך געדענקט די צרה
וואס אלכסנדר טיבעריוס האט אנגעארבייט צוריק מיט עטליכע יאהר, זענען
זיי שוין געוועהן פערטיג ארויס צושפרינגען געגען די ראמער; די רייכע
יודען האט דאס אבער ניט געשמעקט און האבען דאריבער אליין מגלה
געוועהן דעם סוד דער מלוכה. דער מושל לופוס האט באלד אומגעבראכט
זעקס הונדערט יודען, וואס זענען אריינגעפאלען אין זיינע האנד, די איבריגע
זענען זיך צולאפען איבער גאנץ מצרים ביז טהעבען, נור ביסלעכווייס האט
מען זיי געהאפט, און חאטשי מען האט זיי אנגעטהון עינוים קשים האבען
זיי אפילו לפנים ניט געוואלט אבטרעטען פון זייערע מחשבות, און האבען

בֶּעסֶער אָנגֶענוּמֶען דָעם טויט. וֶועספַּאסִיַאן הָאט דֶערווייל מוֹרָא בֶּעקוּמֶען דִי מְרִידָה זָאל זִיךְ נִיט פֶערנְרֶעסֶער'ן אִין מִצְרַיִם, הָאט עֶר נֶעהֵייסֶען לַחֲלוּטִין צוּמַאכֶען דָעם אָנִיַאס-טֶעמְפֶּעל, כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען מֶעהר נִיט הָאבֶען קֵיין מִיטֶעלפּוּנְקְט; אוּנ דַאבֵּיי הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט גֶעמַאכְט קֵיין שְׁלֶעכְט גֶעשֶׁאפְט, וַוייל אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן דָארְט זֶענֶען, פּוּנְקְט וִוי פוּנ'ם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיבֶּער-נֶעגַאנְגֶען אִין זַיין שַׁאץ-קַאמֶער.

נִיט קֵיין בֶּעסֶער'ן סוֹף הָאבֶּען גֶעהַאט דִי יוּדֶען וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען קֵיין קִירֶענָע אוּנ הָאבֶּען דָארְט אוֹיפְגֶערֵייצְט זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער גֶעגֶען דִי רָאמֶער. צוּם אָנְהֵייבּ הָאבֶּען זֵיי גֶעפוּנֶען פִיעל אוּנְצוּפְרִידֶענֶע, וָואס זֶענֶען בַּאלְד צוּ זֵיי צוּגֶעשְׁטַאנֶען; בֶּעזוּנְדֶערְס אַז עֶס אִיז פְּלִיצוּם אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ בַּעַל מְלָאכָה יוֹנָתָן אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ גַאנְצֶער בַּעַל מוֹפֵת, עֶר הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אִין אַ מִדְבָּר אַ גְרוֹיסֶען עוֹלָם וָואס הָאבֶען פוּן אִיהם גֶעזֶעהֶן נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, אוּנ אַז עֶר הָאט זֵיי צוּגֶערֶעדְט צוּ מְרִידָה זֶענֶען זֵיי גְרֵייט גֶעוֶועהֶן אִיהם נָאכְצוּפָאלְגֶען. בַּאלְד זֶענֶען אָבֶער דֶערפוּן דָארְט אוֹיךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען דִי רַייכֶע יוּדֶען, אוּנ הָאבֶּען אַלֵיין גֶעגֶעבֶּען אַ מְסִירָה דָעם מוֹשֵׁל קַאטוּלוּס, וָואס הָאט דֶעמֶעלְט נָאר אָהן רַחֲמָנוּת זֶעהר פִּיעל יוּדֶען אוּמְגֶעבְּרַאכְט. שְׁפֶּעטֶער פוּן אַלֶע אִיז יוֹנָתָן אַלֵיין אַרֵיינְגֶעפַאלֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן דִי רָאמֶער, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועהן אִין דִי רַייכֶע מוֹסְרִים דֶערמִיט וָואס עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַרֵיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶער בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג. אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט קֵיין רוֹם, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְּרִיוְוט אַרוֹיפְלֶעגֶען דִי שׁוּלְד אוֹיף יָאזֶעפוּס פְלַאוִויוּס אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע מְיוּחָסִים, נוּר וֶועסְפַּאסִיַאן הָאט פֶערשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אַ בִּלְבּוּל. יוֹנָתָן הָאט מֶען פֶערבְּרֶענְט, אוּנ ווייטֶער הָאט עֶס קֵיינֶעם נִיט גֶעשַׁאדְט. אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרִיו פוּן דִי יוּדֶען, וָואס הָאבֶען נִיט גֶעקֶאנְט בַּאלְד אָנְבּוֹיגֶען דָעם קָאפּ, אוּנ אוֹיסְרַייסֶען אִין גַאנְצֶען פוּנ'ם הַאַרְץ דָעם זֵכֶר פוּן זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיגְקֵייט. בֶּעסֶער הָאבֶּען גֶעמַאכְט דִי יוּדֶען, וָואס זֶענֶען אַוֶועק קֵיין מְדִינַת, אִין דֶער צָפוֹן זַייט פוּן אַרַאבְּיָען, אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעשְׁפִּיעלְט נִיט קֵיין קְלֵיינֶע רָאלֶע בִּיז צוּם זִיבֶּעטֶען יָאהרְהוּנְדֶערְט.

דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה הָאט גֶעמוּזְט בֶּעוֶועגֶען פִּיעל שְׁרִיפְטְשְׁטֶעלֶער זֵיי זָאלֶען דֶערפוּן מַאכֶען גַאנְצֶע בִּיכֶער, אוּנ אַזוֹי וִוי דִי גְרִיכֶען זֶענֶען נִיט גֶעוֶועהן קֵיין גְרוֹיסֶע גוּטֶע פְרֵיינְד דִי יוּדֶען אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבֶען נָאךְ גֶעגְלַאנְצְט, הָאבֶען זֵיי מִן הַסְּתָם נִיט גֶעזְשַׁאלֶעוֶועט קֵיין שְׁוַוארְצֶע פַארְבֶּען פוּן

ניעדערגעוואָרפען , ווען זיי זענען שוין געפאלען , און האָבען זיי אָבגעשניטען מיט אַלערליי ליגענס און בזיונות. דאָס האָט שוין אָפּילו יאָזעפוס פלאַוויוס אויך ניט געקאָנט איבערטראָגען, בעזאָנדערס. אַז מען האָט בעשולדיגט די יודען אַז זיי זענען שוואַך און פויל, און ווילען זיך נאָר ניט ווערען געגען איין פיינד ; דאָס יודישע האַרץ האָט זיך פאָרט דערוואַרעמט און ניט צוגעלאָזט מען זאָל אָפּענטליך זאָגען שקרים איבער אַ גאַנץ פאָלק , וואָס האָט געגוג געוויזען גרויסקייט און בריה־שאַפט , און וואָס דער שונא האָט גאַנצע טייכען בלוט פערגאָסען ביז ער איז עס ביינעקומען. יאָזעפוס האָט אָנגעשריבען אַ גרויסע געשיכטע אין זיבען טהייל פון דער מלחמה , און אַז ער האָט ניט מיינען געוועהן , וועט מען אַרויס דערפון, וואָס טיטוס'ן איז אַלדינג געפאַלען , און ער האָט איהם ערלויבט דאָס בוך צו פעראָפענטליכען . באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז אין פיעל זאַכען איז יאָזעפוס אויך געשטאַנען ווייט פונ'ם אמת. בעזאָנדערס . אַז מען האָט אָנגעהויבען האָרען פון איין אַנדער געשיכטע וואָס האָט אָנגעשריבען נאָך צוריק מיט עטליכע יאָהר , זיינער אַ געגנער, יוסטוס פון טיבעריוס, וועלכער האָט געבראַכט ניט ווענינ בעווייזע, אַז יאָזעפוס איז פאַלש געוועהן געגען די ראָמער, א.ג. אַז ער אַליין איז שולדיג אין דער מרידה , וואָס האָט אויסגעבראָכען אין גאַליליאַ. דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז יוסטוס אַליין איז אויך ניט געוועהן קיין גרויסער צדיק : דאָס קאָן מען אַרויסזעהן דערפון וואָס , ערשטענס, פלעגט ער אָפט ביישען זיינע מיינונגען , אָט איז ער געוועהן דער גאַנצער פיהרער פון די יודען אין גאַליליאַ געגען די גריכען און אָט איז ער פּלוצלונג שוין געוואָרען אַ שטאַרקער חשוב ביי אַגריפאַ'ן ; אָט האָט ער זיך ווייטער צוזהרגעט מיט'ן קאָניג און איז געלעגען אין תפיסה , און אָט האָט איהם שוין נאָך אַ מאָהל די פרינצעסין ברעניצע אויסגעבעטען און ער האָט שוין ווידער אָנגעשפּאַרט אין די הויכע פענסטער , און, צווייטענס, האָבען מיר ניט קיין קליינעם בעווייז, אַז יוסטוס האָט ניט אין גאַנצען געמיינט דעם אמת, און האָט נאָר געוואָלט דערמיט טרעפען אַ פערזאָהנליכען שונא אין דעם וואָס ער האָט זיינע בעשולדיגונגען געגען יאָזעפוס'ן פעראָפענטליכט ערשט נאָך צוואַנציג יאָהר , ווען נאָך טיטוס'ס טויט איז יאָזעפוס געוואָרען אַ גרויסער חשוב ביים נייעם קאָיזער דאָמיטיאַן.

אַזוי איז דאָס יודישע פאָלק כמעט אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען , אויף די חורבות פון ירושלים זענען נאָך געבליבען עטליכע געצעהלטע

יודען, אין אַנדערע פֿערוויסטעטע ערטער פֿון יְהוּדָה האָבען זיך נאָך אויך פֿערהאַלטען אַ פּאָר צעהנדלינג פֿון זיי, דאָס זענען אָבער געוועהן קליינע טראָפּען פֿון אַ אויסגעטריקנעטען יַם, צושניטענע אונ צוואָרפענע אֵבָרִים, אָהן אַ גוף אונ אָהן אַ נְשָׁמָה. דער גייסט פֿונ׳ם פֿאָלק איז פֿערשווּנדען געוואָרען, דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז צובראָכען געוואָרען, אונ די צוזאָמטע אונ צושפּרייטע יודען האָבען שוין ניט געהאַט קיין מיטעלפּונקט, וואוהין זיי זאָלען ווענדען זייערע אויגען, אונ אֲפִילוּ די גרויסע יודישע קְהִלּוֹת אין סיריען אונ קליין-אַזיען האָבען זיך געפֿיהלט דערשלאָגען, אָהן האָפֿנונגען אויף ווייטער, אָהן אַ שטיצע פֿון דערהיים.... בייא אַזאַ לאַגע, האָבען ניט אומזיסט פֿיעל מִיָאֵשׁ געוועהן זייער לעבען. ווי אַזוי זשע האָבען זיך פֿאָרט די יודען דערהאַלטען? די שְׁאֵלָה איז זעהר שווער צו פֿאַראַנטפֿערן, אונ מען מוז נאָר אָנווייזען אויף דעם פֿערבאָרגענעם געטליכען כֹּחַ וואָס בעשיצט עַד הַיּוֹם דאָס אומגליקליך פֿאָלק, וואָס האַלט אויף די פֿיס דעם אייביגען נע וָנָד׳ניק, אונ וואָס לאָזט ניט טרעפֿען דאָס לעבעדיגע ראַטהעניש. עס זאָל ווער ווייסט נאָך אויף וויפֿיעל טויזענדער יאָהרען, בלייבען דער טרויעריגסטער סוֹד אויף דער וועלט.

איבריגענס, אַז מען קוקט זיך אַ ביסעל נאָהנטער צו צו יענער צייט זעהט מען, אַז נאָכ׳ן חוּרְבָּן פֿונ׳ם בַּיִת שֵׁנִי איז די לאַגע פֿון די יודען געוועהן פֿאָרט עפּעס בעסער ווי נאָכ׳ן ערשטען חוּרְבָּן; נְבוּכַדְנֶצַּר האָט ניט איבערגעלאָזט קיין שָׂרִיד וּפָלִיט אין יְהוּדָה אונ טיטוס׳ס רִשְׁעוּת האָט ניט געקלעקט אויף אויסצורייסען אַלדינג מיט׳ן וואורצעל, אונ פֿונ׳ם אֵשׁ וואָס איז געוואָרען פֿונ׳ם יודישען הייליגטהום האָבען אַרויסגעטליעט צוויי שוואַכע פֿונקען — אַ קעניג אָהן אַ מְלוּכָה אונ סַנְהֶדְרִין אָהן מאַכט.... די צוויי פֿונקען האָבען אַ לאַנגע צייט אונטערגעהאַלטען אַ קליין שטיל פֿייערעל בייא יעדען יודען אין האַרצען, אונ דער דאָרן, אין די אויגען פֿון אַלע פֿעלקער, האָט אָנגעהויבען ברענען אויף דעם אויפֿן. ער זאָל טאַקע עבּיג ניט פֿערלאָשען ווערען.

יוּלְיוּס אַגְרִיפַּא דער צווייטער האָט זיך נאָך אַליין גערעכענט פֿאַר אַ יודישען מֶלֶךְ, כאָטשי ער האָט מעהר ניט געהאַט צו שאַפֿען ווי גאָר איבער גאַליליאַ. פֿאַר זיין געטרייישאַפֿט האָט איהם וועספּאַסיאַן זעהר ליעב געהאַט; גאָר נאָך אַ גרעסערע חֲשׁוּבָה איז געוועהן זיין שאַגע שוועסטער בֶּרֶנִיצֶת, וואָס האָט גערעכענט גאָר ניך צו ווערען קאַיזערין פֿון רוֹם.

טִיטוּס'ס לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִיהר אִיז טַאקֶע גֶעוֶועהן זֶעהר גְרוֹיס . דָאס פָאלְק הָאט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, אוּנ כְּדֵי אִיהם צוּ חַנְפֶהנֶן הָאט מֶען אִיהר גֶעשְׁטֶעלְט אַ בִּילְד־זַייל מִיט דֶער אוֹיפְשְׁרִיפְט : "דִי גְרוֹיסֶע קָאנִיגִין אוּנ טָאכְטֶער פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען קֶאנִיג יוּלְיוּס אַגְרִיפַּא". אַז עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען צוּ אַ עֶרְנְסְטֶען שְׁמִיעֶס וֶועגֶען אַ חֲתוּנָה, הָאט פְרִיהר דֶער אַלְטֶער וֶועסְפַּאסִיַאן גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען, אַז אִיהם שְׁטֶעהט נִיט אָן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט יוּדֶען , אוּנ דֶערְנָאךְ, אַז וֶועסְפַּאסִיַאן הָאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגֶען אוּנ בֶּרֶנִיצֶה הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערֶעכֶענְט נַאנְץ נָאהֶענְט צוּ אִיהר צִיעל, הָאט שׁוֹין טִיטוּס אַלֵיין אוֹיךְ פֶערְדְרֶעהט מִיט'ן קָאפּ . דָאס הָאט אוֹיף אַגְרִיפַּאן מִיט דֶער שְׁוֶועסְטֶער גֶעהַאט אַזַא ווִירְקוּנְג, אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ צוּרִיקְגֶעצוֹיגֶען קַיין גַאלִילֶעַא אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעחַאפְּט צוּם אַלְטֶען פֶערְוָוארְפֶענֶעם יוּדִישְׁקֵייט . פַאר אַ מוֹשֵׁל אִיבֶּער דֶעם לַאנְד הָאבֶּען זֵיי בֶּעשְׁטִימְט אַ פְרוּמֶען יוּדֶען. אוּנ דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ גַאלִילֶעַא, וָואס דִי מִלְחָמָה הָאט דָארְט וֶוענִיגֶער גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ נִיט אַזוֹי פִיעל צָרוֹת אָנְגֶעמַאכְט, אַ בִּיסֶעל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּנ אַלֶע יוּדֶען פוּן דִי פֶערְווִיסְטֶע שְׁטֶעדְט הָאבֶּען זִיךְ דָארְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעזֶעצֶען . אַזוֹי הָאבֶּען בַּאלְד צוּרִיק בֶּעקוּמֶען זֵייעֶר גְלַאנְץ דִי שְׁטֶעדְט לִידְדַא (לוּד) פוּן וַואנֶען מֶען פְלֶעגְט צוּ שִׁיקֶען סְחוֹרוֹת אִין אַלֶע גֶעגֶענְדֶען אַרוּם; עֶמְמוֹים, וָואס הָאט גֶעהַאט טְהֵייעֶרֶע וַואסֶער־קְוַואלֶען , אוּנ עֶס פְלֶעגֶען זִיךְ דָארְט שְׁטֶעלֶען גְרוֹיסֶע יַרִידִים , אוּנ יְרִיחוֹ , וָואס דָארְט פְלֶעגֶען אוֹיסְגֶעאַרְבֵּייט וֶוערֶען אַלֶע מִינֵי בְּשָׂמִים , אוּנ דִי רֶאמֶער אַלֵיין הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז יְרִיחוֹ זָאל וַואקְסֶען אוּנ בְּלִיהֶען , אוּנ זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען דוּרְךְ דֶעם אַ שֶׁעהנֶע הַכְנָסָה.

בִּיסְלֶעכְוַויים הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעוָואהנֶען מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, אַז אַגְרִיפַּא אִיז טַאקֶע פַארְט אַ יוּדִישֶׁער קֶאנִיג , אוּנ פִיעל הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְרֶעדֶען, אַז דִי פָאלִיטִישֶׁע קְרַאפְט פוּן דִי יוּדֶען אִיז נָאךְ נִיט אִין גַאנְצֶען פֶערְלָאהרֶען. מֶעהר הָאבֶּען זִיךְ אָבֶער גֶעפִיהלְט דִי וואנְדֶערֶען, וִוען מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמָאנְט אִין דֶער הֶעכֶערֶער קְרַאפְט וָואס הָאט גֶעפֶעהלְט : וֶוען מֶען הָאט אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען, אַז עֶס אִיז נִיטָא דָאס בֶּעסְטֶע אָנְשְׁפַּארֶעניש , דִי רֶעלִיגְיָאן ; אָהן אַ מִשְׁכָּן , אָהן אַ מִזְבֵּחַ , אָהן כֹּהֲנִים אָהן קָרְבָּנוֹת, אָהן פֶעסְט בֶּעשְׁטִימְטֶע יָמִים טוֹבִים, הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעפִיהלְט ווִי פֶערְבְּלָאנְזֶעטֶע שָׁאפֶעלֶעךְ וָואס זֵייעֶר פַּאסְטוּךְ הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען. אוּנ זֵיי ווייסֶען נִיט וואוּהִין זִיךְ צוּ וֶוענְדֶען . בַּאלְד הָאט זִיךְ אָבֶער אַרוֹיס־

געוויזען, אז דער איבערשטער גרייט אן די רפואה פאר דער מכה, און די יודען האבען בעקומען א נייעם שליח פון זיין ליעבען גאהטען — דאס איז געוועהן רבן יוחנן בן זכאי, איינער פון הלל'ס תלמידים, וואס האט זיין גאנץ לעבען ניט אבגעטרעטען פון זיין גרויסען רבינ'ס דרך, און האט זיך פעסט געהאלטען אן שלום. אז עס האט זיך אנגעהויבען די בעלאגערונג פון ירושלים, און רבן יוחנן האט פערשטאנען אז די מלחמה וועט זיך ניט גוט אויסלאזען פאר די יודען, האט ער אנגעהויבען טראכטען אז מען מוז פריהער זעהן מאכען אין דער פרעמד איין ארט אויף צו לערנען תורה, און פון דארט זאלען די היילינע געזעצע בעפעסטיגט ווערען ווייט פון דער היים. ער האט זעהר געוואלט ארויס פון ירושלים, נור דער צד פון מלחמה האט פערשלאסען טהיר און טויער און האט קיינעם ניט ארויסגעלאזט. רבן יוחנן האט געמוזט בענוטצען א איבער־המצאה: זיינע נוטע פריינד האבען ארויסגעלאזט א קול אז ער איז געשטארבען, און צוויי פון זיינע תלמידים יהושע און אליעזר, האבען בעקומען איין ערלויבניש ארויס צוטראגען דעם טויטען און איהם בעגראבען אונטער דער שטאדט. קוים איז דער ארון געוועהן פון יענער זייט, איז רבן יוחנן באלד ארויסגעשפרינגען, און האט זיך געלאזט פיהרען צו טיטוס'ן, וועלכער האט געהערט פון איהם, אז ער איז איינער פון די וואס האבען ליעב שלום. ער האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען, און האט איהם ערלויבט זיך צו בעזעצען מיט זיינע תלמידים אין יבנא, א בעלעבטע האנדעלסשטאדט נעבען מיטעללאנדישען ים, און דארט גרינדען א ישיבה. טיטוס האט ניט געקאנט פאראויסזעהן, אז פון דער קליינער ישיבה וועט ארויסגעהן א ליכט וואס וועט בעשיינען דעם פינסטערן גלות, אריינבלאזען א לעבענסגייסט אין כמעט אבגעשטארבענע מענשען און אויפהאלטען דאס יודענטהום אויף טויזענדער יאהרען.

מיט א געבראכען הארץ האט רבן יוחנן געקוקט אויף אלדינג וואס געהט פאר אין ירושלים, און האט געביך פון טאג אויף טאג געווארט אויף דער וויסטער בשורה פונ'ם שונא'ס נצחון, און האטשי ער איז געוועהן זיכער אז פונ'ם יודישען עקשנות קאן זיך אנדערש ניט אויסלאזען, און די יודען מוזען פאלען, פון דעסטוועגען האט איהם ווי א דונער דערשלאגען די שרעקליכע ידיעה פונ'ם חורבן. ער האט צוריסען אויף זיך די קליידער און האט בעוויינט די היים ווי א טויטען. קוים האט ער אבער געקאנט פערוי־ היגען די צושטערטע געדאנקען, האט ער זיך באלד געכאפט צו דער

שׁװערער אַרבּייט: ער האָט געזעהן אַז אַצינד איז די בּעסטע צייט אויס צו פיהרען זיין גרויס שׁליחות אונ אויסבויען אויפן אָרט פון די פערבּרענטע מויערן גייסטיגע װאַנד, ניט פון קיין שׁטיינער אונ ציגעל, ניט פון קיין מאַטעריאַל װאָס זאָל מורא האָבּען פאַר פייער אונ װאַסער אונ אַנדערע כּוחות, נור פון דער פערבּאָרגענער קראַפט װאָס לעבּט עבּיג. אונ קיין שׂונא אין דער װעלט קאָן זי ניט בּייקומען. ער האָט זיך ענטשלאָסען אויפצוקלערען זיינע אומגליקליכע בּרידער זיי זאָלען בּיי זיך ניט זיין אַזוי געפאַלען, זיי זאָלען ניט מיינען, אַז אָהן אַ בּית המקדשׁ קאָן שׁוין דער בּנין פון אמונה ניט שׁטעהן אויף אַ רעכטען יסוד, אַז אָהן קרבּנות קאָנען זייערע תּפלות ניט דערגרייכען די שׁערי השׁמים; ער האָט זיי פאַרשׁטעהן געגעבּען אונ געבּראַכט ראַיות פון די הייליגע נביאים, אַז צדקה איז גרעסער פון אַ קרבּן, אונ אַז אַ געבּראָכען האַרץ, װאָס גיסט אַרויס פון זיך אַ פּראָסט געבּעט, אָהן קונצען, איז אַ סך נאָהנטער צום רבּונו של עולם װי דער שׁאָנסטער נאָטעס-דיענסט מיט שׁפּיעל אונ געזאַנג. רבּן יוחנן האָט גוט פערשׁטאַנען. אַז די יודען מוזען נור האָבּען, עפּיס אַ מנהיג, אַ װעגװייזער, װאָס זיי זאָלען זיך קאָנען אויף איהם פערלאָזען אונ יעדער איינציגער זאָל זיך ניט בּעדאַרפען שׁאַפען פאַר זיך אַ בּעזונדער װעלטיל. אונ דעריבּער האָט ער אין יבנא געגרינדעט אַ סנהדרין װאָס זאָל אונטער זיין השׁגחה פיהרען דאָס יודישע רעליגיאָזע לעבּען: פּסקנען שׁאלות, אויסגלייכען פערשׁידענע צדדים אונ צושׁיקען צו אַלע יודישע קהלות שׁליחים װעגען קדושׁ החדשׁ, אונ ימים טובים. ניט װעניג מיה, פאַרשׁטעהט זיך האָט עס געקאָסט רבּן יוחנן: עס איז אָבּער ניט געװעהן אומזיסט, אונ מיט דער צייט איז יבנא געװאָרען אַ נייער מיטעלפונקט, װאָס האָט צו זיך געצויגען די האַרצער פון אַלע, װעלכע האָבּען נור געקאָנט פאַרשׁטעהן דעם גרויסען װערט פון זיין אַרבּייט.

װי אַ געטרייער תּלמיד פון הלל, האָט רבּן יוחנן געזוכט אַלע מיטעל צו בּעפעסטיגען דעם שׁלום צװישען די יודען אונ האָט אַכטונג געגעבּען זיי זאָלען גוט לעבּען מיט אַנדערע פעלקער. ער פלעגט אַליין אַרויסװייזען זעהר פיעל פריינדשאַפט צו די גאָטצענדיענער אונ האָט געפאָדערט פון זיינע בּרידער זיי זאָלען אויך שׁאַצען די גוטע אונ נוטצליכע מענשׁען, װאָס געפינען זיך אין יעדער אומה. בּעזונדערס האָט ער זיך געפלייסט צו לערנען די יודען סבלנות, אונ אַז פיעל פון זיי פלעגען זיך בּעקלאָגען אויף דעם יודישען פּס׳ װאָס מען מוז צאָהלען דער ראָמישער מלוכה, האָט ער זיי אָנגעװיזען

אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין פֶערְזִינדִיגְט, אַז אִין דִי פְרִיהֶרִיגֶע גְלִיקְלִיכֶע יָאהְרֶען הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעוָואלְט גֶעבֶּען אַ סַךְ וֶוענִיגֶער אוֹיפְ'ן בֵּית הַמִקְדָשׁ מוּזֶען זֵיי אִיצְט אָננֶעהמֶען פַאר לִיעבּ נָאטְ'ס שְׁטְרָאף. אוּנ בֶּעטְרַאכְטֶען דֶעם שׂוֹנֵא נוּר ווִי אַ שָׁלִיחַ פוּן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וָואס שִׁיקְט דוּרְךְ אִיהם זַיין עוֹנֶשׁ דֶעם שׁוּלְדִיגֶען קִינְד. אַוַדַאי אִיז רַבָּן יוֹחָנָן גֶעוֶועהן אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּטְץ פַאר זַיין פָאלְק; וֶועסְפַּאסִיַאן אוּנ טִיטוּס הָאבֶּען אוֹיף אִיהם גְרוֹיס כָּבוֹד גֶעלֶעגְט, אוּנ דֶערְפַאר, אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דִי מְרִידָה אִין מִצְרַיִם אוּנ קִירֶענֶע, הָאט עֶס דִי אִיבְּרִיגֶע יוּדֶען נִיט גֶעשַׁאדְט.

רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט מִיט דֶער הִילְף פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, פוּן וֶועלְכֶע עֶס זֶענֶען בֶּעקַאנְט נוּר יְהוֹשֻׁעַ אוּנ אֱלִיעֶזֶר, דִי אֵיינֶענֶע וָואס הָאבֶּען אִיהם אַרוֹיסְגֶעטְרָאגֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוּנ אֱלִיעָזָר בֶּן עֲרָךְ, אוֹיסְגֶעאַרְבֵּייט דָאס לֶערְנֶען פוּן מִשְׁנָה, דָאס הֵייסְט: פוּנ'ם צְוֵייטֶען גֶעזֶעץ, וָואס אִיז אוֹיסְעֶנְוֶוענִיג אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין דוֹר צוּם אַנְדֶערְן, אוּנ אִין זַיין צַייט הָאט זִיךְ דֶער לִמוּד אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְהֵיילֶען אוֹיף הֲלָכָה, דָאס הֵייסְט: דִינִים וָואס מֶען מוּז אָבְּהִיטֶען אִינ'ם פְּרַאקְטִישֶׁען לֶעבֶּען, אוּנ הַגָדָה, וָואס בֶּעשְׁטֶעהט גְלַאט פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע מֵיינוּנְגֶען אוּנ פֵּירוּשִׁים אוֹיף פִיעל אָרְטֶער פוּן דֶער תּוֹרָה.

אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רַבָּן יוֹחָנָנְ'ס לֶעצְטֶע שָׁעָה, הָאט עֶר נוּר גֶעבֶּעטֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלֶען נִיט אָבְּטְרֶעטֶען פוּנ'ם וֶועג, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזֶען אוּנ אַז זֵיי הָאבֶּען בֶּעמֶערְקְט אַז עֶר אִיז זֶעהר צוּבְּרָאכֶען, אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעפְרֶעגְט דִי סִבָּה דֶערְפוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִיט פַאר'ן מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נוּר עֶס אִיז אִיהם זֶעהר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ שְׁטֶעלֶען פַאר'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, וואו עֶס הֶערְשֶׁען נוּר אֱמֶת אוּנ יוֹשֶׁר, אוּנ הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען זַיין בְּרָכָה פַאר'ן טוֹיט, אַז יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל אוֹיף זֵיי הָאבֶּען הָאטְשִׁי נִיט קֵיין קְלֶענֶערֶע פְּעוּלָה ווִי דִי מוֹרָא פַאר מֶענְשֶׁען. נָאךְ זַיין טוֹיט הָאבֶּען דִי תַּלְמִידִים זִיךְ גֶענוּמֶען נָאךְ מִיט מֶעהר חֵשֶׁק צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי יְשִׁיבָה אִין יַבְנֶה; נוּר אֵיין אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲרָךְ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעטְהֵיילְט פוּן זֵיי אוּנ אִיז אַרִיבֶּער קֵיין עֶמְמוֹים, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר צָאהל אָבֶּער פֶערְגְרֶעסֶערְט גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען, רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ רַבִּי עֲקִיבָא, אוּנ דֶעמֶעלְט הָאט מֶען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען תַּנָאִים, אָדֶער לֶעהְרֶער פוּנ'ם פָאלְק.

דֶער אֱמֶתֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי יוּדֶען, נָאךְ רַבָּן יוֹחָנָן, הָאט גֶעקַאנְט

זיין נור רַבָּן גַמְלִיאֵל, דער זוהן פון שִׁמְעוֹן הַנָשִׂיא און איין איינעניקעל פון הִלֵל. רַבָּן גַמְלִיאֵל דער צווייטער איז געוועהן אַ גרויסער לַמְדָן, און חָאטְשׁי ער איז פון דער נאטור געוועהן זעהר קרענקליך, פלעגט ער זיך אָפּגעבען מיט פערשידענע חָכְמוֹת, און האט שוין אין יענע יאהרען געהאט פערנרעסערונגס-גלעזער און אַ קארטע פון דער לְבָנָה, וואס נאך איהר פלעגט ער מאכען די רעכנונגען וועגען קִדוּשׁ הַחֹדֶשׁ, און ניט שטעלען גלאט אויף עֵדוּת. איהם האט אויך די רוימישע מְלוּכָה בעשטימט פאר אַ נָשִׂיא, און ער האט בענוצט זיין כּחַ אויף איינצופירען אַחְדוּת צווישען זיינע ברידער, און בעזונדערס צווישען די לוֹמְדִים. וואס האבען זיך, נאך רַבָּן יוֹחָנָן'ס טויט, צוטהיילט אויף עטליכע פערשידענע כִּתּוֹת, יעדע מיט בעזונדערע דֵעוֹת, און מיט שפּינגעל נייע פְּשָׁטִים און חוּמְרוֹת. וועגען דִינִים, וואס האבען אַ שַׁיְכוּת צו הֲלָכָה, האט ער איין מאל פאר אַלע מאל געמאכט, אַז די פּראקטישע געזעטצע מוזען אַרויסגעגעבען ווערען נור פונ'ם סַנְהֶדְרִין אין יַבְנֶה; אַז עס איז אָבער געקומען צו אַגָדָה, וואו יעדע כִּתָּה האט געזוכט אַרויס צו-ווייזען איהר בְּקִיאוּת, און דרינגען אַז נור איהר מיינונג איז ריכטיג, איז שוין געהעהן שווער זיך צו האלטען אין איין דֵעָה, ווייל איטליכער האט געצוינגען צו זיינעם, און מיט דער הילף פון שארפזיניגע הַסְבָּרוֹת און פְּסוּקִים-קנייטשען האט ער געקאנט שרייען, אַז נור ער האט רעכט און יענעמס דרך איז פאלש. דעמאלט האט זיך אויך צוכרענט דאס פייער צווישען די בֵּית שַׁמַאי, וואס זענען געוועהן גרויסע עַקְשָׁנִים, און האבען ליעב געהאט צו בעלאסטיגען דאס לעבען פונ'ם פאלק מיט חוּמְרוֹת, און די בֵּית הִלֵל וואס האבען דַוְקָא געוואלט מֵקִיל זיין, און צו ליעב דעם האבען זיי ניט געקאנט אָבטרעטען פון זייער דֵעָה, חָאטְשׁי זיי האבען זיך פיינד געהאט צו שפּארען. רַבָּן גַמְלִיאֵל האט זיך דא אויך פיעל מִיה געגעבען צו מאכען אַ שָׁלוֹם צווישען ביידע צְדָדִים, און אַז ער האט געזעהן אַז ער קאן גאר ניט פועלן האט געמוזט אַרויס אַ בַּת-קוֹל, וואס מען מאג מיט רעכט דענקען, אַז דאס איז טאקי געוועהן דאס קוֹל פונ'ם גאנצען פאלק, און וואס האט אויסגעשריגען, אַז איינענטליך זענען ביידע דֵעוֹת ווארטער פונ'ם לעבעדיגען גאט, נור דארט וואו מען רעדט פון הֲלָכָה מוז זי בלייבען ווי די בֵּית הִלֵל זאגען. דאס איז אַפִילוּ שטארק ניט געפאלען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ'ן, וואס האט ניט געוואלט ליידען, אַז ביי אַ מַחֲלוֹקֶת אין לערנען זאל זיך גאר

פליצים אריינמישען א זייטיג אונבעקאנט קול; ער האט געדרונגען, אז די תורה איז געמאכט געווארען ניט פאר מלאכים, נור פאר מענשען, אונ אז דאריבער טאר מען זיך אין די זאכען ניט פערלאזען אויף נסים; עס האט איהם אבער ניט געהאלפען, אונ דער עולם האט אנגענומען די מיינונגען פון די בית הלל. ביי דער קריעג האט ניט ווענינ בזיונות געהאט איינער פון די בית שמאי, זכריה בן אמפיקלוס, וואס האט ניט געוואלט צו ליעב טהון זיינע געגנער אויף קיין האר, אונ האט בעזונדערס אונטערגעהארמט די אלטע שנאה צווישען יודען אונ נאטצעגדיענער, וואס צו ליעב דעם האבען די יודען געמוזט אויסשטעהן פיעל צרות. נור חאטשי די בית הלל האבען אנגעהויבען שפיעלען די הויפטראלע, פון דעסטוועגען האט קיינער פון זיי ניט געצווינגען די בית שמאי זיי זאלען דוקא זיך נוהג זיין ווי זיי; יעדער פאר זיך האט זיך געמאגט פיהרען ווי אזוי ער האט געוואלט אבי ער האט זיך נור ניט געמיהט צושלעפען אנדערע צו זיין איבערצייגונג. דארויף האט רבן גמליאל בענוצט זיין גאנצען כח, אונ האט שטרענג פערפאלגט די דאזיגע, וואס האבען זיך געפריווט געהן געגען זיין רצון. ביי די טויער'ן פון דער ישיבה אין יבנא האט ער געשטעלט שומרים, מען זאל אריינלאזען נור אזעלכע תלמידים וואס זענען געוועהן בעקאנט מיט זייער עהרליכקייט אונ פרומקייט, אונ אז דאס האט אויך ווענינ געהאלפען האט ער אנגעהויבען פשוט אריינלעגען אין חרם. אין יענע צייטען, איז דער חרם ניט געוועהן אפילו דאס וואס האט זיך פון איהם אויסגעארבייט אין די שפעטערע דורות: מען האט ניט אזוי גערודפט דעם מענשען וואס איהם האט געטראפען דער חרם, אונ מען האט זיך ניט אין גאנצען פון איהם אבגעטהיילט, ער האט נור געמוזט א גאנצען חדש טראגען שווארצע קליידער, אונ אויף תרטה האט ער שטאנדיג געהאט צייט ספידען ווען ער פלעגט אין מיטען דרינגען שטארבען, האט מען אויף זיין ארון געלעגט א שטיין. רבן גמליאל האט זיך אבער ניט געשאמט אריינלעגען אין חרם פיעל גרויסע לייט אונ האט דע־פאר בעקומען גענוג שונאים; ער האט פון דעסטוועגען ניט געקוקט דא־רויף, נור איין מאל האט ער אפענטליך געזאגט: „דיר גאט, איז בעקאנט, אז ניט פאר מיר, ניט פאר די אבות נור פאר דיין כבוד טהו איך אזוי כדי דאס פאלק ישראל זאל בלייבען גאנץ אונ קיין אינווענינסטע שנאה זאל עס ניט אויפעסען.

אזא שטרענגע הנהגה פון רבן גמליאל האט געמוזט פיהרען דערצו,

וואס אין אללע לאנדער, וואו יודען האבען זיך געפונען, האט מען אנגעהויבען בעטראכטען די סנהדרין פון יבנה, ווי אקראפט, וואס בעשיצט דאס גאנצע יודענטהום, פונקט ווי דאס בית המקדש אמאל, אונ אזוי ווי דער נשיא האט געשטאמט פון דוד המלך׳ס משפחה, האט מען זיך געטרייסט דערמיט, דאס עס ווערט טאקי מקוים דער פסוק: „לא יסור שבט מיהודה“. דערצו האט נאך פיעל פערהאלפען דאס, וואס די רוימישע מלוכה האט זיך ניט געוואלט שטארק אריינמישען אין אינעווענינסטען לעבען פון די יודען אונ זיי האבען געהאט דאס רעכט צו שטעללען אייגענע שופטים פון לומדים, וואס פלעגען דארויף בעקומען א סמיכה פונ׳ם ראש ישיבה.

רבן גמליאל האט אויך גערעגעלט דעם גאטטעס דיענסט אין די שולען, וואו קיינע בעשטימטע חזנים זענען ניט געוועהן אונ יעדער פונ׳ם עולם האט געקאנט זיין דער „שליח צבור“, אונ האט מסדר געוועזען פיעל תפלות, וואס זענען עד היום געבליבען. ער האט אבער דא אויך געהאט מתנגדים, בעזאנדערס פון די בית שמאי, וואס האבען ניט געקאנט ליידען דאס געבעט, וואס ער האט איינגעפיהרט פאר די גאטצענדיענער, וואס האבען אנגענומען די יודישע אמונה. איינער פון זיי, רבי אליעזר בן הורקנוס, האט דעמאלט געזאגט: „אז ווער עס דאווענט נאך פעסטגעזעטצטע תפלות, געהט זיין געבעט ניט ארויס פונ׳ם הארצען אונ קאן קיין שום פעולה ניט האבען“.

ביסלעכווייס האט זיך דאס רעליגיאזע לעבען פון די יודען אויך איינגעארדענט, אונ מען האט געזעהן, ווי ווייט מעגליך, אז אללע פריהריגע געזעצע, אויסער די דינים פון קרבנות וואס מע האט פערביטען אויף תשובה, תפלה אונ צדקה, זאללען בלייבען אין זייער קראפט. די כהנים האט מען געגעבען מעשר, די ארימע לייט האט מען אין זין געהאט מיט לקט, שכחה אונ פאה; שמיטה האט מען אפגעהיט, די פעלדער האט מען בעארבייטעט פונקט אזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה, אונ מען האט אויסער דעם נאך געזארגט אז די ערד אין ארץ ישראל זאל ניט אריינפאלען אין פרעמדע האנד. מע האט פעסט געשטעלט אסך מנהגים צום זכר פונ׳ם חורבן; אויסער די פיער תעניתים, וואס די יודען אין בבל האבען איינגעפיהרט נאך׳ן ערשטען חורבן, האבען די פרומע אנגעהויבען פאסטען מאנטאג אונ דאנערשטאג אונ יעדער יוד האט זיך שטארק געהאלטען אן די ווארטער פון די תנאים, וואס האבען געזאגט: „ווער עס טרויערט אויף ירושלים, וועט זוכה זיין צו זעהן ווי זי וועט צוריק בעקומען איהר גלאנץ“.

באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען די אלטע קראנקהייט וואס האט ניט

איין מאל פערניפטעט דאס יודישע לעבען. פון די פרומע אונ מעהר בעמיטעלטע יודען, וואס האבען געהאט צייט זיך אבצוגעבען מיט דער קליינסטער מצוה אונ האבען אבגעהיט דעם מינדעסטען דין, האט זיך אויסגעארבייט א בעזונדער קלאססע „מיוחסים", וואס האבען אנגעהויבען נאר זיך צו רעכענען פאר'ן עיקר אונ שרייען אז נאר צו ליעב זיי האלט זיך דאס יודישקייט. פונ'ם פראסטען פאלק האבען זיי זיך אין גאנצען אבגעזונדערט אונ האבען זיי אנגעהויבען רופען מיט'ן נאהמען: „עם-הארץ", וואס האט פון דעמאלט אן בעקומען א שאנדליכע בעדייטונג. עס קאן זיין אז ניט קיין קליינע נגיעה האט אין דעם געהאט דאס, וואס די יודען זענען געוועהן א זיינע נאהענטע שכנים מיט די ראמער, וואו זיי האבען אויך געזעהן צוויי גאנץ אבגעשלאססענע קלאססען ווי די פאטריציער (מיוחסים) אונ די פלעבעער (פראסטע מענשען), נאר די יודען זענען א סך ווייטער געגאנגען פון די ראמער: זיי האבען געהאט דינים פון „כשר" אונ „טרפה" אונ האבען זיך בענוצט דערמיט צו מאכען א פעסטע וואנד, וואס זאל זיי לחלוטין אבטהיילען פונ'ם פאלק. אפילו זיך מישען מיט זייערע כלים, זיך אנרירען אן זייערע קליידער, איז ביי די „מיוחסים" געווארען די גרעסטע עבירה, פון משדך זיין זיך מיט זיי האט מען גאר ניט געקאנט רעדען. אדאי האבען זיך די „מיוחסים" דער מיט ניט געקאנט קונה אהבה זיין ביי'ם פאלק; די שנאה צו זיי איז געווארען אזוי גרויס אז ניט אומזיסט האט רבי אליעזר געזאגט: „ווען דער פראסטער מענש זאל ניט דארפען אנקומען צו דעם עדלערן אין געשעפט-זאכען, וואלט ער איהם אהן רחמנות געקוילעט". רבי עקיבא, וואס איז ארויס געקומען פון געמיינעם שטאנד, האט טאקי מודה געוועהן, אז ניט איין מאל פלעגט זיך איהם אין די יונגע יאהרען גלוסטען צו הרג'נן איינעם פון די „מיוחסים". אדאי איז די לאגע פונ'ם פראסטען פאלק געוועהן זעהר טרויעריג אונ עס איז געקומען דערצו, אז מע האט זיי אויפגעהערט צו צולאזען פאר עדות, גלייך ווי דער געמיינער מאנן קאן גאר קיין נאמנות ניט האבען. מען דארף זיך דעריבער ניט וואונדערן וואס פיעל פון זיי זענען צוגעשטאנען צו דער נייער קריסטליכער רעליגיאן, וואס האט דעמאלט אנגעהויבען צו וואקסען אונ האט געמוזט האבען א שטארקע ווירקונג אויף די דאזיגע, וואס פון איין זייט האט מען זיי אוועקגעשטויסען אונ פון דער אנדערער זייט האט מען זיי בעגעגענט מיט פריינדשאפט אונ ליעבע.

2 דִי יוּדֶען אִין דֶער צַייט פוּן דָאמִיטִיַאן, נֶערְוַוא אוּנ טְרַאיַאן.

(93—117 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

די סַנְהֶדְרִין פוּן יַבְנֶה, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דֶער שְׁטְרֶענְגֶער אוּנ עֶנֶערְגִישֶׁער נָשִׂיא רַבָּן גַמְלִיאֵל, הָאבֶּען גֶעהַאט גֶענוּג אַרְבֵּייט מִיט דִי פֶערְשִׁידֶענֶע סֶעקְטֶען אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע יוּדֶען-קְרִיסְטֶען, וָואס זֶענֶען גְרֶעסְטֶענְטְהֵיילְס אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּנ'ם פְּרָאסְטֶען פָאלְק אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט זַיין קֵיין גוּטֶע פְרַיינְד דִי עֶדְלֶערֶע יוּדֶען פַאר זֵייעֶר אָפֶּענֶער שִׂנְאָה צוּ זֵיי. דִי יוּדֶען-קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זִיךְ דַוְקָא אִין אַללֶע הַנְהָגוֹת נִיט אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן דִי יוּדֶען אוּנ פְלֶעגֶען אֲפִילוּ קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין דִי שׁוּלֶען, נָאר וִוי וַוייט זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט פְלֶעגֶען זֵיי זִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן דִי „מְיוּחָסִים" אוּנ פְלֶעגֶען זֵיי נִיט אֵיין מָאל מַסֶר'ן פַאר דֶער מְלוּכָה. עֶס אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעקוּמֶען אַז אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע אוּנ גוּטְהֶערְצִיגֶע תַּנָאִים, רַבִּי שְׁמוּאֵל דֶער אִינְגֶערֶער, הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ מַאכֶען אַנַייעֶ תְּפִלָּה „וְלַמַלְשִׁינִים אַל תְּהִי תִקְוָה", אַז דִי מוֹסְרִים זָאלֶען נִיט הָאבֶּען קֵיין הָאפְנוּנְג אוֹיף תְּחִיַת הַמֵתִים. מִיט דֶער תְּפִלָּה הָאבֶּען יוּדֶען נִיט גֶעמֵיינְט דַוְקָא צוּ פֶערְשֶׁאלְטֶען זֵייעֶרֶע גֶעוֶועזֶענֶע בְּרִידֶער, נָאר דָאס פְלֶעגְט זֵיי הֶעלְפֶען גֶעוָואהר צוּ וֶוערֶען וֶוער עֶס הָאט אָבְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן יוּדִישְׁקַייט, וַוייל קֵיינֶער פוּן דִי יוּדֶען-קְרִיסְטֶען הָאט מִן הַסְתָּם נִיט גֶעוָואלְט זָאגֶען אַזָא תְּפִלָּה, אוּנ אַז מֶען הָאט אִין שׁוּל בֶּעמֶערְקְט וֶוער עֶס שְׁוַויינְט צוּ בַּיי דֶער תְּפִלָּה, הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁטוֹיסֶען אַז עֶר אִיז אָבְּגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דִי יוּדֶען. אוֹיסֶער דֶעם הָאט מֶען דֶערְוָואלְט גֶעהַאט נִיט וֶוענִיג צוּ טְהוּן מִיט פִיעל לוֹמְדִים, גְרוֹיסֶע קֶאפּ, וָואס דֶער גְרִיכִישֶׁער לִמוּד פוּן דִי „גְנָאסְטִיקֶער", (פוּן דִי חֲכָמִים וָואס הָאבֶּען זִיךְ צוּ פִיעל פֶערְטִיעפְט אִין חֲקִירוֹת וֶועגֶען אֱמוּנָה-זַאכֶען) הָאט זֵיי פֶערְדְרֶעהְט דִי מֹהוֹת, וַוייל דֶער מֶענְשְׁלִיכֶער שֵׂכֶל אִיז נִיט אִים שְׁטַאנְד אַרַיינְצוּקְרִיכֶען אִין צוּ וַוייטֶע דְרָכִים אוּנ קֶאן לַייכְט אַרָאבְּגֶעפִיהְרְט וֶוערֶען פוּן דֶעם דֶרֶךְ הַיָשָׁר, וָואס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען פַאר אַיין גֶעוֶואהְנְלִיכֶען בָּשָׂר וָדָם. אַזוֹי זֶענֶען אִין דֶעם לִמוּד פוּן דִי גְנָאסְטִיקֶער גֶעהַאפְּט גֶעוָוארֶען אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּנָאִים, אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה, אוּנ אוֹיךְ צְוֵוייא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, בֶּן זוֹמָא אוּנ בֶּן עַזַאי. אַוַדַאי הָאט רַבָּן גַמְלִיאֵל נִיט גֶעטָארְט שְׁלָאפֶען אוּנ הָאט גֶעמוּזְט גוּט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען, אַז דִי אַללֶע זַאכֶען וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען פַאר שֶׁעדְלִיךְ, זָאללֶען זִיךְ נִיט פֶערְבְּרֵייטֶען אִין פָאלְק. זַיין מִיטֶעל, וָואס עֶר הָאט אָבֶּער בֶּענוּצְט דֶערְצוּ

הָאבֶּען אִיהם שְׁטַארְק פֶערְאֶנְדֶערְט אוּנ זַיין כַאראַקְטֶער אַזוֹי הַארְט גֶעמַאכְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעווֹאהנְט צוּ רֶעדֶען הַארְט מִיט אַללֶע נָאר אָהן אַ שׁוּם אוּנְטֶער־שִׁייד אוּנ פְלֶעגְט שׁוֹין מֶעהר קֵיין כָּבוֹד נִיט לֶעגֶען אֲפִילוּ אוֹיף אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען, וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעשֶׁאצְט אוּנ גֶעקֶענְט זֵייעֶר וֶוערְטה. דָאס הָאט גֶעפִּיהְרְט דֶערְצוּ, וָואס אֲפִילוּ ר׳ יְהוֹשֻׁעַ, אֵיינֶער פוּן דִי תַּנָּאִים וָואס הָאבֶּען פַיינְד גֶעהַאט זִיךְ צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ אִיז גֶעוֶועהן בֶּעקַאנְט מִיט זַיין גוּט אוּנ עֶדֶעל הַארְץ, אִיז גֶעוָואהרֶען זַיינֶער אַגֶעגְנֶער. ר׳ יְהוֹשֻׁעַ פְלֶעגְט זִיךְ אִין פִיעל עִנְיָנִים נִיט אוֹיס־גְלַייכֶען מִיט׳ן נָשִׂיא, נָאר אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַיין אָרֶעמַאנְן אוּנ אַ חוֹץ דֶעם הָאט עֶר פָּשׁוּט נִיט לִיעב גֶעהַאט זִיךְ צוּ שְׁטוּפֶּען אוֹיבֶען אָן מִיט זַיין דֵעָה, הָאט אִיהם נִיט גֶעאַהרְט וָוען זַיין מֵיינוּנְג פְלֶעגְט בְּלַייבֶּען נִיט אָנְגֶענוּמֶען. אֵיין מָאל הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט בֶּעשְׁטִימְט ראשׁ חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, וָואס דֶערְפוּן וֶוענֶען אַבְּהֶענְגִיג גֶעוֶועהן אַללֶע יָמִים טוֹבִים, לוֹיט דִי יְדִיעוֹת, וָואס צְוֵויי נִיט גַאנְץ בֶּעגְלוֹיבְּטֶע עֵדוּת הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעפוּנֶען פַאר אוּנְרֶעכְט צוּ שְׁווַייגֶען אוּנ הָאט אֶפֶענְטְלִיךְ גֶעוִויזֶען דֶעם נָשִׂיא אַז עֶר הָאט אַ טָעוּת. דָאס הָאט שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען רַבָּן גַמְלִיאֵל׳ן, עֶר הָאט פוּן־קֵיין זַאךְ נִיט גֶעוָואלְט ווִיסֶען אוּנ הָאט נָאךְ אוֹיף צוּ לְהַכְעִיס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל עֶר זָאל צוּ אִים קוּמֶען פּוּנְקְט אִין דֶעם טָאג, וָוען נָאךְ ר׳ יְהוֹשֻׁעַ׳ס רֶעכֶענוּנְג הָאט בֶּעדַארְפְט פַאלֶען יוֹם כִּפּוּר, אָנְגֶעטְהוּן אִין וָואכֶענְדִיגֶע קְלֵיידֶער, מִיט׳ן שְׁטֶעקֶען אוּנ רַייזֶע־טַאשׁ. אַזַא פָארְדֶערוּנְג הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען רַעשׁ צְוִוי־שֶׁען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ס חֲבֵרִים; אַ טְהֵייל הָאבֶּען אִיהם צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל אַרוֹיס שְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶען דֶעם נָשִׂיא, אוּנ אַ טְהֵייל הָאבֶּען אִיהם גֶערַאטְהֶען בֶּעסֶער אַיינְ־בּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ אוּנ נִיט בְּרֶענְגֶען צוּ לַייטִישׁ גֶעלֶעכְטֶער, אוּנ עֶר הָאט טַאקִי גֶע־פָאלְגְט דִי לֶעצְטֶע. אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט אִיהם דֶערְזֶעהן, אִיז עֶר אִיהם אַקֶעגֶענְ־גֶעגַאנְגֶען מִיט פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט: „זַיי בֶּעגְרִיסְט, מַיין רֶבִּי אוּנ מַיין תַּלְמִיד! דוּ בִּיסְט מַיין רֶבִּי אִין חָכְמָה אוּנ מַיין תַּלְמִיד אִין דֶרֶךְ אֶרֶץ! אַז וואהל אִיז דֶעם דוֹר וָואס דִי גְרוֹיסֶע פָאלְגֶען דִי קְלֵיינֶערֶע!“ מִיט אַזוֹינֶע זִיסֶע וֶוערְ־טֶער הָאט דֶער נָשִׂיא אִיבֶּער גֶעבֶּעטֶען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן, נָאר דֶער שָׁלוֹם הָאט נִיט אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען לַאנְג.

דֶעם נָשִׂיא, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעווֹאהנְט צוּ פִיהרֶען דֶעם עוֹלָם מִיט גְרוֹיסְקַייט, אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶועהן זִיךְ אִיבֶּער צוּ מַאכֶען אוּנ נָאךְ אוֹיף דֶער אֶלְטֶער; דִי צָאהל פוּן זַיינֶע גֶעגְנֶער הָאט זִיךְ יֶעדֶען טָאג פַארְגְרֶעסֶערְט, דָאס הָאט אִיהם נָאךְ מֶעהר גֶעאֶרְגֶערְט. אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאלְטֶען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן פַאר

אַ שְׁטִילֶען שׂוֹנֵא, הָאט עֶר אִים נֶעמַאכְט פַאר דֶעם שוּלְדִינֶען אִין אַלְץ, אוּנ פְלֶעגְט אָפְּט אָנְפַאלֶען אוֹיף אִיהם, חָאטְשֶׁע עֶר אִיז אִין גָאר נִיט שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען. אַיינְמָאהל הָאט עֶר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן אוֹיף גֶעוָוארְפֶען אִין דֶער יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע אִין דִי אוֹיגֶען אַז עֶר אִיז זִיךְ נִיט נוֹהֵג לוֹיט דִי בֶּעפֶעהלֶע פוּן דִי סַנְהֶדְרִין. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה אָנְגֶענוּמֶען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ס קְרִיוְודֶע אוּנ מֶע הָאט בַּאלְד רַבָּן גַמְלִיאֵל׳ן נֶעמַאכְט פַאר אוֹיס נָשִׂיא.

לַאנְג בְּלַייבֶּען אָהן אַ נָשִׂיא הָאט מֶען נִיט גֶעקֶאנְט, אוּנ מֶע הָאט בַּאלְד נֶעמַאכְט אַיין אֲסִיפָה פוּן צְוַוייא אוּנ זִיבְּצִיג גְרוֹיסֶע לַייט צוּ קְלוֹיבֶּען אַיין אַנְדֶערְן. דֶער עוֹלָם הָאט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט גֶעוָואלְט קְרֶענְקֶען רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ דַארִיבֶּער הָאט דֶער גוֹרָל נִיט גֶעקֶאנְט פַאלֶען אוֹיף רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן, וָואס צוּ לִיעבּ אִיהם אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אוֹיס נָשִׂיא. דֶעסְטְגְלַייכֶען הָאט מֶען נִיט גֶעקֶאנְט רֶעדֶען פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר׳ן, וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן אִין חֵרֶם, אוּנ רַבִּי עֲקִיבָא׳ן, וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן יוּנְג אוּנ הָאט זִיךְ מֶעהר גֶעקֶאנְט אִיבֶּערְנֶעהמֶען מִיט יִחוּס עַצְמוֹ וִוי מִיט זַיינֶע אָרְמֶע עֶלְטֶערן פוּנ׳ם נִידְרִיגֶען שְׁטַאנְד. דֶער פַאר אִיז גֶעוָוארֶען נָשִׂיא רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אִי אַמְיוּחָס, אִי רַייךְ, אִי אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּיי דֶער מְלוּכָה. אִין דֶעם טָאג וָואס מֶע הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אַ נַייעֶם נָשִׂיא, הָאט מֶען אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט דִי גֶעזֶעטְצֶע אוּנ מֶע הָאט גֶעזֶעהן זֵיי אוֹיסְצוּגְלַייכֶען מִיט דִי פָארְדֶערוּנְגֶען פוּנ׳ם לֶעבֶּען, אוּנ כְּדֵי צוּ וִויסֶען וִוי אַזוֹי דָאס פָאלְק הָאט פִיעל זַאכֶען אָנְגֶענוּמֶען, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט עֵדוּת אוּנ דֶערִיבֶּער הָאט מֶען דִי אֲסִיפָה גֶערוּפֶען עֲדָיוֹת. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דִי אֲסִיפָה בֶּעשֶׁעפְטִיגְט אוֹיךְ מִיט צְוַוייא שַׁאֲלוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁאֲלָה אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם וָואס אַ גֶעטְצֶענְדִיעֶנֶער פוּן דִי בְּנֵי־עַמּוֹן הָאט גֶעבֶּעטֶען מֶע זָאל אִיהם עֶרְלוֹיבֶּען אָנְנֶעהמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט אִיהם פְרִיהֶער אָבְּגֶעזָאגְט, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען פִּינְקְטְלִיךְ אָן דֶעם פָּסוּק: „לֹא יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל יְיָ״ אוּנ הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז בִּיז דֶעם צֶעהְנְטֶען דוֹר טָאר מֶען נִיט אַרַיין לָאזֶען אִין יוּדִישֶׁען גְבוּל אֵיינֶעם וָואס שְׁטַאמְט אַרוֹיס פוּן דִי פֶערְשָׁאלְטֶענֶע פֶעלְקֶער. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט דֶעם פְּשַׁט אוּנ גֶעוִויזֶען אַז פוּן דִי גֶעוֶועזֶענֶע עַמּוֹנִים אוּנ מוֹאָבִים אִיז שׁוֹין קַיין זֵכֶר נִיטָא אוּנ אַז דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער תּוֹרָה קָאן מֶען שׁוֹין אַצוּנְד נִיט אַיינְוֶוענְדֶען. דִי צְוַוייטֶע שַׁאֲלָה אִיז גֶעוֶועהן וֶועגֶען הֵיילִיגְקַייט פוּן „קֹהֶלֶת״ אוּנ „שִׁיר הַשִּׁירִים״, וָואס דִי בֵּית שַׁמַּאי הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זֵיי רֶעכֶענֶען צְוִוישֶׁען דִי סִפְרֵי הַקֹּדֶשׁ, אוּנ אַזוֹי וִוי מֶע הָאט

גֶענְלוֹיבְּט אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט זַיי אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען, הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען דִי דֵעָה פוּן דִי בֵּית הִלֵּל.

רַבָּן גַמְלִיאֵל אִיז אוֹיךְ גֶעוֶעזֶען בַּא דֶער אֲסִיפָה אוּנ הָאט זִיךְ נִיט אָבְּגֶעזָאגְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶּע צוּ אַרְבֵּייטֶען; עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען אַלֶּע קְרֶאנְקוּנְגֶען, וָואס עֶר הָאט דֶעם טָאג גֶעהַאט, פַאר לִיעבּ, וַוייל עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶר הָאט טַאקִי אִיבֶּערְגֶעצוֹיגֶען דֶעם כּוֹיגֶען. עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל אִיבֶּערְבֶּעטֶען אַלֶּע וָואס עֶר הָאט פְרִיהֶר בֶּעלֵיידִיגְט, אוּנ צוּם עֶרְשְׁטֶען אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ'ן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַבַּעַל מְלָאכָה, אַנָאדֶעלְמַאכֶער. רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט אִיהם גֶעטְרָאפֶען בַּיי דֶער אַרְבֵּייט אוּנ הָאט אִיהם מִיט פֶּערְ־וואוּנְדֶערוּנְג גֶעפְרֶעגְט: אַזוֹי דֶערְפוּן לֶעבְּסְטוּ? דַארוֹיף הָאט אִיהם רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ מִיט כַּעַס גֶעאֶנְטְפֶערְט: „זֶעהר שְׁלֶעכְט וָואס דוּ וֶוערְסְט עֶרְשְׁט אִיצְט גֶעוָואהר דֶערְפוּן, וֶועה אִיז דֶעם דוֹר וָואס דוּ בִּיסְט זַיין מַנְהִיג! דוּ קֶענְסְט נִיט דִי דַאֲגוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט זַיי אָן זַייעֶר פַּרְנָסָה”. אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל הָאט אִיהם אָבֶּער גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהם מוֹחֵל זַיין, אִיז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִין גַאנְצֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען גֶעוָואהרֶען אוּנ הָאט אִיהם צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ נֶעהמֶען אַרְבַּייטֶען אַז דֶער נַייעֶר נָשִׂיא זָאל אִיהם צוּרִיק אָבְּטְרֶעטֶען זַיין שְׁטֶעללֶע. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאלְטֶען וָוארְט אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעפּוֹעֶלְט בַּיי זַיינֶע חֲבֵרִים מֶע זָאל רַבָּן גַמְלִיאֵל נָאךְ אַמָאל מַאכֶען פַאר אַנָשִׂיא. עֶס אִיז אָבֶּער שְׁוֶוער גֶעוֶועהן אָנְצוּמוּטְהֶען רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲזַרְיָה עֶר זָאל זִיךְ אָבְּזָאגֶען. דֶעמָאלְט הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען רַבִּי עֲקִיבָא דִי אַרְבֵּייט אִיבֶּערְצוּרֶעדֶען מִיט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר'ן, אוּנ קוֹים הָאט דֶער נַייעֶר נָשִׂיא דֶערְהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעוָואהרֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ זַיינֶע גֶעגְנֶער, אִיז עֶר בַּאלְד מְרוּצֶּה גֶעוָואהרֶען זִיךְ אָבְּצוּזָאגֶען אוּנ עֶר הָאט אַלֵיין פָאְרְגֶעלֶעגְט אַז אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיה זָאל עֶר מִיט'ן גַאנְצֶען עוֹלָם גֶעהן צוּ רַבָּן גַמְלִיאֵל אַהֵיים אִיהם בֶּעגְרִיסֶען. דָאס פָאלְק אִיז אִיהם פַאר דֶער עֶדֶעלְקַייט זֶעהר דַאנְקְבַּאר גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ עֶס אִיז בֶּעשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען, אַז בֵּיידֶע נְשִׂיאִים זָאלֶען צוּטְהֵיילֶען צְווִישֶׁען זִיךְ דֶעם כָּבוֹד אוּנ אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל זָאל זִיךְ רֶעכְנֶען פַאר'ן עֶרְשְׁטֶען נָשִׂיא אוּנ זִיצֶען צְוֵויי וָואכֶען אִין דִי אֲסִיפוֹת פוּן דִי סַנְהֶדְרִין אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר זָאל זַיין דֶער צְוֵוייטֶער פוּן אִיהם אוּנ זִיצֶען נָאר אֵיין וָואךְ. פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז גֶעוָוארֶען שָׁלוֹם אוּנ אַזוֹי וִוי דֶער קֵייזֶער דָאמִיטְיַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַבִּיסֶעל צוּ פְּרֶעסֶען דִי יוּדֶען, הָאבֶּען זַיי טַאקִי גֶעמוּזְט זָארְגֶען אַז עֶס זָאל זַיין צְווִישֶׁען זַיי אַחְדוּת.

אֵיין גֶעגְנֶער הָאט גֶעהַאט רַבָּן גַמְלִיאֵל, וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיהם גֶיט

נֶעקֶאנְט אוֹיסְגְלַייכֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען. דָאס אִיז גֶעוֶועהן זַיין אֵיינֶעגֶער שְׁוָאָ·
גֶער, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס, וָואס הָאט זִיךְ אִין לִידְדָא גֶעמַאכְט אַבֶּע·
זוּנְדֶער יְשִׁיבָה, וָועלְכֶע הָאט אוֹיךְ עֶקְסִיסְטִירְט פִיעל יָאהְרְהוּנְדֶערְטֶע שְׁפֶּעטֶער.
חָאטְשׁ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ תַּלְמִיד פוּן רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, וָואס פְלֶעגְט אוֹיף
אִיהם זָאגֶען „אַז עֶר אִיז אַיין אוֹיסְגֶעקַאלְכְטֶער בְּרוּנֶען, וואו קַיין אֵיינְצִיגֶער
טְרָאפְּפֶען גֶעהט נִיט לְאִבּוּד" אוּנ אִיז בַּיי זַיין רֶבִּי'ן אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען מֶעהר
אוֹיף דֶעם לִמּוּד פוּן דִי בֵּית הִלֵּל, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אִין
גַאנְצֶען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּנ הָאט עֶס אַזוֹי וַוייט גֶעבְּרַאכְט, אַז
דֶער נָשִׂיא הָאט אִיהם גֶעמוּזְט מַחֲרִים זַיין. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָבֶער גֶעוֶועהן אַ גְרוֹי·
סֶער לַמְדָן אוּנ מֶע הָאט אוֹיף אִיהם כָּבוֹד גֶעלֶעגְט, הָאט קֵיינֶער אִיהם נִיט
גֶעוָואלְט מוֹדִיעַ זַיין פוּנ'ם חֵרֶם, הָאט רַבִּי עֲקִיבָא נָאךְ אַ מָאל אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען זַיין
וַוייכְהֶערְצִיגְקַייט; עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַיין אַנְדֶערֶער זָאל קְרֶאנְקֶען דֶעם גֶע·
שֶׁאצְטֶען גֶעלֶעהְרְטֶען אוּנ הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען דָאס טְרוֹיעֶרִיג שְׁלִיחוּת, אִיהם
צוּ בְּרֶענְגֶען אַזָא שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרָה. אָנְגֶעטְהוּן אִין שְׁוַוארְצֶען, אִיז רַבִּי עֲקִיבָא
גֶעקוּמֶען צוּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר'ן אוּנ הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען, אַז וִוי עֶס שַׁיינְט
הָאבֶּען זִיךְ זַיינֶע חֲבֵרִים פוּן אִיהם אָבְּגֶעטְהֵיילְט. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען
דֶעם ווִינְק אוּנ הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אַללֶע. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהם
צוּגֶעמַאכְט דִי יוּדֶען-קְרִיסְטֶען אוּנ עֶר הָאט זֵיי נִיט פְרֶעמְד גֶעהַאלְטֶען פוּן זִיךְ וִוי
אַנְדֶערֶע — וָואס דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת גֶעהַאט; וַוייל אַז עֶס
הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי רְדִיפוֹת גֶעגֶען דִי קְרִיסְטֶען פוּן דֶער רָאמִישֶׁער מְלוּכָה,
הָאט מֶען אִיהם אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁלֶעפֶּען אִין מִיטֶען, נָאר דֶער מוֹשֵׁל פוּן
צֶעזַארֶעאַ, פָאמְפֶּעאוּס לַאנְגִינוּס, הָאט אִיהם אַלֵיין גֶעהָאלְפֶען זִיךְ אַרוֹיסְ·
דְרֶעהֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט, עֶר גְלוֹיבְּט נִיט אַז אֵיינֶער פוּן דִי סַנְהֶדְרִין זָאל דָאס
טְהוּן. אַזוֹי הָאט זִיךְ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אָבְּגֶעלֶעבְּט זַיינֶע יָאהְרֶען אֵיינֶער אַלֵיין, נָאר
מִיט זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, וָואס זֵיי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען גֶעטְרַיי בִּיז דֶעם טוֹיט. נִיט
אֵיינְמָאל פְלֶעגְט אִיהם דָאס הַאֶרְץ וֶועה טְהוּן אוֹיף דִי, וָואס הָאבֶּען אִיהם
פוּן זִיךְ פֶערְטְרִיבֶּען אִיבֶּער דֶעם, וָואס עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט בְּלִינְד אָנְנֶעמֶען
פְרֶעמְדֶע דֵעוֹת. אוּנ דָאס זֶעהט מֶען אַרוֹיס פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, וָואס עֶר פְלֶעגְט
אָפְט זָאגֶען: „וַוארְם דִיךְ בַּיי'ם פַייעֶר פוּן דִי חֲכָמִים, נָאר הִיט דִיךְ פַאר זֵייעֶרֶע
קוֹילֶען, זָאלְסְט נִיט פַארְבְּרֶענְט וֶוערֶען, וַוייל זֵייעֶר בַּייסֶען אִיז אַ בִּיס פוּן אַ פוּקְס,
זֵייעֶר שְׁטֶעכֶען אִיז אַ שְׁטָאךְ פוּן אַ סְקָארְפִּיָאן, זֵייעֶרֶע צוּנְגֶען זֶענֶען וִוי בַּיי שְׁלַאנְגֶע
אוּנ זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען גְלִיהֶענְדִיגֶע קוֹילֶען".

פונקט דער היפך פון רבי אליעזר'ן איז געוועהן רבי יהושע בן חנניה, וואס איז געוועהן איינער פון די לוים אונ האט נאך געדענקט דעם שאנעם גאטטעסדינסט אין בית המקדש. דאס אונגליק פונ'ם גאנצען פאלק, וואס ער האט אליין איבערגעלעבט, האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף זיין כאראקטער אונ ער האט זיך געלאזט ביינען וואהין עס איז נאר געמעהיג געוועהן אבי דער־מיט צו בעפעסטיגען דעם שלום צווישען די צווארפענע ברידער; צוזאמען מיט רבן יוחנן בן זכאי איז ער אוועק פון ירושלים אונ האט געגרינדעט א ישיבה אין דער שטאדט פקיעין; נאר מפרנס זיין די פאמיליע פלעגט ער פון א מלאכה. אונ אזא לעבען האט איהם צוגעבונדען פון איין זייט, דורך דעם לערנען, צו דער עדעלער קלאססע, אונ פון דער אנדערער זייט, דורך דער ארבייט, צום פראסטען פאלק. ביידע צדדים זענען אבער פון איהם צו פרידען געוועהן. ניט איין מאל פלעגט ער זיי אויסגלייכען אונ אבהיטען פון מחלוקת, דערצו איז ער נאך געוועהן א גרויסער מקיל, זיין גאנצע חכמה האט ער נאר בענוצט אויף צו זוכען היתרים, אונ אחוץ דעם איז ער געוועהן זעהר בעליבט ביי די ראמער. פון די נייע חומרות, וואס די בית שמאי האבען אללע מאל געפונען פלעגט ער אויפווייזען, אז זייערע אויפטהון אין דער תורה מאכט קאליע דעם עיקר פון דער תורה, אז דאס איז גלייך ווי מען גיסט אריין וואסער אין א גלאז מיט אהל, דאס וואסער בלייבט אונ דער אהל מוז אויסגעגאסען ווערען. ער פלעגט אויך ניט האלטען פון די גאר הייסע פרומע, וואס האבען זיך אבגעזאגט פון וויין אונ פלייש, ווייל זייט די קרבנות זענען בטל געווארען איז ניטא קיין מזבח, וואס זאל הייליג מאכען פלייש אונ וויין; ער פלעגט דארויף זאגען אז ווי באלד מען זאל אננעהמען אזא טעם, טאר מען קיין וואסער אויך ניט טרינקען, ווייל וואסער האט מען אויך בענוצט ביי'ם גאטטעסדיענסט. רבי יהושע האט אויך געהאט א שטארקע ידיעה אין אסטראנאמיע, אין דער חכמה וואס לערנט דעם גאנג פון די שטערן. אונ האט אפילו איין מאל ענדעקט א שטערן, וואס פלעגט זיך בעוויי־זען אללע זיבציג יאהר; אונ ביי די אללע מעלות איז ער געוועהן א גרויסער עני אונ מיט זיין גוט הארץ האט ער זיך מיט רעכט געמאנט רעכנען פאר א געטרייען תלמיד פון זיין הייליגען רבי'ן רבן יוחנן בן זכאי.

איינער פון די בעריהמטעסטע תנאים פון יענער צייט איז געוועהן ר' עקיבא בן יוסף, וואס איז ערשט גרויס געווארען ביי די עלטערע יאהרען, אונ וואס וועגען איהם פלעגט מען ערצעהלען גאנצע מעשיות. א טהייל האבען געזאגט, אז ער איז ארויסגעקומען פון נאטצעגדיענער אונ איז אליין געקומען צום שכל

אָנְצוּנֶעהמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. אַנְדֶערֶע ווִידֶער הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, אַז עֶר
אִיז אִין דֶער יוּגֶענְד גֶעוֶועהן אַדִיעֶנֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם בַּיי אַגְרוֹיסֶען עָשִׁיר „כַּלְבָּא
שָׂבוּעַ“, אוּנ זַיין טָאכְטֶער הָאט זִיךְ פֶערְלִיעבְּט אִין רַבִּי עֲקִיבָא׳ן, נָאר אַזוֹי ווִי
עֶר אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר גְרָאבּ אוּנ נִיט גֶעלֶערְנְט, הָאט זִי אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל
זִיךְ אַוֶועק לָאזֶען אִין אַגְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּנ הָאט אִיהם צוּ גֶעזָאגְט, אַז זִי
וֶועט וַוארְטֶען אוֹיף אִיהם. רַבִּי עֲקִיבָא הָאט זִי גֶעפָאלְגְט, הָאטְשֶׁע עֶר אִיז שׁוֹין
דֶעמָאלְט אַלְט גֶעוֶועהן פֶערְצִיג יָאהר, אוּנ כַּלְבָּא שָׂבוּעַ׳ס טָאכְטֶער הָאט אוֹיךְ גֶע-
הַאלְטֶען וָוארְט אוּנ ווִי פִיעל רַייכֶע אוּנ שֶׁאנֶע שִׁדוּכִים מֶען הָאט אִיהר גֶערֶעדְט,
הָאט זִי נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען טְרַיי רַבִּי עֲקִיבָא׳ן אֲפִילוּ
דֶעמָאלְט, וֶוען זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק אַלְט וֶוערֶען. דֶער פָאטֶער הָאט זִיךְ
פוּן אִיהר אָבְּגֶעזָאגְט אוּנ זִי הָאט גֶעמוּזְט לֶעבֶּען אִין דַחְקוּת אוּנ זִיךְ קְווִיקֶען נָאר
מִיט אֵיין הָאפְנוּנְג, אַז אִיהר גֶעלִיעבְּטֶער וֶועט צוּרִיק קוּמֶען אַגְרוֹיסֶער מַאנְן. אַזוֹי
אִיז טַאקִי מְקוּיָם גֶעוָוארֶען: אִין אַסַךְ יָאהרֶען שְׁפֶּעטֶער אִיז פוּן רַבִּי עֲקִיבָא׳ן גֶע-
וָוארֶען אַגְרוֹיסֶער תַּנָא, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשַׁיינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ הָאט אַרוּם
זִיךְ גֶעהַאט טוֹיזֶענְדֶער תַּלְמִידִים. אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶעם אָרְט, וואוּ זַיין
כַּלָה הָאט גֶעוואוֹהנְט, אִיז אִיהם אַגְרוֹיסֶער עוֹלָם אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַקֶעגֶען מְקַבֵּל
פָּנִים זַיין, אוּנ פְּלוּצִים דֶערְזֶעהט מֶען עֶפֶּעס אֵיין אַלְטֶע קְרַאנְקֶע יוּדֶענֶע, ווִי זִי
ווִיל זִיךְ צוּשְׁטוּפֶּען גְלַייךְ צוּם תַּנָא, זַיינֶע מְקוּרָבִים הָאבֶּען זִי נָאר וָואס גֶעוָואלְט
אַוֶועקְטְרַייבֶּען, נָאר רַבִּי עֲקִיבָא הָאט זִי בַּאלְד דֶערְקָאנְט, עֶר הָאט זִי בֶּעגְרִיסְט
מִיט דֶער אַלְטֶער לִיעבְּשַׁאפְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: לָאזְט זִי צוּ צוּ מִיר,
וַוייל דָאס וָואס אִיז פוּן מִיר אוּנ פוּן אַייךְ גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען מִיר אַלֶע נָאר אִיהר
אַלֵיין צוּ פֶערְדַאנְקֶען! אַזֶעלְכֶע זַאכֶען פְלֶעגְט מֶען זִיךְ אָנְדֶערְצֶעהלֶען פוּן רַבִּי
עֲקִיבָא׳ן. ווִי פִיעל אֱמֶת אִין דֶעם אִיז גֶעוֶועהן אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגֶען, נָאר אֵיינְס
אִיז גֶעווִיס, אַז רַבִּי עֲקִיבָא הָאט עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לֶערְנֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין
קַיין יוּנְגֶער מַאנְן נִיט גֶעוֶועהן אוּנ דָאךְ אִיז אִיהם גֶערָאטְהֶען, מִיט דֶער הִילְף פוּן
זַיינֶע אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע פֶעהִיגְקַייטֶען אוּנ אַייזֶערְנֶעם חֵשֶׁק צוּ וֶוערֶען אַגָדוֹל
בְּיִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַבֶּעזוּנְדֶער אָרְדֶענוּנְג אִין לֶערְנֶען, אַיינְגֶעטְהֵיילְט דִי
דִינִים אוֹיף מַסֶכְתוֹת, אוּנ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְהוֹיפְּט אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט זוּכֶען פֵּירוּשִׁים
אוֹיף דֶער תּוֹרָה, וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם דֶרֶךְ, אַז אִין דִי כִּתְבֵי הַקֹדֶשׁ
אִיז קַיין אֵיינְצִיג פִּינְטֶעלֶע נִיט אִיבֶּערִיג אוּנ וֶוען מֶען גֶעפִינְט אִין אַפָּסוּק עֶפֶּעס
אִיבֶּערִיגֶע ווֶערְטֶער טָאר מֶען עֶס נִיט הַאלְטֶען פַאר גְרִינְג אוּנ מֶען מוּז אַזוֹי לַאנְג
קְלֶערֶען בִּיז מֶען דֶערְגֶעהט דֶעם טַעַם דֶערְפוּן. רַבִּי עֲקִיבָא אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶעסֶען

אין דער שטאדט בְּנֵי בְרַק, דא האט ער געהאט א בעזונדערע ישיבה, נאר ער פלעגט אפט קומען קיין יַבְנֶה, וואו ער האט זיך גערעכענט פאר איינער פון די בעליעבטעסטע סנהדרין און אז ער איז אמאל ניט אים שטאנד געוועהן צו זיין ביי איין אסיפה פלעגט מען זאגען אז אהן רבי עקיבא'ן האט די תורה גאר קיין פנים ניט.

איין געגנער פון רבי עקיבא'ס דרך, אין ענין פון פירושים זוכען אויף דער תורה, איז געוועהן רבי ישמעאל בן אלישע דער זאהן פונ'ם לעצטען כהן גדול, וואס פלעגט די גאנצע הכנסה פון זיינע ווייגגארטנער אויסבּרענגען אויף צדקה־זאכען און בעזאנדערס אויף צו פערזארגען יודישע יתומות, וואס זייערע עלטערן זענען אומגעקומען ביי'ם חורבן. רבי ישמעאל האט געדרונגען, אז מען מוז אללע דינים אויסגלייכען מיט'ן פשוט'ן מיין פונ'ם פסוק, אז מע דארף ניט געהן מיט איבערגעשפּיצטע הסברות, אז די תורה איז געשריבען געווארען אין דעם אייגענעם לשון וואס מענשען רעדען און אז דעריבער זענען אללע פּשט'לעך, וואס גלייכען זיך ניט אויס מיט'ן גראדען מענשענפערשטאנד, איבּריג.

אט די פינף תנאים רבן גמליאל, רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע, רבי עקיבא און רבי ישמעאל, זענען געוועהן די זיילען, וואס אויף זיי האט זיך דעמאלט געהאלטען די יודישקייט און זייער ארבּייט איז ניט געוועהן אומזיסט: חאטשי די יודען זענען ניט געשטאנען אויף קיין הויכער מדרגה, זיי האבען געמוזט צאהלען א בעזונדער מס נאר דער פאר וואס זיי זענען יודען געוועהן און האבען, דאכט זיך, ניט געהאט מיט וואס צו צוציהען צו זיך מענשען פון אנדערע פעלקער, בעזאנדערס אז קריסטען האבען געהאט מעהר מעגליכקייט פון זיי צו פערשפּרייטען זייער נייע אמונה דערמיט וואס זיי האבען יעדען גאר אהן שאלות צו גענומען, פון דעסטוועגען האבען די תנאים בעפעסטיגט אין פאלק די בעסטע מדות, וואס זענען אזוי געפאלען די גאטצענדיענער, אז זעהר אפט האבען זיך פיעל פון זיי מגייר געוועהן און זענען בעשטאנען איבערצודרעהען זייער גאנץ לעבען און זיך פיהרען נאך די יודישע דינים, וואס זענען ניט גרינג געוועהן פאר א ווילדפרעמדען מענשען. דאס האט געפיהרט דערצו וואס רבן גמליאל האט מתקן געוועהן א בעזונדער תפלה פאר די גרים, וואס זייער ליעבשאפט צו דער יודישער אמונה איז באמת געוועהן גרויס און ריין.

איינער פון די גרים, וואס האבען איבערגעלאזט א גרויסען נאמען צווישען יודען, איז געוועהן א גריכע א קולס פון דער געגענד פאנטוס, וואס האט געהאט א גרויס פערמעגען און פיעל שקלאווען. אז עס האט איהם אנגעהויבען

אַוועק ציהען פונ'ם גאַטצענדיענסט, האָט ער זיך לכתחלה צונויפגעפּאַרט מיט זיינע ברידער וואָס זענען געוואָרען קריסטען און טאַקי באַלד האָט ער זיך ענטשלאָסען איבער צוגעהן צום יודענטהום. און דער יודישער אמונה איז ער געבליבען טריי ביז צום טויט. אַקולס איז געוואָרען אַ אמת פרומער יוד און האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין גריכישער איבערזעצונג פון דער תורה. דאָס האָט ער געטהון צו ליעב דעם, וועיל דעמאָלט איז געוועהן דער מנהג אַז מען פלעגט אין די שולען לייענען די סדרה ניט נאָר אויף לשון הקדש, נאָר אויך אויף גריכיש, כדי דער פּראָסטער עולם זאָל אַלדינג פערשטעהן. די אַלטע איבער-זעצונג, וואָס מען האָט גערעכענט דאָס זי שטאַמט פון די זיבציג זקנים, איז מיט דער צייט פערגרייזט געוואָרען און אַחוץ דעם האָבען די קריסטען צו פלייס איבערגעמאַכט פיל פסוקים און האָבען אין זיי אַריינגעלעגט נאָר איין אַנדער טעם, ווי עס האָט זיי געטויגט. אַז אַקולס איז פערטיג געוואָרען מיט דער איבער-זעצונג, האָט ער זי געוויזען רבי אליעזר'ן און רבי יהושע'ן, און זיי האָבען גע-פונען, אַז עס קאָן נאָר בעסער ניט זיין. אַז ער איז אָבער בעקאַנט געוואָרען מיט רבי עקיבא'ן און האָט פון איהם געלערנט זיין גאַנג ווענען פירושים, האָט ער אַליין געפונען פאַר נעטהיג אויסצובעסערען די איבערזעצונג און האָט זיך ניט געפוילט די שווערע אַרבייט נאָר פון דער ניי אָנצוהויבען. זיין איבערזעצונג איז דערפאַר אַזוי אָנגענומען געוואָרען אַז מען האָט זי פשוט גערעכענט פאַר הייליג; עס איז אָבער פון איהר נאָר קליינע שטיקער געבליבען און מיט פיעל יאָהרען שפּעטער אַז מע האָט די תורה איבערגעזעצט אויף כאַלדעיש האָט מען די איבערזעצונג אַנאָהמען געגעבען נאָך דעם זכר פון אַקולס „תרגום אונקלוס".
אַקולס איז געוועהן זעהר בעליעבט ביי די תנאים, און אַז זיין פאָטער איז גע-שטאָרבען און די איבעריגע יורשים האָבען איהם אָבגעשיקט זיין חלק ירושה פון די טהייערע גאָטצענבילדער, וואָס זענען נאָך זיין טויט געבליבען, האָט ער ניט געוואָלט הנאה זיין אפילו פון דעם געלד און האָט עס אין ים אַריין געוואָר-פען. זיין פריינדשאַפט מיט רבן גמליאל איז געוועהן אַזוי גרויס, אַז ווען דער נשיא איז געשטאָרבען האָט איהם זיין לויה אָבגעקאָסט אַסך געלד, און האָט'ש רבן גמליאל האָט אָנגעזאָגט מע זאָל איהם מקבר זיין אָהן אַ שום פּאַראַד און בעהאַלטען אין פּראָסטע תכריכים, האָט אַקולס ניט געוואָלט הערען די צוואה און האָט ניט געזשאַלעוועט צו פערברענען טהייערע כלים און קליידער אויף דעם קבר פון זיין פריינד, ווי דער מנהג איז דעמאָלט געוועהן.
עס איז מערקווירדיג, וואָס דווקא אין רום, וואו מע האָט יודען בעזאָנדערס

פֶערְפָאלְגְט, אִיז דִי צָאהל פוּן דִי גֵרִים גֶעוָואהרֶען אַלֶע מָאל גְרֶעסֶער אוּנ דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה פְלֶעגֶען אָנְגֶעהמֶען גֶעבִּילְדֶעטֶע רֶאמֶער. וָואס הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט פוּן אַגְרוֹיסֶען חָכָם עֶפַּאפְרָאדִיטָאס. וָואס אִיז גֶעוֶועהן בֶּעקַאנְט אִין גַאנְצֶען לַאנְד פַאר אַ לִיעבְּהָאבֶּער פוּן חָכְמָה אוּנ וָואס אַרוּם אִים פְלֶעגֶען זִיךְ קְלוֹיבֶּען מֶענְשֶׁען, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעצוֹיגֶען צוּ עֶפֶּעס עֶדְלֶערְס אוּנ הֶעכֶערְס ווִי עֲבוֹדָה זָרָה. יָאזֶעפוּס פְלַאוִויוּס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַ אַיינְגֶעהֶער צוּ עֶפַּאפְרָאדִיטָאס'ן אוּנ אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהן וָואס פַאר אַ כָּבוֹד גֶעבִּילְדֶעטֶע רֶאמֶער לֶעגֶען אוֹיף דִי יוּדֶען הָאט עֶר אַלֵיין אוֹיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען מֶעהר שֶׁאטְצֶען זַיינֶע בְּרִידֶער וָואס עֶר הָאט גֶעגֶען זֵיי פְרִיהֶר אַזוֹי פִיעל גֶעזִינְדִיגְט, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען בַּיי יֶעדֶער גֶעלֶעגֶענְהַייט זִיךְ אָנְנֶעהמֶען פַאר זֵיי אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט מֶעהר בֶּעקַאנְט מַאכֶען דִי רֶאמֶער מִיט זֵייעֶר פֶערְגַאנְגֶענְהַייט. אַזוֹי הָאט יָאזֶעפוּס אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף גְרִיכִישׁ אַגְרוֹיס סֵפֶר אִין צְוַואנְצִיג טְהֵייל „וֶועגֶען דֶעם אַלְטֶערְטְהוּם פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלְק" אוּנ דָארְט דֶערְצֶעהלְט עֶר דִי גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז צוּ דֶער מִלְחָמָה מִיט דִי רֶאמֶער. זַיין סֵפֶר אִיז זֶעהר שְׁטַארְק גֶעפֶאלֶען אוּנ הָאט גְרוֹיס גֶעמַאכְט דֶעם נָאהמֶען פוּן דִי יוּדֶען אִין דִי אוֹיגֶען פוּן אַנְדֶערֶע אוּמוֹת. דָאס הָאט אָבֶּער אוֹיךְ שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען גֶענוּג גְרִיכִישֶׁע שְׁרַייבֶּערְס וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעחַאפְּט צוּ דִי אַלְטֶע לִיגֶענְס אוּנ הָאבֶּען אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף דִי יוּדֶען בִּלְבּוּלִים, וָואס זֶענֶען נִיט גֶעשְׁטוֹיגֶען אוּנ נִיט גֶעפְלוֹיגֶען. בַּיי יָאזֶעפוּס'ן אִין הַארְץ הָאט שׁוֹין אָבֶּער דֶערְמָאלְט גֶעבְּרֶענְט אַרֶעכְט פַייעֶר פוּן לִיעבֶּע צוּ זַיין פָאלְק אוּנ הָאט וַוייטֶער אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַגְרוֹיס סֵפֶר אִין צְוֵויי טְהֵייל „גֶעגֶען דִי גְרִיכֶען" אָדֶער „גֶעגֶען אַפִּיאָן", וואו עֶר וַוייזְט אוֹיס דִי נִידְרִיגְקַייט פוּן דִי שַׁקְרָנִים אוּנ דִי מַעֲלוֹת פוּן דֶעם גֶעטְרִיבֶּענֶעם אוּנ גֶעשְׁלָאגֶענֶעם פָאלְק. זַיינֶע ווֶערְטֶער הָאבֶּען גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶע ווִירְקוּנְג אוֹיף דִי רֶאמֶער אוּנ פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ מֶעהר צוּ צוּקוּקֶען צוּם יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען אוּנ בִּיסְלֶעכְוַויים טַאקִי אָנְגֶעהמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה.

אַגְרוֹיסֶען רַעַשׁ הָאט אָנְגֶעמַאכְט אִין רוֹם, וֶוען מֶען אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז אַ אֵייגֶענֶער פֶעטֶער פוּן דִי מְלָכִים טִיטוּס אוּנ דָאמִיטְיַאן, דֶער סֶענַאטָאר פְלַאוְויוּס קְלֶעמֶענְס, וָואס אֵיינֶער פוּן זַיינֶע זִיהן הָאט בֶּעדַארְפְט וֶוערֶען קֵייזֶער, הָאט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק לִיעבּ בֶּעקוּמֶען יוּדֶען אַז עֶר ווִיל זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין. מֶען קָאן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיף דִי יוּדֶען, אַז דִי בְּשׂוֹרָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועהן שְׁטַארְק אַלְט אוּנ קְרַאנְק, אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ

בֶּעשְׁלָאסֶען, צוּזַאמֶען מִיט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוּנ רַבִּי עֲקִיבָא, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ זִיךְ אַוֶועק לָאזֶען אוֹיף אַ קְלֵיין שִׁיפֶעל אִיבֶּער דֶעם יַם קֵיין רוֹם אָנְקוּקֶען מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען דֶעם קָרוֹב לְמַלְכוּת, וָואס הָאט בֶּעקוּמֶען אַזַא פֶעסְטֶען רָצוֹן צוּ וָוערֶען אַ בְּרוּדֶער פוּן אָרֶעמֶע פֶערְפָאלְגְטֶע יוּדֶען. נָאךְ פִיעל סַכָּנוֹת אִיז אוֹיךְ דִי פִיער תַּנָאִים גֶערָאטְהֶען אָנְצוּקוּמֶען קֵיין רוֹם אוּנ דָארְט הָאט זֵיי יָאזֶעפוּס פְלַאוִויוּס אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרַיינְדְשַׁאפְט.

אַז דָאס יוּדִישְׁקַייט הָאט שׁוֹין אָנְגֶעשְׁפַּארְט אִין דִי הוֹיכֶע פֶענְסְטֶער אוּנ עֶס הָאט גֶעהַאלְטֶען אַזוֹי וַוייט אַז דֶעם קֵייזֶער'ס אַ פֶעטֶער הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אַוֶועקְוַוארְפֶען דֶעם גָאטְצֶענְדִינֶעסְט אוּנ אִיבֶּערְגֶעהְן צוּם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען, הָאט דִי זַאךְ נִיט גֶעקָאנְט מֶעהר בְּלַייבֶּען קֵיין סוֹד אוּנ קוֹים אִיז דָאמִיטְיָאן דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט'ן גְרֶעסְטֶען אַכְזָרִיוּת אוֹיסְצוּהַרְגֶ'נֶען אַללֶע גֵרִים אוּנ אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע, וָואס אִיז אוֹיף זֵיי נָאר אַ חָשַׁד גֶעפַאללֶען. דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט בֶּעצָאהלְט מִיט'ן לֶעבֶּען פְלַאוִויוּס קְלֶעמֶענְס, וָואס הָאט זִיךְ נָאךְ פַאר'ן טוֹיט מַל גֶעוֶועהן. דֶערְנָאךְ הָאט דֶעם אֵיינֶענֶעם פְּסַק גֶעהַאט עֶפַּאפְרָא־דִיטָאס מִיט אַללֶע זַיינֶע לַייט אוּנ אוֹיךְ יָאזֶעפוּס פְלַאוִויוּס, וָואס הָאט זִיךְ גְרָאד דֶעמָאלְט בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַ נַיי סֵפֶר אִיבֶּער יוּדֶען, אִיז בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ שְׁטַארְבֶּען וִוי אַ קָדוֹשׁ אוּנ בֶּעקוּמֶען אַ כַּפָּרַת עָוֹן פַאר זַיינֶע מַעֲשִׂים פוּן פְרִיהֶר, וָואס זֵייעֶר זְכוּת הָאט אִיהם נִיט גֶעקָאנְט בַּיישְׁטֶעהְן, וֶוען דֶער צָאר'ן פוּנ'ם שׂוֹנֵא הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף אִיהם אוּנ אוֹיף פִיעל אַנְדֶערֶע, וָואס זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען צוּ לִיעבּ דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה.

נִיט לַאנְג אָבֶּער הָאבֶּען גֶעדוֹיעֶרְט דִי גְרוֹיזַאמְקַייטֶען פוּן דָאמִיטְיַאן. עֶר אִיז בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ זַיין יוֹרֵשׁ נֶערְוַוא אִיז גֶעוֶועהן אַזַא גוּטֶער מֶענְשׁ, אַז אִין דֶער קוּרְצֶער צַייט פוּן זַיין מְלוּכָה, וָואס הָאט נִיט מֶעהר גֶעדוֹיעֶרְט וִוי זֶעכְצֶעהן חֳדָשִׁים, הָאט עֶר פֶערְבֶּעסֶערְט אִין גַאנְצֶען דִי לַאגֶע פוּן זַיין פָאלְק אוּנ הָאט אוֹיךְ אִין זִין גֶעהַאט מִיט זַיינֶע חֲסָדִים צוּ בֶּעגְלִיקֶען דִי גֶעדְרִיקְטֶע יוּדֶען. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסֶען מְבַטֵל זַיין דֶעם יוּדִישֶׁען מַס אוּנ דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַזַא רוֹשֶׁם אַז צוּם אָנְדֶענְקוּנְג פוּן דֶעם בֶּעפֶעהל הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע מַטְבֵּעַ מִיט אַ לַאטֵיינִישֶׁער אוֹיפְשְׁרִיפְט אַז „אַללֶע אָנְקְלַאגֶען וֶוענֶען יוּדִישֶׁען מַס זֶענֶען בָּטֵל וּמְבוּטָל".

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר גֶעוֶועהן אַ קוּרְצֶע שַׁיין, וָואס גִיט אַ בְּלִישְׁטְשֶׁע צְוִוישֶׁען אַ פִינְסְטֶערֶען וָואלְקֶענְדִיגֶען טָאג אוּנ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁוַוארְצֶער נַאכְט. נָאךְ נֶערְוָוא'ס טוֹיט אִיז גֶעוָוארֶען קֵייזֶער אוּלְפִּיוּס טְרַאיַאנוּס, אַ מֶענְשׁ וָואס

הָאט גֶעזוּכְט כָּבוֹד אַזוֹי וַוייט, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט צוּגְלַייכֶען צוּ אַלֶכְּסַנְדֶר מוּקְדוֹן. וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִיהם צוּ וֶועניג גֶעוֶועהן אוּנ וָואס הָאט מִיט זַיין גְבוּרָה גֶעוָואלְט אַיין גֶעהמֶען אַלֶע נָאהֶענְטֶע אוּנ וַוייטֶע לֶאנְדֶער. פִיעל אֶרְטֶער אִיז אִיהם נִיט שְׁוֶוער גֶעוֶועהן נוֹבֵר צוּ זַיין נָאר דָארְט וואוּ עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאפֶען אוֹיף יוּדֶען פְלֶעגְט עֶר הָאבֶען גֶענוּג אַרְבַּייט בִּיז עֶר הָאט גֶעקָאנְט מִיט זֵיי פֶערְטִיג וֶוערֶען. אַזוֹי הָאט עֶר, מִיט גְרוֹיס מִיה, נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה, אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאדְט נִיזִיבִּים, וַוייל דִי יוּדִישֶׁע עֵדָה הָאט זִיךְ אַלַאנְגֶע צַייט גֶעוֶועהְרְט אוּנ גֶעוִויזֶען גֶענוּג גְבוּרָה'שַׁאפְט, אוּנ דָאס אֵיינֶענֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהְן אִין אַדְיַבֶּנֶה, וואוּ דֶער מֶלֶךְ מֶנַבַּרְזַפֶּס אוּנ כִּמְעַט דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאבֶען גֶעהֶערְט צוּם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶען. דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת הָאבֶען זִיךְ אֲפִילוּ גֶעעֶנְדִיגְט גוּט פַאר טְרַאיַאנוּס'ן אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אָבְגֶערֶעכֶענְט מִיט דִי יוּדֶען נָאר אוֹיף אַיין אַנְדֶער אוֹיפ'ן, נָאר טַאקִי דָאס אַלֵיין הָאט גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ וָואס דָאס פַייעֶר פוּן דִי מְרִידָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוּנְדֶען אִין אַלֶע אֶרְטֶער, וואוּ דִי יוּדֶען זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָואהְרֶען, אוּנ אוּמֶעדוּם, אִין בָּבֶל, מִצְרַיִם, קִירֶענֶע, לִיבְיֶען אוּנ אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אִינְזֶעל צִיפֶּערְן הָאבֶען זֵיי גֶעמַאכְט יַד אַחַת אַרָאפּ צוּ וַוארְפֶען פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן דִי רָאמֶער. עֶס זֶענֶען אִין גַאנְצֶען עֶרְשְׁט אַוֶועק גֶענַאנְגֶען עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג יָאהְרֶען זַייט מֶען הָאט פֶערְבְּרֶענְט דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט, דֶער וֵויטָאג אִיז נָאךְ גֶעוֶועהְן פְרִישׁ, דִי מַכָּה הָאט נָאךְ גֶעוַוארְט יֶעדֶע מִינוּט אוֹיף אַ רְפוּאָה, בַּיי אַלֶע הָאט גֶעלֶעבְּט דִי הָאפְנוּנְג אַז אָט אָט וֶועט נָאטט וִוידֶער רַחֲמָנוּת הָאבֶען אוֹיף זַיין פֶערְזִינְדִיגְט קִינְד, אוּנ דֶערִיבֶּער זֶענֶען נָאךְ זֶעהר פִיעל יוּנְגֶע לַייט גֶעזֶעסֶען אִין דֶער יְשִׁיבָה אִיבֶּער דֶער תּוֹרָה אוּנ אִין דֶער הֵיים הָאבֶען זֵיי מִיט חֵשֶׁק גֶעלֶערְנְט אוּנ גֶעפְּרוּבְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּענוּטְצֶען מִיט כְּלֵי זַיין אוּנ בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעלֶעגֶענְהֵייט זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶועהְן גְרֵייט זִיךְ צוּ שְׁלָאגֶען פַאר זֵייעֶר פְרַייהֵייט.

דִי הוֹיפְּט פִיהְרֶער פוּן דֶער מְרִידָה, וָואס מֶען הָאט אוֹיף זֵיי דֶער נָאךְ גֶעקוּקְט וִוי אוֹיף דֶעם „שְׁטָאלְץ פוּנ'ם יוּדִישֶׁען פָאלְק“. זֶענֶען גֶעוֶועהְן צְוַויי בְּרִידֶער פוּן אַלֶכְּסַנְדֶר'ן יוּלְיַאנוּס אוּנ פַּאפַּפּוּס, אָדֶער וִוי מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפֶען אוֹיף יוּדִישׁ: שִׁמְעוֹן אוּנ שְׁמַעְיָה; צוּ זֵיי אִיז בַּאלְד צוּגֶעקוּמֶען אַ יוּדִישֶׁער גִבּוֹר פוּן קִירֶענֶע מִיט דֶעם נָאמֶען אַנְדְרֶעאַס אָדֶער לוּקְקַאס. צוּעֶרְשְׁט זֶענֶען דִי יוּדֶען פוּן קִירֶענֶע אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי רָאמֶער אוּנ גְרִיכֶען אוּנ הָאבֶען טַאקִי זֶעהר פִיעל פוּן זֵיי אוּמְגֶעבְּרַאכְט. דָאס אֵיינֶענֶע הָאבֶען זֵיי זִיךְ גֶעטְהוּן אִין אַלֶכְּסַנְדֶר'ן. מֶען רֶעכֶענְט אַז מֶעהר פוּן צְוַויי הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען זֶענֶע

גֶעפַאלֶען, אונ דֶער רֶאמִישֶׁער מוֹשֵׁל לוּפּוּס אִיז נִיט גֶעוֶועהן אִים שְׁטַאנְד זַיי בַּייצוּקוּמֶען. פּוּנְקְט אַזַא שְׁחִיטָה הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעמַאכְט אִין צִיפֶּערְן, וואו זַייעֶר פִיהְרֶער אִיז גֶעוֶועהן אַ גֶעווִיסֶער אַרְטֶעמִיאָן. טְרָאיַאנוּס הָאט פְרִיהֶר גֶעהַאלְטֶען דִי מְרִידָה פַאר אַ קְלֵיינִיגְקַייט, נָאר אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זֶעהר פִיעל חַיִל מִיט צְוֵויי הוֹיפְּט לַייט: מַארְטִיוּס טוּרְבָּא, וָואס הָאט בֶּעדַארְפְט מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִי יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם, קִירֶענֶע אונ צִיפֶּערְן, אונ לוּזִיוּס קְוִויֶעטוּס, וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעוָואלְט מַאכֶען פַאר זַיין יוֹרֵשׁ אונ וָואס אוֹיף אִיהם אִיז גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל אַיינְצוּשְׁטִילֶען דִי מוֹרְדִים אִין אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע אֶרְטֶער. עֶס אִיז גֶענוּג בְּלוּט פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען פֶערְגָאסֶען גֶעוָוארֶען בִּיז דִי רֶאמֶער הָאבֶּען גוֹבֵר גֶעוֶועהן אונ מֶען קָאן זִיךְ נָאר נִיט פָארְשְׁטֶעלֶען דִי עִנוּיִים קָשִׁים וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעטְהוּן דֶערְנָאךְ דִי יוּדֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס אַז זַיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְּרוּבְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיךְ אַרוֹיסְשְׁפְּרִינְגֶען אונ עֶס אִיז זַיי נִיט גֶערָאטְהֶען. דִי אַלְטֶע שׁוּל אִין אַלֶעכְּסַנְדֶער'ן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אֵיינְס פוּן דִי שֶׁאנְסְטֶע בִּנְיָנִים, הָאט מֶען צוּשְׁטֶערְט אונ פוּן דִי יוּדֶען הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ תֵּל, פִיעל פוּן זַיי הָאט מֶען גֶעטֵייטְט, אוֹיסֶער יוּלְיַאנוּס אונ פַּאפּוּס, וֶועלְכֶע מֶען הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין תְּפִיסָה, אונ מֶען הָאט נִיט פֶערְשׁוֹינְט אֲפִילוּ וַוייבֶּער אונ קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אִין צִיפֶּערְן אִיז דֶער הַאס גֶעגֶען דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען אַזוֹי גְרוֹיס, אַז מֶען הָאט זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט צוּ מַאכֶען אַ אוּנְמֶענְשְׁלִיךְ גֶעזֶעץ אַז אַ יוּד טָאר נִיט צוּשְׁווִימֶען דָארְט צוּם בְּרֶעג אֲפִילוּ וֶוען דָאס שִׁיף אִיז צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען אונ עֶר מוּז זִיךְ רַאטֶעוֶוען עֶר זָאל נִיט דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערֶען. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַזוֹי גֶעלִיטֶען אִין דֶער צַייט, אַז דִי סַנְהֶדְרִין הָאבֶּען גֶעמַאכְט אוֹיף דִי צָרוֹת אַ בֶּעזוּנְדֶער טְרוֹיעֶר אונ דִי כַּלוֹת הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲתוּנוֹת זִיךְ צוּ צִירֶען מִיט שֶׁאנֶע קְרֶאנְצֶע.

אוֹיף אַלֶעמֶען קוּמְט אָבֶּער אַ סוֹף אונ טְרַאיַאן הָאט אוֹיךְ גֶעמוּזְט צוּמַאכֶען דִי אוֹיגֶען אֵיידֶער עֶר הָאט זַיין צִיעל דֶערְגְרֵייכְט אונ עֶס אִיז אִיהם נִיט גֶערָאטְהֶען דִי פַּארְטְהִישֶׁע לֶאנְדֶער צוּ אוּנְטֶערְוַוארְפֶען דֶער מַאכְט פוּן רוֹם. דִי צוּשְׁטֶערְטֶע הָאפְנוּנְגֶען אונ דָאס פֶערְשְׁווִינְדֶען פוּנ'ם עֶרְוַוארְטֶעטֶען כָּבוֹד הָאבֶּען אִיהם קְרַאנְק גֶעמַאכְט אונ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין וֶועג אִין צִילִיצְיֶען. אֲפִילוּ זַיין רָצוֹן, אַז זַיין מְלוּכָה זָאל אִיבֶּערְגֶעהן צוּם הוֹיפְּטְמַאנְן קְוִויֶעטוּס, אִיז נִיט עֶרְפִילְט גֶעוָוארֶען: זַיין פַאלְשׁ וַוייבּ פְּלָאטִינַא הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג אַז דֶער לֶעצְטֶער ווִילֶען פוּן אִיהר מַאנְן אִיז גֶעוֶועהן אַז נָאךְ אִיהם זָאל וֶוערֶען קֵייזֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אֶלִיוּס הַאדְרִיַאן, אונ אַזוֹי אִיז עֶס טַאקֵי גֶעבְּלִיבֶּען.

3 די בלוטיגע מלחמה אין דער צייט פון האדריאן.

(110—117 נאך קריסטוס געבורט).

קוים איז מען געוואהר געווארען פון טראיאנ'ס טויט האבען ערשט אללע אונצופרידענע רעבט אויפגעהויבען דעם קאפ! האדריאן איז אבער געוועהן פון די וואס האבען ליעב כבוד נאר זיי ווילען עס זאל זיי גרינג אנקומען, אונ אז ער האט פערשטאנען אז פיהרען די איינענע וועלטען וואס טראיאן איז ניט פאר זיין כח, האט ער אוועק געלעגט דאס גאנצע תקיפות אין אזייט אונ האט זיך דוקא ענטשלאסען צו געהן מיט גוטען. דערצו האט ער נאך געמוזט אבזאגען דעם רוצח קוויעטוס, וואס האט אליין געהאט איין אויג אויף דער קייזערליכער קרוין, אונ דער מיט האט ער זיך געקויפט ליעבשאפט ביי די יודען פון ארץ ישראל, וואס האבען מיט ציטערניש געזעהן וואס פאר א מיתה משונה ער וויל אנטהון די צוויי געפאנגענע הויפט־פיהרער, יוליאנוס אונ פאפוס. קוויעטוס פלעגט זיך אפט מיט זיי רייצען אונ זיי פרעגען מיט א געלעכטער: „נו וואו איז אייער גאטט? אז ער איז יא אזוי שטארק פאר וואס זשע בעפרייעט ער אייך ניט פון מיינע הענד?" נאר דארויף פלעגען זיי איהם געבען א קלארע תשובה אונ זאגען: אז גאט רעכענט איהם נאר ווי א קנעכט פון א אלטערן אונ וויל ניט צו ליעב אזא קליין מענשעל בעווייזען א נס. נאך אזעלכע רייד האבען זיי שוין ניט געקאנט ווארטען אויף קוויעטוס'ס רחמנות; נאר פונקט אין דער מינוט ווען זיי האבען זיך שוין גאר אין גאנצען מכין געוועהן צום טויט איז אנגעקומען דער בעפעהל מען זאל ביי קוויעטוס'ן צונעהמען די מאכט. דאס איז געשעהן דעם צוועלפטען אדר אונ ביי די יודען איז דער אנדיינקונג פון די צוויי ברידער אזוי טהייער געוועהן אז זיי פלעגען אללע יאהר דערמאנען די ישועה מיט א יום טוב, וואס זיי האבען איהם גערופען „טראיאן־טאג".

אז די יודען האבען בעמערקט מיט וועמען זיי האבען צו טהון, האבען זיי פשוט אהן קונצען אויפגעקלעהרט דעם קייזער האדריאן, אז ער קאן רעכענען אויף זייער איבערגעבענהייט נאר דעמאלט, ווען זייער פערוויסט לאנד וועט קומען אויפ'ן פריהריגען שטאנד אונ זיי וועלען מעהר ניט האבען פאר וואס שנאה צו טראגען אויף די רוימער. האדריאן האט זיך מיישב געוועהן אז עס איז טאקי אפשר גלייכער צו זיצען רוהיג אונ האט זיי צוגעזאגט נאך אמאל אויסצובויען ירושלים אונ ער האט אויך ווארט געהאלטען. דעם בעריהמטען איבערזעצער פון

דֶער תּוֹרָה אַקוּלַס הָאט עֶר גֶעמַאכְט פַאר אַיין אוֹיפְזֶעהֶער אִיבֶּער דֶער אַרְבֵּייט אִין דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאדְט אוּנ דִי צְוֵויי בְּרִידֶער, יוּלְיַאנוּס אוּנ פַּאפְּפוּס הָאבֶּען גֶעאַרְבֵּייט מִיט אַלְלֶע כֹּחוֹת, עֶס זָאלְלֶען נִיט פֶעהְלֶען קֵיין מִיטֶעל אוֹיף דִי נֶעטְהִיגֶע בִּנְיָנִים, וָואס הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט יְרוּשָׁלַיִם אוּמְקֶעהְרֶען אִיהר שֶׁאנְקֵייט אוּנ גְרוֹיס-קֵייט. נְדָבוֹת הָאבֶּען זִיךְ גֶעשִׁיט פוּן אַלְלֶע זַייטֶען אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט שְׁטֶעלֶען אִין אַנְטְיָאכְיֶען אוּנ עַכּוֹ חַלְפָנִים. זַיי זָאלֶען אוֹיסְבַּייטֶען דִי פֶערְ-שִׁידֶענֶע מַטְבֵּעוֹת וָואס פְלֶעגֶען אַלְלֶע טָאג אָנְקוּמֶען פוּן וַוייטֶע אוּנ נָאהֶענְטֶע בְּרִידֶער. דָאס הָאט אָבֶּער פֶערְדְרָאסֶען דִי אַנְדֶערֶע כִּתּוֹת אוּנ נָאךְ מֶעהר דִי שׁוֹמְרוֹנִים, וָואס הָאבֶּען נִיט פֶערְגֶעסֶען זֵייעֶר אַלְטֶע טֶבַע צוּ גֶעהן מִיט רְכִילוֹת, אוּנ הָאבֶּען דָאס מָאל אוֹיךְ אָנְגֶעטְרָאגֶען אִין דִי אוֹיעֶרן פוּן הַאדְרִיַאן, אַז דִי יוּדֶען מֵיינֶען נִיט גְלַאט נָאטְט צוּ דִיעֶנֶען אִין אַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נָאר זֵיי ווִילֶען טַאקִי אַז דִי רֶאמֶער זָאלֶען בַּיי זֵיי גָאר קֵיין שְׁלִיטָה נִיט הָאבֶּען. דִי מְסִירָה אִיז הַאדְרִיַאנ'ן גוּט אִין קָאפּ אַרַיינְגֶעקְרָאכֶען. עֶר הָאט אָבֶּער מוֹרָא גֶעהַאט מְשַׁנֶּה צוּ זַיין אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהן צוּרִיק אוּנ אַ בֶּעפֶעהל אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען מֶען זָאל דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִיט צוּרִיקְשְׁטֶעלְלֶען אוֹיפ'ן פְרִיהֶרִינֶען אָרְט, אוּנ אַז אִין יְרוּשָׁלַיִם זָאלֶען גְרֶאסְטֶענְטְהֵיילְס וָואהנֶען גָאטְצֶענְדִיעֶנֶער.

דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפִּיהלְט שׁוֹין שְׁטַארְק נָאהֶענְט צוּ זֵייעֶר צִיעל אוּנ דֶערְפַאר הָאט זֵיי נָאךְ מֶעהר פַארְדְרָאסֶען דָאס וָואס הַאדְרִיַאן הָאט גֶעוָואלְט וֶוערֶען אוֹיס וָוארְטְס-מַאנְן. זֶעהר פִיעל יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין דֶער צֵייט פֶערְזַאמֶעלְט אִין בֵּית־רִמּוֹן אוּנ אִין עֵמֶק יִזְרְעֶאל אוּנ זֵיי זֶענֶען אַלְלֶע פֶערְטִיג גֶעוֶועזֶען אַרוֹיסְצוּשְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶען דֶער רֶאמִישֶׁער מְלוּכָה, נָאר עֶס הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ דֶערְמָאלְט גֶעפוּנֶען נִיט וֶוענִיג רוּהִיגֶע אוּנ בֶּעטְרַאכְטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען פֵיינְד גֶעהַאט דִי מְרִידָה אוּנ הָאבֶּען גֶעזוּכְט אַלְלֶע מִיטֶעל אַיינְצוּהַאלְטֶען דֶעם עוֹלָם. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט בֶּעפֶעסְטִינְט דֶעם שָׁלוֹם צְווִישֶׁען יוּדֶען אוּנ גָאטְצֶענְדִיעֶנֶער, רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, וָואס הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אָנְצוּוַויזֶען אַז אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע פֶאלְקֶער גֶעפִינֶען זִיךְ גוּטֶע אוּנ אָרֶענְטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען, אוּנ פוּן אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען דָאס גְלוֹיבֶּען, אַז „חֲסִידֵי אוּמּוֹת הָעוֹלָם יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא". אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט צוּ בְּרֶענֶען דָאס פַייעֶר, הָאט מֶען צוּ ווִיסֶען גֶעגֶעבֶּען רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ'ן אוּנ עֶר אִיז צוּ פְלַייס גֶעקוּמֶען צוּ שְׁטִילֶען דִי צוּרֵייצְטֶע, אוּנ זַיי גֶעבֶּען פַארְשְׁטֶעהן דִי אֱמֶת'ע לַאגֶע פוּנ'ם פָאלְק, אַז מֶען דַארְף נִיט פְלִיהֶען צוּ הוֹיךְ אוּנ זִיךְ בֶּעגְנִינֶען מִיט דֶעם וָואס מֶען גִיבְּט. עֶר הָאט דֶעם עוֹלָם דֶערְצֶעהלְט אַ מָשָׁל פוּן אַ לֵייבּ, וָואס אַ בִּיסֶען אִיז אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעקֶען אִין הַאלְז אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אִין אַגְרוֹיסֶע סַכָּנָה

הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט גְלִיקְלִיךְ צוּ מַאכֶען דֶעם וָואס וֶועט אִיהם הֶעלְפֶען. בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ פוֹיגֶעל מִיט אַ לַאנְגֶען שְׁנָאבֶּעל וָואס הָאט גֶעוָואלְט זַיין דֶער גוּטֶער שְׁלִיחַ. דֶעם פוֹיגֶעל אִיז דִי זַאךְ גֶערָאטְהֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדְט צוּם לֵייבּ בֶּעטֶען זַיין שְׂכַר. דֶער לֵייבּ הָאט אִיהם אָבֶּער שׁוֹין נָאר נִיט דֶערְקָאנְט אוּנ הָאט נָאךְ אִיהם מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר מֶאג טַאקִי גוֹמֵל בֶּענְשֶׁען וָואס זַיין קָאפּ הָאט גֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִיהם צְווִישֶׁען דִי צֶאהן אוּנ אִיז גַאנְץ גֶעבְּלִיבֶּען...אַזוֹי מֶאגֶען מִיר זִיךְ שֶׁאטְצֶען גְלִיקְלִיךְ – הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גֶעזָאגְט – וָואס דִי רֶאמֶער זֶענֶען חָאטְשִׁי נִיט גֶעוֶועהן קֵיין קְלֶענֶערֶע בַּעֲלֵי יֹשֶׁר גֶעגֶען אוּנְז וִוי דֶער לֵייבּ. דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאבֶּען גֶעהַאט אַ ווִירְקוּנְג אוֹיף אַ קְלֵיינֶע צַייט אוּנ אַז הַאדְרִיַאן הָאט בֶּעמֶערְקְט אַז עֶס אִיז שְׁטִיל, הָאט עֶר גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ נִיט שְׁרֶעקֶען. וֶוער רֶעדְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ מֶען הָאט אִיהם לְפָנִים זֶעהר פְרַיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעווִיס נִיט גֶעקָאנְט רֶעכְטֶען אַז דִי יוּדֶען דְרִימְלֶען נִיט אוּנ אַרְבֵּייטֶען דִי מְרִידָה שְׁטִיל. זֵיי הָאבֶּען טַאקִי אַלֶּע זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת אַוֶועק גֶעלֶעגְט אוּנ גֶעגְרָאבֶּען הֵיילֶען אוּנ גֶאנְג אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען וואוּ זִיךְ דִי הֶאנְד צוּ פִיהרֶען מִיט'ן שׂוֹנֵא. דִי יוּדִישֶׁע אַרְבֵּייטֶער וָואס הָאבֶּען גֶעמַאכְט פַאר דִי רֶאמֶער כְּלֵי זַיִן, הָאבֶּען גוּט אִין זִין גֶעהַאט אַז מֶען וֶועט דָאס גֶעוֶועהר בֶּענוּטְצֶען טַאקִי גֶעגֶען זֵיי אוּנ הָאבֶּען עֶס קַאלְיֶע גֶעמַאכְט. רַבִּי עֲקִיבָא, וָואס אִיז נָאךְ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ'ס טוֹיט גֶעוָוארֶען דֶער אֵיינְצִיגֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן זַיין פָאלְק, הָאט גֶעהַאלְטֶען אַז דִי יוּדֶען מוּזֶען זִיךְ בֶּעפְרַייעֶן אוּנ אַז דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁטִיקֶעל הַתְחָלָה פוּן דֶער יְשׁוּעָה, אוּנ דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיךְ בְּסֵתֶר אוֹיפְגֶעמוּנְטֶערְט דֶעם עוֹלָם אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעפוֹילְט אֲפִילוּ צוּ פָאהרֶען גַאנְץ וַוייט צוּ דִי יוּדֶען פוּן קְלֵיין־אַזְיֶען אוּנ דִי פַארְטְהִישֶׁע לֶאנְדֶער אוּנ הָאט זֵיי אוֹיךְ צוּגֶערֶעדְט זֵיי זָאלֶען בֶּעטְרַאכְטֶען דִי מְרִידָה גֶעגֶען רוֹם ווִי אַ אָנְהֵייבּ פוּן דֶער בֶּעפְרַייהוּנְג פוּנ'ם גַאנְצֶען פָאלְק.

הַאדְרִיַאנ'ן אִיז אֲפִילוּ אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה נִיט גֶעקוּמֶען אַז גָאר נִיךְ וֶועט זִיךְ אִין זַיין מְדִינָה צוּפְלַאקֶערן אַ גְרוֹיס פַייעֶר פוּן מְרִידָה. דִי יוּדֶען זֶענֶען דֶערְוַוייל שׁוֹין גֶעוֶועהן פֶערְטִיג אָנְצוּהֵייבֶּען אַ רֶעכְטֶע מִלְחָמָה. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעוָוארְנְט מִיט גֶעוֶועהר אוּנ לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל אוּנ זֶענֶען גֶעוֶועהן אוֹיךְ פֶערְזָארְגְט מִיט מַנְהִיגִים פוּן דִי גְרֶאסְטֶע חֲשׁוּבִים בַּיי'ם פָאלְק. זֵיי הָאבֶּען נָאר גֶעוַוארְט אוֹיף דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעלֶעגֶענְהַייט, אוּנ אַז עֶס אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעקוּמֶען אַ עֶרְד־צִיטֶערְנִישׁ אוּנ הָאט צוּ־שְׁטֶערְט דִי צְווֵיי שְׁטֶאדְט צֶעזַארֶעאַ, וואוּ דֶער רָאמִישֶׁער מוֹשֵׁל הָאט גֶעוואוֹהנְט

אֶת עֶמְאוּס, וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען וָועדר פִיעל רֶאמִישׁ חַיִל, הָאבֶּען דִי יוּדֶען אִין דֶעם גֶעוָועהְן אַצַייכֶען פוּנ׳ם הִימֶעל אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפֶּען אַרוֹיס צוּטְרֶעטֶען גֶעגֶען שׂוֹנֵא.

דֶער הוֹיפְּט פִיהְרֶער פוּן דֶער מְרִידָה אִיז גֶעוָועהְן אַ גְרוֹיסֶער יוּדִישֶׁער גִבּוֹר בַּר־כּוֹכְבָא, וָואס הָאט אִין זִיךְ גֶעפִיהְלְט גֶענוּג כֹּחַ צוּ נֶעהמֶען אוֹיף זִיךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע אַרְבֵּייט, אוּנ הָאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת אָנְגֶעטְהוּן דִי רֶאמֶער. פוּן זַיינֶע קִינְדֶערְ׳שֶׁע יָאהְרֶען ווייס מֶען כִּמְעַט גָאר נִיט, נָאר דָאס אִיז בֶּעקַאנְט אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען בַּר־כּוֹזִיבָא, נָאךְ דֶעם נָאהמֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט כְּזִיב, וואוּ עֶר אִיז אוֹיס־גֶעוַואקְסֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ דֶעם צוּנָאהמֶען „כּוֹכְבָא" הָאט עֶר בֶּעקוּמֶען פוּן רַבִּי עֲקִיבָא׳ן, וָואס הָאט אִיהם אָנְגֶענוּמֶען פַאר׳ן מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט, אַז אוֹיף אִיהם וַוייזְט דֶער פָּסוּק „דָרַךְ כּוֹכָב מִיַעֲקֹב". רַבִּי עֲקִיבָא הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיעבּ גֶעהַאט זַיין פָאלְק אַז עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אָבְּזָאגֶען פוּן דֶער הָאפְנוּנְג צוּ זֶעהְן דִי גְאוּלָה מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, אַז אוֹיף בַּר־כּוֹכְבָא אִיז טַאקִי גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל צוּ בֶּעפְרַייֶען זַיינֶע בְּרִידֶער אוּנ זֵיי צוּרִיק גֶעבֶּען דִי פֶערְלָארֶענֶע מַאכְט. אוּמְזִיסְט הָאט רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן תּוֹרְתָּא זִיךְ גֶעמִיהְט אִיהם עֶפְנֶען דִי אוֹיגֶען אוּנ בֶּעוַוייזֶען אַז עֶר נַארְט זִיךְ. רַבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי זַיינֶעם, אוּנ צוּזַאמֶען מִיט אִיהם הָאט דָאס גַאנְצֶע פָאלְק גֶעקוּקְט אוֹיף בַּר־כּוֹכְבָא וִוי אוֹיף מְשִׁיחַ׳ן. פוּן אַלֶע לֶענְדֶער הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעצוֹיגֶען צוּ זַייעֶר בֶּעפְרַייעֶר, אֲפִילוּ דִי שׁוֹמְרוֹנִים אוּנ אוּנ־צוּפְרִידֶענֶע נַאטְצֶיענְדִיעגֶער הָאבֶּען אִיהם גֶעהָאלְפֶען, אוּנ וֶועדְלִיג מֶען רֶעכֶענְט, הָאט עֶר גֶעהַאט מֶעהר וִוי אַהַאלְבּ מִילְיָאן חַיִל. בַּר־כּוֹכְבָא אִיז בַּיי זִיךְ גֶע־וָועהְן אַזוֹי פֶעסְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל עֶרְלוֹיבְּט צוּ זָאגֶען: „אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אוּנְז, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נִיט הֶעלְפֶען, הֶעלְף וֶושֶׁע חָאטְשׁ נִיט אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים, וָועלֶען מִיר שׁוֹין קֶאנֶען אַלֵיין אוּנְזֶער לַאנְד בֶּעפְרַייעֶן".

גֶעגֶען אַזַא גְרוֹיסֶע מַחֲנֶה הָאט דֶער מוֹשֵׁל פוּן יְהוּדָה טִינֵייאוּס רוּפוּס, אָדֶער וִוי דִי יוּדֶען פְלֶעגֶען אִיהם רוּפֶען טוֹרַנוּס רוּפוּס, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער טִירַאן, גָאר נִיט גֶעקְלֶעקְט מִיט זַיין בִּיסֶעלֶע חַיִל, אוּנ נָאר אִין אַקְלֵיינֶע צַייט, נָאךְ וֶוענִיגֶער וִוי אַיָאהר, הָאט בַּר־כּוֹכְבָא אַיינְגֶענוּמֶען כִּמְעַט פוּנְפְצִיג פֶעסְטוּנְגֶען. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט זִיךְ הַאדְרִיַאן נִיט גֶעמַאכְט דֶערְפוּן, נָאר אַז עֶר הָאט דֶערְזֶועהְן אַז דִי יוּדֶען שְׁפִּיעלֶען זִיךְ טַאקִי נִיט מִיט אִיהם, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען פוּן אַלֶע זַייטֶען צוּנוֹיפְצוּצִיהֶען חַיִל אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט צְווֵיי הוֹיפְּט־לַייט, פּוּבְּלִיוּס מַארְצֶעלְלוּס אוּנ לָאלִיוּס אוּרְבִּיצִיוּס, וָואס הָאבֶּען

אָבֶער אויך גֶעהַאט דֶעם אֵיינֶענֶעם פְּסַק וִוי רוּפוּס.

נָאך אַזַא נִצָחוֹן הָאבֶּען די יוּדֶען גֶעהַאט די בֶּעסְטֶע אִיבֶּערְצֵייגוּנְג, אַז זֵייא וָועלֶען אוֹיפְגֶערֶעכְט וָוערֶען אוּנ בַּיי בַּר־כּוֹכָב׳ן אַלֵיין אִיז גָאר אִין דֶעם קַיין סָפֵק נִיט גֶעוָועהן אוּנ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלָאזְט טַאבֶּען מַטְבְּעוֹת מִיט זַיין נָאהמֶען אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט וַוארְטֶען אוֹיף אַ סוֹף. די גֶעפַאנְגֶענֶע רָאמֶער, וָואס זֶענֶען אַריינְגֶעפַאלֶען צוּ זֵיי אִין די הֶאנְד אַריין, הָאבֶּען זֵיי בֶּעהַאנְדֶעלְט מִיט יוֹשֶׁר, נָאר די יוּדֶען־קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זֵיי בֶּעשְׁטְרָאפְט, ווייל דוּרְך דֶעם וָואס זֵיי זַיינֶען אִין דֶער מִלְחָמָה גֶעשְׁטַאנֶען אָן אַ זַייט הָאט מֶען זֵיי גֶעהַאלְטֶען פַאר מוֹסְרִים, אוּנ דֶעמָאלְט הָאבֶּען די סַנְהֶדְרִין גֶעמַאכְט אַז בַּיי׳ם דַאוָונֶען זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגֶען דֶעם שֵׁם הַוַי״ה, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ חִלּוּק צְווִישֶׁען די יוּדֶען אוּנ די קְרִיסְטֶען, וָועלְכֶע הָאבֶּען דֶעם גְרִינְדֶער פוּן זֵייעֶר רֶעלִיגְיָאן אוֹיך גֶערוּפֶען מִיט דֶעם נָאהמֶען „אֲדֹנָי״.

אַזוֹי הָאט זִיך די מִלְחָמָה גֶעצוֹיגֶען כִּמְעַט צְווֵיי יָאהר אוּנ דָאס גַאנְצֶע חַיִל וָואס הַאדְרִיאַן הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט, אִיז גֶעפַאלֶען וִוי שְׁטְרוֹי. אַז הַאדְרִיאַן הָאט אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אַז עֶס אִיז זֶעהר גֶעפֶאהְרְלִיך, הָאט עֶר זִיך עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ מַאכֶען נָאך די לֶעצְטֶע פְּרִיוו אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען די מִלְחָמָה אֵיינֶעם פוּן די שְׁטַארְקְסְטֶע אוּנ די קְלִינְגְסְטֶע הוֹיפְטְלַייט, יוּלְיוּס סֶעוֶוערוּס, וָואס הָאט שׁוֹין נִיט אֵיינְמָאל אַרוֹיסְגֶעוויזֶען זַיין בְּרִיָה׳שַׁאפְט. אַז סֶעוֶוערוּס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיפ׳ן פְּלַאץ פוּן דֶער מִלְחָמָה, הָאט עֶר בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מִיט שְׁלָאגֶען זִיך וָועט עֶר גָאר נִיט אוֹיסְפִיהרֶען אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען נָאר וַוארְטֶען אוּנ שְׁטִילֶערְהֵייט צוּנֶעהמֶען בַּיי די יוּדֶען יֶעדֶע מֶעגְלִיכְקַייט צוּ בֶּעקוּמֶען לֶעבֶּענְס־מִיטֶעל. אַזוֹי הָאט עֶר טַאקִי גֶעטְהוּן; עֶס הָאט אַפִילוּ לַאנְגֶער גֶעדוֹיעֶרְט, דֶערפַאר אִיז אִיהם אָבֶער גֶעראָטְהֶען אַרוּמְצוּרִינְגְלֶען די יוּדֶען אוּנ זֵיי מוּטְשֶׁען מִיט הוּנְגֶער אוּנ דָארְשְׁט. עֶס פַארְשְׁטֶעהט זִיך אַז די יוּדֶען הָאבֶּען נִיט גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ עֶס זֶענֶען גֶענוּג קָרְבָּנוֹת גֶעפַאלֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען, נָאר קַיין זִיכֶערֶע יְדִיעוֹת פוּן יֶענֶער צַייט זֶענֶען נִיט גֶעבְּלִיבֶּען. מֶען ווייסְט נָאר אַז בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט סֶעוֶוערוּס אוֹיסְגֶערוּקְט די יוּדֶען פוּן אַלֶע פֶעסְטוּנְגֶען אוּנ בַּר־כּוֹכְבָא מִיט זַיינֶע לַייט הָאט זִיך פֶערְשְׁלָאסֶען אִין בֵּיתָר, וָואס אִיז גֶעוָועהן אֵיינֶע פוּן די נַייעֶ פֶעסְטוּנְגֶען אוּנ אִיז גֶעלֶעגֶען נִיט וַוייט פוּנ׳ם יַם.

אַ קַיילֶעכְדִיג יָאהר הָאט גֶעדוֹיעֶרְט די בֶּעלַאגֶערוּנְג פוּן בֵּיתָר, וָואס הָאט גֶעהַאט גֶענוּג וַואסֶער אוּנ עֶסֶענְוַוארְג אוּנ הָאט זִיך גֶעקֶענְט לַאנְג הַאלְטֶען. וִוי אַזוֹי סֶעוֶוערוּס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען בֵּיתָר, זֶענֶען דָא פֶערְשִׁידֶענֶע דֵעוֹת. אַ טְהֵייל זָאגֶען אַז צְווֵיי שׁוֹמְרוֹנִים, מְנַשֶּׁה אוּנ אֶפְרַיִם, הָאבֶּען אָנְגֶעוויזֶען די רָאמֶער אַלֶע

פֶֿערְבָּארְגֶענֶע גָאנְג אוּנְטֶער דֶער עֶרְד; פִיעל אָבֶּער מֵיינֶען אַז סֶעוֶוערוּס הָאט בֶּעקוּמֶען אַ מִיטֶעל אָבְּצוּצִיהֶען דָאס וַואסֶער פוּנ׳ם טַייךְ אוּנ דִי אַנְוואוֹהנֶער הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט וָואס צוּ טְרִינְקֶען; אַנְדָערֶע ווִידֶער דֶערְצֶעהלֶען וֶועגֶען דֶעם אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אִין בֵּיתָּר הָאט גֶעוואוֹהנְט בַּר־כּוֹכְבָא׳ס אַקָרוֹב, רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי, וֶועהר אַ פְרוּמֶער אוּנ אַ אָנְגֶעזֶעהֶענֶער תַּנָא, וָואס הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן דֶער בֶּעלַאגֶערוּנְג נָאר גֶעפַאסְט אוּנ תְּפִלָּה גֶעטְהוּן. אַז סֶעוֶוערוּס הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי יוּדֶען שְׁטֶעהֶען אַזוֹי פֶעסְט, הָאט עֶר זִיךְ נָאר אִין גַאנְצֶען מְיָאֵשׁ גֶעוֶועהן פוּן בֵּיתָּר אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אָבְּטְרֶעטֶען נוּר אֵיינֶער פוּן דִי שֹׁמְרוֹנִים הָאט אִיהם אָבֶּער מְגַלֶּה גֶעוֶועהן דֶעם סוֹד, אַז דִי פֶעסְטוּנְג הַאלְט זִיךְ נָאר צוּ לִיעבּ רַבִּי אֶלְעָזָר׳ס פְרוּמְקַייט, אוּנ הָאט זִיךְ טַאקִי אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ וַוארְפֶען אוֹיף אִיהם אַ חְשַׁד אוּנ אָנְמַאכֶען אַ טוּמֶעל אִין שְׁטָאדְט. עֶר הָאט זִיךְ טַאקִי אַרַיינְגֶעגַנְבֶ׳ט אוּנ אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר׳ן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פֶערְטִיעפְט אִין דִי תְּפִלּוֹת אוּנ הָאט אִיהם עֶפֶּעס אַזוֹי וִוי אַ סוֹד אַיינְגֶערוּימְט אִין אוֹיעֶר. מִן הַסְּתָם הָאט עֶר עֶס אַזוֹי גֶעטְהוּן אַז אַנְדֶערֶע זָאלֶען עֶס בֶּעמֶערְקֶען אוּנ מֶען הָאט בַּאלְד דֶערְפוּן צוּ ווִיסֶען גֶעטְהוּן בַּר־כּוֹכְבָא׳ן. דֶער שֹׁמְרוֹנִי הָאט זִיךְ אִימִיסְטֶען גֶעלָאזְט הַאפֶּען אוּנ, אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט רַבִּי אֶלְעָזָר׳ן, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: „וִוי בַּאלְד אִיךְ וֶועל אוֹיפְדֶעקֶען דֶעם אֱמֶת, וֶועלֶען מִיךְ מַיינֶע לַייט טוֹיטֶען, וֶועל אִיךְ לֵייקֶענֶען, וֶועט אִיהר מִיךְ דֶערְהַרְגֶענֶען, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ בֶּעסֶער שְׁטַארְבֶּען דוּרְךְ אַיירֶע הֶאנְד אוּנ נִיט פַאלְשׁ בְּלַייבֶּען דִי וָואס הָאבֶּען מִיךְ גֶעשִׁיקְט". נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד, הָאט בַּר־כּוֹכְבָא גֶעשִׁיקְט רוּפֶען רַבִּי אֶלְעָזָר׳ן אוּנ אַז דֶער שְׁלַאפֶער זָקֵן הָאט גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז עֶר ווֵייסְט פוּן קֵיין זַאךְ נִיט, אִיז בַּר־כּוֹכְבָא אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט אִיהם מִיט׳ן פוּס אַזַא שְׁטַארְקֶען קְלַאפּ גֶעטְהוּן, אַז עֶר אִיז אוּמְגֶעפַאלֶען טוֹיט. דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ בַּת קוֹל, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגֶען: „דֶערְפַאר וָואס דוּ הָאסְט דֶערְשְׁלָאגֶען דִי רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּנ זַיין אוֹיג בְּלִינְד גֶעמַאכְט, וֶועט אוֹיךְ דַיין הַאנְד גֶעלֶעהמְט וֶוערֶען אוּנ דַיין אוֹיג וֶועט אוֹיפְהֶערֶען צוּ זֶעהן". נָאךְ רַבִּי אֶלְעָזָר׳ס טוֹיט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען דִי אַיינְוואוֹהנֶער פוּן בֵּיתָּר אַ אִינְוֶוענִינְסְטֶער קְרִיעג אוּנ דִי פֶעסְטוּנְג אִיז גֶעפַאלֶען פוּנְקְט אִין דֶעם אֵיינֶענֶעם טָאג, וָואס יְרוּשָׁלַיִם אִיז, צוּרִיק מִיט פִינְף אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר, חָרֵב גֶעוָוארֶען. בַּר־כּוֹכְבָא׳ן הָאט מֶען גֶעפוּנֶען טוֹיט אוּנ דִי רָאמֶער הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז טַאקִי נָאר אֵיין נָאטֶער הָאט אִיהם גֶעטֵייטְט, ווַייל מֶענְשֶׁען אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶועזֶען אִיהם בַּייצוּקוּמֶען.

נָאךְ דֶער צוּשְׁטֶערוּנְג פוּן בֵּיתָּר, זֶענֶען זִיךְ פִיעל יוּדֶען צוּלָאפֶען אוּנ סֶעוֶוערוּס

הָאט צוּשְׁטֶעלְט זַײן חַיִל אִין אַסַך אֶרְטֶער מֶען זָאל חַאפֶּען דִי אַנְטְלָאפֶענֶע. פִיעל פוּן זֵײ זֶענֶען טַאקִי אַרַײנְגֶעפַאלֶען אִין דֶעם שׂוֹנֵא׳ס הֶאנְד אוּנ מֶען הָאט זֵײ פֶּערְקױפְט פַאר קְנֶעכְט. דִי אִיבֶּערִיגֶע, וָואס עֶס אִיז זֵײ גֶערָאטְהֶען זִיךְ צוּ בֶּעהַאלְטֶען אִין הֵײלֶען, הָאבֶּען אַזױ גֶעמוּזְט אױסְגֶעהן פַאר הוּנְגֶער אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערצוּ אַז זֵײ הָאבֶּען אָנְגֶעהױבֶּען צוּ עֶסֶען דָאס פְלֵײשׁ פוּן מֵתִים. זֵײ הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט פַאר יֶעדֶען שָׁארְךְ אוּנ אֵײנְמָאל זֶענֶען פִיעל פוּן זֵײ אוּמְגֶעקוּמֶען צוּ לִיעב דֶעם וָואס עֶטְלִיכֶע הָאט זִיךְ פֶּערְגְלוּסְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אָנְצוּטְהוּן שִׁיךְ מִיט צְװֶעקֶעס; אַז מֶען הָאט דֶערְהֶערְט וִוי מֶען גֶעהט עֶפֶּעס אַזױ שְׁטַארְק אוּנ מֶען קְלַאפְּט, הָאט מֶען גֶעמֵײנְט אַז דִי רָאמֶער זֶענֶען פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעפַאלֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁטַארְק שְׁטוּפֶּענֶעשׁ אוּנ אִין עֶנְגְשַׁאפְט הָאט מֶען אַסַךְ יוּדֶען דֶערְדְרִיקְט. דֶער פוּן אִיז נָאךְ דֶעם אַרוֹיס אַ אִסוּר מֶען זָאל אוּם שַׁבָּת נִיט טְרָאגֶען קֵײן שִׁיךְ מִיט צְװֶעקֶעס עֶסֶען מֶענְשֶׁען־פְלֵײשׁ אִיז בַּײ זֵײ גֶעוָוארֶען גָאר אַ גֶעוֶוהנְלִיכֶע זַאךְ אוּנ אַזױ וִוי טוֹיטֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּג גֶעוַואלְגֶערְט אוֹיף דִי פֶעלְדֶער, פְלֶעגֶען זֵײ נִיט אֵײן מָאל שְׁטִילֶען זֵײעֶר הוּנְגֶער דוּרְךְ אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶען אוֹפֶן, אוּנ אַזױ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וָואס אַ זוּהן הָאט צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע גֶעגֶעסֶען דָאס פְלֵײשׁ פוּן זַײן אֵײגֶענֶעם פָאטֶער, אוּנ אַז עֶר אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען דֶערְפוּן, אִיז עֶר פַאר צָרוֹת אַרָאבּ פוּן זִינֶען. נָאר אֲפִילוּ אַזַא בִּיטֶער לֶעבֶּען הָאבֶּען דִי רָאמֶער נִיט פֶּערְגוּנֶען דִי יוּדֶען: מֶען הָאט פִיעל פוּן זֵײ אַרוֹיסְגֶענַארְט פוּן זֵײעֶרֶע בֶּעהֶאלְטֶענִישֶׁען, מֶען הָאט זֵײ צוּגֶעזָאגְט מוֹחֵל צוּ זַײן אוּנ נָאךְ דֶעם הָאט מֶען זֵײ דֶערְהַרְגֶ׳ט. גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען נָאר גֶעוֶועהן דִי וָואס הָאבֶּען זִיךְ צוּגֶעשְׁלָאגֶען קֵײן אַרַאבְּיֶען אוּנ צוּ דֶער גֶעגֶענְד פוּן פְּרָת. דִי רֶאמִישֶׁע מְלוּכָה הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועהן אִין אַלֶע יוּדֶען, זִי הָאט אוֹיף זֵײ אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט דִי גְרֶעסְטֶע נְתִינוֹת אוּנ אַ שְׁטַארְקֶער טְרוֹיעֶר הָאט בֶּעדֶעקְט דָאס גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען. צוּם זֵכֶר פוּן דֶער נֵײעֶר מַפָּלָה הָאבֶּען דִי יוּדֶען אַײנְגֶעפִירְט אַז בַּײ דִי חֲתוּנוֹת זָאל מֶען דִי כַּלוֹת מֶעהר נִיט טְרָאגֶען צוּם חָתָן אַהֵײם אוֹיף טַהײעֶרֶע שְׁטוּהלֶען, וִוי דֶער מִנְהָג אִיז פְרִיהֶר גֶעוֶועהן. דִי יוּדֶען הָאבֶּען טַאקִי גֶעפִיהלְט אַז זֵײ הָאבֶּען אוֹיף וָואס צוּ טְרוֹיעֶר׳ן, וַוײל הַאדְרִיַאן הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען פַאר זֵײ גַאנְץ בֶּעזוּנְדֶערֶע גֶעזֶעצֶע, וָואס זָאלֶען זֵײ כֶּערְאוּמֶער׳ן דָאס לֶעבֶּען אוּנ אוֹיסְרַײסֶען מִיט׳ן וָוארְצֶעל דָאס יוּדִישְׁקַײט, אוּנ צוּ לִיעב דֶעם הָאט עֶר נָאךְ אֵײן מָאל אַרָאבְּגֶעשִׁיקְט קֵײן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם מוֹשֵׁל רוּפוּס, וָואס הָאט גוּט גֶעקָאנְט דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אִים שְׁטַאנְד אוֹיף זֵײ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבֶּען.

הַאדְרִיאַן הָאט זִיךְ אִין גַאנְצֶען גֶענוּמֶען אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ פוּן אַנְטִיָאכוּס עֶפִּי־פַאנֶעס אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל מַאכֶען אַתֵּל פוּן אַלְדִינְג וָואס עֶס אִיז הֵיילִינְג בַּיי יוּדֶען. עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען בֶּעשְׁטְרָאפֶען אֲפִילוּ מִיט'ן טוֹיט דִי יוּדֶען וָואס וֶועלֶען אָבְּהִיטֶען שַׁבָּת, מַל זַיין דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען תּוֹרָה, דַאוְונֶען, לֵייגֶען תְּפִלִּין, אָדֶער זִיךְ הַאלְטֶען זָאגַאר אִין קְלֶענֶערֶע מִצְוֹת אוּנ מִנְהָגִים. דִי אֶרְטֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, וואוּ דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעוָואלְט אוֹיסְבּוֹיעֶן דִי טְהַייעֶרֶע בִּנְיָנִים, הָאט רוּפוּס צוּ אַקֶערְט, דֶעם נָאהמֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעמַאכְט אוֹיף אֶלִיאַ קַאפִּיטָאלִינַא אוּנ הָאט דָארְט בֶּעזֶעצְט אוֹיסְגֶעדִיעֶנְטֶע סָאלְדַאטֶען אוּנ סִירִיעֶר, אוֹיפ'ן הַר הַבַּיִת הָאט עֶר גֶע'שְׁטֶעלְט אַבִּילְד פוּן הַאדְרִיאַן אוּנ אוֹיסְגֶעבּוֹיט אַטֶעמְפֶּעל פַאר דֶעם אָבְגָאטט יוּפִּיטֶער, נָאךְ אַזַא טֶעמְפֶּעל הָאט עֶר אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפ'ן הַר גְּרִזִים, כְּדֵי דִי שֹׁמְרוֹנִים זָאלֶען אוֹיךְ פִיהלֶען אַז דִי רָאמֶער הַאלְטֶען זֵיי פַאר יוּדֶען. אוֹיפ'ן טוֹיעֶר וָואס פִיהְרְט קַיין בֵּית לֶחֶם הָאט עֶר גֶעשְׁטֶעלְט, דִי יוּדֶען אוֹיף לְהַכְעִיס, אַקָאפּ פוּן אַחֲזִיר אוּנ אַהוּנ֗ד. דֶעם הָאבֶּען יוּדֶען נִיט גֶעטָארְט אֲפִילוּ זִיךְ וַוייזֶען נָאהֶענְט נֶעבֶּען דִי חוּרְבוֹת פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ וֶועמֶען מֶען פְלֶעגְט דָארְט בֶּעגֶעגְנֶען פְלֶעגְט מֶען אִיהם דֶערְהַרְגֶע'ן נָאר אָהן טַעֲנוֹת.

בַּיי אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאגֶע זֶענֶען דִי תַּנָּאִים זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען בְּסֵתֶר קַיין לוּד אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעהַאלְטֶען אַיין עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ נוֹהֵג זַיין. נָאר דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען גֶעשְׁרִיעֶן אַז יֶעדֶער יוּד מוּז זִיךְ לָאזֶען הַרְגֶע'ן אוּנ טָאר נִיט עוֹבֵר זַיין אֲפִילוּ אוֹיף דֶער קְלֶענְסְטֶער מִצְוָה; אַנְדֶערֶע ווִידֶער הָאבֶּען גֶעדְרוּנְגֶען פַארְקֶעהְרְט, אַז דָארְט וואוּ עֶס אִיז אַזַא סַכָּנָה, מֶאג מֶען לְפָנִים צוּ לִיעבּ טְהוּן דֶעם שׂוֹנֵא אַבִּי זִיךְ אָבְּצוּרַאטֶעוֶועֶן דָאס לֶעבֶּען. בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען זִיךְ אוֹיס־גֶעגְלַייכְט אוּנ מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי מֵיינוּנְג פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, אַז מֶען זָאל אַיינְשְׁטֶעלֶען דָאס לֶעבֶּען נוּר דֶעמָאלְט וֶוען דֶער שׂוֹנֵא וֶועט וֶועלֶען צְווִינְגֶען דֶעם יוּדֶען צוּ רְצִיחָה אוּנ עֲבוֹדָה זָרָה, אָדֶער אַיינְפִיהְרֶען נִיט קַיין זִיטְלִיךְ פַאמִילְיֶען־לֶעבֶּען, אוּנ וַוייטֶער מֶאג מֶען נִיט אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אָבְּהִיטֶען דִי דִינִים. נִיט לַאנְג אָבֶּער הָאט גֶעהָאלְפֶען דָאס פַארְשְׁטֶעלֶען זִיךְ, וַוייל דִי רָאמֶער הָאבֶּען גֶעהַאט גֶענוּג מוֹסְרִים, וָואס הָאבֶּען זֵיי עַנְדֶעקְט אַלֶע סוֹדוֹת אוּנ דִי יוּדִישֶׁע הִתְחַכְּמוּת, מִיט וֶועלְכֶע זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעמִיהט צוּ פַארְבְּלֶענְדֶען דִי אוֹיגֶען פוּן דֶער מְלוּכָה. בַּיי דֶער גֶעלֶעגֶענְהַייט פְלֶעגְט זֵיי אָנְטְהוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה, אָדֶער ווִי מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען אַחֵר, וָואס עֶר הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועהן אִין זַיינֶע פְרִיהֶערְדִיגֶע פֶערְפָאלְגֶער אוּנ הָאט זֵיי פַאר'ן הֵגֶם בֶּעצָאהלְט דֶערְמִיט וָואס

ער פלעגט די ראמער אויפקלערען אללע אויפטוהענישען פון די יודען אונ האט געמאכט רופוס'ן פאר א נאנצען למדן. ער האט אויך געגעבען די עצה מען זאל נאר צומאכען די ישיבות אונ קיינער פון די תלמידים זאל ניט טארען בעקומען א סמיכה אויף רבנות אונ האט גערעכענט אז דורך אזוינע מיטעל וועט מען קאנען אין גאנצען דערשטיקען די יודישקייט אונ פון דער תורה זאל קיין זכר ניט בלייבען.

די שרעקליכע צרות, וואס מען האט דעמאלט אנגעטהון יודען, לאזען זיך נאר ניט בעשרייבען. ניט אומזיסט האט רבי ישמעאל געזאגט, אז ווען מען זאל ניט מורא האבען דאס גאנצע פאלק זאל אונטערגעהן וואלט מען בעדארפט פארווערען יודען חתונה צו האבען אונ פארגרעסערן די צאהל פון די יודישע קרבנות. דאס אכזריות פון די ראמער איז געוועהן אזוי גרויס אז זיי פלעגען ברענען אונ בראטען די יודען וואס מען האט זיי געהאפט עפעס ביי א דבר מצוה, אדער ביים לערנען, אונ אז זיי האבען איין מאהל געהאפט א יודען אנגעטהון אין תפלין האבען זיי איהם באלד צושפאלטען דעם קאפ. פון דעסטוועגען האבען פיעל יודען דארויף ניט געקוקט, אונ בעזאנדערס האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבען רבי עקיבא, וואס פלעגט מיט זיינע תלמידים לערנען אויף די דאכער אונ האט זיי אזוי געוואהנט מיט דעם געדאנק אז זיי קאנען א מאל אומקומען, אז ווען מען פלעגט פון דערווייטענס דערזעהן געהן א ראמער האט מען באלד אנגעהויבען צו זאגען „שמע ישראל“ אונ יעדער פון זיי איז פערטיג געוועהן צו שטארבען צוזאמען מיט זייער גרויסען רבי'ן.

עס האבען זיך אפילו געפונען צווישען די תנאים אונ לומדים געצאהלטע מענשען וואס אזא לעבען, שטענדיג פארשטעללען זיך אונ פערבארגענערהייד אבהיטען יודישקייט, איז זיי ניט געפעלען. זיי האבען ניט אזוי פיעל געהאלטען פון די ראמער ווי זיי זענען געוועהן אונצופרידען דערפון וואס די יודען פאלגען ניט די מלוכה אונ ווערען דערווייל געוואהנט צו לעבען פריי גאר אהן א שום געזעטץ. איינער פון די דאזיגע איז געוועהן רבי יוסי בן קיסמא, אונ פאר זיין איבערגעגעבענהייט האבען איהם די ראמער געשאצט. רבי יוסי האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען אונ אז ער האט דערזעהן ווי רבי חנינא בן תרדיון לערנט אפענטליך תורה, האט ער איהם פארגעהאלטען פאר וואס ער איז אזוי מפקיר זיין לעבען. דאס איינע האט אויך געטהון פפוס בן יהודה מיט רבי עקיבא'ן אונ האט געוואלט ביי איהם פועל'ן ער זאל אויפהערען צו זאמלען תלמידים, דארויף האט איהם רבי עקיבא געענטפערט מיט א משל: א פוקס האט א מאל ארומגעשפאצירט נעבען א טייך אונ האט זיך צוגעשארט

צוּ דִי פִּישׁ, קְלָאפֶּערְשׁ וִוי אַ גוּטֶער פְרַיינְד וָואס וִויל זֵיי אוֹיסְרֶעדֶען דָאס הַאַרְץ אוּנ פֶערְטְרַייבֶּען זֵייעֶר מָרָה שְׁחוֹרָה. דִי פִּישׁ הָאבֶּען זִיךְ טַאקֵי אַרַיינְגֶעלָאזְט מִיט אִיהם אִין אַ שְׁמוּעֶס אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְלָאגְט, אַז זֵיי וָואלְטֶען גֶעוֶועהן גַאנְץ רוּהִיג, וֶוען זֵיי זָאלֶען נִיט בֶּעדַארְפֶען יֶעדֶע מִינוּט מוֹרָא הָאבֶּען טָאמִיר פַאלֶען זֵיי אַרַיין אִין אַ נֶעץ. אוֹיבּ אַזוֹי, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען דֶער פוּקְס, אַז אִיהר ווִילְט יָא זַיין בֶּעוָוארְנְט פוּן אַלֶע סַכָּנוֹת, דַארְפְט אִיהר נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה אוּנ אִיהר וֶועט שׁוֹין הָאבֶּען אַ גוּטֶען שׁוֹמֵר אוּנ וֶועט שׁוֹין פַאר קֵיינֶעם זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען. נֵיין, הָאבֶּען דִי פִּישׁ גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז אִין וַואסֶער פִיהלֶען מִיר זִיךְ נִיט גַאנְץ זִיכֶער, ווִי אַזוֹי זָשֶׁע וֶועלֶען מִיר זִיךְ דַארְפֶען שְׁרֶעקֶען אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה, וואוּ מִיר קָאנֶען נָאר נִיט בְּלַייבֶּען לֶעבֶּען! דֶעם נִמְשַׁל דֶערְפוּן הָאט רַבִּי עֲקִיבָא אַזוֹי עֶרְקְלֶעהְרְט: אַז מִיט דֶער תּוֹרָה אִין דֶער הַאנְד, וָואס זִי אִיז אוּנְזֶער לֶעבֶּען אוּנ הָאפְנוּנְג, שְׁטֶעהֶען מִיר אוֹיס אַזוֹי פִיעל צָרוֹת, וָואס זָשֶׁע קָאן שׁוֹין פוּן אוּנְז וֶוערֶען אַז מִיר וֶועלֶען זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן אוּנְזֶער לֶעצְטֶער טְרֵייסְט!!

רַבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען טְרַיי זַיין פֶעסְטֶער אִיבֶּערְצַייגוּנְג אוּנ הָאטְשׁ דִי רָאמֶער הָאבֶּען אִיהם אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה אוּנ אָנְגֶעטְהוּן עִנּוּיִם קָשִׁים, הָאט עֶר זִיךְ בִּיז צוּם לֶעצְטֶען אוֹיגֶענְבְּלִיק גֶעהַאלְטֶען ווִי אַ גִבּוֹר, אוּנ אֲפִילוּ אַז מֶען הָאט מִיט אַייזֶערְנֶע קֶאמֶען גֶערִיסֶען פַאסֶען פוּן זַיין לַייבּ, הָאט עֶר אַלֶע יִסוּרִים אָנְגֶענוּמֶען פַאר לִיעבּ אוּנ רוּהִיג, נָאר מִיט „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְיָ אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד" אוֹיף דִי לִיפֶּען, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי כְּשֵׁרָה נְשָׁמָה.

אַזוֹי הָאט אוֹיךְ רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה גֶעוֶועהן זַיין גְרוֹיסֶען עוֹנֶשׁ. רַבִּי חֲנִינָא הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען אוּנ הָאט זִיךְ גַאנְץ אָפֶען בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט לֶערְנֶען. אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעהַאפְּט אוּנ דִי שׁוֹפְטִים זַיינֶע הָאבֶּען אִיהם גֶעפְרֶעגְט פַאר וָואס עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיפ'ן בֶּעפֶעהל פוּנ'ם קֵייזֶער, הָאט עֶר גֶעאֶנְטְפֶערְט קוּרְץ אוּנ שַׁארְף: גָאטט הָאט מִיר אַזוֹי גֶעהֵייסֶען! זַיין מִשְׁפָּט אִיז אַרוֹיס, מֶען זָאל אִיהם אַיינְווִיקְלֶען אִין אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּנ פַארְבְּרֶענֶען. דָאס אַכְזָרִיוּת פוּן דִי שׁוֹפְטִים אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי גְרוֹיס אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעהֵייסֶען אִיהם צוּלֵייגֶען נַאסֶע וָואל צוּם הַארְצֶען כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ לֶאנְגֶער מַאטֶערֶען. דֶער תַּלְיָן הָאט שׁוֹין גֶעהַאט מֶעהר רַחֲמָנוּת אוּנ הָאט אַלֵיין אִיהם גֶעהֵייסֶען אַרָאבְּרַייסֶען דִי וָואל אוּנ זָאלל גִיכֶער שְׁטַארְבֶּען. נָאר רַבִּי חֲנִינָא אִיז דַארוֹיף נִיט בֶּעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַז עַל פִּי דִין טָאר עֶר עֶס נִיט טְהוּן, ווַייל ווִי בַּאלְד עֶר וֶועט אַלֵיין אוֹיךְ טְהוּן עֶפִּיס עֶר זָאל גִיכֶער שְׁטַארְבֶּען, וֶועט דָאס זַיין אַיין עֲבֵרָה אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ רֶעכֶענֶען פַאר אַ זֶעלְבְּסְטְמָארְדֶער, אַ מְאַבֵּד

עַצְמוֹ לָדַעַת. דֶער תַּלְיָן אָבֶּער הָאט נִיט גֶעקָאנְט צוּזֶעהן זַיינֶע יִסוּרִים, עֶר הָאט אַלֵיין פוּן אִיהם אַרָאבְּגֶערִיסֶען דִי וָואל אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין פַייעֶר. רַבִּי חֲנִינָא׳ס פְרוֹי הָאט מֶען אוֹיךְ פֶערְמִשְׁפָּט צוּם טוֹיט אוּנ זַיין טָאכְטֶער הָאט מֶען פֶערְקוֹיפְט אִין אַ אֶפֶענְטְלִיךְ הוֹיז.

נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער הָאט מֶען גֶעטְהוּן מִיט דֶעם תַּנָא רַבִּי חוּצְפִּית הַמְתוּרְגְמָן מֶען הָאט בַּיי אִיהם אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶען דִי צוּנְגֶע אוּנ גֶעוָוארְפֶען פַאר דִי הִינְד. דֶער לֶעצְטֶער פוּן דִי צֶעהן קְדוֹשִׁים, וָואס הָאבֶּען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן פַאר׳ן יוּדֶען אוּנ זַיין תּוֹרָה אוּנ וָואס זֵייעֶר זֵכֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען הֵיילִיג אִין פָאלְק מִיט דֶעם נָאהמֶען: „עֲשָׂרָה הֲרוּגֵי מַלְכוּת״, אִיז גֶעוֶועהן רַבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא, וָואס זַיין הֵטְא אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם, וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען סְמִיכוֹת עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע לַייט, כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען נִיט בְּלַייבֶּען אָהן רַבָּנִים. דֶעמָאלְט זֶענֶען אוֹיךְ אוּמְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי בֶּערִיהמְטֶע הֶעלְדֶען, יוּלְיַאנוּס אוּנ פָּאפּוּס, אוּנ דֶער טוֹיט פוּן דִי בֶּעלִיעבְּטֶע פִיהרֶער הָאט נָאר אִין גַאנְצֶען דֶערְשְׁלָאגֶען דִי קָאפּ פוּן דִי יוּדֶען.

אוֹיסֶער אַללֶע אוּנְמֶענְשְׁלִיכֶע מִשְׁפָּטִים, הָאט הַאדְרִיַאן אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אַז דִי יוּדֶען טָארֶען זִיךְ נִיט צוּרִירֶען צוּ דִי טוֹיטֶע אוּנ אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ וָואלְגֶערן בִּיז דִי חַיוֹת וֶועלֶען זֵיי נִיט אוֹיפְפְרֶעסֶען. דָא הָאבֶּען זִיךְ וַוייטֶער פִיעל יוּדֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס לֶעבֶּען אוּנ פְלֶעגֶען בַּיי נַאכְט מְקַבֵּר זַיין דִי מֵתִים. דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ אַרוֹיס אַ סֵפֶר מִיט דֶעם נָאהמֶען: מַעֲשֶׂה טוֹבִיָה, אִין וֶועלְכֶען עֶס וֶוערְד בֶּעשְׁרִיבֶּען וִוי אַ מֶלֶךְ הָאט אַמָאל נִיט גֶעלָאזְט בֶּעגְרָאבֶּען מֵתִים. וִוי עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ פְרוּמֶער וָואס הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מִצְוָה צוּ טְהוּן מִיט דִי טוֹיטֶע אַ חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת אוּנ וִוי נָאטט הָאט אִיהם דֶערְפַאר גֶעבֶּענְשְׁט מִיט אַלְדֶעס גוּטְס.

בַּיי דִי רְדִיפוֹת הָאבֶּען דִי יוּדֶען-קְרִיסְטֶען אוֹיךְ פִיעל צָרוֹת אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען זֵיי הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט צְוִוישֶען יוּדֶען אוּנ פִיעל מִנְהָגִים זֶענֶען בַּיי זֵיי גֶעוֶועהן יוּדִישֶׁע; דֶער פַאר הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט וֶוערֶען שׁוּתָּפִים מִיט יוּדֶען אוֹיךְ צוּ דִי צָרוֹת. דָאס הָאט גֶעפִיהרְט דֶערְצוּ וָואס דִי יוּדֶען-קְרִיסְטֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט וֶוערֶען אֵיינְס מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע קְרִיסְטֶען, וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע אוּמוֹת, אוּנ הָאבֶּען גֶעפוֹיעֶלְט בַּיי דֶער רָאמִישֶׁער מְלוּכָה זִי זָאל זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען נִיט וִוי אַ יוּדִישֶׁע כִּתָּה, נָאר וִוי אַ בֶּעזוּנְדֶער רֶעלִיגְיָאן. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען לַחֲלוּטִין אָבְּגֶעטְהֵיילְט פוּן דִי קְרִיסְטֶען, אוּנ פִיעל אוּנְגְלִיקְלִיכֶע יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס עֶס אִיז זֵיי אוּנְמֶאגְלִיךְ גֶעוֶועהן צוּ בְּלַייבֶּען אִין

יודִישְׁקַייט, אוּנ דִיעֶנֶען עֲבוֹדָה זָרָה אִיז זַיי נָאךְ שְׁוָוערֶער גֶעוֶועהן, זֶענֶען אִיבֶּער-גֶענַאנְגֶען צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם, וָואס הָאט פָּארְט גֶעהַאט מֶעהר חֶסֶד אִין אַדְרִיַאנ'ס אוֹיגֶען.

---

4 דִי נְשִׂיאִים שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל דֶער צְוַוייטֶער, יְהוּדָה דֶער עֶרְשְׁטֶער, גַמְלִיאֵל דֶער דְרִיטֶער אוּנ יְהוּדָה דֶער צְוַוייטֶער.

(190—250 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

וֶוען נָאכ'ן חוּרְבָּן הָאבֶּען דִי יוּדֶען מִיט רֶעכְט גֶעמָאנְט רֶעכְנֶען אַז עֶרְגֶערְס קָאן שׁוֹין נָאר נִיט זַיין, הָאט הַאדְרִיַאן זַיי גֶעווִיזֶען אַז דָאס שְׁלֶעכְטִקַייט הָאט נָאר קַיין גְבוּל נִיט אוּנ קָאן אוֹיסְטְרַאכְטֶען אַזוֹינֶע צָרוֹת, וָואס וַוארְפֶען דֶעם מֶענְשֶׁען אִין נַאנְצֶען פוּן דִי פִּיס אוּנ דֶערְשְׁלָאגֶען אִיהם דֶעם קָאפּ מִיט'ן הַארְץ צוּזַאמֶען. הַאדְרִיָאנ'ס גֶעזֶעצֶע הָאבֶּען אוֹיסְגֶערִיסֶען דָאס יוּדִישְׁקַייט אוּנ אַז דִי רֶאמִישֶׁע מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַנְטָאנִינוּס פִּיוּס, וָואס מֶע הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַגוּטֶען, הָאבֶּען דִי יוּדֶען נִיט גֶעוָואלְט קַיין שׁוּם יְשׁוּעוֹת, נָאר זֵייעֶר אֵיינְצִיגֶער וואוּנְשׁ אִיז גֶעוֶועהן, עֶס זָאלֶען בָּטֵל וֶוערֶען דִי פְרִיהֶרִינֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת אוּנ זַיי זָאלֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר אֱמוּנָה אוֹיךְ מָאגֶען אַרוֹיס-וַוייזֶען אוֹיף דֶער לִיכְטִיגֶער שַׁיין. ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, הָאט זַיי אַבִּיסֶעל צוּגֶע-הָאלְפֶען רוּפוּסֶ'ס וַוייבּ, וָואס הָאט פְרִיהֶר אָנְגֶעשְׁמֶעקְט אַז אִין רוֹם הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּבְּלָאזֶען אַיין אַנְדֶער ווִינְטֶעל אוּנ הָאט זַיי גֶעגֶעבֶּען אַיין עֵצָה זַיי זָאלֶען זִיךְ צוּ זֶעצֶען טַאקִי צוּ רוּפוּס'ן צַלֵיין אוּנ אִיהם בֶּעטֶען עֶר זָאל פַאר זַיי זָאגֶען עֶפִּיס אַגוּט וָוארְט. מֶען הָאט זִי טַאקִי גֶעפָאלְגְט אוּנ אֵיין מָאל אִין אַפִינְסְטֶערְן אוֹיף-דֶער-נַאכְט הָאבֶּען זִיךְ עֶטְלִיכֶע יוּדֶען צוּזַאמֶען מִיט רַבִּי יְהוּדָה בֶּן שַׁמוּעַ, אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר רוּפוּס'ס פֶענְסְטֶער אוּנ הָאבֶּען בִּיטֶער גֶעוֵויינְט, מֶען זָאל אוֹיף זַיי רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ נִיט פַארְגֶעסֶען אַז אַלֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען קִינְדֶער פוּן אֵיין פָאטֶער. רוּפוּס'ן הָאט עֶס גֶערִיהְרְט, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ שְׁרַייבֶּען קַיין רוֹם, אוּנ נָאר נִיךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן רוֹם אַבֶּעפֶעהל אַז הַאדְרִיַאנ'ס גֶעזֶעצֶע זָאלֶען אוֹיפְהֶערֶען. דָאס אִיז גֶעוֶועהן דֶעם אַכְטְצֶעהְנְטֶען אֲדָר, אוּנ מֶען קָאן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען דִי שִׂמְחָה פוּן דִי יוּדֶען, הָאטְשׁ צוּ קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם הָאט מֶען זַיי נָאךְ נִיט עֶרְלוֹיבְּט. בַּאלְד הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּרִיק-צוּקוּמֶען פוּן בָּבֶל אוּנ פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער רַבִּי עֲקִיבָא'ס תַּלְמִידִים, ווִי רַבִּי מֵאִיר, רַבִּי יְהוּדָה בְּרַבִּי אֶלְעָאִי, רַבִּי יוֹסִי בֶּן חֲלַפְתָּא, רַבִּי יוֹחָנָן

הַסַנְדְלָר און רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי מִיט נָאךְ דְרַיי לוֹמְדִים, וָואס רַבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען סְמִיכוֹת אוּנ הָאט דֶערְפַאר מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ דִי גֶעצֶאהלְטֶע תַּנָאִים פֶערְזַאמֶעלְט אִין אַקְלֵיין שְׁטֶאדְטֶעל אוּשָׁא, וַוייל דִי שְׁטָאדְט יַבְנֶה אִיז גֶעוֶועהן צוּשְׁטֶערְט, אוּנ הָאבֶּען דָארְט בֶּעשְׁלָאסֶען וִוי אַזוֹי דָאס יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען זָאל זִיךְ וַוייטֶער פִירֶען. דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארֶען דֶער עִבּוּר־יָאהר, כְּדֵי מֶען זָאל וַוייטֶער רִיכְטִיג אוֹיסְרֶעכְנֶען וֶוען דִי יָמִים טוֹבִים פַאלֶען. דִי בֶּערִיהמְטֶעסְטֶע מֶאנֶער פוּן דֶער צַייט, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי סַנְהֶדְרִין, זֶענֶען גֶעוֶועהן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל, וָואס אִיז אַנְטְלָאפֶען קַיין בָּבֶל פוּן בֵּיתָר, וֶוען עֶס הָאט נָאר דָארְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי שְׁחִיטָה אוּנ וָואס מֶען הָאט אִיהם בַּיי'ם צוּרִיקְקוּמֶען גֶעמַאכְט פַאר נָשִׂיא אוֹיפ'ן פָאטֶערְס אָרְט, רַבִּי נָתָן, וָואס אִיז אִין זַיין גֶעבּוּרְטְסְאָרְט אִין בָּבֶל גֶעוֶועהן זֶעהר אָנְגֶעזֶעהן אוּנ אַז עֶס הָאט זִיךְ אִיהם פֶערְגְלוּסְט אַרִיבֶּער צוּ פָאהרֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר דָארְט גֶעוָוארֶען דֶער צְוֵוייטֶער פוּנ'ם נָשִׂיא, אוּנ רַבִּי מֵאִיר וָואס פְלֶעגְט זַיין דֶער הוֹיפְּט־רֶעדְנֶער אִין יֶעדֶער אֲסֵיפָה. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶעוָואלְט גֶעהן מִיט דֶעם אֵיינֶענֶעם דֶרֶךְ וִוי רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ הָאט שִׁיעֶר נִיט בֶּעקוּמֶען אַזוֹי פִיעל שׂוֹנְאִים וִוי דֶער פָאטֶער, נָאר מִיט דֶער צַייט הָאט זִיךְ אַרוֹיסגֶעוִויזֶען אַז עֶר הָאט דַוְקָא אַצוּגֶעלָאזְטֶע נַאטוּר, אוּנ אַלֶע כְּלָלִים פוּנ'ם לֶעבֶּען זֶענֶען בַּיי אִיהם בֶּעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין וָוארְט: „אַז דִי וֶועלְט שְׁטֶעהט אוֹיף דְרַיי זַאכֶען — אוֹיף אֱמֶת, גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּנ שָׁלוֹם".

גִיךְ הָאבֶּען זִיךְ דִי וואוּנְדֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פַארְהֵיילֶען, דָאס יוּדִישֶׁע לֶעבֶּען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּהִיג זִיךְ צוּ פִירֶען אוּנ דִי תַּנָאִים הָאבֶּען וַוייטֶער גֶעקָאנְט פַארְנֶעהמֶען זֵייעֶר הוֹיכֶע שְׁטֶעלֶע בַּיים פָאלְק. מִיט אַבֶּעזוּנְדֶערן גְלַאנְץ אִיז גֶעוֶועהן אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דֶער נָאהמֶען פוּן רַבִּי מֵאִיר, וָואס הָאט אֵייגֶענְטְלִיךְ גֶעהֵייסֶען משֶׁה, נָאר מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען „מֵאִיר", וַוייל מֶען הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ „לִיכְט אוּנ שַׁיין", וָואס בֶּעלַייכְטֶעט דִי וֶועלְט. רַבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶועהן אַסוֹפֵר אוּנ אַגְרוֹיסֶער קִינְצְלֶער אִין זַיין פַאךְ; עֶר הָאט עֶרְפוּנְדֶען אַנַייעֶס מִין גְלֶאנְצֶענְדִיגֶען טִינְט אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אַזָא בָּקִי אַז פִיעל זַאכֶען פְלֶעגְט עֶר שְׁרַייבֶּען אוֹיסְוֶוענִיג. פוּן דֶער אַרְבֵּייט הָאט עֶר גֶעהַאט יֶעדֶע וָואךְ דְרַיי שְׁקָלִים אוּנ אַדְרִיטֶעל פוּנ'ם פֶערְדִינְסְט פְלֶעגְט בַּיי אִיהם אַוֶועק גֶעהן אוֹיף צְדָקָה. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט דֶער עוֹלָם נִיט גֶעוָואלְט אַזוֹי שְׁטֶעלֶען אוֹיף רַבִּי מֵאִיר'ן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהן נָאךְ גָאר יוּנְג וֶוען עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען זַיין סְמִיכָה

פון רַבִּי עֲקִיבָא'ן. אַוַדַאי הָאט עֶס אִיהם גֶעהַארְט אונ עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען: „קוּקְט נִיט אוֹיפְ'ן קְרוּג, נָאר אוֹיף דֶעם וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אִינְוֶוענִיג; אַמָאל אִיז דָא אַנַייֶע קְרוּג מִיט אַלְטֶען וַויין אונ אַמָאל זֶעהן מִיר אַאַלְטֶען קְרוּג וָואס הָאט אִין זִיךְ אֲפִילוּ קַיין נַייֶעם וַויין נִיט“. עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן'ס טָאכְטֶער בְּרוּרְיָה אָדֶער וַואלֶערִיאַ, וָואס הָאט גֶעשַׁיינְט מִיט אִיהר צִדְקוֹת אונ אֱמֶת פְרוּמְקַייט אונ וָואס פוּן אִיהר דֶערְצֶאהלְט דֶער מִדְרָשׁ אַז זִי הָאט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה גֶעטְרֵייסְט אִיהר מַאנן, וֶוען זַייעֶרֶע בֵּיידֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען, אונ הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהן אַז דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט נָאר אָבְּגֶענוּמֶען דֶעם מַשְׁכּוֹן וָואס עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף אַקוּרְצֶער צַייט. אַז רַבִּי מֵאִיר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן בָּבֶל, הָאט אִיהם בְּרוּרְיָה גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל פָאהרֶען קַיין צֶעזַארֶעאַ אָבְזוּכֶען אִיהר אוּמְגְלִיקְלִיכֶע שְׁוֶועסְטֶער, וָואס אִיז פֶערְקוֹיפְט גֶעוָוארֶען אִין אַאָפֶּען הוֹיז. רַבִּי מֵאִיר הָאט עֶס אִיהר צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן, נָאר פְרִיהר הָאט עֶר גֶעוָואלְט וִויסֶען צוּ אִיז נָאךְ זַיין שְׁוֶוֶאגֶער'ן פְרוּם אונ עֶהְרְלִיךְ אונ צוּ הָאט זִי דָאס נַייֶע גֶעצְוואוּנְגֶענֶע לֶעבֶּען נִיט אִין גַאנְצֶען פֶערְדָארְבֶּען. עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַרֶאמִישֶׁען עֶדֶעלְמַאנן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקָאנְט פְרַייי צוּ קוּמֶען צוּ אִיהר, אונ אַז עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען רֵיין אונ אוּנ־שׁוּלְדִיג הָאט עֶר זִי מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעהַאפְּט. מֶען אִיז בַּאלְד דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אונ מֶען אִיז אִיהם נָאכְגֶעלָאפֶען, נָאר הַאפֶּען הָאט מֶען אִיהם נִיט גֶעקָאנְט וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר עֶסְט כְּלוֹמֶר'שְׁט טְרֵיפָה מַאֲכָלִים אונ אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארֶען. רַבִּי מֵאִיר'ס דֶרֶךְ אִיז גֶעוֶועהן מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶעם אֱמֶת פוּן יֶעדֶען אונ עֶר הָאט אָפְּט גֶעלֶערְנְט אֲפִילוּ פוּן אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה, אונ אַז זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבֶּען אִיהם דַארוֹיף גֶעפְרֶעגְט, הָאט עֶר גֶעאֶנְטְוֶוערְט: „אַז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַזַאפְטִיגֶען גְרַאנַאט־אֶפֶּעל, עֶסְט עֶר דָאס אִינְוֶוענִיגְסְטֶע אונ דִי שָׁאלֶעכְץ וַוארְפְט עֶר אַרוֹיס“. אונ בֶּאֱמֶת, הָאט זִיךְ אִין רַבִּי מֵאִירְ'ן טַאקִי נָאר דָאס גוּטֶע פוּן זַיין רֶבִּי'ן אָנְגֶעקְלֶעבְּט אונ אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה אַלֵיין אִיז אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אוֹיךְ אַבִּיסֶעל גֶעלַאסֶענֶער גֶע־וָוארֶען. אֵיין מָאל אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען אוּם שַׁבָּת רַייטֶענְדִיג אוֹיף אַפֶערְד אונ רַבִּי מֵאִיר אִיז אִיהם נָאכְגֶעגַאנְגֶען צוּ פוּס אונ הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִיהם תּוֹרָה. פְּלוּצְלוּנְג הָאט אִיהם אֱלִישָׁע אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אונ הָאט אִיהם גֶעוִויזֶען אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַתְּחוּם שַׁבָּת אונ אַז וַוייטֶער טָאר עֶר נִיט גֶעהן. קֶעהר זִיךְ אוֹיךְ אוּם צוּרִיק, הָאט אִיהם רַבִּי מֵאִיר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּעטֶען אונ דֶערְמִיט אַוִוינְק גֶעגֶעבֶּען אַז דוּרְךְ חֲרָטָה אונ אַאֱמֶת'ר תְּשׁוּבָה קָאן עֶר נָאךְ צוּרִיקְקוּמֶען צוּ זַיינֶע בְּרִידֶער. אָ, נֵיין! הָאט

איהם דארויף אֱלִישָׁע גֶעאֶנְטְפֶערְט, דֶער וֶועג צוּרִיק אִיז פַאר מִיר פֶערְשְׁלָאסֶען. פון דֶעסְטְוֶועגֶען אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֱלִישָׁע'ס לֶעצְטֶע שָׁעָה, הָאט רַבִּי מֵאִיר נִיט אָבְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן זַיין קְרַאנְקֶען בֶּעט אוּנ הָאט אִיהם דַארוּיף אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען מִיט אַ וִדוּי אוֹיף דִי לִיפֶּען.

רַבִּי מֵאִיר הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט אַלֶע דִינִים אוּנ הֲלָכוֹת אוּנ הָאט דִי זַאמְלוּנְג אַנָאהמֶען גֶעגֶעבֶּען „מִשְׁנָה“ עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער חַרִיף אוּנ הָאט זִיךְ לִיעבּ גֶעהַאט צוּ שְׁטֶעלֶען אוֹיף יֶעדֶען פִּינְטֶעלֶע פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ דַרְשֶׁ'ן דֶעם פָּסוּק אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים. פוּן אִיהם הָאט אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם דֶרֶךְ זַיין תַּלְמִיד רַבִּי סוּמְכוּס בֶּן יוֹסִי, וָואס אִיז גְלַייךְ מִיט'ן רֶבִּי'ן גֶעוֶועהן דֶער גְרֶעסְטֶער מַחְמִיר, ווייל אִין דֶער צַייט, נָאךְ דֶעם וָואס דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי שְׁלֶעכְט, הָאט מֶען גֶעמוּזְט מֶעהר מְחַזֵק זַיין דָעם בִּנְיָן פוּן יוּדִישְׁקַייט. אַז מֶען פְלֶעגְט אַמָאל אָנְוַייזֶען רַבִּי מֵאִיר'ן אַז עֶר לֵייגְט אוֹיפְ'ן פָאלְק אַרוֹיף צוּ שְׁוֶוערֶע זַאכֶען, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פַארְאֶנְטְפֶערן דֶערְמִיט, וָואס „גֶעגֶען זִיךְ אַלֵיין אִיז עֶר נָאךְ שְׁטְרֶענְגֶער אוּנ וָואס עֶר אִיז מַתִּיר פַאר אַנְדֶערֶע בְּלַייבְּט בַּיי אִיהם אַ אִסוּר“.

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ס נָאמֶען אִיז שׁוֹין גָאר גֶעוֶועהן אַיין אַנְדֶערֶער. עֶר הָאט דִי תּוֹרָה גֶעלֶערְנְט אָהן סוֹדוֹת עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעמַאטֶערְט צוּגֶעפִּינֶען אִין אַפָּסוּק דַוְקָא דֶעם פְּשַׁט וָואס עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען אוּנ זַיינֶע אַלֶע רַאֲיוֹת פְלֶעגְט עֶר מֶעהר גֶעהמֶען פוּנ'ם לֶעבֶּען. עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם צוּ שְׁוֶוער מַאכֶען דִי לַאסְט פוּן דִי מִצְוֹת אוּנ פְלֶעגְט זָאגֶען: „אַז אִי זוּכֶען פַּרְנָסָה, אִי לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיז זֶעהר שְׁוֶועהר אוּנ אַז פִּינְקְטְלִיךְ מְקַיֵים זַיין אַלְדִינְג וָואס שְׁטֶעהט אִין דֶער תּוֹרָה, קָאן גָאר דֶער וָואס לֶעבְּט פוּן מַן, אָדֶער וֶוענִינְסְטֶענְס פוּן מַעֲשֵׂר“. רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט אַבֶּעזוּנְדֶער יְשִׁיבָה אִין תְּקוֹעַ אוּנ דָארְט הָאט עֶר אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען אַיינְגֶעפְלַאנְצְט זַיינֶע תַּלְמִידִים. פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהרֶען זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען וֶוענִיג יְדִיעוֹת, נָאר דָאס ווייסְט מֶען אַז זַיין פָאטֶער אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּיי דֶער רָאמִישֶׁער מְלוּכָה אוּנ עֶר אִיז פוּן קִינְדְהַייט אָן גֶעוֶועהן פוּנְקְט דֶער הֵיפֶךְ אוּנ הָאט שְׁטַארְק פַיינְד גֶעהַאט דִי רָאמֶער. בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער מְסִירָה, אִין דֶער צַייט וָוען דִי רָאמִישֶׁע מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ וָועררוּס, הָאט מֶען אִיהם שׁוֹין גֶעוָואלְט הַרְגֶ'נֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעהַאלְטֶען אִין אַהַייל אוּנ אִיז דָארְט גֶעזֶעסֶען דְרַייצֶעהן יָאהר. דָאס הָאט אִיהם גֶעשַׁאדְט אִין גֶעזוּנְד, זַיין לַייבּ אִיז גֶעשְׁוָואלֶען גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרוֹיסְצוּגֶעהן פוּן זַיין בֶּעהֶעלְטְנִישׁ אוּנ זִיךְ בָּאדֶען אִין חַמֵי טְבֶרְיָא. דֶעמָאלְט אִיז גְרֶאר

ווערום געשטארבען אונ רבּי שמעון בּן יוחאי האט בּעקומען די מאגליכקייט אנ־צוגעהמען זיין כּבוד'ן פּלאטץ צווישען די תּנאים.

רבּי יהודה בּן אלעאי איז געוועהן דוקא אפּראקטער בּעל מלאכה פון דעסטוועגען איז ער בּיי אללע זעהר בּעליבּט געוועהן אונ האט נושׂא חן געוועהן אפילו בּיי די ראמער דערמיט וואס ער האט אבּגעהיט די יודען פון מחלוקת. ער איז געוועהן אגרויסער חכם אין וועלט־זאכען, דערצו האט ער נאך געהאט זעהר אשאהנעם תּוך הדבּור, בּיי יעדער אסיפה פלעגט ער דער ערשטער ארויס־זאגען זיין מיינונג אונ דערפאר האט מען איהם גערופען „ראש המדבּרים”. מיט אללע כּוחות האט ער געארבּייט אריינצוגעבּען די יודען אחשק צו לערנען מלאכות אונ זיך ערנארען פון איינענער ארבּייט. די מלאכה, פלעגט ער זאגען, איז אצירונג פאר'ן מענשען אונ ווער עס לערנט ניט זיין קינד עפּיס אהאנדווערק מאכט ער איהם אליין פאר ארוצח”.

אזוי האט זיך אויך געצויגען זיין פּרנסה פון לעדער־ארבּייט רבּי יוסי בּן חלפתּא, וואס האט אנגעשריבּען אגעשיכטע פון דער צייט וואס די וועלט איז בּעשאפען געווארען בּיז צו דער מלחמה פון בּר־כּוכבא, מיט דעם נאהמען „סדר עולם”. ער איז געוועהן אגרויסער געגנער פון גדלות אונ נאך אגרא־סערער אוהב אמת אונ פלעגט זאגען: „עס איז בּעסער צו זיין אתּלמיד איידער ארבּי אונ אז עס איז גלייכער אויסצוזעהן פאר שולדיג איידער מאכי בּאמת שולדיג זיין”.

צווישען די גרויסע לייט פון יענער צייט, אחוץ די תּנאים אונ לומדים וואס האבּען נאר בּעזונדער געארבּייט אין לידדא, האט זיך אויך אגרויסען נאהמען ערווארבּען רבּי אלעזר בּן רבּי יוסי הגלילי, וואס האט אנגעשריבּען די צוויי אונ דרייסיג מדות אדער כּללים מיט וועלכע מען קאנן די תּורה פערשטעהן אונ פערענטפערן אסך זאכען וואס זיינען קשה. ליידער האבּען זיך געפונען מבינים ווי די צוויי אונ דרייסיג מדות צו בּענוצען ערשט אין אכט הונדערט יאהר ארום.

אז די יודען האבּען זיך אבּיסעל אבּגערוהט פון האדריאנ'ס קלאפּ אונ האבּען אנגעהויבּען קומען צו די כּוחות, האבּען זיי זיך ארומגעקוקט אז עס איז ניט נוט וואס די יודען פון בּבל האבּען זיך אין נאנצען אבּגעזונדערט פון זיי אונ פירען זיך אונטער דער השגחה פון אאיינענעם נשׂיא אונ אפילו פון איי־גענע סנהדרין. אין בּבל האבּען טאקי די יודען בּעקומען אשטיקעל וועלבּסט־שטענדיגקייט, אז אין גליל איז געווארען די יודען שלעכט, האט זיך איינער

פון די בֶּעסְטֶע יוּנְגֶע לַייט, חֲנַנְיָה, אַפְּלֶעמֶענִיק פון רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן, אַוֶועק גֶעלָאזְט קַיין בָּבֶל אונ הָאט דָארְט, אִין דֶער שְׁטָאדְט נַהַר־פָּקוֹד, נִיט וַייט פון נְהַרְדְעָא, אַרוּם זִיךְ גֶעזַאמֶעלְט אַלֶע לוֹמְדִים אונ בִּיסְלֶעכְוַויים גֶעמַאכְט אַקְלֵיין סַנְהֶדְרִין וָואס עֶר אַלֵיין אִיז טַאקִי גֶעוֶועהן דֶער רֹאשׁ פון זֵיי. אִיהם הָאט פִיעל דֶערְצוּ פֶּערְהָאלְפֶען דֶער רֵישׁ גָלוּתָא נְחוּנְיָא אָדֶער אֲחִיָה, אונ אַזוֹי הָאט מֶען דָארְט אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעשְׁטִימֶען יָמִים טוֹבִים אונ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכֶען, וָואס מֶען הָאט פְרִיהֶר גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי הוֹיפְּט־סַנְהֶדְרִין אונ מֶען אִיז כִּמְעַט אִין גַאנְ־צֶען אָבְּגֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען פון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. דָאס הָאט בֶּעווֹאגֶען דֶעם נָשִׂיא רַבִּי שִׁמְעוֹן אַרוֹיס צוּ שִׁיקֶען קַיין בָּבֶל צְוֵויי שְׁלוּחִים, רַבִּי יִצְחָק אונ רַבִּי נָתָן מִיט אַבְּרִיעף צוּ חֲנַנְיָה אונ אַבַּקָשָׁה מֶען זָאל נִיט דֶערְלָאזֶען יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ צוּטְהֵיילֶען אוֹיף צְוֵויי מַחֲנוֹת. דִי שְׁלִיחִים הָאט מֶען אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, נָאר פון דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז זֵיי שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיס צוּ פִיהְרֶען זֵייעֶר שְׁלִיחוּת. חֲנַנְיָה הָאט זִיךְ אַקֶעגֶענְגֶעשְׁטֶעלְט אונ גֶעוִויזֶען אַז נָלִיל הָאט נִיט אַזוֹינֶע גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים וָואס זִי זָאל זִיךְ קָאנֶען מִיט זֵיי אִיבֶּערְנֶעהמֶען, נָאר דַארוֹיף הָאבֶּען אִיהם דִי שְׁלִיחִים גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְג פון דֶער הֵיים אונ וֵויים נִיט אַז פון קִינְדֶער זֶענֶען לַייט גֶעוָוארֶען. נָאךְ זֶעהר פִיעל מִיה אִיז זֵיי פָּארְט גֶערָאטְהֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל וַוייטֶער וֶוערֶען דֶער מִיטֶעלְפּוּנְקְט פַאר אַלֶע יוּדֶען.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט צְווִישֶׁען דִי תַּנָּאִים, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר פָארְשְׁטֶעהֶער פון דֶער יְשִׁיבָה אִין אוּשָׁא, אַמַחֲלוֹקֶת, וָואס הָאט גֶעקָאנְט בְּרֶענְגֶען פוּנְקְט צוּ דִי אֵיינֶענֶע זַאכֶען, וָואס זֶענֶען אַמָאל פָארְגֶעקוּמֶען צְווִישֶׁען רַבָּן גַמְלִיאֵל אונ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. דֶעם נָשִׂיא רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ פֶערְגְלוּסְט אַבִּיסֶעל מֶעהר כָּבוֹד אונ עֶס הָאט אִיהם פֶערְדְרָאסֶען פַאר וָואס דֶער עוֹלָם הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף פַאר יֶעדֶען פון דִי לוֹמְדִים, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרַיין אִין דֶער יְשִׁיבָה; דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעמַאכְט, אַז אוֹיפְהֵייבֶּען דַארְף מֶען זִיךְ נָאר פַאר׳ן נָשִׂיא. דָאס הָאט פֶערְדְרָאסֶען רַבִּי נָתָן אונ רַבִּי מֵאִיר אונ עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען אַרָאבְּוַוארְפֶען רַבִּי שִׁמְעוֹן פון זַיין שְׁטֶעלֶע. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער פֶערְשְׁטַאנֶען אַז נִיט אַזוֹי גִיךְ וֶועלֶען אַלֶע דַארוֹיף מַסְכִּים זַיין, אונ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אִיהם אָפֶענְטְלִיךְ צוּ פֶערְשֶׁאמֶען דֶערְמִיט וָואס זֵיי וֶועלֶען פון זַיינֶעטְוֶועגֶען אָנְגְרֵייטֶען עֶפִּיס אַהַארְבֶּע קֻשְׁיָא וָואס עֶר זָאל זֵיי נִיט קָאנֶען פַארֶענְטְפֶערן אונ דֶער עוֹלָם וֶועט דֶעמָאלְט אַלֵיין אַרוֹיסְזֶעהן אַז דֶער נָשִׂיא אִיז נִיט קַיין לַמְדָן. רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אָבֶּער דֶערְפוּן פְרִיהֶר גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אונ הָאט זִיךְ בֶּעוָוארְנְט מֶען זָאל אִיהם נִיט קָאנֶען מְבַיֵּישׁ זַיין. דוּרךְ דֶעם הָאבֶּען זַיינֶע גֶענְגֶער גֶעמוּזְט אָבְּטְרֶעטֶען פון דֶער

יְשִׁיבָה. אִין אַקוּרְצֶע צַייט הָאט מֶען אָבֶער דֶערְפִיהלְט אַז עֶס פֶעהלֶען אַזוֹיגֶע צְוַויי גְרוֹיסֶע קֶעפּ אוּנ רַבִּי יוֹסִי הָאט אָנְגֶעהֵייבֶען שְׁרַייעֶן: וָואס קוּמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶער פוּן וָואס מִיר זָענֶען אִינְוָוענִיג, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אִין דְרוֹיסֶען. רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּערְבֶּעטֶען אוּנ אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין דִי יְשִׁיבָה, נָאר רַבִּי מֵאִיר אִיז נִיט בֶּעשְׁטַאנֶען, אוּנ אַז דֶער נָשִׂיא הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בֶּענוּטְצֶען מִיט זַיין מַאכְט אוּנ אִיהם אַרַיינְלֶעגֶען אִין חֵרֶם, הָאט זִיךְ רַבִּי מֵאִיר נִיט גֶעוָואלְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז אֵיינֶעם פוּן דִי סַנְהֶדְרִין טָאר מֶען נִיט מַחֲרִים זַיין. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט צוּרִיק אָנְגֶעהמֶען זַיין פְּלַאטְץ צְוִוישֶׁען דִי תַּנָּאִים אוּנ אִיז אַוֶועק קַיין קְלֵיין-אַזְיֶען; דָארְט אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ הָאט גֶעלָאזְט אַ צַוָואָה מֶען זָאל אִיהם מְקַבֵּר זַיין נֶעבֶּען בְּרֶעג יַם וָואס רִינְגֶעלְט אַרוּם אוֹיךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ וָואס דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר גֶערֶעכֶענְט אִיז גְלַייךְ וִוי זַיין גוּף אִיז מְקוּבָּר גֶעוָוארֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָועלְכְּטְ.

כָּאלְד הָאבֶּען אָבֶער דִי יוּדֶען גֶעמוּזְט פַארְגֶעסֶען אֵיינֶענֶע מַחֲלוֹקֶת, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אוֹיף זֵייא וַוייטֶער אָנְגֶערִיקְט אַ בִּיטֶערֶע צַייט, אוּנ דִי רָאמִישֶׁע מְלוּכָה הָאט נָאךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אִיהר שִׂנְאָה גֶעגֶען יוּדִישֶׁען פָאלְק. נִיט אוּמְזִיסְט הָאט, דֶער נָשִׂיא, רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל גֶעשְׁרִיגֶען אַז דִי צָרוֹת פוּן זַיין צַייט זָענֶען אַסַךְ עֶרְגֶער וִוי אַמָאל. דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אֲפִילוּ נָאךְ אַמָאל גֶעפְּרוּבְט מַאכֶען אַ מְרִידָה אוּנ הָאבֶּען גֶעהַאט אַ שְׁטִיקֶעל הָאפְנוּנְג אוֹיף דִי פַּרְתִּים, וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט אָנְהֵייבֶּען אַ מִלְחָמָה מִיט רוֹם, נָאר אַנְטָאנִינוּס פִּיוּס הָאט זֵייא כָּאלְד גֶעשְׁטִילְט ... אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּער-גֶעגַאנְגֶען צוּ מַארְק אוֹירֶעלְיוּס אוּנ וֶוערוּס, אִיז נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶע צָאר'ן וִוי פְרִיהר אוֹיסְגֶעגָאסֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דִי יוּדֶען. מֶען הָאט נִיט נָאר בֶּענַייט אַלֶע גְזֵירוֹת פוּן הַאדְרִיַא'ן, נָאר מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעשְׁטְרָאפֶען מִיט'ן טוֹיט אַלֶע וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט מַל זַיין דִי קִינְדֶער, אָפְּהִיטֶען שַׁבָּת אוּנ פְרוֹיעֶנְרֵיינְקַייט. אוּנ מֶען הָאט אוֹיךְ צוּגֶענוּמֶען בַּיי יוּדִישֶׁע דַיָּנִים דָאס רֶעכְט פוּן מִשְׁפָּט'ן. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען פַאר לִיעב אוּנ הָאט מִיט עֲנִיוּוּת גֶעזָאגְט אַז דִי רַבָּנִים פוּן יֶענֶער צַייט זָענֶען טַאקִי נִיט רָאוּי גֶעוֶועהן אַ אֱמֶת'ן מִשְׁפָּט אַרוֹיס-צוּגֶעבֶּען. דֶער הַאס פוּן דִי רָאמֶער אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶע-הוֹיבֶּען טְשֶׁעפֶּען אֲפִילוּ צוּ דִי סַנְהֶדְרִין. אַמָאל הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי רַבִּי יְהוּדָה, רַבִּי יוֹסִי אוּנ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאבֶּען צְוִוישֶׁען זִיךְ גֶערֶעדְט. רַבִּי יְהוּדָה הָאט גֶעלוֹיבְּט דִי רָאמֶער אוּנ גֶעוִויזֶען אַז זֵייא זָענֶען זֶעהר נוּטְצְלִיךְ דֶערְמִיט וָואס זֵייא מַאכֶען בְּרִיקֶען אוּנ בָּאדֶער אוּנ פִּיהרֶען אַיין יְרִידִים. רַבִּי יוֹסִי הָאט

נעשװינגען, אונ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אָבְגֶעװענְדט אונ גֶעזָאגְט אַז אַלְדִינְג װָאס די רָאמֶער מַאכֶען טְהוּן זֵיי עָס פוּן זַייעֶר טוֹבָה װֶעגֶען אונ מֶען דַארְף זֵיי דֶער פַאר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט דַאנְקְבַּאר זַיין. דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט מֶען בַּאלְד אָבְגֶעטְרָאגֶען אִין די אוֹיעֶרן פוּן דֶער מְלוּכָה. רַבִּי יְהוּדָה אִיז גֶעװָארֶען אַגְרוֹיסֶער חָשׁוּב, רַבִּי יוֹסִי'ן הָאט מֶען פַאר'ן שְׁװַייגֶען נָאר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אונ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ן הָאט מֶען פֶער מִשְׁפָּט צוּם טוֹיט. דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעצְװאוּנְגֶען גֶעװֶעהן זִיךְ צוּ בֶּעהַאלְטֶען אִין אַהֵייל, וִוי מִיר הָאבֶּען שׁוֹין פְרִיהֶער דֶערְצֶעהלְט, אונ עֶרְשְׁט נָאךְ װֶערוֹס'ס טוֹיט הָאט עֶר גֶעקָאנְט אַרוֹיס פוּן זַיין בֶּעהֶאלְטֶענִישׁ.

אַז מַארְק אוֹירֶעלְיוּס װָאס אִיז גֶעװֶעהן בֶּעקַאנְט פַאר אַזֶעהר גוּטֶען מֶענְשׁ, אִיז אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען הֶערְשֶׁער פוּן רוֹם, הָאבֶּען די יוּדֶען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרוֹיסְצוּשִׁיקֶען רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ן צוּם קֵייזֶער, עֶר זָאל אוֹיסְבֶּעטֶען טוֹבוֹת פַאר זֵיי. מִיט אִיהם אִיז אוֹיךְ גֶעפָאהרֶען רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יוֹסִי, װָאס אִיז גֶע־װֶעהן אַגְרוֹיסֶער קֶענֶער פוּן פְּרֶעמְדֶע לְשׁוֹנוֹת. דֶעמָאלְט הָאבֶּען די קְרִיסְטֶען אוֹיךְ גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל אָנְהֵייבֶּען אוֹיף זֵיי בֶּעסֶער קוּקֶען אונ מַארְק אוֹירֶעלְיוּס, װָאס אִיז טַאקִי נִיט צוּפְרִידֶען גֶעװֶעהן פוּן די פְרִיהֶרִינֶע אַכְזָרִיוֹת, הָאט צוּ־גֶעזָאגְט צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען די יוּדֶען מִיט יוֹשֶׁר אונ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען װָארְט.

נָאךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעװָארֶען נָשִׂיא זַיין זוּהן רַבִּי יְהוּדָה, װָאס הָאט זוֹכֶה גֶעװֶעהן מֶען זָאל זַיין נָאהמֶען נָאךְ בַּיי'ם לֶעבֶּען מַאכֶען פַאר הֵיילִיג אונ מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען: רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ. אוֹיף אִיהם הָאט מֶען מִיט רֶעכְט גֶעזָאגְט אַז נָאטט הָאט אִיהם גֶעבֶּענְשְׁט מִיט אַללֶע זִיבֶּען זַאכֶען װָאס שְׁטֶעהֶען אָן אַיין אֶמֶת'ן צַדִיק: מִיט שֵׁיינְקַייט, כֹּחַ, עֲשִׁירוּת, כָּבוֹד, חָכְמָה, אֲרִיכוּת יָמִים אונ גוּטֶע קִינְדֶער. וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעװָארֶען אַזוֹי רַייךְ — װֵייסְט מֶען נִיט. נָאר דָאס אִיז גֶעװִיס אַז עֶר הָאט פֶערְמָאגְט גַאנְצֶע אוֹצְרוֹת. אַז עֶס אִיז גֶעװָארֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶער הוּנְגֶער אִין לַאנְד אונ עֶס הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעמַאכְט דֶער צוּ אַמַגֵּפָה, הָאט עֶר צוּטְהֵיילְט צְוִוישֶׁען די נוֹיט בֶּעדֶערְפְטִיגֶע זֶעהר פִיעל גֶעלְד אונ תְּבוּאָה. אִין אָנְהֵייבּ הָאט עֶר גֶעװָאלְט שְׁטִיצֶען נָאר אֵיידֶעלֶע מֶענְשֶׁען, װָאס בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט תּוֹרָה, װַייל גְרָאבֶּע לַייט אָהן װִיסֶען הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט לַיידֶען, נָאר אַז אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, רַבִּי יוֹנָתָן בֶּן עַמְרָם, הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען אַז עֶס אִיז נִיט קֵיין יוֹשֶׁר צוּ מַאכֶען אַחִלּוּק צְוִוישֶׁען מֶענְשֶׁען בַּיי אַיין אוּמְגְלִיק װֶען אַללֶע בַּאגְלַייךְ טְרֶאנְקֶען זִיךְ, הָאט עֶר נֶעהֵייסֶען טְהֵיילֶען אַללֶע װָאס מוּזֶען אָנְקוּמֶען צוּ פְּרֶעמְדֶע הִילְף. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אָבְגֶעזָאגְט פוּן זַיין מֵיינוּנְג, װֶען אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה'ס טָאכְטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען בַּיי אִיהם בֶּעטֶען

שטיצונג; פריהר האט ער זיי אוועקגעטריבען און האט ערקלערט אז אויף די קינדער פון אזא פאטער טאר מען קיין רבנות ניט האבען, נאר אז זיי האבען איהם דערמאנט אין דעם פאטער'ס תורה, האט ער ניט גערעדט דאס צווייטע ווארט און האט זיי באלד מקרב געוועהן.

אין רבי יהודה'ס צייט איז די גרויסע ישיבה איבערגעפיהרט געווארען קיין בית שערים, וואו די לופט איז געוועהן זעהר ריין, און דארט האבען זיך אויך געפונען די סנהדרין, וואס זענען געשטאנען אונטער רבי יהודה'ס השגחה און אהן זיין הסכמה פלעגט קיין זאך ניט געטהון ווערען, אויסער די בעשטימונג פון ימים טובים און ראש חדש, וואס פלעגט געשעהן אין א דארף פון עין טב, ניט ווייט פון לידדא. ער פלעגט ארויסגעבען סמיכות רבנים פון אנדערע ערטער און פיעל פון זיינע תלמידים, ווי רבי לוי בר סיסי, וואס איז געווארען דער פארשטעהער פון דער יודישער עדה אין סימאניאס, רבה בר חנא פון כפרי און אבא אריכא פון בבל, האבען זיך שפעטער בעריהמט געמאכט. רבי יהודה פלעגט אבער מקנא זיין דעם ריש גלותא פון בבל, ווייל זיין מאכט איז געוועהן גרויס דורך דעם וואס ער איז בעשטימט געוועהן פון דער מלוכה און האט געהאט כיר אלדינג צו טהון, ווערהרנד ער האט פון דער רוימ'שער מלוכה קיין מאכט ניט געהאט פון א הערשער אויף די יודען, דאריבער האט ער אבגעהיט דער נאמען „נשיא" זאלל ניט צוגערינג זיין ביי דעם עולם, און חאץ ער פאר זיך איז א גרויסער עניו געוועהן, האט ער אבער שטארק מקפיד געוועהן פאר דעם כבוד פון נשיא, און אז רבי חייא האט זיך אמאל ערלויבט צוזאגען א הלצה וואס ער האט עס אנגענומען פאר א פחיתת הכבוד, האט ער איהם בעשטראפט, ער זאל זיך איהם אנאנצען חדש פאר די אויגען ניט ווייזען. אזוי האט ער אויך געטהון מיט זיין תלמיד שמעון בר קפרא, וואס האט אין דער ישיבה פאר אללע חברים געלייענט א שיר, אין וועלכען ער האט געשפעט פונ'ם נשיא'ס איידעם בן אלעשה; רבי יהודה האט עס איהם ניט מוחל געוועהן און ער האט שוין ניט בעקומען קיין סמיכה. פון דער זעלבער סבה, קאנן זיין, האט ער ניט מסמיך געוועהן דעם בעריהמטען חכם שמואל ירחינאה וואס איז געוועהן א גרויסער אסטראנאם און אדאקטאר און האט רבי'ן זעלבסט אויסגעהיילט פון א שטארקער קראנקהייט. אז רבי האט זיך געוואלט פערענטווערן פאר איהם האט איהם שמואל געענטווארט: זאלל דיר ניט פערדריסען. איך זעה אז פון הימעל האט מען אזוי גוזר געוועהן: אז שמואל זאלל הייסען נור חכם, אבער ניט רבי, פון דעסטוועגען זאלל ער רבי'ן אויסהיילען פון זיין קראנקהייט. אז רבי חנינא, וואס האט זיך

גערעכענט צווישען די גראסטע לומדים. האט אמאל אנדערש געלערנט א פסוק פון יחזקאל, ווי רבי יהודה האט געמיינט, אונ האט געזאגט אז ער האט דעם פירוש געהערט פון רב המנונא אין בבל, האט איהם דער נשיא באלד געענטפערט: „אויב דו וועסט נאך אמאל זיין ביי איהם, זאלסטו איהם זאגען אז איך האלט דיך פאר א חכם“, אונ דערמיט האט שוין רבי חנינא בעקומען דעם בעסטען ווינק אז קיין סמיכה וועט ער פון איהם קיין מאל ניט בעקומען. אודאי האבען זיך געפונען פיעל אונצופרידענע אונ איין מאל אויף א שמחה, ווען דער וויין האט ארויפגעבראכט אויף דער צונג אלדינג וואס איז געווען אויף דער לונג, האבען רבי חייא'ס צוויי זיהן, יהודה אונ חזקיה, געזאגט רבי יהודה'ן אין אויג, אז איבער דעם נשיא אונ דעם ריש גלותא קאן משיח ניט קומען.

רבי יהודה'ס פעסטער ווילען אונ שטארק בעליבטקייט ביי'ם פאלק האט פיעל פערהאלפען דערצו, וואס ער האט געקאנט מבטל זיין אזויגע דינים אונ מנהגים, וואס האבען ניט געפאסט צו יענער צייט. שווער איז איהם נאר אנגעקומען אב צושאפען די דינים פון מעשר אונ שמיטה, וואס זענען געלעגען ווי א שווערע משא אויפ'ן פעראָרעמטען פאלק, אונ אז ער האט צו זיך צוגעצויגען דעם גראסטען למדן פון יענער צייט, רבי פנחס בן יאיר, רבי שמעון בן יוחאי'ס איידעם, אונ האט גערעכענט אז ער וועט איהם העלפען צו בעווייזען אז אבהיטען אזעלכע מצות אין דער פרעמד אדער אויף אזא ערד, וואס איז שוין לאנג ארויס פונ'ם יודישען רשות, איז ניט קיין חיוב, האט ער נאך אין איהם געפונען א שטארקען געגנער געגען זיין מיינונג.

בעזאנדערס אבער האט זיך רבי יהודה בעריהמט געמאכט דערמיט וואס ער האט געארדענט אונ געענדיגט די גרויסע ארבייט פון רבי עקיבא'ן אונ רבי מאיר'ן אונ האט צונויפגענומען אללע דינים אונ הלכות וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען אין די לעצטע יאהרען אונטער דעם נאמען „משנה“. רבי יהודה האט זיך מיה געגעבען אז די משנה זאל זיין געשריבען אויף ריין לשון הקדש, נאר וואו עס איז ניט מעגליך געוועהן אויסצופיהרען האט ער אויך צוגענומען אין דער משנה אסך גריכישע אונ לאטיינישע ווערטער. חוץ אללע דינים אונ הלכות האט ער אין משנה אריינגענומען די מוסר פון אונזערע הייליגע חכמים אונ האט זיי א נאמען געגעבען „פרקי אבות“, די טהייערע פערל וואס האבען זיך געשיט פונ'ם מויל פון אונזערע חכמים אונ וואס בלישטשען נאך

אצונד אזוי ווי ליכטיגע דיאמאנטען, וועלכע וועלען קיין מאל ניט פערליערען זייער ווערטה.

רבי יהודה׳ס צייט איז ניט געוועהן בעזאנדערס גליקליך. פון דעם נוטען קייזער מארק אווירעליוס׳ס מלוכה האט ער אין גאנצען איין יאהר פערהאפט, אונ נאך זיין טויט, אז אין רום האבען אנגעהויבען הערשען סעפטימיוס סעווערוס, אונ פעסצעניוס ניגער, וואס האט זיך שטארק צופיהרט די האנד אין גאליליעא, איז די יודען געווארען זעהר שלעכט אונ אז זיי האבען ביי איהם געבעטען א ביסעל צו פערקלענער׳ן זייערע נתינות, האט ער זיי געאנפערט אז עס טהוט איהם באנג וואס ער קאן ביי זיי ניט פאדערען קיין בעזונדערן מס אפילו פאר דער לופט וואס זיי אטהמען. אז עס איז ארויס א קריעג צווישען די ביידע יורשים פון דער ראמישער קרוין אונ די שמרונים האבען געהאלטען מיט פעסצעניוס ניגער זענען די יודען געשטאנען פאר סעפטימיוס סעווערוס, וועלכער האט נוכר געוועהן אונ דערפאר געטהון פיעל חסדים מיט׳ן יודישען פאלק אונ די שמרונים בעשטראפט דער מיט וואס ער האט ביי די אנוואהנער פון זייער הויפט שטאדט שכם צו גענומען אללע רעכטע. די לאגע פון די יודען וואלט אפשר דעמאלט אין גאנצען בעסער געווארען, ווען זיי לאזען זיך ניט פערפיהרען פון די פארטהער, וואס האבען זיי צוגעזאגט אומצוקעהרען ארץ ישראל אונ אויסבויען דעם בית המקדש, ווען זיי וועלען זיי העלפען געגען די ראמער די מרידה האבען אנגעהויבען היטציגע יונגע לייט אונ דער עלטערער דור האט דערפון ניט געוואלט וויסען. אוודאי האבען די מורדים געהאפט א ביטערן פסק אונ כדי אומשולדיגע זאלען ניט געניעסען זייער זכות, האבען די יודען אליין זיך ענטשלאסען אויסצוגעבען די מורדים, אונ צוויי בעריהמטע חכמים ר׳ אלעזר ב״ר שמעון אונ ר׳ ישמעאל ב״ר יוסי האבען געמוזט געהמען די ראלע אויף זיך זיי אויפצוזוכען אונ איבערגעבען די רוימער. דאס האט א ביסעל געשטילט דעם צארן פון סעווערוס אונ ער האט זיך נאר בעגנינט דערמיט וואס ער האט ווייטער מקרב געוועהן די שמרונים אונ די יודען האט ער פארווערט זיי זאלען ניט טארען קיין נאטצענדיגער אריינגעהמען אין זייער אמונה. ווי עס שיינט, זענען צווישען די מורדים געוועהן פיעל גרים, וואס האבען געמוזט, צוזאמען מיט זייערע מוהלים, אבטרעטען פונ׳ם לאנד, אדער פערמישפט ווערען צום טויט.

מיט רבי יהודה׳ן איז געשלאסען געווארען די צאהל פון די תנאים אונ

פאר'ן טויט האט ער געמאכט פאר א נשיא זיין עלטערן זוהן, גמליאל, אונ דעם יונגערן שמעון האט ער בעשטימט פאר'ן ראש המדברים אין די אסיפות. ער האט געפיהלט ביי זיך אז ער האט ניט יוצא געוועהן געגען זיין תלמיד, רבי חנינא בר חמא, אונ האט אנגעזאגט דעם נייעם נשיא, ער זאל איהם באלד געבען די ערשטע סמיכה אונ זאל זיך איבערהויפט פריינדליכער בעגעהן מיט זיינע תלמידים. אין דער צוואה האט רבי יהודה אנגעזאגט מען זאל ניט טרויערן נאך איהם אונ באלד נאך שלשים זאל מען אפנען די ישיבה. פון דעסטוועגען אז עס איז אנגעקומען די ידיעה פון זיין טויט איז געווארען א קלאג צווישען אללע יודען אונ מען האט איהם מספיד געוועהן אין אכטצעהן שולען. ביי דער טהרה האבען זיך בעשאפטיגט אפילו כהנים, וואס האבען זיך געפונען אהיתר צו ליעב דעם כבוד פונ'ם מת

דער נייער נשיא, רבן גמליאל דער דריטער, האט געלעבט אין א בעסערע צייט פונ'ם פאטער פינף אונ צוואנציג יאהר כסדר, נאך סעווערוס'ס טויט, האבען די מלוכה אין רום געפיהרט פיער סירישע פרויען: די אלמנה פונ'ם געשטארבענעם קייזער יוליא דאמנא אדער מארטהא, איהר שוועס־טער יוליא מאזא אונ ביידע טאכטער מאזא'ס, יוליא זאאמיא אונ יוליא מאמסא. זיי זענען אויפגעוואקסען געווארען אין דער שטאדט עמעזא, וואו עס איז געוועהן א גרויס יודישע קהלה אונ עס האבען זיך אויך געפונען פיעל גרים; צווישען וועלכע עס האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט עשירות די משפחה בר־אשתור אונ אזוי ווי זיי האבען גוט געקענט יודען האבען זיי געזוכט זייער פריינדשאפט אונ אז זאאמיא האט געוואלט אז איהר זוהן קלנבל (אנטונינוס) זאל ווערען קייזער, האט זי אנגעהויבען אבצושיטען די יודען מיט טובות. דעמאלט האט דער נשיא געזאגט, אז "מען דארף זיך היטען פאר דער ראמישער מלוכה, ווייל זי איז מקרב אמענשען נאר דעמאלט ווען זי דארף אנקומען צו איהם". נאר ווי אזוי די זאך איז שוין דארט געוועהן, צו האט עס דער נייער קייזער קלנבל געמיינט מיט'ן נאנצען הארצען אדער ניין, נאר די לאגע פון די יודען איז פארט בעסער געווארען אונ זיי אליין האבען איך בעוויזען א שטארק התקרבות צו די ראמער. דעם נשיא'ס ביידע זיהן, יהודה אונ הלל, האבען זיך צו פליים געלערנט גריכיש אונ האבען זיך די האר געשוירען ווי די ראמער.

אז נאך רבן גמליאל'ס טויט איז געווארען נשיא זיין זוהן רבי יהודה דער צווייטער, האט ער זיך געמיהט נאך שטארקער צו בעפעסטיגען די פריינד־שאפט צווישען יודען אונ ראמער אונ צו ליעב דעם האט ער מתיר געוועהן צו

קוֹיפֶען אֵעל בַּיי דִי נֶאטְצֶענְדִיעֶנֶער אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען מֶען זָאל אוֹיפְהֶערֶען צוּ טְרוֹיעֶרן אוֹיף הַאדְרִיַאנ'ס גְזֵרוֹת אוּנ דִי יוּדִישֶׁע חֲתוּנוֹת זָאלֶען וַוייטֶער גֶעמַאכְט וֶוערֶען מִיט שִׂמְחָה אוּנ פַּארַאד. עֶר הָאט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ מְבַטֵל זַיין דֶעם תַּעֲנִית פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, נָאר כְּמֶען הָאט עֶס נִיט דֶערְלָאזְט. דֶערְפַּאר הָאבֶען דָעמָאלְט אוֹיפְגֶעהֶערט פִּיעל מִנְהָגִים, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען וִוי אַיין אַייזֶערְנֶע וַואנְד צְווִישֶׁען דִי יוּדֶען אוּנ דִי רָאמֶער, אוּנ אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ יוּלְיַא מַאמֶעאַ'ס זוּהן, אַלֶכְּסַנְדֶר סֶעוֶוערוּס, וָואס אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר אַ גוּטֶער מֶענְשׁ אוּנ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ שֶׁאטְצֶען דִי טְהַייעֶרֶע מִדּוֹת וָואס לִיגֶען אִין יוּדֶענְטְהוּם אוּנ אוֹיךְ אִין קְרִיסְטֶענְטְהוּם, הָאבֶען דִי יוּדֶען זִיךְ גֶעפִיהלְט מַאקִי גְלִיקְלִיךְ. דֶער קֵייזֶער הָאט בַּיי זִיךְ אִין טֶעמְפֶּעל אַריינְגֶעשְׁטֶעלְט דִי בִּילְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּנ פוּן קְרִיסְטוּס, אוּנ אוֹיפ'ן טוֹיעֶר פוּן זַיין פַּאלַאץ אוּנ אַנְדֶערֶע בִּנְיָנִים פוּן דֶער מְלוּכָה הָאט עֶר גֶעלָאזְט אוֹיסְקְרִיצֶען הִלֵל'ס וֶוערְטֶער: „וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיין פַיינְד, זָאלְסְטוּ נִיט טְהוּן קֵיין אַנְדֶערְן". בַּיי אַ מִלְחָמָה, אַז דָאס חַיִל פְלֶעגְט אַריינְגֶעהְן אִין פְרֶעמְדֶע עֶרְטֶער, הָאט עֶר דִי אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפֶען אוּנ דֶערְמִיט דֶערְמָאנְט דִי סָאלְדַאטֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ אָבְּהִיטֶען פוּן גְזֵלָה אוּנ רְצִיחָה נֶעגֶען אוּנְשׁוּלְדִיגֶע רוּהִיגֶע אַנְוָואהנֶער. דֶער נָשִׂיא אִיז גֶעוֶועהן בַּיי'ם קֵייזֶער אַזַא חָשׁוּב אַז אִין דֶער מִלְחָמָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט'ן פֶּערְסִישֶׁען מֶלֶךְ אַרְדַשִׁיר הָאט אִיהם רַבִּי יְהוּדָה גֶעמוּזְט בַּאלֵייטֶען קֵיין אַנְטְיָאכִיעֶן אוּנ הָאט פוּן אִיהם בֶּעקוּמֶען זֶעהר פִּיעל עֶרְד פוּן יֶענֶער זַייט יַרְדֵן פַּאר אַ מַתָּנָה. מֶען הָאט שׁוֹין נִיט צוּ רֶעדֶען אַז אַלֶע פְרִיהֶרִיגֶע גְזֵירוֹת זֶענֶען בָּטֵל גֶעוָוארֶען: דִי יוּדֶען הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען אַיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ אַריין צוּפָאהרֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. אִינ'ם יָאהר פוּן שְׁמִיטָה הָאט מֶען זֵיי בֶּעפְרַייט פוּן אַלֶע נְתִינוֹת אוּנ דִי רַבָּנִים הָאט מֶען נֶעגֶעבֶּען רֶעכְט צוּ מִשְׁפָּט'ן אוּנ פַּסְקְנֶען שַׁאֲלוֹת וִוי אַ מָאל. צוּם אוּמְגְלִיק אִיז אָבֶער אַלֶכְּסַנְדֶר סֶעוֶוערוּס גֶעהַרְגֶ'ט גֶעוָוארֶען אוּנ דִי שַׁיין פוּן גְלִיק הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען פַּאר דִי יוּדֶען נָאר אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט.

נָאךְ סֶעוֶוערוּס'ס טוֹיט הָאט רוֹם זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק צוּרוּקֶען צוּ דֶער מַפָּלָה. אִין אַ צַייט פוּן צְוַואנְצִיג יָאהר הָאט מֶען צֶעהן מְלָכִים גֶעטֵייטְט, אִין לַאנְד אִיז גֶעוָוארֶען הֶשֶׁךְ אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעלִיטֶען צוּם עֶרְשְׁטֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז זֵיי שְׁלֶעכְט גֶעוָוארֶען פַאר'ן קֵייזֶער פִילִיפּ, וָואס הָאט כְּלוֹמֶר'שְׁט מֶעהר גֶעהַאלְטֶען מִיט'ן קְרִיסְטֶענְטְהוּם אוּנ הָאט גֶעוָואלְט יוֹצֵא זַיין דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְּרֶעסֶען יוּדֶען אוּנ פָאדֶערֶען בַּיי זֵיי מֶעהר מַס. דֶעמָאלְט הָאט רַבִּי יַנַּאי גֶעמוּזְט עֶרְלוֹיבֶּען צוּ אַקֶערְן דִי פֶעלְדֶער אוּם שְׁמִיטָה אוּנ הָאט

געזאגט: „מיר יודען האבען ניט דאס גליק פון די רשעים און ניט די צרות פון די צדיקים".

ביי אזא לאגע זענען די יודען פון ארץ ישראל ארעם געווארען און האבען ניט געקאנט אויסהאלטען די ישיבות. דער נשיא, וואס האט שוין ניט פערמאגט דעם זיידענס רייכקייט, האט געמוזט ארויסשיקען אויף דער וועלט שלוחים זיי זאלען צונויפנעהמען נדבות, און פון אללע לאנדער האט מען אנגעהויבען שיקען געלד. בעזאנדערס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זעהר מילדקייט די יודען פון רום, וואס צו זיי איז געפאהרען איינער פון די בעריהמטעסטע לומדים רבי יהושע בן לוי. די ישיבות האבען אבער טאקי מחזק געוועהן די תורה און די לומדים פון יענער צייט, וואס מען האט זיי שוין גערופען אמוראים, דאס הייסט: ערקלעהרער, האבען אויסגעארבייט א בעזונדער זאמלונג פון מיינונגען איבער פערשידענע דינים און הלכות, וועלכע געפינען זיך אין דער משנה, און די זאמלונג האט בעקומען א נאהמען תלמוד אדער גמרא. אויסער דעם זענען דעמאלט מעהר בעקאנט געווארען פיעל ספרים וואס זענען נאך פריהר אנגעשריבען געווארען: תוספתא, א „צוזאטץ" צו דער משנה. ספרא, א פירוש אויף „ויקרא". ספרי, א פירוש אויף „במדבר" און „דברים". מכילתא, א פירוש אויף „שמות" און ברייתא, וואס בעשטעהט פון מיינונגען וועלכע עס האבען געזאמעלט אין בבל רבי חייא און זיין תלמיד רבי הושעיה (אושעיה).

צווישען די אמוראים האבען זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט רבי יוחנן, וואס האט געהאט זעהר אעדלע און שאנע געשטאלט, און רבי שמעון בן לקיש, וואס איז געוועהן הויך געוואקסען און שטארק ווי א ריז און איז אמאל געצוואונגען געוועהן אין דער נויט זיך צו פערדינגען אין א צירק און דארט זיך שלאגען מיט ווילדע חיות. רבי שמעון בן לקיש איז געוועהן זעהר פרום און האט ליעב געהאט פריי ארויסצוזאגען דעם אמת; ער האט פיינד געהאט צו געהן מיט ווייכע רעד און פלעגט אפילו קיין כבוד ניט לעגען אויפ'ן נשיא. ער האט זיך ניט געשעמט אפען ארויסצוזאגען אז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל הוא", אז „איוב" איז קיין מאל אויף דער וועלט ניט געוועהן און איז ניט מעהר ווי איין משל און מוסר. רבי יוחנן'ס גאנג איז שוין געוועהן נאר איין אנדערער; ער איז געוועהן פון דער נאטור א ווייכער און האט ליעב געהאט אויסצוקומען מיט אללע מענשען. ער האט מתיר געוועהן מאנער און פרויען צו לערנען גריכיש און אליין האט ער זיך אויסער תורה בעשעפטיגט מיט חקירה, און האט מודה געוועהן אז די גריכישע פילאזאפיע האט געהאט

אַ שְׁטַארְקֶע גְּאוּלָה אוֹיף דִי פֶעלְקֶער אוּנ הָאט צְוִוישֶׁען זֵיי פֶערְפְלַאנְצְט גוּטֶע מִדּוֹת.

---

5 דָאס יוּדִישְׁקַייט אִין בָּבֶל אוּנ אִין פֶּערְסְיֶען.

(240—300 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

דִי הַשְׁגָחָה הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז אַ גְרוֹיסֶע צָאהל יוּדֶען זָאל זִיךְ בֶּעזֶעצֶען אִין בָּבֶל אוּנ פֶּערְסְיֶען אוּנ וֶוען זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער זָאל שׁוֹין וֶוערֶען נָאר עֶנְג אִין דֶער גֶעוֶועזֶענֶער הֵיים, זָאלֶען זֵיי נָאךְ הָאבֶּען אַ קְוֶועלֶע פוּן הָאפְנוּנְג אוּנ הִילְף. דָאס הָאט מֶען גֶעזֶעהֶען אִין עֶזְרָא'ס צַייט אוּנ דָאס אֵייגֶענֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהֶען אַצוּנְד. וֶוען דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִין דִי רֶאמִישֶׁע לֶאנְדֶער אִיז גֶעוָוארֶען שְׁלֶעכְט אוּנ דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא אָרֶעמְקַייט אַז דִי יְשִׁיבוֹת הָאבֶּען זִיךְ מִיט גְרוֹיס מִיה גֶעקָאנְט הַאלְטֶען אוּנ דֶער אֵיינְצִיגֶער יוּדִישֶׁער אוֹצָר, דִי תּוֹרָה, הָאט גֶעוָאלְט אִין גַאנְצֶען פֶערְשְׁווִינְדֶען. דֶעמָאלְט, וֶוען אַ שְׁטַארְקֶער נֶעבֶּעל הָאט אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט דִי יוּדֶען אִין גַאלִילֶעאַ, הָאבֶּען בֶּעזָאנְדֶערְס גֶעגְלֶאנְצְט דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל, גוּאוּ מֶען הָאט אַ טְהֵייל פוּנ'ס לַאנְד גֶערוּפֶען „אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" דֶערְפַאר וָואס דָארְט הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת, הָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהְן צוּוָוארְפֶען אִין אַלֶע שְׁטֶעדְט אוּנ אוּמֶעדוּם הָאט מֶען זֵיי גֶעהַאלְטֶען מִיט כָּבוֹד.

צְווִישֶׁען דִי יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְט אִין בָּבֶל אִיז דִי גְרֶאסְטֶע גֶעוֶועהְן נְהַרְדְעָא בַּיי'ם טַייךְ פְּרָת, וָואס מֶען הָאט זִי אוֹיךְ גֶערוּפֶען „יְרוּשָׁלַיִם פוּן בָּבֶל"; אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען פְלֶעגְט מֶען דָארְט צוּנוֹיפְנֶעהמֶען אַלֶע נְדָבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער אוּנ אַוֶועקְשִׁיקֶען אוּנְטֶער אַ שְׁטַארְקֶער וַואךְ אִין דֶער יוּדִישֶׁער הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט. עֶטְלִיכֶע מַייל פוּן דָארְטֶען הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען וֶועהר אַ גְרוֹיסֶע אוּנ בֶּעפֶעסְטִיגֶע שְׁטָאדְט פִּירוּז־שַׁבּוּר אוּנ נִיט וַוייט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהְן אֵיינֶע פוּן דִי שֶׁאנְסְטֶע שְׁטֶעדְט פּוּמְבְּדִיתָא, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט וֶועהר פִיעל בִּנְיָנִים אוּנ טְהַייעֶרֶע פַּאלַאצֶען. ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס זֶענֶען דִי אַנְוואהנֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט גֶעוֶועהְן גְרוֹיסֶע אוֹיסְבְּרֶעְנְגֶערְס אוּנ מֶען הָאט זֵיי נִיט גֶעהַאלְטֶען פַאר עֶהְרְלִיכֶע לַייט; עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְט אַרוּמְגֶעהן אַ וָוארְטֶעל: „קוּם פָארְשְׁטוּ צוּזַאמֶען מִיט אַ פּוּמְבְּדִיתָא'ר, לָאז עֶר נִיט ווִיסֶען וואוּ דַיין אַכְסַנְיָא אִיז". זֶעכְצֶעהן מַייל פוּן דָארְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דִי שְׁטָאדְט מָתָא מְחַסְיָא, אָדֶער סוּרָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַסַךְ אָרֶעמֶער פוּן פּוּמְבְּדִיתָא, נָאר דִי אַנְוואהנֶער זֶענֶען גֶעוֶועהן גוּט אוּנ פְרוּם אוּנ דֶערְפַאר פְלֶעגְט מֶען אָפְט זָאגֶען „אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אִין סוּרָא אִין אַ אַייגְנֶעהוֹיקֶערְט שְׁטִיבֶּעל אֵיידֶער אִין אַ פַּאלַאץ פוּן

פומבדיתא. נאך אין א פירטער שטאדט מחוזא האבען אויך געוואוינט זעהר פיעל יודען, וואס זענען גראסטענטהיילס ארויסגעקומען פון גרים. דאס גאנצע לאנד איז געוועהן זעהר פרוכטבאר, ווייל דארט זענען געוועהן פיעל טייכען און וואסערן. און דאריבער איז אויף פירות דארט געוועהן א גרויס געראטעניש. די יודען האבען זיך בעשעפטיגט מיט אקערבוי, מסחר און אללערליי מלאכות.

אין בבל האבען זיך די יודען געפיהלט זעהר פריי און מען קאן זאגען אז עס האט זיי ניט געפעהלט קיין זעלבסשטענדיגקייט. פאר דער מלוכה האבען זיי געהאט נאר איין התחייבות, צו צאהלען מס פון יעדען נפש און פון דער ערד וואס יעדער האט פערמאגט, ערד איז ווידער געוועהן גענוג אין לאנד און ווער עס האט נאר געוואלט געהמען אויף זיך צו צאהלען דעם מס, האט געקאנט ווערען א בעל הבית פון פעלדער און זיי בעארבייטען. דער גאנצער פארשטעהער פונ'ם יודישען פאלק איז געוועהן דער ריש גלותא, וואס פלעגט טראגען א זיידענעם מאנטעל מיט א גאלדענעם גארטעל און האט זיך גערעכענט דער פירטער פונ'ם קאניג. די ריש גלותא, פון וועלכע נחוניה, אדער אחיה, האט זעהר פיעל געזארגט פאר די ישיבות אין בבל, האבען געפיהרט זייער יחוס פון זרובבל'ן און האבען עקסיסטירט ביז צום עלפטען יאהרהונדערט.

די מאכט פון ריש גלותא איז געוועהן אזוי גרויס אז ער האט ניט נאר אליין געקאנט משפט'ן די יודען, נאר אויך שטעלען פון זיך שופטים, וואס האבען אין זיין נאהמען געמאנט ארויסגעבען די גראסטע שטראף. די אינוועניגסטע הנהגה איז אויך געשטאנען אונטער זיין השגחה און ער האט אויך אכטונג געגעבען אויף די סוחרים זיי זאלען אפהיטען א רעכטע וואג און איין אמת'ע מאס. דער ריש גלותא האט געלעבט ווי א מלך, ארומגערינגעלט מיט פיעל דיענער, און דאס פאלק פלעגט איהם אפגעבען דעם גראסטען כבוד. ער פלעגט אויך בעשטימען די ראשי הישיבות, און חאטש אין די ערשטע יאהרען איז די תורה אין בבל געשטאנען נאר אויף א נידריגער מדרגה האבען זיך מיט דער צייט דארט אנגעהויבען ארויסווייזען גרויסע לומדים, די יודען האבען זיך גענאטהיגט אין רעכטע דינים, וואס זאלען פסקנען שאלות, און דאס לערנען האט דארט אנגעהויבען בליהען.

פריהר האבען די ישיבות פון ארץ ישראל געצויגען צו זיך זעהר פיעל תלמידים פון בבל, בעזאנדערס אז רבינו הקדוש איז געוועהן נשיא. צווישען די גרויסע לומדים, וואס בבל האט געקאנט מיט זיי שטאלצירען, זענען געוועהן רבי חייא פון כפרי מיט זיינע צוויי בעריהמטע זיהן, יהודה און חזקיה:

זַיינֶע קְרוֹבִים אַבָּא אַרִיכָא, וָואס מֶען הָאט אִיהם אוֹיךְ גֶערוּפֶען רַב, אוּנ רַבָּה בַּר חָנָה, אַבָּא אוּנ זַיין זוּהן מַר שְׁמוּאֵל. רַבִּי חִיָיא מִיט דִי קִינְדֶער אִיז טַאקִי גֶעבְּלִיבֶּען אִין גַאלִילֶעאַ אוּנ נָאךְ זַייעֶר טוֹיט זֶענֶען זַייעֶרֶע קְבָרִים גֶעוָוארֶען הֵיילִיג בַּיים פָאלְק. אַבָּא אַרִיכָא אוּנ מַר שְׁמוּאֵל זֶענֶען צוּרִיקגֶעפָאהרֶען קַיין בָּבֶל אוּנ אַז דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה פוּן נְהַרְדָעָא אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז זַיין שְׁטֶעלֶע אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ מַר שְׁמוּאֵל. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶועהן רֵישׁ גָלוּתָא עָנָן אוּנ עֶר הָאט בֶּעשְׁטִימְט פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוֹפְטִים צְווֵיי בֶּעקַאנְטֶע לוֹמְדִים, מַר־אַבָּא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן וָועהר רַייךְ אוּנ הָאט קַיין שׁוּם לוֹין נִיט פֶערְלַאנְגְט פַאר זַיין מִיה, אוּנ קַרְנָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גֶעמֵיינֶער מַאנְן אוּנ הָאט זִיךְ נָאר גֶעהֵייסֶען צָאהלֶען שְׂכַר בַּטָלָה פַאר דֶער פֶערְלָארֶענֶער צַייט. אַבָּא אַרִיכָא'ן הָאט עֶר גֶעמַאכְט פַאר אוֹיפְזֶעהֶער אִיבֶּער דִי מַארְקֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז דִי מְקָחִים פוּן עֶסֶענְוַוארְג זָאלֶען נִיט זַיין טְהַייעֶר. אַזַא אַרְבֵּייט אִיז אַבָּא־אַרִיכָא'ן נִיט אָנְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּנ אַז דֶער רֵישׁ גָלוּתָא אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר אִיהם גֶעהֵייסֶען אַיינְזֶעצֶען אִין תְּפִיסָה אוֹיף אַלַאנְגֶער צַייט בִּיז דֶער שׁוֹפֵט קַרְנָא הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעבֶּעטֶען. אִין דֶער צַייט וָואס אַבָּא־אַרִיכָא אִיז אַרוּמְגֶעפָאהרֶען אִיבֶּער דֶער מְדִינָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶען נָאהמֶען אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַנַאנְזֶעצֶער חָשׁוּב בַּיים פַּארְטְהִישֶׁען קֶענִיג אַרְטַבַּן אוּנ הָאט פוּן אִיהם בֶּעקוּמֶען טְהַייעֶרֶע פֶּערְל פַאר אַ מַתָּנָה. אַבָּא־אַרִיכָא הָאט אָבֶּער בֶּעמֶערְקְט אַז אִין פִיעל יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת זֶענֶען דִי דִינִים פוּן כָּשֵׁר אוּנ טְרֵפָה נָאר אוּנְבֶּעקַאנְט; צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט עֶר גֶעמוּזְט וֶוערֶען אַ מַחְמִיר, אוּנ וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט דֶעם עוֹלָם גֶעוָואהנֶען זֵיי זָאלֶען הַאלְטֶען פַאר הֵיילִיג אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה, הָאט עֶר נִיט גֶעלָאזְט עוֹבֵר זַיין אֲפִילוּ אוֹיפ'ן קְלֶענְסְטֶען דִין, אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען צוּ מַאכֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער גֶעסְט פַאר לוֹמְדִים אִין סוּרָא, אוּנ אַזוֹי אִיז פוּן אִיהם גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוָוארֶען דִי בֶּערִיהמְטֶע יְשִׁיבָה, וָואס הָאט זִיבֶּען הוּנְדֶערְט יָאהר כְּסֵדֶר פַארְשְׁפְּרֵייט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה צְווִישֶׁען יוּדֶען.

דִי יְשִׁיבָה הָאט אַבָּא־אַרִיכָא גֶעאֶפֶענְט נָאךְ פַאר זַיין בֶּעשִׁיצֶער אַרְטַבַּן'ס לֶעבֶּען, אוּנ בַּאלְד הָאט עֶר גֶעהַאט צְוֶועלְף הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים פוּן דִי בֶּעסְטֶע יוּנְגֶע לַייט. דִי צָאהל פוּן זֵיי הָאט זִיךְ אָבֶּער יֶעדֶען טָאג פֶערְגְרֶעסֶערְט אוּנ אַבָּא־אַרִיכָא אִיז גֶעצְווּאוּנְגֶען גֶעוֶועהן צוּ צוּקוֹיפֶען פוּן זַייעֶרְטְווֶעגֶען אַ גְרוֹיסֶען גָארְטֶען, עֶס זָאל זַיין פְּלַאטְץ פַאר אַלֶע. מֶען הָאט אִיהם דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען רַב (לֶעהְרֶער) אוּנ דִי יְשִׁיבָה הָאט גֶעהֵייסֶען בֵּי־רַב (אַ הוֹיז פַאר לֶערְנֶען). פִיעל תַּלְמִידִים, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט פוּן וָואס צוּ לֶעבֶּען, הָאט עֶר אוֹיף זַיין רֶעכְנוּנְג

אויסגעהאלטען ווייל ער איז געוועהן רייך אונ האט געהאט גענוג פעלדער. וואס ער פלעגט אליין בעארבייטען. דאס לערנען האט ער אזוי איינגעארדנעט אז אויסער בעשטאנדיגע תלמידים זאלען אויך בעלי בתים קאנען הערען דברי תורה אונ פערנומענע מענשען זאלען זיך ניט דארפען אברייסען פון פרנסה. צוויי חדשים אין יאהר, אדר אונ אלול, זענען געוועהן בעשטימט דארויף אז אללע זאלען זיך פערזאמלען קיין סורא אונ לערנען פון אין דער פריה ביז נאכט, אונ דער עולם האט זיך מיט אזא חשק געווארפען צו דער תורה אז מען פלעגט זיך אפילו ניט פערגינען צו נעהן עסען. אויסער דער צייט, וואס האט געהייסען „די חדשים פון פערזאמלונגען”, פלעגט אבא־אריכא פאר יעדען יום טוב אכט טאג כסדר האלטען פארלעזונגען אונ דעמאלט איז אזא גרויסער עולם זיך צונויפגעפאהרען קיין סורא אז מען האט ניט געהאט וואו צו נאכטיגען אונ פיעלע פלעגען בלייבען אויף דער גאס. אין דער צייט האט זיך יעדער געמוזט פריי איבערגעבען דעם לערנען, ווייל אללע געשעפטען האבען אויפגעהערט אונ אפילו בעלי חובות האבען דעמאלט ניט געטארט מאנען ביי קיינעם קיין געלד.

אבא־אריכא איז געוועהן זעהר שטרענג וועגען אבהיטען דינים אונ מנהגים, נאר ער האט אבער אויך אכטונג געגעבען אז דאס פאלק זאל זיך, אויסער מיט פרומקייט צו גאטט, אויסצייכנען מיט שאנע מדות צווישען מענשען. ער האט בעמערקט פון איין זייט אז יודען מאכען חתונה זייערע טאכטער, ווען זיי זענען נאך צו קליין אונ יונג, אונ דער חתן זעהט ערשט די כלה פאר דער חופה, ווען עס איז שוין צו שפעט חרטה צו האבען, אונ פון דער אנדערע זייט – אז דער חתן וואהנט ביי זיין מחותן נאך פאר דער חתונה אונ ווערט דורך דעם צו נאהענט צו זיין כלה. דאס אלדינג אונ נאך פיעל אנדערע זאכען האט ער פארווערט אונ האט איבערהויפט אזוי פיעל געארבייט אויסצוועדלען די זיטען; אונ ניט אומזיסט האט מען איהם פערגלייכט מיט הלל'ן. ער איז טאקי געוועהן אויך אעניו ווי הלל. ער האט געהאט אזוהן, חייא, אגרויסען למדן, זיין טאכטער האט גענומען אחתן פונ'ם ריש גלותא'ס משפחה, אליין האט ער געהאט כבוד פון אללע זייטען אונ פון דעסטוועגען האט ער געלעבט גאנץ פראסט אונ האט ליעב געהאט ערדארבייט. זיין צווייטען זוהן איבו, וואס האט ניט געהאט קיין שארפען מח, האט ער אנגעזאגט ער זאל זיך בעשעפטיגען מיט ערדארבייט אונ זיין בעשטאנדיג ווארטעל פלעגט זיין: „בעסער ווייניג פון פעלד עהדער פיעל פון קלייט”. אז ער איז געשטארבען, האט דער טרויער נאך איהם געדויערט אגאנץ יאהר.

מר שמואל האט שטארק איבערטראפען אין ידיעות העולם אבא־אריכא'ן אונ

האט זיך בעוואונדערט אבגעגעבען מיט דיני ממונות, דאס הייסט משפטים פון געלד־זאכען; אחוץ דעם איז ער געוועהן א בעריהמטער בקי אין די חכמות פון מעדיצין אונד אסטראנאמיע, ער איז געוועהן אזוי קלאר אין דעם גאנג פון די שטערן, וואס ער פלעגט שטענדיג בעטראכטען צוזאמען מיט זיין פריינד, דעם פערסישען חכם אבלט, אז ער פלעגט זיך בעריהמען דערמיט וואס „איהם זענען אזוי בעקאנט די וועגען אין הימעל ווי די גאסען פון נהרדעא". מיט דער הילף פון דער חכמה האט ער געמאכט א לוח אונד פינקטליך אויסגערעכענט ווען אללע ימים טובים פאלען, כדי מען זאל אין בבל ניט זיין אבהענגיג ביז מען וועט עס געבען צו וויסען פון ארץ ישראל; נאר, ווי עס שיינט, האט ער זיין ארבייט ניט פערעפענטליכט, כדי די יודען זאלען אין גאנצען זיך ניט אבכרייסען פון דער אלטער היים. ער האט אויך געהיילט קראנקהייטען אונד ערפונדען א זאלב צו אויגען־וועטהיג. נאר מעהר לויב פערדיענט ער דערפאר, וואס ער האט זיך גענומען ביי די יודען הייליג מאכען די געזעצע פון דעם לאנד, וואו זיי וואהנען, אונד דערמיט זיי איינפליסען ליעבע צו ארדנונג אונד כבוד פאר א חוק, וואס קאן אפילו אמאל ניט גוט זיין פאר'ן יודען. מיט דריי ווארטער „דינא דמלכותא דינא" האט ער שוין דעמאלט מבטל געוועהן איינע פון די גראבסטע בעשולדיגונגען וואס מען איז אויך אין אונזערע צייטען ניט פויל ארויפ־צולעגען אויפ'ן יודישען פאלק.

ביידע אמוראים, אבא־אריכא אונד מר שמואל, האבען געלעבט ווי ברידער, חאטשי אפט האבען זיי זיך ניט געקאנט אויסגלייכען אין די דעות. נאך אבא־אריכא'ס טויט איז מר שמואל געבליבען אליין ראש ישיבה. לכתחלה איז מען אפילו אין גליל מסופק געוועהן אין מר־שמואל'ס למדנות אונד מען האט איהם דארט געהאלטען פאר א קענער נאר פון אנדערע חכמות, נאר מיט דער צייט האט ער זיך געמאכט א זא גרויסען נאמען. אז רבי יוחנן אונד רבי שמעון בן לקיש האבען געוואלט פאהרען צו איהם קיין בבל זיך מיט איהם זעהן, נאר ביז זיי האבען זיך געריכט איז מר שמואל דערווייל געשטארבען. קיין זיהן זענען פון איהם ניט געבליבען, נאר תלמידים האט ער איבער געלאזט זעהר פיעל.

אין דער צייט, וואס די ביידע אמוראים האבען געלעבט, איז דערווייל געווארען א איבערקעהרעניש אין לאנד, וואס האט א ביסעל די יודען אויך נוגע געוועהן. געגען דער משפחה וואס האט פיער הונדערט יאהר געקעניגט, איז ארויס א מרידה אונד אויף ארטבן'ס ארט איז געווארען מלך ארדשיר, וואס האט זיך אין גאנצען אריינגעלאזט אין דער עבודה זרה, וואס דיענט צום פייער

אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט לֵיידֶען אַז אוּנְטֶער זַיין שוּטְץ זָאלֶען זִיךְ גֶעפִינֶען מֶענְשֶׁען פוּן אַיין אַנְדֶער אֱמוּנָה. דֶעמָאלְט הָאט מֶען דִי יוּדֶען שְׁטַארְק אוּנְטֶערְדְרִיקְט· מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען בַּיי דִי יוּדִישֶׁע שׁוֹפְטִים דָאס רֶעכְט צוּ מִשְׁפֶּט'ן אוּנ קַיין אֵיינְצִיגֶער יוּד הָאט נִיט גֶעטָארְט דִיענֶען בַּיי דֶער מְלוּכָה. אַחוּץ דֶעם הָאבֶּען אָפְּט דִי יוּדֶען, אִין דִי פֶּערְסִישֶׁע יָמִים טוֹבִים גֶעמוּזְט בַּיי נַאכְט זִיצֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער, וַוייל דִי פֶּערְסֶער פְלֶעגֶען זִיךְ מִיט גֶעוַואלְד אַריינְהַאפֶּען אִין זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּנ פַארְלֶעשֶׁען דָאס פַייעֶר, כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען עֶס נִיט מְטַמֵא זַיין. זֵייעֶרֶע מֵתִים הָאבֶּען דִי יוּדֶען אוֹיךְ נִיט גֶעקָאנְט מְקַבֵּר זַיין, וַוייל דִי פֶּערְסֶער הָאבֶּען זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהְן אַרוֹיסְצוּוַוארְפֶען דִי טוֹיטֶע פַאר דִי רוֹיבּ־פֵייגֶעל אוּנ הָאבֶּען דָאס אֵייגֶענֶע גֶעגֵייט דִי יוּדֶען צוּ טְהוּן. דָאס הָאט אָבֶּער נָאר גֶעדוֹיעֶרְט אַקוּרְצֶע צַייט. דִי פֶּערְסֶער הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אָבְּהִיטֶען דִי מִנְהָגִים פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה, פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען אַבִּיסֶעל וַוייכֶער אוּנ צוּגֶעלָאזְטֶער, אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעוָוארֶען צוּרִיק שָׁלוֹם צְוִוישֶׁען בֵּיידֶע פֶאלְקֶער. דֶער שָׁלוֹם הָאט זִיךְ בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעפֶעסְטִיגְט וֶוען דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם גוּטְהֶערְצִיגֶען קֶאנִיג שַׁבּוּר דֶער עֶרְשְׁטֶער. וָואס הָאט לִיעבּ גֶעהַאט יוּדֶען אוּנ הָאט בֶּעוִויזֶען מַר שְׁמוּאֵל'ן גְרוֹיס פְרַיינְדְשַׁאפְט. דֶעם קֶאנִיג שַׁבּוּר אִיז בַּאשֶׁערְט גֶעוֶועהְן צוּ גֶעבֶּען דִי רָאמֶער דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְלַאפּ אוּנ אוֹיף אִיהם קוּקֶענְדִיג הָאבֶּען נָאךְ אַנְדֶערֶע פֶאלְקֶער צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת אוּנ הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַיין עֶק צוּ מַאכֶען פוּן דֶער שְׁטָאלְצֶער רָאמִישֶׁער מְלוּכָה. וִוי פְרִישׁ דִי וואוּנְד אִיז נָאךְ גֶעוֶועהְן פוּנ'ם יוּדִישֶׁען פָאלְק, הָאט עֶס פָארְט גֶעקָאנְט הָאבֶּען אַקְלֵיינֶע טְרָאסְט אוּנ זֶעהֶען מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען אַזוֹי גִיךְ דֶעם שׂוֹנֵא'ס מַפָּלָה.

דִי רָאמִישֶׁער מְלוּכָה הָאט טַאקִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאלֶען מֶעהר וִוי מֶען הָאט עֶס גֶעקָאנְט עֶרְוַוארְטֶען אוּנ גָאר גִיךְ הָאבֶּען דִי רָאמֶער מִיט בּוּשָׁה גֶעזֶעהְן וִוי דֶער מֶלֶךְ שַׁבּוּר הָאט אַוֶועקְגֶעפִירְט זֵייעֶר קֵייזֶער וַואלֶערִיאַנוּס אִין גֶעפַאנְגֶענְשַׁאפְט. דֶער נַייעֶר קֵייזֶער גַאלִיֶענוּס אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶועהְן קַיין גְרֶעסֶערֶער בְּרִיָה פוּנ'ם פָאטֶער אוּנ רוֹם אִיז אַזוֹי שְׁוַואךְ גֶעוָוארֶען, אַז פִיעל לֶאנְדֶער הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָבְּצוּטְהֵיילֶען. דֶעם אָנְהֵייבּ הָאט גֶעמַאכְט אַגֶעוִויסֶער גִבּוֹר אָדֶנַתְּ, אָדֶער וִוי דִי יוּדֶען הָאבֶּען אִיהם גֶערוּפֶען פָּפָּא בַּר נֵצֶר, וָואס הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַגְרוֹיסֶע מַחֲנֶה אוּנ הָאט אָבְּגֶענוּמֶען פַאר זִיךְ סִירְיֶען אוּנ פַאלֶעסְטִינַא אוּנ בֶּעזֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אִין פַּאלְמִירַא (תַּדְמוֹר). אָדֶנַתְּ הָאט אָנְגֶעטְהוּן דִי יוּדֶען גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָוארְפֶען קַיין בָּבֶל, וואוּ עֶר הָאט אַתֵּל גֶעמַאכְט פוּן נְהַרְדְעָא, אוּנ מַר שְׁמוּאֵל'ס תַּלְמִידִים הָאבֶּען גֶעמוּזְט אִיבֶּערְפִירֶען

זַייעֶר יְשִׁיבָה קַיין מְחוּזָא. דִי וָואס זֶענֶען אָבֶּער אַרַיינְגֶעפַּאלֶען צוּ אָדֶנַת׳ן אִין דִי
הָאנְד, זֶענֶען פֶערְקוֹיפְט גֶעוָוארֶען פַאר קְנֶעכְט אוּנ מֶען הָאט זֵיי צוּפְלַיים אַוֶועקְ·
גֶעשִׁיקְט אִין אַזֶעלְכֶע אֶרְטֶער ווּאוּ יוּדֶען וָואהנֶען, כְּדֵי זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער זָאלֶען
זֵיי אוֹיסְקוֹיפֶען. דֶעמָאלְט זֶענֶען אוֹיךְ גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארֶען מַר שְׁמוּאֵל׳ס טֶאכְטֶער,
אוּנ עֶס אִיז מֶערְקְוִוירְדִיג, אַז אִין יֶענֶע יָאהרֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען גֶענוּג
צְבוּעַ׳קֶעס, וָואס הָאבֶּען פַיינְד גֶעהַאט חָכְמָה אוּנ הָאבֶּען גֶעדְרִינְגֶען, אַז דָאס
אוּמְגְלִיק אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַר שְׁמוּאֵל׳ס קִינְדֶער וַוייל זֵייעֶר פָאטֶער אִיז גֶעוֶועהן
אַ צוּ גְרוֹיסֶער חַקְרָן.

בִּיסְלֶעכְוַויים הָאט אָדֶנַת זָ:נְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען דִי רָאלֶע פוּן אַרֶאמִישֶׁען
קֵייזֶער, נָאר זַיין גְרוֹיסְקַייט הָאט נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט. זַיין אֵייגֶענֶע פְרוֹי
זֶענָאבִּיאַ, וָואס אִיז נִיט צוּפְרִידֶען גֶעוֶועהן דֶער פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען
מַאכְט זַיין זוּהן, פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער פְרוֹי, הוֹרְדוֹס, עֶר זָאל מִיט אִיהם צוּזַאמֶען
הֶערְשֶׁען, הָאט אָנְגֶעשְׁטֶעלְט טַאקִי זַיינֶעם אַקָרוֹב מֶעאָנִיוּס עֶר זָאל אִיהם
הַארְגֶנְ׳ען אוּנ אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהר, הָאט זִי גֶעוִויזֶען אַז זִי
פַארְשְׁטֶעהט וִוי אַזוֹי צוּ פִיהרֶן אַ מְלוּכָה. אִיהר גְלִיק אִיז אָבֶּער אוֹיךְ נָאר גֶע·
וֶועהן אוֹיף אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק: דֶער שְׁטַארְקֶער רֶאמִישֶׁער קֵייזֶער אוֹירֶעלְיוּס
הָאט גֶעמַאכְט אַיין עֶק פוּן אִיהר מְלוּכָה, זִי אַלֵיין הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט קַיין
רוֹם אִין גָאלְדֶענֶע קֵייטֶען, פוּן אִיהר הוֹיפְּטְשְׁטַאדְט פַּאלְמִירַא הָאט עֶר קֵיין זֵכֶר
נִיט גֶעלָאזְט, אוּנ עֶרְשְׁט אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטֶען הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיס·
גְרָאבֶּען אִיהרֶע חוּרְבוֹת פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן, וָואס הָאט זֶעהר
אָפְּט גֶעזָאגְט: אַז „וָואהל וֶועט זַיין דֶעם וָואס וֶועט דֶערְלֶעבֶּען דֶעם סוֹף פוּן
תַּדְמוֹר״, הָאט עֶר טַאקִי גֶעהַאט דִי זְכִיָה מִיט אֵיינֶענֶע אוֹיגֶען צוּ זֶעהן וִוי עֶס אִיז
אִין גַאנְצֶען אָבְּגֶעמֶעקְט גֶעוָוארֶען דֶער נָאהמֶען פוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען יוּדִישֶׁען שׂוֹנֵא.

אוֹיף דֶעם אִינְוֶוענִיגְסְטֶען מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען אִין גָלִיל הָאט דֶער אִיבֶּער·
שְׁלָאג כִּמְעַט זִיךְ גָאר נִיט אָנְגֶעזֶעהן, חָאטְשׁ נָאךְ רַבִּי יְהוּדָה דֶעם צְוֵוייטֶענְ׳ס
טוֹיט הָאט דֶער נַייעֶר נָשִׂיא, זַיין זוּהן גַמְלִיאֵל דֶער פִירְטֶער, שׁוֹין נִיט
גֶעהַאט דֶעם גְלַאנְץ וָואס פְרִיהֶר אוּנ מֶען פְלֶעגְט נָאר לֶעגֶען כָּבוֹד אוֹיף אִיהם
צוּ לִיעבּ זַיין יִחוּס פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ. צוּ דֶער יְשִׁיבָה אִין טְבֶרְיָה הָאט עֶר זִיךְ
נִיט גֶעמִישְׁט אוּנ דִי גַאנְצֶע דֵעָה אִיז נָאר גֶעוֶועהן בַּיי דִי אֲמוֹרָאִים, רַבִּי יוֹחָנָן
אוּנ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ. פוּן בָּבֶל הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעצוֹיגֶען הוּנְדֶערְטֶער תַּלְמִידִים,
וָואס פְלֶעגֶען אַוֶועקְוַוארְפֶען וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער אוּנ זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען שֶׁעפֶּען
תּוֹרָה פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער רֵיינֶער קְוָואלֶע. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ אִיז אֲפִילוּ

דֶערְפוּן נִיט גֶעוֶועהן צוּפְרִידֶען אוּנ פְלֶעגְט אָפְט שְׁרַייבֶּען אוֹיף דִי פְרֶעמְדֶע יְשִׁיבוֹת־בַּחוּרִים: „גֶעהט אַייךְ! וֶוען אִיהר הָאט גֶעקָאנְט בֶּעשִׁיצֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואלְט אִיהר גֶעבְּלִיבֶּען אִין דֶער הֵיים, וָואס זְשֶׁע הָאט אִיהר דָא אַצוּנְד צוּ טְהוּן?".

זַיין גֶעשְׁרֵיי הָאט אָבֶּער נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ נִיט נָאר לוֹמְדִים יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען זִיךְ גֶעיָאגְט קַיין פַּאלֶעסְטִינַא, נָאר אוֹיךְ פְּרָאסְטֶע אַלְטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט חָאטְשׁ שְׁטַארְבֶּען אוּנ בֶּעגְרָאבֶּען וֶוערֶען אִין דֶער הֵיילִיגֶער עֶרְד, אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז נָאךְ דִי לִיעבְּשַׁאפְט פוּן דֶעם פָאלְק גֶעוֶועהן צוּ זַיין הֵיילִיג לַאנְד.

אִין בָּבֶל הָאבֶּען דִי יוּדֶען, וִוי וַוייט עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן, בֶּעפֶעסְטִיגְט דֶעם לִמוּד פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ דִי אַרְבֵּייט פוּן דִי צְוֵויי עֶרְשְׁטֶע אֲמוֹרָאִים, אַבָּא־אַרִיכָא אוּנ מַר שְׁמוּאֵל אִיז וַוייט גֶעגַאנְגֶען נָאךְ מִיט מֶעהר חֵשֶׁק. אִין מִנְהָגִים הָאבֶּען אֲפִילוּ דִי יוּדֶען גֶענַאשְׁט אַבִּיסֶעל פוּן דִי פֶּערְסֶער אוּנ אוֹיף פִיעל זַאכֶען, וָואס הָאבֶּען קַיין מָקוֹר נִיט אִין אוּנְזֶער תּוֹרָה, אִיז רַבִּי יוֹחָנָן שְׁטַארְק בְּרוֹגֶז גֶעוֶועהן, נָאר דָאס הָאט פָּארְט נִיט גֶעשַׁאדְט אַז יוּנְגֶע לַייט זָאלֶען עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען אוּנ וֶוערֶען בֶּערִיהמְטֶע לוֹמְדִים.

צְווִישֶׁען רַבִּי יוֹחָנָן׳ס תַּלְמִידִים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע גֶעוֶועהן פוּן בָּבֶל אוּנ פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזָאנְדֶערְס אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בַּר פְּדָת, וָואס הָאט זִיךְ, נָאךְ זַיין רַבִּי׳נְס טוֹיט, גֶערֶעכֶענְט פַאר „אַצִירוּנְג אִינ׳ם הֵיילִיגֶען לַאנְד".

דִי צְוֵויי צְווִילִינְג־בְּרִידֶער רַבִּי אַמִי אוּנ רַבִּי אַסִי, וָואס זֶענֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארֶען רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אִין טְבֶרְיָה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר אַבָּא אוּנ רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא.

צְווִישֶׁען דִי בֶּערִיהמְטֶע לוֹמְדִים אִין בָּבֶל קָאן מֶען רֶעכְנֶען רַב הוּנָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין סוּרָא אוּנ זַיין נָאהמֶען אִיז גֶעוֶועהן בֶּעקָאנְט אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער; רַבִּי יְהוּדָה בֶּן יְחֶזְקֵאל, וָואס הָאט בַּאלְד, נָאךְ דֶער צוּשְׁטֶערוּנְג פוּן נְהַרְדְעָא, גֶעגְרִינְדֶעט אַ נַייעֶ יְשִׁיבָה אִין פּוּמְבְּדִיתָא אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶעם גַאנְג אִין לֶערְנֶען; רַבִּי נַחְמָן בַּר יַעֲקֹב, דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא׳ס אֵיידֶעם; דֶער בַּייכֶער רַבִּי חִסְדָא אוּנ דֶער אָרְמֶער רַב שֵׁשֶׁת, וָואס פְלֶעגֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן סוֹתֵר זַיין אִין לֶערְנֶען פּוּנְקְט וִוי זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ פֶערְשִׁידֶען גֶעפִיהרְט אִין לֶעבֶּען.

רַב הוּנָא אִיז אִין דִי יוּנְגֶע יָאהרֶען נִיט גֶעוֶועהן קַיין רַייכֶער, אוּנ חָאטְשׁ עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט מִיט׳ן רֵישׁ גָלוּתָא׳ס מִשְׁפָּחָה, פְלֶעגְט עֶר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זִיךְ אַלֵיין בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט עֶרְד־אַרְבֵּייט אוּנ אַנְדֶערֶע מְלָאכוֹת אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעשָׁאמְט פַאר נַאכְט אוּמְצוּקֶעהרֶען זִיךְ אַהֵיים מִיט דֶער קָאסֶע אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס. דָאס הָאט אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעשַׁאדְט צוּ זַיין אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע

לוֹמְדִים אוּנ אַז מֶען פְלֶעגְט זִיךְ וָוענְדֶען צוּ אִיהם עֶר זָאל אוֹיסְהֶערֶען טַעֲנוֹת פוּן צְוֵויי צְדָדִים וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט אַ דִין תּוֹרָה צְוִוישֶׁען זִיךְ, הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל שְׁטֶעלֶען אוֹיף זַיין אָרְט אַ מֶענְשֶׁען עֶר זָאל טְהוּן פַאר אִיהם זַיין אַרְבַּייט אִין פֶעלְד אוּנ עֶר זָאל זִיךְ קֶאנֶען אָבְּגֶעבֶּען מִיט׳ן בּוֹרְרוּת. דֶערמָאלְט הָאט אִין דֶער אֵייגֶענֶער שְׁטָאדְט גֶעלֶעבְּט אַ גְרוֹיסֶער נְגִיד חָנָא בַּר חֲנִילָאִי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן בֶּערִיהמְט מִיט זַיין גוּט הַארְץ אוּנ זַיין אָפֶענֶער הַאנְד, זַיין צְדָקָה גֶעבֶּען הָאט נִיט גֶעהַאט קַיין שִׁיעוּר, זַיין הוֹיז אִיז גֶעוֶועהן פְרַיי פַאר אַלֶע נוֹיטְהבֶּעדֶארְפְטִיגֶע, אוּנ וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט הָאט גֶעקָאנְט בַּיי אִיהם עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ נָאךְ קְרִיגֶען אַ מַטְבֵּעַ אִין קֶעשֶׁענֶע אַרַיין. בַּיי נַאכְט פְלֶעגְט עֶר אַרוֹיסְשְׁטֶעלֶען פַאר דֶער טְהִיר וַוייץ אוּנ גֶערְשְׁטֶען פַאר דִי אָרֶעמֶע לַייט וָואס קָאנֶען נִיט אוֹיסְשְׁטְרֶעקֶען דִי הַאנְד, אוּנ אַז דִי מְלוּכָה הָאט גֶעפָאדֶערְט מַס פְלֶעגְט עֶר בֶּעצָאלֶען פַאר דִי אֶבְיוֹנִים. פוּן דֶעם חָנָא בַּר חֲנִילָאִי, דֶערְצֶעהלְט מֶען, אַז עֶר הָאט אַ מָאל בֶּעגֶעגֶענְט רַב הוּנָא׳ן וִוי עֶר שְׁלֶעפְּט זִיךְ מִיט זַיין מַשָׂא פוּנ׳ם פֶעלְד, הָאט עֶר אִיהם גֶעוָואלְט הֶעלְפֶען טְרָאגֶען, נָאר רַב הוּנָא הָאט עֶס נִיט עֶרְלוֹיבְּט אוּנ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז עֶר טָאר נִיט טְהוּן אַזַא זַאךְ וָואס עֶר אִיז דֶערְצוּ נִיט גֶעוָואהנְט. אוֹיף אִיהם מָאג מֶען יָא זָאגֶען אַז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען פוּן יְגִיעַ כַּפָּיו: נָאטט הָאט אִיהם אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אַ גֶערָאטֶעהנִישׁ אִין זַיינֶע פֶעלְדֶער אוּנ עֶר אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, נָאר עֶר הָאט טַאקִי זַיין רַייכְקַייט בֶּענוּצְט דַארוֹיף עֶר זָאל קָאנֶען צְדָקָה טְהוּן, אוּנ דִי צַייט וָואס עֶר פְלֶעגְט פְרִיהֶר אַלֵיין אַרְבֵּייטֶען, הָאט עֶר שׁוֹין פֶערְבְּרַאכְט דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט גֶעזוּכְט צוּ הֶעלְפֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶע, זֵיי זָאלֶען קָאנֶען הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן זַיין גֶעלְד. מֶעהר פוּן אַכְט הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים הָאט עֶר אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען אוּנ אַ חוּץ דֶעם הָאט עֶר גֶעשְׁטִיצְט פִיעל בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ פַארְרֶעכְטֶען זֵייעֶרֶע הַייזֶער.

אִין רַב הוּנָא׳ס צַייט הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי יְשִׁיבָה רוּפֶען מְתִיבְתָּא, אוּנ דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער הָאט גֶעהֵייסֶען רֵישׁ מְתִיבְתָּא. פֶערְצִיג יָאהר הָאט עֶר פַארְבְּרֵייטֶעט תּוֹרָה אוּנ דָאס יוּדִישְׁקַייט הָאט וִוידֶער אִין בָּבֶל אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַזוֹי בְּלִיהֶען אַז נִיט אוּמְזִיסְט הָאט רַב הוּנָא אָפְּט גֶעזָאגְט: אַז „עֶר פִיהלְט זִיךְ אִין בָּבֶל גְלַייךְ וִוי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל". דִי יְשִׁיבָה אִין סוּרָא הָאט טַאקִי גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע אוּנ דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל פְלֶעגֶען זֵייעֶרֶע חֲכָמִים הֶערֶען אוּנ פָאלְגֶען; נָאר עֶפִּים בַּיי אַ הַארְבֶּער שַׁאֲלָה פְלֶעגְט מֶען גֶעבֶּען צוּ וִויסֶען דִי אֲמוֹרָאִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ גֶעבֶּען זֵייעֶר הַסְכָּמָה. אִיבֶּער אַכְטְצִיג יָאהר אִיז

רב הונא אלט געוועהן ווען ער איז פלוצלונג געשטארבען, אונ אויף זיין ארט איז געווארען זיין זוהן רבה. לויט זיין צוואה, האט מען איהם איבערגעפיהרט קיין ארץ ישראל אונ דארט האט מען איהם מקבר געוועהן נעבען זיין לאנדסמאנן רבי חייא'ס קבר.

עפים יונגער פון רב הונא'ן איז געוועהן רבי יהודה בר יחזקאל, א געטרייער תלמיד פון מר שמואל'ן, וואס האט אבער ניט געירש'ט פון זיין רבי'ן דעם גוטען, רוהיגען, עדלען חאראקטער. ער איז געוועהן א גרויסער כעסן אונ פאר דאס מינדעסטע זאך האט ער זיך געקאנט צובאזערן אויפ'ן גראסטען. דערצו האט ער זיך געהאלטען פאר'ן ערשטען מיוחס, אונ חאטש אזוי אין זיין לעבען איז ער ניט געוועהן קיין בעל גאוה אונ פלעגט חוזק מאכען פון די וואס האלטען זיך גרויס, פון דעסטוועגען, קוים האט מען איהם בעריהרט זיין יחוס, פלעגט אוועק זיין גאנצער שכל אונ ער האט נאר געוואלט אויסווייזען, אז ער שטאמט ארויס פון די אבות. ער איז געוועהן כאז אויף די וואס לאזען זיך אוועק קיין ארץ ישראל לערנען, ער האט געזאגט אז אין בבל זענען אויך דא מענשען מיט קאפ, אונ זיין ישיבה אין פומבדיתא האט טאקי ארויסגעגעבען רעכטע לומדים, ווייל רבי יהודה פלעגט אזוי פיעל ארבייטען מיט די תלמידים אז נאר איין טאג אין חודש האט ער געקאנט אבבייסען אויף דאוונען. אין חריפות האט ער צו זיך קיין גלייכען ניט געהאט אונ האט ליעב געהאט אז מען זאגט עפים א זאך פון איינעמס וועגען, זאל מען דער מאגען זיין נאהמען. מיט אזא חאראקטער האט ער קיין סך גוטע פריינד ניט געקאנט האבען, אונ זיין זוהן יצחק האט ער געלאזט זיצען א לאנגע צייט א בחור, ווייל עס איז איהם שווער געוועהן זיך צו צוקלויבען א שדוך, וואס זאל איהם אנשטעהן. רב עולא האט פון איהם געלאכט אונ האט געזאגט: „ווער ווייסט אויב מיר קומען אללע ניט ארויס פון די גאטצענדיענער, וועלכע האבען ביי דער בעלאגערונג פון ירושלים געשאנדט יודישע טעכטער". ניט שטענדיג פלעגט אבער רבי יהודה אבשווייגען אזא הלצה אונ קוים איז ער נאר געווארען אז מען רעדט אויף איהם שלעכטס האט ער שוין יענעם גוט בעצאהלט. אזוי האט ער זיך צוקריגט מיט עטליכע פון די שאנסטע משפחות אין נהרדעא אונ מען האט איהם געוואלט דערפאר מיט שטיינער פערווארפען. ער האט אפילו אפענטליך אויפגעווארפען א געוויסען כתי בר טוביא, וואס איז געוועהן א גרויסער חשוב ביי'ם מלך שבור, אז ער איז א קנעכט אונ האט זיך ערלויבט איינעם פון די לומדים אריינווארפען אין חרם. אז רבי יהודה איז שפעטער קראנק געווארען אונ

דער איינער למדן איז איהם געקומען מבקר חולה זיין, האט ער איהם געזאגט אז ער איז שטאלץ דארויף וואס ער האט קיין כבוד ניט געלעגט אויף אזא גרויסען מאנן און האט געטהון ווי דאס געוויסען האט איהם געהייסען. דערמיט איז טאקי פארענטפערט דאס, וואס רבי יהודה האט זיך געדעכענט צווישען די גראסטע אמוראים און מען האט איהם מוחל געווען דעם גאנצען כעס, וואס ער פלעגט בעווייזען, ווייל מען האט געוואוסט אז ער טהוט אזוי ווי ער דענקט און פיהלט ניט פאר שלעכטקייט חלילה, נאר דער פאר וואס אין זיינע אדערן איז געפלאסען צו הייס בלוט.

דער יונגסטער פון די אמוראים אין בבל איז געווען רב נחמן בר יעקב, וואס זיין פרוי ילתא, די טאכטער פונ'ם ריש גלותא, האט איהם גע-וואהנט צו פיהרען א ברייט לעבען, ניט ווי עס שטעהט אן א פרומען למדן. רב נחמן האט זיך טאקי נאר אין לערנען געקאנט אויסגלייכען מיט זיינע חברים, אבער אין פרומקייט און אין עדלע מדות איז ער געווען ווייט פון זיי. זיין שווער האט איהם געמאכט פאר א שופט, און חאטש מר שמואל האט אנגעזאגט אז ניט ווייניגער פון צוויי שופטים זאלען ארויסגעבען א משפט, האט ער זיך ער-לויבט צו שטעלען נאר אויף זיך אליין און האט געטהון וואס ער האט גע-וואלט. זיינע שקלאווען האט ער בעהאנדעלט שלעכט און האט זיי ניט ערלויבט חתונה צו האבען. עס איז איהם גאר ניט אנגעגאנגען וואס זיין רבי מר שמואל האט געקוקט אויף זיינע שקלאווען ווי אויף קינדער און וואס רבי יוחנן פלעגט אפילו עסען מיט זיי ביי איין טיש. צום גליק, איז רב נחמן געווען נאר איינער פון די בעלי התלמוד, וואס האט זיך ארויפגעהאפט אויף אזא קרומען וועג. די איבריגע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט טיעפע חכמה און טהייערע מדות און האבען מיט רעכט זיך געקאנט רעכנען פאר לעהרער פונ'ם פאלק

---

6 דאס יודישקייט אין דער צייט פון דיאקלעטיאן און די ערשטע קריסטליכע מלכים.

(284—320 נאך קריסטוס געבורט).

מיט ריזען-שריט האט זיך די ראמישע מלוכה אלס נאהענטער צוגערוקט צום סוף און די יודען האבען פון ווייטענס געקוקט דארויף ווי אויף א עונש וואס די ראמער האבען פערדיענט פאר זיי. אז די דריי קיזערים קארוס,

ַקאַרִינוּס אוּנ ָקערוֹיזִיוּס זֶענֶען גֶעהַרְגֶ'ט גֶעוָוארֶען אֵיינֶער ָנאךְ דֶעם אַנְדֶערְן, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעפוּנֶען דַארוֹיף אַ רֶמֶז אִין „דָנִיֵאל" אוּנ אַז דִי מְלוּכָה אִיז, מִיט דֶער הִילְף פוּן וִוילְדֶע פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁען, אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיאַקְלֶעטִיאַן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ זוּהן פוּן אַ שְׁקְלַאוֶוען, הָאט רַב אַסִי אִין טְבֵרְיָה גֶעזֶעהן אִין חָלוֹם, אַז מֶעהר וִוי נָאךְ אַיין ַקייזֶער וֶועט נִיט זַיין אִין רוֹם, אוּנ דָאס אִיז טַאקִי מְקוּיָם גֶעוָוארֶען, וַוייל בַּאלְד הָאט דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען נָאר דִי גְרוֹיסֶע רָאלְלֶע אוּנ דִיאַקְלֶעטִיאַן מִיט זַיין יוֹרֵשׁ זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי לֶעצְטֶע מְלָכִים פוּן גָאטְצֶענְדִינֶער. אִין דִיאַקְלֶעטִיאַן'ס צַייט אִיז גֶעוֶועהן נָשִׂיא רַבִּי יְהוּדָה דֶער דְרִיטֶער, אַ זוּהן פוּן רַבָּן גַמְלִיאֵל דֶעם פִירְטֶען. עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין וֶוענִיג אָנְגֶעקֶעהְרְט מִיט דִי לוֹמְדִים, אוּנ וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס אִיז דֶעמָאלְט דִי צָאהל פוּן אֵייגֶענֶע אֱמוֹרָאִים גֶעוֶועהן זֶעהר קְלֵיין, וַוייל אַ גֶעבּוֹירֶענֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶועהן אֵיין רַבִּי אַבְּהוּ. אוּנ דִי יְשִׁיבָה פוּן טְבֵרְיָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פוּן רַבִּי אַמִי, רַבִּי אַסִי אוּנ רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא, וָואס הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעשְׁטַאמְט פוּן בָּבֶל, אוּנ פוּן זֵיי אַלְלֶע דְרַיי אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען דֶער בֵּית דִין. אִין טְבֵרְיָה, וואוּ דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶועהן, הָאט נָאךְ דִי תּוֹרָה גֶעהַאט אִיהר גְלַאנְץ, נָאר אִין אַנְדֶערֶע אֶרְטֶער אִיז דֶער עוֹלָם שְׁטַארְק פֶערְגְרֶאבְּט גֶעוָוארֶען אוּנ מֶען הָאט צְוִוישֶׁען זֵיי נִיט גֶעקָאנְט גֶעפִינֶען נִיט ַקיין לוֹמְדִים אוּנ נִיט ַקיין תַּלְמִידִים. דֶער נָשִׂיא הָאט דֶערְפַאר אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים זֵיי זָאלֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם פָאלְק אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ עֶרְלֶע זַאכֶען אִין זִין הָאבֶּען. אַז דִי שְׁלִיחִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאדְט, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעהֵייסֶען וַוייזֶען דִי שׁוֹמְרִים, אוּנ אַז מֶען הָאט צוּ זֵיי גֶעבְּרַאכְט סָאלְדַאטֶען מִיט כְּלֵי זַין הָאבֶּען זֵיי גֶעלַאכְט אוּנ גֶעוִויזֶען אַז נָאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ָקאנֶען זִיךְ רֶעכְנֶען פַאר אֱמֶת'ע שׁוֹמְרִים, וַוייל „וֶוען גָאטט שׁוּצְט נִיט אַ הוֹיז וַואכְט אוּמְזִיסְט דֶער הִיטֶער" — אִם יְיָ לֹא יִשְׁמָר עִיר — שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר!

צוּם אָנְהֵייבּ הָאט דִיאַקְלֶעטִיאַן גֶעוָואהנְט אִין אַנְטְיָאכְיֶען אוּנ דֶעמָאלְט הָאבֶּען שׁוֹין דִי יוּדִישֶׁע שׂוֹנְאִים אָנְגֶעמַאכְט אַ רְכִילוּת אַז דֶער נָשִׂיא הָאט בֶּעלֵיידִיגְט דֶעם ַקייזֶער. אַז דִיאַקְלֶעטִיאַן הָאט אַרוֹיסְגֶערוּפֶען צוּ זִיךְ רַבִּי יְהוּדָה'ן הָאט מֶען זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקֶען, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט דֶערְמִיט וָואס דִי רָאמִישֶׁע מְלוּכָה הָאט דַוְקָא אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעסֶער קוּקֶען אוֹיף יוּדֶען, אוּנ אַז זִי הָאט בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען שְׁטְרֶענְגֶע גֶעזֶעטְצֶע גֶעגֶען דִי קְרִיסְטֶען אוּנ דִי שֹׁמְרוֹנִים אוּנ הָאט זֵיי גֶענֵייט זֵיי זָאלֶען מוּזֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט זִי יוּדֶען נִיט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין דֶעם כְּלַל. מֶערְקְווִירְדִיג אִיז דָאס, וָואס אוֹיךְ אִין יֶענֶער

צַייט זֶענֶען פִיעל פוּן דִי נָאטְצֶענְדִיעֶנֶער צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִי יוּדֶען, הָאטְשׁ דִי יוּדֶען אַלֵיין הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט פֶערְגְרֶעסֶערְן דִי צָאהל פוּן גֵרִים.

וֶוען אִין יֶענֶע יָאהרֶען אִיז דִי תּוֹרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִיט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעפוּנֶען פִיעל שַׁארְפֶע מוֹחוֹת וָואס וָאלֶען אַרוֹיסְגַעוַייזֶען הִדוּשִׁים אִין לֶערְנֶען, הָאט אָבֶּער דֶערְפַאר אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי אַגָּדָה שְׁטַארְקֶער וֶוערֶען אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט לִיעבּ גֶעקְרִינֶען אַ שֶׁאנֶע דְרָשָׁה, וָואס זָאל דַוְקָא נִיט זַיין אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטָאפְּט מִיט פִּלְפּוּל, נָאר זִי זָאל רֶעדֶען צוּם הַארְצֶען. רַבִּי אַבְּהוּ, וָואס הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען גְרִיכִישׁ אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער דַרְשָׁן, הָאט דֶערְפַאר דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלְלֶע, הָאטְשׁ אִין לֶערְנֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט גְלַייכֶען צוּ אַנְדֶערֶע אֱמוֹרָאִים. מִיט זַיין שֶׁאן רֶעדֶען אוּנ הַדְרַת פָּנִים הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נָאהמֶען אִין לַאנְד אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אוֹיךְ אַ שְׁטַארְקֶער חָשׁוּב בַּיי דֶער מְלוּכָה. אַמָאל אִיז עֶר שְׁטַארְק צוּ נוּטְץ גֶעקוּמֶען זַיינֶע חֲבֵרִים דִי אֱמוֹרָאִים; וֶוען זֵיי הָאבֶּען בֶּעשְׁטְרָאפְט אַ גֶעוִויסֶע פְרוֹי תָּמָר פַאר נִיט-פְרוּמְקַייט אוּנ זִי הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר'ן רָאמִישֶׁען מוֹשֵׁל, הָאט רַבִּי אַבְּהוּ גֶעזָאגְט פַאר זֵיי אַ גוּט וָוארְט אוּנ זֵיי זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארֶען פוּן אַ צָרָה. דֶעמָאלְט הָאבֶּען דִי פְרִימְסְטֶע אוֹיךְ מוֹדֶה גֶעוֶועהן אַז עֶס אִיז גוּט צוּ קָאנֶען פְרֶעמְדֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ פַארְשְׁטֶעהֶען מִיט יֶעדֶען וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעזָאגְט: „טוֹב כִּי תַּעֲסוֹק בָּזֶה וְגַם מִזֶּה אַל תַּנַּח יָדֶךָ”, מָאנְסְט זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט דֶעם (מִיט דֶער תּוֹרָה), נָאר יֶענְץ (בִּילְדוּנְג) זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִיט אָבְּלָאזֶען.

רַבִּי אַבְּהוּ אִיז גֶעוֶועהן רַייךְ אוּנ הָאט גֶעלֶעבְּט דֶערְפוּן וָואס עֶר פְּלֶעגְט מַאכֶען שְׁלֵייעֶרְס פַאר פְרוֹיעֶן. דֶער עוֹלָם הָאט זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט זַיינֶע פֶערְשְׁטֶענְדְלִיכֶע דְרָשׁוֹת אוּנ וֶוען עֶר פְּלֶעגְט רֶעדֶען אִיז גֶעוֶועהן אַ אִיבֶּערְגֶעלוֹיף. עֶר אִיז אָבֶּער בַּיי זִיךְ נִיט גֶעוֶועהן שְׁטָאלְץ אוּנ אַז עֶס אִיז אִיהם אֵיין מָאל אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא'ן צוּ דַרְשְׁנֶען אִין אַ פְרֶעמְדֶע שְׁטָאדְט אוּנ עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז זַיין חַבֵר הָאט יִסוּרִים דֶערְפוּן וָואס תּוֹרָה הֶארֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ סַךְ וֶוענִיגֶער וִוי צוּ דֶער דְרָשָׁה, הָאט עֶר אִיהם גֶעטְרֵייסְט מִיט דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער: „דַיינֶע רֶעד זֶענֶען וִוי בְּרִילְלְיַאנְטֶען, וָואס קָאנְן נִיט הָאבֶּען אִין זִיךְ אַ סַךְ בַּעֲלָנִים; אִיךְ אָבֶּער הָאבּ מִיר אַ קְלֵיין פְּרָאסְט קְרֶאמֶעל אוּנ יֶעדֶער גֶעפִינְט דָארְט דָאס נֶאטְהִינְסְטֶע”. רַבִּי אַבְּהוּ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן זֶעהר אַ ווַייכֶער אוּנ אַ גוּטֶער בְּטֶבַע אוּנ הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אוֹיף יֶעדֶען מְלַמֵד זְכוּת צוּ זַיין. אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וָואס מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט בֶּעטֶען אוֹיף רֶעגֶען, אוּנ

ווי דער מִנְהָג איז גֶעווֶעזֶען, האט בֶּעדארְפְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זַיין אֵיינֶער פון די שֶׁאנְסְטֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים. צוּ אוּמִיסְטֶען, צוּ אוּמְגֶערן, נָאר מֶען הָאט אָנְגֶעווִיזֶען רַבִּי אַבְּהוּ'ן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶען פֶּענְטֶעקַאקַא, עֶר הָאט נָאר נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פַאר'ן שְׁלִיחַ צִבּוּר. בַּאלְד אִיז עֶר אָבֶּער גֶעווָאהר גֶעווָארֶען אַז דֶער מֶענְשׁ גִיט זִיךְ אָב מִיט שֶׁאנְדְלִיכֶע פַּרְנָסוֹת, עֶר הָאט אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעווָאלְט פַארְשֶׁאמֶען אוּנ הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיסְצוּפְרֶעגֶען צוּ הָאט עֶר נִיט אַ מָאל עֶפִּיס גוּטְס גֶעטְהוּן. דָא הָאט אִיהם פֶּענְטֶעקַאקַא דֶערְצֶעהְלְט אַז עֶר הָאט אַ מָאל גֶעפוּנֶען אִין רֶאמִישֶׁען טְהֶעאַטֶער אַ פְרוֹי וָואס הָאט שְׁטַארְק גֶעווֵיינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס זִי מוּז זִיךְ פֶערְקוֹיפֶען כְּדֵי אִיהר מַאנן צוּ בֶּעפְרַייעֶן פוּן גֶעפַאנְגֶענְשַׁאפְט, הָאט עֶר אוֹיף אִיהר רַחֲמָנוֹת גֶעהַאט אוּנ אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפֶען אַהֵיים, אוּנ הָאט פֶערְקוֹיפְט זַיין לֶעצְט בֶּעטְגֶעוַואנְד אוּנ הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶער פְרוֹי גֶעלְד, כְּדֵי זִי זָאל נִיט גֶעצְווֹאוּנְגֶען זַיין אַרוֹיף אוֹיפ'ן זִינְדִיגֶען וֶועג. אוֹיבּ אַזוֹי, הָאט אִיהם רַבִּי אַבְּהוּ גֶעזָאגְט, בִּיסְטוּ שׁוֹין דֶערְפַאר אַלֵיין וֶוערְט פַאר אוּנְז גָאטט צוּ בֶּעטֶען אִין דֶער נוֹיט.

דֶערְוַוייל הָאט דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט יֶעדֶען טָאג מֶעהר זִיךְ צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען, אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי לוֹמְדִים, יוֹסֵף פוּן טְבֵרְיָה, אִיז אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אוֹיךְ צוּ אִיהם צוּגֶעשְׁטַאנֶען. יוֹסֵף אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער פוּן דִי אַפּוֹטְרוֹפְּסִים, וָואס דֶער נָשִׂיא רַבִּי יְהוּדָה הָאט גֶעמַאכְט, זֵיי זָאלֶען אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְצִיהוּנְג פוּן זַיין זוּהן הִלֵּל, אוּנ עֶר הָאט נָאךְ דֶעם אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז פַאר'ן טוֹיט אִיז רַבִּי יְהוּדָה אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אֱמוּנָה. ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, אִיז צְווִישֶׁען יוֹסֵף אוּנ זַיינֶע גֶעוֶועזֶענֶע חֲבֵרִים אַרוֹיס אַ שְׁטַארְקֶע שִׂנְאָה אוּנ דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאגְ אַז דֶער יוּנְגֶער הִלֵּל אִיז זֶעהר פֶערְדָארְבֶּען אוּנ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל־תַּאֲוָה. אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז דִי שְׁטֶעלְלֶע פוּנ'ם נָשִׂיא דֶעמָאלְט שׁוֹין נִיט גֶעוֶועזֶען דָאס וָואס פְרִיהֶר, אוּנ הָאטְשׁ דִי מְלוּכָה הָאט דַוְקָא אַרוֹיסְגֶעלָאזְט נַייעֶ גֶעזֶעצֶע אַז דָאס פָאלְק מוּז דֶעם נָשִׂיא אָפְּגֶעבֶּען דֶעם גְרֶעסְטֶען כָּבוֹד, הָאט עֶר פָארְט פֶערְלָארֶען דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם גְלַאנְץ.

דֶער עֶרְשְׁטֶער קְרִיסְטְלִיכֶער קֵייזֶער קָאנְסְטַאנְטִין אִיז צוּם אָנְהֵייבּ נִיט גֶעוֶועזֶען קַיין גֶעגְנֶער פוּן אַנְדֶערֶע רֶעלִיגְיָאנֶען. יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעמָאנְט בְּלַייבֶּען בַּיי זַיין אֱמוּנָה, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיךְ גֶענָאסֶען דִיזֶעלְבֶּע פְרַייהַייט. דִי נְשִׂיאִים, רַבָּנִים אוּנ אַלֶע אַנְדֶערֶע פָארְשְׁטֶעהֶער הָאבֶּען פֶערְנוּמֶען אַ כְּבָוד'ן פְּלַאץ אִין לַאנְד גְלַייךְ מִיט קְרִיסְטְלִיכֶע גַייסְטְלִיכֶע. בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט אָבֶּער דָאס

סַבְלָנוּת אוֹיפְגֶעהֶערְט ; דֶער עֶפִּיסְקָאפּ פוּן קָארְדוּבָא הָאזִיוּס, אַגְרוֹיסֶער צוֹרֵר הַיְהוּדִים, וָואס הָאט זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעהמְט פָארְצוּלֶעגֶען אוֹיף אַיין אֲסִיפָה פוּן גַייסְטְלִיכֶע אִין דֶער שְׁטָאדְט עֶלְוִוירַא, אִים יָאהר 320, מֶען זָאל פַארְוֶועהרֶען קְרִיסְטֶען, זֵיי זָאלֶען נָאר נִיט טָארֶען הָאבֶּען קֵיין מַגָע וּמַשָׂא מִיט יוּדֶען, אוּנ דֶער גֶעשִׁיכְטֶע שְׁרַייבֶּער אַייזֶעבִּיוּס פוּן צֶעזַארֶעאַ, וָואס אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוֶועהן יוּדֶען קֵיין גְרוֹיסֶער גוּטֶער פְרַיינְד, הָאבֶּען אוֹיף זֵיי מְקַטְרֵג גֶעוֶועהן, אוּנ גָאר גִיךְ הָאט מֶען אוֹיפ'ן יוּדִישֶׁען פָאלְק אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען מִיט גַאנְץ אַנְדֶערֶע אוֹיגֶען. דִי רְדִיפוֹת גֶעגֶען דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוָוארֶען שְׁרֶעקְלִיךְ אוּנ פַאר אָנְגֶעהמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה, אָדֶער צוּרֶעדֶען דֶערְצוּ, הָאט מֶען וֶועהר שְׁוֶוער בֶּעשְׁטְרָאפְט. אִים יָאהר 325 אִיז גֶעוֶועהן אִין נִיאֶקַא אַגְרוֹיסֶע פֶערְזַאמְלוּנְג פוּן גַייסְטְלִיכֶע אוּנ דָארְט זֶענֶען אִיבֶּערְגֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען דִי לֶעצְטֶע פֶאדֶעמְלִיךְ, וָואס הָאבֶּען נָאךְ בִּיז דֶעמָאלְט צוּנוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען דָאס יוּדֶענְטְהוּם מִיט דֶעם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. גֶעוָואהנְלִיךְ פְלֶעגֶען יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען מַאכֶען פֶּסַח אִין אֵיין טָאג, וָואס פְלֶעגְט בֶּעשְׁטִימְט וֶוערֶען פוּן דִי סַנְהֶדְרִין ; דָאס הָאבֶּען דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער רָאמִישֶׁער קִירְכֶע נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמַאכְט זֵייעֶר בֶּעזוּנְדֶער רֶעכְנוּנְג, כְּדֵי זֵייעֶר יוֹם טוֹב זָאל נִיט פַאלֶען צוּזַאמֶען מִיט דֶעם יוּדִישֶׁען. אַזוֹי הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְלִיהֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פוּנְקֶען פוּן דֶעם פַייעֶר, וָואס הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט רֶעכְט צוּבְּרֶענְט מִיט פִיעל דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער. קָאנְסְטַאנְטִין הָאט דֶערְוַוייל בֶּענַייט הַאדְרִיאַנ'ס אַלְטֶע גֶעזֶעטְצֶע. דִי יוּדֶען הָאבֶּען ווִידֶער נִיט גֶעטָארְט, אוֹיסְעֶר תִּשְׁעָה בְּאָב, קוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, וואוּ זַיין מוּטֶער הֶעלֶענַא, הָאט אוֹיסְגֶעבּוֹיט אַקִירְכֶע אוֹיף דֶעם אָרְט, פוּן דֶעם קֶבֶר פוּן זֵייעֶר מָשִׁיחַ. דָאס אֵיינְצִיגֶע שְׁטִיקֶעל רַחֲמָנוּת, וָואס קָאנְסְטַאנְטִין הָאט בֶּעוִויזֶען דִי יוּדֶען, אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם וָואס עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין בֶּעזָאנְדֶער צוּטְרוֹיֶען צוּ דִי נָאר וָואס גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואלְט נוֹקֵם זַיין אִין זֵייעֶרֶע גֶעוֶועזֶענֶע בְּרִידֶער.

דִי רֶעכְטֶע צָרוֹת הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאר דִי יוּדֶען אִין דֶער צַייט פוּנ'ם צְווייטֶען קְרִיסְטְלִיכֶען קֵייזֶער קָאנְסְטַאנְטִיוּס, וָואס הָאט טַאקִי צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע דָארְט וואוּ זֵיי הָאבֶּען פוּן אִיהם גֶעפָאדֶערְט עֶר זָאל דְרִיקֶען פְרֶעמְדֶע פֶעלְקֶער, נָאר עֶר הָאט שֵׂכֶל גֶעהַאט זֵיי נִיט לָאזֶען גֶעוֶועלְטִיגֶען אוּנ הָאט דִי גַאנְצֶע מַאכְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בַּיי זִיךְ אִין דֶער הַאנְד. אִין יֶענֶער צַייט הָאט אֵיינֶער אַגֶעטוֹיפְטֶער גֶעמַסֶרְט פַאר אִיהם אוֹיף דִי אֲמוֹרָאִים, אוּנ עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען קֵיין בָּבֶל אוּנ זִיךְ רַאטֶעוֶועֶן פוּנ'ם טוֹיט. קָאנְסְטַאנְטִיוּס הָאט גֶעהֵייסֶען הַרְגֶ'עֶן יֶעדֶען יוּדֶען וָואס וֶועט חֲתוּנָה הָאבֶּען

מִיט אַ קְרִיסְטִין, אָדֶער עֶר װֶעט מָל זַיין אַ שְׁקְלַאװֶע אוּנ אִיהם מַאכֶען פַאר אַ יוּדֶען. אַז דָאס רֶאמִישֶׁע חַיִל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מֶען בַּיי דִי יוּדֶען גֶעפָאדֶערְט זֵיי זָאלֶען פוּן זֵייעֶרְטְװֶעגֶען בַּאקֶען פְרִישׁ בְּרוֹיט אוּם שַׁבָּת אוּנ נִיט קוּקֶען אוֹיף חָמֵץ װֶוען עֶס אִיז גְרָאד אוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּם פֶּסַח. דִי אֱמוֹרָאִים הָאבֶען גֶעלֶערְנְט אַ פְּשַׁט אַז דֶער שׂוֹנֵא טְהוּט עֶס נָאר צוּ לְיעַבּ דֶעם אַז דָאס חַיִל זָאל נִיט לַיידֶען קֵיין הוּנְגֶער, נִיט כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף זֵייעֶרֶע דִינִים. בַּאלְד הָאבֶען זֵיי זִיךְ אָבֶער גֶעקָאנְט אִיבֶּערְצֵיינֶען אַז דֶער פְּשַׁט אִיז דַוְקָא נִיט גֶעװֶעזֶען אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבֶען גֶעלֶערְנְט. עֶס אִיז אַרוֹיס אַ בֶּעפֶעהל זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט דֶערְװָאגֶען צוּ הַאלְטֶען יוֹם כִּפּוּר, אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעצְװאוּנְגֶען גֶעװֶעזֶען צוּ שְׁװַייגֶען אוּנ מַדְחֶה זַיין דֶעם תַּעֲנִית בִּיז צוּם אַנְדֶערֶען שַׁבָּת.

נָאךְ עֶרְגֶער אִיז גֶעוָוארֶען דִי יוּדֶען װֶוען צְוִוישֶׁען דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין אִיז אַרוֹיס אַ גַאנְץ מַחֲלוֹקֶת װֶעגֶען דֶער שַׁאֲלָה פוּן פֶּסַח, אוּנ דִי קְרִיסְטֶען פוּן קְלֵיין אַזְיֶען, סִירְיֶען אוּנ מֶעסָאפָּאטַאמְיֶען הָאבֶען נִיט גֶעוָואלְט קוּקֶען אוֹיף דֶער תַּקָנָה וָואס אִיז אַרוֹיס גֶעגֶעבֶען גֶעוָוארֶען בַּיי דֶער אֲסִיפָה אִין נִיאֶקַא אוּנ הָאבֶען פָארְט גֶעמַאכְט דֶעם יו״ט אִין אֵיין צַייט מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ װֶוען עֶס פְלֶעגְט זַיין אַיין עִבּוּר־יָאהר הָאבֶען זֵיי פֶּסַח גֶעמַאכְט שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ חֹדֶשׁ. דָאס הָאט שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען דִי מְלוּכָה, נָאר אַזוֹי וִוי מִיט דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין הָאט זִי גָאר נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען, וַוייל זֵייעֶר צָאהל אִיז גֶעװֶעזֶען זֶעהר גְרוֹיס, הָאט זִי דָאס גַאנְצֶע הַארְץ אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ דִי יוּדֶען, הָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען אִין דֶעם פְרֶעמְדֶען עַקְשָׁנוּת גָאר נִיט שׁוּלְדִיג גֶעװֶעזֶען. דֶער נָשִׂיא הָאט בֶּעקוּמֶען אַ בֶּעפֶעהל אַז מֶעהר טָאר קֵיין עִבּוּר־יָאהר נִיט זַיין, אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט לְפָנִים אָנְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ, חָאטְשׁ שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר בַּאלְד צוּשִׁיקְט בְּרִיעף אִין אַלֶע אָרְטֶער מֶען זָאל ווִיסֶען ווִי אַזוֹי דִי צַייט רִיכְטִיג אוֹיסְצוּרֶעכְנֶען, אוּנ אַזֶעלְכֶע בְּרִיעף פְלֶעגְט מֶען שְׁרַייבֶּען פַארְשְׁטֶעלְט, נָאר מִיט רְמָזִים, וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי רֶאמֶער.

בַּיי דִי יוּדֶען אִיז נָאךְ אָבֶער דֶעמָאלְט אִין גַאנְצֶען נִיט פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען דֶער גֶעדַאנְק פוּן פְרַייהַייט, אוּנ אַז דָאס פֶּעקִיל צָרוֹת הָאט זִיךְ זֵיי אוֹיסְגֶעוִויזֶען צוּ שְׁװֶער, הָאבֶען זֵיי זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען וַוייטֶער צוּ מַאכֶען אַ מְרִידָה אוּנ אַרָאבְּװַארְפֶען פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן דֶער רֶאמִישֶׁער מְלוּכָה. זֵיי הָאבֶען גֶערֶעכֶענְט אַז עֶס װֶעט זֵיי גֶערָאטְהֶען, וַוייל קָאנְסְטַאנְטִיוּס אִיז אַ בִּיסֶעל שְׁװַאךְ גֶעוָוארֶען נָאךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פֶערְלָארֶען דִי מִלְחָמָה גֶעגֶען אַ פָּאר פֶעלְקֶער, אוּנ דֶערְצוּ אִיז דֶער מוֹשֵׁל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גַאלְלוּס נִיט גֶעװֶעזֶען פוּן דִי גִבּוֹרִים, וָואס מֶען

זָאל זִיךְ דַארְפֶען פַאר אִיהם שְׁרֶעקֶען. אַזוֹי הָאבֶּען זֵיי אַרוֹיסְגֶעטְרָאטֶען נֶעגֶען דֶער מְלוּכָה, זֵייעֶר פִיהְרֶער אִיז גֶעוֶועהן נַטְרָאנַא, אָדֶער וִוי דִי רָאמֶער הָאבֶּען אִיהם גֶערוּפֶען פַּאטְרִיצִיוּס, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ דֶערמָאלְט גֶעפוּנֶען אַבַּעַל דַרְשָׁן וָואס אִיז אַרוּמְגֶעפָאהְרֶען אִין אַלֶע שְׁטֶעדְט אוּנ הָאט דֶעם עוֹלָם מְעוֹרֵר גֶעוֶועהן אוּנ הָאט אֲפִילוּ בֶּעוִויזֶען אַז נַטְרָאנַא הָאט אִין זִיךְ פִיעל סִימָנִים פוּנ'ם מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ.

אָנְגֶעהוֹיבֶּען הָאט זִיךְ דִי מְרִידָה אִין סֶעפְּפָארִיס (צִפּוֹרִי), בַּאלְד הָאבֶּען נָאכְגֶעטְהוּן דִי צְווֵיי גְרֶעסְטֶע שְׁטֶעדְט טְבֶרְיָה אוּנ לִידְדָא, אוּנ גָאר גִיךְ הָאט דָאס פַייעֶר גֶעבְּרֶענְט אִין אַלֶע אֶרְטֶער, וואוּ יוּדֶען הָאבֶען גֶעוָואהְנְט. אוּמְזִיכְט הָאבֶּען אָבֶּער דִי יוּדֶען בֶּענוּצְט זֵייעֶרֶע לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת, וֶוען דֶער ווִילֶען פוּן גָאטט אִיז נִיט גֶעוֶועהן דֶערְבַּיי. נַאלְלוּס הָאט, מִיט דֶער הִילְף פוּנ'ם הוֹיפְּטְמַאנן אוּרְזִיצִינוּס, גֶעמַאכְט אַתֵּל פוּן דִי מוֹרְדִים אוּנ כִּמְעַט אַלֶע שְׁטֶעדְט פַארְבְּרֶענְט אָדֶער צוּשְׁטֶערְט. פִיעל פוּן דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעהַרְגֶ'ט גֶעוָוארֶען, אַסַךְ פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט פַארְשְׁטֶעלֶען אוּנ פַארְקְלֶעבֶּען דָאס פָּנִים מִיט אַ פְּלַאסְטֶער, כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי נִיט דֶערְקֶענֶען, אוּנ אַז דֶער שׂוֹנֵא אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּנ'ם סוֹד אוּנ הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען חַאכֶען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט אַלַאנְגֶע צַייט בֶּעהַאלְטֶען אִין פִינְסְטֶערֶע הֵיילֶען. וִוי רַב הוּנָא, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן צְווִישֶׁען דִי בֶּעהַאלְטֶענֶע, הָאט נָאךְ דֶעם דֶערְצֶעהלְט, הָאבֶּען זֵיי גַאנְצֶע יָאהְרֶען נִיט גֶעזֶעהן דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין אוּנ זֵיי פְלֶעגֶען זִיךְ נָאר שְׁטוֹיסֶען אַז אִין דְרוֹיסֶען אִיז טָאג דֶערְפוּן וָואס דִי לִיכְט הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט טִינְקֶעלֶער.

וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס, אִיז דָאס אַכְזָרִיוֹת פוּן נַאלְלוּס נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפֶאהלֶען דֶער מְלוּכָה, אוּנ עֶר הָאט פַאר זַיין ווִילְדִיקַייט, מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט, אוּנ אוּרְזִיצִינוּס הָאט גֶעמוּזְט עוֹקֵר זַיין. פַאר דִי יוּדֶען אִיז דָאס אָבֶּער גֶעוֶועהן אַלְץ אֵיינְס, וַוייל זֵיי אִיז מִיט יֶעדֶען טָאג עֶרְגֶער גֶעוָוארֶען, אוּנ פוּן קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל, וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער פַּאלַאץ פוּנ'ם נַיי־רָאמִישֶׁען אָדֶער בִּיצַאנְטִישֶׁען קֵייזֶער, הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען גָאר נַייעֶ גְזֵירוֹת אוֹיף דִי יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט נָאר אֵיין תַּכְלִית זֵיי צוּ צְווִינְגֶען זֵיי זָאלֶען מוּזֶען אַוֶועקְוַוארְפֶען דָאס שְׁוֶוערֶע יוּדִישְׁקַייט. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט מֶען אוֹיף דִי יוּדֶען אַרוֹיפְגֶעוָוארְפֶען אַגְרוֹיסֶע מַשָּׂא פוּן מַס צָאהלֶען. מֶען הָאט פוּן זֵיי גֶעצוֹיגֶען דִי אָדֶערְן פַאר יֶעדֶע זַאךְ, אוּנ אוֹיף זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הִצְטַרְכוּת, וִוי אוֹיסְצוּהַאלְטֶען דֶעם נָשִׂיא אוּנ דִי יְשִׁיבוֹת, הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעטָארְט גֶעבֶּען אֲפִילוּ אַיין פְּרוּטָה. אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאגֶע הָאט גֶעצְווּאוּנְגֶען דֶעם יוּנְגֶען נָשִׂיא הִלֵּל אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען אַבֶּעשְׁטִימְטֶען לוּחַ, כְּדֵי דִי יוּדֶען פוּן אַלֶע לֶאנְדֶער זָאלֶען אַלֵיין קָאנֶען בֶּערֶעכֶנֶען וֶוען יֶעדֶער

יוֹם טוֹב גֶעפַאלְט אוּנ זָאלֶען נִיט בֶּעדַארְפֶען וַוארְטֶען בִּיז מֶען וֶועט זֵיי מִיט גְרוֹיסֶע שְׁווִירִיגְקֵייטֶען שִׁיקֶען יְדִיעוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דָאס בֶּעשְׁטִימֶען פוּן יָמִים טוֹבִים אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן דָאס אֵיינְצִיגֶע וָואס פְלֶעגְט צוּ בִּינְדֶען דִי יוּדֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט צוּם הוֹיפְּט-פּוּנְקְט, וואו דֶער נָשִׂיא הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען, נָאר הִלֵּל הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען דָאס אוֹיךְ מְבַטֵּל זַיין, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי יוּדֶען אִין דֶער אַלְטֶער הֵיים, לָאזְט מֶען קַיין קָאפּ נִיט אוֹיפְהֶעבֶּען, אוּנ עֶר הָאט וֶוענִיגְסְטֶענְס גֶעוָואלְט בֶּעפֶעסְטִיגֶען דָאס יוּדִישְׁקַייט אִין אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער. דִי סַנְהֶדְרִין הָאבֶּען מַסְכִּים גֶעוֶועהן צוּ דֶער דֵעָה פוּן הִלֵּלִ'ן וֶועגֶען לוּחַ, וָואס אִיז טַאקִי גֶעוֶועהן אַזוֹי רִיכְטִיג גֶעמַאכְט נָאךְ אַלֶע כְּלָלִים פוּנ'ם חֶשְׁבּוֹן אַז מֶען הָאט גֶעקָאנְט אוֹיף גַאנְצֶע טוֹיזֶענְדֶער יָאהְרֶען פְרִיהֶר בֶּערֶעכֶנֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים, נָאר פוּן דֶעסְט-וֶועגֶען הָאט רַבִּי יוֹסִי אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף צוּ דִי יוּדֶען פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיעֶן, זֵיי זָאלֶען זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִוי פְרִיהֶר, אוּנ הַאלְטֶען צְוֵויי טָאג יוֹם טוֹב, כְּדֵי נִיט צוּ אֶנְדֶערְן דֶעם מִנְהָג פוּן פְרִיהֶערֶע דוֹרוֹת.

אִין בָּבֶל הָאט דֶערְוַוייל וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בְּלִיהֶען דִי יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא, וואו דֶער רֵישׁ מְתִיבְתָּא רַבָּה אוּנ זַיינֶע צְוֵויי תַּלְמִידִים, אַבַּיֵי אוּנ רָבָא, הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע. רַבָּה בַּר נַחְמֵנִי הָאט זִיךְ נִיט נָאר אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט הֲלָכָה, נָאר עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט קְלָאר צוּ מַאכֶען אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֶרְטֶער פוּן דֶער מִשְׁנָה, אוּנ בַּיי'ם לֶערְנֶען הָאט עֶר לִיעב גֶעהַאט צוּ זַיין פְרֶעהְלִיךְ, אוֹיפְגֶערֶעגְט, בֶּענוּצֶען מְשָׁלִים אוּנ הֲלָצוֹת, אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען אִיהם דִי תַּלְמִידִים זֶעהר לִיעב גֶעהַאט. בַּיים הָמוֹן עַם אִיז עֶר דַוְקָא נִיט גֶעוֶועהן אַזַא חָשׁוּב, וַוייל מִיט זֵיי פְלֶעגְט עֶר רֶעדֶען אָהן חָכְמוֹת, קוּרְץ אוּנ שַׁארְף. אַז עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת הָאט עֶר פְרַיי אַרוֹיסְגֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, אוּנ נִיט אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעשְׁרִיעֶן אַז „וֶוען דִי מֶענְשֶׁען זֶענֶען פֶערְדָארְבֶּען קָאנֶען דִי מַנְהִיגִים נָאר נִיט הֶעלְפֶען". דֶעמָאלְט אִיז דִי מְלוּכָה אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּערְסִישֶׁען מֶלֶךְ שַׁבּוּר דֶעם צְוֵוייטֶען אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעזָאלְט אָנְהֵייבֶּען רְדִיפוֹת גֶעגֶען דִי יוּדֶען, וֶוען דֶעם מֶלֶךְ'ס מוּטֶטֶער אִיפְרָא-אָרְמוּזְד נֶעהמְט זִיךְ נִיט אָן פַאר זֵיי. רַבָּה'ן אִיז אָבֶּער בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ פַאלֶען פַאר אַ קָרְבָּן אִין דֶער קוּרְצֶער שְׁלֶעכְטֶער צַייט. מֶען הָאט גֶעמַסֶרְט דֶער מְלוּכָה אַז טוֹיזֶענְדֶער יוּדֶען בֶּעהַאלְטֶען זִיךְ אִין דֶער יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא צוּפְלַייס כְּדֵי זֵיי זָאלֶען קַיין מַס נִיט צָאהלֶען, אוּנ אַז מֶען הָאט צוּ גֶעטְרָאטֶען צוּ דֶער יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ רַבָּה שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקֶען אוּנ אִיז אַנְטְלָאפֶען. וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס הָאט רַבָּה קַיין גוּטְס נִיט עֶרְוַוארְטֶעט אוּנ זַיין פַּחַד אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי גְרוֹיס אַז בַּיי'ם עֶרְשְׁטֶען שָׁארְךְ, הָאט זִיךְ

אִיהם אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז אָט הַאפְּט מֶען אִיהם אוּנ עֶר אִיז פַאר שְׁרֶעק גֶעשְׁטָארְבֶּען. פוּן דֶער מְסִירָה אִיז אָבֶּער גָאר נִיט גֶעוָוארֶען, אוּנ אַז דִי תַּלְמִידִים הָאבֶּען רַבָּה'ן גֶעפוּנֶען טוֹיט אִין פֶעלְד, הָאבֶּען זַיי אִים מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד מְקַבֵּר גֶעוֶועהן אוּנ זִיבֶּען טָאג גֶעטְרוֹיעֶרְט. דִי אַלְטֶע קֶאנִיגִין אִיפְרַא־אָרְמוּזְד הָאט זַיי צוּגֶעשִׁיקְט אַ שָׁאנֶע נְדָבָה אוּנ זַיי הָאבֶּען בֶּענוּצְט דָאס גֶעלְד אוֹיף פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם.

אוֹיף רַבָּה'ס אָרְט אִיז אַרוֹיף זַיין פְרַיינְד רַב יוֹסֵף בַּר חִיָיא, וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט פוּן זַיינֶע וַויינְגֶארְטְנֶער אוּנ אִיז גֶעוֶועהן נִיט קַיין גֶעזוּנְדֶער מֶענְשׁ. אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אִיז עֶר בְּלִינְד גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעקְלַאגֶען נִיט אוֹיף דֶעם אוּנְגְלִיק וָואס עֶר זֶעהט נִיט, נָאר דַארוֹיף וָואס עֶר קָאן נִיט מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹת. עֶר הָאט זִיךְ וֶועניגֶער אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט חֲרִיפוּת אוּנ פִּלְפּוּל אוּנ הָאט מֶעהר גֶעזַאמֶעלְט מֵיינוּנְגֶען פוּן תַּנָאִים אוּנ אֲמוֹרָאִים פוּן אַמָאל. אִין זַיין צַייט אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן אַ כַּאלְדֶעיִשֶׁע אִיבֶּערְזֶעטְצוּנְג פוּן דֶער תּוֹרָה, מִיט דֶעם נָאהמֶען „תַּרְגוּם אוּנְקְלוֹס", אוּנ אַ סִירִישֶׁע, וָואס מֶען הָאט זִי גֶערוּפֶען „פְּשִׁיטָא", עֶס הָאט אָבֶּער נָאךְ גֶעפֶעהלְט אַ כַּאלְדֶעאִישֶׁע אִיבֶּערְזֶעטְצוּנְג פוּן נְבִיאִים אוּנ רַבִּי יוֹסֵף הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען דִי אַרְבֵּייט, כְּדֵי דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם, וָואס הָאט נִיט גֶעקֶענְט קַיין לָשׁוֹן קֹדֶשׁ, זָאל פֶערְשְׁטֶעהן וָואס מֶען לֵייעֶנְט אִין דֶער הַפְטָרָה.

נָאךְ רַבִּי יוֹסֵף'ס טוֹיט, אִיז דִי לוֹמְדִים זֶעהר שְׁוֶוער גֶעוֶועהן אוֹיסְצוּקְלוֹיבֶּען אַ רֵישׁ מְתִיבְתָּא, וַוייל פוּן אַלֶע פִיער אֲמוֹרָאִים, אַבַּיֵי, רָבָא, רַבִּי זֵירָא אוּנ רַבָּה בַּר מַתְּנָה, אִיז יֶעדֶער וֶוערְט גֶעוֶועהן צוּ פֶערְנֶעהמֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע. עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל פָארְלֶעגֶען עֶפִּיס אַ הַארְבֶּע שַׁאֲלָה אוּנ וֶוער עֶס וֶועט זִי פַאר־ענְפֶערן זָאל וֶוערֶען רֵישׁ מְתִיבְתָּא — אוּנ אַבַּיֵי הָאט מְנַצֵחַ גֶעוֶועהן זַיינֶע אִיבְּרִיגֶע חֲבֵרִים. אַבַּיֵי, וָואס מֶען הָאט אִיהם אוֹיךְ גֶערוּפֶען נַחְמֵנִי, אִיז גֶעוֶועהן אַ יָתוֹם, וַוייל זַיינֶע עֶלְטֶערן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען גַאנְץ יוּנְג אוּנ עֶר הָאט זַיי אֲפִילוּ נִיט גֶעדֶענְקְט. דֶערְפַאר פְלֶעגְט עֶר מִיט בֶּעזָאנְדֶער לִיעבֶּע דֶערְמָאנֶען דִי גוּטֶע פְרוֹי וָואס הָאט אִיהם עֶרְצוֹיגֶען, אוּנ וָואס אִין אִיהר נָאהמֶען הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער גֶעגֶע־בֶּען קְרַאנְקֶע אַ סַךְ הֵיימִישֶׁע רְפוּאוֹת, אוּנ נָאךְ הֵיילִיגֶער אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דֶער זֵכֶר פוּן זַיין פֶעטֶער רַבָּה, וָואס הָאט מִיט אִיהם גֶעלֶערְנְט אוּנ אִיהם אִיבֶּער־גֶעגֶעבֶּען זַיין גַאנְץ חֲרִיפוּת. זַיינֶע גְרוֹיסֶע פֶעהִיגְקַייטֶען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען נָאךְ קִינְדְוַוייס, אוּנ אַז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעיָאגְט נָאךְ רַייכְקַייט, הָאטְשׁ עֶר הָאט עֶס גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהרֶען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט גֶענוּג פֶעלְדֶער, אוּנ הָאט נָאר גֶעזָארְגְט אַז דִי תּוֹרָה זָאל גֶעפִינֶען אוֹיף זִיךְ מֶעהר בַּעֲלָנִים צְוִוישֶׁען פָאלְק. צוּם בֶּעדוֹיעֶרן, אִיז אָבֶּער דִי צָאהל פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעוֶועהן

נִיט מֶעהר פוּן צְוַויי הוּנְדֶערְט, וַוייל רָבָא הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ בֶּעזוּנְדֶער יְשִׁיבָה אִין מְחוֹזָא, אוּנ פִּיעל יוּנְגֶע לַייט אִיז גֶעוֶועהן נֶאהֶענְטֶער אַהִין צוּ פָאהֶרען; אַבַּיֵי'ן, וָואס הָאט אָבֶּער גֶעדֶענְקְט בֶּעסֶערֶע צַייטֶען אַז דִי יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא אִיז גֶעוֶועהן פוּל מִיט לוֹמְדֵי תּוֹרָה, הָאט דָאס אִיהם גֶעקְרֶאנְקְט אוּנ עֶר פְלֶעגְט אָפְט מִיט אַ זִיפְץ זָאגֶען אַז „עֶר אִיז אַ יָתוֹם פוּן יְתוֹמִים".

דִי דְרַייא אֲמוֹרָאִים, רַבָּה, אַבַּיֵי אוּנ רָבָא, וֶוענֶען גֶעוֶועהן דֶער חוּט הַמְשׁוּלָשׁ דֶער אִין דְרַייעֶן צוּנוֹיפְגֶעדְרֶעהְטֶער פָאדֶעם, וָואס הָאט צוּנוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען דֶעם תַּלְמוּד, גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ שַׁארְפְזִינִיגֶען לִמוּד, וָואס מֶענְשֶׁען מִיט גְרוֹיסֶע קָאפּ הָאבֶּען זִיךְ גֶעקָאנְט עֶנְטְשְׁלִיעסֶען זַייעֶרֶע גַאנְצֶע יָאהְרֶען אוּנ טֶאג דֶערְמִיט צוּ פֶערְבְּרֶענְגֶען, אוּנ דֶערְפַאר אַז אַבַּיֵי אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז אוֹיף זַיין אָרְט גֶעבְּלִיבֶּען רָבָא בַּר יוֹסֵף בַּר חָמָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אִי אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אִי שְׁטַארְק רַייךְ, אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר גֶעהַאט אַזַא שֶׁאנֶעם נָאמֶען אַז אֲפִילוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט מֶען זִיךְ וֶוענְדֶען צוּ אִיהם. צוּ זַיינֶע מַעֲלוֹת הָאט עֶר אָבֶּער גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע חֶסְרוֹנוֹת. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אִין מְחוֹזָא, וָואס אִיז כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן גֵרִים, הָאט זַיי רָבָא אִין אַ סַךְ זַאכֶען צוּ פִּיעל צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן אוּנ אַוֶועקְגֶעקוּקְט פוּנ'ם דִין. אַבַּיֵי הָאט דָאס נָאךְ בַּיי זַיין לֶעבֶּען בֶּעמֶערְקְט אוּנ פְלֶעגְט אָפְט גֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען רָבָא'ן אַז עֶר טְהוּט נִיט גְלַייךְ דֶערְמִיט וָואס עֶר אִיז מַתִּיר פִּיעל זַאכֶען אוּנ קוֹיפְט זִיךְ לִיעבְשַׁאפְט בַּיים פָאלְק, וַוייל „דֶער דַיָין, וָואס דֶער עוֹלָם הַאלְט צוּ פִּיעל פוּן אִיהם, אִיז נִיט קֵיין שְׁטַארְקֶער בֶּעשִׁיצֶער פוּן דִי גֶעזֶעטְצֶע". רָבָא פְלֶעגְט טַאקִי אָפְט וֶוערֶען אַ צוּ גְרוֹיסֶער מֵקִיל, אוּנ דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארֶען זֶעהר בֶּעלִיעבְּט. דִי אַנְוָואהְנֶער פוּן מְחוֹזָא הָאבֶּען גֶעלִיטֶען דֶערְפוּן וָואס זַיי הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט קוּמֶען צוּ קֵיין רֶעכְטֶע שִׁדוּכִים, וַוייל דִי מְיוּחָסִים פוּן בָּבֶל הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט זִיךְ מִתְחַתֵּן זַיין מִיט גֵרִים. אַז רַבִּי זֵירָא אִיז אַ מָאל אַהִין גֶעקוּמֶען אוֹיף סְכּוֹת אוּנ הָאט אִין זַיין דְרָשָׁה בֶּערִיהְרְט דִי פְרַאגֶע, הָאט עֶר גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר טְהוּט זַיי אַ טוֹבָה דֶערְמִיט וָואס עֶר אִיז זַיי מַתִּיר אַז זַיי מָאגֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט מַמְזֵרִים. דָאס הָאט זַיי שְׁטַארְק פַארְדְרָאסֶען, אוּנ זַיי הָאבֶּען רַבִּי זֵירָא'ן שִׁיר נִיט פֶערְוָוארְפֶען מִיט זַייעֶרֶע אֶתְרוֹגִים. רָבָא הָאט אָבֶּער בַּאלְד גֶעפַּסְקֶ'ט אַז גֵרִים מָאגֶען אֲפִילוּ חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט טֶאכְטֶער פוּן אַ כֹּהֵן גָדוֹל, אוּנ וֶוען רַבִּי זֵירָא אִיז קוֹים לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַנְטְלָאפֶען פוּן דָארְט, הָאט דָאס פָאלְק רָבָא'ן אָבְּגֶעשִׁיט מִיט מַתָּנוֹת.

דִי צַייט, וָואס שַׁבוּר דֶער צְווייטֶער הָאט גֶעהֶערְשְׁט, אִיז פַאר דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל נִיט גוּט גֶעוֶועהן. אוֹיסֶער דֶעם מַס הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעמוּזְט אוֹיסְהַאלְטֶען

דָאס גַאנְצֶע הַיִל וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין מְחוֹזָא אוּנ זֶענֶען אוֹיסְגֶערִיסֶען גֶעוָוארֶען. רָבָא הָאט זַיין גְלַאנְץ אוֹיךְ בֶּעפֶעסְטִינְט נָאר דָערְמִיט וָואס עֶר פְלֶעגְט נִיט זְשַׁאלֶעוָוען קֵיין מַטְבֵּעַ, אוּנ אַ חוּץ דָעם הָאט דִי אַלְטֶע קֶאנִיגִין אִיפְרַא־אָרְמוּזְד גֶעהַאלְטֶען פוּן יוּדֶען, זִי הָאט אַמָאל אַרֵיינְגֶעשִׁיקְט רָבָא׳ן אַ גְרוֹיסֶע נְדָבָה אוּנ אוֹיךְ אַ בְּהֵמָה פַאר אַ קָרְבָּן, אוּנ וָוען אִיהר זוֹהן הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֶעבֶּען עָפִּים אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵרָה אוֹיף דִי יוּדֶען פְלֶעגְט זִי אִיהם זָאגֶען: „הָאבּ נִיט צוּ טְהוּן מִיט דֶעם פָאלְק, ווַייל וָואס זֵיי בֶּעטֶען בַּיי גָאטט טְהוּט עֶר זֵיי צוּ לִיעבּ“. פוּן דֶערְסְטְווֶעגֶען אַז רָבָא הָאט אַמָאל גֶעהֵייסֶען בֶּעשְׁטְרָאפֶען אַ יוּדֶען פַאר אַ חֵטְא אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ מֶען הָאט גֶענֶעבֶּען אַ מְסִירָה, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפֶען אוּנ זַיין הוֹיז הָאט מֶען פָּשׁוּט חָרוּב גֶעמַאכְט.

נָאךְ רָבָא׳ס טוֹיט הָאט וַוייטֶער אוֹיפְגֶעבְּליהט דִי יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא, נָאר דִי פָארְשְׁטֶעהֶער, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אוּנ רַב פָּפָּא, הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גֶעשְׁפִּיעלְט אַזַא רָאללֶע וִוי דִי פְרִיהֶרִינֶע אֲמוֹרָאִים.

דָערְוַוייל הָאט אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט אַ שֵׁיין גֶעטְהוּן דִי זוּנן פוּן הָאפְנוּנְג. דִי רָאמִישֶׁע מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם נוּטֶען קֵייזֶער יוּלְיַאנוּס, וָואס הָאט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהרֶען, וֶוען זַיין פֶּעטֶער קָאנְסְטַאנְ־טִיוּס הָאט אִיהם מִיט גֶעוַואלְד אָבְּגֶערִיסֶען פוּנ׳ם גָאטְצֶענְדִיענְסְט, אַלֵיין גֶעפִיהלְט דֶעם טַעַם פוּן גֵייטְהֶען אָנְצוּנֶעהמֶען אַ פְרֶעמְדֶע אֱמוּנָה, אוּנ הָאט זִיךְ דָערְפַאר עָנְטְשְׁלָאסֶען אַללֶע פֶּאלְקֶער צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען מִיט גְלַייכֶע לִיעבֶּע אוּנ עֶרְלוֹיבֶּען יֶעדֶען צוּ בְּלַייבֶּען אִין דֶער רֶעלִיגְיָאן וָואס גֶעפֶאלְט אִיהם. מִיט דִי יוּדֶען הָאט עֶר גֶעטְהוּן גְרוֹיסֶע חֲסָדִים אִיבֶּער פִיעל טְעָמִים. עֶרְשְׁטֶענְס, אִיז אִיהם גֶעפֶאלֶען זֵייעֶר פַאמִילְיֶען־לֶעבֶּען, זֵייעֶרֶע שֶׁאנֶע מִדּוֹת, גְרוֹיסֶע צְדָקָה; צְוֵוייטֶענְס, הָאט עֶר גֶעהַאלְטֶען אַז מִיט דִי דִינִים פוּן קָרְבָּנוֹת שְׁטֶעהֶען דִי יוּדֶען נֶאהֶענְטֶער צוּ זַיין גְלוֹיבֶּען, אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט, וִוי עֶס שֵׁיינְט, אַ בִּיסֶעלֶע אוֹיסְצוּוֶעדְלֶען דֶעם גָאטְ־צֶענְדִיענְסְט נָאךְ יוּדִישֶׁע מִנְהָגִים; דְרִיטֶענְס, הָאט עֶר גֶעוָואלְט מִיט זַיין לִיעבֶּע צוּ דִי יוּדֶען שְׁטֶעכֶּען דִי קְרִיסְטֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעזוּכְט אַללֶע מִיטֶעל צוּ עֶרְנִידְ־רִיגֶען זֵייעֶרֶע גֶעוֶועזֶענֶע בְּרִידֶער; פִירְטֶענְס, הָאט עֶר גֶעהַאט דֶערְבַּיי נָאךְ אַ בֶּעְ־זוּנְדֶערֶע כַּוָּנָה אוּנ הָאט גֶעהָאפְט אַז דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל וֶועלֶען אִיהם, פַאר דַאנְקְ־בַּארְקַייט, אַמָאל בֶּעהִילְפִיג זַיין אִין דֶער מִלְחָמָה מִיט דִי פֶּערְסֶער, וֶועניגְסְטֶען שְׁטִיצֶען דָערְמִיט וָואס זֵיי וֶועלֶען שְׁטֶעהְן פוּן דֶער וַוייטֶענְס. מֵילָא וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶועהן, נָאר דִי צְוֵויי יָאהר, וָואס יוּלְיַאנוּס אִיז גֶעוֶועזֶען קֵייזֶער, הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעפִיהלְט זֶעהר גְלִיקְלִיךְ. פוּן דִי אַלְטֶע גְזֵירוֹת הָאט מֶען נָאר

נִיט װָאס צוּ רֶעדֶען אַז עֶר הָאט זֵיי מְבַטֵּל גֶעװֶעזֶען; עֶר הָאט בַּאלְד עֶרְלוֹיבְּט דִי יוּדֶען אַרַיינְפָאהרֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ פְלֶעגְט זֵייעֶר אָפְּט שְׁרַייבֶּען פְרַיינְדְלִיכֶע בְּרִיעף דֶעם נָשִׂיא הִלֵּל, װֶעלְכֶען עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערוּפֶען „גֶעשֶׁאצְטֶער פְרַיינְד". נָאר נִיךְ הָאבֶּען דִי יוּדֶען בֶּעקוּמֶען אַ פְרֶעהְלִיכֶע בְּשׂוֹרָה, װָאס זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט גֶעקָאנְט רֶעכְטֶען דַארוֹיף. יוּלְיַאנוּס הָאט צוּשִׁיקְט בְּרִיעף פוּן אַנְטְיָאכִיֶען צוּ אַלֶע יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת אַז עֶר װִיל אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן נָאךְ אַ מָאל אוֹיסְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. מֶען קָאן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען װָאס פַאר אַ שִׂמְחָה עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי יוּדֶען; דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעװָארֶען נָאךְ גְרֶעסֶער, װֶען יוּלְיַאנוּס הָאט טַאקִי בֶּעשְׁטִימְט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע גֶעלֶערְנְטֶע פְרַיינְדֶע אַלִיפִּיוּס פַאר אַיין אוֹיפְזֶעהֶער אוֹיף דִי אַרְבֵּייט, אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעפֶעהל דִי מוֹשְׁלִים פוּן סִירְיֶען אוּנ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלֶען פוּן זֵייעֶר זַייט הֶעלְפֶען אוּנ גֶעבֶּען אַלְדִינְג װָאס עֶס װֶעט נֶאטְהִיג זַיין צוּם בִּנְיָן. פוּן װַייט אוּנ פוּן נָאהֶענְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיטֶען גֶעלְד אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער זַאךְ, װַייבֶּער הָאבֶּען פוּן זִיךְ אַרָאבְּגֶענוּמֶען זֵייעֶר צִירוּנְג אוּנ אַװֶעקְגֶעגֶעבֶּען אוּנ הָאבֶּען נָאךְ דֶערְצוּ אַלֵיין גֶעהָאלְפֶען טְרָאגֶען שְׁטֵיינֶער, חָאטְשׁ מֶען הָאט עֶס נִיט בֶּעדַארְפְט, װַייל יוּלְיַאנוּס הָאט גֶעשִׁיקְט גֶענוּג אַרְבֵּייטֶער. צוּם אוּמְגְלִיק, הָאט אָבֶּער דִי אַרְבֵּייט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְגֶעפִיהרְט װֶערֶען, װַייל אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אָבְּרַאבֶּען דִי אַלְטֶע חוּרְבוֹת אִיז אַרוֹיס אַ פַייעֶר, דִי לוּפְטֶען פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעצוּנְדֶען אוּנ מֶען הָאט גֶעמוּזְט בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהֶן. דֶערְװַייל אִיז יוּלְיַאנוּס שְׁטַארְק פֶערְקְרָאכֶען מִיט דֶער מִלְחָמָה גֶעגֶען שַׁבּוּר דֶעם צְװֵייטֶען. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט אִיהם אֲפִילוּ דָאס גְלִיק גֶעדִינְט, עֶר הָאט חָרוּב גֶעמַאכְט דִי שְׁטֶעדְט פִּירוּז־שַׁבּוּר אוּנ מְחוֹזָא, אוּנ הָאט נָאךְ גֶעװָאלְט װַייטֶער גֶעהֶען, נָאר אַ פַייל פוּן אַ קְרִיסְט הָאט אִיהם פְלוּצְלוּנְג גֶעטְרָאפֶען אוּנ מִיט זַיין אוּנְצַייטִיגֶען טוֹיט אִיז אוֹיךְ פֶערְשְׁװוּנְדֶען גֶעװָארֶען דֶער זִיסֶער חָלוֹם, װָאס דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אַ פָּאר יָאהר דֶער קְװִיקְט מִיט אִיהם אוּנ כִּמְעַט גֶעזֶעהֶן פַאר דִי אוֹיגֶען דִי רְפוּאָה צוּ דֶער מַכָּה.

דִי קוּרְצֶע צַייט פוּן יוּלְיַאנוּס'ס מְלוּכָה אוּנ זַיין בֶּעזוּנְדֶער לִיעבְּשַׁאפְט צוּ דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַזַא װִירְקוּנְג, אַז דֶעם נַייעֶם קֵייזֶער יָאוִויאַנוּס אִיז שׁוֹין שְׁװֶער גֶעװֶעזֶען מִיט אַ מָאל אִיבֶּערְצוּמַאכֶען דִי גַאנְצֶע הַנְהָגָה אוּנ אָנְטְהוּן צָרוֹת אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען װָאס דִי מְלוּכָה הָאט עֶרְשְׁט זֵיי גֶעחַנְפֶ'ט אוּנ אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט נָאר מִיט חֶסֶד. דֶערְצוּ הָאט עֶר אִין גַאנְצֶען גֶעהֶערְשְׁט אֵיין יָאהר אוּנ הָאט פָּשׁוּט קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט זִיךְ גֶעהמֶען אִיבֶּער מַאכֶען דִי פְרִיהֶערִיגֶע גֶעזֶעצְצֶע. אַז דִי מְלוּכָה אִיז נָאךְ דֶעם אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ צְװֵיי בְּרִידֶער, װַאלֶענְס אוּנ

נַואלֶענְטִינְיַאן דֶעם עֶרְשְׁטֶען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען אִין דֶעם, אַז מֶען דַארְף גֶעבֶּען פְרַייהַייט יֶעדֶער אֱמוּנָה, אוּנ הָאבֶּען דִי יוּדֶען אוֹיךְ גֶעלָאזְט צוּ רוּה. אִין זֵייעֶר צַייט אִיז נָאךְ אַרוֹיס אַבֶּעפֶעהל אַז אִין יוּדִישֶׁע שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים טָאר מֶען קֵיין סָאלְדַאטֶען נִיט אַרַיינְשְׁטֶעלֶען. אַזוֹי אִיז דִי יוּדֶען וֶוענִינְסְטֶענְס נִיט עֶרְגֶער גֶעוָוארֶען נָאךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט אָבְּזָאגֶען פוּן זֵייעֶר לֶעצְטֶער הָאפְנוּנְג אוּנ דֶער וֶועטְהִיג וָואס זֵיי הָאבֶּען נִיט דֶערְגְרֵייכְט זֵייעֶר צִיעל אִיז חָאטְשׁ נִיט גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען דוּרְךְ נֵייעֶ צָרוֹת אוּנ אַלְטֶע גְזֵירוֹת.

---

7 אוֹיס נְשִׂיאִים אוּנ דֶער סִיוּם פוּנ'ם תַּלְמוּד.

(370—600 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אַז דִי פֶערְבָּארְגֶענֶע גֶעזֶעטְצֶע פוּן דֶער הַשְׁגָּחָה הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט אוֹיסְגֶעפִיהרְט וֶוערֶען, אוּנ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע ווִילְדֶע מַאכְט זָאל אַיינְשְׁלִינְגֶען דָאס פֶערְדָארְבֶּענֶע זִינְדִיגֶע רוֹם, הָאבֶּען דִי יוּדֶען אוֹיךְ גֶעמוּזְט לַיידֶען, אוּנ אוֹיף צָרוֹת זֶענֶען זֵיי גֶעוֶועהן גוּטֶע שׁוּתְּפִים. אִין דִי לֶעצְטֶע יָאהרֶען אִיז דֶער צוּשְׁטַאנְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶענוּג גֶעוֶועהן טְרוֹיעֶרִיג, נָאר נָאךְ יוּלְיַאן'ס טוֹיט, אַז דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אִיז גֶעוָוארֶען דִי הֶערְשֶׁענְדֶע רֶעלִיגְיָאן אִין דִי רֶאמִישֶׁע לֶאנְדֶער, אוּנ אִין קֵייזֶערְלִיכֶען הוֹיף פוּן רוֹם אוּנ קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶערְן אוּנ טְהוּן אַלְץ וָואס דִי גַייסְטְלִיכֶע זָאגֶען, אִיז דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען נָאךְ בִּיטֶערֶער. מֶען הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי קְרִיסְטְלִיכֶע אֱמוּנָה אוּנ אָבְּמֶעקֶען דֶעם זֵכֶר פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אוּנ אוֹיף דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלְק, וָואס הָאט זִיךְ מֶעהר פוּן טוֹיזֶענְד יָאהר גֶעַראנְגֶעלְט מִיט'ן גֶעטְצֶענְדִיעֶנְסְט אוּנ אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועקְגֶעלֶעגְט דִי וֶועלְט זָאל בֶּעקוּמֶען אַ בֶּעגְרִיף פוּן אַ אֵיינְצִיגֶען בֶּעשֶׁעפֶער, אִיז גֶעפַאלֶען דֶער ווִיסְטֶער גוֹרָל אַז פוּנְקְט וֶוען דֶער עִיקָר פוּן זַיין גְלוֹיבֶּען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בְּלִיהֶען אוּנ אַרַיינְקְרִיכֶען אִין דִי הֶערְצֶער פוּן מִילְלְיָאנֶען מֶענְשֶׁען, זָאל מֶען נָאר פַארְגֶעסֶען אַז פוּן אִיהם קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער עִיקָר אוּנ מֶען זָאל עֶס רוֹדֵף'ן צוּגְלַייךְ מִיט דִי וָואס עֶס הָאט שְׁטֶענְדִיג מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט זֵיי אוּנ זִיךְ גֶעמִיהט זֵיי דִי אוֹיגֶען צוּ אֶפֶענֶען צוּ עֶרְקֶענֶען דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאטט.

נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאבֶּען עֶקְסִיסְטִירְט דִי נְשִׂיאִים פוּן וֶועלְכֶע זֶענֶען נָאר בֶּעקַאנְט רַבָּן גַמְלִיאֵל דֶער פִינְפְטֶער זַיין זוּהן רַבִּי יְהוּדָה דֶער פִירְטֶער אוּנ רַבָּן גַּמְלִיאֵל דֶער זֶעכְסְטֶער, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן דֶער לֶעצְטֶער

פון זיי. זייער מאכט איז נאר געוועהן אויף פאפיער, ווייל די קריסטליכע גייסט־ליכע האבען זיי ניט געלאזט קיין קאפ אויפהויבען און האבען געבעטען ביי דער מלוכה, זי זאל פארווערען די פארשטעהער פון די יודען זיי זאלען ניט טארען בעשטראפען אפילו זייערע איינענע גלויבענסברידער, און דאס האבען זיי געטהון מיט א כוונה, כדי די יודען זאלען קאנען פריי איבערבייטען זייער אמונה און זאלען פאר קיינעם ניט מורא האבען. דער קייזער טהעאדאזיוס דער גרויסער וואס האט גוט חוקר ודורש געוועהן און געזעהן אז די יודען טהוען קיין עוולות ניט און טשעפען קיינעם ניט, איז ער ניט בעשטאנען אויף דער בקשה פון די גייסטליכע און האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז קיינער זאל זיך ניט אריינמישען אין די אינווענייגסטע זאכען פון דער יודישער קהלה, און אז די יודישע פארשטעהער מאגען ארויסגעבען א פסק דארט וואו א יוד פערזינדיגט זיך און קאנען זיך אפילו בענוצען מיט'ן חרם. דער איינענער טהעאדאזיוס האט אויך פערמשפט צום טויט איינעם פון זיינע הויפטלייט וואס דער נשיא רבן גמליאל דער פינפטער האט זיך בעקלאגט אויף איהם אז ער האט ביי איהם צוגענומען געוויסע פאפירען. נאר חאטש דער קייזער איז געגאנגען מיט יושר, און האט געשיצט די יודען ביי יעדען פאל וואס עס פלעגט נאר אנקומען צו איהם, פון דעסטוועגען האבען זיך זעהר אפט געפונען צווישען די קריסטען אזאלכע אדוקים, וואס האבען געהאלטען פאר א מצוה צו שטערען די יודען ביים דאווענען, אבבראכעווען די בתי מדרשים, פארברענען שולען און אויסבויען אויף דעם פלאטץ קירכען. די הויפט־שונאים, וואס האבען געזוכט ווי ווייט מאגליך זיך נוקם צו זיין אין די יודען, זענען געוועהן יאהאנעס כריזאס־טאמאס פון אנטיאכיען און אמבראזיוס פון מיילאנד.

כריזאסטאמאס איז געוועהן איינער פון די בעסטע קריסטליכע דרשנים. אין זיין צייט האבען די יודען אין אנטיאכיען געשפיעלט א גרויסע ראללע, זייערע שולען זענען געוועהן זעהר רייך, דער נאטעטסדיענסט איז געוועהן שאן און אז עס פלעגט קומען א שבת אדער א יום טוב האבען זיך געשיט צום דאווענען די פארנעהמסטע קריסטען פון דער שטאדט, וואס האבען זיך נאר ניט געקאנט אבלויבען, אזוי איז זיי געפאלען די יודישע תפלות, דאס שופר בלאזען, די עבודה אום יום כפור, און דער גאנצער סדר התפלה. פון דער שוהל איז שוין נאר א קליינער גאנג צו דער שטוב, און אז דאס דאווענען האט אויף די קריסטען אזא שטארקען איינדרוק געמאכט, האבען זיי זיך אנגעהויבען מעהר צוצוקוקען צום יודישען לעבען, צו זייערע מדות, צו זייערע פארשטעהער, און בישלעכוויים איז

עס געקומען דערצו וואס ביי פראצעסען האבען קריסטען צווישען זיך ניט גע־וואלט זיך ווענדען צום געריכט אונ האבען זיך פערלאזט אויף יודישע רבנים. דאס האט כריזאסטאמאס ניט געקאנט איבערטראגען אונ ער איז ארוים מיט זעהר אפענטליכע דרשות אין וועלכע ער האט דאס יודישקייט ארויסגעשטעלט ווי א טומאה אונ אונטערגעהיצט דאס פאלק, וואס האט געגלויבט אז מען מוז די יודען אויסרייסען אונ אננעהמען זיך נאטט'ס קריוודע.

אז אמבראזיוס איז געווארען עפיסקאפ האט ער ביי יעדער געלעגענהייט ארויסגעוויזען זיין האס געגען יודישען פאלק. ווען די קריסטען האבען אין רום פארברענט א שול אונ דער קייזער האט געהייסען מען זאל די שול צוריק אויפ־בויען אויפ'ן חשבון פון דער שטאדט, האט אמבראזיוס זיך ערלויבט אפענטליך צו שרייען, אז א מלך וואס נעהמט זיך אזוי אן פאר יודען מוז אליין זיין א יוד. באלד האט זיך געמאכט נאך אזא פאל אין מעסאפאטאמיען, וואו די גייסטליכע האבען אויך אונטערגעצונדען א שול אונ טהעאדאזיוס האט בעפוילען זיי זאלען זיך לאזען קאסטען אונ די שול זאל ווידער זיין אויף דעם אייגענעם ארט, האט אמבראזיוס אנגעמאכט אזא גוואלד אז דער קייזער האט געמוזט אנדערן דעם בעפעהל. אמבראזיוס האט אויף יודען ארויפגעלעגט פיעל בעשולדיגונגען, ער האט געשריען, אז מען טאר יודען צו קיין זאך ניט צולאזען אונ מען דארף נאר ביי זיי נעהמען מס, אונ האט עס אזוי ווייט געבראכט אז אפילו דער גוטער טהעאדאזיוס האט בענייהט דאס אלטע געזעטץ פון קאנסטאנטיוס אז יודען טארען ניט מגייר זיין זייערע שקלאווען.

נאך טהעאדאזיוס'ס טויט איז די מלוכה איבערגעגאנגען צו זיינע צוויי יורשים, אונ די רוימישע לאנדער האבען זיך איינגעטהיילט אין צוויי טהייל, איינע פון מזרח־זייט אונ די אנדערע פון מערב־זייט, אונ יעדע האט געהאט א בעזונדער מלך. די יודען, וואס זענען געוועהן צווארפען אין אללע לאנדער, האבען בעקומען צוויי בעלי בתים אונ האבען שוין ניט געקאנט לעבען רוהיג, ווייל פעסטע געזעטצע האבען זיי ניט געשיצט אונ יעדען טאג האבען זיי זיך געמאגט ריכטען אויף אנדערע צרות. דער קייזער ארקאדיוס, וואס האט געהאט צו זאגען איבער די לאנדער פון מזרח־זייט, אדער ביז אנטיען, איז דוקא געוועהן גוט צו די יודען, נאר דאס גוטסקייט האט זיך גענומען דער פון, וואס די גאנצע דעה האבען ביי איהם געהאט צוויי חשובים רופינוס אונ איטראפיוס, זיי האבען שטארק ליעב געהאט די מטבע אונ די יודען האבען שוין דערקענט דעם כשוף פון דער מטבע. אוודאי איז באלד ארויס א בעפעהל

מֶען זָאל אָפְּגֶעבֶּען כָּבוֹד דִי נְשִׂיאִים, מֶען זָאל אוֹיף דִי רַבָּנִים קוּקֶען וִוי אוֹיף אַלֶע אַנְדֶערֶע גַייסְטְלִיכֶע, יוּדֶען צְווִישֶׁען זִיךְ זָאלֶען מָאנֶען בַּיי זִיךְ לָאדֶען אוּנ דִי רֶעגִירוּנְג זָאל אַבְּטוּנְג גֶעבֶּען מֶען זָאל זֵייעֶר פְּסַק מְקַיֵים זַיין. אוּנ אַ חוּץ דֶעם אַז מֶען אִיז אִין אִילִירִיעֶן אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף אַ שׁוּל, הָאט מֶען צוּגֶעשְׁרִיבֶּען אוּמֶעדוּם מֶען זָאל שְׁטְרֶענְג בֶּעשְׁטְרָאפֶען דִי וָואס וֶועלֶען אָנְרִירֶען יוּדֶען אָדֶער צוּשְׁטֶערֶען זֵייעֶרֶע שׁוּלֶען. אַזַא בֶּעפֶעהל הָאט אָבֶּער נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ הֶיתֵּר אוּנ מֶען הָאט גֶעטְהוּן פּוּנְקְט פַארְקֶעהְרְט. דָאס אֵיינֶענֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהן אִין דִי לֶאנְדֶער פוּן מַעֲרָב־זַייט, וואו עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט דֶער קֵייזֶער הָאנָארִיוּס, וָואס הָאט זִיךְ אֵיינֶגְעְנְטְלִיךְ וֶועְנִיג גֶעמִישְׁט צוּ דֶער מְלוּכָה אוּנ דִי גַאנְצֶע הֶערְשׁוּנְג הָאט גֶעפִיהְרְט דֶער הוֹיפְּטְמַאנְן סְטִי־לִיכָא. דָארְט אִיז דֶער מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען נָאךְ וֶועְנִיגֶער זִיכֶער גֶעוֶועהן, וַוייל אַלֶע מָאל הָאט מֶען אוֹיף זֵיי אַנְדֶערְשׁ גֶעקוּקְט: אַמָאל הָאט מֶען פֶערְבָּאטֶען דִי יוּדֶען זָאלֶען נִיט טָארֶען צוּנוֹיפְנֶעהְמֶען גֶעלְד אוֹיף אוֹיסְצוּהַאלְטֶען דֶעם נָשִׂיא אוּנ אַמָאל הָאט מֶען עֶס וִוידֶער עֶרְלוֹיבְּט; אַמָאל הָאט מֶען בַּיי דִי יוּדֶען צוּגֶענוּמֶען דָאס רֶעכְט צוּ דִיעֶנֶען אִין חַיִל אוּנ אַמָאל אִיז מֶען פְּלוּצְלוּנְג צוּ זֵיי פְרַיינְדְלִיךְ גֶעוָוארֶען אוּנ מֶען הָאט זֵיי בֶּעפְרַייהְט, זֵיי זָאלֶען אִים שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב נִיט דַארְפֶען קוּמֶען אִין גֶערִיכְט.

דָאס אִיז אָבֶּער נָאר גֶעוֶועהן אַ אָנְהֵייבּ פוּן דִי פֶערְפָאלְגוּנְגֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין דִי מִיטֶעלֶע יַאהר הוּנְדֶערְטֶע אוּנ לִיגֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם יוּדֶען אִין טַעַם. רֶעכְטֶע צָרוֹת הָאבֶּען יוּדֶען פֶערְזוּכְט אִין דֶער צַייט פוּן טְהֶעאָדָאזִיוּס דֶעם צְוֵוייטֶען, וָואס אִיז דַוְקָא נִיט גֶעוֶועהן קֵיין שְׁלֶעכְטֶער, נָאר אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען גַייסְטְלִיכֶע אוּנ פוּן דֶער נַאטוּר אִיז עֶר גֶעוֶועהן אַ וֵוייכֶער, הָאט מֶען אִיהם גֶעבּוֹיגֶען אוֹיף דֶער שְׁלֶעכְטֶער זַייט. עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען פַארְקְלֵיינֶערן דִי רֶעכְטֶע פוּן דִי יוּדֶען אוּנ הָאט זֵיי פַארְוֶועהְרְט צוּ קוֹיפֶען קְרִיסְטְלִיכֶע שְׁקְלַאוֶוען אוּנ בּוֹיעֶן נַייעֶ שׁוּלֶען. פוּן רֶעכְטְוֶועגֶען אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דֶער לֶעצְטֶער נָשִׂיא גַמְלִיאֵל אַ שְׁטַארְקֶער חָשׁוּב אוּנ עֶר הָאט אִיהם גֶעשֶׁענְקְט זֶעהר אַ גְרוֹיסֶען טִיטוּל. רַבָּן גַמְלִיאֵל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן בֶּעלִיעבְּט אִין לַאנְד פַאר זַיין בְּקִיאוּת אִין מֶעדִיצִין, הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אַוֶועקְצוּקוּקֶען פוּן דִי גֶעזֶעצְטֶע גֶעגֶען דִי יִדֶען, עֶר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זִיךְ אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען בּוֹיעֶן נַייעֶ שׁוּלֶען. דֶערְפַאר הָאט אוֹיף אִיהם דֶער קֵייזֶער גֶעוָוארְפֶען אַ אוּם־חֵן, אוּנ הָאט בַּיי אִיהם צוּגֶענוּמֶען דֶעם שֶׁאנֶעם טִיטוּל, נָאר נָשִׂיא אִיז עֶר גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז צוּם טוֹיט. מִיט אִיהם אִיז אָבֶּער אָפְּגֶעהַאקְט גֶעוָוארֶען דֶער לֶעצְטֶער צְוַוייג

פון הִלֵל׳ס הויז און עס איז געוואָרען אַ עֶנְדֶע פון די נְשִׂיאִים, וואָס האָבען פִּירְט האַלְבֶען־הונדערט יאָהר כְּסֵדֶר הויך געהאַלטען די פָאָהן פון יודישקייט. פונפצעהן נְשִׂיאִים האָבען זיך איבערגעביטען אין דער צייט: צְווייא הִלֵל׳ס, דְרַייא שִׁמְעוֹן׳ס, פִיער יְהוּדָה׳ס און זעקס גַמְלִיאֵל׳ס.

דעם ערשטען פְּרִיוו פון רְדִיפוֹת האָט געמאַכט דער עפּיסקאָפּ קִירִיל אין אַלֶעקסאַנדריען: ער האָט אונטערגעהיצט דאָס פְּראָסטע פאָלק, און זיי זענען אָנגעפאַלען אויף די יודען, צוגענומען בַּיי זיי די שׁוּל און האָבען זיי נאַקעט און בּלויז אַרויסגעיאָגט פון דער שטאָדט. דער מוֹשֵׁל פון אַלֶעקסאַנדריען אָרעסטעס איז דַוְקָא ניט צופרידען געוועהן דערפון, נאָר ער האָט געהאַט צו וועניג חַיִל און האָט די יודען ניט געקאָנט בעשיצען, און אַז ער האָט זיך נאָך דעם בעקלאָגט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף דעם עפּיסקאָפּ האָט ער נאָך בעקומען פאָרוואורפע דערפאַר וואָס ער נעהמט זיך אָן פאַר יודען. באַלד זענען אויף איהם מאָנכען אָנגעפאַלען אַ גאַנצע חֶבְרָה פון גייסטליכע און האָבען איהם אַזוֹי בעוואָרפען מיט שטיינער אַז ער האָט שוין לאַנג ניט געלעבט. די אייגענע חֶבְרָה האָבען כִּמְעַט לעבעדיגערהייט צוריסען אַ בעריהמטע פרוי אַ מְלוּמֶדֶת היפּאַטיאַ, וואָס האָט זיי ניט געטויגט, ווייל אין איהרע רעדען האָט זי שטענדיג געוואָלט דאָס פאָלק נייגען צו שָׁלוֹם און צופרידענהייט. דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפען די יודען פון אַלֶעקסאַנדריען האָט זיי אָבער ניט אָבגעריסען פון יודישקייט און נאָר איינער פון זיי, אַ דאַמאַנטיוס, אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצין, איז איבערגעגאַנגען צום קריסטענטהום. ניט איבעראַל האָבען זיי זיך פון דעסטוועגען געקאָנט האַלטען אַזוֹי פעסט ווי אין אַלֶעקסאַנדריען: אַז אויף דער שפּאַנישען אינזעל מינאָרקאַ, אין אַ קליין שטאָדטעל מאַגאָנאַ, האָט דער עפּיסקאָפּ סעווערוס כִּמְעַט יעדען טאָג אָנגערייצט אויף זיי דאָס ווילדע פאָלק, איז זיי נִמְאַס געוואָרען צו האַלטען שטענדיג די נְשָׁמָה אין די האַנד, און האָבען אַללע געמוּזט אָננעהמען די קריסטליכע אֱמוּנָה.

עס איז מערקווירדיג וואָס גְרָאד די פאָרשטעהער פון דער מְלוּכָה, וואָס האָבען מעהר געקענט דאָס יודישע לעבען, האָבען ניט געהאַלטען מיט די גייסטליכע און פלעגען אָפט אויסווייזען אַז מען טשעפּעט זיך צו די יודען אומזיסט. אַז דער הָמוֹן האָט אין אַנטיאָכיען די שׁוּל צערשטערט, האָט דער מוֹשֵׁל פון סיריען געמעלדעט דערפון דעם קייזער און האָט אַזוֹי בעשריבען די שרעקליכע עַוְלָה אַז עס איז באַלד אָנגעקומען אַ בעפעהל, אַז די איינוואָהנער זאָלען בעצאָהלען די יודען דעם גאַנצען הֶיזֵק. אַז דערפון איז אָבער געוואוּסט געוואָרען איינער פון די קריסטליכע

נייסטליכע, שמעון, האט ער אנגעמאכט אזא גוואלד אז דער שוואכער טהעאָ-
דאָזיוס האט גענומט צוריק רופען דעם בעפעהל אונ דערצו נאך אבזאגען דעם
סירישען מושל, וואס האט געהאט א העזה זיך אנצונעהמען פאר אומשולדיגע
מענשען.

פון טהעאָדאָזיוס האט זיך אראבגענומען א מוסר אויך האנאריוס, דער
קייזער פון די לאנדער אין מערב-זייט, אונ דארט האבען זיך אויך אנגעהויבען
שיטען גזירות אויף יודען. צו קיין שום דיענסט ביי דער קרוין האט מען קיין
יודען ניט צו געלאזט, אפילו די וואס האבען פון פריהער געדיענט האט מען אב-
געזאגט, אין חיל האט ניט געטארט זיין קיין זכר פון זיי אונ דערצו האט מען
זיי נאך פארווערט צו געבען געלד אויף צדקה-זאכען אונ אויף אנדערע עניינים
וואס האבען עפיס א שייכות צו דער אמונה. אז די נשיאים זענען שוין מעהר
ניט געוועהן פלעגט מען דאס געלד, וואס מען האט שטענדיג געזאמעלט פון
ווייערטווענען, אוועקשיקען אויף אויסצוהאלטען די ישיבות, אונ אזוי ווי דאס
פלעגט אויסמאכען א היבשע סומע, האט די מלוכה פערשטאנען אז עס איז
גלייכער דאס געלד ביי די יודען צו צונעהמען, אונ האט צו פליים ארויסגעלאזט
אזא געזעטץ, וואס האט איהר געגעבען די מאגליכקייט שטיל, אונ כלומר'שט
מיט יושר, אבראבעווען ביי די יודען, דאס וואס זיי האבען בעשטימט פאר'ן
הייליגסטען תכלית.

ביי די אללע רדיפות האבען פון דעסטוועגען די ישיבות אין טבריה אונ
לידא זיך געפיהרט אויפ'ן אלטען שטייגער אונ עס האבען זיך נאך געפונען
נענוג יונגע לייט וואס האבען זיך אבגעגעבען מיט לערנען. אז דער קריסטלי-
כער הייליגער היראנימוס, וואס האט אין בית לחם אויסגעבויעט א קירכע,
האט געוואלט לערנען לשון קדש, איז בר חנינא געוועהן זיין רבי אונ פלעגט
צו איהם בסתר קומען, ווייל די יודען האבען ניט געוואלט ליידען אז א יוד זאל
לערנען מיט א קריסט. דער סוף האט זיך אזוי אויסגעלאזט: כאטש היראנימוס
האט זיך גוט אויסגעלערנט לשון קדש אונ איז געווארען אזא גרויסער בקי אין
אללע יודישע הייליגע ספרים, אז ער האט געקאנט אליין מאכען א לאטיינישע
איבערזעטצונג פון דער ביבעל, וואס איז בעקאנט מיט'ן נאהמען „וואולגאטא“,
פון דעסטוועגען האט ער אין הארצען בעהאלטען א שרעקליכע שנאה צום
יודישען פאלק, אונ האט צוזאמען מיט נאך א קריסטליכען הייליגען אויגוס-
טינוס זעהר רודף געוועהן די יודען.

אפט פלעגען די יודען אויך ליידען ניט אזוי פיעל פון שנאה צו זייער אמונה

ווי פון קִנְאָה צו זייער לֶעבֶּען, וואס איז פּאַרט געוועהן ניט שלעכט אַבּי מען האט זיי נאר ניט בּערוּיבּט און געשלאָגען. אין צוואַרעא האָבּען די יודען ליעבּ געהאַט אויך צו בּעוויינען זייער בריה־שאַפט ביים שפּיעל, וואָס איז בּעשטאַנען אין אַ וועט, ווער וועסען וועט איבּערלאָגען ביים רייטען. און קוים האט אַ יוד געוואונען זענען שוין אַללע זיינע בּרידער ניט זיכער געוועהן מיט'ן לעבּען. אַ זיינע יודען זענען שוין געוועהן שטאַרק פאַרגראָבּט. זיי האָבּען זיך אין נאַכּצען אַריינגעלאָזט אין וועלט־זאַכען. פון לשון קודש האָבּען זיי שוין קיין איינציג וואָרט ניט פערשטאַנען, אַפילו קריאת שמע האָבּען זיי געלייענט אויף גריכיש, אין אַללע מדות האָבּען זיי נאָכגעמאַכט אַנדערע פעלקער, און ניט איין מאָל פלעגט זיי נאר אַ קולאַק פון אַ שונא דערמאָנען אין דעם וואס זיי וואָלטען ניט בּעדאַרפט אַזוי גרינג פאַרגעסען

אין אַזא ביטערע צייט, אַז מען שלאָגט אין האלז און נאַקען, איז שווער זיך אָבּצוגעבּען מיט תורה, און ווען די ישיבות פון טבריה און לידדא זענען ניט געשטאַנען ליידיג איז דאס שוין אַללײן גוט; קיין חריפים האָבּען שוין פון דאָרט ניט געקאָנט אַרויס און דערפאַר איז ניט געבּליבּען קיין זכר פון עפּיס אַ בּעריהמטען אמורא, וואס זאל געוועהן איבּערלאָזען אַ גרויסען נאָהמען אויף דער וועלט. די תורה זאלל ניט פערגעסען ווערען האט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם „תלמוד ירושלמי“, וואס בּעשטעהט פון פערשידענע מיינונגען און קבלות, אָהן אַ שום סדר צונויפגעוואָרפען. ווער עס האט נעזאַמעלט דעם „תלמוד“ איז ניט בּעקאַנט, נאר דאס ווייסט מען אַז די לומדים אַללײן האָבּען ניט אַזוי שטאַרק פון איהם געהאַלטען און דערפאַר איז דעמאָלט מעהר חשוב געוואָרען די „אגדה“, און אַללע שבת און יום טוב איז געוואָרען אַ חיוב צו האָרען אַ דרשה. אַזוי האט זיך אויסגעאַרבּייט דער „מדרש“: איינער פון די בּעסטע רעדנער אין יענער צייט איז געוועהן תנחומא בר אבא, און נאָך איהם איז געבּליבּען אַ זאַמלונג פון זיינע דרשות מיט'ן נאָהמען „מדרש תנחומא“.

נאר פונקט דעמאָלט ווען אין ארץ ישראל האט אָנגעהויבּען די תורה פאַלען, האט זי אין בבל צוריק בּעקומען איהר גלאַנץ צו ליעבּ אַ מענשען, וואס איז איהם שטאַנד געוועהן מיט זיין גרויסען קאָפּ און פעסטען ווילען בּעלעבּען דעם יודישען כאַראַקטער און בּעפעסטיגען דעם בנין, וואס דאַרויף האט זיך געהאַלטען דאס גאַנצע יודישקייט. דאס איז געוועהן רב אשי, וואס ניט אומזיסט האט איהם דאס פאָלק געשענקט דעם טיטול רבּנא. צוויי און פופציג יאָהר

איז רַב אַשִׁי גֶעוֶועהן דֶער פָאְרשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער יְשִׁיבָה אִין סוּרָא, אוּנ פַאר אִים הָאבֶּען נָאךְ אַמָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען בְּלִיהֶען דִי יְשִׁיבוֹת אִין פּוּמְבְּדִיתָא אוּנ נְהַרְדְעָא. פַאר רַב אַשִׁ'ן הָאבֶּען אַללֶע אֲמוֹרָאִים פוּן זַיין צַייט אָנְגֶעבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ אוּנ אֲפִילוּ דִי צְוֵויי רֵישׁ גָלוּתָא'ס מַר כַּהֲנָא אוּנ מַר זוּטְרָא הָאבֶּען פַאר אִיהם דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶעהַאט. אוּנ אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז סוּרָא זָאל וֶוערֶען דֶער הוֹיפְּט־פּוּנְקְט פַאר אַללֶע יוּדֶען אִין בָּבֶל, הָאט דֶער רֵישׁ גָלוּתָא גֶעמוּזְט אַהִין פָאהרֶען, אוּנ דָארְט מַאכֶען דִי פָאלְקְס־פֶערְזַאמְלוּנְגֶען. אוּנ עֶר הָאט עֶס אִיהם צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן, וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז עֶר טְהוּט עֶס נִיט פוּן זַיין הֲנָאָה וֶועגֶען, נָאר פַאר דֶעם כָּבוֹד הַתּוֹרָה, כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ אָפְּט צוּנוֹיפְקְלוֹיבֶּען אִין אַזַא שְׁטָאדְט, וָואס אִיז פוּל מִיט לוֹמְדִים אוּנ וואוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שְׁפִּיעלֶען דִי גְרֶעסְטֶע רָאללֶע.

רַב אַשִׁ'ן אִיז נָאךְ גֶערָאטְהֶען, וָואס אִין זַיין צַייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט דֶער גוּט הֶערְצִיגֶער קֶענִיג יֶשְׁדִיגֶרְדְט, וָואס חָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ גֶעטְצֶענְדִינֶער, הָאט עֶר נִיט פַיינְד גֶעהַאט מֶענְשֶׁען פוּן אַיין אַנְדֶער גְלוֹיבֶּען. עֶר הָאט לִיעבּ גֶע־הַאט קְרִיסְטֶען אוּנ יוּדֶען, דֶערְפַאר הָאבֶּען אִיהם זַיינֶע נַייסְטְלִיכֶע, דִי מַאגִיעֶר, גֶערוּפֶען „אַל־הַאטִים" (דֶער זִינְדִינֶער). עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעקוּקְט דֶערוֹיף, אוּנ בַּיי אִיהם אִין הוֹיף הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעקָאנְט בֶּעגֶעגְנֶען דִי בְּכָבוֹד'סְטֶע יוּדֶען פוּן בָּבֶל, וִוי רַב אַשִׁי פוּן סוּרָא, מַר זוּטְרָא פוּן פּוּמְבְּדִיתָא אוּנ אֲמֵימַר פוּן נְהַרְדְעָא. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶועהן בַּיי זִיךְ אַזוֹי פְרָאסְט, אוּנ דֶערְצוּ זֶענֶען אִיהם יוּדֶען אַזוֹי גֶעפֶאלֶען, אַז עֶר הָאט אֵיין מָאל אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע יוּדִישֶׁע גֶעסְט, הוּנָא בַּר נָתָן, אַללֵיין גֶעהָאלְפֶען צוּרֶעכְטְמַאכֶען דֶעם גַארְטֶעל, אוּנ הָאט אִיהם דֶערְבַּיי גֶעמַאכְט אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אַז אַללֶע יוּדֶען זֶענֶען אַ פָאלְק פוּן כֹּהֲנִים אוּנ דֶערִיבֶּער מוּזֶען זֵיי טְרָאגֶען דֶעם גַארְטֶעל אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֶעהְט אָן אַ כֹּהֵן.

אִין רַב אַשִׁי'ס צַייט אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרוֹיס צְווִישֶׁען פִיעל קְהִלּוֹת אַ קְלַאנְג אַז מָשִׁיחַ מוּז בַּאלְד קוּמֶען. עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען גֶענוּג נַארִישֶׁע אָדֶער פַאלְשֶׁע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעוִויזֶען נַאנְצֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּנ גֶעבְּרַאכְט אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מָשִׁיחַ'ס־צַייטֶען. רַב אַשִׁ'ן הָאט גֶעקָאסְט זֶעהר פִיעל מִיה צוּ צוּשְׁטֶערֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס נִיט אֵיין מָאל הָאבֶּען יוּדֶען צוּ לִיעבּ אִיהם פֶערְשְׁלָאפֶען זֵייעֶר צַייט. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זִיךְ אִין קְרֶעטָא גֶעפוּנֶען אַ סַךְ יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְרֶעדֶען, זֵיי הָאבֶּען אָבְּגֶעזוּכְט אַ נַייעֶם משֶׁה, וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זֵיי טְרוּקֶען אַרִיבֶּער פִיהרֶען אִיבֶּער דֶעם יָם, אוּנ דֶער סוֹף הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַז דֶער מָשִׁיחַ אִיז אַנְטְלָאפֶען

אוּנ פִיעל פוּן דִי דָאזִינֶע, וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט זָעהן אַ נֵס, הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט גֶעהן אִין וַואסֶער אוּנ זֶענֶען מִן הַסְתָּם דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען.

אַזַא גְרוֹיסֶער מַאנן וִוי רַב אַשִׁי הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעקָאנְט נֶעהמֶען דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֵּייט צוּ מַאכֶען אַ סִיוּם אוֹיפ'ן תַּלְמוּד, צוּנוֹיפְנֶעהמֶען אַללֶע צוּוָארְפֶענֶע מֵיי־נוּנְגֶען, וָואס מֶען הָאט בַּעַל־פֶּה אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען פוּן דִי תַּנָאִים אוּנ אֲמוֹרָאִים, אוּנ אוֹיסְאַרְבֵּייטֶען רֵיינֶע סְפָרִים. וָואס זָאלֶען קָאנֶען דִיעֶנֶען אוֹיף אֵייבִּיגֶע דוֹרוֹת. מֶעהר פוּן דְרַייסִיג יָאהר הָאט גֶעדוֹיעֶרְט דָאס זַאמְלֶען, אוּנ רַב אַשִׁי'ן אִיז נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ עֶנְדִיגֶען דֶעם „תַּלְמוּד בַּבְלִי״, חָאטְשׁ עֶר הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט אוּנ פְלַייסִיג גֶעאַרְבֵּייטֶעט בִּיז צוּ דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט פוּן זַיין לֶעבֶּען רַב אַשִׁי הָאט אַזוֹי וִוי פָארְאוֹיסְגֶעזֶעהן אַז מֶען מוּז זִיךְ צוּ אַיילֶען מִיט דֶעם אָרְדְנֶען פוּנ'ם תַּלְמוּד, וַוייל נִיט שְׁטֶענְדִיג וֶועט בָּבֶל שְׁטֶעהֶען אוּנְטֶער דֶער שׁוּטְץ פוּן אַ גוּטֶען קֶאנִיג אוּנ יוּדֶען וֶועלֶען הָאבֶּען פְרַייהַייט אוּנ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט זִיךְ צוּ בֶּע־שֶׁעפְטִיגֶען מִיט לֶערְנֶען. עֶר הָאט אוֹיךְ קֵיין טָעוּת נִיט גֶעהַאט: פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אִין גַאנְצֶען נָאךְ רַב אַשִׁי'ס טוֹיט אִיז אִין בָּבֶל גֶעוָוארֶען אַ אִיבֶּער־קֶערֶענִישׁ. דֶעם נַייֶעם מֶלֶךְ יֶשְׁדִיגֶערְדְט דֶעם צְוֵייטֶען הָאבֶּען דִי מַאגִיעֶר גֶעפִיהְרְט אִין זֵייעֶר דֶרֶךְ אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען בַּאלְד גֶעקוֹמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה אַז מֶען הָאט זֵיי אֲפִילוּ פַארְוֶועהְרְט צוּ הַאלְטֶען שַׁבָּת. נִיךְ הָאט מֶען דֶעם מֶלֶךְ דֶערְהַרְגֶ'ט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ קְרִיעג צְווִישֶׁען זַיינֶע בֵּיידֶע זִיהְן, חָבַר־וַורְדַא אוּנ פִירוּז, נָאר אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ פִירוּז, אִיז דִי יוּדֶען נָאךְ אֶרְגֶער גֶעוָוארֶען. מֶען הָאט אוֹיף זֵיי אָבְּגֶעזוּכְט עֶפִּיס אַ אַלְטֶען חֵטְא, אַז זֵיי הָאבֶּען אִין דֶער שְׁטָאדְט אִיסְפַּאהַאן גֶעהַרְגֶעט צְוֵויי מַאגִיעֶר, אוּנ מֶען הָאט פָּשׁוּט גֶעבַּאכְט אַ שְׁחִיטָה; הַאלְב יוּדִישֶׁע אַנְוָואהנֶער פוּן אִיסְפַּאהַאן הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקוֹילֶעט, אוּנ דִי קִינְדֶער הָאט מֶען גֶעצְווּאוּנְגֶען זֵיי זָאלֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פַייעֶר. פוּן דִי קְלֵיינֶע אִיז מֶען בַּאלְד אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע, אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַזֶעלְכֶע רְדִיפוֹת אַז אֲפִילוּ הַאדְרִיאַן'ס גְזֵירוֹת הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעקָאנְט אוֹיסְוַוייזֶען פַאר חֲסָדִים. דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא הוּנָא מָרִי אוּנ דִי צְוֵויי אֲמוֹרָאִים אֲמֵימַר בַּר מַר יַנְקָא אוּנ מְשַׁרְשְׁיָא בַּר פָּקוֹד הָאט מֶען אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין תְּפִיסָה אוּנ דֶער נָאךְ הָאט מֶען זֵיי גֶעטֵייטְט. וֶוער עֶס הָאט נִיט גֶעוָואלְט צוּשְׁטֶעהן צוּם נָאטְצֶענְדִיעֶנְסְט, דֶער הָאט גֶעמוּזְט פַאר זַיין עַקְשָׁנוּת מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלֶען. בַּיי אַזַא לַאנְגֶע הָאט דָאס לֶערְנֶען גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערֶען, דִי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן לֶעדִיג, אוּנ פִיעל יוּדֶען זֶענֶען זִיךְ צוּלָאפֶען פוּן בָּבֶל. דֶעמָאלְט אִיז יוֹסֵף רַבָּן מִיט עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת אַוֶועק קֵיין

אִינְדְיֶען, וואו זֵיי הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען פוּנ'ם קֶענִיג אִירְבִּי דָאס רֶעכְט דָארְט זִיךְ צוּ בֶּעזֶעצְצֶען אוּנ פִיהרֶען זִיךְ אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פוּן אַ פָארְשְׁטֶעהֶער, וָואס זֵיי אַלֵיין הָאבֶּען אִיהם גֶעקָאנְט אוֹיסְקְלַייבֶּען. ווִי עֶס שַׁיינְט הָאבֶּען שׁוֹין פְרִיהֶר אוֹיךְ יוּדֶען גֶעוָואוֹהנְט אִין אִינְדְיֶען אוּנ אוֹיךְ אִין כִינָא. נָאר וֶוען דִי אַנְטְלָאפֶענֶע פוּן בָּבֶל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע אִין לַאנְד. נָאךְ יוֹסֵף רַבָּן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן דֶער עֶרְשְׁטֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי אִינְ-דִישֶׁע יוּדֶען, אוּנ פוּן אִיהם אִיז דִי שְׁטֶעלֶע אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען בִּירוּשָׁה צוּ זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ אֵיינִיקְלִיךְ, הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט צְוֵויי אוּנ זִיבְּצִיג מַנְהִיגִים, אוּנ הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג, ווייל דִי מְלוּכָה הָאט אָבְּגֶעהִיט דֶעם בֶּעפֶעהל פוּנ'ם מֶלֶךְ אִירְבִּי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף אַ קוּפֶּערְנֶעם טַאפֶעל, אוּנ דִי יוּדִישֶׁע פָארְשְׁטֶעהֶער זֶענֶען גֶעוֶועהן אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט כָּבוֹד אוּנ עֲשִׁירוּת, זֵיי פְלֶעגֶען רַייטֶען אוֹיף עֶלֶעפַאנְטֶען אוּנ מוּזִיק אִיז גֶעגַאנְגֶען פָארְאוֹיס.

צוּם גְלִיק הָאבֶּען דִי רְדִיפוֹת אִין בָּבֶל אִין צֶעהן יָאהר אַרוּם, וֶוען פִּירוּז אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוֹיפְגֶעהֶערְט אוּנ זַיינֶע צְוֵויי יוֹרְשִׁים בַּלַשׁ אוּנ כַּבַּד הָאבֶּען זִיךְ אִין גַאנְצֶען אָבְּגֶעזָאגְט פוּנ'ם פָאטֶערְס נַאנְג. בַּאלְד זֶענֶען ווַייטֶער אוֹיפְגֶערֶעבְט גֶעוָוארֶען דִי יְשִׁיבוֹת פוּן סוּרָא אוּנ פּוּמְבְּדִיתָא אוּנ זֵייעֶרֶע פָארְשְׁטֶעהֶער רַבִינָא אוּנ רַב יוֹסִי, וָואס רֶעכְנֶען זִיךְ פַאר דִי לֶעצְטֶע אֲמוֹרָאִים, הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ עֶנְדִיגֶען רַב אַשִׁי'ס אַרְבֵּייט אוּנ אָבְּשְׁלִיעסֶען דֶעם תַּלְמוּד. אַזוֹי אַז מֶען זָאל ווִיסֶען אַז מֶעהר קֵיין מֵיינוּנְגֶען דַארְף מֶען שׁוֹין נִיט זַאמְלֶען. דָאס אִיז גֶעוֶועהן צוּם סוֹף פוּנ'ם פִינְפְטֶען יַאהר הוּנְדֶערְט, אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט דֶער תַּלְמוּד בַּבְלִי, אָדֶער גְמָרָא, בֶּעקוּמֶען אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן בֶּעזוּנְדֶערֶע בֶּעשְׁטִימְטֶע בִּיכֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט גֶעקָאנְט לֶערְנֶען אוּנ הָאט זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט בֶּעדַארְפְט פֶערְלָאזֶען אוֹיפ'ן זִכָּרוֹן. דֶעם סִיוּם פוּנ'ם תַּלְמוּד אִיז גֶעשֶׁעהן גְרָאד אִין דֶער צַייט וֶוען דִי יוּדֶען פוּן אַרַאבְּיֶען הָאבֶּען גֶעלֶעגְט אַ פוּנְדַאמֶענְט צוּ אַ נַייעֶר אֱמוּנָה, אוּנ אִין אֵייראָפַּא הָאבֶּען אוֹיף דִי חוּרְבוֹת פוּנ'ם אַלְטָען רוֹם אָנְגֶעהוֹיבֶּען וואַקְסֶען נַייעֶ, גָאטְהִישֶׁע אוּנ פְרַאנְקִישֶׁע, מְלוּכוֹת.

אַזוֹי אִיז אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶער „תַּלְמוּד בַּבְלִי“, אוּנ פַאר דִי יוּדִישֶׁע פֶאהִיגֶע יוּנְגֶע לַייט הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעעֶפֶענְט אַ בְּרֵייטֶער לִמוּד, וואו זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט זֵייעֶרֶע פֶאהִיגְקַייט עַנְטְוִויקְלֶען. דָאס שַׁארְפֶע חֲרִיפוּת הָאט טַאקִי גֶע-מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען אוּנְטֶערְשִׁיעד צְווִישֶׁען „תַּלְמוּד בַּבְלִי“ אוּנ „תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי“. וָואס דִי „גְמָרָא“ אִיז גֶעוָוארֶען פַאר דִי יוּדֶען — דָאס זֶעהֶען מִיר אַצוּנְד, נָאר ווִי אַזוֹי דָאס אִיז גֶעשֶׁעהן — קָאן מֶען אַ בִּיסֶעל פֶערְשְׁטֶעהן דֶערְפוּן וָואס דִי יוּדִישֶׁע

שׂוֹנְאִים הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְרוּם קוּקֶען אוֹיף אִיהר אוּנ דֶערְמִיט הָאבֶּען זֵיי בַּיים יוּדֶען נָאךְ הַיילִיגֶער גֶעמַאכְט אִיהר וֶוערְטְה אוּנ אִיהם גֶעצְווֹאוּנְגֶען עֶר זָאל זִי אַיינְפַּאקֶעוֶען בַּיי זִיךְ אִין פֶּאקִיל, זִיךְ אַרוּמְטְרָאגֶען מִיט אִיהר גַאנְצֶע יָאהְר-הוּנְדֶערְטֶע, אוּנ זִי אָבְּהִיטֶען פוּן אַ נ ג ו ט אוֹיג אוּנ פוּן שְׁלֶעכְטֶע הֶאנְד. עֶס אִיז אָבֶּער מֶערְקְוִוירְדִיג וִוי אִין „תַּלְמוּד" שְׁפִּיגֶעלְט זִיךְ אָב דָאס גַאנְצֶע מַזָל פוּנ'ם יוּדֶען: פּוּנְקְט וִוי זַיין לַאנְג לֶעבֶּען שְׁלֶעפְּט זִיךְ אָהן אַ סִיסְטֶעם, אָט אִיז אִיהם נָאר שְׁלֶעכְט אוּנ אָט וֶוערְד אִיהם בֶּעסֶער, אָט וַואשְׁט אִיהם אַ שְׁלַאנְס-רֶעגֶען, אוּנ אָט גִיט אַ כְּלִישְׁטְשֶׁע וִוידֶער אַ זוּנְן, פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעפִינְט מֶען נִיט אִין „תַּלְמוּד" אַ בֶּעזוּנְדֶער שִׁיטָה פוּן אַ חָכְמָה אוּנ מֶען זֶעהט נָאר גְרוֹיסֶע שְׁפְּרִינְגֶען פוּן טִיפֶע חֲקִירוֹת בִּיז קְלֵיינֶע וֶועלְט-זַאכֶען, פוּן עִנְיָנִים וָואס בְּרֶעכֶען דֶעם מֹחַ בִּיז מַעֲשׂוֹת פוּן שֵׁדִים אוּנ רוּחוֹת, וָואס הָאבֶּען זִיךְ צוּ דִי יוּדֶען אַריינְגֶעגַנְבֶ'ט פוּן דִי פֶּערְסֶער. נָאךְ אִין אֵיין זַאךְ גְלַייכְט זִיךְ דֶער „תַּלְמוּד" אוֹיס מִיט'ן גוֹרָל פוּנ'ם יוּדִישֶׁען פָאלְק: פּוּנְקְט וִוי פַאר אַ זִינְד פוּן אַ יָחִיד הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּע-שׁוּלְדִיגֶען אַללֶע יוּדֶען, אוּנ שְׁרַייֶען אַז עֶס אִיז נָאר צְווִישֶׁען זֵיי קֵיין רֶעכְטְס נִיטָא, פּוּנְקְט אַזוֹי הָאבֶּען דִי שׂוֹנְאִים גֶעמַאכְט פַאר הַיָּיב דֶעם גַאנְצֶען תַּלְמוּד, וֶוען זֵיי הָאבֶּען אָבְּגֶעזוּכְט נָאר אֵיין פְּרִיקְרֶע מֵיינוּנְג, וָואס אַ תַּנָּא הָאט אַ מָאל אַרוֹיס-גֶעזָאגְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע צַייט אוּנ הָאבֶּען דֶערְפוּן גֶעדְרוּנְגֶען אַז דִי גְמָרָא אִיז פוּל מִיט הַאס גֶעגֶען אַנְדֶערֶע פֶאלְקֶער, חָאטְשׁ גֶעגֶען אֵיין שְׁלֶעכְטֶער מֵיינוּנְג וָואס קוּמְט דָארְט אַ מָאל פָאר קָאן מֶען אָנְוַוייזֶען הוּנְדֶערְטֶער דֵעוֹת אַז קֵיין הָאכֶערְס פוּן מֶענְשֶׁענְלִיעבֶּע אִיז נִיטָא.... יָא! גְרוֹיס אוּנ טְהַייעֶר אִיז גֶעוֶועהן דִי אַרְבֵּייט וָואס דִי לֶעצְטֶע אֱמוֹרָאִים הָאבֶּען גֶעלָאזְט יְרוּשָּׁה זֵייעֶר פָאלְק! נִיט אוּמְזִיסְט הַאלְטֶען זִיךְ נָאךְ עַד הַיּוֹם דִי יוּדֶען מִיט דֶער יְרוּשָּׁה. אֱמֶת, אִין „תַּלְמוּד" אִיז נִיטָא קֵיין הוֹיכֶע מְלִיצָה, עֶר רֶעדְט מֶעהר צוּם קָאפּ וִוי צוּם הַארְצֶען, נָאר דֶערְפַאר לֶערְנְט עֶר דֶעם יוּדֶען דֶענְקֶען, עֶר שַׁארְפְּט אִיהם דֶעם מוֹחַ, עֶר גֶעוָואהְנְט אִיהם צוּ הָאבֶּען גֶעדוּלְד אוּנ זַיין אַ מַתְמִיד, עֶר גֶעפִינְט פַאר אִיהם אַללֶע מָאל נַייעֶ קוּשְׁיוֹת אוּנ גִיט אִיהם אֵיין חֵשֶׁק צוּ זוּכֶען רֶעכְטֶע תִּירוּצִים, עֶר אֶפֶענְט אִיהם דִי אוֹיגֶען אוּנ הָאט עֶס שׁוֹין אַזוֹי וַוייט גֶעבְּרַאכְט אַז דֶער עֶרְנְסְטֶער שׂוֹנֵא מוּז מוֹדֶה זַיין אַז עֶר אִיז קֵיין נַאר נִיט....

קוֹים זֶענֶען דִי לֶעצְטֶע אֱמוֹרָאִים פֶּערְטִיג גֶעוָוארֶען מִיט זֵייעֶר אַרְבֵּייט, דִי ווּאוּנְדֶען וָואס דִי מְלוּכָה פוּן פִּירוּז הָאט אָנְגֶעמַאכְט דִי יוּדֶען זֶענֶען נָאךְ נִיט פַאר-הַיילְט גֶעוָוארֶען, אִיז אוֹיף זֵיי שׁוֹין גֶעקוּמֶען אַ נַייעֶ צָרָה, אוּנ זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַ מָאל גֶעצְווֹאוּנְגֶען גֶעוֶועהן זִיךְ מִיט כֹּחַ אַקֶעגֶענְשְׁטֶעלֶען. דֶער נַייעֶר מֶלֶךְ כַּבַד

האָט זיך געלאָזט אַראָבפיהרען פונ'ם וועג דורך איינעם מצדק, וואָס האָט זיך גענומען אויסבעסערן די אמונה און געמאַכט אַז אַללע זאָלען זיך טהיילען מיט'ן פאַרמעגען און מיט די ווייבער און מען זאָל הרג'נען יעדען וואָס וועט דאַרויף ניט וועלען בעשטעהן. די רייכע פערסער האָבען אפילו באַלד געזעהן אַז אַזאַ מין שותפות איז פאַר זיי ניט קיין גוט געשעפט, נאָר זיי האָבען גאָר ניט געקאָנט מאַכען ווייל די אָרעמע האָבען זיך אין דעם אָנגעהאַפּט און זיי האָבען טאַקי ניט געהאַט וואָס צו פערליערען. אַוודאַי האָבען די קריסטען און די יודען ניט גע-קאָנט בעשטעהען דאַרויף, און דער יונגער ריש גלותא מר זוטרא דער צווייטער, וואָס איז געוועהן אַ גרויסער גבור און האָט פון קינדווייס אָן גע-לערנט ווי אַזוי צו האַלטען כלי זין, האָט צונויפגענומען אַ מחנה און האָט זיך געמיהט מיט קראַפט צו בעשיצען דאָס יודיש צניעות. זיבען יאָהר כסדר האָט זיך מר זוטרא געהאַלטען ביז די פערסער האָבען גובר געוועהן און האָבען איהם מיט זיין אַלטען זיידען מר חנינא אויפגעהאָנגען ביי דער בריק פון מחוזא. נאָך מר זוטרא'ס טויט איז זיין גאַנצע משפחה אַוועק קיין ארץ ישראל, דאָרט איז געבאָרען געוואָרען זיין זוהן, וואָס מען האָט טאַקי נאָך איהם אַ נאָהמען געגעבען, און עס איז פון איהם אויסגעוואַקסען אַ גרויסער למדן. עס איז אָבער צו בעוואונדערן וואָס גראָד אין דער צייט, ווען כבד האָט זיך אַזוי אָבגערעכענט מיט די יודען, האָבען פיל פון זיי געדיענט אין חיל, און אַז זייער צאָהל איז גע-וועהן זעהר גרויס — זעהט מען אַרויס דערפון וואָס ביי אַ מלחמה האָט ער געמוזט רוהען אַ וואָך טאָג פון פסח.

נאָך כבד'ס טויט האָבען די רדיפות אויפגעהערט, און זיין יורש חסראות נושירוואַן האָט די יודען שוין בעסער בעהאַנדעלט, קוים האָבען זיי זיך אַ ביסעל אָבגערוהט, האָבען זיך שוין ווייטער געעפענט די טהירען פון די פער-שלאָסענע ישיבות, די אַנטלאָפענע לומדים זענען באַלד צוריקגעקומען, און גיזא איז געוואָרען ריש מתיבתא אין סורא, און סימונא — אין פומבדיתא. איין בלאָז פון אַ נוט ווינטעל איז שוין גענוג געוועהן פאַר די יודען זיי זאָלען זיך אומקעהרען צו זייער נעסט, און קודם כל זאָרגען אַז די תורה זאָל בעפעסטיגט ווערען צווישען זיי און זייערע קינדער. נאָר דעמאָלט האָבען זיך די לומדים גענומען אויף איין אַנדער דרך. אויף אייגענע אויפטהועכצען האָבען זיי זיך ניט געפיהלט אין כח, זיי פלעגען נאָר פסק'נען נאָך די מיינונגען פון די פריהעריגע תנאים און אמוראים און בויען זייערע סברות אויפ'ן „תלמוד" און דערפאַר האָט מען זיי גערופען סבראים.

ווִי מֶען רֶעכֶענְט, אִיז אִין דֶער צַייט פוּן דִי סַבָרָאִים אַרוֹיס אַנַייעֶ זַאךְ, וָואס הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִינ'ם לֶערְנֶען אוּנ הָאט גֶעפִירְט דֶערְצוּ וָואס דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוָוארֶען פֶערְשְׁטֶענְדְלִיכֶער פַאר אַללֶע, וָואס הָאבֶען שׁוֹין גֶעקָאנְט נָאר אָהְן מִיה פַארְשְׁטֶעהְן דֶעם זִין פוּן אִיהר. אַז יוּסְטִינְיַאן אִיז גֶעוָוארֶען קֵייזֶער פוּן דִי רֶאמִישֶׁע לֶאנְדֶער אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוֹדֵף'ן דִי גְרֶאסְטֶע לַייט, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט בַּיינְלַייךְ מִיט אִיהם בְּלָאנְזֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער, זֶענֶען פוּן גְרִיכֶענְלַאנְד אַוֶועק קַיין פֶּערְסְיֶען זִיבֶּען בֶּערִיהְמְטֶע חֲכָמִים, וַוייל זֵיי הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז דֶער מֶלֶךְ נוּשִׁירְוַואן אִיז אַגְרוֹיסֶער לִיעבְּהָאבֶער פוּן ווִיסֶענְשַׁאפְט. זֵיי הָאט מֶען עֶס צוּ פֶערְדַאנְקֶען וָואס דִי מְלוּכָה הָאט דֶעמָאלְט גֶענֶרִינְדֶעט אִין דֶער גֶעגֶענְד, וואוּ יוּדֶען הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט, אַ שׁוּלְלֶע צוּ לֶערְנֶען מֶעדִיצִין אוּנ נַאטוּרְווִיסֶענְשַׁאפְטֶען, אוּנ פוּן זֵיי הָאבֶּען דִי סִירִישֶׁע קְרִיסְטֶען אוּנ דֶער נָאךְ דִי יוּדֶען גֶענוּמֶען דִי נְקוּדוֹת, אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרַיי לֵייעֶנֶען דִי תּוֹרָה. דִי קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶעךְ הָאבֶּען בֶּעלֶעבְּט דִי טוֹיטֶע אוֹתִיוֹת אוּנ הָאבֶּען גֶעווִיזֶען אַ מֶעגְלִיכְקֵייט אוֹיסְצוּאַרְבֵּייטֶען מִיט דֶער צַייט רֵיינֶע כְּלָלִים פוּן דִקְדוּק, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל פֶערְשְׁטֶעהְן דֶעם טַעַם פוּנ'ם וָוארְט אוּנ זָאל נִיט דַארְפֶען זוּכֶען בֶּעזוּנְדֶערֶע פֵּירוּשִׁים, וָואס זֶענֶען גְרֶאסְטֶענְטְהֵיילְס גֶעוֶועהְן וַוייט פוּנ'ם שֵׂכֶל אוּנ פוּנ'ם אֱמֶת. וֶוער עֶס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער אַיינְגֶעפִירְט נְקוּדוֹת – אִיז נִיט בֶּעקָאנְט, נָאר דָאס וֵוייסְט מֶען גֶעווִיס אַז צוּ לִיעבּ דִי קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלִיךְ זֶענֶען דִי קְלֵיינֶע אוֹתְיוֹ'לֶעךְ גֶעוָוארֶען אוֹיף עֶבִּיג אַיינְגֶעוָוארְצֶעלְט צְווִישֶׁען יוּדֶען, חָאטְשׁ דֶעם עִיקָר זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען טְרַיי אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט פּוּנְקְטִירֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה, וָואס מֶען לֵייעֶנְט פוּן אִיהר אִין שׁוּל, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען נִיט עוֹבֵר זַיין אוֹיף „לֹא תוֹסִיפוּ", אוּנ זָאלֶען נִיט צוּזֶעצֶען נַייעֶס צוּם אַלְטֶען.

דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן נוּשִׁירְוַואן'ס מְלוּכָה הָאט אָבֶּער נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט, זַיין זוּהְן הָארְמִיזְדַאס הָאט נִיט גֶעוָואלְט גֶעהְן אִין פָּאטֶער'ס דְרָכִים, נָאר כָּל זְמַן זַיין בֶּערִיהְמְטֶער לֶעהְרֶער אוּנ יוֹעֵץ בּוּזוּרְגִ-מִיהִיר, וָואס מֶען רֶעכֶענְט אִיהם פַאר'ן עֶרְפִינְדֶער פוּנ'ם שַׁאךְ-שְׁפִּיעל, אִיז גֶעוֶועהְן נֶעבֶען אִיהם, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער מַעֲלָה, קוֹים הָאט עֶר אָבֶּער צוּגֶעמַאכְט אַיין אוֹיג, הָאבֶּען דִי מַאנִיעֶר דֶעם שְׁלֶעכְטֶען קָאנִיג אִין גַאנְצֶען אַרַיינְגֶעהַאפְּט אִין זֵייעֶר גֶעץ אַרַיין, אוּנ עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז פֶּערְסִיֶען וֶועט גְלִיקְלִיךְ דֶערְפוּן וָואס עֶר טְרַייבְּט יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען. דִי יְשִׁיבוֹת הָאט מֶען וַוייטֶער פֶערְשְׁלָאסֶען, דִי לוֹמְדִים זֶענֶען זִיךְ נָאךְ אַ מָאל צוּלָאפֶען אוּנ פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין פִּירוּז-שַׁבּוּר, אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעעֶפֶענְט אַנַייעֶ יְשִׁיבָה.

צוּם גְלִיק, הָאט הָארְמִיזְדַאס גֶעקָאנִיגְט נָאר אַ קוּרְצֶע צַייט. זַיין אַכְזָרִיוּת הָאט אַרוֹיסְגֶערוּפֶען אַ שְׁטַארְקֶע אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט אִין לַאנְד אַלַיין אוּנ דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען דֶערְפִיהלְט אַז אַצוּנְד אִיז פֶּערְסִיֶען שְׁוַואךְ אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַהִין צוּ צוּטְרֶעטֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען. דִי מְדִינָה וָואלְט שְׁטַארְק גֶעלִיטֶען, וֶוען עֶס גֶעפִינְט זִיךְ נִיט אַ גִבּוֹר בַּאהְרַם טְשׁוּבִּין, וָואס עֶר הָאט זִי מַצִיל גֶעוֶועהן פוּן אַ סַכָּנָה. דֶער נַארִישֶׁער מֶלֶךְ הָאט אִיהם אָבֶּער אָבְּגֶעדַאנְקְט דֶערְמִיט, וָואס עֶר הָאט אִיהם נָאר אִין נַאנְצֶען אָבְּגֶעזָאנְט. דָאס הָאט פֶּערְדְרָאסֶען בַּאהְרַם'ן, עֶר הָאט נִיט גֶעמַאכְט קַיין לַאנְגֶע שִׁיהוּת מִיט'ן אוּנְדַאנְקְבַּארֶען קֶענִיג אוּנ הָאט אִיהם אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען; לְכַתְּחִלָּה הָאט עֶר גֶעפִיהְרְט דִי מְלוּכָה אִים נָאהמֶען פוּנ'ם פְּרִינְץ חָאסְרוּ, נָאר דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אַזוֹי גֶעדְרֶעהט אַז חָאסְרוּ הָאט גֶעמוּסְט אַנְטְלוֹיפֶען אוּנ עֶר אִיז אַלַיין גֶעוָוארֶען אַ זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶאנְדִיגֶער מֶלֶךְ. גֶעגֶען דִי יוּדֶען אִיז עֶר גֶעוֶועהן זֶעהר גוּט, וַוייל זַיי הָאבֶּען אִיהם גֶעהָאלְפֶען מִיט גֶעלְד, עֶר זָאל קֶאנֶען אוֹיסְהַאלְטֶען דָאס חַיִל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן זַיין גַאנְצֶע שְׁטִיצֶע. אִין דֶער צַייט אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען חָנָן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן פִּירוּז־שַׁבּוּר, אוּנ דִי צְוַויי שְׁטֶעדְט סוּרָא אוּנ פּוּמְבְּדִיתָא זֶענֶען וַוייטֶער גֶעוָוארֶען אַ מְקוֹם תּוֹרָה. דֶערוַוייל הָאט אָבֶּער דֶער פְּרִינְץ חָאסְרוּ גֶעזוּכְט אַלֶע מִיטֶעל צוּ בֶּעקוּמֶען דִי פֶּערְסִישֶׁע מְלוּכָה אוּנ דֶער בִּיצַאנְטִישֶׁער קֵייזֶער מוֹרִיטִיוּס הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין חַיִל מֶען זָאל אָבְּנֶעהמֶען הָאסְרוּ'ס יְרוּשָׁה. בַּיי דֶער מִלְחָמָה הָאבֶּען דִי יוּדֶען שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעלִיטֶען אוּנ אַז מֶען הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאדְט מְחוֹזָא הָאט דֶער פֶּערְסִישֶׁער הוֹיפְּטְמַאנְן מֶעבָּאדֶעס אוֹיסְגֶעהַרְגֶ'ט כִּמְעַט אַלֶע יוּדֶען. דֶערְפַאר אִיז זַיי אָבֶּער בַּאלְד בֶּעסֶער גֶעוָוארֶען, וֶוען דֶער פְּרִינְץ חָאסְרוּ אִיז גֶעוָוארֶען קֶענִיג אוּנ הָאט דַוְקָא בֶּעוִויזֶען אַז עֶר אִיז נִיט קַיין נוֹקֵם וְנוֹטֵר אוּנ אַז עֶר וִויל נִיט טְהוּן יוּדֶען שְׁלֶעכְטֶס פַאר דֶעם וָואס זַיי הָאבֶּען גֶעהָאלְפֶען זַיין שׂוֹנֵא. כִּמְעַט פֶערְצִיג יָאהר הָאט חָאסְרוּ גֶעקֶאנִיגְט אוּנְטֶער דֶעם נָאהמֶען פוּן פִּירוּז; אִין דֶער גַאנְצֶער צַייט הָאבֶּען דִי יוּדֶען נִיט גֶעוואוּסְט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶען טָאג אוּנ דִי יְשִׁיבוֹת פוּן סוּרָא אוּנ פּוּמְבְּדִיתָא, אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָחָה פוּן מַר בַּר הוּנָא אוּנ מָרִי בַּר מַר, הָאבֶּען צוּרִיקְבֶּעקוּמֶען דֶעם פְרִיהְרִיגֶען גְלַאנְץ.

---

8 דִי יוּדֶען אִין דִי אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע לֶאנְדֶער.

(640—500 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אִין פֶּערְסִיֶען אוּנ בָּבֶל הָאבֶּען יוּדֶען גֶעהַאט אַלֶערְלֵיי צַייטֶען, וִוי מֶען

זָאנְט, קַאלְט אונ וַוארְם: אָט הָאט מֶען זַיי גֶעלֵיינְט נַיין אֵיילֶען אִין דֶער עֶרְד אונ אָט הָאט מֶען זַיי אויפְגֶעהוֹיבֶּען בִּיז צוּם זִיבֶּעטֶען הִימֶעל. וִוי אַזוֹי אַזוֹינֶע שְׁפְּרִינְג זָאלֶען זַיין נִיט גוּט וִוי אוּמְגְלִיקְלִיךְ עֶס זָאל זִיךְ גֶעבִּיךְ נִיט פִיהלֶען דֶער וָואס וֵוייסְט נִיט הַיינְט וִוי אַזוֹי מֶען וֶועט זִיךְ מִיט אִיהם נוֹהֵג זַיין מָארְגֶען אִיז אִיהם אַלְץ בֶּעסֶער וִוי דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט אִיהם אֵיין מָאל אַ מִינֶע פוּן כַּעַס אונ דֶערְנָאךְ וִויל מֶען זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיף אִיהם נִיט אוּמְקוּקֶען, גְלַייךְ וִוי עֶר אִיז נָאר נִיט וֶוערְט דִי מִיתָה מֶען זָאל פוּן אִיהם רֶעדֶען אָדֶער טְרַאכְטֶען. אִין אַזַא לַאגֶע זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן אִין זַייעֶר גֶעוֶועזֶענֶער הֵיים אונ אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער בִּיצַאנְטְנִישֶׁער מְלוּכָה אונ דֶערְמִיט זֶענֶען זַיי גֶעוֶועהן אַ סַךְ אוּמְגְלִיקְלִיכֶער פוּן זַייעֶרֶע פֶּערְסִישֶׁע בְּרִידֶער.

דִי גֶעזֶעצֶע פוּן טְהֶעאָדָאזִיוּס דֶעם צְווייטֶען, וָואס דִי אִיבְּרִינֶע מְלָכִים הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִיהם וִוי דִי בֶּעסְטֶע יְרוּשָׁה, הָאבֶּען אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט דִי יוּדֶען פוּן אַלֶע אַיינְוָואהנֶער, אונ אֲפִילוּ דִי, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קַיין שׁוּם סִבָּה זַיי פַיינְד צוּ הָאבֶּען, הָאבֶּען פָּארְט גֶעמוּזְט קוּקֶען אוֹיף זַיי וִוי אוֹיף פֶערְדָארְבֶּענֶע אונ נִידְרִינֶע מֶענְשֶׁען, וֶוען זַיי הָאבֶּען גֶעזֶעהן וִוי דִי מְלוּכָה לָאזְט זַיי נִיט צוּ צוּ קַיין שׁוּם דִינֶסְט אונ עֶרְלוֹיבְּט זַיי נִיט אֲפִילוּ שׁוּלֶען בּוֹיעֶן. וִוי וַוייט זַיי זֶענֶען נִמְאָס גֶעוָוארֶען, קֶאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהן דֶערְפוּן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אֵיין מָאל גֶעמַאכְט אִין אַנְטְיָאכְיֶען, אִין דֶער צַייט פוּנ'ם קֵייזֶער זֶענָא. עֶס אִיז דָארְט אַרוֹיס אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען צְוֵויי כִּתּוֹת, וָואס מֶען הָאט זַיי גֶערוּפֶען דִי בְּלוֹיעֶ אונ דִי גְרִינֶע, אונ אַז מֶען הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּהִיצְט, הָאט מֶען דֶעם נַאנְצֶען כַּעַס אוֹיס גֶעלָאזְט צוּ דִי יוּדֶען, אָנְגֶעצִינְדֶען דִי אַלְטֶע שׁוּל, פִיעל פוּן זַיי גֶעהַרְגֶעט אונ דֶערְנָאךְ טוֹיטֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין פַייעֶר. מֵילָא דָאס אִיז נָאךְ קַיין גְרוֹיסֶער חִדּוּשׁ נִיט, מֶען הָאט שׁוֹין אָפְט גֶעזֶעהן אַז צְוֵויי קְרִיגֶען זִיךְ אונ דִי קְלֶאפּ חַאפְּט נָאר דֶער יוּד וָואס אִיז אִין גָאר נִיט שׁוּלְדִיג; דֶער חִדּוּשׁ אִיז נָאר דָאס, וָואס אַז מֶען הָאט גֶעמֶעלְדְט דֶעם קֵייזֶער זֶענָא וָואס אִין אַנְטְיָאכְיֶען אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַז עֶס אִיז טַאקִי אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַוְלָה... וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט טוֹיטֶע אונ נִיט קַיין לֶעבֶּעדִיגֶע יוּדֶען! מֶען קָאן פַארְשְׁטֶעהן אַז נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד הָאבֶּען דִי יוּדֶען קַיין הָאנִיג נִיט גֶעלֶעקְט.

נָאר וִוי בִּיטֶער דִי יוּדֶען אִיז גֶעוֶועהן, הָאבֶּען זַיי זִיךְ פָּארְט גֶעטְרֵייסְט דֶערְמִיט וָואס דִי מְלוּכָה הָאט זִיךְ נִיט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין זַייעֶרֶע אִינְוֶוענִיגְסְטֶע זַאכֶען, אונ זַיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט אָבְּהִיטֶען זַייעֶר אֱמוּנָה. קוֹים אִיז אָבֶּער יוּסְטִינִיאַן גֶעוָוארֶען קֵייזֶער, אִיז זַייעֶר לֶעצְטֶע טְרֵייסְט אוֹיךְ פֶערְשְׁוואוּנְדֶען. עֶר הָאט

נֶעזוּכְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט ווערֶען אִין אַזַא
עֶנְגְשַׁאפְט, אַז זֵיי זָאלֶען נִיט הָאבֶּען קַיין אַנְדֶער בְּרֵירָה אוּנ זוּכֶען זֵייעֶר הִילְף בַּיים
קְרִיסְטֶענְטְהוּם. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שֶׁאנְדְלִיךְ גֶעזֶעץ, אַז אִין
אַ מִשְׁפָּט מִיט אַ קְרִיסְט זָאל קַיין יוּד נִיט הָאבֶּען דָאס רֶעכְט אַיין עֵדוּת צוּ זַיין.
גֶעגֶען דִי שֹׁמְרוֹנִים הָאט עֶר נָאךְ עֶרְגֶער גֶעהַאנְדֶעלְט, ווייל עֶר אִיז אוֹיף זֵיי אִין
כַּעַס גֶעווען דֶערְפַאר וואס זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעמַאכְט אַ מְרִידָה אוּנ הָאבֶּען אוֹיס-
גֶעקְלִיבֶּען זֵייעֶר אַ אֵיינְגֶענֶעם קֶאנִיג יוּלִיַאן בַּר סַבָּר; דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעמַאכְט
אַז זֵיי טָארֶען נָאר לַחֲלוּטִין קַיין עֵדוּת נִיט זַיין אוּנ הָאבֶּען נִיט דָאס רֶעכְט
אִיבֶּער צוּלָאזֶען צַוָאוֹת אוּנ אַיינְטְהֵיילֶען דָאס פַארְמֶעגֶען צְווִישֶׁען דִי יוֹרְשִׁים.
דֶערְמִיט הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער דִי יוּדֶען ווענִיג וואס גֶעקָאנְט טְרֶעסְטֶען, ווייל זֵיי הָאבֶּען
גֶעהַאט גֶענוּג אֵיינֶענֶע צָרוֹת. יוּסְטִינְיַאן הָאט זֵיי פַארְווערְט צוּ הַאלְטֶען פֶּסַח
אוּנ בַּאקֶען מַצוֹת, ווייל אֲפִילוּ אִין זַיין צַייט אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעווען דִי קְרִיסְטְלִיכֶע
סֶעקְטֶע, וואס הָאט זִיךְ פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער יוּדִישֶׁער רֶעכְנוּנְג, אוּנ הָאט
גֶעמַאכְט פֶּסַח דֶעם פוּנְפְצֶענְטֶען נִיסָן גְלַייךְ מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ כְּדֵי זֵיי צוּ פֶערְ-
טוּמְלֶען הָאט עֶר נִיט גֶעלָאזְט דִי יוּדֶען אֶפֶענְטְלִיךְ הַאלְטֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אוּנ
זֵיי פְלֶעגֶען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין דִי קֶעלֶערְס אוּנ דָארְט אָבְּרֶעכְטֶען דֶעם סֵדֶר.
ווער שְׁמוּעֶסְט אַז עֶס אִיז נָאךְ גְרָאד גֶעפַאלֶען בַּיי קְרִיסְטֶען אוּנ יוּדֶען פֶּסַח אִין
אֵיין טָאג, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיף דֶער נַאס נָאר נִיט גֶעטָארְט ווייזֶען. אֵיין מָאל אִיז
אִין צֶענַארֶעאַ, אָדֶער אִין קָאנְסְטַאנְטִינָאפָּאל, אַרוֹיס אַ קְרִיעג אִין דֶער יוּדִישֶׁער
קְהִלָּה: פִיעל הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט אַז מֶען זָאל דִי פַּרְשָׁה מִיט דֶער הַפְטָרָה לֵייעֶנֶען
אוּם שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב אִין שׁוּל, אוֹיף גְרִיכִישׁ, כְּדֵי דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם אוּנ דִי
ווייבֶּער זָאלֶען פַארְשְׁטֶעהְן, אוּנ דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעווָאלְט לַיידֶען. אַז
יוּסְטִינְיַאן אִיז דֶערְפוּן גֶעווָאהר גֶעווָארֶען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז
דָאס „לֵייעֶנֶען" זָאל דַווְקָא זַיין אוֹיף גְרִיכִישׁ, אוּנ טַאקִי בַּאלְד אִיז עֶר נָאךְ ווייטֶער
גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַז דַאווְנֶען זָאלֶען דִי יוּדֶען אוֹיךְ נָאר מֶעגֶען אִין
דֶער גְרִיכִישֶׁען אָדֶער אִין דֶער לַאטֵיינִישֶׁען שְׁפְּרַאכֶע אוּנ פוּן לָשׁוֹן קֹדֶשׁ זָאל נָאר
קַיין זֵכֶר נִיט זַיין. דָאס הָאט עֶר אַלְץ גֶעטְהוּן מִיט אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע כַּוָּנָה, ווייל דִי
גְרִיכִישֶׁע אִיבֶּערְזֶעצוּנְגֶען פוּן דֶער בִּיבֶּעל זֶענֶען גֶעווען פוּל מִיט רְמָזִים אוֹיף
דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אֱמוּנָה אוּנ עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז צוּ לִיעבּ דֶעם ווֶעלֶען דִי
יוּדֶען גִיכֶער אִיבֶּערְגֶעהְן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. דֶערִיבֶּער הָאט עֶר שְׁטְרֶענְג אָנְגֶע-
זָאגְט זַיין מִינִיסְטֶער אַרֶעאָבִּינְדוּס עֶר זָאל צוּשְׁרַייבֶּען צוּ אַלֶע מוֹשְׁלִים פוּן
דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה זֵיי זָאלֶען גוּט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דִי יוּדֶען, זֵיי זָאלֶען חָלִילָה

ניט עובר זיין אויף זיין בעפעהל. דערפון האט זיך גענומען וואס די יודען האבען געמוזט אומעדום דאוונען אונטער דער השגחה פון קריסטליכע שומרים און די מלוכה האט זיי אנגעהויבען זאגען דעות וועגען יעדער תפלה: מען האט זיי פארוועהרט צו זאגען „יי אחד״, „קדוש, קדוש קדוש״ און לייענען פון ישעיה דאס קאפיטעל „נחמו נחמו עמי״, און ניט איין מאל האבען פיעל שטארק געליטען ווען מען האט זיי חושד געוועהן אז זיי האבען שטילערהייט נאטש געבעטען מיט דעם אלטען נוסח.

יוסטיניאנ׳ס יורשים זענען ניט געוועהן בעסער פון איהם, און דער מעמד פון די יודען איז מיט יעדען יאהר געווארען ערגער. דאס האט געפיהרט דערצו וואס אים יאהר 602, אין דער צייט פונ׳ם קייזער פהאקאס, וואס איז געוועהן א גרויסער רוצח, האבען די יודען פון אנטיאכיען געמוזט ארויסשפרינגען געגען דער מלוכה. די מרידה איז געוועהן אזוי גרויס אז פהאקאס האט געמוזט ארויסשיקען צוויי הויפטלייט מיט זייער פיל חיל און עס איז זיי שווער אנגעקומען ביז עס האט געקאנט ווערען שטיל. ניט לאנג האט אבער פהאקאס געקאנט פיהרען וועלטען. דעם פריהרינגען קייזער מוריטיוס איידעם חאסרו, וואס איז דערווייל געווארען מלך אין פערסיען, האט זיך אנגענומען דעם שווערס קריוודע, און האט אנגעהויבען א מלחמה מיט פהאקאס דערפאר וואס ער האט אהן א שום רעכט מיט געוואלד אבגעגזלט די קרוין פון דער ביצאנטישער מלוכה. חאטש אין דער צייט איז שוין געווארען קייזער העראקליוס, האט חאסרו פון דעסטוועגען ניט געוואלט הערען פון קיין שלום, און זיין בעריהמטער הויפטמאנן שרברצא האט געווארפען א שרעקליכען פחד אויף דעם לאנד, וואס האט זיך ניט געפיהלט אין כח צו פיהרען א קריעג. קוים האבען די יודען דערזעהן די פערסער ביי זיך אין לאנד, האבען זיי באלד פערשטאנען אז אצונד האבען זיי די בעסטע געלעגענהייט זיך אבצורעכנען מיט די שונאים, און עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען אללע געהן שרברצא׳ן צו הילף. אין טבריה האט זיך צונויפגעזאמעלט א גרויסע מחנה און דארט האט א גרויסער נגיד ר׳ בנימין זיין גאנץ פארמעגען אויסגעבראכט צו דינגען יודיש חיל, וואס האט זיך צוזאממען מיט די פערסער געלאזט געהן קיין ירושלים ארויסצוטרייבען די שטאדט פון די קריסטענס האנד.

די יודען זענען געוועהן זיכער אז פאר זייער געטריישאפט און בריה׳שאפט וועלען זיי די פערסער בעלוינען דער מיט, וואס ירושלים וועט ווייטער ווערען זייער אייגענס און ביסלעכווייס וועלען זיי ווערען צוריק בעלי־בתים אין דער

אַלְטֶער הַיים. מִיט דֶעם גֶעדַאנְק אִין קָאפּ אוּנ מִיט אַזַא הָאפְנוּנְג אִין הָאָרֶץ הָאבֶּען זֵיי בֶּעוויזֶען גְבוּרוֹת אוּנ הָאבֶּען זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועהן אִין דִי קְרִיסְטֶען. פוּן יוֹשֶׁר אוּנ רַחֲמָנוּת הָאט מֶען שׁוֹין דָא נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען: נַיינְצִיג טוֹיזֶענְד קְרִיסְ- טֶען זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען וֶוען מֶען הָאט בַּיי זֵיי אָבְּגֶענוּמֶען יְרוּשָׁלַיִם, נָאר וֶוער הַיים עֶס נִיט אוּנ קָאנן נִיט אוֹיסְרֶעכֶענֶען, אַז דִי צָאהל פוּן דִי פְרִיהֶרִיגֶע יוּדִישֶׁע קָרְבָּנוֹת אִיז נִיט גֶעוֶועהן צֶעהנְדְלִיגֶער מָאל גְרֶעסֶער. דֶער הֵשֶׁק פוּן נְקָמָה הָאט זִיךְ בַּיי דִי יוּדֶען צוּבְּרֶענְט מִיט אַזַא פַייעֶר, אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעוָואלְט אִין דֶער נַאכְט פוּן פֶּסַח מַאכֶען אַ שְׁחִיטָה פַאר אַלֶּע קְרִיסְטֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט טִירוּס, נָאר מֶען הָאט דִי קְרִיסְטֶען פְרִיהר דֶערְפוּן מוֹדִיעַ גֶעוֶועהן אוּנ זֵיי זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארֶען.

פִירְצֶעהן יָאהר זֶענֶען אַזוֹי אָבְּגֶעלָאפֶען אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִיהלֶען פְרַיי; זֵיי הָאבֶּען אֲפִילוּ דֶערְלֶעבְּט אַזַא גְדוּלָה אַז זֵיי הָאבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע אֵיינֶענֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהן פִיעל קְרִיסְטֶען אִין אַזַא מַעֲמַד, אִין וֶועלְכֶען זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג אַלֵיין גֶעפוּנֶען. דֶער אוּנְטֶערְוַוארְטֶעטֶער נְצָחוֹן פוּן דִי יוּדֶען הָאט אַזַא גְרוֹיסֶע אֵימָה גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דִי קְרִיסְטֶען אַז פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה, אוּנ אֲפִילוּ אַ פְרוּמֶער גַייסְטְלִיכֶער, וָואס הָאט גֶע- לֶעבְּט אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דֶער וֶועלְט אִין אַ קְלוֹיסְטֶער אוֹיפ'ן בַּארְג סִינַי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶועהן; עֶר הָאט זִיךְ אַ נָאהמֶען גֶעגֶעבֶּען אַבְרָהָם, אוּנ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ יוּדִישׁ קִינְד אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז צוּם טוֹיט אַ פְרוּמֶער יוּד. דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעכְטֶען אַז אָט, אָט וֶועלֶען זֵיי צוּרִיק בֶּעקוּמֶען זֵייעֶר לַאנְד אוּנ זֵיי וֶועלֶען פַּטֶר'ן דֶעם בִּיטֶערֶן גָלוּת. בַּאלְד זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶרֶע אַלֶּע הָאפְנוּנְגֶען צוּשְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען, אוּנ אַז דִי פֶּערְסֶער הָאבֶּען זֵיי נִיט אָבְּ- גֶעגֶעבֶּען יְרוּשָׁלַיִם אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ גֶעפָאדֶערְט בַּיי זֵיי מַס, הָאבֶּען זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִיט פְרֶעמְדֶע הָאנְד אִיז נָאר גוּט פַייעֶר צוּ שַׁארֶען. עֶס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אוּנְצוּפְרִידֶענֶע, אוּנ דֶער פֶּערְסִישֶׁער מוֹשֵׁל הָאט נָאר לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט זֵיי גֶעהֵייסֶען פֶערְשִׁיקֶען גַאנְץ וַוייט אִין פֶּערְסִיֶען. דָאס הָאט נָאךְ אֶרְגֶער צוּרֵייצְט דִי יוּדֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט וֶוענְדֶען צוּם קֵייזֶער הֶערַאקְלִיוּס אוּנ מִיט אִיהם שָׁלוֹם וֶוערֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס נָאךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעשְׁוָוארֶען אַז זֵיי וֶועלֶען בֶּעקוּמֶען מֶעהר רֶעכְט, אוּנ אַז עֶר אִיז זֵיי מוֹחֵל אַלְדִינְג וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעטְהוּן דִי קְרִיסְטֶען. אַזוֹי הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעהָאלְפֶען דֶער בִּיצַאנְטִישֶׁער מְלוּכָה; חָאסְרוֹ אִיז גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען, זַיין זוּהן סִירָאֶעס אִיז בַּאלְד בֶּעשְׁטַאנֶען אוֹיף אַלֶּע תְּנָאִים וָואס הֶערַאקְלִיוּס הָאט פָארְגֶעלֶעגְט אוּנ

דָאס פֶּערְסִישֶׁע חַיִל אִיז אָבְּגֶעטְרֶעטֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט הֶערַאקְלִיוּס וָוארְט גֶעהַאלְטֶען, עֶר הָאט דִי יוּדֶען נִיט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּנ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָאהרֶען דוּרְךְ טְבֶרְיָה אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים גְבִיר ר׳ בִּנְיָמִין אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען זַיין חַיִל. אַז עֶר אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וָוענֶען אִיהם בֶּעפַאלֶען דִי גַייסְטְלִיכֶע, אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס דֶער פַּאטְרִיאַרְךְ מָאדֶעסְטוּס, אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן דִי יוּדֶען. אוּמְזִיסְט הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוִויזֶען אוֹיף דֶער הֵיילִיגְקֵייט פוּן זַיין שְׁבוּעָה וָואס עֶר הָאט צוּגֶעשְׁוָוארֶען דִי יוּדֶען, זֵיי הָאבֶּען אִיהם אַזוֹי לַאנְג אִיבֶּערְגֶעשְׁפַּארְט, אִיהם מַתִּיר נֶדֶר גֶעוֶועהן אוּנ אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם חֵטְא בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעמוּזְט צוּ לִיעבּ טְהוּן אוּנ אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל מֶען זָאל אוֹיסְהַרְגֶענֶען אַלֶע יוּדֶען. פִיעל וֶוענֶען דֶעמָאלְט אוּמְגֶעקוּמֶען, אוּנ גֶעבְּלִיבֶּען בַּיים לֶעבֶּען זֶענֶען נָאר דִי דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען נָאךְ גֶעהַאט צַייט צוּ אַנְטְלוֹיפֶען קַיין מִצְרַיִם אָדֶער זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען צְוִוישֶׁען דִי בֶּערְג. דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען אָבֶּער אַלֵיין גֶעפִיהלְט וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה זֵיי הָאבֶּען גֶעטְהוּן דֶערְמִיט וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶענֵייט דֶעם שְׁוַואכֶען קֵייזֶער עֶר זָאל עוֹבֵר שְׁבוּעָה זַיין, אוּנ הָאבֶּען דֶערְפַאר אַיינְגֶעפִיהְרְט בַּיי זִיךְ אַ תַּעֲנִית, וָואס דִי פְרוּמֶע פְלֶעגֶען אָבְּהִיטֶען נָאךְ אִין אַ סַךְ דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער. דֶער תַּעֲנִית הָאט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט גֶעשַׁאדְט אַז הֶערַאקְלִיוּס זָאל בֶּענַייהֶען דָאס אַלְטֶע גֶעזֶעטְץ פוּן הַאדְרִיאַן אוּנ יוּדֶען זָאלֶען וַוייטֶער נִיט טָארֶען זִיךְ אֲפִילוּ וַוייזֶען אִין דֶער סְבִיבָה פוּן יְרוּשָׁלַיִם.

נִיט בֶּעסֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי יוּדֶען אוֹיךְ אִין דִי אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע לֶאנְדֶער, זַייט דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אִיז דָארְט גֶעוָוארֶען דִי הֶערְשֶׁענְדֶע רֶעלִיגְיָאן. אִין אִיטַאלְיֶען הָאבֶּען גֶעוָואהנְט אַ סַךְ יוּדֶען נָאךְ אֵיידֶער עֶס אִיז פוּן רוֹם גֶעוָוארֶען אַ תֵּל אוּנ וֶועהר גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין רַאוֶוענַא, וֶוענוּזְיַא, פַּאלֶערְמַא, מֶעסִינַא, אוּנ נָאךְ פִיעל אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט. דֶער עֶרְשְׁטֶער, וָואס הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען אַז דִי מְלוּכָה וָואלְט צוּפְרִידֶענֶער גֶעוֶועהן וֶוען דִי יוּדֶען זָאלֶען אִיבֶּערְגֶעהן צוּם קְרִיסְטְלִיכֶען גְלוֹיבֶּען, אִיז גֶעוֶועהן דֶער קֶאנִיג טְהֶעאָדָארִיךְ; אִין זַיין נָאהמֶען הָאט זַיין סֶעקְרֶעטַאר קַאסִיאָדָאר גֶעמַאכְט פָּארְוִוירְפֶע דִי יוּדֶען פוּן מַאילַאנְד פַאר וָואס זֵיי זֶענֶען אַזֶעלְכֶע עַקְשָׁנִים אוּנ ווִילֶען נִיט זוּכֶען אוּנ גֶעפִינֶען „דִי עֶוִויגֶע רוּה״. דָאס אֵיינְגֶענֶע הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלָאזְט זָאגֶען דִי יוּדֶען פוּן גֶענוּאַ, וֶוען זֵיי הָאבֶּען בַּיי אִיהם גֶעבֶּעטֶען אַיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ צוּרֶעכְט מַאכֶען דִי שׁוּל, אוּנ עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז יוּדֶען טָארֶען קַיין נַייֶע שׁוּלֶען נִיט אוֹיסְבּוֹיעֶן אוּנ זֵיי נִיט פֶערְצִיעֶרֶען אוּנ נָאר

דִי אַלְטֶע שׁוּלֶען פוּן פְרִיהֶר דַארְפֶען בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהֶן אוּנ קֵיינֶער זָאל זֵיי נִיט אָנְרִירֶען, וַוייל עֶר ווִיל נִיט מֶען זָאל צְווִינְגֶען מֶענְשֶׁען אַוֶועק צוּוַוארְפֶען זֵייעֶר אֱמוּנָה, וֶוען זֵיי קֶאנֶען עֶס מִיט׳ן פְרַייעֶן ווִילֶען נִיט טְהוּן. אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט טְהֶעאָדָארִיךְ גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט יוֹשֶׁר גֶעגֶען יוּדֶען, אוּנ אַז אִין רוֹם הָאבֶּען זִיךְ אַ מָאל צוּזוּנְטֶעוֶועט דִי שְׁקְלַאוֶוען גֶעגֶען זֵייעֶרֶע יוּדִישֶׁע בַּעֲלֵי־בָּתִּים אוּנ הָאבֶּען אָנְגֶעצֵייצְט דָאס גֶעמֵיינֶע פָאלְק זֵיי זָאלֶען פַארְבְּרֶענֶען דִי שׁוּל אוּנ רַאבֶּעוֶוען יוּדִישֶׁע הַייזֶער, הָאט דֶער קֶענִיג בֶּעפוֹילֶען מֶען זָאל אָבְּזוּכֶען דִי שׁוּלְדִיגֶע, אוּנ אַז מֶען הָאט זֵיי נִיט גֶעקָאנְט גֶעפִינֶען הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט זָאל לַיידֶען דֶעם הֶיזֵק אוּנ דִי בֶּערוֹיבְּטֶע יוּדֶען זָאל מֶען בֶּעלוֹינֶען.

עֶס אִיז מֶערְקְווִירְדִיג וָואס אִין דֶער צַייט, וֶוען דִי קֶאנִיגֶע הָאבֶּען דַוְקָא נִיט גֶערוֹדֵף׳ט קֵיין יוּדֶען, הָאטְשׁ זֵיי הָאבֶּען גֶעטְהוּן אַלֶּע מִיטֶעל צוּ בֶּעפֶעסְטִי־גֶען דִי קְרִיסְטְלִיכֶע אֱמוּנָה, הָאבֶּען דִי שְׁרַייבֶּערְס אוּנ דִי גֶעלֶעהְרְטֶע, וָואס פוּן זֵיי הָאט מֶען נִיכֶער בֶּעדַארְפְט עֶרְוַוארְטֶען זֵיי זָאלֶען נִיט אָנְמַאכֶען קֵיין קְרִיעג צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע רֶעלִיגְיָאנֶען אוּנ זֵיי בֶּעסֶער פֶערְבִּינְדֶען מִיט בְּרִידֶערְלִיכֶע לִיעבֶּע, אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף דִי יוּדֶען אַלְדִינְג וָואס עֶס אִיז זֵיי נָאר אַרוֹיף אוֹיפ׳ן זִין אוּנ זֵיי גֶערוּפֶען מִיט דִי שֶׁאנְדְלִיכְסְטֶע נָאהְמֶען. דָאס גַאנְצֶע גְלִיק אִיז גֶעוֶועהן וָואס דִי מְלוּכָה הָאט זִיךְ וֶועניג צוּגֶעהֶערְט צוּ זֵייעֶרֶע רֵייד, אוּנ דֶערְפַאר אִיז זֵיי נִיט עֶרְגֶער גֶעוָוארֶען וֶוען דִי קְרוֹין פוּן אִיטַאלְיֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ טְהֶעאָדָארִיךְ׳ס שֶׁאנֶער אוּנ גֶעבִּילְדֶערְטֶער טָאכְטֶער אַמַאלַא־זוּנְטְהַא אוּנ דֶערְנָאךְ צוּ זַיין אֵיידֶעם טְהֶעאָדָאט. דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוּנ דַאנְקְבַּאר דֶעם קֶענִיג טְהֶעאָדָאט, אוּנ אַז יוּסְטִינְיַאן, וָואס הָאט בִּיסְלֶעכְוַויים כִּמְעַט גַאנְץ אִיטַאלְיֶען אַרוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אוּנְטֶער דֶער מַאכְט פוּן בִּיצַאנְטִיֶען, אִיז צוּגֶעטְרֶעטֶען צוּ דֶער שֶׁאנֶער שְׁטָאדְט נֶעאַפָּאל, הָאבֶּען דִי יוּדֶען בֶּעווִיזֶען זֵייעֶר בְּרִיָּה׳שַׁאפְט אוּנ הָאבֶּען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען אַבִּי צוּ פֶערְהִיטֶען דֶעם הוֹיפְּט־פּוּנְקְט פוּנ׳ם לַאנְד. מִיט גְרוֹיס מִיה הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען, מִיט דֶער הִילְף פוּן צְווֵיי אַדְוָואקַאטֶען פַּאסְטָאר אוּנ אַסְקְלֶעפִּיאַדָארוּס, אַלַאנְגֶע צַייט גֶעהַאלְטֶען, בִּיז דֶעם שׂוֹנֵא אִיז גֶע־רָאטְהֶען מִיט אַ תַּחְבּוּלָה זִיךְ אַרַיינְצוּכַאפֶּען בַּיי נַאכְט קֵיין נֶעאַפָּאל אוּנ דֶעם גַאנְצֶען כַּעַס אוֹיסְלָאזֶען מִן הַסְתָּם צוּ דִי יוּדֶען.

נִיט לַאנְג הָאט זִיךְ אָבֶּער אִיטַאלְיֶען גֶעפוּנֶען אוּנְטֶער דֶער מַאכְט פוּן יוּסְטִינְיַאן אוּנ זַיינֶע יוֹרְשִׁים. בַּאלְד אִיז דִי מְלוּכָה אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי לַאנְגָאבַּארְדֶען אוּנ חָאטְשׁ דָארְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶערְשֶׁען דֶער קַאטָאלִי־

ציזמוס, פון דעסטוועגען איז די יודען ניט שלעכט געוועהן, ווייל די ערשטע פאפסטע זענען ניט געוועהן קיין שונאים פון פרעמדע אמונות. אונ גרעגאר דער ערשטער האט זיך געהאלטען אן דעם, אז דער גאנג פון יודען צום קריסטענטהום מוז נאר זיין דורך חסד אונ פריינדשאפט. דערפאר האט גרעגאר צושענקט פיעל ערד געטויפטע יודען אונ האט געדרונגען אז ווען דער ערשטער דור וועט אננעהמען דאס קריסטענטהום שלא לשמה אונ נאר צו ליעב געלד, וועלען די איבריגע דורות שוין זיין אמת'ע קריסטען אונ וועלען אבהיטען די אמונה לשמה.

אין פראנקרייך אונ שפאניען האבען די יודען פון גאנץ לאנג רוהיג געלעבט ביז דער קאטאליציזמוס איז דארט ניט איינגעווארצעלט געווארען. אין די אלטע צייטען זענען די צוויי מדינות בעשטאנען פון פערשיעדענע קליינע געגענדען וואס יעדע האט געהאט איהר בעזונדער מושל, אונ די יודען האבען זיך דארט בעזעצט נאך דעמאלט ווען דער מסחר האט זיי אהין פארווארפען פון אלכסנדריען אונ קליין-אזיען, אדער וועספאסיאן אונ טיטוס האבען זיי אהין פארקויפט פאר שקלאווען. די דארטיגע פאלקער, פראנקען אונ בורגונדען, האבען אויף זיי געקוקט ווי אויף ראמער אונ האבען זיי געהאלטען בכבוד. אז כלאדוויג איז געווארען מלך איבער אללע פראנקישע געגענדען, האבען יודען שוין געוואהנט אין זעהר פיעל שטאדט, ווי קארקאזאן, ארלעאן, אויווערגנע, פאריז, אונ בעזאנדערס האבען זיי געהאט א גרויסע קהלה אין מארסיעל, וואס מען האט אפילו גערופען „די יודישע שטאדט", אונ אין ארלעס, וואו זיי האבען זיך נאך ביז צום זעכסטען יאהר-הונדערט גערעדט אויף די גריכישע שפראכע. אין דער געגענד פון נארבאן איז אויך געוועהן ניט ווייניג יודען אונ צו ליעב דעם האט מען דארט איינעם פון די בערג גערופען „דער יודישער בארג".

די יודען פון די פראנקישע אונ בורגונדישע געגענדען האבען זיך פריי בעשעפטיגט מיט אקערבוי, מלאכות אונ מסחר אונ האבען בעזאנדערס ענטוויקעלט דעם האנדעל מיט פרעמדע סחורות, וואס זיי פלעגען מיט זייערע שיפען ברענגען פון ווייטע לאנדער. אחוץ דעם האבען זיך די עדלערע פון זיי אבגעגעבען מיט וויסענשאפט, די בעסטע דאקטורים זענען געוועהן יודישע, אונ ביי זיי פלעגען זוכען הילף אפילו די גייסטליכע וואס האבען מורא געהאט ביי קראנקהייטען זיך פערלאזען אויף נסים. זיי זענען אויך געוועהן גרויסע העלדען ביי א מלחמה, אונ אז עס איז ארוים א קריעג צווישען כלאדוויג אונ טהעאדאריך

װָעלְכֶער הָאט בֶּעלַאגֶערְט די שְׁטָאדְט אַרְלֶעס, הָאבֶּען די יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט די שְׁטַארְקְסְטֶע קְרִיעגֶער. דֶעמָאלְט אִיז גֶעװֶעהן אַ גְרוֹיס פְרַיינְדְשַׁאפְט צְוִוישֶׁען די קְרִיסְטֶען אוּנ די יוּדֶען, װֶעלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען מִיט פְרֶעמְדֶע נָאהמֶען, װִי אַרְמֶענְטַארְיוּס, גָאזָאלַאס, פְּרִיסְקוּס אוּנ זִיבֶּערְיוּס. זֵיי פְּלֶעגֶען עֶסֶען אֵיינֶער בַּיים אַנְדֶערן, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְשַׁדֵךְ זַיין. אַז עֶס אִיז דָארְט גֶעשְׁטָארְבֶּען דֶער בֶּעלִיעבְּטֶער עֶפִּיסְקָאפּ הִילַארְיוּס, הָאבֶּען אִיהם די יוּדֶען גְלַייךְ מִיט אַלֶע מַסְפִּיד גֶעװֶעהן אוּנ תְּהִלִּים גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין קֶבֶר. עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער גֶעפוּנֶען פִיעל פְרוּמֶע יוּדֶען װָאס הָאבֶּען נִיט גֶעװָאלְט עֶסֶען טְרֵפוֹת בַּיי די קְרִיסְטֶען; דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַיין אֲסִיפָה אִין דֶער שְׁטָאדְט װַאנְגֶעס, אִים יַאהר 465, אִין עֶס אִיז אַרוֹיס אַ בֶּעפֶעהל אַז גַייסְטְלִיכֶע טָארֶען נִיט עֶסֶען בַּיי יוּדֶען, װַייל זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַ פְּחִיתַת הַכָּבוֹד װָאס פְרוּמֶע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעזָאגְט צוּ גֶענִיסֶען זֵייעֶרֶע מַאֲכָלִים. מֶען הָאט אָבֶּער אוֹיף דֶעם בֶּעפֶעהל נִיט גֶעקוּקְט אוּנ די פְרַיינְדְשַׁאפְט צְוִוישֶׁען יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פֶעסְט, אוּנ װֶען אַ פָּאר גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעזוּכְט מִיטְלֶען צוּ נֵייטְהֶען די יוּדֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען, הָאבֶּען זֵיי עֶס נָאר גֶעקָאנְט פּוֹעֵל'ן בַּיי יְחִידִים אוּנ אוֹיפ'ן פָאלְק הָאט עֶס קַיין שׁוּם רוֹשֶׁם נִיט גֶעמַאכְט. דֶער עֶרְשְׁטֶער, װָאס הָאט אִין פְרַאנְקְרַייךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוֹדֵף'ן יוּדֶען, אִיז גֶעװֶעהן דֶער קֶענִיג זִיגִיזְמוּנְד, װָאס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַיינְצוּפִיהרֶען נַייעֶ גֶעזֶעטְצֶע, װָאס הָאבֶּען יוּדֶען גֶעמַאכְט פַאר שְׁטִיעפְקִינְדֶער אוּנ הָאבֶּען דֶערְפִיהרְט דֶערְצוּ אַז מֶען הָאט בַּיי זֵיי צוּגֶענוּמֶען דָאס רֶעכְט אוֹיפְצוּנֶעהמֶען גֵרִים, אוּנ דֶער קֶענִיג שִׁילְדֶעבֶּערְט דֶער עֶרְשְׁטֶער, הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז אִין קְרִיסְטְלִיכֶען פֶּסַח זָאל קַיין יוּד זִיךְ נִיט װַייזֶען אוֹיף דֶער גַאס. פְרַאנְקְרַייךְ אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט אֲפִילוּ גֶעװֶעהן צוּטְהֵיילְט אִין פֶערְשִׁידֶענֶע חֲלָקִים, אוּנ נִיט אוּמֶעדוּם הָאט מֶען גֶעקוּקְט אוֹיף אַזֶעלְכֶע גֶעזֶעטְצֶע, נָאר מִיט דֶער צַייט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ שִׂנְאָה גֶעגֶען די יוּדֶען, אוּנ די שִׂנְאָה הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט רֶעכְט פֶערְשְׁטַארְקְט װֶען זֵיי הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען אַזַא גְרוֹיסֶען גֶעגְנֶער, װִי דֶער עֶפִּיסְקָאפּ אַוִויטוּס פוּן אוֹיװֶערן. אַוִויטוּס הָאט זֶעהר גֶעװָאלְט בֶּעפֶעסְטִיגֶען דֶעם קַאטָאלִיצִיזְמוּס אִין לַאנְד אוּנ דֶערִיבֶּער אִיז אִים דָאס יוּדִישְׁקַייט גֶעװֶעהן װִי אַ דָארן אִין די אוֹיגֶען. צוּם אָנְהֵייב הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְּרוּבְט מִיט נוּטֶען אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז מִיט עֶטְלִיכֶע דְרָשׁוֹת װֶעט עֶר די יוּדֶען צוּ זִיךְ צוּצִיהֶען. אַז עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶעהן אַז מִיט רֵייד װֶעט עֶר נָאר נִיט מַאכֶען הָאט עֶר אָנְגֶערֵייצְט דָאס פְּרָאסְטֶע פָאלְק זֵיי זָאלֶען אָנְפַאלֶען אוֹיף

די שולֶען, רַאבֶּעוָועֶן אונ מאבֶען אַ תֵל, אונ דָערְבַּיי הָאט עֶר פָארְנָעלֶעגְט די יוּדֶען אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען אָדֶער אִין נַאנְצֶען אַוֶעקְפָּאהרֶען. קֵיינֶער הָאט אִיהם נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען, נָאר אֵיין אֵיינְצִינֶער יוּד הָאט נִיט גֶעקָאנְט בֶּעשְׁטֶעהן אוֹיף דֶעם נִסָיוֹן, אונ אַז עֶר אִיז פוּן דֶעם טוֹיפֶען גֶעוַואנֶגֶען אִין נַאס אָנְגֶעטְהוּן אִין וַוייסֶע קְלֵיידֶער, ווִי דֶער מִנְהָג אִיז גֶעמָאלְט גֶעוֶועהן נָאךְ דָער טְבִילָה, הָאבֶּען אִיהם עֶטְלִיכֶע יוּדֶען אָבְּגֶעשְׁפְּרִיצְט מִיט נִיט קֵיין רֵיינֶעם אֶל. דָאס צוּוֵיטְצֶע פָאלְק הָאט מֶעהר נִיט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען, מֶען אִיז בַּאלְד מִיט אַ רְצִיחָה אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף די יוּדֶען, פִיעל פוּן זֵיי הָאט מֶען דֶערְהַרְגֶעט, פִינְף הוּנְדֶערְט הָאבֶּען זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דֶער מִיט וָואס זֵיי זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קַאטָאלִיצִיזְמוּס, אונ די אִיבְּרִינֶע זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען קֵיין מַארְסִיעֶל. נָאךְ דֶעם הָאט מֶען פוּן אַללֶע זַייטֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרֶעסֶען די יוּדֶען אונ זֵיי מִיט גֶעוואלְד אָבְּרֵייסֶען פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה. דֶער קֶענִיג שִׁילְפֶּעריךְ אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דֶעם קַאטָאלִיצִיזְמוּס אַז עֶר הָאט זִיךְ אַללֵיין בֶּעשֶׁעפְטִינְט מִיט טוֹיפֶען יוּדֶען, אונ חָאטְשׁ פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען נָאר לְפָנִים אָנְגֶענוּמֶען דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם, אונ בֶּאֱמֶת הָאבֶּען זֵיי אָבְּגֶעהִיט שַׁבָּת אונ אַללֶע מִצְוֹת, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט אונ אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם גַאנְג אַז פוּן שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ קָאן שְׁפֶּעטֶער וֶוערֶען לִשְׁמָהּ. פוּנְקְט אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהן די מֶערָאוִינְגִישֶׁע קֶענִינֶע חְלָאטַאר דֶער צְוֵויטֶער אונ זַיין זוּן דַאנָאבֶּער, וָועלְכֶער הָאט אִים יָאהר 629, אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז בִּיז צוּ אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען טָאג מוּזֶען אַללֶע יוּדֶען פוּן גַאנְץ פְרַאנְקְרֵייךְ וָוערֶען קְרִיסְטֶען אָדֶער פָערְמִשְׁפָּט וֶוערֶען צוּם טוֹיט.

וֶוענֶען די עֶרְשְׁטֶע יוּדֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד זֶענֶען די יְדִיעוֹת נִיט אַזוֹי קְלָאר. עֶס אִיז אַ סְבָרָא אַז נָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דוֹר פוּן זֵיי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן די רֶאמֶער וָואס הָאבֶּען חָרוּב גֶעמַאכְט יְרוּשָׁלַיִם אונ פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער, מִיט וֶועלְכֶע זֵיי הָאבֶּען גֶעוָואהנְט אונ גֶעהַאט קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי די רֶאמִישֶׁע פֶּאטֶער הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אוּמְקוּקֶען אוֹיף אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער, הָאבֶּען זֵיי די מוּטֶערְס עֶרְצוֹינֶען אִינ'ם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען, אונ פוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס די גְרִינְדֶער פוּן די יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת אִין וָוארְמְס אונ מַאיִנְץ. אוֹיסֶער דֶעם אִיז גֶעוִויס בֶּעקָאנְט, אַז אִין קֶאלְן הָאבֶּען גֶעוָואהנְט פִיעל יוּדֶען נָאךְ עֶהֶדֶער קְרִיסְטְלִיכֶע קֶענִיגֶע הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶערְשֶׁען; זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן פְרַיי פוּן מַס אונ הָאבֶּען גֶעהַאט זֵייעֶרֶע אֵיינֶענֶע שׁוֹפְטִים אונ דָאס רֶעכְט אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ לַאנְג, אונ אֲפִילוּ וָוען אַ קְרִיסְט הָאט גֶעהַאט צוּ טְהוּן מִיט

א יודען האט ער געמוזט אנקומען צום יודישען בית דין.

שפאניען איז פאר די יודען געווארען דאס צווייטע פאטערלאנד ווייט זיי האבען פערלארען זייער אייגענע היים. פון די אכטציג טויזענד יודען, וואס מען האט אהין פערטריבען נאך'ן חורבן און זיי דארט פערקויפט פאר שקלאווען, זענען ארויס גאנצע דורות פון געטרייע יודישע איינוואהנער, וואס זענען מיט לייב און לעבען צוגעבונדען געווארען צום לאנד, וואו זיי האבען געהאט פרייהייט זיך צו בעשעפטיגען מיט תורה און חכמה, בעפעסטיגען זייער גלויבען און זיין אין אללע אופנים נוטצליך דער מדינה. מען דארף זיך דעריבער ניט וואונדערן וואס קארדאווא, גראנאדא און טאלעדא זענען פול געווארען מיט לומדים און האבען געשפיעלט ביי די שפאנישע יודען די אייגענע ראללע וואס טבריה, סורא און נהרדעא ביי די יודען פון ארץ ישראל און בבל, און עס איז געקומען דערצו אז כמעט יעדע שפאנישע שטאדט האט געמוזט אויף זיך האבען עפים א יודישען סימן: אין קארדאווא איז געוועהן „א יודישער טהויער", אין סאראגאסא — „א יודישער פעסטונג" און גראנאדא און טאראגאנא האבען פשוט געהייסען „יודישע שטאדט".

איין אלטע מצבה פון א פרוי בעלליאזא, אדער אויף יודיש מרים, וואס איז געשריבען אין לשון קודש, גריכיש און לאטייניש, בעווייזט אז די יודען זענען געקומען קיין שפאניען פון אזעלכע לאנדער, וואו מען האט גערעדט גריכיש, אז זיי האבען זיך אויך געפונען אונטער דער מאכט פון די רומער און האבען געקענט זייער לשון און אז זיי האבען אין שפאניען זיך שטארק בעשעפטיגט מיט דער העבראישער שפראכע. בעשטימען אבער אקוראט ווען די יודען האבען זיך בעזעצט אין שפאניען — איז זעהר שווער: פיעל דרינגען זיך אז נאך באלד נאך'ן חורבן פונ'ם בית ראשון זענען די ערשטע שפאנישע יודען אריבער אהין פון בבל און עטליכע משפחות, ווי אבן דאוד און אברבנאל, האבען גערעכענט זעהר יחוס פון דוד המלך.

האטש דאס קריסטענטהום איז אין שפאניען איינגעווארצעלט געווארען נאך א סך פריהער איידער דער קאניג קאנסטאנטין איז צוגעשטאנען צו דער אמונה, פון דעסטוועגען האבען די קריסטען געלעבט זייער גוט מיט די יודען, און האבען זיי ניט גערעכענט פאר שונאים. אז די געוועזענע גאטצענדינער האבען זיך בעקאנט מיט די יסודות פונ'ם קריסטענטהום, האט זיי גאר ניט געקאנט איינפאלען אין קאפ צו מאכען א חלוק צווישען יוד און קריסט און דערפאר האבען זיי די יודען געשאצט, זיי פלעגען זיך מיט זיי משדך זיין, און

גאַנץ אָפּט פּלעגען קריסטען אַראָב ברענגען יודישע רבנים זיי זאָלען בענטשען זייערע פעלדער די תבואה זאָל געראָטהען. די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען דאָס אָבער ניט געוואָלט ליידען אונ ביי דער אסיפה אין איללִיבעריס (עלווירא) האָט דער עפּיסקאָפּ אָזוי אויסגעאַרבייט אַ געזעטץ וואָס האָט געזאָלט אין גאַנצען צושטערען די פריינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישען יודען אונ קריסטען.

נאָר אַזוי ווי דאָס לאַנד איז באַלד פערוויסט געוואָרען דורך פערשידענע פרעמדע פעלקער אונ די קאַטאָליקען האָבען אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט אויפהויבען אַקאָפּ, האָבען די יודען מעהר פון הונדערט יאָהר געלעבט רוהיג, אונ אין דער צייט פון׳ם קאָניג טהעאודעס האָבען זיי שטאַרק געשיצט די מדינה, אונ מען האָט די יודען געשעצט פאַר זייער געטרייאַשאַפט. נאָר אַז די מלוכה איז איבער־געגאַנגען צום קאָניג רעקאַרעד אונ דער קאַטאָליציזמוס האָט פאַרשפּרייט זיינע פליגעל איבער גאַנץ שפּאַניען, האָט מען אויסגעגראָבען דאָס אַלטע געזעטץ פון אָזוי אונ מען האָט זיך גענומען רודפ׳ן יודען. מען האָט זיי פאַר־וועהרט חתונה צו האָבען מיט קריסטען, די קינדער וואָס זענען שוין געבאָרען געוואָרען פון אַזעלכע פערמישטע חתונות האָט מען מיט גוואַלד געטויפט, אונ אַחוץ דעם האָבען יודען ניט געטאָרט האָבען קיין קריסטליכע שקלאַווען. פאַר רייכע בעלי־בתים איז דאָס געוועהן אַ שטאַרקער היזק אונ זיי האָבען זיך גע־פּרובט פּאַרלעגען דעם קאָניג אַסך געלד אַבי ער זאָל מבטל זיין די שלעכטע גזירה, נאָר דער פּאַפּסט גרעגאָר, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע נגיעה אין דער זאַך, האָט ניט דערלאָזט אַז דער קאָניג זאָל יודען צו ליעב טהון: רעקאַרעד האָט דאָס געלד ביי די יודען צוגענומען אונ האָט עס אַוועקגעשענקט אויף אַהייליגע זאַך, אונ צו יענע גזירות האָט ער צוגעזעצט נאָך איינע, אַז יודען זאָלען ניט טאָרען ביי אַלויה זאָגען תהלים. צום גליק, איז ביי איהם ניט געוועהן אין גאַנ־צען די דעה, די גרויסע לייט אונ דאָס פאָלק האָבען מיט יודען גוט געלעבט אונ אַללע גזירות זענען צוואַנציג יאָהר כסדר נאָר געבליבען אויף פּאַפּיער, אונ אַז רעקאַרעד איז געשטאָרבען האָבען זיינע יורשים די יודען ניט אין זין געהאַט.

פּלוצלונג איז אָבער די יודען שלעכט געוואָרען ווען די מלוכה איז איבער־געגאַנגען צום קאָניג סיזעבוט, וואָס האָט געהערשט אין דער איינער צייט פון׳ם קייזער הערַאקליוס, אונ האָט גלייך מיט איהם אָנגעטהון די יודען ענוים קשים. מילא הערַאקליוס האָט נאָך געהאַט אַסבה צו זוכען אַנקמה פאַר דער מרידה פון די פּאַלעסטינאַ׳שע יודען; סיזעבוט אָבער איז זיי געוועהן אַשונא אומזיסט אונ אומניש׳ט. ער האָט בעניייהט דאָס אַלטע געזעטץ וועגען דעם אַז

די יודען טארען קיין שקלאווען ניט האבען, אונ האט דערצו נאך צוגעזעצט פון זיין זייט א בעפעהל, אז יעדער געטויפטער יוד מאג ירשנ'ען די שקלאווען פון זיינע קרובים. אין זיין צוואה האט ער אנגעזאגט די יורשים אז קיינער פון זיי זאל זיך ניט דערוואגען מבטל זיין דאס געזעטץ „ווייל דאס וועט זיין א בושה אויף דער וועלט אונ איין עבירה אויף יענער וועלט". זיין סטראשען די יורשים האט אבער וועניג וואס געהאלפען, אונ נאך פאר זיין לעבען האט ער זיך געקאנט איבערצייגען אז די יודען האבען געהאט שקלאווען ווי פריהר, אונ די וואס האבען בעדארפט אכטונג געבען אויפ'ן געזעטץ האבען דארויף געקוקט ווי דורך די פינגער. דאס האט איהם נאך מעהר אין כעס אריינגעבראכט, אונ כדי צו מאכען אין גאנצען אן ענדע מיט די יודען, האט ער בעשטימט א צייט ביז וואנען זיי זאללען זיך אללע טויפען אדער פערלאזען דאס לאנד. דא האבען שוין די יודען קיין אנדער ברירה ניט געהאט; די וועניגע, וואס האבען זיך ניט געפיהלט אין כח אוועקצווארפען די אלטע ארטער אונ אנהייבען נע ונד זיין אין דער פרעמד, זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום, אונ דער רוב האט זיך געזעגענט מיט שפאניען אונ זענען אריבער קיין פראנקרייך אדער קיין אפריקא.

נאך סיזעבוט'ס טויט איז געווארען קעניג זיין זוהן סווינטילא, א זעהר א גוטהארציגער מענש, וואס מען האט איהם ניט אומזיסט גערופען „דער פאטער פונ'ם לאנד". ער האט באלד אבגערופען אללע גזירות: די פערטריבענע יודען זענען תיכף צוריקגעקומען אונ די געטויפטע האבען זיך אומגעקעהרט צום יודענטהום. זיין פיהרונג איז אבער ניט געפאלען די גייסטליכע אונ זיי האבען אזוי לאנג געארבייט ביז דער בארמהערציגער קעניג סווינטילא האט געמוזט אבטרעטען די מלוכה א כאראקטערלאזען מענשען סיזענאנד, וואס האט נאר געטהון וואס די גייסטליכע האבען געוואלט, אונ די גייסטליכע האבען אויס־נעזיהרט אללעס דינג וואס זיי האט געטויגט. דעמאלט איז אין טאלעדא געווארען א נייע אסיפה פון גייסטליכע אונ מען האט אנגענומען די מיינונג פונ'ם ארכיעפיסקאפ איזידאר אז טויפען יודען מיט גוואלד איז ניט קיין יושר, נאר וועגען פארהיטען א חלול השם זאל מען ניט לאזען אז די וואס זענען שוין געטויפט זאלען צוריק ווערען יודען, זאל מען שטרענג בעשטראפען די דאזיגע פון זיי וואס מען וועט געפינען אז בסתר האלטען זיי די יודישע אמונה, אונ מען זאל נוט אכטונג געבען אז אללע געזעטצע געגען יודען זאלען בלייבען אין זייער קראפט. ווי ווייט מען האט דעמאלט איבערהויפט תושר געוועהן די

געטויפטע יודען – זעהט מען ארויס דערפון וואס מען האט זיי ביז צום דריטען דור ניט צוגעלאזט פאר עדות, ווייל „דער וואס איז פאלש נאטט קאן ניט זיין געטריי מענשען".

דערמאלט האט דער ארכיעפיסקאפ איזידאר געוואלט מאכען א פראבע אונ געהן מיט יודען ניט מיט כח אונ גייטהען, נאר מיט ראיות ברענגען אונ אויסווייזען די מעלות פון דער קריסטליכער אמונה. ער האט אנגעשריבען צוויי ספרים אונ האט געמיינט אז דערמיט איז ער מנצח די יודען, ווייל אללע זיינע בעווייזע האט ער געבויעט אויף פסוקים פון דער תורה. די יודען וועגען אבער געוועהן שפיציגער פון איהם אונ האבען ארויסגעלאזט עטליכע ביכער אויף לאטייניש אונ אויסגעוויזען טאקי פון די איינענע פסוקים נאר עפיס אנדערש. א ויכוח מיט'ן מויל אונ מיט דער פען האט געמוזט פיהרען דערצו וואס די פערפאלגונג פון די יודען האט ניט געקאנט זיין אזוי שטארק אונ ביסלעכווייס האט מען אנגעהויבען פארגעסען אז עס איז א מצוה די יודען צו רודף'ן. דאס האט אבער ניט לאנג געדויערט. פלוצלונג איז געווארען קאניג חינטילא, וואס האט זיך גענומען אין נאנצען אויף סיזיבוט'ס דרך, אונ דאס יודישקייט איז ווייטער געוועהן אין א סכנה. ער האט געמאכט נאר א פרישע פערזאמלונג פון גייסטליכע, אונ עס איז געבליבען אז אללע איינוואהנער פונ'ם לאנד מוזען זיין קאטאליקען. די יודען האבען נאך א מאל געמוזט האפען דאס פאקעל אויף די פלייצעס אונ אנהייבען וואנדערן, אונ די געטויפטע האבען געמוזט מיט א צו־בראכען געמיט אנטהון אויפ'ן פנים א מאסקע פון כלומר'שט פרומע קאטאליקען, אונ טיעף אין הארץ ביי זיך בעגראבען די האפנונג אויף א בעסערע צייט. די האפנונג האט זיי טאקי נאר געהאלטען אויף די פיס אין די ביטערע פיער יאהר פון חינטילא'ס מלוכה.

---

9 די יודען אין אראביען אונ מחמד.

(640—600 נאך קריסטוס געבורט).

ווען דאס אויג פונ'ם לעזער ווערד מיעד אונ הייבט אן פינטלען פון די איבערקערענישען, וואס עס בעמערקט אללע מאל אינ'ם גורל פון די יודען אין דער אלטער היים אונ אויך אין איראפעאישע לאנדער, ווי זיי ווערן געווארפען אין פערשידענע צייטען פון שלעכטען צו גוטען, פון בעסערן צו נאר ערגער, קאן זיך עס מיט פערגניגען אפרוהען, ווען עס בעטראכט דעם גלאנצענדען

מְעָמָד פוּן דִי יוּדֶען אִין אַרַאבְּיֶען בִּיז דֶער צַייט פוּן מַחְמֶד אוּנ אוֹיךְ וַוייטֶער.

מֶען קָאן נִיט וִויסֶען אַקוּראט וֶוען דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין אַרַאבְּיֶען אוּנ טַאקִי דָאס אַלֵיין בֶּעוַוייזְט אַז זֵיי וָואהנֶען דָארְט שׁוֹין לַאנְג. מֶען רֶעכֶענְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע יוּדֶען, וָואס זֶענֶען אַהִין גֶעקוּמֶען, זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועהן פוּן דִי וָואס יְהוֹשֻׁעַ הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זֵיי זָאלֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִי עֲמָלֵקִים אוּנ זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אִין דֶער שְׁטָאדְט יַתְּרִיבּ, וָואס הָאט אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת בֶּעקוּמֶען דֶעם נָאמֶען מְדִינָה. צוּ זֵיי זֶענֶען דֶערְנָאךְ צוּגֶעקוּמֶען אַ סַךְ יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ אִין דָוִד הַמֶלֶךְ׳ס צַייט אַהִין אַוֶועקְגֶעלָאזְט אוּנ פֶּערְנוּמֶען דִי גֶעגֶענְד חַיְבַּר, אוּנ בַּאלְד אִיז דָארְט גֶעוָוארֶען אַ גַאנְצֶער יִשׁוּב פַאר יוּדִישֶׁע סוֹחֲרִים, וָואס פְּלֶעגֶען אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע יְרִידִים אִין מַרִיבָּא אוּנ סַנָאאַ אַיינְקוֹיפֶען סְחוֹרָה פוּן אִינְדִיֶען. נָאר דָאס אִיז נָאר אָהְן אַ שׁוּם סָפֵק אַז דֶער חוּרְבָּן פוּנ׳ם בַּיִת רִאשׁוֹן אוּנ פוּנ׳ם בַּיִת שֵׁנִי אוּנ אוֹיךְ דִי רְדִיפוֹת פוּן דִי רָאמֶער הָאבֶּען טוֹיזֶענְדֶער יוּדֶען אַוֶועקְגֶעפִירְט קַיין אַרַאבְּיֶען אוּנ דָארְט הָאבֶּען זֵיי גֶעפוּנֶען אַ מָקוֹם מְנוּחָה. דִי עֶרְשְׁטֶע יוּדִישֶׁע-אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים זֶענֶען בֶּעקַאנְט מִיט דִי נָאהמֶען בְּנֵי נַדִיר אוּנ בְּנֵי כּוּרְיֵיצַא, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר כֹּהֲנִים, אוּנ בְּנֵי בַּכְדַל אוּנ בְּנֵי כַּינוּקַאאַ קָארַא. אִין דֶער פֶּעסְטוּנְג כַּמוּס, גַאנְץ וַוייט אִין דָרוֹם-זַייט פוּנ׳ם לַאנְד, אִין יֶמֶן, אוּנ אֲפִילוּ אִין דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאדְט מֶעקַא הָאבֶּען זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאט הַייזֶער. צוּם אָנְהֵייבּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן וֵוינְצִיג אוּנ צוּוָוארְפֶען אִין פֶערְשִׁידֶענֶע אֶרְטֶער, זֶענֶען זֵיי פוּן קֵיינֶעם נִיט אָבְּהֵיינְגִיג גֶעוֶועהן, זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין גֶעשִׁיצְט אוּנ גֶעבּוֹיט שְׁלֶאסֶער, וואוּ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ רוּהִיג גֶעלֶעבְּט. מִיט דֶער צַייט אָבֶּער הָאבֶּען זֵיי זִיךְ פֶּערְאֵיינִיגְט מִיט דִי אַרַאבֶּער, אוּנ וַוייל אִין לָשׁוֹן אוּנ אִין דִי מִנְהָגִים אִיז קַיין גְרוֹיסֶער חִלוּק צְוִוישֶׁען זֵיי נִיט גֶעוֶועהן, הָאט דִי גְרֶעסְטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט פֶּערְבּוּנְדֶען דִי בֵּיידֶע פֶּאלְקֶער. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְוִוישֶׁען זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארֶען נָאהֶענְטֶע מְחוּתָּנִים אוּנ דֶערְפַאר אִיז דִי קְרִיסְטֶען שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ בֶּעקֶענֶען דִי אַרַאבֶּער מִיט זֵייעֶר אֱמוּנָה: וִוי פִיעל שְׁלוּחִים זֵיי הָאבֶּען גֶעשִׁיקְט, הָאבֶּען זֵיי נָאר נִיט גֶעפוּעֶלְט, דִי יוּדֶען הָאבֶּען עָס נִיט דֶערְלָאזְט, אוּנ נָאר אִינ׳ם זֶעכְסְטֶען יַאהר-הוּנְדֶערְט אִיז דִי קְרִיסְטֶען גֶערָאטֶען אַרִיבֶּער צוּנֶעהמֶען אוֹיף זֵייעֶר זַייט אֵיינֶעם פוּן דִי אַרַאבִּישֶׁע מוֹשְׁלִים, וָואס הָאט גֶעוָואהְנְט אִין דֶער הַאנְדֶעלְסְשְׁטָאט נַגְרָן.

דָאס אִינְוֶוענִינְסְטֶע לֶעבֶּען פוּן דִי אַרַאבִּישֶׁע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט גְרֶאסְטֶענְטְהֵיילְס מִיט עֶרְדְאַרְבַּייט אוּנ הַאנְדֶעל, הָאט זִיךְ גֶעפִירְט

נָאר אויפ'ן אַלְטֶען שְׁטֵיינֶער. יֶעדֶע גְרויסֶע פַאמִילְיֶע, אָדֶער עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע מִשְׁפָּחוֹת צוזַאמֶען, הָאט נֶעהַאט אִיהר בֶּעזונְדֶערן פָארְשְׁטֶעהֶער, אָדֶער שֵׁייךְ, וָואס פְלֶעגְט פַּסְקְנֶ'ען שַׁאֲלוֹת אונ אוֹיס גְלַייכֶען צְדָדִים בַּיי אַ דִין תּוֹרָה, אונ הָאט אוֹיךְ פֶערְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי צוּ רִינִירֶען בַּיי אַ מִלְחָמָה וֶוען מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט בֶּעשִׁיצֶען דָאס לַאנְד. אִינ'ם אוֹיסֶענְוֶוענִינְסְטֶען לֶעבֶּען הָאבֶּען זַיי זִיךְ אִין קַיין שוּם זַאךְ נִיט אָבְּגֶעטְהֵיילְט פוּן דִי אַרַאבֶּער: פַאר אַ קְלֵיינִיגְקֵייט הָאט זִיךְ אֵיין מִשְׁפָּחָה מִיט דֶער אַנְדֶערֶער גֶעקָאנְט שְׁלָאגֶען אַז עֶס הָאט גֶערוּנֶען בְּלוּט אִין דִי גַאסֶען, וֶוער רֶעדְט אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם אוּמִישְׁנֶע אָדֶער אוּמְגֶערֶען גֶעהַרְגֶ'ט, פְלֶעגְט פָּשׁוּט וֶוערֶען אַ שְׁחִיטָה. דָאס אַלֶעס הָאבֶּען זַיי גֶענַאשְׁט פוּן דִי אַרַאבֶּער, זַיי הָאבֶּען אָבֶּער גוּטֶע זַאכֶען בַּיי זַיי אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אונ דָאס בֶּעסְטֶע אִיז גֶעוֶועהן — דִי לִיעבְּשַׁאפְט צוּ שֶׁאנֶע מְלִיצָה, צוּ מַאכֶען אונ זִינְגֶען שִׁירִים. זַיי הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וָואס „פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם" אִיז בַּיי זַיי גֶעוֶועהן זֶעהר טְהַייעֶר: גַאנְץ אָפְט פְלֶעגְט זִיךְ זַיי מַאכֶען אַז וֶוען זַיי זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְבּוּנְדֶען מִיט אַיין אַרַאבִּישֶׁען שֵׁבֶט, הָאבֶּען זַיי גֶעמוּזְט מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער, אונ אַז זַיי הָאבֶּען נוֹצֵחַ גֶעוֶועהן פְלֶעגֶען זַיי אַלֵיין אוֹיסְקוֹיפֶען דִי יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ נָאר וָואס מִיט זַיי גֶעשְׁלָאגֶען, כְּדֵי זַיי זָאלֶען נִיט אַרַיינְפַאלֶען אִין פְרֶעמְדֶע הֶאנְד אונ מֶען זָאל זַיי נִיט פֶערְקוֹיפֶען פַאר שְׁקְלַאוֶוען.

דָאס בִּיסֶעל תּוֹרָה, וָואס דִי אַרַאבִּישֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען מִיטְגֶעבְּרַאכְט פוּן דֶער הַיים, אונ וָואס הָאט זִיךְ בַּיי זַיי פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען, וַוייל זַיי הָאבֶּען נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע קֶענְטְנִיסֶע אַללֶע מָאל דֶערְפְרִישֶׁען מִיט נַייעֶ הַסְבָּרוֹת פוּן דִי גְרוֹיסֶע יְשִׁיבוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אונ אִין בָּבֶל, הָאט זַיי גֶעשְׁטֶעלְט הֶעכֶער פוּן דִי אַרַאבֶּער, וָואס הָאבֶּען בִּיז צוּם זִיבֶּעטֶען יַאהר־הוּנְדֶערְט כִּמְעַט נִיט גֶעקָאנְט שְׁרַייבֶּען, אונ פְלֶעגֶען דִי יוּדֶען דֶערְפַאר רוּפֶען „דָאס פָאלְק פוּן דֶער שְׁרִיפְט". דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָבְּגֶעהִיט אַלֶע דִינִים פוּן כָּשֵׁר אונ טְרֵפָה, זַיי הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען אַלֶע תַּעֲנִיתִים, אונ אוּם שַׁבָּת פְלֶעגֶען זַיי קַיין שׁוּם מְלָאכָה נִיט טְהוּן, אֲפִילוּ בַּיי אַ מִלְחָמָה הָאבֶּען זַיי דֶעם טָאג גֶערוּהְט. הָאטְשׁ אִין אַרַאבִּיֶען אִיז זַיי גֶעוֶועהן זֶעהר גוּט, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זַיי אוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף מְשִׁיחַ'ן אונ בַּיים דַאוְונֶען פְלֶעגֶען זַיי זִיךְ מִיט'ן פָּנִים וֶוענְדֶען צוּ דֶער זַייט, וואו יְרוּשָׁלַיִם שְׁטֶעהְט. אִין יַתְרִיב הָאבֶּען זַיי גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע יְשִׁיבָה, נָאר זֵייעֶרֶע לוֹמְדִים הָאבֶּען אַלֵיין נִיט קַיין בֶּעזוּנְדֶערֶע חֲרִיפוּת אַרוֹיס גֶעוִויזֶען.

דִי אַרַאבֶּער פוּן זֵייעֶר זַייט הָאבֶּען גְרוֹיס כָּבוֹד גֶעלֵיינְט אוֹיף דֶער יוּדִישֶׁער

אֱמוּנָה. בַּיי דִי יוּדֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פִּינְקְטְלִיךְ צוּ בֶּערֶעכֶענֶען דִי יָמִים טוֹבִים מִיט דֶער הִילְף פוּן אַ לוּחַ אוּנ דֶערְפַאר הֵייסְט אִין אַרַאבִּישֶׁען אַיין עִבּוּר־יָאהר „נַשִׂיא״, וַוייל דִי יוּדֶען פְלֶעגֶען בֶּעקוּמֶען יְדִיעוֹת וֶועגֶען קִדוּשׁ הַחֹדֶשׁ פוּנ׳ם נָשִׂיא. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוִויזֶען דִי אַרַאבֶּער פוּן וַואנֶען זֵיי שְׁטַאמֶען אַרוֹיס אוּנ אַז זֵיי מָאנֶען אוֹיךְ זֵייעֶר יִחוּס רֶעכְנֶען בִּיז נָאר אִין דִי אַלְטֶע צֵייטֶען. גֶענוּמֶען הָאט זִיךְ עֶס דֶערְפוּן וָואס דִי אַרַאבֶּער הָאבֶּען גֶעהַאט פִּינְף גְרוֹיסֶע יְרִידִים, וָואס נָאר זֵיי, אָדֶער פֶעלְקֶער פוּן אֵיין שְׁטַאם מִיט זֵיי, הָאבֶּען גֶעמָאנְט אַהִין קוּמֶען אוּנ דָארְט הַאנְדְלֶען. דָאס הָאט גֶעפִירְט דֶערְצוּ וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט נֶעהמֶען דִי תּוֹרָה אִין דֶער הַאנְד, אוֹיפְמִישֶׁען דָאס קַאפִּיטֶעל פוּן בְּרֵאשִׁית, וואוּ עֶס וֶוערְד גֶערֶעדְט וֶועגֶען יָקְטָן אוּנ יִשְׁמָעֵאל, אוּנ זֵיי דָערְמִיט דֶערְוַוייזֶען אַז זֵיי זֶענֶען נָאר נִיט קֵיין וַוייטֶע קְרוֹבִים. בַּיי דִי אַרַאבֶּער אִיז דִי מַעֲשֶׂה זֶעהר אָנְגֶעלֵיינְט גֶעוֶועהן, זֵיי הָאבֶּען בַּאלְד דִי יוּדֶען גֶעגֶעבֶּען אַללֶע רֶעכְטֶע, אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַיינְגֶעטְהֵיילְט מִיט׳ן יִחוּס: דִי אַרַאבֶּער פוּן דָרוֹם־זַייט הָאבֶּען גֶעדְרוּנְגֶען אַז זֵיי קוּמֶען אַרוֹיס פוּן יָקְטָן, אוּנ דִי פוּן צָפוֹן־זַייט הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען יִשְׁמָעֵאל׳ן פַאר אַיין אֶלְטֶער־זֵיידֶען.

בַּיי אַזַא גְלִיקְלִיכֶען צוּשְׁטַאנְד פוּן דִי יוּדֶען אִיז קֵיין וואוּנְדֶער נִיט וָואס דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ צִיהֶען צוּ זִיךְ פִיעל אַרַאבֶּער, אוּנ עֶטְלִיכֶע שְׁבָטִים, בֶּעזָאנְדֶערְס דִי בְּנֵי קִינַיְנָה, זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם יוּדֶענְטְהוּם, אוּנ דָאס אִיז פַאר זֵיי נִיט שְׁוֶועהר גֶעוֶועהן וַוייל זֵיי פְלֶעגֶען פְרִיהר אוֹיךְ מַל זַיין דִי קִינְדֶער. נָאר נָאר אַ בֶּעזוּנְדֶער רוֹשֶׁם הָאט אָנְגֶעמַאכְט דָאס וָואס אַיינֶער פוּן דִי מְלָכִים פוּן יֶמֶן (תֵּימָן), טֻבָּה, אִיז גֶעוָוארֶען אַ יוּד. זַיין נָאהמֶען אִיז אֵיינֶענְטְלִיךְ גֶעוֶועהן אַבּוּ־כַּרִיבַּא אַסַד תֻּבַּן, אוּנ אִים יָאהר 600 הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ מִלְחָמָה גֶעגֶען דֶעם פֶּערְסִישֶׁען מֶלֶךְ כַּבַד אוּנ גֶעגֶען דֶעם טְהֵייל פוּן אַרַאבִּיֶען, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶעם שׁוּטְץ פוּן דֶער בִּיצַאנְטִינִישֶׁער מְלוּכָה. אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער הוֹיפְּטְשְׁטַאדְט יַתְּרִיב, זֶענֶען אִיהם דִי אַיינְוָואהנֶער גֶעפֶאלֶען; עֶר הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין זוּהן אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר מִיט׳ן חַיִל וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען. קוֹים אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוֶועהן פוּן יֶענֶער זַייט, הָאט מֶען אִיהם בַּאלְד צוּ וִויסֶען גֶעגֶעבֶּען אַז מֶען הָאט דֶעם זוּהן דֶערְהַרְגֶ׳ט. פוּל מִיט רְצִיחָה, הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט קֵיין יַתְּרִיב אוּנ הָאט בֶּעלַאגֶערְט דִי שְׁטָאדְט, נָאר עֶר הָאט נָאר נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען, וַוייל דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן זֵייעֶר שְׁטַארְק. פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶר קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוּנ עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן צוּ בֶּעקוּמֶען וַואסֶער צוּ לֶעשֶׁען זַיין דוּרְשְׁט. מִיט דֶער גֶעלֶעגֶענְהֵייט הָאבֶּען זִיךְ בֶּעִ־

נוצט צְוֵויי יודישע לוֹמְדִים פון יַתְּרִיב׳ קַאאַב און אַסַאד, זֵיי זָענֶען געקומען צום קְרַאנְקֶען קֶאנִיג און הָאבֶּען איהם פַארְשְׁטֶעהן גֶעגֶעבֶּען אַז דָאס גְלַייכְסְטֶע איז עֶס זָאל וֶוערֶען שָׁלוֹם. דֶערְבַּיי איז גֶעוָוארֶען אַ שְׁמוּעָס וֶוענֶען דֶעם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען, דֶער קֶאנִיג הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט בֶּעקַאנְט מַאכֶען מִיט׳ן גַאנְצֶען בִּנְיָן פון דֶער אֱמוּנָה, און זִי איז איהם אַזוֹי גֶעפֶעלֶען אַז עֶר הָאט זִי בַּאלְד צוּזַאמֶען מִיט׳ן חַיִל אָנְגֶענוּמֶען. עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען דִי צְוֵויי לוֹמְדִים זֵיי זָאלֶען מִיט איהם פָאהרֶען קַיין יֶמֶן און איהם הֶעלְפֶען צוּרֶעדֶען דָאס פָאלְק זֵיי זָאלֶען אַלֶע אוֹיךְ וֶוערֶען יוּדֶען. אַ גַאנְץ פָאלְק איז אָבֶּער שְׁוֶוער אִיבֶּערְצוּרֵיידֶען, און דֶערְפַאר איז דֶער רוֹב פון זֵיי נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען בַּיים גֶעטְצֶען־דִיעֶנְסְט. אֵיין שֵׁבֶט, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען „דִי קַאנְדִיטֶען“, הָאט בַּאלְד אָנְגֶענוּמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה און זֵייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער חַרִית־אִבְּן־עַמְרוּ איז גֶעוָוארֶען שֵׁנִי לְמַלְכוּת און הָאט גֶעהַאט צוּ שַׁאפֶען אִיבֶּער יַתְּרִיב און מֶעקַא. מִיט גְרוֹיס פְרֵייד הָאבֶּען אַלֶע יוּדֶען פון וַוייט און פון נָאהֶענְט זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז עֶס איז פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעוואַקְסֶען אַ שְׁפָּאגֶעל נַייֶע יוּדִישֶׁע מְלוּכָה. נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע גֵרִים זָענֶען מֶעהר גֶעוֶועהן יוּדֶען מִיט דֶעם נָאהמֶען, דָאס רֶעכְטֶע יוּדִישְׁקַייט הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעפֶעסְטִיגֶען אִין דֶער צַייט וָואס דִי מְלוּכָה פון יֶמֶן איז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַבּוּ־כַּרִיבַּא׳ס אֵיינִיקֶעל זְרְעָה־דְהוּ־נָאוַואס, וָואס הָאט צוּ זַיין נָאהמֶען צוּגֶעזֶעצְט דֶעם יוּדִישֶׁען נָאהמֶען יוֹסֵף. עֶר איז גֶעוֶועהן אַ הֵייסֶער יוּד מִיט׳ן גַאנְצֶען הֶערְצֶען און דִי צָרוֹת פון זַיינֶע בְּרִידֶער אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער הָאבֶּען איהם נִיט גֶעגֶעבֶּען קַיין רוּה. עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען נוֹקֵם צוּ זַיין זִיךְ אִין דִי פֶעלְקֶער וָואס רוֹדֵף׳ן יוּדֶען, און אַז בִּיצַאנְטִינִישֶׁע סוֹחֲרִים זָענֶען דוּרְכְגֶעפָאהרֶען דוּרְךְ יֶמֶן, הָאט עֶר זֵיי גֶעהֵייסֶען הַרְגֶענ׳ען. אַזַא זַאךְ הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען רַעַשׁ צְווִישֶׁען דִי קְרִיסְטֶען, און דִי עֶרְשְׁטֶע זָענֶען גֶעוֶוען איהם אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דִי אַיינְוואוֹהנֶער פון נַאגְרַאן, וָואס הָאבֶּען שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעהַאלְטֶען דִי קְרִיסְטְלִיכֶע אֱמוּנָה. וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס, הָאט זִיךְ מִיט זֵיי דֶער קֶאנִיג יוֹסֵף גוּט אָבְּגֶערֶעכֶענְט, וַוייל צְווִישֶׁען אַלֶע קְרִיסְטֶען איז אַרוֹיס אַ גְוַואלְד אַז דֶער יוּדִישֶׁער מֶלֶךְ הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁחִיטָה, און דֶער סִירִישֶׁער עֶפִּיסְקָאפּ שִׁמְעוֹן הָאט בַּאלְד, מִיט דֶער הִילְף פון אַנְדֶערֶע גֵייסְטְלִיכֶע, אָנְגֶעהוֹיבֶּען דְרֶעהֶען אַז דֶער קֶאנִיג פון אֶטְהִיָאפִּיֶען זָאל אָנְהֵייבֶּען אַ קְרִיעג מִיט יוֹסֵף׳ן. דֶער אֵייגֶענֶער עֶפִּיסְקָאפּ הָאט אוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען אַיין עֵצָה מֶען זָאל אִין טְבֶרְיָה עֶטְלִיכֶע לוֹמְדִים אַיינְזֶעצֶען אִין תְּפִיסָה און מֶען זָאל זֵיי גֵייטְהֶען זֵיי זָאלֶען שְׁרַייבֶּען יוֹסֵף׳ן עֶר זָאל דִי קְרִיסְטֶען מֶעהר נִיט טְשֶׁעפֶּען. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפְּרוּבְט אָנְצוּרֵייצֶען אוֹיף יוֹסֵף׳ן דֶעם בִּיצַאנְטִינִישֶׁען קֵייזֶער

יוֹסְפִין דֶעם עֶרְשְׁטֶען, נָאר עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן פֶערְנוּמֶען אִין קְרִיעג מִיט פֶּערְסִיֶען, אוּנ אַחוּץ דֶעם אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶועהן צוּ שְׁוַואךְ אוּנ אַלְט, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר קָאן זִיךְ נִיט לָאזֶען אִין אַזַא וַוייטֶען וֶועג אוּנ אַז עֶר וֶועט שְׁרַייבֶּען צוּם קֶאנִיג פוּן אֶטְהִיָאפִּיֶען, וָואס אִיז אוֹיךְ אַקְרִיסְט אוּנ וֶועט זִיךְ גֶעוִויס נִיט אָבְּזָאגֶען מִיט כֹּחַ צוּ שְׁטִיצֶען זַיין אֱמוּנָה. אַזוֹי הָאט מֶען פוּן אַללֶע זַייטֶען אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט דֶעם קֶאנִיג פוּן אֶטְהִיָאפִּיֶען, אַל-אַצְבַּח, וָואס אִיהם הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָאכֶען פַאר וָואס דִי קְרוֹין פוּן אַ מְלוּכָה גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיפ'ן קָאפּ פוּן אַ יוּדֶען. עֶר הָאט בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זֶעהר פִיעל שִׁיפֶען מִיט חַיִל אוּנ צוּ אִיהם זֶענֶען נָאךְ צוּגֶעקוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אַ סַךְ שִׁיפֶען; יוֹסֵף הָאט גֶעגֶען אַזַא גְרוֹיסֶער מַחֲנֶה נִיט גֶעקָאנְט בֶּעשְׁטֶעהן, זַיין הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט זַפַּר אִיז בַּאלְד גֶעפַאלֶען, דִי קֶאנִיגִין הָאט מֶען גֶעפַאנְגֶען, אַללֶע אוֹצְרוֹת פוּן דֶער מְלוּכָה הָאט מֶען אָבְּגֶעגְרַאבֶּעוֶועט, אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט נִיט גֶעוָואלְט אִיבֶּער-לֶעבֶּען דִי בּוּשָׁה אוּנ אַרַיינְפַאלֶען צוּם שׂוֹנֵא אִין דִי הֶאנְד, הָאט עֶר זִיךְ, רַייטֶענְדִיג אוֹיפ'ן פֶערְד, אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין יַם. פוּן דִי יוּדֶען אִין יֶמֶן אִיז גֶעוָוארֶען אַ תֵּל, אוּנ דֶער גְלַאנְץ פוּן זֵייעֶר מְלוּכָה הָאט נָאר אוֹיף אֵיין רֶגַע אַ בְּלִיטְץ גֶעטְהוּן, כְּדֵי דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ זָאל זִיךְ נָאךְ דֶעם אוֹיסְוַוייזֶען נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער.

גְרָאד אִין דֶער צַייט הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעחַאפְּט אַ אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט צְווִישֶׁען דִי יוּדֶען פוּן יַתְּרִיבּ אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע אַיינְוָואהנֶער. כָּל זְמַן דֶער מֶלֶךְ פוּן יֶמֶן הָאט גֶעהַאט צוּ שַׁאפֶען אִיבֶּער דֶער מְדִינָה, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעשְׁפִּיעלְט דִי הוֹיפְּט-רָאללֶע, אוּנ דָאס גַאנְצֶע חַיִל הָאט גֶעפִיהרְט אַ יוּדִישֶׁער הוֹיפְּטְמַאנְן אַל-גִהִיטִיגוּן. דָאס הָאט פֶערְדְרָאסֶען דִי אַרַאבֶּער, אוּנ קוֹים הָאבֵּען זֵיי דֶערְפִיהלְט אַז אִין יֶמֶן אִיז שׁוֹין קֵיין יוּדִישֶׁער מֶלֶךְ נִיטָא אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען נִיט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ אָנְ-צוּשְׁפַּארֶען, הָאבֶּען זֵיי בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַאכְטֶען וִוי אַזוֹי פוּן זִיךְ אַרָאבְּצוּ-וַוארְפֶען דֶעם יוּדִישֶׁען עוֹל. דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען דִי יוּדֶען דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּנ'ם שֵׁבֶט נְהַאסַא הַרִיתְ אִבֶּן אַבּוּ-שַׁמִיר, וָואס הָאט זִיךְ מִיט זַיין חַיִל צוּגֶעצוֹיגֶען קֵיין יַתְּרִיבּ. קֵיין אָפֶענֶע שִׂנְאָה אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט נִיט גֶעוֶועהן צְווִישֶׁען בֵּיידֶע פֶאלְקֶער, אוּנ אַז עֶר הָאט צוּ זִיךְ אִין לַאגֶער פַארְבֶּעטֶען עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע הוֹיפְּטְלַייט זֶענֶען זֵיי מִיט שִׂמְחָה גֶעגַאנְגֶען וִוי צוּ אַ גוּטֶען פְרַיינְד. קוֹים הָאבֶּען זֵיי אָבֶּער נָאר אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטֶען הַרִיתְ'ס שְׁוֶועל, הָאט מֶען זֵיי אַללֶע אוֹיסְגֶעהַרְגֶ'ט, דֶערְנָאךְ הָאט הַרִיתְ גֶעזָאגְט דִי אַרַאבֶּער אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בֶּעפְרַייעֶן פוּן דִי שׂוֹנְאִים אוּנ דָאס אִיבְּרִיגֶע דַארְפֶען זֵיי אַלֵיין פַארְשְׁטֶעהן. דִי אַרַאבֶּער הָאבֶּען טַאקִי פֶערְשְׁטַאנֶען דֶעם וִוינְק אוּנ הָאבֶּען

זיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען קוֹדֶם כָּל אַיין סוֹף מַאכֶען פוּן דִי פָאַרְשְׁטָעהֶער, וַוייל זֵיי וָעגָען גֶעוֶועהן זִיכֶער אַז דָאס פָאלְק וֶועט שׁוֹין דָער נָאךְ מְמֵילָא אַיינְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ. זֵיי הָאבֶּען אַ קוּרְצֶע צַייט בֶּעהַאלְטֶען דֶעם כַּעַס אוֹיף דִי יוּדֶען אוּנ מִיט זֵיי דַוְקָא גוּט גֶעלֶעבְּט אוּנ פְּלוּצְלוּנְג נָאר, בַּיי אַ שִׂמְחָה, וֶוען אַללֶע יוּדִישֶׁע הוֹיפְּטלַייט וָענֶען גֶעוֶועהן פַארְזַאמֶעלְט. מֶען הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען, צוּזַאמֶען גֶעטְרוּנְקֶען אוּנ גֶעגֶעסֶען, וָענֶען דִי אַרַאבֶער אוֹיף זֵיי אָנְגֶעפַאלֶען אוּנ גֶעטֵייטְט. אַוַדַאי וָעגֶען דִי יוּדֶען בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק אַרָאבְּגֶעפַאלֶען, אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאבֶּען זַיי שׁוֹין גֶעמוּזְט דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבֶּען פַאר דִי אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים, וָואס צוּ זֵיי אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאנְצֶען דִי מַאכְט.

אִין יֶענֶער צַייט הָאט גֶעלֶעבְּט אַ בֶּערִיהמְטֶער יוּדִישֶׁער דִיכְטֶער שְׁמוּאֵל אִבְּן עַדִיָה, וָואס זַיין נָאהמֶען אִיז גֶעוֶועהן גְרוֹיס צְוִוישֶׁען אַללֶע אַרַאבֶער. זַיין פָאטֶער הָאט פְרִיהֶר גֶעוָואהנְט אִין יַתְרִיבּ, נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיט אַ בֶּעזוּנְדֶער פֶעסְטוּנְג אִין דֶער גֶעגֶענְד פוּן תֵּימָא, אוּנ דִי פֶעסְטוּנְג וָואס אִיז גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעפַארְבְּט מִיט אַלֶערְלֵיי קָאלִירֶען, הָאט מֶען גֶערוּפֶען אַלַבְּלַק. דָארְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ בֶּעזֶעצְט שְׁמוּאֵל אוּנ בִּיסְלֶעכְוַייז אִיז עֶר גֶעוָוארֶען פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן עֶטְלִיכֶע אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער מַכְנִיס אוֹרַח אוּנ פְלֶעגְט בֶּעשִׁיצֶען יֶעדֶען וָואס הָאט גֶעזוּכְט בַּיי אִיהם הִילְף, אִיז אַמָאל צוּ אִיהם גֶעקוּמֶען דֶער זוּהן פוּנ׳ם קֶענְדִיטִישֶׁען מוֹשֵׁל אִימְרוּ־אַלְקִישׁ, וָואס שׂוֹנְאִים הָאבֶּען אִיהם פֶערְפָאלְגְט אוּנ עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען שְׁמוּאֵל׳ס פֶעסְטוּנְג פַאר אַ פְּלַאץ, וואו זִיךְ צוּ בֶּעהַאלְטֶען. שְׁמוּאֵל הָאט אִיהם מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה בַּיי זִיךְ אַ לַאנְגֶע צַייט גֶעהַאלְטֶען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַוֶועקְצוּפָאהרֶען צוּם קֵייזֶער יוּסְטִינְיַאן. פַאר דֶער נְסִיעָה הָאט אִימְרוּ־אַלְקִישׁ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען בְּסוֹד שְׁמוּאֵל׳ן פַאנְצֶערְס אוּנ גֶעוֶועהר אוּנ הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל עֶס שְׁטַארְק אָבְּהִיטֶען בִּיז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ גְרָאד הַרִית אִבְּן אַבּוּ־שַׁמִיר צוּגֶערוּקְט קֵיין יַתְרִיבּ, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז בַּיי שְׁמוּאֵל׳ן וָענֶען בֶּעהַאלְטֶען כְּלֵי־זַיִן הָאט עֶר בֶּעלַאגֶערְט זַיין פֶעסְטוּנְג. עֶס הָאט אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעהָאלְפֶען, וַוייל שְׁמוּאֵל הָאט גֶעזָאגְט אַז פַאר פְרֶעמְד פֶערְמֶעגֶען מוּז עֶר מֶעהר דָאס לֶעבֶּען שְׁטְרֶעקֶען וִוי פַאר אֵייגֶענְס. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען וָואס אַיין אַם אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען מִיט שְׁמוּאֵל׳ס אַ קִינְד, דֶער שׂוֹנֵא הָאט זֵיי גֶעחַאפְּט אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעלָאזְט זָאגֶען שְׁמוּאֵל׳ן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיט אַרוֹיסְגֶעבֶּען דָאס גֶעוֶועהר וֶועט מֶען זַיין קִינְד הַרְגֶ׳נֶען. מֶען קָאן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען דִי לַאגֶע פוּנ׳ם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען פָאטֶער....

ער האט אָבער ניט לאַנג געטראַכט און האָט בעפוילען דעם שונא אַז ער מעג טהון וואָס ער וויל, ווייל „זיין וואָרט איז הייליג און זיין זוהן האָט נאָך ברידער". מיט זיינע אייגענע אויגען האָט ער געמוזט זעהן פון ווייטענס ווי מען האָט אָהן רחמנות געקוילעט זיין אומשולדיג קינד, נאָר הריתּ האָט געמוזט אָבטרעטען פון דעם פעסטונג מיט גאָר נישט. דערפאַר האָט דער זכר פון שמואל'ן און פון זיינע קינדער לאַנג געלעבט ביי די אַראַבער, און זיין זוהן שריה איז אויך געגאַנגען אין דעם וועג פון'ם פאָטער. נאָך אין די שפּעטערע דורות אַז די אַראַבער האָבען געוואָלט לויבען אַ מענשען אַז ער איז אַיין עהרליכער מאַנן און מען מעג איהם געטרויען, פלעגען זיי זאָגען אַז ער איז „אַזוי גוט ווי שמואל".

ניט לאַנג האָט פון דעסטוועגען געדויערט די טרויעריגע לאַגע פון די אַראַבישע יודען. ביז צום סוף פון'ם זעכסטען יאָהר הונדערט האָט זיך ווייטער דאָס ראָד אַ דרעה געטהון, פיעל אַראַבישע שבטים האָבען זיך צושלאָגען צווישען זיך און די יודען האָבען זיך נאָך אַ מאָל אַרויפגעהאָפּט אויף זייער פרייהייטען שטאַנד, און יתריב האָט צוריק בעקומען זיין גלאַנץ.

די יודען האָבען אָבער ניט נאָר עטליכע אַראַבישע שבטים איינגעפּלאָסט אַ ליעבשאַפט צו זייער אמונה, נאָר זייער ווירקונג האָט געפיהרט דערצו וואָס צווישען די אַראַבער איז געבוירען געוואָרען אַ גרינדער פון אַ נייע'ן גלויבען, וואָס האָט ביסלעכוויים פערהאָפּט גאַנץ אַזיען און אַנדערע לאַנדער און שפּיעלט נאָך אין אונזערע יאָהרען אַ גרויסע ראָללע. מחמד, דער נביא פון מעקא און מדינה, איז אַלליין קיין יוד ניט געוועהן, נאָר די גאַנצע יסודות פון זיין אמונה האָט ער געשעפּט פון יודישע קוועלען. אַז ער איז אַרומגעפאָהרען איבער דעם לאַנד, איז ער געוואָהר געוואָרען אַז עס איז דאָ אַ פאָלק וואָס דיענט אַ איינציגען גאָטט און ציכענט זיך אויס מיט זעהר גוטע מדות. דערצו איז נאָך דער פעטער פון זיין פרוי, וואַראַקה אבן נופאיל, איינער פון די בכבוד'סטע בעלי־בתּים אין מעקא, געוואָרען אַ יוד, ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט לשון קדש, און פלעגט איהם זעהר פיעל דערצעהלען מעלות פון'ם יודישען גלויבען און פון דער תּורה.

אַז עס איז אַרויס דער ערשטער קלאַנג וועגען מחמד'ס רוח הקדש און וועגען די נביאות וואָס דער מלאך גבריאל ניט איהם איבער, און דער „נביא" אַלליין האָט זיך גענומען מאַכען אַ נייע תּורה פאַר זיינע תּלמידים, האָט מען נעקאָנט בעמערקען אויף זיין גאַנצען למוד אַ ריינע יודישע צורה. מחמד האָט געפאָדערט מען זאָל גלויבען, אַז אויסער „אַללאה" איז קיין גאָטט ניטאָ, און

אַז עֶר הָאט קַיין שׁוּם בִּילְד נִיט ; עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען וִוי נַאריש דָאס גֶאמְצֶענְדִיעֶנְסְט אִיז, וִוי שְׁלֶעכְט עֶס טְהוּעֶן דִי מֶענְשֶׁען וָואס הִיטֶען נִיט אָב קַיין צְנִיעוּת ; עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיגֶען גֶעגֶען דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען אַכְזָרִיוּת וָואס פִיעל עֶלְטֶערְן הָאבֶען בֶּעוִויזֶען וֶוען זֵיי הָאבֶען דִי נַייגֶעבָארֶענֶע מֵיידֶעלֶעךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין וַואסֶער, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט מִיט פֶערְגְנִיגֶען בֶּעטְרַאכְט וִוי דֶער קָאראַן (אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסֶען מַחֲמֶד'ס נַייעֶ תּוֹרָה) אִיז פוּל מִיט אַלֶע בֶּעסְטֶע זַאכֶען, וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תַּנַ"ךְ אוּנ פוּנ'ם תַּלְמוּד.

צוּם אָנְהֵייבּ הָאט מַחֲמֶד זִיךְ גֶעפְּרוּבְט אַרְבֵּייטֶען אִין מֶעקַא, נָאר דָארְט הָאט מֶען אִיהם נִיט גֶעוָואלְט הָאבֶען, וַוייל דִי אַיינְוָואהְנֶער זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְזוּנְקֶען אִין גֶאטְצֶענְדִיעֶנְסְט ; דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָוארְפֶען קַיין יַתְּרִיבּ, וואוּ עֶר הָאט גֶעקָאנְט הָאפֶען אַז דִי אַרַאבֶּער, וָואס וָואהְנֶען צְוִוישֶׁען יוּדֶען, וֶועלֶען גִיכֶער אָנְגֶעהְמֶען זַיין תּוֹרָה. בַּיי אַזַא אוֹפֶן הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר מוּז זַיין גוּט מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַיינְרֶעדֶען אַז עֶר מֵיינְט נָאר דָאס יוּדִישְׁקַייט בֶּעפֶעסְטִיגֶען צְוִוישֶׁען דִי אַרַאבֶּער. אוּם יוֹם כִּפּוּר אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין יַתְּרִיבּ אוּנ כְּדֵי צוּ וַוייזֶען דִי יוּדֶען וִוי אַזוֹי עֶר אִיז צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ יוּדִישֶׁע גֶעזֶעצֶע אוּנ מִנְהָגִים, הָאט עֶר בַּאלְד זַיינֶע לַייט אוֹיךְ אַיינְגֶעפִיהְרְט אַ תַּעֲנִית, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען „עֲשָׂרָה", אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען אַז בַּיים דַאוְונֶען זָאלֶען זִיךְ דִי אַרַאבֶּער אוֹיךְ וֶוענְדֶען מִיט'ן פָּנִים קַיין יְרוּשָׁלַיִם. זַיין גַאנְצֶע הַנְהָגָה אִיז אַזוֹי גֶעוֶועהן אַז דִי יוּדֶען פוּן יַתְּרִיבּ הָאבֶען אִיהם מִיט רֶעכְט גֶעטָאנְט רֶעכְנֶען פַאר אַ גֵר ; עֶר הָאט גֶעהַאלְטֶען נֶעבֶּען זִיךְ אַ יוּדִישֶׁען שְׁרַייבֶּער, אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי גֶעלֶערְנְטֶע יוּדֶען עַבְּדַלַה אִבְּן שַׁלַם אִיז אִיהם גֶעוֶועהן שְׁטַארְק בֶּעהִילְפִיג בַּיים צוּנוֹיפְשְׁטֶעלֶען פוּנ'ם קָאראַן.

מַחֲמֶד הָאט אָבֶּער אִין יַתְּרִיבּ אוֹיךְ נִיט גֶעפוּנֶען קַיין סַךְ תַּלְמִידִים, וַוייל פִיעל זֶענֶען מְסוּפָּק גֶעוֶועהן אִין זַיין אֱמֶת פְרוּמְקַייט, אוּנ הָאבֶען גֶעדְרוּנְגֶען אַז אַ מֶענְשׁ, וָואס הָאט לִיעבּ גוּט עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ הָאט קַיין וַוייבֶּער אוֹיךְ נִיט פַיינְד, קָאן קַיין נָבִיא נִיט זַיין. עֶר הָאט גֶעהַאט פִיעל גֶעגְנֶער פוּן אַרַאבֶּער אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס פוּן יוּדֶען, וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהן מְבִינִים אוֹיף אִיהם אוּנ הָאבֶען גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט מִיט זֵיי אִיז מֶעהר נִיט וִוי אַ צוּקֶערְלֶעקְכֶעל, וָואס מֶען דַארְף עֶס נָאר צוּקַייעֶן דֶערְפִיהְלְט מֶען שׁוֹין נָאר אַיין אַנְדֶער טַעַם. צְוִוישֶׁען זַיינֶע מִתְנַגְדִים זֶענֶען גֶעוֶועהן פִּנְחָס אִבְּן עֲזוּרָה, אַ גְרוֹיסֶער חָרִיף וָואס הָאט אָפְט אֶפֶענְטְלִיךְ גֶערֶעדְט גֶעגֶען זַיין לִמּוּד, קַאבּ אִבְּן אַשְׁרַף, אַ זוּהן פוּן אַיין אַרַאבִּישֶׁען פָאטֶער אוּנ אַ יוּדִישֶׁע מוּטֶער, אַבּוּ אַפַּק, אַ זָקֵן פוּן

הונדערט יאהר, וואס אַללע אַראַבער האָבען איהם געאַכט אונ געהערט, אונ קַבָּלָה, וואס האָט זיך גערעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע לומדים. זיי פלעגען אַללע חוזק מאַכען פון מחמד'ן, נאָר ער האָט זיך אָבער ניט וויסענדיג געמאַכט אונ פלעגט נאָר שרייען צו די תלמידים אַז מען זאָל די יודען ניט זאַט-שעפען „ווייל זיי גלויבען אין דעם איינעגעם גאָטט וואָס ער". מחמד איז גאָר קיין נאַר ניט געוועהן, אונ אַז ער האָט זיך ענטשלאָסען מיט קיינעם זיך ניט צו קריגען, האָט ער געוואוסט אַז אַזוי איז פאַר איהם גלייכער. ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געקאָנט אַזוי האַלטען, ווייל פון איין זייט האָבען איהם די יודען אָנ-געהויבען דעקוטשען גאָר אויף איין אַנדער אופן: זיי האָבען אָבגערעדט פיעל מענשען וואָס האָבען שוין געוואָלט צושטעהן צו איהם, אונ האָבען בעזאָנדערס אָנגעמאַכט אַ שנאה צווישען איהם אונ עבד-אלה אבן אובייה, וואָס איז גע-וועהן דער פאַרשטעהער פון דער גאַנצער שטאָדט יתריב; פון דער אַנדערער זייט האָבען זיינע תלמידים אָנגעהויבען פאָדערן ער זאָל זיי זאָגען ריינע דבורים, ווי אַזוי זיי דאַרפען קוקען אויף דעם יודישען גלויבען. דאָס האָט איהם שוין געצוואונגען זיך צו נעהמען גאָר אויף איין אַנדערן דרך: ער האָט מבטל געוועהן אַללע מנהגים וואָס האָבען נאָר געהאַט אַ שייכות צו יודישקייט, דער תענית „עשרה" האָט אויפגעהערט, פאַסטען האָט ער געהייסען אַ גאַנצען חדש ראַמאַ-דאַן, ביים געבעט האָט מען זיך שוין געדאַרפט שטעלען מיט'ן פנים קיין מעקאַ, אונ ביסלעכווייס האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון אַלע שבחים וואָס ער האָט פריהר אָבגעגעבען דער יודישער אמונה.

מחמד האָט זיך אָבער ניט געקאָנט בעגניגען מיט דער ראָללע פון אַ נביא, ער האָט אויך געוואָלט זיין אַ גבור, עס האָט איהם געצויגען זיין גלויבען צו בעפעסטיגען מיט דער קראַפט פון דער שווערד, אונ קוים האָט ער זיך געפיהלט אין כח האָט ער אין יאָהר 620 אָנגעהויבען אַ קריעג מיט איינעם פון די אַראַ-בישע שבטים. אַז די מלחמה איז איהם געראָטהען אונ ער האָט זיך שוין גע-רעכענט פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען כליף (הערשער), איז ער ביי זיך גאָר גרויס געוואָרען אונ האָט אָנגעהויבען טראַכטען ווי זיך אָבצורעכנען מיט די יודען. ער האָט אָבער אַזוי פיעל שכל געהאַט אַז ער האָט זיך ניט געוואָלט איינשטעלען באַלד אָנפאַלען אויף די שטאַרקע יודישע שבטים, אונ דערפאַר האָט ער זיך פריהר געטשעפעט צו די בני קינוקה, וואָס האָבען זיך גערעכענט פאַר'ן קלענסטען אונ שוואַכסטען שבט. גענומען האָט זיך עס דערפון וואָס איינער פון די מחמד'-נער האָט דערהרגעט אַ יודען אונ מען האָט זיי דערפאַר ניט געשוויגען; מחמד

הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט זָאגֶען אַז עֶר קָאן זֵיי נָאר מוֹחֵל זַיין וֶוען זֵיי וֶועלֶען אִיבֶּערגֶעהְן צוּ זַיין גְלוֹיבֶּען, אוּנ וֶוען נִיט — מַאכְט עֶר פוּן זֵיי אַ תֵּל. זֵיי הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט אַז דִי אִיבְּרִיגֶע יוּדִישֶׁע שְׁבָטִים וֶועלֶען זֵיי גֶעהְן צוּ הִילְף אוּנ הָאבֶּ֗ן נִיט גֶעוָואלְט בֶּעשְׁטֶעהְן אוֹיפ׳ן מַחֲמֶד׳ס תְּנַאי. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער אַ טָעוּת גֶעהַאט, יֶעדֶער יוּדִישֶׁער שֵׁבֶט הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט אוּנ קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט רִירֶען; פוּנְפְצֶעהְן טָאג הָאט גֶעדוֹיעֶרְט דִי מִלְחָמָה אוּנ סוֹף כָּל סוֹף הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען. מַחֲמֶד הָאט גֶעוָואלְט מַאכֶען אוֹיף זֵיי אַלֶּע אַ שְׁחִיטָה, נָאר עַבְד־אַלַּה אִבְּן אוּבַּיֵּיה הָאט אִיהם נִיט דֶערְלָאזְט דֶערְצוּ, אוּנ זִיבֶּען הוּנְדֶערְט מַאנְן פוּן זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ אַנְטְלוֹיפֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נַאקֶעט אוּנ בְּלוֹיז, וַוייל דִי מַחֲמֶד׳נֶער הָאבֶּען אָבְּגֶערַאבֶּעוֶועט זֵייעֶר פַּארְמֶעגֶען. נָאךְ דֶעם נִצָּחוֹן הָאט מַחֲמַד שׁוֹין אַוֶועקְגֶעלֶעגְט דִי בוּשָׁה אָן אַ זַייט אוּנ הָאט פַּארְוֶועהְרְט זַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס זֵייעֶר צָאהל אִיז גֶעוָוארֶען אַלֶּע מָאל גְרֶעסֶער, זֵיי זָאלֶען זִיךְ אִין קֵיין זַאךְ נִיט אָנְקֶעהְרֶען מִיט דִי „שֶׁאנְדְלִיכֶע״ פֶאלְקֶער וִוי יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען אוּנ זֵיי נִיט בֶּעשִׁיצֶען. דֶעם נִיפְט פוּן אַזָא בֶּעפֶעהל הָאבֶּען דִי יוּדֶען בַּאלְד דֶערְפִיהלְט, וַוייל אַלֶּע אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים, וָואס הָאבֶּען בִּיז אַהֶער מִיט זֵיי גֶעמַאכְט יַד אַחַת, הָאבֶּען זֵיי אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ אַלֵיין צְוִוישֶׁען נַייֶע אוּנ צוּרֵייצְטֶע שׂוֹנְאִים.

דִי יוּדֶען הָאבֶּען מִן הַסְתָּם מַחֲמֶד׳ן נִיט גֶעקֶענְט זַיין קֵיין גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ דֶערְפַאר אִיז קֵיין וואוּנְדֶער נִיט וָואס דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּנ׳ם שֵׁבֶט בְּנֵי נַדִיר, אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר חוּיַיה אִבְּן אַחְטַב, הָאט פַארְבֶּעטֶען דֶעם „נָבִיא״ צוּ זִיךְ אִין דֶער פֶעסְטוּנְג זוּהַרָה, אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז עֶס וֶועט אִיהם גֶערָאטְהֶען דָארְט מִיט אִיהם צוּ עֶקֶען. מַחֲמֶד הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעשְׁטוֹיסֶען וָואס דִי יוּדֶען מֵיינֶען, אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֶעהט פוּן דֶער סַכָּנָה. אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפִיהלְט זִיכֶער אִין יַתְּרִיבּ, וָואס הָאט שׁוֹין גֶעהֵייסֶען מְדִינַה, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי בְּנֵי נַדִיר, אוּנ הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט זָאגֶען אַז אִין צֶעהְן טָאג אַרוּם זָאל פוּן זֵיי קֵיין זֵכֶר נִיט בְּלַייבֶּען אִין לַאנְד, אָדֶער זֵיי זָאלֶען זִיךְ רֶעכְטֶען אוֹיפ׳ן טוֹיט. דִי בְּנֵי נַדִיר הָאבֶּען גֶעוָואלְט אַוֶועק פוּן דֶער הֵיים, נָאר עַבְד־אַלַּה אִבְּן אוּבַּיֵּיה הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעמוּנְטֶערְט צוּם קְרִיעג אוּנ הָאט זֵיי פֶערְזִיכֶערְט אַז אַלֶּע יוּדֶען וֶועלֶען זֵיי שִׁיטְצֶען וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ. אוּמְזִיסְט הָאבֶּען זֵיי אָבֶּער גֶעוַוארְט אוֹיף הִילְף: מַחֲמֶד הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי מִלְחָמָה דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַאקְט אַלֶּע טֵייטֶעל בּוֹימֶער אוּנ הָאט צוּגֶענוּמֶען בַּיי דִי יוּדֶען דָאס לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל. נָאר עֶטְלִיכֶע טָאג הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אוּנ דֶערְנָאךְ הָאבֶּען זֵיי

זִיךְ גֶעמוּזְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען, אוּנ מַחְמֶד הָאט זֵיי עֶרְלוֹיבְּט אַוֶועקְצוּגֶעהְן אוּנ יֶעדֶער הָאט גֶעמָאגְט מִיט נֶעהְמֶען פוּן זַיין פֶערְמֶעגֶען אַזוֹי פִיעל וִוי פִיעל עֶס קָאן אַרוֹיף אוֹיף אַ קָאמֶעל. זֶעכְס־הוּנְדֶערְט מַאנְן זֶענֶען אַזוֹי אַוֶועק פוּן דָארְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט, אַ טְהֵייל צְוִוישֶׁען זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין חַיְבַּר (חָבוּר), אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע — אִין אֶדְרֶעִי אוּנ נִיט וַוייט פוּן יְרִיחוֹ.

דִי פֶערְטְרִיבֶּענֶע בְּנֵי נַדִיר הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט בֶּערוּהִיגֶען; דְרַייא גְרוֹיסֶע מֶאנְנֶער פוּן זֵיי, חוּיֵיה, קִינַיְנָה אִבְּן רַבִּיָה אוּנ סַלָם אִבְּן מִשְׁכָּן הָאבֶּען אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט עֶטְלִיכֶע אַרַאבִּישֶׁע שְׁבָטִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהְן שׂוֹנְאִים פוּן מַחְמַד אוּנ הָאבֶּען בַּיי זֵיי גֶעפּוֹעֶל'ט זֵיי זָאלֶען אַלֶע צוּזַאמְמֶען אָנְהֵייבֶּען אַ מִלְחָמָה גֶעגֶען מַחְמֶד. שְׁוֶוערֶער אִיז זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ צוּרֶעדֶען דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ צוּשְׁטֶעהְן: דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי בְּנֵי קוּרִיזָה, קַאַבּ אִבְּן אַסַד, הָאט פְּרִיהֶר גָאר נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען פוּן קְרִיעג, וַוייל זַיין שֵׁבֶט אִיז גֶעוֶועהְן פֶערְבּוּנְדֶען מִיט דִי מַחְמֶד'נֶער, אוּנ נָאר מִיט גְרוֹיס מִיה אִיז עֶר דַארוֹיף מוּסְכָּם גֶעוָוארֶען. אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען צֶעהְן טוֹיזֶענְד מַאנְן אוּנ הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ פְּלַאן מֶען זָאל גָאר פְּלוּצְלוּנְג אָנְפַאלֶען אוֹיף מְדִינָה. מַחְמֶד אִיז אָבֶּער דֶערְפוּן בֶּעצַייטֶענְס גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען מַאכֶען אַרוּם דֶער שְׁטָאדְט אַ טִיעפֶען גְרָאבֶּען, כְּדֵי דֶער שׂוֹנֵא זָאל נִיט קָאנֶען אַזוֹי גִיךְ אַרַיין. דֶער גְרָאבֶּען הָאט אוֹיךְ אָבְּגֶעראטֶעוֶועט מַחְמֶד'ן, אוּנ קוֹים הָאבֶּען דִי שׂוֹנְאִים אָבְּגֶעטְרָאטֶען פוּן מְדִינָה, הָאט עֶר זַיין גַאנְצֶען כַּעַס אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ דִי יוּדֶען. מִיט דְרַייא טוֹיזֶענְד מַאנְן הָאט זִיךְ מַחְמֶד גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דִי בְּנֵי קוּרִיזָה, אוּנ פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג טָאג כְּסֵדֶר הָאט עֶר בֶּעלַאגֶערְט זֵייעֶרֶע פֶעסְטוּנְגֶען. אַז דִי לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל זֶענֶען בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען, אוּנ הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען מַחְמֶד'ן עֶר זָאל זֵיי לָאזֶען אַוֶועקְגֶעהְן מִיט וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער, וִוי עֶר הָאט גֶעטְהוּן מִיט דִי בְּנֵי נַדִיר. מַחְמֶד הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז זֵיי מָאגֶען זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוֹיף זַיין יוֹשֶׁר, אוּנ וִוי וַוייט זַיין יוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶועהְן קָאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהְן דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען זִיבֶּען הוּנְדֶערְט יוּדֶען מִיט זֵייעֶרֶע פָארְשְׁטֶעהֶער קַאַבּ אוּנ חוּיֵיה קוֹילֶען אוֹיף אַ אֶפֶענְטְלִיכֶען פְּלַאץ אִין מְדִינָה אוּנ זֵיי אַרַיינְוַוארְפֶען אִין אֵיין גְרוּבּ. דִי פְרוֹיעֶן הָאט עֶר פֶערְקוֹיפְט אוּנ פַאר זִיךְ הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ שֶׁאן יוּדִישׁ מֶאדֶעל רִיחַאנַא.

שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ יָאהר הָאט זִיךְ מַחְמֶד גֶענוּמֶען צוּ דִי יוּדֶען פוּן חַיְבַּר, נָאר דָא אִיז דָאס זִ'הם נִיט אַזוֹי גְרִינְג אָנְגֶעקוּמֶען, וַוייל דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועהְן צוּוָוארְפֶּען אִין אַ גְרוֹיסֶער גֶעגֶענְד אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעקָאנְט אַ לֶאנְגֶערֶע צַייט

האַלטען אין זייערע פעסטונגען. אַחוץ דעם האָבען זיך צווישען זיי געפונען זעהר פיעל גבורים, וואָס צוויי פון זיי, קינינה־אבן־אל־רביה און מרחב, האָבען געפיהרט די גאַנצע מלחמה און האָבען בעוויזען אַזעלכע וואונדער, אַז אפילו ביידע העלדען פון מחמד'ס חיל, אבו בעקר און אָמאַר, האָבען זיך נעגען זיי ניט אָנגעזעהן. מחמד האָט אָבער געהאַט מיט זיך פערצעהן טויזענד מאַנן, און סוף כל סוף האָט ער די יודען מנצח געוועהן. קינינה איז געפאַלען און האָטש מען האָט איהם אָנגעטהון ענוים קשים האָט ער ניט געוואָלט אויס־זאָגען וואו די יודישע אוצרות זענען בעגראָבען און האָט אָהן אַ קרעכץ אויס־געהויכט די נשמה. מיט זיין טויט האָט אויך אויפגעהערט די פרייהייט פון די יודען אין חיבר, און זיי האָבען פערלאָרען זייער זעלבסטשטענדיגקייט כמעט אין גאַנץ אַראַביען.

צוויי שאָנע יודישע פרויען האָט מחמד מיט געבראַכט ווי אַ רויב פון דער מלחמה: זאפיא, די טאָכטער פון חוייה, דער פאָרשטעהער פון די בני נדיר, און צינאב, די שוועסטער פון מרחב, וואָס האָט זיך מעהר צוגעלאָזט צום „נביא”, זיך כלומר'שט געמאַכט אַז זי האָט איהם ליעב, און האָט איהם אַ מאָל ביים עסען אונטערגערוקט גיפט. איינער פון די וואָס זענען געזעסען ביים טיש איז באַלד געשטאָרבען, נאָר מחמד האָט עפּיס אין טעם דערפיהלט אַז דאָס עסען איז ניט גוט און האָט ביים ערשטען ביסען אויסגעשפיגען. דער סם איז אָבער געוועהן אַזוי שטאַרק אַז מחמד האָט דערפון געקרענקט ביז צום טויט. אַז ער האָט געפרעגט צינאב'ן פאַר וואָס זי האָט עס איהם געטהון, האָט זי איהם געענטפערט: „דו האָסט מיין פאָלק געבראַכט אונגליקליך געמאַכט, האָב איך גע־וואָלט זעהן, — ביסטו אַ פּשוט'ער רוצח, וועלען מיר דורך דעם גיפט פון דיר פטור ווערען, ביסטו אָבער טאַקי אַ נביא, וועט דיך גאָטט מציל זיין”. ער האָט זי געהייסען טייטען, און פון דעמאָלט אָן איז זיין האַרץ נאָך מעהר פערשטיי־נערט געוואָרען און פון רחמנות האָט ער זיך אין גאַנצען דער ווייטערט. אַז ער איז געוואָהר געוואָרען אַז די יודען זענען ניט רוהיג און קלויבען זיך צונויף אין מדינה ביי אַ יודען סובילים, צוזאַמען מיט די אונצופרידענע אַראַבער און זיי זוכען עצות ווי אַזוי אַראָב צוּוואַרפען פון זיך זיין עול, האָט ער געלאָזט אונ־טערצינדען סובילים'ס הויז פון אַללע זייטען.

מחמד'ס טויט, אים יאָהר 632, האָט איינגעגעבען די יודען אַ שטיקעל האָפנונג אויף עפּיס בעסערס. נאָר זיין יורש דער צווייטער כליף אָמאַר איז פאַר זיי נאָך ערגער געוועהן. ער האָט אָנגעהויבען רעכענען די ערד פון

אַבְּרֶאכְיֶען פַאר הֵיילִיג, אוּנ הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען דִי יוּדֶען פוּן דִי אֶרְטֶער, וואו זֵיי הָאבֶּען הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען גֶעוָואהנְט. אוּנ אוֹיךְ דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַרוֹיס פוּן נַגְרַאן, דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעזֶעצֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט קוּפַא, בַּיים טַייךְ פְּרָת. נוּר אַזוֹי וִוי קַיין שְׁלֶעכְטֶס אִין יֶעדֶער הִיסְטָארְיֶע פוּן אַ פָאלְק גֶעהט נִיט פָארְבַּיי נָאר אָהן נוּטְס פַאר אִיהם, אַזוֹי הָאט אוֹיךְ מַחְמֶד׳ס נַייֶע רֶעלִיגְיָאן, וָואס מֶען הָאט זִי אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „אִיסְלַאם“, גֶעבְּרַאכְט גְרוֹיסֶע נוּטְצֶען דֶעם יוּדֶענְטְהוּם אוּנ זַיין תּוֹרָה, אִין דֶער צַייט וֶוען זִי הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען פֶערְגֶעסֶען צוּ וֶוערן.

דִי צַייט פוּן דִי גְאוֹנִים.

1 דִי יוּדֶען אוּנְטֶער דֶער מֶמְשָׁלָה פוּן אִיסְלַאם.

(640—760 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

צֶעהן יָאהר זֶענֶען אִין גַאנְצֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען זַייט מַחְמֶד הָאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגֶען אוּנ זַיין אֱמוּנָה הָאט זִיךְ פֶערְבְּרֵייטֶעט כִּמְעַט אִין דְרַיי טְהֵייל פוּן דֶער עֶרְד. פוּן דֶעם אוּנְבֶּעקַאנְטֶען אַרַאבִּישֶׁען שְׁטֶעדְטֶעל מְדִינַה אִיז גֶעוָוארֶען אַ הוֹיפְּט־פוּנְקְט, וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען נִיט קַיין קְלֶענֶערֶע רָאלְלֶע וִוי דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט־שְׁטָאדְט רוֹם פַארְצַייטֶענְס, אוּנ דֶער צְוֵייטֶער כַּלִיף אָמַאר הָאט נָאר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָבְּגֶענוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. צֶעזַארֶעאַ, וָואס הָאט גֶעהַאט זִיבְּצִיג טוֹיזֶענְד מַאנְן חַיִל, הָאט זִיךְ מוֹרָא גֶעהַאט דִי מַהְמַד׳נֶער אַקֶעגֶען צוּ שְׁטֶעלֶען, אוּנ אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארֶען בַּעֲלֵי־בָּתִּים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ זֶענֶען אוֹיךְ אַרַיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם. דִי יוּדֶען אוּנ דִי שׁמְרוֹנִים הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעלִיטֶען פוּן דֶער בִּיצַאנְטִינִישֶׁער מְלוּכָה אַז זֵיי הָאבֶּען מִיט פְרֵייד אָנְגֶענוּמֶען אַ נַייֶעם עוֹל, אוּנ חָאטְשׁ זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז וֶוען דֶער עֶפִּיסְקָאפּ סָאפְרָאנִיוּס הָאט אָמַאר׳ן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִי שְׁלִיסֶעל פוּן דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאדְט, הָאט עֶר אִיהם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל דָארְט נִיט לָאזֶען וָואהנֶען אֵיין יוּדֶען, הָאבֶּען זֵיי פָארְט גֶערֶעכֶענְט אַז אֶרְגֶער וֶועט זֵיי גֶעוִויס נִיט זַיין. אָמַאר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אוֹיסְצוּבּוֹיעֶן אַ מָאשֶׁעע (גֶעבֶּעט־הוֹיז) פוּנְקְט אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם אָרְט, וואו דֶער בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אוּנ אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדְט צוּ סָאפְרָאנִיוּס׳ן עֶר זָאל אִיהם אָנְוַייזֶען דֶעם רֶעכְטֶען פְּלַאץ הָאט עֶר אִיהם צוּגֶעפִיהְרְט צוּ

אַ גְרוֹיסֶען שְׁטֵיין, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אַיין אַלְטֶער יִדִישֶׁער חוּרְבָּה אוּנ וואוּהִין דִי קְרִיסְטֶען פְלֶעגֶען אַרוֹיסְפִירֶען מִיסְט, אוּנ הָאט אִיהם פֶערְזִיכֶערְט אַז דָאס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען פוּנ'ם בֵּית הַמִקְדָשׁ. צוּ הָאט עֶר עֶס גֶעטְהוּן צוּפְלַייס אָדֶער עֶר הָאט אַלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט – דָאס אִיז שְׁוֶוער צוּ בֶּעשְׁטִימֶען, נָאר דָאס זָעהֶען מִיר אַז נָאךְ בִּיז אַצוּנְד שְׁטֶעהט דִי מָאשֶׁעע אוֹיף דֶעם אֵיינֶגענֶעם אָרְט אוּנ קֵיינֶער פוּן דִי מַחְמַדְ'נֶער אִיז נִיט מְסוּפָּק אִין דִי הֵיילִיגְקַייט דֶערְפוּן.

דָער נִצָחוֹן פוּן דִי מַחְמַדְ'נֶער הָאט דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל דַוְקָא גֶעבְּרַאכְט אַ שְׁטִיקֶעל יְשׁוּעָה. בַּיי זֵייעֶר קְרִיעג מִיט דִי לֶעצְטֶע פֶּערְסִישֶׁע קֶאנִיגֶע הָאבֶּען זֵיי דִי יוּדֶען, פּוּנְקְט וִוי קְרִיסְטֶען, פִיעל צוּ גֶעהָאלְפֶען, אוּנ אָמַאר הָאט נִיט גֶעקָאנְט פַארְגֶעסֶען דִי טוֹבָה. עֶר הָאט דִי יוּדֶען גֶעשֶׁענְקְט אַלֶע רֶעכְטֶע, אוּנ דֶעם בֶּערִיהמְטֶען יוּדִישֶׁען הֶעלְד, בּוֹסְתַּנָאִי, וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אֵיינֶע פוּן דֶעם פֶּערְסִישֶׁען קֶאנִיגְ'ס חָאסְרוּ גֶעפַאנְגֶענֶע טָאכְטֶער, הָאט עֶר גֶעמַאכְט פַאר פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַלֶע יוּדֶען אִין בָּבֶל. אַזוֹי הָאבֶּען יוּדֶען בֶּעקוּמֶען אַ נַייעֶם רֵישׁ גָלוּתָא. בּוֹסְתַּנָאִי הָאט גֶעהַאט דָאס רֶעכְט מִיט זַיין רִינְג צוּ חַתְמְ'עֶן אַלֶע בֶּעפֶעהֶלֶע אוּנ הָאט נָאךְ דֶערְגְרֵייכְט אַ גְרֶאסֶערֶע מַדְרֵגָה חָוּעְן דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם פִירְטֶען כַּלִיף עֶלִי. אָמַאר אִיז דֶערְהַרְגְ'ט גֶעוָוארֶען אוּנ זַיין יוֹרֵשׁ אָטְהמַאן אִיז אוֹיךְ אוּמְגֶעקוּמֶען, אוּנ אַז מֶען הָאט עֶלִי אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פַאר אַ הֶערְשֶׁער, הָאט עֶר גֶעהַאט פִיעל שׂוֹנְאִים, ווַייל עֶס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער צַד, וָואס הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַטְהמַאנְ'ס אַ קָרוֹב מוֹאַבִיָה. דֶעמָאלְט זֶענֶען אִיהם דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל גֶעשְׁטַאנֶען אִין זַיינֶע נוֹיטְהֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי יוּדִישֶׁע לוֹמְדִים עַבְדַלָה אִבְּן סַבָּא הָאט בֶּעווִיזֶען דֶעם פָאלְק אַז עֶלִי אִיז אַיין אֶמֶת'ער יוֹרֵשׁ פוּן מַחְמַדְ'ן, וָואס הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען זַיין נַייסְט פּוּנְקְט וִוי מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ'ן. אַז עֶלִי אִיז אַרַיין אִין דֶער שְׁטָאדְט פִירוּז־שַׁבּוּר אִיז אִיהם דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא, מַר יִצְחָק, מִיט נַיינְצִיג טוֹיזֶענְד יוּדֶען אַקֶעגֶענְגֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט אִיהם בֶּעגְרִיסְט. עֶלִי אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר דַאנְקְבַּאר דִי יוּדֶען פַאר דֶעם כָּבוֹד אוּנ הָאט דֶערְפַאר בֶּעלוֹינְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט דֶעם טִיטֶעל „גָאוֹן" אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִינ'ם לֶעבֶּען פוּן דִי יוּדֶען אַ לִיכְטִיגֶערֶע אוּנ אַ בֶּעסֶערֶע צַייט – דִי צַייט פוּן דִי גְאוֹנִים.

נָאךְ בּוֹסְתַּנָאִי'ס טוֹיט אִיז אַרוֹיס אַ מַחֲלוֹקֶת אִין זַיין מִשְׁפָּחָה. עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען עֶטְלִיכֶע זִיהן פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע פְרוֹיעֶן אוּנ אַזוֹי וִוי בַּיים לֶעבֶּען הָאט בּוֹסְתַּנָאִי מֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט דֶעם זוּהן, וָואס דִי פֶּערְסִישֶׁע פְּרִינְצֶעסִין הָאט אִיהם גֶעבָּארֶען, אוּנ עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערֶען רֵישׁ גָלוּתָא אוֹיפְ'ן פָאטֶערְס אָרְט, הָאבֶּען

איהם די ברידער גערודף׳ט אונ האבען געדרונגען אז ער מוז זיך גאר רעכנען פאר א שקלאווע, ווייל זיין מוטטער איז ניט געוועהן קיין יודיש קינד. ווער ווייסט צו וואס עס וואלט געוועהן געקומען, ווען עס מישט זיך ניט אריין דער שופט חנינא אונ ברענגט ניט א פסק פונ׳ם בית דין אז בוסתנאי׳ס א זוהן קאן ניט זיין קיין שקלאווע.

אזוי האבען די יודען פון בבל זיך געפיהרט אינ׳ם איטוועניגסטען לעבען גאנץ פריי אונ זעלבסטשטענדיג, אונטער דער השגחה פונ׳ם ריש גלותא אונ דעם גאון. דער „ריש גלותא" האט זיך מעהר אנגעקעדערט מיט וועלטליכע זאכען, ער איז געוועהן קרוב למלכות, אונ מען פלעגט איהם אנטהון אויך דעם כבוד וואס שטעהט אן א מענשען, וואס איז א פארשטעהער פון א גאנץ פאלק. דער „גאון" ווידער וואס איז געוועהן דער ראש ישיבה פון סורא אונ האט זיך גערעכענט פאר עלטער פונ׳ם פומבדיתא׳ר ראש ישיבה, האט זיך גאר אבגעגעבען מיט לערנען אונ שאלות פסקנען, אונ אונטער זיין האנד זענען געשטאנען די ישיבות פון סורא אונ פומבדיתא. חאטש די שטעללע פון ריש גלותא האט זיך געהאלטען בירושה אין בוסתנאי׳ס משפחה פון דעסטוועגען איז געוועהן דער מנהג אז אהן דער הסכמה פוןביידע ישיבות האט קיינער ניט געטארט ווערען ריש גלותא אונ די לומדים האבען דערביי געשפיעלט די הויפטראללע. אז מען האט אויסגעקליבען א ריש גלותא, איז מען זיך פריהער צוזאמען געקומען אין א גרויס הויז, וואו אללע שאנסטע בעלי־בתים זענען געוועהן פערזאמעלט, אונ דער גאון פון סורא האט אין א בעזונדער דרשה בעגריסט דעם נייעם פאלקס־פיהרער. דעם אנדערען דאנערשטאג פלעגט מען מאכען א גאנצע שמחה אין שוהל: ביידע ראשי ישיבות האבען ארויפגעלעגט די האנד אויפ׳ן קאפ פונ׳ם ריש גלותא אונ האבען געשריגען: „לעבען זאל אונזער הער!" אונ דער נאך האט איהם דער עולם צוגעווינשעוועט, מיט מוזיק באלייט אהיים אונ איהם געשיקט מתנות. שבת האט דער עולם ווייטער געפיהרט דעם ריש גלותא אין שוהל אריין, דארט איז פון זיינעטוועגען געוועהן א בעזונדער בימה, וואו ער פלעגט דאווענען גאנץ אבגעזאנדערט פונ׳ם פאלק; אהין פלעגט מען צוטראגען די תורה אויף צו לייענען, אונ אז דער ריש גלותא איז נאך אמאל געוועהן א למדן אויך, פלעגט ער אפט זאגען א דרשה. ביים „קדיש" האט מען געמוזט דערמאנען זיין נאהמען, אונ א חוץ דעם פלעגט מען איהם מאכען „מי שברך", אונ דערמאנען צו גוטען אללע וואס לערנען אונ שטיצען די תורה. מיט דעם איינענעם כבוד פלעגט מען אויך דעם ריש גלותא אבפיהרען אהיים. איין מאל

אין יאהר, געוועהנליך דריי וואכען נאך סכות, פלעגען זיך די יורען צוזאמען פארען פון ווייט און פון נאהענט צו בעגריסען דעם ריש גלותא, וואס האט גע־האט גרויס הכנסה פון אללע יודישע קהלות, און האט אויך געהאט דאס רעכט צו פארדערן ביים פאלק פערשידענע נתינות.

דער אנדערער נאך'ן ריש גלותא האט זיך גערעכענט דער „גאון" פון סורא; פאר איהם האט אפילו געמוזט דרך ארץ האבען דער ראש ישיבה פון פומבדיתא, חאטש ער האט געמאגט זיין דריי מאל אזוי פיעל אלט ווי ער. אויסער ביידע ראשי ישיבות, זענען געוועהן זיבען גרויסע לומדים, וואס מען האט זיי גערופען רישי כלה און וואס פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט דינים און הלכות און זייער פסק האט מען אומעדום געהאלטען פאר הייליג. די פאר־שטעהער פון יעדער יודישער קהלה זענען געוועהן דער רב און דער פרנס (פערוואלטער), אללע בעפעהלע פונ'ם רב האט מען געמוזט פאלגען, ווייל ער האט געקאנט יעדען אריינלעגען אין „חרם" און דער חרם איז דעמאלט קיין קליינינקייט ניט געוועהן; ווער עס איז געוועהן אין חרם און האט אין דרייסיג טאג קיין תשובה ניט געטהון, דער האט ניט געקאנט געפינען קיין איינציגען וואס זאל וועלען מיט איהם האבען א געשעפט, מען האט איהם אין קיין יודישער שטוב ניט אריינגעלאזט, זיינע קינדער האט מען אפילו ניט מל געוועהן און אז ער איז געשטארבען האט ער ניט געקאנט קומען צו קבר ישראל.

אזא פריי לעבען אונטער דער מאכט פון זעלבסטשטענדיגע יודישע מנהיגים האט אנגעפילט מיט פרייד די הערצער פון די יודען אין פראנקרייך און שפאניען; זיי האבען מקנא געוועהן זייערע ברידער פון בבל, דערפאר וואס אויף זיי איז געפאלען דער גורל אויפצוהויבען דאס געפאלענע יודישקייט, און האבען יעדען שבת געבענשט דעם ריש גלותא און דעם גאון און זייערע אללע תלמידים, וואס בעפעסטיגען דעם בנין פון דער יודישער אמונה. אין ארץ ישראל אבער האט מען ניט אזוי שטארק געהאלטען פון בבל: אין טבריה האט נאך געלעבט די משפחה פון מר זוטרא דעם צווייטען, וואס מען האט אהין צוריק מיט הונדערט יאהר געבראכט, אין דער צייט פונ'ם מלך כבד; זיינע קינדער האבען זיך גערעכענט פאר אמת'ע איינינקליך פון דוד המלך, און צו זיי פלעגט בירושה איבערגעהן פון איין דור צום אנדערן די שטעלע פון ראש ישיבה. זיי האבען ניט געוואלט ליידען אז דער עולם זאל הארן און פאלגען די לומדים פון בבל, און האבען אנגעמאכט אזא מחלוקת אז אין יעדען לאנד האט מען אנגעהויבען אנדערש צו שרייבען און לייענען לשון קדש, שטעלען די נקודות דא אונטער,

דֶעם וָוארְט אוּנ דָארְט אוֹיף דֶעם וָוארְט, אוּנ זֵיי וָואלְטֶען עֶס גֶעוָועהן גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ אַז כִּמְעַט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערן זָאל נִיט פֶערְשְׁטֶעהן, וֶוען זֵיי מוּזֶען נִיט סוֹף כָּל סוֹף בָּטֵל וֶוערֶען פַאר זֵייעֶרֶע שְׁטַארְקֶערֶע גְלוֹיבֶּענְסְבְּרִידֶער אִין בָּבֶל.

אִין דֶער צַייט אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען גֶעוֶועהן גָאר נִיט קַיין פְרֶעהלִיכֶע. גֶעהֶערְשְׁט הָאט דָארְט דֶעמָאלְט דֶער קֶענִיג חִינְטִילַא אוּנ דִי יוּדֶען וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט אַוֶועקפָאהרֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט אִיבֶּערְגֶעהן צוּם קַאטָאלִיצִיזְמוּס. דָאס טוֹיפֶען זֵייעֶרְס אִיז אֲפִילוּ גֶעוֶועהן נָאר לְפָנִים, וַוייל בְּסֵתֶר הָאבֶּען זֵיי אָפְּגֶעהִיט יוּדִישְׁקַייט; וֶוער שְׁמוּעֶסְט אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג חִינְדַאסְוִוינְד, וָואס הָאט נִיט גֶעהַאלְטֶען מִיט דִי גַייסְטְלִיכֶע, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גַאנְץ אָפֶען אוּמְגֶעקֶעהרְט צוּם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען. צוּם אוּמְגְלִיק אִיז אָבֶּער בַּאלְד אוֹיף זַיין אָרְט גֶעוָוארֶען קֶענִיג זַיין זוּהן רֶעצֶעסְוִוינְד, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען דִי אַלְטֶע גְזֵירוֹת אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען בֶּעזָאנְדֶערְס אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דִי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען זֵיי זָאלֶען אָבְּהִיטֶען דִי דִינִים פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִיגְיָאן. זֵיי הָאבֶּען אַללֶע גֶעמוּזְט נָאךְ אַמָאל גֶעבֶּען אַ שְׁבוּעָה אַז זֵיי וֶועלֶען זַיין פְרוּמֶע קְרִיסְטֶען, אוּנ וֶוער עֶס הָאט עוֹבֵר שְׁבוּעָה גֶעוֶועהן הָאט דֶערְפַאר מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט. אַז דִי מְלוּכָה אִיז אָבֶּער גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז דִי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען בֶּעהַאלְטֶען זִיךְ אִין חַדְרֵי חֲדָרִים אוּנ מַאכֶען שַׁבָּת אָדֶער הַאלְטֶען יוֹם טוֹב, הָאט זִי גֶעהֵייסֶען אַז אַללֶע קְרִיסְטְלִיכֶע אוּנ יוּדִישֶׁע יָמִים טוֹבִים זָאלֶען זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִצְוָה זֵיי צוּ הַאלְטֶען אוּנְטֶער זֵייעֶר הַשְׁגָחָה. בַּאלְד אִיז זֵיי אֲפִילוּ גֶעוָוארֶען בֶּעסֶער אִין דִי אַכְט יָאהר וָואס עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט דֶער קֶענִיג וַואמְבַּא, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי וַוייט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ שְׁרַייבֶּען גַאנְצֶע לַאטַיינִישֶׁע בִּיכֶער גֶעגֶען דֶעם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. דָאס הָאט אָבֶּער נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ עֶרְוִויג, וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעלִיעבְּט מַאכֶען בַּיי דִי גַייסְטְלִיכֶע דֶערְמִיט וָואס עֶר וֶועט אָנְטְהוּן יוּדֶען צָרוֹת, אִיז זֵייעֶר מַעֲמָד גֶעוָוארֶען נָאךְ טוֹיזֶענְד מָאל שְׁרֶעקְלִיכֶער. עֶר הָאט אָפֶען גֶעזָאגְט אִין אַ רֶעדֶע אַז יוּדֶען זֶענֶען אַ צָרַעַת, וָואס מֶען מוּז דָאס לַאנְד אוֹיסְרֵיינִיגֶען פוּן דֶעם, אוּנ הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען צַייט אַ יָאהר זֵיי זָאלֶען זִיךְ אַלֶע טוֹיפֶען, אוּנ וֶוען נִיט — זָאל מֶען בַּיי זֵיי צוּנֶעהמֶען זֵייעֶר גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען, יֶעדֶען פוּן זֵיי שְׁמַייסֶען אוּנ אָבְּשִׁינְדֶען דִי הוֹיט פוּנ'ם שְׁטֶערן צוּם אֵייבִּיגֶען שַׁאנְד אוּנ דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְשִׁיקֶען פוּנ'ם לַאנְד. מִיט דִי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אֶרְגֶער נוֹהֵג גֶעוֶועהן: עֶס אִיז אִיהם וֵוינִיג גֶעוֶועהן וָואס דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען

אַבְטוּנְג גֶענֶעבֶּען אוֹיף זַיי אַלֶּע שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב · זַיי זָאלֶען חָלִילָה נִיט נִבְשָׁל
וֶוערֶען פוּן עֶפִּים אַ יוּדִישֶׁען מִנְהָג, אוּנ עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַז יֶעדֶער גֶעטוֹיפְטֶער
יוּד טָאר נִיט פָאהרֶען אִין עֶרְגֶעץ אָהן דֶעם רְשׁוּת פוּנ'ם גַייסְטְלִיכֶען אוּנ אַז מֶען
עֶרְלוֹיבְּט אִיהם יָא צוּ פָאהרֶען אוֹיף אַיין אַנְדֶער אָרְט, מוּז עֶר בְּרֶענְגֶען אַ צֶעטֶעל
פוּן יֶענֶעם גַייסְטְלִיכֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהְרְט וִוי אַ פְרוּמֶער קְרִיסְט. דָאס גֶע-
זֶעטְץ הָאט אוֹיךְ בֶּעשְׁטִימְט דֶער מִיטְרָאפָּאלִיט פוּן טָאלֶעדַא יוּלְיַאן, וָואס אִיז
אַלַיין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן יוּדֶען.

נָאךְ אֶרְגֶער אִיז זַיי גֶעוָוארֶען פַאר עֶרְוִויגַ'ס יוֹרֵשׁ, עֶגִיקַא, וָואס הָאט זִיךְ
פָשׁוּט גֶענוּמֶען אוֹיף זַייעֶר לֶעבֶּען אוּנ הָאט זַיי אַזוֹי פֶערְשְׁפַּארְט, זַיי זָאלֶען זִיךְ
נִיט קָאנֶען צוּשְׁלָאגֶען צוּ קַיין אֵיינְצִיגֶער פַּרְנָסָה. עֶר הָאט זַיי פַארְוֶועהְרְט צוּ
הָאבֶּען אֵייגֶענֶע הַייזֶער· פִיהְרֶען מִסְחָרִים אוּנ הָאבֶּען גֶעשְׁאפְּטֶען מִיט קְרִיסְטֶען,
אוּנ דָאס הָאט דִי יוּדֶען גֶעבְּרַאכְט צוּ אַזַא נוֹיט, אַז זַיי הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ
זוּכֶען הִילְף בַּיי זַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אַפְרִיקָא אוּנ הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט אַז וֶוען דִי
מַהֲמַד'נֶער וֶועלֶען אָבְּנֶעהְמֶען דָאס לַאנְד וֶועט עֶס זַיין פַאר זַיי בֶּעסֶער. זַיי הָאבֶּען
זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייד מְכִין גֶעוֶועהְן דֶערְצוּ אוּנ עֶס וָואלְט זַיי אוֹיךְ גֶערָאטְהֶען, נָאר
דִי מְלוּכָה אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט בַּאלְד אַלֶּע יוּדֶען גֶעמַאכְט
פַאר שְׁקְלַאוֶוען. אִין אַזַא בִּיטֶערֶער לַאגֶע הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעפוּנֶען בִּיז
עֶגִיקַא'ס טוֹיט. זַיין זוּהן וִויטִיגַא הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקָאנְט פִיהְרֶען דִי אֵייגֶענֶע
וֶועלְטֶען וָואס דֶער פָאטֶער, וַוייל בַּאלְד הָאט זִיךְ אוֹיף שְׁפַּאנְיֶען אָנְגֶערוּקְט אַזַא
שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט אָן דִי יוּדֶען פַארְגֶעסֶען: דֶער מַהֲמַד'-
נִישֶׁער הֶעלְד טַארִיק הָאט זִיךְ אַהִין גֶעלָאזְט מִיט גְרוֹיס חַיִל אוּנ דִי יוּדֶען
הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען אַ מֶעגְלִיכְקַייט אָבְּצוּרֶעכְנֶען זִיךְ מִיט דִי שׂוֹנְאִים וִוי זַיי אִיז
גֶעקוּמֶען.

אַז דֶער לֶעצְטֶער קֶענִיג רָאדֶערִיךְ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ שְׁפַּאנְיֶען הָאט
פֶערְלָארֶען דִי גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה בַּיי קְסֶערֶעס אִים יָאהר 711, הָאבֶּען זִיךְ דִי אַרַא-
בֶּער וִוי אַ שְׁטוּרֶעמְווִינְד אַרַיינְגֶעחַאפְּט אִין לַאנְד אוּנ אוּמֶעדוּם הָאבֶּען זַיי גֶע-
הַאט הִילְף פוּן יוּדֶען. וֶוען טַרִיק הָאט אָבְּגֶענוּמֶען דִי הוֹיפְּטְשְׁטַאדְט טָאלֶעדַא,
הָאט עֶר שׁוֹין אַזוֹי פִיעל צוּטְרוֹיעֶן גֶעהַאט צוּ דִי יוּדֶען אַז עֶר הָאט זַיי אִיבֶּער-
גֶעלָאזְט פַאר שׁוֹמְרִים אוּנ אַלַיין הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט גֶעהֶען וַוייטֶער מִיט'ן
חַיִל. דָאס אֵייגֶענֶע הָאט אוֹיךְ גֶעטְהוּן דֶער מוֹשֵׁל פוּן אַפְרִיקָא מוּזַא, וָואס אִיז
מִיט זַיין חַיִל אַרַיין אִין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי יוּדֶען אִיבֶּער-
גֶעבֶּענֶע גֶעטְרַייעֶ מֶענְשֶׁען. אַזוֹי הָאבֶּען דִי יוּדֶען זִיךְ עֶרְוָוארְבֶּען דִי פְרַיינְדְשַׁאפְט

פון די מַחְמַד'נֶער, אונ קוים זֶענֶען זֵיי גֶעוואָרֶען בַּעֲלֵי־בָּתִּים אִין שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען די שְׁפַּאנִישֶׁע יודֶען בֶּעקוּמֶען די אֵייגֶענֶע פְרַייהַייט וִוי זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין בָּבֶל אונ פֶּערְסִיֶען אונ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַללֶע גֶעפִיהְלְט גְלִיקְלִיךְ אונְטֶער דֶער מַאכְט פון אִיסְלַאם.

די עֶרְשְׁטֶע כַּלִיפֶען אַבּוּ־בֶּעקר אונ אָמַאר הָאבֶּען אָנְגֶעטְהוּן יוּדֶען אונ קְרִיסְטֶען גְרוֹיסֶע צָרוֹת: זֵיי הָאבֶּען זֵיי נִיט צוּגֶעלָאזְט צוּ קֵיין דִיעֶנְסְט, פַאר וֶוערְט פָאהְרֶען אויף פֶערְד, גֶעגֵייט צוּ טְרָאגֶען בֶּעזוּנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אונ נִיט עֶרְלוֹיבְּט בּוֹיֶען נַייֶע שוּלֶען אונ קִירְכֶען. מִיט דֶער צַייט אָבֶּער, אַז די מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַזֶעלְכֶע כַּלִיפֶען וִוי מוֹאַבִיָה, יֶעזִיד דֶער עֶרְשְׁטֶער, עַבְדוּל מַלִיק, וַואלִיד דֶער עֶרְשְׁטֶער אונ סוּלֵיימַאן, הָאט זִיךְ די לַאגֶע פון אַללֶע פְרֶעמְדֶע פֶאלְקֶער, וָואס הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין שְׁכֵנוּת בַּיי די מַחְמַד־נֶער, אִין גַאנְצֶען אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען צוּ גוּטֶען. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ די יוּדֶען גֶע־חַאפְּט צוּ דֶער אַרַאבִּישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע אונ הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַזוֹי גוּט שְׁרַייבֶּען אונ רֶעדֶען אויף דֶעם לָשׁוֹן, אַז גָאר גִיךְ אִיז אֵיינֶער פון די יוּדִישֶׁע דָאקְטוֹרִים מֶסֶר־גַאוְיָה אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען אַגַאנְץ וֶוערְק אִיבֶּער דֶער מֶע־דִיצִין אִים אַרַאבִּישֶׁען. נָאר נָאךְ מֶעהר הָאט גֶעבְּלִיהט בַּיי זֵיי דָאס לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, וַוייל פון אֵיין זַייט הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט זַיין בָּקִי אִין די הֵיילִיגֶע סְפָרִים, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען קָאנֶען הָאבֶּען אַוִכּוּחַ מִיט די מַחְמַד'נֶער, וָואס הָאבֶּען לִיעבּ גֶעהַאט זִיךְ צוּ פֶערְרוּפֶען אויף דֶער תּוֹרָה אונ בְּרֶענְגֶען פון דָארְט רְאָיוֹת אַז זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז הֵיילִיג, אונ פון דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאבֶּען זֵיי לִיעבּ גֶעהַאט נָאכְצוּטַאנְצֶען די אַרַאבֶּער, וָואס בַּיי זֵיי אִיז די מְלִיצָה גֶעשְׁטַאנֶען גָאר אויף אַהוֹיכֶע שְׁטוּפֶע, אונ אַזוֹי וִוי דָאס יוּדִישֶׁע מַזָל הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ אַז בֶּעוַויינֶען הָאבֶּען זֵיי נָאר גֶעקָאנְט די בִּיטֶערֶע צָרוֹת אונ בֶּעזִינְגֶען — נָאר די הָאפְנוּנְג אויף נָאטט אונ אויף די גֶעזֶעצֶע פון דֶער הַשְׁגָחָה, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט בֶּעגֶעהן אָהן דֶער הֶעבְּרֶעאִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע, וָואס אִין אִיהר זֶענֶען אַללֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען. אִין דֶער צַייט הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְוִוישֶׁען יוּדֶען אַרוֹיס־וַוייזֶען פַּיְטָנִים, פון וֶועלְכֶע זֶענֶען מֶעהר בֶּעקָאנְט יוֹסֵי בֶּן יוֹסֵי הַיָּתוֹם, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען זַיינֶע פִּיוּטִים נָאךְ'ן אַלֶ"ף בֵּי"ת. יַנַּאי, דֶער מְחַבֵּר פון פִיעל יוֹצְרוֹת, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין בֶּענוּצְט מִיט גְרַאמֶען, אונ זַיין תַּלְמִיד אֱלִיעֶזֶר הַקַּלִיר, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט פוּנְפְצִיג פֶערְשִׁידֶענֶע פִּיוּטִים. די אַלֶע פִּיוּטִים זֶענֶען שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען בַּיי די יוּדֶען פון בָּבֶל, אִיטַאלְיֶען, דַייטְשְׁלַאנְד אונ פְרַאנְקְרַייךְ, אוֹיסֶער שְׁפַּאנְיֶען, וַוייל דָארְט אִיז

מֶען נִיט צוּפְרִידֶען גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם גֶעמִישְׁטֶען לָשׁוֹן; אוּנ אַזוֹי וִוי פִּיוּט פְּלֶעגְט מֶען זִינְגֶען מִיט אַ בֶּעזוּנְדֶערְן נוּסַח, הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם בִּיסְלֶעכְוַויִיס דֶערְמִיט גֶעוָואהנְט אוּנ דִי שַׁבָּתִים אוּנ יָמִים טוֹבִים, וָואס מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט זָאגֶען יוֹצְרוֹת אָדֶער פִּיוּט, הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר גָאר גֶעהוֹיבֶּענֶע אוּנ דֶעמָאלְט אִיז דֶער נָאטֶעסְדִיעִנְסְט גֶעוֶועזֶען גָאר דֶער גְלֶאנְצֶענְדְסְטֶער.

אִין דֶער צַייט הָאט מֶען גֶעקָאנְט בֶּעמֶערְקֶען אַ שְׁטַארְקֶען חִלּוּק אִין דֶעם רֶעלִיגְיָאזֶען לֶעבֶּען צְווִישֶׁען דִי יוּדֶען פוּן בָּבֶל אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס בַּיי זֵיי אִיז יֶעדֶעס פִּינְטֶעלֶע פוּנ'ם תַּלְמוּד גֶעוֶועזֶען הֵיילִיג, אוּנ דִי יוּדֶען פוּן אַרַאבְּיֶען, וִוי דִי בְּנֵי קִינוּקָה, בְּנֵי נַדִיר אוּנ דִי אַייְנְוָואהנֶער פוּן חַיְבַּר, וָואס זֶענֶען גֶעוָואהנְט גֶעוֶועזֶען מִיט אַ פְרַייעֶן לֶעבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט לָאזֶען בִּינְדֶען מִיט דִי דִינִים פוּן דִי תַּנָּאִים, אֱמוֹרָאִים, סְבוֹרָאִים אוּנ גְאוֹנִים. אַוַדַאי זֶענֶען צְווִישֶׁען זֵיי גֶעוֶועזֶען פִיעל אוּנְצוּפְרִידֶענֶע וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען דִי חוּמְרוֹת פוּנ'ם תַּלְמוּד, בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבֶּען דִי פְרוּיעֶן נִיט גֶעוָואלְט בֶּעשְׁטֶעהן אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע גֶעזֶעצֶע וֶועגֶען גֶט זַאכֶען, אוּנ דִי גְאוֹנִים הוּנְאַי אוּנ מַר־רַב יָא הָאבֶּען גֶע־מוּזְט צוּלִיעבּ טְהוּן אוּנ אַבִּיסֶעל פֶערְגְרִינְגֶערְן דִי דִינִים פוּן גֶט'ן. בַּיי אַזָא אוּנ־צוּפְרִידֶענְהַייט הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעחַאפְּט, אִין יָאהר 720, אֵיינֶער פוּן דִי מִתְנַגְדִים פוּנ'ם תַּלְמוּד, אַ גֶעוִויסֶער שֶׂרִינִי, וָואס הָאט זִיךְ אַלֵיין אֵיינְגֶע־רֶעדְט אַז עֶר אִיז מָשִׁיחַ אוּנ הָאט גֶעפוּנֶען פִיעל נַארָאנִים, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעגְלוֹיבְּט. דֶעמָאלְט אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען נִיט גֶעוֶועזֶען אַזוֹי פְרֶעהלִיךְ, וַוייל דֶער נַייעֶר כַּלִיף אַמַאר דֶער צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ'ם אַלְטֶען שְׁטֵייגֶער. עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז מִיט רְדִיפוֹת וֶועט אִיהם גֶערָאטְהֶען אַ סַךְ יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען אַרַיינְצְנֶעהמֶען אִין בּוּנְד פוּן אִיסְלַאם. דֶערְפַאר, אַז שֶׂרִינִי הָאט זִיךְ בֶּערִיהמְט אַז עֶר וֶועט נִיט נָאר בֶּעפְרַייעֶן זַיינֶע בְּרִידֶער פוּנ'ם תַּלְמוּד נָאר אוֹיךְ פוּנ'ם עוֹל פוּן דִי מַחְמַד'נֶער, הָאט עֶר גֶעפוּנֶען פִיעל מַאֲמִינִים אֲפִילוּ אִין שְׁפַּאנְיֶען, וְואוּ דִי יוּדֶען הָאבֶּען, דָא אַ פָּנִים, אוֹיךְ גֶעהַאט גֶענוּג סִבּוֹת בַּייז צוּ זַיין אוֹיף דִי אַרַאבֶּער, וָואס הָאבֶּען דִי יוּדֶען נִיט אַזוֹי בֶּעלוֹינְט וִוי זֵיי הָאבֶּען פֶערְדִיעֶנְט אוּנ גֶעהָאפְט. נִיט לַאנְג הָאט אָבֶּער שֶׂרִינִי גֶעקָאנְט נַארֶען דָאס פָאלְק מִיט פַאלְשֶׁע הָאפְנוּנְגֶען. אַז מֶען הָאט אִיהם גֶעחַאפְּט אוּנ גֶעבְּרַאכְט צוּם כַּלִיף יֶעזִיד, הָאט עֶר זִיךְ פוּן אַלֶעמֶען אָבְּגֶעלֵייקֶענְט אוּנ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נָאר אַ קַאטָאוֶועס גֶעטְרִיבֶּען מִיט דִי יוּדֶען. אַזוֹי אִיז בַּאלְד גֶעוָוארֶען צוּ נִישְׁט דֶער קוּרְצֶער חָלוֹם פוּן אַ מָשִׁיחַ וָואס הָאט נָאר גֶעדוֹיעֶרְט צֶעהן יָאהר, אוּנ דִי יוּדֶען וָואס עֶר הָאט פְרִיהֶער פֶערְנַארְט צוּ זִיךְ אוּנ הָאט זֵיי גֶעהֵייסֶען

אָפֶּענְטְלִיךְ אַרוֹיסְטְרֶעטֶען גֶעגֶען תַּלְמוּד הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעטֶען מֶען זָאל זֵיי צוּרִיק אַרַיינְנֶעהמֶען אִין דִי יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת. עֶס אִיז אֲפִילוּ גֶעוָוארֶען אַ שַׁאֲלָה צוּ קָאן מֶען זֵיי נָאךְ אַ מָאל אוֹיפְנֶעהמֶען, נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן פוּמְבְּדִיתָא נַטְרוֹנָאִי בֶּן נְחֶמְיָה, וָואס מֶען הָאט אִיהם אוֹיךְ גֶערוּפֶען מַר יַנְקָא, הָאט גֶעפַּסְקְ'ט אַז מֶען טָאר זֵיי נִיט אָבְּזָאגֶען אוּנ מֶען מוּז זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען וִוי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, וָואס קָאנֶען נָאךְ מִיט אֱמֶת פְרוּמְקַייט פַאר אֶנְטְפֶערְן זֵייעֶר פְרִיהֶרִיג לַייכְטְזִינִיגְקַייט.

קוֹים זֶענֶען אָבֶּער אַוֶועק גֶעלָאפֶען נָאךְ דְרַייסִיג יָאהר, הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען וַוייטֶער גֶעלָאזְט נַארֶען פוּן אַ נַייעֶם חָלוֹם. פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִין אַ פֶּערְסִישֶׁע שְׁטָאדְט אִיסְפַאהַאן אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען אַ גֶעוִויסֶער עוֹבַדְיָה בֶּן יִצְחָק (אַבּוּ־עִיסִי), וָואס אִיז דוּרְךְ אַ מוֹפֵת אוֹיסְגֶעהַיילְט גֶעוָוארֶען פוּן אַ שְׁוֶוערֶע קְרַאנְקְהַייט, אוּנ הָאט זִיךְ דוּרְךְ דֶעם אַיינְגֶערֶעדְט אַז אִיהם הָאט גָאטט גֶעשִׁיקְט עֶר זָאל וֶועקֶען דִי יוּדֶען, זֵיי זָאלֶען זִיךְ פֶערְטִיג מַאכֶען צוּ דֶער גְאוּלָה אוּנ זָאלֶען פוּן זִיךְ אַרָאבּ־וַוארְפֶען דֶעם יָאךְ פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְקֶער. עֶר הָאט אוֹיךְ אִין פִיעל זַאכֶען גֶעאֶנְ־דֶערְט דִי דִינִים פוּנ'ם תַּלְמוּד, נָאר מֶעהר הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט מִלְחָמָה אוּנ אִיהם הָאט זִיךְ טַאקִי אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז מִיט זַיינֶע צֶעהְן טוֹיזֶענְד מַאנְן וֶועט עֶר עֶפִּיס מַאכֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס וַוייל אִין לַאנְד אִיז מֶען גֶעוֶועהן שְׁטַארְק אוּנְצוּ־פְרִידֶען פוּנ'ם כַּלִיף מֶרְוַאן דֶעם צְוֵוייטֶען אוּנ עוֹבַדְיָה הָאט גֶעקָאנְט רֶעכְנֶען אַז דִי מְרִידָה פוּן אַלֶע אִיז וֶועהר גוּט פַאר אִיהם. בַּאלְד אִיז אָבֶּער גֶעוָוארֶען כַּלִיף עַבְּדַלַה אוּנ פוּן עוֹבַדְיָה אוּנ זַיינֶע לַייט אִיז גֶעוָוארֶען אַ תֵּל. פוּן דֶעסְטְ־וֶועגֶען הָאט דֶער זֵכֶר פוּן עוֹבַדְיָה'ן גֶעלֶעבְּט צְוִוישֶׁען דִי אִיסְפַאהָאנֶער יוּדֶען בִּיז צוּם צֶעהְנְטֶען יָאהְרְהוּנְדֶערְט אוּנ פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אָן דִי מִנְהָגִים, וָואס עֶר הָאט אַיינְגֶעפִיהְרְט, וִוי דַאוְונֶען פִיער מָאל אִין טָאג, נִיט עֶסֶען קֵיין פְלֵייש, נִיט טְרִינְקֶען קֵיין וַויין אוּנ זִיךְ נִיט גֵט'ן מִיט דִי פְרוֹיעֶן.

אִין דֶער צַייט וָואס זִיסֶע חֲלוֹמוֹת הָאבֶּען גֶעלָאזְט אַ טְהֵייל יוּדֶען בְּלָאנְזֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ זִיךְ דֶער וַוייטֶערְן פוּנ'ם תַּלְמוּד, זֶענֶען דִי גְאוֹנִים אוּנ רַבָּנִים גֶעשְׁטַאנֶען וִוי שְׁטְרֶענְגֶע שׁוֹמְרִים, זֵיי הָאבֶּען אָבְּגֶעהִיט דֶעם בִּנְיָן, וָואס, נָאךְ זֵייעֶר מֵיינוּנְג, הַאלְט זִיךְ אוֹיף אִיהם דָאס גַאנְצֶע יוּדִישְׁקַייט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ נָאר נִיט גֶעוָואלְט צוּקוּקֶען אוּנ צוּהֶערֶען צוּם ווִילֶען פוּנ'ם פָאלְק. דֶער רֵישׁ גָלוּתָא הָאט אַלֶע גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער מוֹרָא אוּנ פְלֶעגְט אָפְט בֶּעוַוייזֶען זַיין תְּקִיפוּת דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַאר רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען, וָואס עֶר הָאט פוּן זֵיי גֶעהַאלְטֶען, חָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען נִיט רָאוּי גֶעוֶוען צוּ פַאר־

נֶעהמֶען אַזאַ שְׁטֶעלֶע. אַזוֹי הָאט דֶער רֵישׁ גָלוּתָא שְׁלֹמֹה, בּוּסְתָּנָאִי׳ס אַ אוּרֶ־
עֶנִיקֶעל, אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין גַאנְצֶען דָאס לֶערְנֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן אַ גֶעוִויסֶען
נַטְרָאִי כַּהֲנָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן נָאר אַ קְלֵיינֶער לַמְדָן, אוּנ הָאט זִיךְ נִיט
אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אַזאַ גְרוֹיסֶען מַאנן וִוי רַב אַחָא מִשַׁבְּחָא, וָואס הָאט גֶעמוּזְט
אַוֶועק פָאהרֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. נִיט קַיין בֶּעסֶערֶע מֶענְשֶׁען הָאט עֶר אוֹיךְ
אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פַאר רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת פוּן סוּרָא אוּנ פּוּמְבְּדִיתָא. דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן
צְוֵויי בְּרִידֶער, אֵיינֶער אַ בְּלִינְדֶער יְהוּדָאִי אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער אַ זֶעהֶענְדִינֶער
דוּדָאִי, – בֵּיידֶע הָאבֶּען אָבֶּער נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דֶעם אִינְוֶוע־
נִינְסְטֶען מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען מִיט אָפֶּענֶע אוֹיגֶען אוּנ דֶערְפַאר אִיז אִין זֵייעֶרֶע
יָאהרֶען גֶעוָוארֶען אַזאַ אִיבֶּערְקֶעהרֶענִישׁ, וָואס שְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע אִין דעם
יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען.

---

2 דִי קַרָאִים׳עֶס אוּנ נַייעֶ כִּתּוֹת.

(760—900 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

וֶוען דִי אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט מִיט׳ן תַּלְמוּד, אָדֶער, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט, מִיט
זַיינֶע פֶארְשְׁטֶעהֶער, הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיסְוַוייזֶען, אַז זִי הָאט
זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אִין חֲלוֹמוֹת וֶועגֶען מָשִׁיחַ׳ס צַייטֶען אוּנ קֵיינֶער הָאט דִי
זַאךְ נִיט גֶעהַאלְטֶען פַאר עֶרְנְסְט, הָאט מֶען פְלוּצְלוּנְג דֶערְזֶעהן, אַז דָאס פַייעֶר
הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעהַאפְּט אִין דִי הוֹיכֶע פֶענְסְטֶער אוּנ מַאכְט טַאקֶע אָן אַ גַאנְצֶע
שְׂרֵפָה. דֶער הוֹיפְּט־גֶעגְנֶער אִיז גֶעוָוארֶען עָנָן בֶּן דָוִד, אֵיינֶער פוּן בּוּסְתָּנָאִי׳ס
מִשְׁפָּחָה, וָואס הָאט בֶּעדַארְפְט וֶוערֶען רֵישׁ גָלוּתָא, נָאר מֶען הָאט אִיהם נִיט
צוּגֶעלָאזְט דִי שְׁטֶעלֶע אוּנ מֶען הָאט אוֹיף זַיין אָרְט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען זַיין בְּרוּדֶער
חֲנַנְיָה אָדֶער אַחוּנָאִי. הָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר פִיעל שׂוֹנְאִים, וָואס הָאבֶּען
אוֹיף אִיהם אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַלְדֶעס בָּאז, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט
בֶּעקוּמֶען אַ סַךְ נוֹטֶע פְרֵיינְד, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעהוֹיבֶּען בִּיז צוּם הִימֶעל, אוּנ
פֶערְזִיכֶערְט אַז עֶר אִיז וֶוערְט צוּ זַיין אַ נָבִיא. אִיבֶּער אִיהם אִיז אַרוֹיס אַ קְרִיעג
צְוִוישֶׁען צְוֵויי צְדָדִים, אוּנ זַיין צַד הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט מִיט אַלֶע מִיטֶעל אַז דִי
מַאכְט פוּנ׳ם רֵישׁ גָלוּתָא זָאל אִיבֶּערְגֶעהן צוּ אִיהם; נָאר אַז דִי זַאךְ אִיז אָנְגֶע־
קוּמֶען צוּם כַּלִיף אַבּוּנַסַר אַלְמַנְזוּר אוּנ מֶען הָאט עָנָן גֶעמַסֶרְט אַז עֶר אִיז
אַ מוֹרֵד בְּמַלְכוּת, הָאט עֶר גֶעמוּזְט עוֹקֵר זַיין אוּנ אִיז אַוֶועק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.
דֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד, וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיי דִי מַהְמַדַנֶער צְוִוישֶׁען דִי סוּנִי־

טען, וואס האָבען געהאַלטען פון קַבָּלוֹת אונ פון זוכען אונ פלעגען איבערנעהן פון איין דור צום אַנדערן, אונ די שִׁיִטען, וואס האָבען אָבגעהיט נאָר דאס וואס איז בפירוש אָנגעשריבען אין קָראַן, אונ האָבען גערעכענט פאר אַיין עבירה אָבצוזוטרעטען אפילו איין אות דערפון — האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף ענן, אונ ער האָט זיך ענטשלאָסען צו צוברעכען זיינע לייט נאָר צו דער תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אָדער מִקְרָא, אונ דערפאַר האָבען זיי זיך אָנגעהויבען רופען קַרָאִים. ענן האָט באַלד אַיינגעפירט נייע דינים אונ מנהגים וועגען שַׁבָּתים אונ יָמים טובים, וועגען כָּשֵׁר אונ טְרֵפָה; ער האָט מְבַטֵל געוועהן דעם לוּחַ וואס די תּלמודיסטען האָבען נאָך איהם אויסגערעכענט די צייט אונ האָט זיך גענומען צום פריהערינגען מיטעל צו בעשטימען דעם קדוש החֹדש אונ דאס עִבּוּר־יאָהר. אום שַׁבָּת האָט ער געהייסען זיצען אין דער פינסטער, אפילו תּפלות האָט ער גלאָזט מאַכען אַנדערע, אונ פון תּפלין לעגען ביז חֲנוּכָּה־ליכטלעך אָנצינדען האָט ער אַלדינג ערקלעהרט פאר איבעריג אונ נעגען דער תּוֹרָה. אין ירושה זאַכען האָט ער געמאַכט, אַז טאָכטער אונ זיהן זאָלען האָבען גלייכע טהייל, אונ חֲתוּנוֹת האָט ער פאַרוועהרט צווישען נאָהענטע קרובים ווי פעטערס אונ געשוועסטער־קינדער. אַזוי האָט ענן געהאַלטען נאָר אין איין צוברעכען פונ׳ם אַלטען, חאָטש צום אָנהייב האָט ער געשריגען אַז ער וויל נאָר בעפעסטיגען די תּוֹרָה. ער איז געוועהן אַ שׂוֹנֵא פון די תּלמודיסטען, נאָר פון דעסטוועגען האָט ער זיך ניט געפוילט אויסצואַרבייטען זיין אייגענעם תּלמוד.

אַזוי האָבען זיך ווידער די יודען צוטהיילט אויף צוויי מַחֲנוֹת, פונקט ווי נאָר פאר צייטענס יְהוּדָה אונ יִשְׂרָאֵל, אונ ווי שפּעטער פאר׳ן חורבן פונ׳ם בַּיִת שֵׁנִי, די פְּרוּשִׁים אונ די צְדוּקִים. אַ שרעקליכע שִׂנְאָה איז געוואָרען צווישען די תּלמידים פון ענן, די קַרַאִימער וואס האָבען זייער פיהרער גערעכענט פאר׳ן אמתן רֵישׁ גָלוּתָא, אונ די תּלמודיסטען אָדער רַבָּנִיסְטען וואס האָבען זיי גערופען׳ס ווי ווייט זיי האָבען נאָר געקאָנט. עס איז געקומען דערצו, אַז ענן פלעגט אָפענטליך זאָגען אַז ווען ער זאָל נאָר קאָנען אַללע תּלמודיסטען אַריינגעהמען צו זיך אין זיין לייב, וואָלט ער זיך מיט פערגניגען אַ מִיתָה מְשׁוּנָה אָנגעטהון, אַבי זיי נאָר צו פּטר׳ן פון דער ליכטיגער וועלט. ער איז אָבער נאָר צו באַוואונדערן ווי הייליג ענן איז געוועזן בײַ די [illegible] ער איז [illegible] געוועזן קיין גרויסער למדן אונ האָט זיך אָפּט אַליין [illegible] געווען [illegible] וואס ער האָט איינגעפיהרט אין פיעל זאַכען אַ סך גראָסערע חוּמרוֹת ווי די גְמָרָא פון דעסטוועגען האָט איהם קיינער קיין קוּשְׁיוֹת

נִיט גֶעפְרֶאנְט, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט מֶען אִיהם אָנְגֶעטְהוּן אַזאַ גְרוֹיסֶען כָּבוֹד אַז מֶען הָאט אִיהם אוּם שַׁבָּת מַסְפִּיד גֶעוֶועהן·

נָאךְ עָנָן׳ס טוֹיט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען דִי קַרַאִימֶעס אַלַיְין אַרוֹיסְנַוייזֶען קְלֵיינֶע אוּנ פֶערְשִׁידֶענֶע כִּתּוֹת אוּנ יֶעדֶע כִּתָּה הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער תּוֹרָה אַיין אַנְדֶער פֵּירוּשׁ אוּנ הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז נָאר זַיין כִּתָּה הָאט רֶעכְט, דָערְוַויל אִיז דֶערְפוּן אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי אֵיינְצִינֶע נוּטֶע זַאךְ וָואס דִי הֶעבְּרֶאִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע הָאט וַויטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען בְּלִיהֶען, וַוייל דִי קַרַאִימֶעס הָאבֶּען זִיךְ אִין אַלְדִינְג סוֹמֵךְ גֶעוֶועהן נָאר אוֹיף פְּסוּקִים פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם הָאבֶּען זַיי גֶעמוּזְט נוּט שְׁטוּדִירֶען גַאנְץ תַּנַ״ךְ, דֶעמָאלְט אִיז אַרוֹיס דִי מַסֹרָה, וָואס מֶעהר פוּן הוּנְדֶערְט יָאהר הָאבֶּען דִי קַרַאִימֶעשֶׁע לוֹמְדִים גֶעאַרְבַּייט אִין דֶעם. דִי מַסֹרָה הָאט גֶעהַאט דֶעם תַּכְלִית אוֹיס צוּבֶּעסֶערֶען דִי גְרַייזֶען אִין דֶער תּוֹרָה, וַוייל אִין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייטֶען פוּן רְדִיפוֹת זֶענֶען דִי אֶמֶת׳ע סִפְרֵי תוֹרָה פֶערְלָארֶען גֶעוָוארֶען אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאפְּט נִיט קַיין גֶעניטֶע סוֹפְרִים אָ. צוּשְׁרַייבֶּען דִי תּוֹרָה נָאךְ׳ן זִכָּרוֹן, אַוַדַאי הָאבֶּען זַיי אָפְט גֶעהַאט אַ טָעוּת. דָא פַארְפֶעהלְט אוּנ דָארְט צוּגֶעזֶעצְט אִיבֶּעריגֶע. דֶער פוּן הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען ... אִין בָּבֶל הָאט דִי תּוֹרָה גֶעהַאט 5888 פְּסוּקִים אוּנ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז זִי גֶעוֶו... דְרַיי מָאל אַזוֹי גְרוֹיס אוּנ אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן 15852 פְּסוּקִים. דִי בַּעֲלֵי הַמְּסֹרָה הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט אַלְדִינְג צוּ פַאר רֶעכְטֶען אִין דֶער תּוֹרָה וִוי וַוייט עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן. נָאר אִין גַאנְצֶען אִיז עֶס זַיי אֲפִילוּ נִיט גֶערָאטְהֶען, נָאר פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט מֶען שׁוֹין שְׁטְרֵיינְגֶער אַכְטוּנְג גֶע־ נֶעבֶּען אַז שְׁטַארְק פֶערְגְרַייזִינְטֶע סִפְרֵי תּוֹרָה זָאלֶען מֶעהר נִיט פָארְקוּמֶען.

צוּ לִיעבּ דִי קַרַאִימֶעס הָאט אוֹיךְ דִי שְׁטֶעלֶע פוּנ׳ם רֵישׁ גָלוּתָא אָנְגֶעוָוא־ רֶען אִיהר פְּרִיהֶרִיגֶען וֶוערְט. דִי רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַבְּהֶענְגִיג גֶעוֶועהן פוּנ׳ם רֵישׁ גָלוּתָא אוּנ עֶר פְלֶעגְט זַיי אוֹיסְקְלוֹיבֶּען. זַייט אָבֶּער מֶען הָאט גֶעמוּזְט זוּכֶען מִיטְלֶען אוּנ נִיט דֶערְלָאזֶען אַז עָנָן זָאל וֶוערֶען רֵישׁ גָלוּתָא, הָאט דִי שְׁטֶעלֶע אוֹיפְגֶעהֶערְט אִיבֶּערְצוּגֶעהן בִּירוּשָׁה צוּ בּוּסְתַּנַאִי׳ס קִינְדֶער, אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל מַאכֶען אַ פְרַייע בְּחִירָה. דַארִיבֶּער אִיז אַרוֹיס אַ מַחֲלוֹקֶת וֶוען דִי שְׁטֶעלֶע פוּנ׳ם רֵישׁ גָלוּתָא הָאבֶּען גֶעוָואלְט פַארְנֶעהמֶען זַכַּאי בֶּן אַחוּנָאי אוּנ נַטְרוֹנָאִי בֶּן חַבִיבָאִי, אוּנ דִי רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת חֲנִינָאִי כַּהֲנָא בֶּן הוּנָא פוּן סוּרָא אוּנ מַלְכִּיָה בָּן אַחָא פוּן פּוּמְבְּדִיתָא הָאבֶּען מֶעהר גֶעהַאלְטֶען פוּן זַכַּאי, הָאטְשׁ נַטְרוֹנָאִי אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרֶעסֶערֶער לַמְדָן, אוּנ אַז דִי יוּדֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל זַיי צוּשִׁיקֶען דֶעם גַאנְצֶען תַּלְמוּד הָאט עֶר

אַלְדִינְג אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיסֶענְוֶוענִיג אוּנ הָאט קַיין זַאךְ נִיט פַארְפֶעהְלְט.

נְרָאד אִין דֶער צַייט אָבֶּער, וֶוען צְווִישֶׁען יוּדֶען הָאבֶּען וַוייטֶער מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען צְווֵיי כִּתּוֹת, הָאט זִיךְ דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה דוּרְךְ גֶעשְׁלָאגֶען אַ נַייעֶם וֶועג אוּנ הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אַרַיינְגֶעחַאפְּט צוּ אַ שְׁטַארְק פָאלְק, וָואס אִיז בִּיז אַהֶער גֶעוֶועהְן פֶערְזוּנְקֶען אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ פוּנ'ם גָאטְצֶענְדִיעֶנְסְט. בַּיים קַאסְפִּישֶׁען יַם, וואו דֶער גְרוֹיסֶער טַייךְ וָואלְגַא פַאלְט אַהִין אַרַיין, הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט דִי חַאזַארֶען (כּוּזָרִים), וָואס זֵייעֶר קֶענִיג, אָדֶער וִוי מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען כַּאגַאן, הָאט גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער גְרֶעסְטֶער אֵימָה אַלֶע פֶעלְקֶער פוּן אַרוּם אוּנ פְלֶעגְט פוּן זֵיי בֶּעקוּמֶען מַס. דוּרְךְ דִי אַרַאבֶּער אוּנ גְרִיכֶען, וָואס פְלֶעגֶען הָאבֶּען מִיט זֵיי גֶעשֶׁעפְטֶען, אוּנ אוֹיךְ דוּרְךְ דִי יוּדֶען, וָואס דָאס אוּנְגְלִיק הָאט זֵיי אַמָאל צוּ זֵיי פֶערְוָוארְפֶען, וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעטְרִיבֶּען אִין דִי בִּיצַאנְטִינִישֶׁע לֶאנְדֶער, זֶענֶען דִי חַאזַארֶען גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע דְרַיי אֱמוּנוֹת, וִוי דֶער אִיסְלַאם, דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם אוּנ דָאס יוּדִישְׁקַייט, אוּנ אַז זֵייעֶר קֶענִיג בּוּלַאן, אָדֶער בּוּטְשַׁאן, הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַוֶועק צוּוַארְפֶען דִי עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט עֶר אָנְגֶענוּמֶען דֶעם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען. וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ אִיז גֶעשֶׁעהֶן — קָאן מֶען זִיכֶער נִיט וִויסֶען: מִן הַסְּתָם הָאבֶּען אִין דֶעם גֶעהַאט אַ נְגִיעָה דִי יוּדִישֶׁע רַייכֶע סוֹחֲרִים, דָאקְטוֹרִים אוּנ לוֹמְדִים, וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהְן גְרוֹיסֶע חֲשׁוּבִים אִין הוֹיף פוּנ'ם חַאזַארִישֶׁען מֶלֶךְ. עֶס אִיז אַ סְבָרָא אַז דֶער קֶענִיג בּוּלַאן הָאט גֶעזֶעהְן אִין אַ חָלוֹם אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט מְבַטֵל צוּ זַיין דֶעם גָאטְצֶענְדִיעֶנְסְט, אוּנ אַז עֶר הָאט בַּאלְד נָאךְ דֶעם אַיינְגֶענוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אַרְמֶענִישֶׁע פֶעסְטוּנְג הָאט עֶר עֶס גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מוֹפֵת פוּן הִימֶעל, אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען אָנְצוּנֶעהמֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. דֶער כַּלִיף אוּנ דֶער בִּיצַאנְטִינִישֶׁער קֵייזֶער הָאבֶּען אָבֶּער גֶעוָואלְט אִיהם נֵייגֶען עֶר זָאל צוּשְׁטֶעהְן צוּ זֵייעֶרֶע אֱמוּנוֹת אוּנ דֶער פַאר הָאבֶּען זֵיי אִיהם גֶעשִׁיקְט טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת אוּמִישְׁנֶע דוּרְךְ גֶעלֶערֶנְטֶע שְׁלוּחִים, וָואס יֶעדֶער זָאל אִיהם קָאנֶען פַארְשְׁטֶעהְן גֶעבֶּען דָאס הֵיילִיגְקַייט פוּן זַיין גְלוֹיבֶּען אוּנ אִיהם צוּרֶעדֶען דַוְקָא נָאר צוּ זַיינֶעם. בּוּלַאן הָאט גֶעהֵייסֶען אַז אַלֶע פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי דְרַיי רֶעלִיגְיָאנֶען זָאלֶען הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ פַאר אִיהם אִין דִי אוֹיגֶען אַ וִוכּוּחַ, אוּנ אַז עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט אַז וִוי בַּאלְד עֶס אִיז גֶעקוּמֶען עֶפִּיס צוּ אַ רְאָיָה הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד דִי קְרִיסְטֶען אוּנ דִי מַחְמֶדַנֶער בֶּערוּפֶען אוֹיף דֶער תּוֹרָה, הָאט עֶר שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מָקוֹר פוּן אַלֶע רֶעלִיגְיָאנֶען לִיגְט אִין דֶעם יוּדֶענְטְהוּם, אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. מֶען רֶעכֶענְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט דֶעם קֶענִיג בּוּלַאן בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט

מיט די יְסוֹדוֹת פונ'ם יודענטהום אונ בֶּעשַׁאפֶען בַּיי איהם אין הַארצֶען אַ אֱמֶת'ע ליעבְּשַׁאפְט צום נַייעֶם גְלויבֶּען, איז גֶעוֶועהן רַבִּי יִצְחָק סַנְגָרִי. בּוּלָאן הָאט זיך מְגַיֵר גֶעוֶועהן צוזַאמֶען מִיט פִיער טויזֶענד מַאנן, נָאר הָאטְשׁ צום אָנְהֵייבּ הָאט דָאס פָאלְק נָאךְ זֶעהר וֶועניג גֶעקָאנְט דָאס יודִישְׁקַייט, הָאבֶּען זיך מיט דער צַייט די כַאזַארֶען אָנְגֶעהויבֶּען רֶעכְנֶען פַאר אַ אֱמֶת יודִישֶׁער מְלוּכָה, אונ שְׁפֶּעטֶער מיט עֶטְלִיכֶע דורות הָאט דער כַאזַארִישֶׁער קֶענִיג עוֹבַדְיָה גֶעלָאזְט בְּרֶענְגֶען גְרויסֶע לוֹמְדִים, מֶען זָאל מַאכֶען שׁוּלֶען, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אונ יְשִׁיבוֹת כְּדֵי דער עוֹלָם זָאל זיך קָאנֶען פִיהרֶען ווי עֶס שְׁטֶעהט אָן פְרוּמֶע יודֶען. עוֹבַדְיָה הָאט אָבֶּער אויך גֶעזֶעהן אַז אַלֶע פֶעלְקֶער, וָואס הָאבֶּען זיך גֶעפִינֶען אונְטֶער זַיין שׁוּטְץ, זָאלֶען הָאבֶּען גְלַייכֶע רֶעכְטֶע מיט אַלֶע, אונ הָאט גֶעהֵייסֶען וֶוערֶען אין גֶערִיכְט שׁוֹפְטִים אויך פון מַחְמַדַנֶער, קְרִיסְטֶען אונ אֲפִילוּ פון די דֶערְמָאלְטִינְגֶע רוסֶען אונ בּוּלְגַארֶען, וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועהן גֶעטְצֶענְדִינֶער. די יודֶען אין בָּבֶל אונ אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט אַז עֶרְגִיץ גַאנְץ וַוייט איז פְּלוּצְלוּנְג אויס גֶעוַואקְסֶען אַ יודִישֶׁע מְלוּכָה, אונ אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהויבֶּען דֶערְפון עֶפִּיס צו רֶעדֶען, איז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען אַז דָאס מוּז גֶעווִיס זַיין יודֶען פון די עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים, אונ די כוזָרִים זַיינֶען פון שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אונ דֶעם הַאלְבֶּען שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה.

נָאר הָאטְשׁ די יודֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְטְרַאגֶען מיט מַחֲלוֹקֶת וֶועגֶען די כִּתּוֹת, פון דֶעסְטְוֶועגֶען זֶענֶען זֵיי נִיט גֶעבְּלִיבֶּען הִינְטֶערְשְׁטֶעלִיג גֶעגֶען אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, אונ אַז צום אָנְהֵייבּ פונ'ם נַיינְטֶען יָאהְרְהוּנְדֶערְט, אין די יָאהרֶען פונ'ם כַּלִיף הַרוּן אַל-רַשִׁיד אונ זַיין זוהן אַלְמַמוּם, הָאט די ווִיסֶענְשַׁאפְט אָנְגֶעהויבֶּען בְּלִיהֶען אונ הָאט דֶערְגְרֵייכְט נָאר צו אַ הויכֶע מַדְרֵגָה, הָאבֶּען זֵיי אויך אַרויסְגֶעגֶעבֶּען גְרויסֶע לַייט, וָואס הָאבֶּען זיך בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט מיט זֵייעֶר חָכְמָה. מַשָׁא-אַלַּה אִבְּן אַטַרִי איז גֶעוֶועהן אַ גְרויסֶער אַסְטְרָאנָאם; סַהַל אַל טַבַּרִי, וָואס מֶען הָאט איהם אויך גֶערוּפֶען רַבָּן, הָאט זיך בֶּעשֶׁעפְטִיג מיט מֶעדִיצִין אונ אַנְדֶערֶע ווִיסֶענְשַׁאפְטֶען אונ זַיין זוהן אַבּוּ סַהַל עֲלִי, איז גֶעוֶועהן אַ דָאקְטָאר, אונ צְווִישֶׁען זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶועהן די צְוַוייא בֶּעריהמְטֶע אַרַאבִּישֶׁע דָאקְטוֹרִים רַאזִי אונ אַנְזַרְבִּי. פון די קַרָאִיטְ'עס הָאט זיך אין דער צַייט בֶּערִימְט גֶעמַאכְט בִּנְיָמִין בֶּן משֶׁה הַנַהַוֶועַנְדִי פון פֶּערְסִיֶען, וָואס הָאט זיך אָבְּגֶעגֶעבֶּען מיט חֲקִירוֹת אין אֱמוּנָה-זַאכֶען אונ הָאט בַּיי זַיינֶע לַייט גֶעשְׁפִּיעלְט כִּמְעַט די אֵיינֶענֶע רָאלֶע וָואס עָנָן. אין זַיינֶע חֲקִירוֹת הָאט זיך נִתְגַלֶה גֶעהַאלְטֶען אָן דֶעם דֶערֶךְ פון די מַהְמַדַנִישֶׁע פִילָאזָאפֶען, אונ עֶר הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז גָאטט הָאט פְרִיהֶער בֶּעשַׁאפֶען די מַלְאָכִים אונ אֵיינֶער פון די

מַלְאָכִים הָאט שוֹין שְׁפֶּעטֶער בֶּעשַׁאפֶען דִי וֶועלְט. מִיט אַזֶעלְכֶע חֲקִירוֹת אִיז נַהֲוָנְדִי, פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, גֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ וַוייט פוּנ׳ם יוּדֶענְטְהוּם; בִּיסְלֶעכְ־וַויים הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער צְוִוישֶׁען דִי תַּלְמוּדִיסְטֶען אוֹיךְ אָבְּגֶעזוּכְט מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט סִתְרֵי תּוֹרָה אוּנ עֶס הָאט זִיךְ זֵיי אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז זֵיי ווייסֶען שוֹין דֶעם סוֹד הַיְצִירָה אוּנ הָאבֶּען דֶעם בּוֹרֵא יָחִיד אַזוֹי מְגַשֵּׁם גֶעוֶועהן אוּנ גֶערֶעדְט פוּן אִיהם וִוי פוּן אַ פְּרָאסְטֶען בָּשָׂר וָדָם: זֵיי הָאבֶּען אוֹיסְגֶעכָאהלְט וִוי עֶר זִיצְט אִין אַ פַּאלַאץ אוֹיבֶּען אָן אוּנ הַאלְט זִיךְ נָאר אִין אֵיין שַׁאפֶען מִיט זַיין הוֹיפְט־מַלְאָךְ מַטַטְרוֹן, אוּנ גִיט נָאר אַכְטוּנְג דַארוֹיף אַז עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוע־רֶען דָאס וָואס זֵיי בֶּעטֶען דוּרְךְ אַ לַחַשׁ אָדֶער אַ קָמֵיעַ. אוֹיף אַזַא אוֹפֶן, הָאבֶּען זֵיי גֶערֶעכֶענְט, פִיהְרְט זִיךְ דִי וֶועלְט אוּנ זֵיי הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ סַךְ סְפָרִים דֶערִיבֶּער, וַוייל אַזוֹי אִיז גֶעוֶועהן זֵייעֶר אִיבֶּערְצַייגוּנְג אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין גֶענַארְט.

דִי אֶמֶת׳ע פְרוּמֶע לוֹמְדִים הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט צוּפְרִידֶען זַיין פוּן אַזֶעלְכֶע יְדִעֶן אוּנ דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט אָפְט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מַחֲלוֹקֶת. אִים יָאהר 826 הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְגְלַייכֶען וֶועגֶען אַ רֵישׁ גָּלוּתָא: אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעוואלְט אַ גֶעוִויסֶען דָנִיֵאל, וָואס אִיז מֶעהר גֶעוֶועהן גֶענֵייגְט צוּ דִי קַרָאִימֶ׳עס, אוּנ דִי אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעוָואלְט אֵיינֶעם דָוִד בֶּן יְהוּדָה. בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען [...] גֶעקְלָאגְט פַאר׳ן כַלִיף אַלְמַמוּם, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זִיךְ נִיט [...]ינְמִישֶׁען אִין אִינְוֶוענִיגְסְטֶען לֶעבֶּען פוּן זַיינֶע פֶאלְקֶער, אוּנ אַז יֶעדֶער צַד הָאט [...] רֶעכְט אוֹיסְצוּקְלוֹיבֶּען וֶועמֶען עֶר וִויל. פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט דִי שְׁטֶעלֶע פוּן רֵישׁ גָּלוּתָא כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען אָנְגֶעוָואהְרֶען אִיהר גְלַאנְץ.

נִיט נָאר יוּדֶען אַלֵיין הָאבֶּען גֶעלִיטֶען פוּן מַחֲלוֹקֶת אוּנ פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע [...]טֶען: בַּיי דִי קַרָאִימֶ׳עס הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען נַייעֶ כִּתּוֹת אוּנ [...] בִּתָּה הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז נָאר זַיינֶע שְׁטֶעהט נָאהֶענְט צוּם אֶמֶת. [...] אוּנ יִשְׁמָעֵאל פוּן עַכְבַּרַא הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ בֶּעזוּנְדֶער סֶעקְטֶע, וָואס [...] הָאט זֵיי גֶערוּפֶען עַכְבַּארִיסְטֶען: זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעפִיהְרְט גְלַייךְ מִיט דִי שׁוֹמְרוֹנִים אוּנ הָאבֶּען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ עֶסֶען פְלֵיישׁ פוּן גֶעוִויסֶע נִיט־כָּשֵׁר׳ע חַיוֹת. אַבּוּ־עַמְרוּ־מָאזֶע פוּן סַאפַארָאן אִין פֶערְסִיֶען הָאט גֶעגְרִינְדֶעט אַ סֶעקְטֶע, [...]אס הָאט גֶעהֵייסֶען טִפְלִיסִיטֶען: זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמַאכְט נָאר בֶּעזוּנְדֶערֶע [...] טוֹבִים, נִיט צוּזַאמֶען מִיט דִי יוּדֶען אוּנ אֲפִילוּ נִיט מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע קַרָאִימֶ׳עס, אוּנ הָאבֶּען פַארְוֶועהְרְט אַז גֶעשְׁוֶועסְטֶערְקִינְדֶער זָאלֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען צְוִוישֶׁען זִיךְ. מְשׁוּי וִוידֶער פוּן בַּעַל־בֶּעק אִין סִירְיֶען הָאט זִיךְ גֶעהַאט זַיין

סֶעקְטֶע, דִי כַּעַלבֶּעקִיטֶען, וָואס הָאבֶּען אַיינְגֶעפִירְט אַז פֶּסַח זָאל מֶען מַאכֶען נָאר אוּם דָאנֶערְשְׁטָאג אוּנ יוֹם כִּפּוּר זָאל פַאלֶען נָאר אוּם שַׁבָּת. אִיבֶּער־הוֹיפְּט הָאבֶּען דִי קַרַאִימֶ׳עס נִיט נֶעהַאט קֵיין הוֹיפְּט־פָארְשְׁטֶעהֶער אוּנ יֶעדֶע קְהִלָּה הָאט זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהן וִוי עֶס הָאט זִיךְ אִיהר פֶערְגְלוּסְט.

בַּיים סוֹף פוּנ׳ם אַכְטֶען יָאהר־הוּנדֶערְט הָאט זִיךְ אִין אֵייְרָאפַּא אוֹיךְ אַ בִּיסֶעל פַארְבֶּעסֶערְט דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען. דֶער קֵייזֶער קַארְל דֶער גְרוֹיסֶער הָאט זֵיי בֶּעהַאנְדֶעלְט מִיט חֶסֶד אוּנ וִויפִיעל דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ מִיה גֶעגֶעבֶּען אוּנ גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל זֵיי בֶּעטְרַאכְטֶען וִוי שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִיגְיָאן, הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט הֶארֶען. אַז מֶען הָאט זִיךְ אִיהם אַ מָאל בֶּעקְלָאגְט דַארוֹיף וָואס דִי יוּדֶען פֶערְלַייעֶן גֶעלְד אוּנ גֶעהמֶען פַאר אַ מַשְׁכּוֹן כְּלֵי קֹדֶשׁ פוּן דִי קִירְכֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז טַאקִי בֶּאֱמֶת אַ חִלּוּל הַשֵּׁם, נָאר שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען דִי קְרִיסְטֶען, אוּנ עֶר הָאט זֵיי בֶּעשְׁטְרָאפְט אוּנ דִי יוּדֶען גֶעלָאזְט פְרַיי. דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ דֶעמָאלְט בֶּעשֶׁעפְטִיגְט נָאר מִיט מִסְחָר אוּנ הָאבֶּען נֶעהַאט אַלֶע רֶעכְטֶע, נָאר מִיט תְּבוּאָה אוּנ וַויין הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעטָארְט הַאנְדְלֶען, וַוייל קַארְל הָאט נִיט גֶעוָואלְט מֶען זָאל שְׁפֶּעקוּלִירֶען מִיט אַזֶעלְכֶע נָאטְהִיגֶע זַאכֶען אוּנ טְהַייעֶר מַאכֶען דֶעם מֶקַח. קַארְל הָאט אוֹיךְ בֶּעצוֹיגֶען פוּן בָּבֶל דִי גְרֶעסְטֶע לוֹמְדִים אוּנ הָאט גֶעלָאזְט מַאכֶען יְשִׁיבוֹת; דָאס הָאט עֶר גֶעטְהוּן פוּן אֵיין זַייט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי יוּדֶען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ זָאלֶען זַיין גֶעלֶערְנְט, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט, כְּדֵי דִי יוּדֶען זָאלֶען פֶערְשְׁפָּארֶען אוֹיסְהַאלְטֶען דִי יְשִׁיבוֹת אִין בָּבֶל אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ דָאס גֶעלְד זֵייעֶרְס זָאל בְּלַייבֶּען דָא אִין לַאנְד. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין נַרְבּוֹנָה אַ בֶּערִיהמְטֶער לַמְדָן קְלוֹנִימוּס מִיט זַיין זוּהן מֹשֶׁה, אוּנ קַארְל הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט אַ גְרוֹיס שְׁטִיק עֶרְד. קְלוֹנִימוּס אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי בֶּעלִיעבְּט בַּיים קֵייזֶער אַז מֶען הָאט אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען וִוי אוֹיף אַ פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַלֶע פְרַאנְצֶעזִישֶׁע יוּדֶען אוּנ מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען נָשִׂיא. דֶער טִיטֶעל „נָשִׂיא״ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ סַךְ יָאהרֶען אִין קְלוֹנִימוּס׳ס מִשְׁפָּחָה, וָואס הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט אִין לַאנְד אוּנ וָואס פִיעל פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ בֶּעזֶעצְט אִין מַאיִנְץ (מַגֶנְצָה), בִּיז מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ. וִוי וַוייט קַארְל הָאט גֶעהַאלְטֶען פוּן יוּדֶען — קָאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהן דֶערְפוּן וָואס צְוִוישֶׁען דִי שְׁלוּחִים, וָועלְכֶע עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּם כַּלִיף הַרוּן אַל־רַשִׁיד, אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַ יוּד יִצְחָק, אוּנ אַז דִי אַנְדֶערֶע שְׁלוּחִים זֶענֶען אוֹיפ׳ן וֶועג גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ נָאר דֶער יוּד אִיז צוּרִיק־גֶעקוּמֶען מִיט אַ תְּשׁוּבָה פוּנ׳ם כַּלִיף, אוּנ מִיט טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת, הָאט אִיהם

קַארְל אוֹיפְגֶענוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט אַאַכֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ פֿאַר אִיר זִינֶען גֶעגַעבֶּען אַ קַייזֶערְלִיכֶען גֶעזַאנְדְטֶען.

אִין דַייטְשְׁלַאנְד הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ דִי יוּדֶען פַארְמֶעהרְט, בַּיי אַזַא גוּטֶער לַאגֶע, אוּנ הָאבֶּען אִים נַיינְטֶען יָאהרְהוּנְדֶערְט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע קְהִלּוֹת אִין מַאגְדֶעבּוּרְג, מֶערְזֶעבּוּרְג אוּנ רֶעגֶענְסְבּוּרְג. פוּן דִי אַלְטֶע צַייטֶען אִיז נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען אַ שֶׁענְדְלִיכֶער מִנְהָג וָואס וֶוען אַ יוּד הָאט בֶּעדַארְפְט זַיין אַיין עֵדוּת גֶעגֶען אַ קְרִיסְט, הָאט עֶר גֶעמוּזְט שְׁוֶוערֶען „עֶר זָאל אַיינְגֶעזוּנְקֶען וֶוערֶען וִוי קֹרַח", אוּנ אַחוּץ דֶעם אָנְטְהוּן צוּ דֶער שְׁבוּעָה אַ קְרַאנְץ פוּן דֶארְנֶער. אִין דִי גוּטֶע יָאהרֶען אִיז טַאקִי אַזַא צֶערֶעמָאנִי אַגְרוֹיסֶע שַׁאנְדֶע, נָאר עֶס אִיז פָּארְט בֶּעסֶער גֶעוֶועהן וִוי אַמָאל וֶוען מֶען הָאט דִי יוּדֶען נָאר נִיט צוּגֶעלָאזְט צוּ זַיין עֵדוּת. אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ קַארְל'ס יוֹרֵשׁ לוּדְוִויג דֶעם פְרוּמֶען, אִיז דֶער מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען נָאךְ מֶעהר פַאר בֶּעסֶערְט גֶעוָוארֶען: זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט אוּמֶעדוּם פְרַיי הַאנְדְלֶען, אוּנ וַואנְדְלֶען אוּנ צוּ לִיעבּ זֵיי הָאט מֶען אֲפִילוּ אִין פִיעל שְׁטֶעדְט דִי מַארְקְטֶאג אָבְּגֶעלֶעגְט פוּן שַׁבָּת אוֹיף זוּנְטָאג. דִי יוּדֶען הָאבֶּען מֶעהר נִיט בֶּעדַארְפְט וִוי נָאר צָאהלֶען מַס דֶער מְלוּכָה אוּנ וַוייטֶער הָאט זִיךְ קֵיינֶער צוּ זֵיי נִיט גֶעטָארְט מִישֶׁען; דִי מְלוּכָה הָאט וִוידֶער זֵיי גֶעשִׁיצְט אוּנ הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אַ בֶּעזוּנְדֶער מוֹשֵׁל, וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען „יוּדֶענְמַייסְטֶער", אוּנ וָואס הָאט גֶעמוּזְט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען זֵיי זָאלֶען לֶעבֶּען רוּהִיג אוּנ צוּפְרִידֶען. דִי סִבָּה וָואס אַזַא פְרוּמֶער קֵייזֶער וִוי לוּדְוִויג, וָואס הָאט שְׁטַארְק גֶעקְלֶעבְּט אִין קַאטָאלִיצִיזְמוּס, הָאט אַזוֹי גֶעהַאלְטֶען פוּן יוּדֶען — אִיז נִיט גֶעוֶועהן נָאר דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט בֶּעפֶעסְטִיגֶען דֶעם הַאנְדֶעל אִין לַאנְד, נָאר וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעהַאט אַזַא בֶּעשִׁיצֶערִין וִוי דִי קֵייזֶערִין יְהוּדִית. זִי הָאט זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט צוּ לֵייעֶנֶען אִין דֶער בִּיבֶּעל דִי עֶרְצֶעהלוּנְגֶען פוּן דִי יוּדִישֶׁע אָבוֹת, אוּנ אִיז אִין גַאנְצֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען צוּ דֶעם אַלְטֶען פָאלְק וָואס פִיהרְט זַיין יִחוּס פוּן אַזוֹי פִיעל דוֹרוֹת. אַז דֶער גֶעלֶערְנְטֶער נַייסְטְלִיכֶער רְהַאבַּאנוּס מוֹירוּס הָאט גֶעוָואלְט וֶוערֶען אַ חָשׁוּב בַּיי דֶער קֵייזֶערִין הָאט עֶר אִיהר צוּגֶעטְרָאגֶען אַ בּוּךְ, וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעוֶועהן גֶעשְׁרִיבֶּען דִי עֶדְלֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹיעֶן „אֶסְתֵּר" אוּנ „יְהוּדִית". דָאס פַארְשְׁטֶעהט מֶען אַז וִוי בַּאלְד מֶען הָאט אִין הוֹיף אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ גֶעקוּקְט אוֹיף דִי יוּדֶען, הָאבֶּען שׁוֹין אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט גֶעמוּזְט נָאכְטַאנְצֶען אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּילֶען דִי גְרֶעסְטֶע רָאלֶע. כִּמְעַט אִין יֶעדֶען אָרֶענְטְלִיכֶען קְרִיסְטְלִיכֶען הוֹיז הָאט מֶען גֶעלֵייעֶנְט דִי יוּדִישֶׁע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּנ אוֹיךְ דִי בִּיכֶער פוּן יָאזֶעפוּס פְלַאווִיוּס אוּנ פְהִילָא (פִלוֹן הַיְהוּדִי),

בּײַ מִשְׁפָּטִים פְּלֶעגֶען קְרִיסְטֶען זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוֹיף יוּדִישֶׁע רַבָּנִים, דִי שׁוּלֶען אִין שַׁבָּת אוּנ אִין יוֹם טוֹב זֶענֶען גֶעוֶועהן פוּל מִיט קְרִיסְטֶען, וָואס פְלֶעגֶען הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִי רַבָּנִישֶׁע דְרָשׁוֹת, אוּנ אֲפִילוּ גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט צוּ לֶערְנֶען בַּײַ יוּדֶען.

דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, ווִי וֶועניג זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן, הָאט גֶעוִוים פֶערְדְרָאסֶען וָואס דִי יוּדֶען זֶענֶען גָאר פְּלוּצְלוּנְג אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּט גֶעוָוארֶען, אוּנ דֶער עֶפִּיסְקָאפּ פוּן לִיאָן אַגָבַּרְד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דְרֶעהֶען אַז אִין קֵייזֶערְלִיכֶען הוֹיף זָאל מֶען בֶּעקוּמֶען אַיין אַנְדֶער מֵיינוּנְג וֶועגֶען יוּדֶען. פְרִיהֶר הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְּרוּבְּט אָנְצוּ-רֶעדֶען אוֹיף דֶער קֵייזֶערִין, נָאר אַז לוּדְוִויג הָאט אִיהם נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ פְּלַאן אַז דִי פְּרִינְצֶען זָאלֶען אַרוֹיסְשְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶען פָאטֶער אוּנ זָאלֶען אִין זֵייעֶרֶע הֶאנְד אִיבֶּערְנֶעהמֶען דִי מְלוּכָה. אָנְגֶעהוֹיבֶּען הָאט זִיךְ דִי זַאךְ דֶערְפוּן וָואס בַּײַ אַ יוּדֶען אִין לִיאָן אִיז אַנְטְלָאפֶען אַ שְׁקְלַאוִוין, אוּנ אַגָבַּרְד הָאט זִי גֶעהֵייסֶען טוֹיפֶען. דָאס הָאט פֶערְדְרָאסֶען דִי יוּדֶען, ווַייל קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעהַאט דָאס רֶעכְט צוּ טוֹיפֶען זֵייעֶרֶע שְׁקְלַאוֶוען, אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּע-קְלָאגְט בַּײַם „יוּדֶענְמַייסְטֶער״ עֶבֶּער־הַארְד, וָואס הָאט בַּאלְד גֶעפָאדֶערְט מֶען זָאל דִי גֶעטוֹיפְטֶע שְׁקְלַאוִוין אָפְּגֶעבֶּען. אַגָבַּרְד הָאט זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ קְרִיעג צְווִישֶׁען אִיהם אוּנ דֶעם „יוּדֶענְמַייסְטֶער״, וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט פִיער יָאהר בִּיז דֶער עֶפִּיסְקָאפּ אִיז אַרָאבּ פוּן זַיין שְׁטֶעלֶע. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט אַגָבַּרְד דוּרְךְ זַיין חֶבְרָה זִיךְ בֶּעמִיהט, דֶער קֵייזֶער זָאל אִיהם אוֹיפְנֶעהמֶען אוּנ פַּסְקְנֶען וֶוער עֶס הָאט דָא רֶעכְט, נָאר אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיסְטַעֲנֶה'ן זִיךְ הָאט עֶר נִיט גֶעהַאט קַיין לָשׁוֹן אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען. אַז עֶר אִיז נָאךְ אַזַא מַפָּלָה צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קַיין לִיאָן אִיז עֶר נָאךְ מֶעהר אַרַיין אִין דֶער רְצִיחָה אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין אַ סַךְ דְרָשׁוֹת אָנְצוּרֵייצֶען דָאס פָאלְק גֶעגֶען יוּדֶען אוּנ בֶּעטֶען מֶען זָאל מִיט זֵיי נִיט הַאלְטֶען, נִיט בֶּעגֶעגְנֶען זִיךְ, נִיט עֶסֶען בַּײַ זֵיי. דִי גוּטֶע פְּרַיינְד פוּן יוּדֶען הָאבֶּען אִיהם גֶעוָואלְט צוּמַאכֶען דָאס מוֹיל אוּנ הָאבֶּען גֶעפּוֹעֶלְט בַּײַם קֵייזֶער עֶר זָאל שִׁיקֶען „שׁוּטְצְבְּרִיעף״ מֶען זָאל יוּדֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס נִיט טְהוּן. אַז דִי בְּרִיעף זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אָבֶּער אַגָבַּרְד נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְהוּן זַיינְס אוּנ הָאט צוּפְלַייס גֶעשְׁרִיגֶען אַז דִי אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט אִיז פַאלְשׁ. דִי מְלוּכָה הָאט גֶעמוּזְט אַרוֹיסְשִׁיקֶען צְוֵויי בֶּעזוּנְ-דֶערֶע שְׁלוּחִים, וָואס הָאבֶּען דֶעם עֶפִּיסְקָאפּ מִיט גֶעוַואלְד גֶעבְּרַאכְט צוּם שְׁוַויי-גֶען, חָאטְשׁ זַיינֶע דְרָשׁוֹת הָאבֶּען אַיינְגֶענְטְלִיךְ קַיין שׁוּם מַמָּשׁוֹת נִיט גֶעהַאט: דִי אַיינְוָואוֹהנֶער פוּן לִיאָן הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קַיין שׁוּם סִבָּה פַאר וָואס בֶּאז צוּ

זַיין אוֹיף דִי יוּדֶען אוּנ דֶער פָאר וֶוענֶען דִיזֶע בֵּייד אִין אֵיין אוֹרְט אַרַיין אוּנ אִין דֶעם אַנְדֶערְן – אַרוֹיס.

אַנְבַּרְד הָאט זִיךְ אָבֶּער פָּארְט נִיט גֶעקָאנְט בֶּערוּהִיגֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ אֲסִיפָה (קָאנְצוּל) פוּן גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאבֶּען אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ פַּאפִּיער מֶען זָאל דֶערְלַאנְגֶען דֶעם קֵייזֶער אוּנ אִיהם בֶּעוַוייזֶען וָואס פַאר אַ אוּנְרֶעכְט עֶס אִיז אַזוֹי צוּ בֶּעשִׁיצֶען יוּדֶען. וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס, אִיז דָאס פַּאפִּיער אֲפִילוּ נִיט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קֵייזֶער, אוּנ אַז אַנְבַּרְד הָאט גֶעזֶעהֶן אַז נָאר פוּן רֶעדֶען אוּנ שְׁרַייבֶּען וֶועט גָאר נִיט אַרוֹיסְקוּמֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען אוֹיף אַיין צַנְדֶער אוֹפָן, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס אַ מְרִידָה אוּנ דִי פְּרִינְצֶען הָאבֶּען גֶעוָואלְט בַּיי לוּדְוִויג'ן צוּנֶעהמֶען דִי קְרוֹין. פוּן דֶער מְרִידָה אִיז אָבֶּער נָאר אַרוֹיס דָאס וָואס אַנְבַּרְד הָאט אָנְגֶעוָוארֶען זַיין שְׁטֶעלֶע, אוּנ עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהר הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְט בַּיים נוּטֶען קֵייזֶער עֶר זָאל וַוייטֶער בְּלַייבֶּען אוֹיף זַיין אָרְט.

לוּדְוִויג אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז אִין טוֹיט אַרַיין גֶעטְרַייא אוּנ אִיבֶּערְגֶעבֶּען דִי יוּדֶען, חָאטְשׁ עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ צוּפַאל, וָואס עֶר הָאט פוּן אִיהם זֶעהר פִיעל יְסוּרִים גֶעהַאט אוּנ וָואס וָואלְט גֶעקָאנְט אִין גַאנְצֶען אִיבֶּערְקֶעהרֶען זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ גֶעפִיהל, וֶוען עֶר אִיז נִיט אִיבֶּערְצַייגְט, אַז יוּדֶען זֶענֶען אִין דֶעם נִיט שׁוּלְדִיג. אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע גַייסְטְלִיכֶע בָּאדָא (פּוּאוּטִי), וָואס לוּדְוִויג הָאט אִיהם זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ גֶעשֶׁאצְט, אִיז גֶעפָאהרֶען קֵיין רוֹם זִיךְ לָאזֶען בֶּענְשֶׁען בַּיים פַּאבְּסְט אוּנ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע קְבָרִים. וָואס מִיט אִיהם אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין רוֹם – אִיז שְׁוֶוער צוּ וִויסֶען, עֶס אִיז אַ סְבָרָא אַז דָאס לֶעבֶּען פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע אִיז אִיהם שְׁטַארְק נִיט גֶעפֶאלֶען, נָאר פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעוָוארְפֶען אַ אוּם־חֵן אוֹיף דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִיגְיָאן אוּנ אִיז גְלַייךְ אַוֶועק קֵיין שְׁפַּאנְיֶען, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מְגַיֵיר גֶעוֶועהן אִין דֶער שְׁטָאדְט סַרַגָאסַא, עֶר הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ יוּדִישׁ קִינְד, זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען אֱלִיעֶזֶר, אוּנ הָאט דֶערְנָאךְ בֶּעוִויזֶען אַזַא שִׂנְאָה גֶעגֶען קְרִיסְטֶען אַז בַּיי אַ מִלְחָמָה הָאט עֶר צוּגֶערֶעדְט דִי מַחְמַדְנֶער זֵיי זָאלֶען קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט הָאבֶּען אוֹיף זַיינֶע גֶעוֶועזֶענֶע גְלוֹיבֶּענְסְבְּרִידֶער אוּנ זָאלֶען זֵיי נֵייטְהֶען זֵיי זָאלֶען מוּזֶען אִיבֶּערְגֶעהֶן צוּם אִיסְלַאם אָדֶער צוּם יוּדֶענְטְהוּם. בָּאדָא הָאט פֶערְפָאלְגְט דִי קְרִיסְטֶען מִיט'ן גַאנְצֶען פַייֶער פוּן אַ קַאטוֹילִישֶׁען גַייסְטְלִיכֶען, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ אַז פוּן שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען דִי קְרִיסְטֶען גֶעשִׁיקְט גֶעבֶּעט־בְּרִיעף קֵיין פְרַאנְקְרַייךְ, דִי מְלוּכָה זָאל זִיךְ אָנְטְהוּן אַלֶע כּוֹחוֹת אוּנ זֶעהן פוֹעֵל'ן מֶען זָאל אַרוֹיסְגֶעבֶּען פוּן דָארְט דֶעם גֶעפֶאהְרְלִיכֶען גֵר. אַוַדַאי אִיז דָאס גֶעוֶועהן אַ שְׁטַארְקֶער וֶועטְהִיג פַאר'ן קֵייזֶער

לודוויג; עס פלעגט איהם אָפט קומען אויף דער מחשבה אז ער האט אפשר אלליין אַנגיעה אין דער זאך דער מיט וואס ער איז געוועהן אַ צו נאהענטער מחותן מיט די יודען, נאר זיין עהרליכער האראקטער האט איהם ניט דערלאזט זיך נוקם זיין אין אונשולדיגע מענשען אונ ער האט ניט אויפגעהערט צו טהון חסדים מיט יודען.

נאך לודוויג׳ס טויט איז געוואָרען אַ איבערשלאג אין דעם גליקליכען לעבען פון די יודען. אין דער ערשטער צייט האבען זיי עס אפילו ניט געקאנט אַזוי פיהלען, ווייל דער נייער קייזער קארל דער קאהלע (מיט די אויס־געקראָכענע האר פונ׳ם קאפ) האט געירשט פון זיין מוטער יהודית ליעבשאפט צום יודישען פאלק. ביי איהם אין הויף איז נאך געוועהן אַ יודישער לייב־דאקטאר צדקיהו, אונ אויסער דעם האט ער געהאט אַ גוטען פריינד יהודה, וואס ער פלעגט זיך מיט איהם בעראטהען שטענדיג. אַוודאי האבען די יודען נאך ניט געוואוסט פון קיין נויט, נאר די גייסטליכע האבען אויף זיי געשארפט די ציין אונ זענען זיי געוועהן שונאים אויפ׳ן לעבען.

דער ערגסטער פון אללע שונאים איז געוועהן דער עפיסקאפ פון ליאן אַמאלאַ, אַ תלמיד פון אַגָבַּרד, וואס האט זיך געוואוסט נוקם זיין אן די יודען פאר זיין רבי׳ן. ער האט אין דער שטאדט מא ניט ווייט פון פאריז, געמאכט איין אסיפה פון די גרעסטע גייסטליכע אונ האט אויך צוגעשלעפט צו דער פערזאמלונג דעם עפיסקאפ פון רהיימס, הינקמאר, וואס איז געוועהן אַ שטארקער חשוב ביי קארל׳ן, אונ עס איז געבליבען ביי אַללע מען זאל פארלעגען דעם קייזער אַז ער וועט גליקליך מאכען דאס לאנד ווען ער וועט צו פרעסען אַ ביסעל די יודען. זיי האבען אויסגעטראכטען די אלטע גזירות פון אַמאל אונ האבען גערעכענט אַז ווען קארל וועט זיי צו ליעב טהון האטש אויף דער העלפט וועט אויך זיין פאר זיי גענוג. אומזיסט איז אָבער געוועהן זייער מיה: קארל איז ניט געוועהן פון די מענשען, וואס לאזען זיך זאגען אַ דעה אונ דערצו האט ער טאקי ניט געהאט פאר וואס זיך צו טשעפען צו די יודען, אונ דער גאנצער געשריי האט זיך אויסגעלאזט דערמיט וואס די יודען האבען בעדארפט פון סחורה צאהלען עלף פראצענט מס פאר דער מלוכה, אונ ביי די קריסטען האט מען מעהר ניט גענומען ווי צעהן פראצענט.

אז אַמאלאַ׳ס פלאן איז ניט געראטהען, האט ער זיך ענטשלאסען אויפ־צורייצען די קליינע פירסטען, וואס האבען געהאט צו שאפען איבער פערשידענע ערטער, וואו יודען האבען געוואוינט, ווייל פראנקרייך האט זיך דעמאלט צו־

טְהֵיילְט אוֹיף פִיעל קְלֵיינֶע חֲלָקִים, אוּנ עֶר מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע נַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען צוּשִׁיקְט בְּרִיעף אוּמֶעדוּם אוּנ הָאט אוֹיכְגֶעוִויזֶען וָואס פַאר אַ שֶׁאדְלִיךְ פָאלְק יוּדֶען זֶענֶען אוּנ וִוי זֵיי פֶערְדַארְבֶּען קְרִיסְטֶען, וָואס הַאלְטֶען מֶעהר פוּן רַבָּנִים וִוי פוּן נַייסְטְלִיכֶע. פְרִיהֶר הָאבֶּען זֵיי דִי פִירְסְטֶען אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען, נָאר בִּיסְלֶעבְוַויִיס הָאט דֶער גִיפְט פוּן רְכִילוּת אָנְגֶעהוֹבֶּען אַרְבַּייטֶען אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוָוארֶען הֶפְקֵר. צוּם אָנְהֵייבּ הָאבֶּען זִיךְ אֲפִילוּ דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעגֶען דִי שׂוֹנְאִים אוּנ דָארְט וואוּ מֶען הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מִצְוָה אָנְצוּפַאלֶען אוֹיף זֵיי אִין דֶער וָואךְ פוּן פֶּסַח הָאבֶּען דִי קְרִיסְטֶען פוּן זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאפְּט גוּטֶע קְלָאפּ, אוּנ עֶס פְלֶעגֶען פַאלֶען הֲרוּגִים פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען. דֶער מֶענְשׁ וֶוערְט אָבֶּער גֶעוָואהְנְט מִיט צָרוֹת, אוּנ מִיט דֶער צַייט מֵיינְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אִיהם אַזוֹי: דֶער פַאר הָאבֶּען דִי יוּדֶען אָנְגֶענוּמֶען פַאר לִיעבּ, וֶוען אִין טוּלוּזָה אִיז אַרוֹיס אַ מִנְהָג אַז יֶעדֶען פְרַייטָאג פַאר דֶעם קְרִיסְטְלִיכֶען פֶּסַח מוּז דֶער גְרַאף פוּן דֶער שְׁטָאדְט גֶעבֶּען אַ פַּאטְשׁ דֶעם יוּדִישֶׁען פָארְשְׁטֶעהֶער, אוּנ אַז עֶס הָאט זִיךְ אֵיין מָאל גֶעמַאכְט וָואס אַ נַייסְטְלִיכֶער הוּגָא, וֶועלְכֶען מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶועהן מִיט דֶעם כָּבוֹד, הָאט זַ־דָאבְּגֶעלָאזְט אַזַא פַּאטְשׁ אַז דֶער יוּד אִיז אוֹיפ'ן אָרְט גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאבֶּען דִי יוּדֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִיט גֶעקְלָאגְט אִין עֶרְגִיץ אוּנ הָאבֶּען מֶעהר נִיט גֶעבֶּעטֶען: נוּר מֶען זָאל בַּיי זֵיי נֶעהמֶען גֶעלְט אוּנ פֶערְבַּייטֶען דִי מִצְוָה פוּן יוּדֶען־שְׁלָאגֶען אוֹיף דֶער מִצְוָה, צוּ רַייסֶען בַּיי זֵיי גֶעלְד אוֹיף צְדָקָה־זַאכֶען.

דְרַיי דוֹרוֹת זֶענֶען אִין נַאנְצֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּנ דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִיז שׁוֹין נִיט גֶעוֶועהן צוּ דֶערְקֶענֶען. לוּדְוִויג דֶעם פְרוּמֶען'ס אוּר־עֶנִיקֶעל, לוּדְוִויג דֶער צְוֵויישֶׁער, הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעלָאזְט אַרוּמְפִיהֶרֶען פוּן דִי נַייסְטְלִיכֶע אַז וֶוען עֶר אִיז אִים יָאהר 855 גֶעוָוארֶען קֶענִיג פוּן אִיטַאלְיֶען, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אַז קֵיין אֵיינְצִיגֶער יוּד זָאל זִיךְ נִיט טָארֶען גֶעפִינֶען אִין לַאנְד. צוּם גְלִיק אִיז דֶעמָאלְט אִיטַאלְיֶען גֶעוֶועהן אִין אַזַא שְׁוַואכֶען צוּשְׁטַאנְד, אַז דִי מְלוּכָה אִיז נִיט אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אַזַא בֶּעפֶעהל אוֹיסְצוּפִיהֶרֶען; נָאר אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין בֶּעדַארְפְט רֶעכְנֶען פַאר אַיינְגֶעבֶּעטֶענֶע אִיז דָאס בַּיי זֵיי גְלַייךְ גֶעוֶועהן וִוי אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען. נִיט בֶּעסֶער אִיז גֶעוֶועהן דִי יוּדֶען אִין אַנְדֶערֶע אָרְטֶער אִין פְרַאנְקְרַייךְ: דֶער קֶענִיג קַארְל דֶער תָּם הָאט מְנַדֵּר גֶעוֶועהן אוֹיף דֶער קִירְכֶע דִי נַאנְצֶע הַכְנָסָה פוּן יוּדִישֶׁע וַויינְגֶארְטְנֶער, אוּנ דֶער קֶענִיג פוּן בּוּרְגוּנְד בָּאזָא הָאט פָּשׁוּט גֶעמַאכְט דִי יוּדֶען פַאר קְנֶעכְט, אוּנ הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט דֶער קִירְכֶע.

אִין דִי בִּיצַאנְטִינִישֶׁע לֶענְדֶער הָאבֶּען דִי יוּדֶען שׁוֹין לַאנְג נִיט גֶעהַאט קֵיין

רֶעכְטֶע, נָאר מִיט אֵיין זַאךְ הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעפִיהלְט גְלִיקְלִיךְ וָואס אִין רֶעלִיגְיָאנְס־זַאכֶען הָאט מֶען זֵיי נִיט גֶעשְׁטֶערְט. אַז בַּאזִילְיוּס פוּן מַאקֶעדָאנְיֶען אִיז אָבֶּער גֶעוָוארֶען קֵייזֶער, הָאט מֶען בַּיי זֵיי דִי אֵיינְצִיגֶע נֶחָמָה אוֹיךְ צוּגֶענוּמֶען. בַּאזִילְיוּס הָאט זִיךְ שְׁטַארְק מִיה גֶעגֶעבֶּען אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען אִיבֶּערְגֶעהְן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם, אוּנ הָאטְשׁ עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסֶען נָאר מִיט גוּטֶען צוּרֶעדֶען דֶער צוּ אוּנ אָפְּשִׁיטֶען דִי גֶעטוֹיפְטֶע מִיט אַללֶע חֲסָדִים, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט מֶען נִיט יוֹצֵא גֶעוֶועהן נָאר מִיט דֶעם, אוּנ מֶען הָאט זִיךְ מִיט דִי עַקְשָׁנִים אָבְּגֶערֶעכֶענְט אַז דָאס לֶעבֶּען אִיז זֵיי נִיט נִיחָא גֶעוֶועהן. דָאס הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ וָואס פִיעל יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט טוֹיפֶען, נָאר קוֹים אִיז בַּאזִילְיוּס גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּם יוּדֶענְטְהוּם. דֶערְפוּן אִיז אָבֶּער אַרוֹיס נָאךְ אַגְרֶעסֶער אוּנְגְלִיק, וַוייל דֶער נַייעֶר קֵייזֶער לֶעאָ, וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען „דֶער פִילָאזָאף“, אִיז גֶעוֶועהן נָאךְ פְרִימֶער פוּנ׳ם פָאטֶער אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען פַארְמִשְׁפָּט׳ן צוּם טוֹיט יֶעדֶען גֶעטוֹיפְטֶען יוּדֶען, וָואס עֶס וֶועט אוֹיף אִיהם פַאלֶען אַחְשַׁד אַז עֶר הַאלְט נָאךְ פוּן זַיין פְרִיהֶרִיגֶער אֱמוּנָה. דֶערְבַּאלְט הָאבֶּען זֶעהר פִיעל פוּן דִי אוּנְגְלִיקְלִיכֶע, וָואס זֶענֶען אַוֶועקְגֶעשְׁוואוּמֶען פוּן אֵיין זַייט אוּנ צוּ דֶער אַנְדֶערֶער זַייט אִיז זֵיי שְׁוֶוער גֶעוֶועהן זִיךְ צוּ צוּשְׁלָאגֶען, מִיט׳ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט פַאר אֵיין קוּק צוּרִיק — צוּ זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער....

---

3 רַב סַעַדְיָה גָאוֹן אוּנ זַיין צַייט.

(928—950 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אוֹיךְ אִין בָּבֶל אוּנ אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער, וָואס דִי כַּלִיף׳ן הָאבֶּען גֶעהַאט אִיבֶּער זֵיי צוּ שַׁאפֶען, אִיז דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען שְׁלֶעכְט. דֶער כַּלִיף אַל־מוּטַבַקִיל הָאט גֶערוֹדֵף׳ט יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען, אוּנ הָאט גֶעגֶען זֵיי בֶּענַייהט דִי אַלְטֶע גְזֵירוֹת פוּן אָמַאר׳ן. עֶר הָאט זֵיי נִיט צוּ גֶעלָאזְט צוּ קֵיין שׁוּם דִיעֶנְסְט, עֶר הָאט בַּיי זֵיי צוּ גֶענוּמֶען שׁוּלֶען אוּנ קִירְכֶען אוּנ אוֹיף זֵייעֶר אָרְט אוֹיסְגֶעבּוֹיט מָאשֶׁעֶן, אַחוּץ דֶעם הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעטָארְט רַייטֶען אוֹיף פֶערְד, נָאר אוֹיף אֵייזְלֶען, אַ צֶעהְנְט־חֵלֶק פוּן דֶער הַכְנָסָה הָאט מֶען בַּיי זֵיי גֶענוּמֶען מַס, אוּנ מֶען הָאט זֵיי נָאךְ גֶענֵייט זֵיי זָאלֶען טְרָאגֶען נָאר אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער, גֶעלֶע מַאנְטְלֶען, אוּנ זִיךְ צוּ גַארְטְלֶען מִיט שְׁטְרִיק. דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא הָאט דִי מְלוּכָה קֵיין שׁוּם מַאכְט נִיט גֶעגֶעבֶּען אוּנ דִי שְׁטֶעלֶע אִיז דֶערְוַוייל נָאךְ נִיט אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען נָאר דֶערְפַאר וָואס דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוָואוֹהנְט גֶעוֶועהן צוּ הָאבֶּען אַ פָארְשְׁטֶעהֶער אוּנ עֶס

אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶועהן פְּלוּצְלוּנְג נָאר צוּ בְּלַייבֶּען אָהן אַ מַנְהִיג. אִין דֶער צַייט הָאט פּוּמְבְּדִיתָא, וָואס אִיז גֶעוֶועהן גֶאהֶענְטֶער צוּ דֶער הוֹיפְּטְשְׁטַאדְט בַּגְדַד, אָנְגֶע־הוֹיבֶּען שְׁפִּיעלֶען אַ גְרֶעסֶערֶע רָאללֶע פוּן סוּרָא, אוּנ אַזוֹי וִוי בֵּיידֶע רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת הָאבֶּען צוּ טְהוּן גֶעהַאט אִיבֶּער דֶעם טִיטֶעל „גָאוֹן", הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ שְׁטַארְק מַחֲלוֹקֶת. פוּן יֶענֶע גְאוֹנִים וֶוענֶען מֶעהר בֶּעקָאנְט דִי נֶאהמֶען פוּן פַּלְטוֹי בֶּן אַבַּיֵי אוּנ מַר שַׂר שָׁלוֹם, וָואס הָאט גֶעפַּסְקֶ'ט אַז נָאכ'ן תַּלְמוּד טָאר מֶען אֲפִילוּ מֶענְשֶׁען פוּן אַנְדֶערֶע אֱמוּנוֹת אוֹיךְ נִיט אָבְּנַארֶען. דִי גְאוֹנִים הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער אִין גַאנְצֶען אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט תַּלְמוּד, אוּנ פוּן קֵיין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוֹת הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעוָואלְט וִויסֶען; זֵיי הָאבֶּען זִיךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶועהן אִיבֶּער דֶעם קְלֶענְסְ־טֶען דִין אָדֶער מִנְהָג, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אַז דֶער גָאוֹן פוּן סוּרָא נַטְרוֹנָאִי דֶער צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ זָאגֶען, אַז וֶוער עֶס רֶעכְנְט נִיט אָב אוּם פֶּסַח דֶעם סֵדֶר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין – אִיז עֶר גְלַייךְ צוּ אַ גָאטְצֶענְדִינֶער. צְוִוישֶׁען דִי רַבָּנִים הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער יוֹא גֶעפוּנֶען גְרוֹיסֶע דֶענְקֶער, וָואס הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז מֶען קֶאן נִיט בְּלַייבֶּען פֶערְשְׁלָאסֶען נָאר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַז מֶען מוּז קוּקֶען מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער בְּרֵייטֶער וֶועלְט. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען מֶעהר בֶּעדִינֶען מִיט דֶער אַרַאבִּישֶׁען שְׁפְּרַאכֶע אוּנ הָאבֶּען זִיךְ מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק גֶענוּמֶען לֶערְנֶען פֶערְשִׁידֶענֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ חָכְמוֹת.

פוּן דִי רַבָּנִים הָאט זִיךְ בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט ר׳ יִצְחָק בֶּן שְׁלֹמֹה הַיִשְׂרְאֵלִי, וָואס הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן מִצְרַיִם אוּנ אִיז גֶעוֶועהן לַייבּ־דָאקְטָאר בַּיים כַּלִיף עֻבַּד־אַלַה. עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט פִינְף אוּנ נַיינְצִיג יָאהר אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען פִיעל סְפָרִים וֶועגֶען מֶעדִיצִין אוּנ אַנְדֶערֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען. עֶר הָאט גֶעהַאט צְוֵויי תַּלְמִידִים, אַ מַחְמַדַנֶער: אַבּוּ נַ'אפַאר אִבְּן־אַלְגַזַר, אוּנ אַ יוּדֶען דוּנַשׁ בֶּן תָּמִים, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וֶועג פוּנ'ם רֶבִּי'ן אוּנ הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי חָכְמָה אִין יוּדִישֶׁען פָאלְק.

בַּיים סוֹף פוּנ'ם נַיינְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט, וֶוען דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְ־גֶען צוּם כַּלִיף אַל־מוּטַדְהִיד אוּנ זַיין הוֹיפְּט־מִינִיסְטֶער עֻבַּעִיד־אַלַה אִבְּן־סוּלֵיימַן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְקָרֵב זַיין יוּדֶען אוּנ קְרִיסְטֶען, אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען פִיעל בֶּעסֶער. נָאר אִין זֵייעֶר אִינֶוועֶנִיגְסְטֶען לֶעבֶּען אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעוֶועהן פוּל מִיט אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייטֶען. דָאס מַחֲלוֹקֶת צְוִוישֶׁען בֵּיידֶע יְשִׁיבוֹת פוּן סוּרָא אוּנ פוּמְבְּדִיתָא אִיז אַלֶע מָאל גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען אוּנ סוּרָא הָאט אִין גַאנְצֶען כִּמְעַט פֶערְלָארֶען אִיהר וֶוערְט, וֶוען אִין פוּמְבְּדִיתָא אִיז גֶעוָוארֶען גָאוֹן רַב הַאי בֶּן דָוִד, וָואס אִיז פְרִיהֶר גֶעוֶועהן רַב אִין בַּגְדַד אוּנ דָאס פָאלְק הָאט אִיהם

וָוערהר לֵיעבּ גֶעהַאט. נָאךְ מֶעהר אִיז סוּרָא אַרָאבְּגֶעפַאלֶען וָוען דִי שְׁטֶעלְלֶע פוּן רַב הַאי בֶּן דָוִד אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ מַר כֹּהֵן צֶדֶק, וָואס הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא זָאל נִיט הָאבֶּען נָאר קַיין חֵלֶק אִין דִי נְדָבוֹת, וָואס מֶען פְלֶעגְט שִׁיקֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אוֹיף אוֹיסְצוּהַאלְטֶען דִי יְשִׁיבוֹת. מִיט גְרוֹיס מִיה הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ פְּשָׁרָה, אַז בֵּיידֶע יְשִׁיבוֹת זָאלֶען זִיךְ גְלַייךְ אַיינְטְהֵיילֶען, נָאר פַאר מַר כֹּהֵן צֶדֶק אִיז דָאס נָאךְ אַלֶעם וֶועניג גֶעוֶועהן; עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַז נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא זָאל הָאבֶּען דָאס רֶעכְט צוּ זֶעצֶען דַיָּנִים, אוּנ הָאט דֶערְמִיט בֶּעעֶרִירְט דֶעם כָּבוֹד פוּנ׳ם רֵישׁ גָלוּתָא מַר עוּקְבָא, וָואס הָאט זִיךְ דַארוֹיף בֶּעקְלָאגְט פַאר דֶער מְלוּכָה. מַר כֹּהֵן צֶדֶק הָאט אָבֶּער אִין הוֹיף גֶעהַאט גוּטֶע פְרַיינְד, וִוי יוֹסֵף בֶּן פִּנְחָס אוּן נְטִירָא, אוּן מֶען הָאט אַזַא דְרֵיי גֶעטְהוּן אַז פְלוּצְלוּנְג הָאט מֶען אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא אוּן מַר עוּקְבָא הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועק קַיין קְרְמִיסִין, נִיט וַוייט פוּן בַּגְדַד. צוּ זַיין גְלִיק, הָאט זִיךְ גְרָאד דֶעמָאלְט גֶעפוּנֶען דֶער כַּלִיף אַלְמוּקְטַדִר בִּשִׁיר, אוּן אַזוֹי וִוי מַר עוּקְבָא אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיָה אוֹיף שִׁירִים שְׁרַייבֶּען אִין דֶער אַרַאבִּישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע אוּנ הָאט דֶעם כַּלִיף אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר בֶּעגְרִיסְט מִיט אַ שֶׁעהנֶעם שִׁיר, אִיז עֶר צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיף זַיין שְׁטֶעלְלֶע. דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶערוּהט אוּן הָאבֶּען מִיט פֶערְשִׁיעדֶענֶע מִיטֶעל אַזוֹי לַאנְג גֶעאַרְבַּייט בִּיז מֶען הָאט דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא וַוייטֶער אָבְּגֶעזָאגְט אוּן מֶען הָאט אִיהם שׁוֹין דָאס מָאל אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט פוּן דֶער מְדִינָה, כְּדֵי עֶר זָאל מֶעהר קַיין שְׁלִיטָה נִיט הָאבֶּען. מַר עוּקְבָא אִיז אַוֶועק קַיין קִירְנַואן אִין אַפְרִיקָא, אוּן הָאט זִיךְ דָארְט מִיט כָּבוֹד אוֹיסְגֶעלֶעבְּט זַיינֶע יָאהרֶען. מַר כֹּהֵן צֶדֶק הָאט אָבֶּער נִיט אַזוֹי גֶעמֵיינְט צוּ טְרֶעפֶען זַיין שׂוֹנֵא, וִוי עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט לֵיידֶען עֶס זָאל זַיין אַ רֵישׁ גָלוּתָא, אוּן דֶערְפַאר אַז דֶער עוֹלָם הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען מַר עוּקְבָא׳ס אַ קָרוֹב, דָוִד בֶּן זַכַּאי, הָאט עֶר עֶס בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעוָואלְט דֶערְלָאזֶען. דֶערְפוּן אִיז אַרוֹיס אַ גַאנְצֶע קְרִיעג אוּן דֶער נַייעֶר רֵישׁ גָלוּתָא הָאט אִיהם גֶעוָואלְט מַאכֶען פַאר אוֹיס נָאוֹן, בִּיז אֵיינֶער פוּן דִי פְרִיסְטֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים, דֶער בְּלִינְדֶער נִסִּי נַהַרְוַונִי, הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֶעגְט אִין שָׁלוֹם, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט זִיךְ דִי יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא וַוייטֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּנ מַר כֹּהֵן צֶדֶק הָאט נָאךְ מִיט זַיינֶע אֵיינֶענֶע אוֹגֶען גֶעקֶענְט זֶעהן וָואס פַאר אַ קְוַואל פוּן תּוֹרָה אוּן חָכְמָה הָאט זִיךְ דָארְט בֶּעוִויזֶען.

דָאס וָואס דִי יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא הָאט צוּרִיק בֶּעקוּמֶען אִיהר גְלַאנְץ – הָאט זִי גֶעהַאט צוּ פֶערְדַאנְקֶען רַב סַעַדְיָה (סָעִיד) בֶּן יוֹסֵף פוּן דֶער שְׁטָאדְט פַּאיוּם

אִין מִצְרַיִם. פוּן אַלֶע גְאוֹנִים, קָאן מֶען זָאגֶען, אִיז עֶר גֶעוועֶזען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט צוּנוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען תּוֹרָה מִיט חָכְמָה צוּזַאמֶען, אוּן הָאט דִי ווִיסֶענְשַׁאפְט צְווִישֶען דִי רַבָּנִים גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פֶעסְטֶען פוּס. אִין זַיין צַייט הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע צְווַיי קַרַאִימֶעשֶׁע לוֹמְדִים, אַ פָאטֶער מִיט אַ זוּהן, מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה בֶּן־אָשֵׁר. זַיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִינְט מִיט מַסוֹרָה, אוּן הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ גְרַאמַאטִיק אוֹיף צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ, וַוייל דִי הֶעבְּרֶעאִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע אִיז כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי הֶענְד פוּן דִי קַרַאִימֶעס, אוּן דִי רַבָּנִים הָאבֶּען זִיךְ נָאר אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט'ן תַּלְמוּד. רַב סַעֲדְיָה הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ קוּק אַז עֶס אִיז קַיין תַּכְלִית נִיט וָואס דִי יוּדֶען פֶערְלָאזֶען דָאס הֵיילִיגְסְטֶע לָשׁוֹן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף הֶעבְּרֶעאִישׁ אוּן אַרַאבִּישׁ אַ גְרַאמַאטִיק. דִי קַרַאִימֶעס הָאבֶּען בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ לִיעבּ וָואס רַב סַעֲדְיָה הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען אַזַא אַרְבֵּייט אוּן זֶענֶען אִיהם גֶעוָוארֶען בַּעֲלֵי שׂוֹנְאִים. בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען אִיהם אֵיינֶער פוּן דִי קַרַאִימֶעשֶׁע לוֹמְדִים, שְׁלֹמֹה בֶּן־יְרוּחָם, וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ גַאנְץ סֵפֶר גֶעגֶען רַב סַעֲדְיָה'ן, אוּן שֶׁעלְט אִיהם דָארְט מִיט טוֹיטֶע קְלָלוֹת. רַב סַעֲדְיָה הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ סַךְ סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ אַיין אַרַאבִּישֶׁע אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן דֶער מִשְׁנָה, אוּן זַיין נָאהמֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קְלִינְגֶען צְווִישֶׁען יוּדֶען אוּמֶעדוּם.

אַז דֶער רֵישׁ גָלוּתָא, דָוִד בֶּן זַכַּאי, הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַרַיינְצוּגֶעבֶּען אַ נַיי לֶעבֶּען אִין דֶער יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא אוּן זִי אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען אִין רֶעכְטֶע הֶענְד פוּן אַ גְרוֹיסֶען מֶענְשֶׁען, וָואס זָאל וֶוערְט זַיין צוּ טְרָאגֶען דֶעם נָאהמֶען „גָאוֹן", הָאט עֶר גֶעפוּנֶען רָאוּי דֶערְצוּ נָאר צְווַיי מֶענְשֶׁען: אַ הֵיימִישֶׁען לַמְדָן, פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מְיוּחָסִים, צֶמַח בֶּן שָׁהִין, אוּן רַב סַעֲדְיָה, וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אִיהם גֶעהֶערְט אַז עֶר אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער מַאן. רַבִּי נִסִי נַהַרְוַנִי הָאט אֲפִילוּ גֶערָאטְהֶען מֶען זָאל אוֹיפְנֶעהמֶען פַאר גָאוֹן אַ מֶענְשֶׁען וָואס מֶען קֶען אִיהם, נָאר דֶער רֵישׁ גָלוּתָא הָאט מֶעהר גֶעצוֹיגֶען אוֹיף רַב סַעֲדְיָה'ס זַייט, אוּן מֶען הָאט אִיהם אַרָאבּ גֶעבְּרַאכְט פוּן מִצְרַיִם. נָאר גִיךְ הָאט רַב סַעֲדְיָה בֶּעווִיזֶען וָואס עֶר קָאן: אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז דִי יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא גֶעקוּמֶען אוֹיף אַזַא הוֹיכֶע מַדְרֵגָה אַז פוּן פּוּמְבְּדִיתָא הָאט מֶען נָאר נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען. עֶס אִיז אִיהם אָבֶּער שְׁוֶוער גֶעוועֶזען זִיךְ אוֹיסְצוּגְלַייכֶען מִיט'ן רֵישׁ גָלוּתָא, וָואס אִיז נִיט גֶעוועֶזען קַיין גְרוֹיסֶער נְקִי כַּפַּיִם, אוּן הָאט לִיעבּ גֶעהַאט צוּ בֶּערַייסֶען דֶעם עוֹלָם. אֵיין מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וָואס דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה פוּן דֶער שְׁטָאדְט פַּארָס הָאט נִיט גֶעקָאנְט

גֶעגֶעבֶּען דֶעם רֵיש גָלוּתָא אַזוֹי פִיעל גֶעלְד ווִי פִיעל עֶר הָאט גֶעווָאלְט, הָאט עֶר אוֹיף זֵיי אַזוֹי אָנְגֶערֶעדְט פַאר דָער מְלוּכָה אַז מֶען הָאט זֵיי זֶעהר שְׁטְרֶענְג בֶּעשְׁטְרָאפְט. דָאס הָאט שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען רַב סַעַדְיָה׳ן, נָאר עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּקֶען דִי עַוְלָה אוּנ שְׁוַוייגֶען, ווַייל עֶר אִיז נָאךְ נִיט גֶעוועֶזען זִיכֶער אוֹיף זַיין שְׁטֶעללֶע אוּנ הָאט גֶעהַאט שׂוֹנְאִים, ווִי דֶער גָאוֹן פוּן פוּמְבְּדִיתָא מַר כֹּהֵן צֶדֶק אוּנ אַהֲרֹן אִבְּן שַׂרְגַדוּ, ווָאס אִיז גֶעוועֶזען אַ גְרוֹיסֶער עָשִׁיר אוּנ אַ לַמְדָן נָאךְ דֶערְצוּ. קוֹים אִיז אָבֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַ קוּרְצֶע צַייט אוּנ רַב סַעַדְיָה הָאט גֶעפִיהלְט אַז זַיין מַעֲמָד אִיז פֶעסְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעלֵייגְט קֵיין כָּבוֹד אוֹיפ׳ן רֵיש גָלוּתָא, אוּנ בַּאלְד הָאט עֶר טַאקִי גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיסְצוּוַוייזֶען זַיין פַייעֶרִיגֶען חַארַאקְטֶער. בַּיי אַ פְּרָאצֶעס ווֶעגֶען אַ יְרוּשָׁה הָאט דֶער רֵיש גָלוּתָא אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען נִיט קֵיין רִיכְטִיגֶען פְּסַק, אוּנ הָאט דַוְקָא גֶעווָאלְט אַז בֵּיידֶע גְאוֹנִים זָאלֶען אִיהם גֶעבֶּען זֵייעֶר הַסְכָּמָה. מִיט מַר כֹּהֵן צֶדֶק הָאט עֶר נִיט בֶּעדַארְפְט לַאנְג בֶּעטֶען, דֶער הָאט אִיהם בַּאלְד צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן, נָאר אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַב סַעַדְיָה׳ן הָאט עֶר אוֹיף קֵיין פַאל זִיךְ נִיט גֶעווָאלְט חַתְמֶ׳נֶען. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ אַז דֶעם רֵיש גָלוּתָא׳ס זוּהן הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אוֹיפְהֶעבֶּען אַ הַאנְד גֶעגֶען רַב סַעַדְיָה׳ן, אוּנ פַאר אַזַא עַזוּת אִיז עֶר קוֹים מִיט׳ן לֶעבֶּען אַרוֹיס. דָא הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ אָרֶענְטְלִיכֶע קְרִיעג: דֶער רֵיש גָלוּתָא הָאט רַב סַעַדְיָה׳ן אָבְּגֶעזָאגְט אוּנ אַיין אַנְדֶערן בֶּעשְׁטִימְט אוֹיף זַיין אָרְט, אוּנ רַב סַעַדְיָה הָאט פוּן זַיין זַייט עֶרְקְלֶעהרְט, אַז דָוִד בֶּן זַכַּאי הָאט פֶערְלָארֶען זַיין שְׁטֶעללֶע אוּנ הָאט טַאקִי זַיין בְּרוּדֶער רַב יֹאשִׁיָה חַסַאן גֶעמַאכְט פַאר רֵיש גָלוּתָא. דָאס מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעווָארֶען אַללֶע מָאל גְרֶעסֶער אוּנ בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהן מִיט תְּקִיפוֹת אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעווֶענְדְט צוּם כַּלִיף אַלְמוּקְתַדִיר. דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער מְלוּכָה הָאבֶּען דֶערְווַייל גֶעריסֶען בַּיי יֶעדֶען צַד גֶענוּג גֶעלְד; מֶען הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַז בַּאלְד ווֶעט מָען מַאכֶען אַיין אֲסִיפָה אוּנ מֶען ווֶעט בֵּיידֶע צְדָדִים זִיךְ לָאזֶען אוֹיסְטַעֲנֶה׳ן, נָאר דֶערְווַייל זֶענֶען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעלָאפֶען צְוַויי יָאהר, אוּנ אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרְמֶען כַּלִיף קַאהִיר אוּנ דֶער רַייכֶער אִבְּן שַׂרְגַדוּ, ווָאס הָאט גֶעהַאלְטֶען מִיט דָוִד בֶּן זַכַּאי, הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַ הִיבְּשֶׁע מַטְבֵּעַ, הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען אַרוֹיסְטְרַייבֶּען רַב סַעַדְיָה׳ן, אִי דֶעם נַייעֶם רֵיש גָלוּתָא. רַב יֹאשִׁיָה חַסַאן הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועק אִין דֶער שְׁטָאדְט כוֹרַסַאן, אוּנ אִיז דָארְט גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ רַב סַעַדְיָה הָאט פִיער יָאהר גֶעלֶעבְּט אִין בַּגְדַד ווִי אַ אֵיינְפַאכֶער בַּעַל־הַבַּיִת. אִין דֶער צַייט הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַיין בֶּערִיהמְט סֵפֶר אִיבֶּער דִי יְסוֹדוֹת פוּן אֱמוּנָה „הָאֱמוּנוֹת וְהַדֵּעוֹת״, אוּנ דָאס אִיז גֶעווֶעזֶען אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף

צְווֵיי הוּנְדֶערְט שַׁאֲלוֹת וָואס אַגֶעווִיסֶער חִוִי הַבַּלְכִּי, וָואס הָאט גֶעלֵייקֶענְט אִין גָאטט, הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶער תּוֹרָה. ווִי פֶערְבִּיטֶערְט רַב סַעֲדְיָה'ס לֶעבֶּען אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר מִיט חֲרִיפוּת אוּן טִיפֶע חֲקִירוֹת אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַבּוֹרֵא עוֹלָם, אַז בַּיי אִיהְם אִיז דִי אֱמֶת'ע חָכְמָה אוּן גָאר אִין גַאנְצֶען דֶער כֹּחַ.

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארֶען אַפֶּערְעֶנְדֶערוּנְג אִין דֶער מְלוּכָה: דֶער נַייעֶר כַּלִיף אַל־רַדְהִי אִיז גֶעוֶוען זֶעהְר אַגוּטֶער מֶענְשׁ אוּן זַיין מִינִיסְטֶער עַלִי־אִבַּן אִיזַה הָאט שְׁטַארְק גֶעהַאלְטֶען פוּן רַב סַעֲדְיָה'ן. מַר כֹּהֵן צֶדֶק אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּן דֶער עוֹלָם הָאט בִּיסְלֶעכְוַוייס נָאךְ אַמָאהְל אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ וֶוענְדֶען צוּ רַב סַעֲדְיָה'ן ווִי צוּם גְרֶעסְטֶען מַאן. אֵיין מָאהְל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וָואס צְווֵיי מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעדַארְפְט פֶערְלָאזֶען אוֹיף בּוֹרְרִים, הָאט אֵיינֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער—רַב סַעֲדְיָה'ן. אַז דֶער רֵישׁ גָלוּתָא אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר עֶס אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַפְּחִיתַת הַכָּבוֹד, אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפֶען דֶעם אַנְדֶערְן צַד אוּן הָאט אִיהְם פָּשׁוּט גֶעהַרְג'ט־גֶעשְׁלָאגֶען. אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַשְׁטַארְקֶען רַעַשׁ, אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי דִי בְּכָבוֹד'סְטֶע בַּעֲלֵי־בַּתִּים פוּן בַּגְדַד מֶען זָאל אָנְוֶוענְדֶען אַלֶע מִיטֶעל אוּן זֶעהְן אוֹיסְצוּגְלַייכֶען דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא מִיט רַב סַעֲדְיָה'ן, כְּדֵי עֶס זָאלֶען מֶעהְר נִיט פָארְקוּמֶען אַזֶעלְכֶע שֶׁענְדְלִיכֶע זַאכֶען. אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירִים כַּשֵּׁר בֶּן אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין שָׁלוֹם, אוּן אַז עֶס אִיז אִיהְם גֶערָאטֶען צוּנוֹיפְצוּבְּרֵיינְגֶען בֵּיידֶע צְדָדִים אִיז גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיסֶע שִׂמְחָה: דֶער רֵישׁ גָלוּתָא הָאט עֶטְלִיכֶע טֶעג כְּסֵדֶר נִיט אַוֶועקְגֶעלָאזְט פוּן זַיין הוֹיז רַב סַעֲדְיָה'ן, אוּנ הָאט אִיהְם מִיט כָּבוֹד צוּרִיק גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטֶעלֶע. רַב סַעֲדְיָה אִיז דַארוֹיף בֶּעשְׁטַאנֶען, נָאר זַיינֶע שְׂכִירוֹת הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען וַוייטֶער גֶעבֶּען רַב יוֹסֵף בַּר סַטְיָא'ן וָואס הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעפִיהְרְט דִי יְשִׁיבָא פוּן סוּרָא.

רַב סַעֲדְיָה'ס לֶעצְטֶע יָאהְרֶען הָאבֶּען צוּגֶעגֶעבֶּען אַבֶּעזוּנְדֶער גְלַאנְץ צוּ דֶער יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא, וַוייל פוּן אַלֶע לֶענְדֶער הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעוֶוענְדֶעט מִיט שַׁאֲלוֹת־וּתְשׁוּבוֹת צוּם גְרוֹיסֶען „גָאוֹן". רַב סַעֲדְיָה'ס גוּט הַארְץ הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען נָאךְ דֶעם רֵישׁ גָלוּתָא'ס טוֹיט: עֶר הָאט אִין גַאנְצֶען פֶערְגֶעסֶען דִי יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט פוּן אִיהְם אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען בַּיים לֶעבֶּען, אוּן הָאט זַיין מִשְׁפָּחָה גֶעדִינְט ווִי אַפָּאטֶער. זַיין זוּהְן יְהוּדָה הָאט גֶעיַרְשׁ'ט דִי שְׁטֶעלֶע פוּן רֵישׁ גָלוּתָא, נוּר עֶר הָאט אָבֶּער מֶעהְר נִיט גֶעלֶעבְּט ווִי זִיבֶּען חֳדָשִׁים, אוּן נָאךְ אִיהְם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַזוּהְן פוּן צְוֶועלְף יָאהְר. רַב סַעֲדְיָה הָאט דֶעם יָתוֹם

אריינגענומען צו זיך אין שטוב און האט איהם אליין ערצויגען, כדי ער זאל ווערט זיין צו ווערען א פארשטעהער פונ'ם פאלק. דערווייל איז געוואָרען ריש גלותא איינער פון דוד בן זכאי'ס קרובים; עס האט אבער לאנג ניט געדויערט, ווייל די מהמדנער האבען געגען איהם פאלש עדות געזאגט אז ער האט געלאסטערט זייער אמונה, און מען האט איהם געטיידט. אז דער יונגער מאנן איז אונטערגעוואקסען, און איז ארויף אויפ'ן זיידענס שטעללע, האט ער שוין געשוועבט אין א סכנה, ווייל די מחמדנער זענען געוועהן אין כעס פון פריהר און האבען אפענטליך זיך בעריהמט אז דער יודישער פארשטעהער איז ניט זיכער מיט'ן לעבען. די מלוכה האט אפילו דעם יונגען ריש גלותא געשיצט, נאר איינהיטען האט זי ניט געקאנט: רוצחים זענען אויף איהם אנגעפאלען ווען ער איז געפאהרען מיט גרויס פאראד אין א וואגען און האבען איהם געהרג'ט. אזוי איז געפאלען נאך זיבען הונדערט יאהר דער לעצטער ריש גלותא; די יודען האבען שוין מורא געהאט אויפצוזעצען זייערע שונאים די אויגען און אויסקלייבען א נייעם פארשטעהער און האבען זיך געטרייסט דערמיט, וואס ביידע ישיבות האבען נאך געדיענט פאר א הויפט-פונקט פונ'ם גאנצען יודענטהום.

מיט רב סעדיה'ס טויט, וואס איז אין גאנצען אלט געוועהן פופציג יאהר; האבען די ישיבות אויך אנגעהויבען פאלען. זיין זוהן דוסא איז אפילו געוועהן א גרויסער למדן און האט אנגעשריבען עטליכע ספרים, נאר דעם פאטערס שטעללע האט ער ניט געוואלט אננעהמען. די ישיבה פון סורא איז איבערגעגאנגען צום פריהריגען גאון יוסף בן סטיא, נאר ער איז שוין געוועהן צו אלט און האט גאר ניט געקאנט מאכען געגען דער ישיבה פון פומבדיתא, וואס האט זיך נאך א מאל אויפגעהויבען, בעזאנדערס נאך דעם וואס אהרן אבן שרגדו איז געוואָרען גאון און האט זיינע בעסטע יאהרען און לעצטע כוחות אוועקגעגעבען דארויף ער זאל זיין ישיבה ברענגען צו א רעכטען מעמד. אכטצעהן יאהר האט ער געפיהרט די ישיבה, און אזוי ווי ער איז געוועהן צו זיין בקיאות און חריפות אויך א גרויסער נגיד, האט ער אלדינג אויסגעפיהרט, און די ישיבה פון סורא איז אזוי געפאלען אז איהר פארשטעהער האט זיך בעסער ענטשלאסען אוועקצופאהרען. די איינוואהנער האבען זיך נאך געפרובט ארויסצושיקען אויף דער וועלט פיער שלוחים צו זאמלען נדבות און האבען נאך געהאפט צו דערהאלטען די ישיבה; דאס אונגליק האט אבער אזוי געשפיעלט אז דאס שיף, אויף וועלכען די שלוחים זענען ארויס געפאהרען, האט מען געפאנגען און זיי זענען פערוואָרפען געוואָרען אין ווייטע מדינות און האבען ניט געקאנט אויס-

פִיהְרֶען זֵייעֶר שְׁלִיחוּת. אַזוֹי הָאט מֶען גֶעמוּזְט פַארְמַאכֶען דִי יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא, וָואס הָאט מֶעהְר פוּן זִיבֶּען הוּנְדֶערְט יָאהְר פַארְשְׁפְּרֵייט תּוֹרָה; אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאט מֶען מִיט דֶער צַייט פַארְפִיהְרְט קֵיין שְׁפַּאנְיֶען, אוּן אַנַייעֶר קְוַאל פוּן יוּדִישֶׁע ווִיסֶענְשַׁאפְט הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט אִין דִי לֶענְדֶער פוּן מַעֲרָב-זַייט.

רַב סַעֲדְיָה'ס טוֹיט אוּן דָאס צוּמַאכֶען פוּן דֶער סוּרָא'ר יְשִׁיבָה הָאבֶּען דִי קַרָאִימֶעס צוּגֶעגֶעבֶּען מֶעהְר שְׁטַארְקַייט, אוּן זֵיי הָאבֶּען ווִידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אַקָאפּ. דֶער אַלְטֶער סַלְמוֹן בֶּן יְרוּחָם, וָואס הָאט אַלַאנְגֶע צַייט גֶעשְׁווִיגֶען, ווַייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר רַב סַעֲדְיָה'ן, אִיז צוּפְלַייס גֶעפָאהְרֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֵיין בָּבֶל זִיךְ אוֹיסְטַעֲנֶה'ן מִיט רַב סַעֲדְיָה'ס תַּלְמִידִים, אוּן זֵיי דֶערְווייזֶען אַז זֵייעֶר רֶבִּי הָאט נִיט רֶעכְט גֶעהַאט. אִין דֶער אֵייגֶענֶער צַייט אִיז אַרוֹיס אַוִכּוּחַ צְווִישֶׁען רַב סַעֲדְיָה'ס תַּלְמִיד יַעֲקֹב בֶּן שְׁמוּאֵל אוּן דֶעם קַרָאִימִישֶׁען לַמְדָן יֶפֶת בֶּן עֵלִי הַלֵוִי, אוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט זִיךְ בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּערִיהְמְט גֶעמַאכְט אַקַרָאִי אַבּוּלסָרִי סַהַל בֶּן מַצְלִיחַ הַכֹּהֵן, וָואס אִיז גֶעוֶועהְן אַגְרוֹיסֶער מְדַקְדֵק אוּן הָאט גוּט גֶעשְׁרִיבֶּען הֶעבְּרֶעאִישׁ אוּן אַרַאבִּישׁ. עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַפֵּירוּשׁ אוֹיף דֶער תּוֹרָה, אוּן הָאט אִין פִיל עִנְיָנִים אָבְּגֶעוֶוענְדְט רַב סַעֲדְיָה'ס מֵיינוּנְגֶען. דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַנִצָחוֹן אוֹיף גָאר אַקוּרְצֶער צַייט. אַז אֵיינֶעם גֶערָאט עֶפִּים וֶוען זַיין שׂוֹנֵא אִיז גְרָאד שְׁוַואךְ—בֶּעווַייזְט עֶס נָאךְ נִיט אַז עֶר אִיז אַגִבּוֹר. אוּן אַזַא גְבוּרָה קֶען יֶעדֶענְפַאלְס קֵיין קִיוּם נִיט הָאבֶּען.

דִי יוּדִישׁ-שְׁפַּאנִישֶׁע צַייט:

1 דִי צַייט פוּן אִבֶּן שַׁפְּרוּט.

(950—1020 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

דֶער לֶעצְטֶער פוּנְק פוּן יוּדִישְׁקַייט הָאט נָאךְ גֶעגְלִיהְט אִין דֶער אֵיינְצִיגֶער יְשִׁיבָה פוּן פּוּמְבְּדִיתָא, נוּר גִיךְ הָאט עֶס אוֹיךְ גֶעמוּזְט פֶערְלָאשֶׁען וֶוערֶען, ווַייל נָאךְ אַהֲרֹן אִבֶּן שַׁרְגַדוּ'ס טוֹיט אִיז גֶערָאטֶען מַר כֹּהֵן צֶדֶק'ס זוּהְן נְחֶמְיָה זִיךְ אַרוֹיפְחַאפֶּען אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע פוּן „גָאוֹן“. דֶער עוֹלָם הָאט עֶס אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען אוּן הָאט מֶעהְר גֶעצוֹיגֶען צוּ רַב שְׁרִירָא בֶּן חֲנַנְיָה, דֶערְפוּן אִיז אַרוֹיס אַגַאנְץ מַחְלוֹקֶת אוּן אוֹיף אַזַא אוֹפֶן הָאט דִי יְשִׁיבָה נִיט גֶעקֶענְט בְּלִיהֶען.

נָאטש הָאט אָבֶּער אַזוֹי גֶעפִירְט, אַז דִי פִיעֶר שְׁלוּחִים, וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסגֶעשִׁיקְט צוּ זַאמְלֶען נְדָבוֹת פַאר דֶער יְשִׁיבָה פוּן סוּרָא אוּנ דֶער מָהֲמַדַנִישֶׁער אַדְמִירַאל אִבְּן רַאמַחְאִין הָאט זֵיי גֶעפַאנְגֶען, הָאבֶּען נַאנְץ ווַייט פֶערְפְּלַאנְצְט דֶעם כּוֹים, וָואס זַיינֶע בְּלֶאטֶער הָאבֶּען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרָאבְּצוּפַאלֶען אִין בָּבֶל. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶועהן שְׁמַרְיָה בֶּן אֶלְחָנָן, וָואס דֶער אַדְמִירַאל הָאט אִיהם פֶערְקוֹיפְט קַיין אַלֶכְּסַנְדְרִיעֶן, נָאר דָארְט הָאבֶּען אִיהם דִי יוּדֶען אוֹיסגֶעלֵייזְט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין קַאִירָא; דֶעם צְוֵוייטֶען חוּשִׁיאֵל הָאט מֶען פֶערְקוֹיפְט קַיין אַפְרִיקָא אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין קִירוּאַן. דֶער דְרִיטֶער הָאט גֶעהֵייסֶען נָתָן בֶּן יִצְחָק הַכֹּהֵן אוּנ אִיז פֶערְוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען קַיין נַארְבָּאן. דֶער פִירְטֶער אָבֶּער, ר׳ מֹשֶׁה בֶּן חֲנוֹךְ, הָאט גֶעלִיטֶען מֶעהר פוּן אַלֶע: עֶר הָאט גֶעהַאט זַייעֶר אַשֵׁיין יוּנְג ווַייבּ אוּנ אַגֶערָאטְהֶען קִינְד, וָואס עֶר הָאט זֵיי שְׁטַארְק לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ הָאט זֵיי מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אִין דֶער נְסִיעָה; אַז מֶען הָאט זֵיי אַלֶע גֶעפַאנְגֶען, אִיז דָאס יוּדִישֶׁע ווַייבֶּעל גֶעפֶאלֶען דֶעם אַדְמִירַאל אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהר צוּ טְשֶׁעפֶּען, זִי הָאט זִיךְ אָבֶּער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועהן, אוּנ אַז דִי סַכָּנָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן גְרוֹיס הָאט זִי בַּיים מַאנן אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ מֶעהר נִיט גֶעפְּרֶעגְט נָאר: צוּ קֶאנֶען דִי דֶערְטְרוּנְקֶענֶע אוֹיךְ הָאפֶען אוֹיף תְּחִיַת הַמֵּתִים? אוּנ אַז עֶר הָאט אִיר אַוואוּנְק גֶעטָאן אוֹיף יָא, הָאט זִי זִיךְ בַּאלְד אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין יַם. נָאךְ אַזַא אוּנְגְלִיק הָאט מֶען ר׳ מֹשֶׁה בֶּן חֲנוֹךְ מִיט׳ן קְלֵיינֶעם זוּהן גֶעבְּרַאכְט קַיין קוֹרְדוֹבָה ווִי אַ שְׁקְלַאוֶוע, אוּנ דָארְט הָאט אִיהם דִי יוּדִישֶׁע גֶעמֵיינְדֶע אוֹיסְגֶעקוֹיפְט, חָאטְשׁ קֵיינֶעם אִיז נָאר אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה נִיט גֶעקוּמֶען, אַז מִיט דֶעם פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים הָאבֶּען זֵיי בֶּעפְרַייהט אַזֶעלְכֶען, וָואס אוֹיף אִיהם אִיז גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַנַיי לִיכְטִיקַייט אִין לַאנְד, וָואס דַארְף בֶּעשַׁיינֶען דָאס גַאנְצֶע יוּדֶענְטְהוּם פוּן שְׁפַּאנְיֶען. ר׳ מֹשֶׁה בֶּן חֲנוֹךְ הָאט בַּאלְד נִיט גֶעוָואלְט מְגַלֶּה זַיין וֶוער עֶר אִיז, אוּנ אַז עֶר אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיי דֶער טְהִיר אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אוּנ הָאט גֶעהֶערְט תּוֹרָה פוּנ׳ם קוֹרְדוֹבָה׳ר רָב ר׳ נָתָן וָואס אִיז נִיט גֶעוֶועהן קַיין גְרוֹיסֶער לַמְדָן. אַז ר׳ נָתָן, הָאט אָבֶּער אַטָעוּת גֶעהַאט הָאט זִיךְ ר׳ מֹשֶׁה נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אִיז עֶר שְׁטִיל צוּגֶעגַאנְגֶען אוּנ מִיט גְרוֹיס עֲנִיווּת אוֹיפְגֶעקְלֶערְט דֶעם אֱמֶת׳ן פְּשַׁט. דֶער עוֹלָם הָאט בַּאלְד דֶערְזֶעהן אַז פַאר זֵיי שְׁטֶעהט אַ חָרִיף, מֶען הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרֶעגֶען דִי הַארְבְּסְטֶע קוּשְׁיוֹת, עֶר הָאט אַלְדִינְג פַארֶענְטְפֶערְט, אוּנ דִי גְרֶעסְטֶע לוֹמְדִים הָאבֶּען זִיךְ נָאר נִיט גֶעקֶענְט פֶערְוואוּנְדֶערְן אוֹיף אַזַא בְּקִיאוּת. דֶער רָב אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר אַ פְרוּמֶער אוּנ אַ לִיעבּ-

האבער פון אמת, און נאך אין דעם איינעם טאג אז מען איז איהם געקומען פרעגען א שאלה האט ער געזאגט, אז ער טאר ניט פסק'נען, ווייל אין שטאדט איז דא א גרעסערער למדן פון איהם. די יודישע קהלה האט באלד אויסגעקליבען ר' משה'ן פאר זייער רב און פארשטעהער, מען האט איהם אבגעשיט מיט טהייערע מתנות, בעשטימט א גרויסע הכנסה און אפילו געשענקט א רייכען וואגען ער זאל ארום פאהרען איבער דער שטאדט מיט כבוד. אז דער אדמיראל אבן ראמחאיץ איז דער נאך געוואהר געווארען וואס פאר א שקלאווע ער האט פערקויפט, האט ער חרטה געהאט אופן מקח און האט אנגעהויבען שרייען, אז ער האט געהאט א טעות. עס האט איהם אבער ניט געהאלפען, די יודען האבען זיך געקלאגט פאר'ן כליף עבדאל רחמן דעם דריטען און האבען איהם פארשטעהן געגעבען אז מיט דער הילף פון אזא בעריהמטען למדן ווי ר' משה וועלען זיי קאנען אין קורדובה מאכען איין איינענע ישיבה און וועלען פערשפארען אזוי פיעל געלד אוועקצושיקען אין דער פרעמד. דער כליף האט טאקי פערשטאנען אז אזוי איז גלייכער און שפאניען איז געווארען א מקום תורה.

קיין לאנד איז אבער אין דער צייט אזוי ניט מסוגל געוועהן צו דערלאזען די יודען, זיי זאלען זיך אזוי צופיהרען די האנד אין לערנען און דענקען, ווי שפאניען. דער עדלער כליף עבדאל רחמן דער דריטער איז געוועהן א שטארקער אוהב חכמה און האט מקרב געוועהן פון אללע אומות די מענשען וואס האבען זיך נאר בעשעפטיגט מיט וויסענשאפט. דער פאר איז דעמאלט געוועהן גוט הן יודען, הן קריסטען, דער חילוק איז נאר געוועהן צווישען ביידע, וואס די קריסטען, וועלכע האבען זיך גערופען מוזעראבער האבען אנגעהויבען פערלאזען זייער גלויבען און כמעט פערגעסען זייער שרש, און די יודען זענען געבליבען טריי זייער אמונה, און די העברעאישע שפראכע איז ביי זיי געוועהן די הייליגסטע. אויף אזא פעטע און נוטע ערד האט געקאנט דער בוים פון יודישקייט א שיינעם וואקס טהון, און צווישען די ערשטע וואס האבען געזארגט אז דער בוים זאל טראגען טהייערע פרות זענען געוועהן, אויסער ר' משה בן חנוך, מנחם בן סרוק, א גרויסער מדקדק, און דונש אבן לברט, א בעריהמטער בעל־לשון. נאר די ארבייט פון אללע דריי בעריהמטע מאנער קאן זיך נאר ניט פערגלייכען מיט דעם גרויסען בנין, וואס אבו יוסף חסדאי בן יצחק אבן שפרוט פון דער משפחה אבן עזרא האט אויפגעשטעלט און אויף גאנצע פינף הונדערט יאהר בעפעסטיגט דאס יודענטהום אין שפאניען, און

עָס אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט כָּבוֹד אוּנ גְלַאנְץ.

חִסְדָאִי אִבְּן שַׁפְּרוּט אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען אִין אַ נְגִיר׳ס הוֹיז. זַיין פָּאטֶער ר׳ יִצְחָק אִיז גֶעוֶועהן אַ מוֹקִיר רַבָּנָן אוּנ הָאט גֶעשְׁטִיצְט יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה. דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אוֹיךְ פוּן קִינְדְהַייט אָן בַּיי חַסְדָאִי׳ן עֶנְטְוִויקֶעלְט אַ לִיעבְּשַׁאפְט צוּ וִויסֶענְשַׁאפְטֶען, אוּנ עֶס אִיז פוּן אִיהם גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶער מוּשְׁלָם, אוֹיסֶער מֶעדִיצִין הָאט עֶר גוּט גֶעקָאנְט אַרַאבִּיש אוּנ לַאטַיינִיש. אַז דֶער כַּלִיף עַבְּדְאֵל רַחְמַן אִיז פוּן אִיהם גֶעוָואר גֶעוָוארֶען הָאט עֶר אִיהם גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיבֶּערְזֶעצֶער אוּנ הָאט אִיהם אוֹיךְ, צוּ לִיעבּ זַיינֶע קָאנְטְנִיסֶע אִין דֶער לַאטַיינִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע, אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיקֶען אִין דִי קֶאנִיגְלִיכֶע הָאפֶען פוּן קְרִיסְטְלִיכֶע מְלָכִים. חִסְדָאִי הָאט זַיין זַאךְ גֶעטְהוּן בִּשְׁלֵמוּת אוּנ מִיט יֶעדֶען טָאג מֶעהר נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶועהן. דוּרְךְ זַיין הִשְׁתַּדְלוּת זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין קוֹרְדוֹבָה דֶער קֶאנִיג פוּן לִיאָן אוּנ דִי קֶאנִיגִין פוּן נַבַרָה מִיט נַייסְטְלִיכֶע אוּנ מִינִיסְטָארִין, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר פְרַיינְדְלִיךְ פֶערְבּוּנְדֶען מִיט שְׁפַּאנְיֶען. דָאס אִיז בַּיים כַּלִיף שְׁטַארְק אָנְגֶעלֶעגְט גֶעוֶועהן אוּנ חִסְדָאִי אִיז בַּיי אִיהם גֶעוָוארֶען אַזַא חָשׁוּב אַז עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען דִי גְרֶעסְטֶע דֵעָה אִין דֶער מְלוּכָה אוּנ אַלֶע הָאבֶּען אִיהם גֶעאַכְט אוּנ גֶעלִיבְּט. חִסְדָאִי אִיז טַאקִי אָבֶּער מִיט׳ן גַאנְצֶען לֶעבֶּען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען גֶעוֶועהן זַיין פַאטֶערְלַאנְד, אוּנ חָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ הֵייסֶער יוּד אוּנ הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר׳ן הוֹיפְּט-פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער יוּדִישֶׁע קְהִלָּה אִין קוֹרְדוֹבָה, אַחוּץ דֶעם פְלֶעגְט עֶר שִׁיקֶען גְרוֹיסֶע נְדָבוֹת קַיין בָּבֶל אוּנ הָאט דֶערְפַאר פוּן דָארְט בֶּעקוּמֶען דֶעם טִיטֶעל „רֹאשׁ יְשִׁיבָה״, הָאט עֶס אִיהם גִיט גֶעשַׁאדְט צוּ זַיין אַ גֶעטְרַייֶער דִיעגֶער דֶעם לַאנְד, וָואס הָאט אִיהם אַרוֹיסגֶעוִויזֶען אַזוֹי פִיעל צוּטְרוֹיעֶן. דִי מְדִינָה הָאט טַאקִי פוּן חִסְדָאִי׳ן זֶעהר פִיעל נוּטְץ גֶעהַאט. אַז דֶער בִּיצַאנְטִינִישֶׁער קֵייזֶער קוּנְסְטַנְטִין דֶער אַכְטֶער הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעפְרַיינְדֶען מִיט שְׁפַּאנְיֶען אוּנ הָאט דֶעם כַּלִיף צוּגֶעשִׁיקְט טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת, הָאט זִיךְ צְוִוישֶׁען דִי מַתָּנוֹת גֶעפוּנֶען אַ בּוּךְ אִיבֶּער מֶעדִיצִין, וָואס אַלֶע שְׁפַּאנִישֶׁע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט דֶערְמִיט, נָאר עֶס אִיז פַאר זֵיי גֶעוֶועהן אַ סֵפֶר הֶחָתוּם, וַוייל עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען אוֹיף גְרִיכִישׁ. דֶער כַּלִיף הָאט גֶעמוּזְט בֶּעטֶען מֶען זָאל אִיהם צוּשִׁיקֶען אַ אִיבֶּערְזֶעצֶער, אוּנ קָאנְסְטַאנְטִין הָאט אַרוֹיסגֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶער אַרְבַּייט אַ נַייסְטְלִיכֶען נִיקָאלַיי וָואס הָאט נָאר פֶערְשְׁטַאנֶען לַאטַיינִישׁ, דָא הָאט מֶען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ חִסְדָאִי׳ן; דֶער נַייסְטְלִיכֶער הָאט דָאס בּוּךְ אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט פוּן גְרִיכִישׁ אוֹיף לַאטַיין, אוּנ חִסְדָאִי הָאט עֶס שׁוֹין דֶערְנָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוֹיף אַרַאבִּישׁ. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ

נעמאכט נאך אַזאך וואס חסדאי׳ס שפּראַכענקאָנטניס איז צו נוטץ געקומען. דער כּליף האט אַמאל געשיקט אַ שליח צום דייטשען קייזער אָטטאָ דעם ערשטען, אונ האט זיך אין זיין בּריעף ניט אַזוי עדעל אויסגעדריקט איבּער דעם קריסטענטהום. דאס האט דעם קייזער שטאַרק פערדראָסען אונ ער האט דערפאַר געלאָזט וואַרטען דעם שליח עטליכע יאָהר בּיז ער האט איהם אויפגענומען, אונ אַז ער האט דערנאך פון זיין זייט געשיקט שלוחים צום כּליף, האט ער זיך אין זיין בּריעף ערלויבּט דאס איינענע צו שרייבען וועגען דער מחמדנישער רעליגיאָן. חסדאי האט אָבּער געקאָנט די לאַטיינישע שפּראַכע, אונ אַז ער איז זיך צונויפגעקומען מיט די שלוחים, האט ער בּיי זיי אויסגעפאָרשט וואס אין דעם בּריעף שטעהט אונ האט עס צו וויסען געגעבען דעם כּליף. אַ גאַנץ יאָהר האָבּען די שלוחים געוואַרט אונ דער כּליף האט זיי אַנדערש ניט געוואָלט אויפנעהמען בּיז דער בּריעף איז ניט איבּערגעבּיטען געוואָרען. דאס איז געוועהן אַ גרויסער כּבוד פאַר שפּאַניען, אונ זי האט עס נאָר געקאָנט אויספיהרען דורך דעם וואס חסדאי איז געוועהן אַ שפּראַכען־קענער, אונ אַחוץ דעם איז ער געוועהן אַ גוטער דיפּלאָמאַט אונ האט די פּאָליטיק גוט געפיהרט.

וואס גרעסער אָבּער חסדאי איז געשטאַנען, מעהר האט איהם דאס האַרץ וועה געטהון אַראָבּצוקוקען אויף דעם נידריגען צושטאַנד פון די יודען אומעדום, וואו זייער גאַנץ גליק איז געוועהן ווען מען האט זיי געלאָזט צו רוה, אונ וואס האָבּען זיך אַרומגעבּלאָנקעט ווי יתומים, אָהן אַ פּאָטער אונ אָהן אַ היים. מען קאן זיך פאָרשטעללען ווי גרויס זיין שמחה איז געוועהן, אַז ער איז פּלוצלונג געוואָהר געוואָרען פון אַ יודיש פאָלק וואס הייסען חאַזאַרען (כּוזרים), אונ האָבּען זייער איינענע מלוכה. די ערשטע ידיעה דערפון האט געבּראַכט אַרייזענ־דער אֶלדד הדני, וואס איז אויסגעפאָהרען די גאַנצע וועלט, אונ האט אין וועג געטראָפּען אויך די חאַזאַרען. ער האט פערזיכערט, אַז זיי קומען אַרויס פון די עשרת השבטים. חסדאי האט אויף זיינע רייד ניט געוואָלט אַזוי שטאַרק שטעלען, נאר אַז עס זענען אַמאל געקומען שלוחים פונ׳ם ביצאַנטינישען קייזער אונ האָבּען איהם אויך דערצעהלט, אַז די חאַזאַראַן זענען זעהר אַ שטאַרק פּאָלק, אַז זיי האַלטען די יודישע אמונה, אַז זייער מלך הייסט מיט זיין יודישען נאָמען יוסף, אונ אַז צו זייער גרויס לאַנד איז אין גאַנצען פונפצעהן טאָג נסיעה פון קאָנסטאַנטינאָפּאל, האט ער די זאך אָנגענומען פאַר אמת אונ האט אָנגעהויבּען טראַכטען ווי אַזוי מען שלאָגט זיך צו צו די ווייטע בּרידער. ער האט זיך ענטשלאָסען אָנצושרייבּען אַ בּריעף צום חאַזאַרישען מלך אויף לשון הקודש, אונ מיט

דִי שֶׁאנְסְטֶע פַארְבֶּען אוֹיסְגֶעמָאלְט וִוי גְרוֹיס זַיין חֵשֶׁק אִיז צוּ זֶעהְן דִי גְדוּלָה פוּנ'ם יוּדִישֶׁען פָאלְק, אוּנ וִוי עֶר וָואלְט גֶערְן מִיט דֶער נְשָׁמָה זִיךְ וַוארְפֶען אוֹיף דִי קְנִיעַ פַאר'ן יוּדִישֶׁען קֶענִיג, אוּנ בֶּעוואוּנְדֶערְן זַיין כֹּחַ אוּנ כָּבוֹד. דֶעם בְּרִיעף הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צְוַויי יוּדֶען, וָואס זֶענֶען גֶעוֶועהְן צְוִוישֶׁען דִי שְׁלוּחִים פוּנ'ם סְלַאווִישֶׁען קֶענִיג הוּנוּ, אוּנ זֵיי הָאבֶּען אִיהם צוּגֶעזָאגְט וַוייטֶער דֶעם בְּרִיעף צוּ פֶערְזָארְגֶען דוּרךְ אוּנְגַארִישֶׁע יוּדֶען אִיבֶּער רוּסְסְלַאנְד אוּנ בּוּלְגַארְיֶען.
דֶער בְּרִיעף אִיז טַאקִי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ יוֹסֵף'ן, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר'ן עֶלְפְטֶען קֶענִיג נָאךְ עוֹבַדְיָה'ן. דָאס לַאנְד פוּן דִי כַאזַארֶען אִיז נָאךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶועהְן גַאנְץ גְרוֹיס אוּנ הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען פוּנ'ם טַייךְ דָאן אִיבֶּער קַאווְקַאז בִּיז צוּם שְׁוַוארְצֶען יַם אוּנ דֶעם דְנְיֶעפֶּער; דִי הוֹיפְּט שְׁטָאדְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף אַיין אִינְזֶעל פוּן דֶער ווָאלְגַא, אוּנ דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען יוֹסֵף'ס פַּאלַאץ מִיט אַגָאלְדֶענֶעם טְהוֹיעֶר. יוֹסֵף הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט אַ אֶנְטְפֶער חִסְדָאִי'ן, אוּנ הָאט אִיהם בֶּעשְׁרִיבֶּען אַלְדִינְג וָואס גֶעהֶער צוּ דֶער כַאזַארִישֶׁער מְלוּכָה; דֶערְבַּיי הָאט עֶר אִיהם אוֹיךְ אוֹיפְגֶעקְלֶעהְרְט וֶוען דֶער מֶלֶךְ בּוּלָאן הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶועהְן, אוּנ אַז דִי כַאזַארֶען שְׁטַאמֶען נִיט אַרוֹיס פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים.
אַז יוֹסֵף הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דִי תְּשׁוּבָה אִיז נָאךְ זַיין מְלוּכָה גֶעוֶועהְן פֶעסְט, אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט רֶעכֶענֶען אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער קֶענִיג פוּן דִי כַאזַארֶען; בַּאלְד אִיז אָבֶּער אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף אִיהם דֶער גְרָאסְפִירְסְט סְווְיַאטָאסְלָאוו פוּן קִיֶעוו אוּנ הָאט אִים יָאהר 965 אָבְּגֶענוּמֶען דִי פֶעסְטוּנְג סַרְקֶל; דִי רוּסְסֶען זֶענֶען אַלֶע מָאל שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארֶען אוּנ דִי כַאזַארֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער קְרִים, זֶענֶען בִּיסְלֶעכְוַויים אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען.

אַז דֶעם כַאזַארִישֶׁען קֶענִיג'ס תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ חַסְדָאִי'ן, אִיז שׁוֹין דֶער כַּלִיף עַבְּדְאֵל רַחְמָן גֶעוֶועהְן טוֹיט, נָאר זַיין יוֹרֵשׁ אַל־חַכִּים הָאט נָאךְ מֶעהר פוּנ'ם פָאטֶער לִיעבּ גֶעהַאט חָכְמָה, אוּנ הָאט חִסְדָאִי'ן אָבְּגֶעגֶעבֶּען גְרוֹיס כָּבוֹד. חִסְדָאִי אַלֵיין אִיז גֶעוֶועהְן זֶעהר רַייךְ אוּנ הָאט גֶעשְׁטִיצְט מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט וִויסֶענְשַׁאפְט. צְוִוישֶׁען דִי יוּדִישֶׁע לוֹמְדִים וָואס הָאבֶּען נֶהֱנֶה גֶעוֶועהְן פוּן חִסְדָאִי'ס עֲשִׁירוּת, הָאט אִין יֶענֶער צַייט גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע ר' מְנַחֵם בֶּן סָרוּק, וָואס אִיז גֶעוֶועהְן אַ גְרוֹיסֶער אֶבְיוֹן, אוּנ נָאךְ חִסְדָאִי'ס פָאטֶער ר' יִצְחָק הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען. צוּם אָנְהֵייבּ אִיז ר' מְנַחֵם גֶעוֶועהְן בַּיי חִסְדָאִי'ן אַגַאנְצֶער בֶּן בַּיִת, אוּנ אַז עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ סֵפֶר אִיבֶּער דֶער הֶעבְּרֶעאִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע אִיז זַיין נָאמֶען שְׁטַארְק בֶּעקָאנְט

גֶעוָוארֶען אִין פְּרַאנְקְרַייךְ אוּנ אִיטַאלְיֶען. אַז עֶס אִיז אָבֶּער אוּנְטֶערְגֶעוַואקְסֶען דוּנַשׁ אִבֶּן לַבְּרַט, וָואס אִיז הָאבֶּער גֶעשְׁטַאנֶען פוּן ר׳ מְנַחֵם, אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אַז עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַיין מְבִינוֹת (קְרִיטִיק) אִיבֶּער ר׳ מְנַחֵם׳ס סֵפֶר אוּנ הָאט פוּן אִיהם גֶעמַאכְט חוֹזֶק, הָאט חִסְדָאִי גֶעוָוארְפֶען אַ אוּם-חֵן אוֹיף זַיין אַלְטֶען פְרַיינְד, עֶר הָאט אִיהם מֶעהר נִיט גֶעוָואלְט אָנְקוּקֶען, אוּנ וֶוען חִסְדָאִי׳ס בְּרוּדֶער הָאט אוֹיף אִיהם קַיין רַחֲמָנוּת נִיט, וָואלְט עֶר גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער. פַאר וָואס חִסְדָאִי הָאט זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּער גֶעבִּיטֶען גֶעגֶען ר׳ מְנַחֵם׳ן – אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֶעהן. אַז ר׳ מְנַחֵם הָאט זִיךְ גֶעפְּרוּבְט גֶעהן מִיט תַּחֲנוּנִים, אוּנ הָאט חִסְדָאִי׳ן אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיעף אוּנ הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל חָאטְשׁ אִיהם זָאגֶען פַאר וָואס עֶר אִיז בְּרוֹגֶז גֶעוָוארֶען, אִיז אִיהם חִסְדָאִי אָבְּגֶעקוּמֶען מִיט אַ גְלַייךְ וָוארְטֶעל, אוּנ הָאט אִיהם גֶעאֶנְפֶערְט מִיט אַ מְמַה נַפְשָׁךְ: „בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג – וֶועסְטוּ זִיךְ בֶּעסֶערן, בִּיסְטוּ אוּנְשׁוּלְדִיג – וֶועסְטוּ הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא“. ר׳ מְנַחֵם׳ס תַּלְמִידִים, יְהוּדָה אִבֶּן דַאוּד, יִצְחָק אִבֶּן גִיקְטִילְיָא אוּנ בֶּן קַפְרוּן, הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִיהם אוּנ הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט צוּ מַאכֶען אַ שָׁלוֹם דוּרְךְ דֶעם, וָואס פוּן אֵיין זַייט זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעפַאלֶען אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער סֵפֶר אוֹיף דוּנַשׁ בֶּן לַבְּרַט, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאבֶּען זֵיי גֶעלוֹיבְּט חִסְדָאִי׳ן וָואס הָאט גְרָאד דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעפִיהְרְט אַ וִוּיכְטִיג שְׁלִיחוּת פַאר דֶער מְדִינָה, אוּנ אִיז דֶערְפַאר גֶעוָוארֶען נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער חָשׁוּב בַּיים כַּלִיף אַלְחַכִּים. ר׳ מְנַחֵם׳ס תַּלְמִידִים הָאבֶּען חִסְדָאִי׳ן אַלֵיין גֶעמַאכְט פַאר אַ דַיָּן אוּנ גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל פַּסְקְ׳נֶען וֶוער פוּן בֵּיידֶע לוֹמְדִים הָאט רֶעכְט. וִוי עֶס שַׁיינְט, הָאט חַסְדָאִי פֶּערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט נִיט גְלַייךְ גֶעטְהוּן אוּנ עֶס אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארֶען.

אוֹיסֶער שְׁפְּרַאכְקֶענְטְנִיסֶע הָאט חִסְדָאִי גֶעזֶעהן, אַז דָאס לֶערְנֶען פוּנ׳ם תַּלְמוּד זָאל זִיךְ בֶּעפֶעסְטִיגֶען אוּנ הָאט שְׁטַארְק גֶעהָאלְפֶען דֶעם רַב ר׳ מֹשֶׁה בֶּן חֲנוֹךְ עֶר זָאל גְרִינְדֶען אַ יְשִׁיבָה אִין קוֹרְדוֹבָה. חִסְדָאִי הָאט גֶעגֶעבֶּען אַלֶע מִיטֶעל מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען סְפָרִים פוּן סוּרָא, אוּנ נָאר גִיךְ הָאט דִי קוֹרְדוֹבָה׳ר יְשִׁיבָה בֶּעקוּמֶען אַזַא שֵׁם אַז פוּן דֶער נַאנְצֶער וֶועלְט הָאבֶּען זִיךְ אַהִין גֶעצוֹיגֶען תַּלְמִידִים, אוּנ ר׳ מֹשֶׁה׳ן הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעטְרַאכְטֶען נִיט וִוי קַיין גֶעוֶועהנְלִיכֶען רַב, נָאר וִוי אַ גָאוֹן, אוּנ פוּן זַיין סְבִיבָה הָאט מֶען אִין דֶער נַאנְצֶער סְבִיבָה אוֹיפְגֶענוּמֶען רַבָּנִים אוּנ דַיָּנִים. אַזוֹי הָאבֶּען דֶעמָאלְט גֶעבְּלִיהט צְוִוישֶׁען דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה, אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶועהן דֶער גְרֶעסְטֶער בֶּעוַוייז אַז זֵייעֶר לַאגֶע הָאט זִיךְ פֶערְבֶּעסֶערְט. אִין קוֹרְדוֹבָה הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען זֶעהר פִיעל עֲשִׁירִים וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפִיהְרְט בְּרֵייט גְלַייךְ מִיט דִי אַרַאבֶּער, אוּנ זֵייעֶר נַאנְצֶע הַנְהָגָה

און הַלְבָּשָׁה איז געוועהן ווי בּיי אַללע רייכע איינוואהנער פונ׳ם לאַנד.

נאָך ר׳ משה׳ס טויט איז געוואָרען אַ שטיקעל מַחֲלוֹקֶת. פיעל האָבען פערלאַנגט אַז אויף זיין אָרט זאָל ווערען זיין זוהן חֲנוֹךְ, וואָס איז קליינערהייט מיט איהם געקומען קיין שפּאַניען און האָט זיך נאָר בּעשעפטיגט מיט הַלְמוּד, און אַ טהייל האָבען געוואָלט אַז טאַקי איינער פון ר׳ משה׳ס תַּלְמִידִים, יוֹסֵף בֶּן יִצְחָק אִבֶּן אַבִּיתוּר (בֶּן שְׁטַאנְשׁ), וואָס איז געוועהן אִי אַ גְרויסער תַּלְמוּדִי׳סְט, אִי איין אַראַבּישער געלעהרטער, און איז מעהר ראוי צו פאַרנעהמען די שטעללע. חִסְדָּאִי האָט אָבער געהאַלטען פאַר ר׳ משה׳ס זוהן און חֲנוֹךְ איז געוואָרען רַב.

אין פוּמְבְּדִיתָא האָט זיך נאָך די איינציגע יְשִׁיבָה געהאַלטען אַ יאָהר פונפציג און די לעצטע פאָרשטעהער איהרע זענען געוועהן רַב שְׁרִירָא און זיין זוהן רַב הַאי. רַב שְׁרִירָא איז געוועהן אַ גרויסער לַמְדָן און פונ׳ם תַּלְמוּד האָט ער ניט געוואָלט אָבּטרעטען אויף קיין שְׁרִיט, אֲפִילוּ ווען די פאָרערונגען פון אַ מאָל האָבען זיך בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט געקאָנט אויסגלייכען מיט די שפּעטערדיגע צייטען. אַז ער האָט בּעמערקט ווי אַ יוּד האָט געלאָזט לערנען זיין קנעכט תּוֹרָה און האָט איהם דערנאָך חֲתוּנָה געמאַכט, האָט ער עס פערבּאָטען, ווייל אין תַּלְמוּד איז דאָ אַ דֵעָה אַז מען טאָר עס ניט טהון. רַב שְׁרִירָא האָט זיך בּעריהמט געמאַכט מיט זיין תְּשׁוּבָה, וואָס ער האָט געשריבען, אַ געוויסען יַעֲקֹב בֶּן נִסִּים (אִבְּן־שַׁאהִין), וואָס איז געוועהן אַ תַּלְמִיד פון חוּשִׁיאֵל׳ן, איינעם פון די פיער שְׁלִיחִים, וואָס איז פערוואָרפען געוואָרען קיין אַפְרִיקָא. אין דער תְּשׁוּבָה איז דייטליך און אֱמֶת בּעשריבּען די יודישע געשיכטע פון חֲתִימַת הַתַּלְמוּד בּיז דער נאָנצער צייט פון די גְאוֹנִים. רַב שְׁרִירָא האָט אָבער ווענינ געקאָנט העלפען אויפצוהויבען די יְשִׁיבָה פון פוּמְבְּדִיתָא, וואָס האָט שוין געהאַלטען אין פאַללען. די צאָהל פון די לוֹמְדִים איז געוואָרען אַזוי קליין אַז ער האָט געמוזט זיין זוהן רַב הַאי מַסְמִיךְ זיין אויף רַבָּנוּת נאָך אַז ער איז אַלט געוועהן ניט מעהר ווי זעכצעהן יאָהר. ניט אַללע זענען געוועהן צופרידען פון רַב שְׁרִירָא און עס איז געקומען דערצו, אַז מען האָט איהם פערקלאָגט פאַר׳ן כַּלִיף אַל־קַדִיר, און ער האָט געהייסען איינזעצען אין תְּפִיסָה דעם פאָטער מיט׳ן זוהן און בּיי זיי צונעהמען זייער נאַנץ פערמעגען. מען האָט זיי אָבער לאַנג ניט געלאָזט ליידען. לייטישע בַּעֲלֵי־בַּתִּים האָבען פאַר זיי געבּעטען און מען האָט זיי בּעפרייהט. רַב שְׁרִירָא איז שוין דעמאָלט געוועהן אַ זָקֵן גָדוֹל, האָט ער איבּערגעגעבען זיין שטעללע דעם זוהן און אַליין איז ער געשטאָרבּען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר.

רַב חַאי אִיז שׁוֹין נִיט גֶעוֶועהן אַזוֹי צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּם טוֹיטֶען אוֹת פוּנ'ם תַּלְמוּד, אוּנ הָאט אַללֶע כּוֹחוֹת בֶּענוּצְט אוֹיפְצוּהוֹיבֶּען דִי יְשִׁיבָה, נָאר עֶס אִיז אִיהם אוֹיךְ נִיט גֶערָאטְהֶען.

אִין שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען זִיךְ דֶערְפַאר פוּן חִסְדָאִי'ן אָן, דִי יוּדֶען אַרוֹיפְגֶעחַאפְּט נָאר אוֹיף אַ הוֹיכֶער מַדְרֵגָה. דִי מִשְׁפָּחוֹת אֶבֶּן עֶזְרָא, אַלְפַּכַר, אִבְּן־פַּלְיַאג, אִבְּן־גִיאַת, בִּינְבִינִישְׁתִּי, אֶבֶּן־מִיגַאשׁ, אַבּוּלַאפְיַא אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאללֶע, אוּנ יֶעדֶער הָאט גֶעזוּכְט זִיךְ אִיבֶּערְצוּנֶעהְמֶען מִיט'ן יִחוּס עַצְמוֹ, נִיט נָאר מִיט'ן שֶׁאנֶעם נָאהמֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן. מִיט תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה זֶענֶען פוּל גֶעוֶועהן אַללֶע וִוינְקֶעלֶעךְ אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶערֶעדְט אוּנ גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער לַאנְדְשְׁפְּרַאכֶע וִוי גֶעבָּארֶענֶע אַרַאבֶּער. דִי מְלוּכָה פוּן אִיהר זַייט הָאט גֶעהַאט דָאס פָאלְקָאמֶענֶע צוּטְרוֹיעֶן צוּ דִי יוּדֶען אוּנ הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען גְרוֹיסֶע אוּנ בְּכָבוֹדֶע שְׁטֶעללֶען, וואו זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ מֶעהר גֶעקָאנְט אָנְזֶעהן. דִי יוּדֶען ווִידֶער פוּן אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁפַּאנִישֶׁע בְּרִידֶער וִוי אוֹיף דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דֶער וֶועלְט. דִי שְׁטָאדְט קוֹרְדוֹבָה, לוּצֶענָא אוּנ גְרַנַדַה הָאבֶּען בַּיי זֵיי בֶּעקוּמֶען דֶעם וֶוערְט פוּן טְבֶרְיָה, סוּרָא אוּנ פּוּמְבְּדִיתָא. אִין דֶער צַייט אִיז גֶעוָוארֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען אַ רַייכֶע אַרַאבִּישׁ־יוּדִישֶׁע לִיטֶערַאטוּר: בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבֶּען זִיךְ דֶערְמָאלְט בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט יִצְחָק אִבְּן גִיקְטִילָא, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען שֶׁאנֶע שִׁירִים, יְהוּדָה אִבְּן־דַאוּד, וָואס הָאט זֶעהר פִיעל גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִקְדוּק, אַבוּ־זְכַרְיָה־יְחִיָא יְהוּדָה חַיּוּג, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר וֶועגֶען דִי שָׁרָשִׁים אִין לָשׁוֹן קֹדֶשׁ אוּנ עֶרְקְלֶעהרְט פוּן וַואנֶען יֶעדֶעס וָוארְט נֶעהמְט זִיךְ, אוּנ יוֹסֵף בֶּן יִצְחָק אִבְּן אַבִּיתוּר, וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט דִי מִשְׁנָה אוֹיף אַרַאבִּישׁ, ווייל דֶער כַּלִיף הָאט גֶעוָואלְט הָאבֶּען דִי אִיבֶּערְזֶעצוּנְג אִין זַיין בֶּערִיהמְטֶער בִּיבְּלִיאָטְהֶעק, וָואס אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן פִיער אוּנ צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד בִּיכֶער.

נָאךְ חִסְדָאִי'ס טוֹיט הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ קְרִיעג וֶועגֶען רַבָּנוּת. בַּיי זַיין לֶעבֶּען אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ גֶעהן גֶעגֶען זַיין רָצוֹן אוּנ חֲנוֹךְ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען רַב אִין קוֹרְדוֹבָה; אַז עֶר אִיז אָבֶּער גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט דִי קְלֵיינֶע חֶבְרָה, וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין פְרִיהר גֶעפְּרוּבְט אִיבֶּערְצוּגֶעבֶּען דָאס רַבָּנוּת יוֹסֵף אִבְּן־אַבִּיתוּר, וַוייטֶער זִיךְ גֶעוָואלְט צוּפִיהרֶען דִי הֶאנְד. דֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין אָבֶּער דֶערְמָאלְט נוּט גֶעקָאנְט חֲנוֹךְ'ן אוּנ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז קֵיין בֶּעסֶערְן רָב בַּארְף מֶען נִיט; דֶער פוּן הָאט זִיךְ צוּבְּרֶענְט אַ גַאנְץ פַייעֶר, אוּנ עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער־צוּ אַז בֵּיידֶע צְדָדִים הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ גֶעהן מִיט מְסִירוֹת אוּנ זִיךְ

קְלַאגֶען פַאר'ן כַּלִיף אַל־חַכָּם. פַאר חֲנוֹךְ'ן זֶענֶען אָבֶּער גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען זִיבֶּען הוּנְדֶערְט שְׁאַנְסְטֶע בַּעֲלֵי־בָתִּים אוּנ דֶער כַּלִיף הָאט גֶעזֶעהֶן אַז זֵיי הָאבֶּען רֶעכְט, אוּנ אַז עֶס אִיז נִיטָא קֵיין שׁוּם סִבָּה דֶעם אַלְטֶען רַב מַדְחֶה צוּ זַיין. אַז עֶס זֶענֶען דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען דִי עֶטְלִיכֶע גֶעצֶאהלְטֶע נוּטֶע פְרַיינְד פוּן אִבְּן אַבִּיתוּר הָאבֶּען זֵיי גָאר נִיט גֶעפוּעֶלְט, אוּנ אַז אֲפִילוּ אִבְּן אַבִּיתוּר אַלְלֵיין הָאט זִיךְ אִיהם פָאר־גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר וֶועט בַּיי אִיהם נוֹשֵׂא חֵן זַיין, ווייל זַיין נָאהמֶען אִיז אִיהם גֶעוֶועהן בֶּעקַאנְט אִיבֶּער זַיין אַרַאבִּישֶׁער אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן דֶער מִשְׁנָה, הָאט עֶר אַ שְׁטַארְקֶען טָעוּת גֶעהַאט. דֶער כַּלִיף הָאט אִיהם זֶעהר קַאלְט אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּנ הָאט אִיהם בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוען דִי אַרַאבֶּער זָאלֶען אִיהם אַזוֹי נִיט וֶועלֶען פַאר אַ מֶלֶךְ ווִי דִי קוֹרְדוֹבָה'ר יוּדֶען ווִילֶען אִיהם נִיט פַאר אַ רַב, ווָאלְט עֶר אַנְטְלָאפֶען אִין דֶער ווייטֶער ווֶעלְט אַריין. אִבְּן אַבִּיתוּר הָאט דִי רֵייד פוּנ'ם כַּלִיף גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ רֵיינֶעם וואוּנְק אַז עֶר מוּז אַוֶועק פָאהרֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ בַּאלְד אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף אַ שִׁיף אוּנ אִיז אַרִיבֶּער קֵיין אַפְרִיקָא. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר נָאךְ אַרוּמְגֶערֵייזְט אִין פֶערְשִׁידֶענֶע לֶאנְדֶער בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין בָּבֶל צוּ רַב הַאי, נָאר דָארְט אִיז אִיהם אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶועהן אוֹיסְצוּקוּמֶען אוּנ זִיךְ אָפְּזוּכֶען אַ מָקוֹם מְנוּחָה.

אַז דֶער עֶדְלֶער כַּלִיף אַלְ־חַכָּם אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּער־גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין יוּנְגֶען זוּהן הִישַׁאם, הָאט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַאכְט גֶעפוּנֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן זַיין מִינִיסְטֶער מַחְמֶד אַלְמַנְזוּר, אוּנ דֶעמָאלְט זֶענֶען אִין הוֹיף גֶעוָוארֶען שְׁטַארְקֶע חֲשׁוּבִים צְווֵיי יוּדֶען פוּן אִבְּן אַבִּיתוּר'ס צַד, דִי בְּרִידֶער יַעֲקֹב אוּנ יוֹסֵף אִבְּן־גוּ (דְזְשָׁאוּ), ווָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן פַאבְּרִיקַאנְטֶען פוּן זַייד, אוּנ פְלֶעגֶען צוּשְׁטֶעלֶען אַהִין טַייעֶרֶע סְחוֹרוֹת אוֹיף קְלֵיידֶער אוּנ פָאהנֶען. אַ מָאהל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אִין הוֹיף אַ בַּייטֶעל מִיט זֶעהר פִיעל גֶעלְד אוּנ עֶס אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען זֵיי זָאלֶען בֶּענוּצֶען דִי מְצִיאָה אוֹיף מַתָּנוֹת פַאר'ן כַּלִיף אוּנ זַיין מִינִיסְטֶער אוּנ דֶערְמִיט קוֹיפֶען זֵייעֶר פְרֵיינְדְשַׁאפְט, אוּנ מִיט דֶער צֵייט טַאקִי פוּעֶל'ן בַּיי זֵיי אַז אִבְּן אַבִּיתוּר זָאל זִיךְ מָאגֶען אוּמְקֶערֶן. דֶער פְּלַאן אִיז טַאקִי גֶערָאטְהֶען. נָאר נִיךְ הָאט אַלְמַנְזוּר בֶּעשְׁטִימְט דֶעם אֶלְטֶערֶן בְּרוּדֶער יַעֲקֹב אִבְּן־גוּ פַאר'ן פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַלֶּע קְהִלּוֹת אִין שְׁפַּאנְיֶען. דִי קוֹרְדוֹבָה'ר יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט צוּשָׁאקְלֶען מִיט'ן קָאפּ, אוּנ זַיין עֶרְשְׁטֶע אַרְבַּייט אִיז גֶעוֶועהן אָפְּצוּזָאגֶען דֶעם רַב חֲנוֹךְ אוּנ שִׁיקֶען אַ בְּרִיעף צוּ אִבְּן אַבִּיתוּר עֶר זָאל בַּאלְד קוּמֶען פֶערְנֶעהמֶען דִי שְׁטֶעלֶע, ווָאס עֶס הָאט אִיהם צוּ אִיהר אַזוֹי גֶעצוֹיגֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען. אִבְּן־גוּ הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶערִיכְט, אַז אָט בַּאלְד קוּמְט

אָן זַיין פְרַיינְד אִבְּן אַבִּיתוּר אוּנ מִיט אִיהם צוּזאַמֶען וֶועט עֶר נָאר אַנְדֶערְשׁ קָאנֶען אַרְבַּייטֶען. פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה פוּן אִבְּן אַבִּיתוּר וָואס הָאט צוּשְׁטֶערְט דִי הָאפְנוּנְגֶען פוּן זַיין גַאנְצֶען צַד. עֶר הָאט זִיךְ נִיט נָאר אָבְּגֶעזָאגְט פוּן דֶער שְׁטֶעלֶע, נָאר עֶר הָאט זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד גֶעזִידֶעלְט דֶערְפַאר וָואס זַיי זֶענֶען זִיךְ גְרָאבּ בֶּעגַאנְגֶען מִיט חֲנוֹךְ'ן. עֶר הָאט זַיי בֶּעשְׁרִיבֶּען אַז אִין אַלֶע לֶענְדֶער, וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועהן, הָאט עֶר נִיט גֶעפוּנֶען נָאךְ אַזַא צַדִּיק וִוי חֲנוֹךְ, אוּנ הָאט גֶערַאטְהֶען מֶען זָאל אִיהם אִיבֶּערְבֶּעטֶען אוּנ נָאךְ אַ מָאל מַאכֶען פַאר רַב. אִבְּן-נוֹ אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן אַיין עַקְשָׁן אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט אָנְנֶעהְמֶען דִי גוּטֶע עֵצָה. דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ אִיהם גֶעמַאכְט אַיין אוּנְגְלִיק. אַלְמַנְזוּר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִבְּן-נוֹ וֶועט אָנְוֶוענְדֶען אַלֶע קְרֶאפְטֶען אוּנ אִיהם בְּרֶענְגֶען, אַז עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דֶער יוּדִישֶׁער פָארְשְׁטֶעהֶער אִיז אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ, הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ אָן אִיהם נָאר אָבְּגֶענַארְט אוּנ הָאט אִיהם אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה. אַ גַאנְץ יָאהר אִיז אִבְּן-נוֹ גֶעזֶעסֶען, בִּיז דֶער כַּלִיף הִישַׁאם אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט אִיהם בֶּעפְרַייהט. נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאהר אִיז אִבְּן-נוֹ גֶעבְּלִיבֶּען פָארְשְׁטֶעהֶער, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאבֶּען זִיךְ חֲנוֹךְ'ס גוּטֶע פְרַיינְד גֶעיָאגְט אִיהם בְּרֶענְגֶען דִי בְּשׂוּרָה, וַוייל זַיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט דֶערְפוּן הֲנָאָה הָאבֶּען, צוּם סוֹף הָאט חֲנוֹךְ מִיט טְרֶערֶען בֶּעוֵויינְט דֶעם טוֹיט פוּן זַיין שׂוֹנֵא אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען: „וֶוער וֶועט אַצוּנְד שְׁטִיצֶען אָרִימֶע לַייט אַז דֶער רַייכֶער נַדְבָן אִיז טוֹיט אוּנ אִיךְ בִּין אָרֶעם“.

אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט זִיךְ אוֹיךְ צְוִוישֶׁען דִי יוּדֶען שְׁטַארְק בֶּעפֶעסְטִיגְט דָאס לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה, אוּנ דִי שְׁטָאדְט נַארְבָּאנֶע הָאט דָארְט גֶעשְׁפִּיעלְט דִי אֵייגֶענֶע רָאלֶע וָואס קוֹרְדוֹבָה אִין שְׁפַּאנְיֶען, וַוייל אֵיינֶער פוּן דִי פִיער שְׁלוּחִים פוּן סוּרָא הָאט דָארְט גֶעאֶפֶענְט אַ יְשִׁיבָה. צוּ לִיעבּ דֶעם זֶענֶען אִין פְרַאנְקְרַייךְ גֶעוֶועהן גֶענוּג לוֹמְדִים, נָאר מִיט צַנֶדֶערֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען נִיט בֶּעשֶׁעפְטִיגְט, וַוייל דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶועהן גְרָאבּ, אוּנ פוּן חָכְמָה הָאבֶּען זַיי נִיט גֶעוָואלְט וִויסֶען. אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאבֶּען דֶעמָאלְט דִי קֶאנִיגֶע גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע דֵעָה אוּנ דִי גַייסְטְלִיכֶע מִיט דִי בַּארָאנֶען הָאבֶּען גֶעטְהוּן וָואס זַיי הָאבֶּען נָאר גֶעוָואלְט. אַוַדַאי אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען נִיט גֶעוֶועהן אַזוֹי פְרֶעהְלִיךְ: זַיי פְלֶעגֶען זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט עֶרְד אַרְבַּייט אוּנ וַויינְגֶערְטְנֶער, אָבֶּער קַיין בֶּעשְׁטִימְטֶע גֶעזֶעצֶע, וָואס זָאלֶען זַיי שִׁיצֶען, הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעהַאט, אוּנ דָאס פָאלְק הָאט מֶען אַלֶע מָאל אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט גֶעגֶען זַיי. אַז

פּ יודישער דאָקְטאָר האָט נֶעהַיילְט דֶעם קָאנִיג הוּנָא קַאפֶּעט אוּנ עֶר איז נֶעשְׁטאָרְבֶּען, האָבֶּען די נַייסְטְלִיכֶע אַרוֹיסְנֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג אַז די יוּדֶען האָבֶּען איהם פֶערְנִיפְטֶעט. דֶער עֶפִּיסְקָאפּ פוּן לִימוֹזְ'ש האָט זַיי אָנְגֶעטְהוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת. אַ גַאנְצֶען חֹדֶש האָט עֶר זַיי צוּגֶערֶעדְט אַז זַיי זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען, אוּנ אַז מֶען האָט איהם נִיט נֶעוָואלְט האָרֶען, האָט עֶר זַיי מִיט ווייבֶּער אוּנ קִינְדֶער אַרוֹיס־נֶעטְרִיבֶּען פוּן דֶער שְׁטָאדְט אוּנ פִיעל פוּן זַיי האָבֶּען זִיךְ דָאס לֶעבֶּען נֶענוּמֶען. אִין דָרוּם־זַייט פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ, ווִי אִין פְּרָאוַואנְס אוּנ לַאנְגֶעדָאק האָבֶּען די נְרַאפֶען מִיט זַיי גֶעטְהוּן יֶעדֶער ווִי עֶס האָט זִיךְ איהם נֶעלוּסְט. אִין אַ טְהַייל אָרְטֶער האָבֶּען זַיי נֶענֶעבֶּען יוּדֶען שְׁטֶעלְלֶען אוּנ האָבֶּען צוּ זַיי נֶעהַאט דָאס נְרָאסְטֶע צוּ טְרוֹיֶען, אוּנ טַאקִי נָאר נָאהֶענְט אִין שְׁכֵנוּת האָט מֶען זַיי נֶערוּדֶף'ט ווִי שֶׁאדְלִיכֶע מֶענְשֶׁען אוּנ בֶּעהַאנְדֶעלְט נָאר אָהן רַחֲמָנוּת.

אִין דַייטְשְׁלַאנְד אִיז דֶערְמָאלְט די לַאגֶע פוּן די יוּדֶען נֶעוֶועהן אַ מִיטֶעל־מֶאסִינֶע, נִיט גוּט אוּנ נִיט שְׁלֶעכְט. זַיי האָבֶּען זִיךְ נָאר בֶּעשֶׁעפְטִינְט מִיט מִסְחָר; מִיט דֶער עֶרְד, וואָס אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין נַאנְצֶען אִין די הֶאנְד פוּן פִּירְסְטֶען, האָבֶּען זַיי זִיךְ נָאר נִיט אָנְגֶעהֶערְט, אוּנ האָבֶּען דֶער מְלוּכָה נָאר נֶעצָאהלְט מַס. די הַכְנָסָה פוּן זַיי אִיז נֶעוֶועהן נִיט קַיין קְלֵיינֶע, אוּנ זֶעהר אָפְט פְלֶעגְט די הַכְנָסָה נֶעהן אוֹיף אוֹיסְצוּהַאלְטֶען קִירְכֶען. קַיין לוֹמְדִים האָבֶּען זִיךְ צְווִישֶׁען זַיי נִיט נֶעפוּנֶען, אוּנ עֶרְשְׁט איהם יָאהר 960 אִיז נֶעבָּארֶען נֶעוָוארֶען דֶער בֶּערִיהְמְטֶער רַבֵּינוּ נֵרְשׁוֹם בֶּן יְהוּדָה, וואָס מֶען האָט איהם נִיט אוּמְזִיסְט נֶערוּפֶען „מְאוֹר הַגוֹלָה" (דָאס לִיכְט פוּן נָלוּת). רַבֵּינוּ נֵרְשׁוֹם אוּנ זַיין בְּרוּדֶער רַבֵּינוּ מָכִיר האָבֶּען בֶּעפֶעסְטִינְט דָאס לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה; עֶר האָט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת אוּנ אַללֶע פְרַאנְצֶאזִישֶׁע, דַייטְשֶׁע אוּנ אִיטַאלְיֶענִישֶׁע יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת האָבֶּען איהם בֶּעטְרַאכְט ווִי אַ נָאוֹן אוּנ מֶען האָט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ ווענְדֶען מִיט שַׁאֲלוֹת קַיין בָּבֶל. בֶּעזָאנְדֶערְס האָט זִיךְ רַבֵּינוּ נֵרְשׁוֹם בֶּערִיהְמְט נֶעמַאכְט מִיט זַיינֶע תַּקָנוֹת וואָס עֶר האָט נֶעמַאכְט אַ חֵרֶם אוֹיף די וואָס ווֶעלֶען נֶעהמֶען מֶעהר ווִי אַיין ווייב, אָנְוַוארְפֶען די פְרוֹיעֶן אַ גֵט מִיט נֶעוַואלְד, אָדֶער אֶפְנֶען פְרֶעמְדֶע בְּרִיעף אוּנ נֶעוָואהר ווֶערֶען יֶענֶעמְס סוֹד. דֶערְמִיט האָט עֶר נֶעוָואלְט אוֹיסְגְלַייכֶען די יוּדֶען מִיט אַללֶע אִיבְּרִינֶע פֶאלְקֶער אִין אֵייראָפָּא, אוּנ מַאכֶען פַאר אַ חִיוּב אֵיידֶעלֶע מִדוֹת, אוּנ דֶער פוּן וואָס אַללֶע האָבֶּען עֶס בַּאלְד אָנְגֶענוּמֶען קָאן מֶען אַרוֹיס זֶעהן ווִי הֵיילִיג אוּנ חָשׁוּב רַבֵּינוּ נֵרְשׁוֹם אִיז נֶעוֶועהן בַּיים יוּדִישֶׁען פָאלְק.

אִין דֶער צַייט האָט אִין מַאינְץ אוֹיךְ נֶעלֶעבְּט אַ בֶּערִיהְמְטֶער לַמְדָן אוּנ

אַ גְרוֹיסֶער עָשִׁיר ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יִצְחָק בֶּן אַבּוּן, וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען עוֹסֵק גֶעוֶועהן נָאר אִין צְדָקָה, אוּנ אִיז גְרֵייט גֶעוֶועהן זִיךְ מַקְרִיב זַיין פַאר זַיינֶע בְּרִידֶער. דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְקֶע רְדִיפוֹת גֶעגֶען יוּדֶען. דֶער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ דֶער צְוַוייטֶער הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אָנְרֶעדֶען אַללֶע בִּלְבּוּלִים אוֹיף יוּדֶען, אוּנ אִיז אוֹיף זֵיי בֶּעזָאנְדֶערְס אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען דֶער פַאר וָואס אֵיינֶער פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע וֶועצֶעלִינוּס הָאט זִיךְ מְגַיֵיר גֶעוֶועהן, אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעלֵיידִיגֶען זַיין פְרִיהֶרִיגֶע אֱמוּנָה. דָאס הָאט דֶעם קֵייזֶער שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען, חָאטְשׁ דִי יוּדֶען הָאבֶּען אִין דֶעם קֵיין שׁוּם נְגִיעָה נִיט גֶעהַאט אוּנ זֶענֶען אַללֵיין דֶערְפוּן נִיט גֶעוֶועהן צוּ פְרִידֶען, אוּנ עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסֶען לַחֲלוּטִין אַרוֹיסְטְרַייבֶּען פוּן מַאיְנְץ. פִיעל יוּדֶען זֶענֶען דֶעמָאלְט אוּמְגֶעקוּמֶען אוּנ אַ טְהֵייל זֶענֶען גֶעצְוואוּנְגֶען גֶעוֶועהן זִיךְ צוּ טוֹיפֶען, אוּנ רַבֵּינוּ גֵרְשׁוֹם׳ס אַ אֵיינֶעגֶער זוּהן אִיז אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. דֶעם פָאטֶער אִיז דָאס גֶעוִוים גֶעוֶועהן אַ וֵוייטָאג, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר אִיהם נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט לִיעבּ צוּ הָאבֶּען, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אַ קְרִיסְט אִיז עֶר גֶעזֶעסֶען שִׁבְעָה אוּנ הָאט קְרִיעָה גֶערִיסֶען פוּנְקְט וִוי נָאךְ אַ יוּדֶען. ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יִצְחָק בֶּן אַבּוּן הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל גֶעלָאזְט קָאסְטֶען גְרִידֶעס גָאלְד אוּנ דִי גְזֵירָה אִיז אִיבֶּערְגֶעבִּיטֶען גֶעוָוארֶען. דִי יוּדֶען הָאבֶּען וַוייטֶער בֶּעקוּמֶען דָאס רֶעכְט זִיךְ צוּ בֶּעזֶעצֶען אִין מַאיְנְץ אוּנ דִי גֶעטוֹיפְטֶע הָאבֶּען זִיךְ פְרַיי אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ זֵייעֶר אֱמוּנָה. רַבֵּינוּ גֵרְשׁוֹם אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי גוּט אוּנ פְרוּם אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט עֶרְלוֹיבֶּען אוֹיפְצוּוַוארְפֶען דִי גֶעוֶועזֶענֶע גֶעטוֹיפְטֶע, אוּנ זֵיי בֶּעשׁוּלְדִיגֶען דֶערְפַאר וָואס זֵיי הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט אִיבֶּערְטְרָאגֶען דִי צָרוֹת. דֶער זֵכֶר פוּן רַבֵּינוּ גֵרְשׁוֹם אוּנ ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן יִצְחָק בֶּן אַבּוּן אִיז אַזוֹי טְהַייעֶר גֶעוֶועהן בַּיי יוּדֶען, אַז אַ לַאנְגֶע צַייט נָאךְ זֵייעֶר טוֹיט פְלֶעגְט מֶען אַללֶע שַׁבָּת אוּמֶעדוּם אִין דִי שׁוּלֶען מַאכֶען זֵיי „אֵל מָלֵא רַחֲמִים״. דִי יְשִׁיבָה, וָואס רַבֵּינוּ גֵרְשׁוֹם הָאט גֶעגְרִינְדֶעט אִין מַאיְנְץ, אִיז גֶעוָוארֶען אַ קְוַואל פוּן תּוֹרָה אוּנ פוּן דָארְט זֶענֶען אַרוֹיס פִיעל רַבָּנִים אוּנ לוֹמְדִים, וָואס זֶענֶען דֶער נָאךְ גֶעוֶועהן פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת אִין אֵייְרָאפֵּייאִישֶׁע לֶאנְדֶער.

אִין דֶעם עֶלְפְטֶען יָאהר־הוּנְדֶערְט הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רְדִיפוֹת אִין דִי לֶאנְדֶער פוּן מִזְרָח־זַייט אוּנ מִצְרַיִם. דֶעם כַּלִיף חַכִּים אִיז וֵוייניג גֶעוֶועהן נָאר צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי מַחְמַדַנִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן; עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אַללֶע פֶעלְקֶער, וָואס שְׁטֶעהֶען אוּנְטֶער זַיין מַאכְט, זָאללֶען טַאקִי אִיהם אַללֵיין אָנְגֶעהְמֶען פַאר אַ גָאטְט, אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אַכְזָרִיּוּת נוֹקֵם גֶעוֶועהן אִין דִי עַקְשָׁנִים וָואס הָאבֶּען

ניט געוואלט גלויבען אין זיין גאטטליכקייט. ער האט דער פאר אנגעטהון גרויסע צרות ניט נאר יודען אונ קריסטען, נאר אפילו מחמדנער. די יודען האט ער געהייסען טראגען אויפ'ן האלז א בילד פון א קאלבס-קאפ פאר א זכר פונ'ם עגל, א חוץ בעזונדערע מלבושים, מען זאל זיי דערקענען ווער זיי זענען. נאר אז די יודען זענען געפאלען אויף א שכל, אונ האבען אנגעהויבען טראגען קליינע קאלבס-קעפעלעך פון גאלד געארבייט פאר א צירונג האט ער געגעבען א בעפעהל זיי זאלען זיך פשוט אנהענגען הילצערנע קלאטצלעך פון זעכס פונט, אונ אויסער דעם, זאלען זיי צוטשעפען גלאקלעך צו די קליידער מען זאל פון דער ווייטענס הערען זייער גאנג. אים יאהר 1014 האט ער געהייסען צושטערן שולען אונ קירכען אונ אין גאנצען ארויסטרייבען יודען אונ קריסטען פונ'ם לאנד, אונ פיעל פון זיי האבען געמוזט לפנים אננעהמען זיין אמונה. עס האט אבער לאנג ניט געדויערט: נאר זעכס יאהר האט מען פון איהם געליטען ביז ער האט איבערגעצויגען דאס שטריקעל, אונ די מחמדנער אליין האבען איהם אים יאהר 1020 דערהרגט.

---

2 די צייט פון אבן-נגרילה, אלפסי אונ רש"י.

(1020—1096 נאך קריסטוס געבורט).

אז די גאונים פון בבל האבען זיך אין גאנצען אויסגעלאזט, איז שפאניען געווארען דער איינציגער מיטעל פונקט פון די יודען, אונ יעדער דור האט דארט ארויסגעגעבען אזעלכע גרויסע לייט, וואס זייער לעבען האט געגלאנצט ווי ליכטיגע שטערן אונ איז ניט אויסגעלאשען געווארען ביז צום דרייצעהנטען יאהר-הונדערט. די נאמען פון שמואל הנגיד, אונ יוסף פון דער משפחה אבן-נגרילה, שלמה בן גבירול אונ אבן-נגאח שטעהען מיט גאלדענע אותיות פערשריבען אין דער געשיכטע פון יענער צייט, אונ אז מען דערמאנט זיך נאר אן זיי קאן מען זיך שוין פארשטעללען ווי דאס יודישקייט האט דעמאלט געבליהט, ווי די יודען זענען בעגליקט געווארען מיט תורה אונ גדולה צוזאמען אונ ווי זייערע גרויסע לומדים אונ חקרנים האבען געארבייט אין דעם גרויסען אונ ברייטען פעלד פון וויסענשאפט ניט נאר פאר זייערע ברידער, נאר פאר אללע מענשען, וואס האבען דער נאך גענאסען זייער זכות אונ האבען זיך געקאנט בענוצען מיט די פירות פון די בוימער וואס די יודישע האנד האט געפלאנצט.

אִין פּוּמְבְּדִיתָא הָאט נָאךְ גֶעצַאנְקְט דָאס קְלֵיינֶע לִיכְטֶעל – דִי יְשִׁיבָה, וָואס אִידָעְ פָאַרְשְׁטֶעהֶער רַב הַאי גָאוֹן אוּנ זַיין שְׁוֶוער, דֶער לֶעצְטֶער גָאוֹן פוּן סוּרָא שְׁמוּאֵל בֶּן חָפְנִי, הָאבֶּען זִיךְ גֶעמִיהט זִי צוּ דֶערְהַאלְטֶען אוֹיף לַאנְגֶע יָאהר. דִי יְשִׁיבָה הָאט שׁוֹין אָבֶּער גֶעהַאלְטֶען בַּיי דֶעם אוֹיסְגֶעהן, אוּנ אַז דִי צְוֵויי גְאוֹנִים זַיינֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ אִיהרֶע טְהוֹיעֶרן אוֹיךְ גֶעמוּזְט פֶערְשְׁלִיעסֶען. נָאךְ רַב הַאי׳ס טוֹיט הָאט מֶען אֲפִילוּ אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אוֹיף זַיין אָרְט אַ אוּר-עֶנִיקֶעל פוּן דָוִד בֶּן זַכַּאי, דֶעם אַלְטֶען רֵישׁ גָלוּתָא, חִזְקִיָה; עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מֶעהר נִיט גֶעקָאנְט הַאלְטֶען וִוי צְוֵויי יָאהר. מֶען הָאט עֶפִּיס אָנְגֶעפִיהְרְט אַרְכִילוּת, אוּנ דֶער כַּלִיף גְ׳עֶלְאַל עַבְּדוּאַלַה הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען אַרֵיינְ-וַוארְפֶען אִין תְּפִיסָה, צוּנֶעהְמֶען זַיין גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען, אוּנ אָנְטְהוּן אִיהם עִנוּיִים קָשִׁים אוּנ דֶערְנָאךְ טַאקִי דֶערְהַרְגְ׳נֶען. זַיינֶע צְוֵויי זִיהן זֶענֶען עֶנְטְלָאפֶען קַיין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוּפֶען אוֹיף אַרַאבִּישׁ אִבֶּן-דַאוּדִי. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ שְׁפַּאנְיֶען גֶערֶעכֶענְט פַאר׳ן צְוֵוייטֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ וואוּ מֶען הָאט עֶרְגִיץ גֶעפְּרֶעסְט אַ יוּדֶען הָאט עֶר זִיךְ אַהִין גֶעצוֹיגֶען. דַארִיבֶּער זֶענֶען דָאס לֶעצְטֶע בִּיסֶעל חַאזַאּרֶען, וָואס דִי רוּסֶען הָאבֶּען זֵיי שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֶערוּקְט פוּן דֶער קְרִים, אוֹיךְ אַרִיבֶּער קַיין שְׁפַּאנְיֶען.

דֶער הוֹיפְּטְפִיהְרֶער פוּן דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען אִיז גֶעוָוארֶען, נָאךְ חִסְדָאִי׳ס טוֹיט, ר׳ שְׁמוּאֵל הַנָגִיד פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה אִבֶּן-נַאגְרֶילָה, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ מֶענְשׁ מִיט אַ פֶעסְטֶען ווִילֶען, מִיט אַ שַׁארְפֶען מֹחַ אוּנ מִיט אַ גוּט עֶדֶעל הַארְץ. תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט בַּיים לֶעצְטֶען רַב חֲנוֹךְ – לָשׁוֹן קֹדֶשׁ אוּנ דִקְדוּק – בַּיי ר׳ יְהוּדָה חַיוּג, אוּנ אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶען – בַּיי דִי בֶּעסְטֶע שְׁפַּאנִישֶׁע גֶעלֶעהְרְטֶע, אוּנ אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד גֶעוֶועהן הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקָאנְט אַרוֹיסְזֶעהן אַז עֶר וַואקְסְט צוּ זַיין אַ גָדוֹל אוּנ אִיז גֶעבֶּענְשְׁט מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, וָואס עֶס דַארְף הָאבֶּען אַ פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַ פָאלְק. אַז עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארֶען צְוַואנְצִיג יָאהר אִיז אִין שְׁפַּאנְיֶען אַרוֹיס אַ אִינְוֶוענִיגְסְטֶע קְרִיעג אוּנ עֶטְלִיכֶע אֶרְטֶער הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעטְהֵיילְט אוּנ זֶענֶען גֶעוָוארֶען זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶאנְדִיגֶע קְלֵיינֶע מְלוּכוֹת; דֶעמָאלְט זֶענֶען פִיעל יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת גֶעצְוואוּנְגֶען גֶעוֶועהן זִיךְ אַרוֹיסְקְלַייבֶּען פוּן קוֹרְדוֹבָה אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין גְרַאנַאדַא, טָאלֶעדַא (טוֹלֵיטְלָה) אוּנ סַרְגוּזַה, אוּנ שְׁמוּאֵל אִיז אַרִיבֶּער קַיין מַאלַאגַה (מַלִּיקָה), אַ שְׁטָאדְט בַּיים יַם, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען זַיין פַּרְנָסָה פוּן אַ קְלֵייטֶעל, וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעאֶפֶענְט נִיט וַוייט פוּן אַ פַּאלַאץ, וָואס דֶעם גְרַאנַאדִישֶׁען קֶאנִיג׳ס חַאבּוּס הוֹיפְּט-מִינִיסְטֶער

אבו־אלקאסאם אבן־אלעריף האט אויסגעבויט. שמואל האט גראד אויסגעקליבען דעם פלאץ, ווייל ער האט גערעכענט אז נעבען א גרויסען פאלאץ וועט ער האבען מעהר פדיון, צום סוף האט דאס שכנות געפיהרט דערצו ער זאל גליקליך ווערען דוקא ניט פון מסחר, אונ דערגרייכען די גרעסטע מדרגה. דעם הויפט־מיניסטער'ס א שקלאווין האט געדארפט איהם אפט שיקען בריעף, אונ אזוי ווי זי האט געהערט, אז דער יודישער קרעמער איז א גרויסער קענער, האט זי זיך צו איהם געווענדעט, ער זאל איהר אלדינג שרייבען. אז אבן־אלעריף האט בעקומען די בריעף, זענען זיי איהם אזוי שטארק געפאלען אז ער האט באלד זיך געהייסען ברענגען דעם שרייבער, אונ אז ער איז בעקאנט געווארען מיט שמואל'ן אונ זיך איבערגעצייגט אין זיינע פעהיגקייטען האט ער איהם תיכף געמאכט פאר זיין סעקרעטאר. דא האט שמואל בעקומען די רעכטע געלעגענהייט ארויס צו ווייזען זיינע קענטניסע. מען האט איהם אנגעהויבען פרעגען עצות אונ דער מיניסטער פלעגט קיין מאל ניט ארויסגעהען פון זיינע רייד. אז אבן־אלעריף איז שטארק קראנק געווארען אונ האט געהאלטען ביים שטארבען, האט ער פאר'ן טויט געראטהען דעם קאניג, ער זאל שמואל'ן אנידער זעצען אויף זיין ארט, אונ אזוי איז שמואל אבן־נאגרילה געווארען הויפט־מיניסטער פון גראנאדה, אונ מיט איהם צוזאמען האט אויך זיין פאלק דערלעבט אזא גדולה, וואס עס איז נאר שווער געוועהן צו ערווארטען. שמואל האט אבער טאקי זיין זאך געטהון בשלימות, ער האט מיט אללע כוחות געארבייט פאר דער טובה פון דער מדינה. דער קאניג האט אין זינען געהאט זיינע תענוגים אונ האט זיך אין קיין שום זאך ניט געמישט, די גאנצע משא פון דער מלוכה איז געלעגען אויף איהם, אונ ער האט נאר געזארגט אז אללע זאללען צופרידען זיין, אונ אז אפילו די, וואס עס האט זיי פריהר געשטאכען צו זעהן א יוד אויף אזא הויכע מדרגה, זאלען אויך מודה זיין אז ער איז א געטרייער דיענער פון דעם לאנד אונ פערדיענט עהרליך דעם נאמען „נגיד“ (פירסט).

אז דער קאניג חאבוס איז אים יאהר 1037 געשטארבען, איז ארויס א קריעג צווישען צוויי צדדים: דער גרעסטער טהייל, אונ צווישען זיי אויך די יודישע פיינסטע עשירים יוסף אבן מיגאש, יצחק בן ליאון אונ נחמיה אשכפה האבען געוואלט אז די מלוכה זאל איבערגעהן צום יונגער'ן זוהן באלקין; דער קליינערער צד, נאר מיט שמואל'ן אין דער מיט, האט געהאלטען מיט'ן עלטערן זוהן באדיס אונ האט דוקא אויסגעפיהרט, ווייל באלקין אליין האט פערשטאנען אז די ירושה קומט דעם עלטערן ברודער אונ האט זיך אבגעזאגט.

רֶעסְפֶּעקְט איז שְׁמוּאֵל'ס לַאנְגֶע נָאךְ פֶעסְטֶער גֶעוָוארֶען, דָאס פָאלְק הָאט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעטְרַאכְטֶען כִּמְעַט וִוי אַ קֶענִיג, ווייל בַּאדִים הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דֶעם גַאנְצֶען כֹּחַ, נָאר עֶר הָאט נִיט אָבְּגֶעטְרָאטֶען פוּן אֱמֶת אוּנ יֹשֶׁר. חָאטְשׁ שְׁמוּאֵל איז נִיט גֶעוֶועהן קֵיין נוֹקֵם וְנוֹטֵר, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען דִי גוּטֶע פְרַיינְד פוּן בַּאלְקִין מוֹרָא גֶעהַאט צוּ בְּלַייבֶּען אִין גְרַאנַאדָה אוּנ וֶועגֶען אַוֶועק קֵיין שְׁבִילָה (סֶעוִוילְלָא), וואוּ עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט דֶער קֶענִיג מַחְמֶד אַלְנַאפִ'יר, עֶר איז גֶעוֶועהן אַ שׂוֹנֵא דֶעם קֶענִיג פוּן גְרַאנַאדָה אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט עֶר דִי אַנְטְלָאפֶענֶע פְרַיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּנ יוֹסֵף אִבְּן מִיגַאשׁ הָאט בֶּעקוּמֶען בַּיי אִיהם אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעללֶע.

אַז שְׁמוּאֵל'ס מַזָל איז אַזוֹי הוֹיךְ גֶעוָוארֶען הָאט אִיהם קֵיין זַאךְ נִיט גֶעקָאנְט שַׁאדֶען, אוּנ אַז דִי סַכָּנָה איז שׁוֹין נָאהֶענְט גֶעוֶועהן הָאט אִיהם דִי פַייל פוּנ'ם שׂוֹנֵא נִיט גֶעקָאנְט טְרֶעפֶען. נָאךְ אַז הַאבּוּס הָאט גֶעלֶעבְּט איז גֶעוֶועהן אַ בּוּנְד צְווִישֶׁען אִיהם אוּנ דֶעם שְׁקְלַאוָואנִישֶׁען פִירְסְט זָאהַאִיר אוּנ דֶעם אֵייגֶענֶעם בּוּנְד הָאט גֶעזָאלְט אוֹיךְ בַּאדִים מִיט אִיהם אָבְּשְׁלִיעסֶען. זָאהַאִיר'ס מִינִיסְטֶער אִבְּן־עַבַּאס איז אָבֶּער גֶעוֶועהן אַ בִּיטֶערֶער מֶענְשׁ אוּנ דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ גֶעמַאכְט יַד אַחַת מִיט'ן גוּבֶּערְנַאטָאר פוּן מַאלַאגַה, אִבְּן־בַּאקַאנְנַא, אוּנ בֵּיידֶע אִינֵיינֶעם הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען הִינְטֶען אַרוּם צוּ אַרְבַּייטֶען גֶעגֶען שְׁמוּאֵל'ן. פְרִיהֶער הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעפְּרוּבְּט אָנְצוּפִיהרֶען רְכִילוּת בַּיים קֶענִיג, אוּנ אַז עֶס איז נִיט צוּזַאמֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ גֶעהן מִיט תְּקִיפוּת. פְּלוּצִים איז זָאהַאִיר אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִינִיסְטֶער קֵיין גְרַאנַאדָה אוּנ הָאט דֶעם קֶענִיג אִין הַיילֶענִישׁ פָארְגֶעלֶעגְט זֶעהר שְׁלֶעכְטֶע בֶּעדִינְגוּנְגֶען, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעפָארְדֶערְט עֶר זָאל שְׁמוּאֵל'ן אָבְּזָאגֶען אוּנ הָאט אִיהם נָאר וֶועניג צַייט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זִיךְ צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען. וֶוען בַּאדִים בֶּעשְׁטֶעהט דַארוֹיף וָואלְט נִיט נָאר שְׁמוּאֵל אַלֵיין אוּמְגֶעקוּמֶען, נָאר עֶס וָואלְט גֶעוָוארֶען אַ תֵּל פוּן אַללֶע יוּדֶען; צוּם גְלִיק הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער בֶּערֶעכֶענְט אַז עֶס איז אַ גְרוֹיסֶער בִּזָיוֹן פַאר אִיהם, מֶען זָאל אִיהם פוּן דֶער פְרֶעמְד זָאגֶען אַדֵעָה, אוּנ שְׁמוּאֵל'ס שׂוֹנְאִים הָאבֶּען נָאר נִיט גֶעפּוֹעֵל'ט. שְׁמוּאֵל הָאט אָבֶּער דֶערְלֶעבְּט נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע נְקָמָה: בַּאדִים הָאט גֶעהֵייסֶען נָאכְיָאגֶען זָאהַאִיר'ן אוּנ מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט זַיין מִינִיסְטֶער אִבְּן עֶבַּאס גֶעפַאנְגֶען קֵיין גְרַאנַאדָה, דָארְט הָאט מֶען אִיהם גֶעהַאלְטֶען עֶטְלִיכֶע וָואכֶען אִין תְּפִיסָה אוּנ דֶער נָאךְ הָאט מֶען אִיהם גֶעשְׁטָאכֶען. פּוּנְקְט אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת איז דָאס גֶעשֶׁעהן, אוּנ אַז דִי בְּשׂוֹרָה פוּנ'ם שׂוֹנֵא'ס מַפָּלָה איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שְׁמוּאֵל'ן, הָאט עֶר דֶעם טָאג גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶען יוֹם טוֹב אוּנ הָאט

גֶעדַאנְקְט נָאכְט פַאר דֶעם חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן מִיט אִיהם אוּנ מִיט זַיין פָאלְק.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז שְׁמוּאֵל נָאךְ חָשׁוּבֶר גֶעוָוארֶען בַּיים קֶאנִיג אוּנ הָאט זִיךְ גֶעאֶלְטֶערְט אִין עֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד. חָאטְשִׁי עֶר אִיז גֶעוֶועהן שְׁטַארְק פֶּערְזֶענְ מִיט דֶער מְלוּכָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט׳ן רַבָּנוּת אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט לוֹמְדִים וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעהָאלְפֶען פִירֶען אַ יְשִׁיבָה אוּנ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה זָאל הָאבֶּען אִיהר אֱמֶת׳ן גְלַאנְץ. עֶס פְלֶעגֶען גֶעהְן שַׁאֲלוֹת־תְּשׁוּבוֹת צְוִוישֶׁען אִיהם אוּנ דִי גְרֶאסְטֶע רַבָּנִים פוּן בָּבֶל, מִצְרַיִם, סִירְיֶען אוּנ אַפְרִיקָא אוּנ עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט גְרוֹיסֶע נְדָבוֹת צוּ רַב הַאי גָאוֹן אוּנ רַב נִסִים פוּן קֵיירוַאן מֶען זָאל אוֹיסְהַאלְטֶען אָרֶעמֶע תַּלְמִידִים. דֶערְצוּ הָאט עֶר נָאךְ אַלֵיין אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען צְוֵויי אוּנ צְוַואנְצִיג סְפָרִים, אוּנ הָאט דָארְט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען זַיין שְׁטַארְקֶע בְּקִיאוּת אִין לָשׁוֹן קֹדֶשׁ, חָאטְשִׁי עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אִין דֶעם עֶנְיָן אוֹיסְגְלַייכֶען מִיט דֶעם בֶּערִיהמְטֶען מְדַקְדֵּק אִבְּן גַנַא׳ח, וָואס אִיז פוּנְקְט וִוי עֶר גֶעוֶועזֶען אַ צִירוּנְג פַאר דִי יוּדֶען פוּן יֶענֶער צַייט.

יוֹנָה מַרִינוּס אִבְּן־גַנַא׳ח, אָדֶער וִוי זַיין אַרַאבִּישֶׁער נָאמֶען אִיז גֶעוֶועהן אַבּוּל־וַואלִיד־מֶערְוַואן, אִיז אוֹיךְ עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען אִין קוֹרְדוֹבָה אוּנ דָארְט הָאט עֶר אִין דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, וָואס דֶער כַּלִיף אַלְחַכִּים הָאט גֶעגְרִינְדֶעט, גֶעלֶערְנְט מֶעדִיצִין. שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אִין שְׁפַּאנְיֶען אִיז גֶעוָוארֶען אוּנְרוּהִיג אוּנ דָאס לַאנְד הָאט זִיךְ צוּטְהֵיילְט אוֹיף קְלֵיינֶע מְלוּכוֹת, הָאט אִבְּן־גַנַא׳ח גֶעמוּזְט אַוֶועקְוַוארְפֶען זַיין פָאטֶערְשְׁטָאדְט אוּנ זִיךְ בֶּעזֶעצֶען אִין סַארַאגוֹסַה. מֶען קָאן זָאגֶען אַז עֶר הָאט דִי הֶעבְּרֶעאִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פֶעסְטֶען פוּס, וַוייל עֶר הָאט דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען גֶעאַרְבַּייט נָאר אִין דִקְדוּק אוּנ גֶעזוּכְט צוּ גֶעפִינֶען בֶּעשְׁטִימְטֶע כְּלָלִים, כְּדֵי עֶס זָאל לַייכְטֶער זַיין צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן קֹדֶשׁ. צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט עֶר אוֹיף דֶער אֶלְטֶער אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַיין בֶּערִיהמְטֶען פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶער תּוֹרָה וָואס אִיז בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאמֶען סֵפֶר „הָרִקְמָה". עֶר הָאט גֶעקוּקְט וִוי אַ אֱמֶת׳ער חַקְרָן אוֹיף יֶעדֶען פָּסוּק מִיט אָפֶענֶע אוֹיגֶען אוּנ זַיין כְּלַל אִיז גֶעוֶועהן: דִי תּוֹרָה רֶעדְט מִיט אַמֶענְשְׁלִיכֶער שְׁפְּרַאכֶע וָואס יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף פֶערְשְׁטַאנְדֶען זַיין נָאר אָהְן סוֹדוֹת אוּנ אָהְן רְמָזִים. אוּנ עֶס קָאנְן זַיין טַאקִי צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַזוֹי פִיעל שׂוֹנְאִים אוּנ צְוִוישֶׁען זֵיי אַזַא גֶעוֶוענֶער וִוי רַב שְׁמוּאֵל הַנָגִיד.

אַיינֶער פוּן דִי גְרֶאסְטֶע יוּדִישֶׁע לַייט פוּן דֶעם עֶלְפְטֶען יַאהְרְהוּנְדֶערְט אִיז

גֶעוֶועהן דֶער בֶּערִיהמְטֶער דִיכְטֶער (מְשׁוֹרֵר) רַב שְׁלֹמֹה בֶּן יְהוּדָה אִבְּן־גַבִּירוֹל, וָואס אִין אַרַאבִּי׳שֶׁען אִיז עֶר בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאמֶען: אַבּוּ־אִיוּבּ סוּלֵימַאן אִבְּן־יַחְיֵיא, עֶר הָאט אִין נַאנְצֶען גֶעלֶעבְּט נַיין אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אוּנ הָאט נָאר וִוי אַפַּאלֶעגְדִיגֶער שְׁטֶערְן אַבְּלִישְׁטְשׁ גֶעגֶעבֶּען אוּנ אִיז שׁוֹין פֶערְשְׁוִוינְדֶען גֶעוָוארֶען. זַיין פָאטֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן פוּן דִי וָואס הָאבֶּען גֶעמוּזְט אַוֶועק פוּן קוֹרְדוֹבָה אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעזוּכְט אַנַייֶע הֵיים אִין מַאלַאגַה. דָארְט, בַּיים בְּרֶעג פוּנ׳ם יַם, זֶענֶען אִבְּן־גְבִירוֹלְ׳ס יוּנְגֶע יָאהר אִיבֶּערְגֶעלָאפֶען, דָארְט הָאט זִיךְ אִין אִיהם נָאךְ אַז עֶר אִיז אַקְלֵיין קִינְד גֶעוֶועהן, עֶנְטְוִויקֶעלְט דֶער גֵייסְט פוּן מְלִיצָה, דָארְט הָאט אִיהם דִי נַאטוּר בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט אִיהרֶע טִיעפֶע סוֹדוֹת אוּנ כִּמְעַט פוּנ׳ם וִויגֶעל אָן הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעזִינְגֶען. זַיינֶע גְרוֹיסֶע פֶעהִיגְקַייטֶען הָאבֶּען זִיךְ גָאר פְרִיה גֶעמוּזְט אַרוֹיסְוַוייזֶען, וַוייל זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִיהם אָבְּגֶעשְׁטָארְבֶּען וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן אַקְלֵיין קִינְד אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַיָתוֹם אָהן בְּרִידֶער אוּנ אָהן שְׁוֶועסְטֶער, אָהן קְרוֹבִים וָואס זָאלֶען וֶועלֶען עֶפִּיס זָארְגֶען פַאר אִיהם. אַז אַבְּלוּמֶעלֶע דַארְף אָבֶּער אוֹיסְוַואקְסֶען — בֶּעקוּמְט עֶס דֶעם טְרָאפֶּען וַואסֶער צוּ דֶער צַייט. דָאס אֵיינֶענֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהן מִיט אִבְּן גְבִירוֹל: אִין סַארַאגַאסָה הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט אַגְרוֹיסֶער מַאנְן יְקוּתִיאֵל אַלְחַסַאן, וָואס הָאט בַּיים קֶענִיג יַחְיָא אִבְּן מוּנְדְהִיר פַארְנוּמֶען אַזַא שְׁטֶעלֶע וִוי שְׁמוּאֵל הַנָגִיד אִין גְרַאנַאדָה. עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַבֶּערִיהמְטֶער מוּפְלָא אוּנ זַיין הוֹיז אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָפֶען פַאר אַללֶע עֶדְלֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גֶענָאסֶען זַיינֶע חֲסָדִים אוּנ אִיהם גֶערֶעכֶענְט פַאר זֵייעֶר בֶּעשִׁיצֶער. אַזַא מֶענְשׁ הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעמוּזְט אוּמְקוּקֶען אוֹיף אִבְּן גַבִּירוֹל אוּנ פַארְשְׁטֶעהן וָואס פַאר אַכֵּלִי עֶס קָאן פוּן אִיהם אוֹיסְוַואקְסֶען. עֶר הָאט אִיהם גֶענוּמֶען אוּנְטֶער זַיין שׁוּטְץ אוּנ הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען וִוי אַאֵייגֶען קִינְד. אִבְּן גְבִירוֹל׳ס מַזָל אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהן אַזוֹי בִּיטֶער אוּנ פִינְסְטֶער אַז זַיין גוּטֶע לַאגֶע הָאט נָאר נִיט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט: פְּלוּצִים אִיז גֶעוָוארֶען אַמְרִידָה אִין לַאנְד, זַיין וָואהלְטְהֶאטֶער יְקוּתִיאֵל אַלְחַסַאן הָאט מֶען דֶערְהַרְגֶ׳ט. אַשְׁטַארְקֶער טְרוֹיעֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אוֹיף אַללֶע שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען, נָאר מֶעהר פוּן אַללֶע הָאט עֶס דֶערְשְׁלָאגֶען דֶעם יוּנְגֶען מְשׁוֹרֵר, וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבֶּען אֵיינֶער אַלֵיין אִין דֶער גְרוֹיסֶער וֶועלְט, אָהן אַעֶדֶעל הַארְץ וָואס זָאל אִיהם מִיטְפִיהלֶען, אָהן אַקְלָארֶען קָאפּ וָואס זָאל אִיהם גֶעבֶּען אַרֶעכְטֶע עֵצָה. זַיין עֶרְשְׁט סֵפֶר „תִּקּוּן מִדּוֹת הַנֶּפֶשׁ״, וָואס וַוייזְט וִוי אַזוֹי עֶס אִיז נֶאטְהִיג פַארְן מֶענְשֶׁען צוּ פֶערְבֶּעסֶערְן זַיינֶע מִדּוֹת, הָאט אִיהם נָאךְ מֶעהר פֶערְוִויסְט דָאס

לעבען: פיעל בעלי בתים האבען געמיינט אז ער האט דוקא נאר זיי געוואלט טרעפען אונ זענען איהם געווארען בעל־שונאים. ער האט געמוזט צו ליעב דעם עוקר זיין פון סאראגאסה, אונ ווען דער אונצייטיגער טויט בעפרייהט איהם ניט פון אללע צרות וואלט ער געוויס געצוואונגען געוועהן אוועקצווארפען שפאניען. זיינע איבריגע פילאזאפישע חבורים, וואס ער האט געשריבען אויף אראביש, האבען געפונען מעהר צוטריט ביי די אראבער אונ ביי די קריסטען, אונ הונדערט יאהר שפעטער איז ארויס פון זיי אלאטיינישע איבערזעצונג, וואס אגייסטליכער אונ אגעטויפטער יוד האבען געמאכט. פון זיינע שירים זענען בעזאנדערס בעקאנט „כללים פון דקדוק" וואס ער האט אנגעשריבען אין גראמען, אז ער איז אלט געוועהן ניינצען יאהר. פיעל פיוטים אונ תפלות אונ זיין בעריהמטער שיר „כתר מלכות" וועגען דער שאנהייט פון דער נאטור אונ דער גרויסקייט פונ'ם בעשעפער. דער שיר איז אנגעשריבען מיט גרויס התלהבות, ער בעשטעהט פון דריי חלקים וואס הייסען: גאטט, וועלט אונ מענש. אונ נאך אין היינטיגע דורות לייענט מען איהם יום כפור ביי נאכט אין פיעל שולען.

איין אנדער יודישער פילאזאף, וואס האט געלעבט אין דער צייט, רבנו בחיי הדיין בן יוסף אבן פקודה (בקודה) האט זיך גענומען אויף אאנדער דרך: ער האט געוואלט בעפעסטיגען דאס אמת'ע פרומקייט צווישען יודען אונ האט זיך צו ליעב דעם ענטשלאסען צו מאכען אאונטערשיעד צווישען די מצות אונ מנהגים, וואס יעדער יוד היט אב, אונ צווישען די חובות פונ'ם הארץ, וואס דארויף קאנען נאר ניט זיין קיין בעשטימטע געשריבענע געזעטצע אונ יעדער דארף זיך צוהערען צום אינעווייניגסטען קול פון זיין געוויסען. אבן־פקודה האט אבער פערשטאנען אז ניט איטליכער איז אים שטאנד צו דערגרייכען אזא מדרגה אונ אז דערצו איז נאטהיג צו ברעכען אללע מענשליכע תאוות אונ זיך אבזונדערן פון דער וועלט; דערפאר האט ער געוואלט איינפיהרען יודישע נזירים אזוי ווי ביי די קריסטען אונ די מהמדנער, אונ האט אין זיינע ספרים זיך בעמיהט צו דערוויזען ווי נאטהיג איז פאר'ן יודען אז זיין טראכטען, פיהלען אונ טהון זאל מיט אריינער כונה זיין נאר לשם שמים. זיינע ספרים זענען ביים פאלק געוועהן זעהר בעליעבט.

אט דאס זענען געוועהן די מענשען וואס האבען געלעבט אין שמואל הנגיד'ס צייט אונ האבען גלייך מיט איהם נאר איין ציעל געהאט פאר די אויגען: — צו דערהויבען אונ שטארקען דאס יודישקייט. נאך שמואל'ס טויט

האט דער קאניג באדים איבערגעגעבען זיין שטעללע און געשענקט דאס איינענע צוטרויען דעם זוהן זיינעם אבו-אל-הוסאין יוסף אבן-נאגרעלא, וואס חאטש ער איז געוועהן זעהר יונג האט ער דאך געקאנט אין דער אייגענער צייט זיין אי דער גאנצער פיהרער פון דער מדינה, אי דער הויפט-פארשטעהער פון די שפאנישע יודען. דאס וואס ער איז אויסגעוואקסען ביי אזא פאטער בעווייזט אלליין ווי געבילדעט ער איז געוועהן, דערצו האט ער נאך נאר אין די יונגע יאהרען פראקטיצירט אין מדינה זאכען און איז געוועהן א סעקרעטאר ביים פרינץ באלקין. געלעבט האט ער דווקא בעשיידען, נאר דארט וואו ער האט בעדארפט בעווייזען זיין גרויסקייט האט ער זיך געקאנט שטעללען ווי מען דארף. דערפאר האט ער געהאט אסך שונאים, וואס האבען איהם געהאלטען פאר א בעל גאוה און די צאהל פון זיינע געגנער האט זיך נאך מעהר פארגרעסערט, ווען ער האט זיך ארומגערינגעלט נאר מיט יודען און האט די בעסטע שטעללען אבגעגעבען זיינע גלויבענסברידער. די שונאים האבען אזוי אינטריגירט אז צווישען יוסף'ן און דעם פרינץ באלקין, וואס האבען פריהער אזוי גוט געלעבט, איז ארויס א קריעג. פלוצלונג איז באלקין געשטארבען און אזוי ווי מען האט געהאט א חשד אז מען האט איהם פערגיפטעט, האט דער קאניג געהייסען טיידטען עטליכע פון זיינע דיענער. דאס פאלק האט אפילו געהאלטען אין איין שרייען אז יוסף איז דא שולדיג, נאר דער קאניג האט זיך אפילו ניט געוואלט צוהערען צו אזא נארישער בעשולדיגונג. שפעטער איז אבער געשעהן א זאך וואס באדיס האט שוין געמוזט ווערען אונצופרידען פון איהם, ווייל יוסף האט ניט געוואלט טהון זיין ווילען, חאטש זיין עקשנות איז געוועהן דעם לאנד א טובה. צווישען די סוחרים, וואס האבען געהערט צום שבט בערבערן און וואס פון זיי האט אויך געשטאמט דער קאניג באדים, און די עבטע אראבער, איז געוועהן א שרעקליכע שנאה גלייך ווי זיי וואלטען ארויסגעקומען פון צוויי פערשידענע פעלקער, און אומעדום פלעגט צווישען זיי ארויס א געשלאג. באדים האט מורא געהאט טאמער פאלען אויף איהם אן די אראבער און נעהמען ביי איהם צו די מלוכה, דערפאר איז ביי איהם געבליבען ער זאל אללע אראבער, ווען זיי וועלען פרייטאג זיין פערזאמעלט ביים גאטטעסדיענסט, אויסהרג'נען. באדים האט גערעכענט אז ווען מען וועט דעם סוד מגלה זיין דעם יודישען מיניסטער וועט ער געוויס צופרידען זיין, צום סוף האט יוסף דערפון גאר ניט געוואלט הערען און האט דעם קאניג פערשטעהן געגעבען אז דאס איז

פַאר אִיהם דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה. בַּאדִים הָאט זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אוּנ הָאט
נָאר גֶעפָאדֶערְט בַּיי זַיין מִינִיסְטֶער עֶר זָאל דִי זַאךְ הַאלְטֶען בְּסוֹד. יוֹסֵף הָאט
אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט רוּהֶען, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם טָאג וֶוען דִי שְׁחִיטָה הָאט
בֶּעדַארְפְט גֶעשֶׁעהְן אוּנ הָאט גֶעגֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶען דִי אַרַאבֶּער זֵיי זָאלֶען
נִיט גֶעהְן דַאוְונֶען דֶעם בֶּעשְׁטִימְטֶען פְרַייטָאג. בַּאדִים הָאט אַזוֹי נָאר נִיט
אוֹיסְגֶעפִיהְרְט, אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז יוֹסֵף׳ס אַרְבַּייט
הָאט עֶר אִיהם גֶעמַאכְט פָארְוִוירְפֶע, נָאר יוֹסֵף הָאט נִיט גֶעלֵייקֶענְט אוּנ
הָאט אִיהם גֶעזָאגְט פַארְקֶעהרְט, אַז עֶר מֶאג נוֹטֵל בֶּענְשֶׁען וָואס נָאטט הָאט
אִיהם אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט פוּן אַזַא אוּנְגְלִיק. דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען
מִיט יוֹסֵף׳ס דֵעָה אוּנ דֶער קֶאנִיג הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט נָאכְשָׁאקְלֶען מִיט׳ן קָאפּ,
נָאר אִין הַארְץ אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען אַפֶּערְדְרוּס אוֹיף יוֹסֵף׳ן דֶערְפַאר וָואס
עֶר הָאט אִיהם גֶעשְׁטֶערְט אוֹיסְצוּפִיהְרֶען זַיין פְּלַאן. פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז שׁוֹין
דֶעם קֶאנִיגְס פְרַיינְדְשַׁאפְט צוּ יוֹסֵף׳ן פֶערְשְׁוואוּנְדֶען. בַּאדִים הָאט זִיךְ שׁוֹין
אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּהֶערֶען צוּ דִי קוֹלוֹת וָואס הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען, אַז עֶס שְׁטֶעהט
נִיט אָן דָאס לַאנְד, אַז אַ יוּדִישֶׁער מִינִיסְטֶער זָאל פִיהְרֶען דִי מְלוּכָה, אוּנ אַז
יוֹסֵף׳ס גֶעגְנֶער הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט פֶערְקוֹיפֶען
גְרַאנַאדַה דֶעם שׂוֹנֵא, הָאט זִיךְ בַּאדִים נִיט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, חָאטְשׁ עֶר
אִיז גֶעוֶועהְן אִיבֶּערְצַייגְט אַז עֶס אִיז אַלִיגֶען, אוּנ הָאט גֶעלָאזְט דָאס פַייעֶר
זָאל זִיךְ צוּבְּרֶענֶען. מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה אִיז דָאס פָאלְק אָנְגֶעפַאלֶען
אוֹיף יוֹסֵף׳ס פַּאלַאץ; עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען אִין אַ קַאמֶער פוּן קוֹילֶען
אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט דָאס פָּנִים, נָאר מֶען הָאט אִיהם דֶערְקֶאנְט אוּנ
בַּאלְד דֶערְהַרְגְ׳ט. דֶעם זְכוּת הָאבֶּען דֶערְוַייל גֶענָאסֶען אַלֶע יוּדֶען פוּן גְרַאנַאדָה:
מֶעהר פוּן פִינְפְצֶעהן הוּנְדֶערְט יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען גֶעטֵייטְט גֶעוָוארֶען.
זֵייעֶרֶע הַייזֶער הָאט מֶען פֶערְבְּרֶענְט, אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע, צְווִישֶׁען זֵיי אוֹיךְ יוֹסֵף׳ס
פְרוֹי אוּנ זַיין זוּהן עֲזַרְיָה, זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען קַיין אַלִיסַאנַה (לוּזֶענַא) נַאקֶעט
אוּנ בְּלוֹיז. יוֹסֵף׳ס טְרוֹיעֶרִיגֶער סוֹף הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען רַעַשׁ נִיט נָאר
צְווִישֶׁען יוּדֶען, נָאר אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, וָואס הָאבֶּען גֶעהֶערְט פוּן זַיין
גְרוֹיסְקַייט אוּנ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענְהַייט דֶער מְלוּכָה. אֵיינֶער פוּן דִי בֶּערִיהְמְטֶע אַרַא-
בִּישֶׁע דִיכְטֶער אִבְּן אַלְפַרִי אִין אַלְמִירִיד הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ גַאנְצֶע קִינָה
אוֹיף יוֹסֵף׳ס טוֹיט אוּנ לָאזְט אוֹיס מִיט דִי וָוארְטֶער: „מַיין אֶמוּנָה אִיז בַּיי מִיר
דָאס טְהַייעֶרְשְׁטֶע וִוי הֵייסְט מִיר פַאר דֶעם יוּדֶען אַ טְרֶער לָאזֶען. מֶען הָאט
אָפִּילוּ דֶעם דִיכְטֶער פֶערְקְלָאגְט פַאר׳ן קֶאנִיג אוּנ גֶעוִויזֶען אַז עֶס פַּאסְט נִיט

פַּאר אַ מַחְמַדַנֶער צוּ בֶּעוַויינֶען אַ יוּדֶען, נָאר דֶער קֶאנִיג הָאט דַארוֹיף גֶעאֶנְטְפֶערְט: „אִיךְ וָועה אַרוֹיס אַז דֶער דִיכְטֶער מוּז הָאבֶּען אַ אֵיידֶעל הַארְץ, עֶר בֶּעוַויינְט אַ יוּדֶען אֲפִילוּ נָאכ'ן טוֹיט, אוּנ פִיעל פוּן אוּנְזֶערֶע מַחְמַדַנֶער קוּקֶען זִיךְ אֲפִילוּ בַּיים לֶעבֶּען נִיט אוּם אוֹיף זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער".

דִי מְרִידָה גֶעגֶען יוֹסֵף אִבְּן נַאגְרֶילַה, וִוי שְׁרֶעקְלִיךְ זִי אִיז גֶעוֶועהן, הָאט נִיט אַרוֹיסְגֶערוּפֶען אִין אַנְדֶערֶע אֶרְטֶער מֶעהר קֵיין רְדִיפוֹת אוּנ הָאט נִיט עֶרְגֶער גֶעמַאכְט דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען. אוּמֶעדוּם הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶען, אוּנ פוּן דִי מַחְמַדַנִישֶׁע הֶערְשֶׁער הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעלֶערְנְט אוֹיךְ קְרִיסְטְלִיכֶע קֶאנִיגֶע אוּנ הָאבֶּען קֵיין חֲרָטָה נִיט גֶעהַאט פַאר דֶעם צוּטְרוֹיעֶן צוּ יוּדִישֶׁע דִינֶער. אַז אַלְפָאנְסָא דֶער זֶעקְסְטֶער פוּן קַאסְטִילְיֶען הָאט גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף דִי צוּבְּרֶעקֶלְטֶע קְלֵיינֶע מַחְמַדַנִישֶׁע מְלוּכוֹת אִין שְׁפַּאנִיֶען, הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז שְׁוַואכֶען זֵיי קֶען עֶר נָאר דֶעמָאלְט, ווֶען זֵיי ווֶעלֶען זִיךְ מֶעהר בַּייסֶען אוּנ רַייסֶען צְווִישֶׁען זִיךְ אוּנ, אַז עֶר מוּז הָאבֶּען פֶעהִיגֶע מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען קְלָאר אִין דֶער לַאגֶע פוּן דִי קְלֵיינֶע מְלוּכוֹת אוּנ ווֶעלֶען נִיט לָאזֶען אָבְּקִיהלֶען דָאס פַייעֶר, וָואס יֶעדֶע פוּן זֵיי הָאט אוּנְטֶערְגֶעצוּנְדֶען, כְּדֵי דִי אַנְדֶערֶע זָאלֶען פֶערְבְּרֶענְט ווֶערֶען. אוֹיף אַזָא זַאךְ הָאט אַלְפָאנְסָא גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ יוּדֶען, אוּנ זַיין בֶּעסְטֶער יוֹעֵץ אִיז גֶעוֶועהן זַיין לֵייבּ-דָאקְטָאר עַמְרָם בֶּן־יִצְחָק אִבְּן-שַׁלְבִּיב, וָואס הָאט גוּט גֶעקָאנְט אַרַאבִּיש אוּנ אִיז אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אוֹיסְצוּפִיהרֶען דָאס שְׁלִיחוּת. נָאךְ אֵיין יוּד, צִידֶעלוּס, אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב אוּנ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִיט אִיהם בֶּערַאטְהֶען וֶועגֶען דִי גְרֶעסְטֶע אוּנ וִויכְטִיגְסְטֶע שַׁאֲלוֹת פוּן דֶער מְלוּכָה. אַלְפָאנְסָא אִיז אִיבֶּערְהוֹיפְּט גֶעוֶועהן גוּט גֶעגֶען אַלֶע פֶעלְקֶער, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אוּנְטֶער זַיין מַאכְט, אוּנ יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיךְ גֶענָאסֶען זַיינֶע חֲסָדִים.

אוֹיף פַּאפִּיר זֶענֶען נָאךְ אִין דִי אֵייראָפֵּייאִישֶׁע לֶענְדֶער גֶעבְּלִיבֶּען דִי אַלְטֶע גֶעזֶעצֶע פוּן אַ מָאל, וָואס הָאבֶּען דָאס יוּדִישׁ לֶעבֶּען גֶעבּוּנְדֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען, אוּנ ווֶען מֶען אִיז טַאקִי מְקַיֵים דָאס וָואס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען, וָואלְט דֶער יוּד נִיט גֶעטָארְט קֵיין קָאפּ אוֹיפְהוֹיבֶּען. דִי צַייט הָאט אָבֶּער אוֹיסְגֶעאַרְבֵּייט אַנְדֶערֶע גֶעזֶעצֶע אוּנ בִּיסְלֶעכְוַויים הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ דִי קְרִיסְטֶען גֶעוָואהנְט מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, אַז מֶען דַארְף דִי יוּדֶען בֶּעהַאנְדְלֶען מִיט יוֹשֶׁר גְלַייךְ מִיט אַלֶע. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען, אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְוַוייזֶען זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת אוּנ זִיךְ צוּשְׁלָאגֶען צוּ דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶען אִין דִי קְרִיסְטְלִיכֶע לֶענְדֶער, הָאבֶּען זֵיי דֶערמִיט אוֹיפְגֶערִיסֶען דִי אוֹיגֶען פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט לַיידֶען

אַז יוּדֶען זָאלֶען שְׁטֶעהֶן אוֹיף אַזַא שֵׁיינֶע מַדְרֵגָה. דָער פַּאפְּסְט הִילְדִיבְּרַאנְד, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען גְרֶעגָאר דֶער זִיבֶּעטֶער, אוּנ הָאט גֶע'שֵׁמ'ט אוֹיף דָער וָועלְט מִיט זַיין אַכְזָרִיוּת, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוויזֶען ווִי אַ פַּייעֶרִינְגֶער צוֹרֵר הַיְהוּדִים, אוּנ הָאט צוּגָעזָאגְט אַלְלֶע קֶענִיגֶע זֵיי זָאלֶען פוּן זִיךְ מְרַחֵק זַיין דִי יוּדֶען. דָער דֵייטְשְׁער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ דֶער פִירְטֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדֶען אוּנ הָאט דִי יוּדֶען פוּן וָוארְמְס (ווירְמַייזָא) גֶעגֶעבֶּען אַלְלֶע רֶעכְטֶע. דָאס הָאט עָר גֶעטְהוּן גֶעגֶען דֶעם ווִילְלֶען פוּנ'ם פַּאפְּסְט, נָאר קֵיין חֲרָטָה הָאט עֶר נִיט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען, וַוייל שְׁפֶּעטֶער, אַז דָאס פָאלְק הָאט גֶעגֶען דֶעם קֵייזֶער מוֹרֵד גֶעוָועהֶן אוּנ עֶר אִיז אִין עֶרְגִיץ נִיט זִיכֶער גֶעוָועהֶן מִיט'ן לֶעבֶּען, הָאבֶּען אִיהם דִי וָוארְמְסֶער יוּדֶען ווִי גֶעטְרַייעֶ קִינְדֶער אוּנ מִיט כְּלֵי זַיִן אִין דִי הָאנְד גֶעשִׁיצְט זַיין אֵיינְצִיג מָקוֹם מְנוּחָה.

דָער פַּאפְּסְט גְרֶעגָאר הָאט אַלְץ אִין זִין גֶעהַאט דִי יוּדֶען אוּנ הָאט אִים יָאהר 1078 צוּזַאמֶען גֶערוּפֶען אִין רוֹם אַיין אֲסִיפָה (קָאנְצִיל) פוּן גֵייסְטְלִיכֶע, אוּנ מֶען הָאט בֶּעשְׁלָאסֶען פָארְצוּלֶעגֶען אַלְלֶע קֶענִיגֶע זֵיי זָאלֶען נִיט דֶערְלָאזֶען יוּדֶען צוּ קֵיין דִיעֶנְסְט. טְרֶעפֶען הָאט מֶען גֶעוָואלְט דֶערְמִיט נָאר קַאסְטִילְיֶען אוּנ גְרֶעגָאר הָאט זִיךְ טַאקִי נִיט גֶעפוֹילְט אוּנ הָאט גֶעשִׁיקְט אַלְפָאנְסָא'ן אַ בֶּעזוּנְדֶער בְּרִיעף אוּנ אִיהם אָנְגֶעוויזֶען וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶען חִלוּל הַשֵׁם עֶר מַאכְט אָן דֶער-מִיט, וָואס יוּדֶען הָאבֶּען בַּיי אִיהם דִי גַאנְצֶע דֵעָה אוּנ וָואס פַאר אַ חֶרְפָּה אוּנ בּוּשָׁה עֶס אִיז, אַז יוּדֶען זָאלֶען גֶעוָועלְטִיגֶען אִיבֶּער קְרִיסְטֶען. אַלְפָאנְסָא אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהֶן שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ דִי יוּדֶען, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גוּט אַרוֹיסְגֶעזֶעהֶן ווִי נוּצְלִיךְ זֵיי זֶענֶען דָער מְדִינָה, אוּנ גְרֶעגָאר'ס בְּרִיעף הָאט אוֹיף אִיהם קֵיין שׁוּם אַיינְדְרוּק נִיט גֶעמַאכְט. עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ מֶעהר גֶעוָוארְפֶען צוּ דִי יוּדֶען, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָבְּנֶעהמֶען דָאס קֶענִיגְרַייךְ טָאלֶעדָא אוּנ הָאט צוּ לִיעבּ דֶעם גֶעמַאכְט יַד אַחַת מִיט'ן קֶענִיג פוּן סֶעוִוילְיָא אַל-מֶעעַתַּאמֶעד אִבְּן-אַבְּבַאד, אַוַדַאי הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז אָהן יוּדֶען וֶועט עֶר זִיךְ נִיט קֶאנֶען רִירֶען. אַז טָאלֶעדָא אִיז אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער זַיין מַאכְט הָאט אַלְפָאנְסָא גֶעגֶעבֶּען דִי יוּדֶען דִי אֵייגֶענֶע פְרַייהַייט וָואס פְרִיהֶער: דִי יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת הָאבֶּען זִיךְ גֶע-פִיהְרְט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג, אוּנ רַבָּנִים אוּנ דַיָינִים הָאבֶּען גֶעהַאט דָאס רֶעכְט צוּ פַּסְקְ'נֶען נָאךְ דִי דִינִים פוּנ'ם תַּלְמוּד. אַלְפָאנְסָא הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט בֶּענִיגֶענֶען נָאר מִיט טָאלֶעדָא אַלֵיין אוּנ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ רֶעכְטֶען פוּס צְוִוישֶׁען דִי קְלֵיינֶע שְׁפַּאנִישֶׁע מְלוּכוֹת הָאט עֶר טַאקִי גֶעוָוארְפֶען אַיין אוֹיג אוֹיף קוֹרְדוֹבָה, הָאטְש זִי הָאט גֶעהֶערְט זַיין גוּטֶען פְרַיינְד אַל-מֶעתַּאמֶעד. עֶר

הָאט נֶעמוּזְט דָאס פְרַיינְדְשַׁאפְט אַװֶעקְלֶעגֶען אִין אַ זַייט אוּנ הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ שִׁיקֶען שְׁלוּחִים צוּם קֶאנִיג פוּן סֶעוִוילַא מֶען זָאל מִיט אִיהם אִיבֶּערְרֶעדֶען, נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפֶן אַז עֶר זָאל פֶערְשְׁטֶעהן אַז עֶר מוּז זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבֶּען אוּנ אַז קַיין אַנְדֶער בְּרֵירָה הָאט עֶר נִיט. אוֹיף אַזַא שְׁלִיחוּת, צוּ רֵיידֶען גֶעצֶעהלְטֶע אוּנ שַׁארְפֶע דִבּוּרִים, הָאט אַלְפָאנְסָא אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען זַיין לַייבּ-סֶעקְרֶעטַאר יִצְחָק אִבַּן-שַׁלְבִּיבּ, אוּנ הָאט אִיהם מִיט נֶעגֶעבֶּען פִינְף הוּנְדֶערְט מַאנן, כְּדֵי עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען קַיין סֶעוִוילַא מִיט גְרוֹיס פַארַאד וִוי עֶס שְׁטֶעהט אָן אַ שְׁלִיחַ, וָואס קוּמְט מֶעהר אַ מוֹרָא צוּ מַאכֶען ווִי בֶּעטֶען. דָאס שְׁלִיחוּת הָאט אָבֶּער אִבַּן-שַׁלְבִּיבּ'ן דָאס לֶעבֶּען גֶעקָאסְט, וַוייל עֶר הָאט פִּינְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דֶעם ווִילֶען פוּן זַיין קֶאנִיג, נָאר עֶר הָאט מִיט זַיינֶע רֵייד אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט אַל-מֶעתַּאמֶעד'ן אִין כַּעַס, אוּנ עֶר הָאט אִיהם בַּאלְד גֶעהֵייסֶען טוֹיטֶען אוּנ זַיין גַאנְצֶע וַואךְ אַרַיינְוַוארְפֶען אִין תְּפִיסָה. ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, הָאט אַלְפָאנְסָא דָאס פָארְאוֹיסְגֶעזֶעהן, אוּנ הָאט צוּפְלַייס אַזוֹי גֶעמַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען אַ סִבָּה זִיךְ צוּ קְרִיגֶען מִיט'ן קֶאנִיג פוּן סֶעוִוילַא אוּנ אוֹיף אִיהם אָנְפַאלֶען.

אַל-מֶעתַּאמֶעד הָאט זִיךְ גֶערִיכְט אַז אַלְפָאנְסָא וֶועט אִיהם נִיט שְׁווַיינֶען, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ בּוּנְד מִיט יוּסוּף אִבַּן תֵּישׁוּפִין, דֶעם פִירְסְט פוּן דֶעם מַהְמַדַנִישֶׁען שֵׁבֶט אַלְמוּרַאבִּידִיִים, עֶר זָאל אִיהם קוּמֶען הֶעלְפֶען. אִבַּן תֵּישׁוּפִין הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט לַאנְג בֶּעטֶען, וַוייל עֶר הָאט נִיט גֶעמֵיינְט אַזוֹי צוּ שִׁיטְצֶען שִׁיבִילֶה ווִי אַלֵיין טַאקִי פֶערְכַאפֶּען פַאר זִיךְ דִי מְלוּכָה. מִיט גְרוֹיס חַיִל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען, אוּנ צוּזַאמֶען מִיט אַל-מֶעתַּאמֶעד'ס לַייט הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ מִלְחָמָה מִיט אַלְפָאנְסָא'ן, וָואס אִיז גֶעגֶען זֵיי אַרוֹיס אוֹיךְ נִיט מִיט קַיין קְלֵיינֶער מַחֲנֶה. אִין בֵּיידֶע זַייטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען גֶענוּג יוּדֶען אוּנ יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט פַארְגֶעסֶען אַז אֵיין אֱמוּנָה בִּינְדְט זֵיי צוּזַאמֶען אוּנ הָאט זַיין בְּלוּט פֶערְגָאסֶען פַאר זַיין לַאנְד, וָואס אִיז בַּיי אִיהם דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן דָאס טְהַייעֶרְסְטֶע. צוּם אָנְהֵייבּ הָאט דָאס גְלִיק אִין גַאנְצֶען גֶעשְׁפִּיעלְט אַלְפָאנְסָא'ן, נָאר אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֶעהן מִיט צוּפִיעל לִיסְט אוּנ אָבְּנַארֶען דֶעם שׂוֹנֵא, הָאט זִיךְ דָאס גְלִיק פוּן אִיהם אָבְּגֶעטְהוּן. אִים פְרַייטָאג, דֶעם 23 אָקְטָאבֶּער 1086, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען גֶערֶעכְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגֶען, הָאט אַלְפָאנְסָא גֶעלָאזְט זָאגֶען אַז עֶר ווִיל דִי מִלְחָמָה אָבְּלֵיינֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶאג, וַוייל פְרַייטָאג דַארְפֶען רוּהֶען דִי מַחְמַדַנֶער, שַׁבָּת סוֹנֶען הִיטֶען דִי יוּדֶען אוּנ זוּנְטָאג אִיז הֵיילִיג בַּיי דִי קְרִיסְטֶען. דֶערְמִיט הָאט עֶר גֶעוָואלְט פַארְבְּלֶאנְדֶען דֶעם שׂוֹנֵא דִי אוֹיגֶען, כְּדֵי עֶר זָאל קֶאנֶען גָאר אוּמְגֶערִיכְט זִיךְ צוּפִיהרֶען דִי הָאנְד. אַל-מֶעתַּאמֶעד הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זַיין מֵיין, אוּנ אִיז

טַאקִי בֶּעשְׁטַאנֶען צוּ וַוארְטֶען עֶטְלִיכֶע טָאג, נָאר אָנְגֶעזָאגְט הָאט עֶר: מֶען זָאל זַיין פֶּערְטִיג אִין יֶעדֶער מִינוּט. אַזוֹי אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהֶן: אַלְפָאנְסָא אִיז פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי מַחְמַדֶנֶער אוּנ דִי מִלְחָמָה בַּיי צַאלַאקַה הָאט זִיךְ פַאר אִיהם שְׁלֶעכְט גֶעעֶנְדִיגְט. אַלְפָאנְסָא אִיז קוֹים מִיט'ן לֶעבֶּען אַנְטְלָאפֶען, נָאר אַלְמֶעטַאמֶער הָאט אוֹיךְ טְהַייעֶר בֶּעצָאהלְט, ווייל פוּן דֶעמָאלְט אָן זֶענֶען דִי אַלְמוֹרַאבִּידִינֶען גֶעוָוארֶען גַאנְצֶע בַּעֲלֵי־בַּתִּים אִין שְׁפַּאנְיֶען, אוּנ צְווִישֶׁען דִי קְלֵיינֶע שְׁפַּאנִישֶׁע מְלוּכוֹת, וָואס הָאבֶּען פְרִיהֶר אוֹיךְ נִיט גֶעלֶעבְּט רוּהִיג אוּנ פְרַיינְדְלִיךְ, אִיז גֶעוָוארֶען נָאךְ מֶעהר חשֶׁךְ. פַאר דִי יוּדֶען אִיז פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען דֶערְפוּן קַיין רָעָה נִיט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען ווייל דִי אַלְמוֹרַאבִּידִינֶען זֶענֶען זִיךְ מִיט זֵיי גוּט בֶּעגַאנְגֶען אוּנ דִי יוּדֶען פוּן גְרַאנַאדַה הָאבֶּען אֲפִילוּ צוּרִיק בֶּעקוּמֶען זֵייעֶר פֶּערְמֶעגֶען, וָואס מֶען הָאט פַאר צְוַואנְצִיג יָאהר, אִין דֶער צַייט פוּנ'ם קֶענִיג בַּאדִיס, בַּיי זֵיי צוּגֶענוּמֶען.

דִי מְרִידוֹת אוּנ מִלְחָמוֹת הָאבֶּען פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט אָבְּגֶערִיסֶען דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען פוּן תּוֹרָה, אוּנ מִיט'ן תַּלְמוּד הָאבֶּען זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶעהר בֶּעשֶׁעפְטִיגְט ווִי מִיט אַנְדֶערֶע זַאכֶען. צְווִישֶׁען דִי גֶעלֶערֶענְטֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ מֶעהר אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט ווִיסֶענְשַׁאפְטֶען זֶענֶען בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעקָאנְט דִי נָאהמֶען פוּן: משֶׁה בֶּן שְׁמוּאֵל אִבְּן־גִ'יקְטַאלְיָא אוּנ יְהוּדָה אִבְּן־בִּלְעָם פוּן טוּלֵידָה; פוּן דִי לוֹמְדִים אָבֶּער וָואס הָאבֶּען אִין יֶענֶער צַייט שְׁטַארְק בֶּעפֶעסְטִיגְט דֶעם תַּלְמוּד, הָאט זִיךְ בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט רַבֵּינוּ יִצְחָק בֶּן יַעֲקֹב אַלְפַסִי אָדֶער אַלְקַאלַאיי (אָדֶער רִי"ף), עֶר אִיז גֶעבָּארֶען אִים יָאהר 1013 אִין אַ דָארְף נִיט ווייט פוּן פֶעץ אִין אַפְרִיקָא, אוּנ הָאט פוּן קִינְדְהַייט אָן אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען זַיין גְרוֹיס חֲרִיפוּת אִין לֶערְנֶען. אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ יוּנְגֶער מַאנְן גֶעוֶועהן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען קַיין שִׂיבִילַה, אוּנ אִיז בַּאלְד בֶּעקָאנְט גֶעוָוארֶען פַאר אַ גְרוֹיסֶען מוּפְלָג, אוּנ ווייל זַיין דֶּרֶךְ אִין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶועהן נַיי, הָאט עֶר גֶעהַאט גֶעגְנֶער אִין דִי בֵּיידֶע רַבָּנִים פוּן דָארְט: ר' יִצְחָק בֶּן בָּרוּךְ אַלְבַּאלִיַה אוּנ ר' יִצְחָק בֶּן יְהוּדָה אִבְּן־גִ'יאַת, וָואס הָאבֶּען אִיהם נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פֶערְפָאלְגֶען אֲפִילוּ דֶעמָאלְט ווֶען זַיין נָאהמֶען הָאט גֶעקְלוּנְגֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט אוּנ אַלֶע לוֹמְדִים הָאבֶּען אָנְגֶענוּמֶען זַיין חִבּוּר אוֹיף גַאנְץ תַּלְמוּד וָואס מֶען הָאט גֶערוּפֶען אוֹיף זַיין נָאהמֶען „אַלְפַס". אִיבֶּער דִי רְדִיפוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֶעהֶן, הָאט רַבֵּינוּ יִצְחָק אַלְפַסִי גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָאהרֶען פְרִיהֶר קַיין קוֹרְדוֹבָה אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין לוּצֶענָא, אוּנ דָארְט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען רוּהִיג, אוּנ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אַ זָקֵן פוּן נַיינְצִיג יָאהר. וָואס פַאר אַיין עֶדְלֶער מֶענְשׁ

רַבֵּינוּ יִצְחָק אַלְפַסִי אִיז גֶעוֶועהן – קֶען מֶען אַרוֹיסְזֶעהן דֶערְפוּן אַז אֲפִילוּ זַיינֶע שׂוֹנְאִים זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְזִיכֶערְט אִין זַיין גוּטְסְקַייט. אַז ר׳ יִצְחָק אִבְּן־אַלְבַּאלִיָה פוּן שִׂיבִילְיָה אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט גֶעהַאלְטֶען בַּיים שְׁטַארְבֶּען, אִיז זַיין בֵּן יָחִיד בָּרוּךְ, אַ יוּנְגֶער מַאנן פוּן זִיבְּצֶעהן יָאהר, גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בֶּעט זֶעהר בֶּעטְרִיבְּט אוּנ הָאט גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט אַז עֶר וֵוייסְט נִיט אוֹיף וֶועמֶען דֶער פָאטֶער לָאזְט אִיהם אִיבֶּער. דַארוֹיף הָאט אִיהם דֶער חוֹלֶה גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז בַּאלְד נָאךְ זַיין טוֹיט זָאל עֶר אַוֶועקְפָאהרֶען קַיין לוּצֶענָא צוּ רַבֵּינוּ יִצְחָק אַלְפַסִי אוּנ זָאל אִיהם אִיבֶּערְגֶעבֶּען אַז אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט פוּן זַיין לֶעבֶּען הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף אַלְדִינְג וָואס אִיז צְוִוישֶׁען זֵיי פָארְגֶעקוּמֶען, אַז עֶר בֶּעט בַּיי אִיהם מְחִילָה פַאר דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט אִיהם אָנְגֶעטְהוּן, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען מִיט דֶער הָאפְנוּנְג, אַז עֶר וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף זַיין קִינְד אוּנ וֶועט אִיהם מַדְרִיךְ זַיין, עֶס זָאל פוּן אִיהם אוֹיסְוַואקְסֶען אַ מֶענְשׁ. דֶער יָתוֹם הָאט מְקַיֵים גֶעוֶועהן דִי צַוָואָה פוּנ׳ם פָאטֶער, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין לוּצֶענָא הָאט רַבֵּינוּ יִצְחָק אַלְפַסִי מִיט הֵייסֶע טְרֶערֶען בֶּעוֵויינְט דֶעם טוֹיט פוּן זַיין גֶעגְנֶער. עֶר הָאט דֶעם יָתוֹם אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב וִוי אַ אֵיינֶענֶעם זוּהְן אוּנ הָאט מִיט אִיהם גֶעלֶערְנְט טָאג וְוִי נַאכְט בִּיז עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארֶען אַ בֶּערִיהמְטֶער מַאנן.

בַּיים סוֹף פוּנ׳ם עֶלְפְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט אִיז אִין קַאסְטִילְיֶען דָאס קְלֵיינֶע וֶועלְטֶעל פוּן דִי קַרַאִימֶעס אוֹיךְ גֶעוָוארֶען בֶּעלֶעבְּטֶער, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג צְוִוישֶׁען זֵיי בֶּעוִויזֶען זֶעהר אַ גְרוֹיסֶער גֶעלֶעהרְטֶער. אִבְּן־אַלְתַּרַאס אוּנ אִיהם אִיז גֶערָאטְהֶען צוּ זִיךְ צוּ צוּצִיהֶען פִיעל תַּלְמוּדִיסְטֶען. דָאס אֵיינֶענֶע הָאט אוֹיךְ גֶעטְהוּן זַיין פְרוֹי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶע מְלוּמֶדֶת, נָאךְ זַיין טוֹיט. אַוַדַאי הָאט דָאס פֶערְדְרָאסֶען דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵיי: ר׳ יוֹסֵף אִבְּן אַלְפַּרַג אַל־קַבְּרִי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּיי אַלְפָאנְסָאן, הָאט זִיךְ בֶּענוּצְט מִיט זַיין מַאכְט אוּנ הָאט גֶעפּוֹעל׳ט בַּיי דֶער מְלוּכָה מֶען זָאל דִי קַרַאִימֶעס אָנְהוֹיבֶּען טְרַייבֶּען.

אִין דֶער צַייט וָואס שְׁפַּאנְיֶען אִיז גֶעוֶועהן אַ מְקוֹם תּוֹרָה, הָאבֶּען דִי יוּדֶען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ דַייטְשְׁלַאנְד זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט גְלַייכֶען צוּ זֵייעֶרֶע שְׁפַּאנִישֶׁע בְּרִידֶער, חָאטְשׁ עֶס אִיז זֵיי נָאר נִיט שְׁלֶעכְט גֶעוֶועהן. קֵיינֶער הָאט זֵיי נִיט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע פוּן וַויינְגֶארְטְנֶער, מְלָאכוֹת אוּנ מִסְחָר, אוּנ הָאבֶּען נָאר בֶּעדַארְפְט צָאהלֶען מַס. דֶער פַּאפְּסְט אַלֶכְּסַנְדֶר דֶער צְוֵוייטֶע אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר פְרַיינְדְלִיךְ גֶעגֶען זֵיי אוּנ הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז יוּדֶען טָאר מֶען נִיט רֶעכְנֶען פַאר שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קִירְכֶע. בַּיי אַזַא לַאנְגֶע

וָואלְטֶען דִי יוּדֶען בֶּעדַארְפְט אַרוֹיסְגֶעבֶּען גֶענוּג חֲכָמִים אוּנ גְדוֹלִים, זַיי הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער בֶּעגְנִיגְט מִיט פְּשׁוּטִ'ן לֶערְנֶען תַּלְמוּד אוּנ קֵיין חֲרִיפוּת הָאט מֶען פוּן קֵיינֶעם נִיט גֶעזֶעהן, גְלַייךְ וִוי זַיי הָאבֶּען טַאקִי נִיט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ אִין לֶערְנֶען הֶאבֶּער שְׁטֶעהן פוּן דִי קְרִיסְטֶען. נָאר אֵיין לָאטְהֶרִינְגֶען אִיז גֶעוֶועהן פוּל מִיט לוֹמְדִים, אוּנ דִי יְשִׁיבוֹת פוּן מַאינְץ אוּנ וָוארְמְס הָאבֶּען גֶעשְׁפִּיעלְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶלֶע. אִים יָאהר 1034 הָאבֶּען צְווֵיי פְרוּמֶע לַייט: יַעֲקֹב בֶּן דָוִד אוּנ זַיין וַוייבּ רָחֵל, וָואס הָאבֶּען קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט, אוֹיסְגֶעבּוֹיעט אַ טְהַייֶערֶע שׁוּל, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ „בֵּית מִקְדָשׁ מְעַט“, וַוייל דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר שֶׁאן אוּנ אַחוּץ דֶעם פְלֶעגְט מֶען אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטֶען דֶערְצֶעהלֶען פוּן דֶער שׁוּל גַאנְצֶע נִסִים. דָארְט זֶענֶען אוֹיף אַ בֶּעזוּנְדֶער טַאפֶעל גֶעוֶועהן אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי נֶאהמֶען פוּן ר׳ יַעֲקֹב אוּנ זַיין וַוייבּ רָחֵל אוּנ מֶען הָאט אָבְּגֶעהִיט זֵייעֶר יָאהְרְצַייט אַ סַךְ דוֹרוֹת. צְווִישֶׁען דִי לָאטְהְרִינְגֶער לוֹמְדִים זֶענֶען בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעקַאנְט גֶעוֶועהן רַבֵּנוּ גֵרְשׁוֹם׳ס תַּלְמִידִים: ר׳ יִצְחָק הַלֵוִי (סֶגַל לְוִיָה) פוּן וָוארְמְס, וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דְרַיי זִיהן גְרוֹיסֶע רַבָּנִים: ר׳ יַעֲקֹב בֶּן יָקָר פוּן מַאינְץ אוּנ ר׳ יִצְחָק בֶּן יְהוּדָה! זַיי אַלֶלֶע הָאבֶּען זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מֶעהר מִיט תַּלְמוּד. נָאר אֵיין ר׳ מְנַחֵם בֶּן חֶלְבּוֹ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט דִקְדוּק אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַ בֵּאוּר אוֹיף דֶער תּוֹרָה.

פוּנְקְט אִין דֶער צַייט וֶוען מֶען הָאט דֶערְהַרְגֶ׳ט אִין פוּמְבְּדִיתָא דֶעם לֶעצְטֶען גָאוֹן חִזְקִיָה, אִיז נָאר נִיט וַוייט פוּן דָארְט, אִין פְרַאנְקְרַייךְ, אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַ נַייֶע זוּנְן אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַ מֶענְשׁ, וָואס אוֹיף אִיהם אִיז גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דָאס יוּדִישְׁקַייט דוּרְךְ זַיין בֶּערִיהמְטֶען פֵּירוּשׁ אוֹיף תַּנַ״ךְ אוּנ תַּלְמוּד. דָאס אִיז גֶעוֶועהן ר׳ שְׁלֹמֹה יִצְחָקִי, וָואס אִיז בֶּעקַאנְט מִיטְ׳ן נָאהמֶען רַשִׁ״י. עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶער שְׁטָאט טְרִיוּס אִין שַׁאמְפַּאן אִין פְרַאנְקְרַייךְ אִים יָאהר 1030, אוּנ הָאט גֶעלֶעבְּט אִין גְרוֹיס דַחְקוּת פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר. נָאר יוּנְג הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, נָאר חָאטְשׁ עֶר אִיז נִיךְ גֶעוָוארֶען אַ בַּעַל מִשְׁפָּחָה, הָאט עֶר גֶעלָאזֶען וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער אוּנ אִיז בִּיז פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר גֶעזֶעסֶען אִין דִי יְשִׁיבוֹת פוּן מַאינְץ אוּנ וָוארְמְס. אַז מֶען הָאט אִיהם אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר רַב אוּנ זַיין נָאהמֶען אִיז גֶעוָוארֶען בֶּערִיהמְט, הָאט זִיךְ זַיין לַאגֶע פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט גֶעבֶּעסֶערְט. וַוייל דָאס רַבָּנוּת הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶערֶעכֶענְט נָאר פַאר אַ גְרוֹיסֶען כָּבוֹד אוּנ קֵיין שְׂכִירוֹת הָאט מֶען נִיט גֶענֶעבֶּען. דֶערְפַאר אִיז ר׳ שְׁלֹמֹה גֶעצְווּאוּנְגֶען גֶעוֶועהן צוּ לֶעבֶּען זֶעהר גֶעעֶנְגְט, אוּנ כָּל יָמָיו אִיז עֶר גֶעוֶועהן פֶערְנוּמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס

האָבּען זיך צו איהם געצויגען פון אַללע זייטען. מיט זיי פלעגט ער לערנען, אונ דעמאָלט האָט ער אויך אויסגעאַרבּייט זיין פּירוש, אין וועלכען מען זעהט אַרוים זיין גרוים חריפות, ווי עס איז איהם געראָטהען מיט קורצע אונ גע־צאהלטע ווערטער מסביר צו זיין די שווערסטע פּסוקים פון דער תּורה אונ די טיפסטע ערטער פון דער גמרא. קיין זוהן האָט רש״י ניט געהאַט, נאָר זיינע דריי טאכטער זענען געוועהן זעהר געראָטהענע. איינע פון זיי איז געוועהן אַזוי קלאָר אין תּלמוד אַז ווען דער פאָטער איז קראַנק געוועהן אונ האָט ניט געקאָנט ענטפערן די רבּנים וואס פלעגען זיך ווענדען צו איהם וועגען שאלות־תּשובות, איז זי אים שטאַנד געוועהן רש״ס אַרבּייט צו טהון. זיין איידעם ר׳ יהודה בּן נתן איז אויך געוועהן אַ גרויסער מאַן, אונ פון זיינע אייניקלעך זענען בּעזאָנדערס בּעריהמט געוועהן ר׳ שמואל בּן מאיר, וואס מען האָט גערופען רשב״ם אונ ר׳ יעקב, וואס איז בּעקאַנט מיט׳ן נאָהמען רבּינו תּם. רש״י׳ס פּירוש אויף דער תּורה איז צום ערשטען מאָל אָבּגעדרוקט געוואָרען אים יאָהר 1476 אונ מען האָט איהם אויך איבּערגעזעצט אויף לאַטיינ׳יש. דעם פּירוש אויף דער גמרא האָט ער ניט אין גאַנצען געענדיגט, נאָר אויף זיין דרך זענען שוין דערנאָך געגאַנגען פיעל אַנדערע פראַנצאָזישע אונ דייטשע לומדים, וואס מען האָט זייער פּירוש גערופען תּוספות. אין וואָרמס ווייזט מען נאָך עד היום רש״י׳ס שטוהל אונ דאָס פאָלק דערצעהלט נאָך פון איהם פיעל וואונדער, וואס ווייזען נאָר ווי הייליג דער זכר פון ר׳ שלמה בּן יצחקי איז געבּליבּען צווישען זיינע בּרידער.

אין איטאַליען איז דאָס לערנען בּיי די יודען ניט געשטאַנען אויף קיין הויכער מדרגה אונ אַללע רבּנים אונ לומדים פלעגען זיי אויסשרייבּען פון אַנדערע ערטער. נאָר דער נאָהמען פון איין איטאַליענישען יודען איז געבּליבּען בּעקאַנט: דאָס איז געוועהן, ר׳ נתן בּן יחיאל פון רום (רב נתן איש רומי), דער מחבּר פונ׳ם תּלמודישען ווערטערבּוך וואס הייסט: „ערוך״. ער האָט פיעל פּירושים צו־זאממענגענומען פון רבּינו חננאל בּר חושיאל׳ס פון קאירוואַן ספרים אונ אויך פון פיעל אַנדערע ספרים, אונ זיין ספר „הערוך״ איז נאָך היינט דער ניטצליכס־טער פון דעם מין ספרים. אין דער צייט זענען שוין די יודען געוועהן פאַר־שפּרייט אין בּאהמען, מאהרען (מורביה) אונ פּאלען. אונ די שטאָדט פּראַג האָט זיך שוין דעמאָלט גערעכענט פאַר איין אַלטער יודישע קהלה; צווישען זיי זענען געוועהן זעהר פיעל עשירים, וואס האָבּען געהאַט אפילו קריסטליכע שקלאַווען. בּעזאָנדערס איז בּעקאַנט אַ יודישער גביר אין באהרען

וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען פּוּדִיבְּיָה:: עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיֶעט אַגַאנְצֶע פֶּעסְטוּנְג אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֶעבְּט אוּנ זִיךְ אָנְגֶעטְהוּן דִי גְרֶאסְטֶע תַּעֲנוּגִים גְלַייךְ מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע קְרִיסְטְלִיכֶע פְּרִיצִים. דָאס לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה אִיז בַּיי זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען זֶעהר נִידְרִיג, אוּנ עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער מִיט הוּנְדֶערְט יָאהר הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְוִוישֶׁען זֵיי אַרוֹיסְוַוייזֶען גְרוֹיסֶע לַייט אִין תּוֹרָה.

3 דֶער עֶרְשְׁטֶער קְרַייצְצוּג.

(1096—1148 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

בַּיים סוֹף פוּנְם עֶלְפְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַפַייעֶר אוּנ עֶס אִיז אַרוֹיס אַשְׁרֶעקְלִיכֶע שְׂרֵפָה, וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט כִּמְעַט צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאהר: דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי קְרַייצְצוּגֶע, דִי מִלְחָמוֹת צְוִוישֶׁען דִיא בֵּיידֶע גְרֶאסְטֶע אֱמוּנוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, צְוִוישֶׁען דִי קְרִיסְטֶען אוּנ דִי מַחְמַד'נֶער, אוּנ וָואס הָאט כִּמְעַט דִיא גַאנְצֶע מֶענְשְׁלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע אוֹיף אַנַייעֶם דֶרֶךְ גֶעבְּרַאכְט, אוּנ אִין דֶער יוּדִישֶׁער גֶעשִׁיכְטֶע צוּגֶעגֶעבֶּען אַסַךְ בְּלֶאטֶער, וָואס זַיינֶען מִיט בְּלוּט אוּנ מִיט טְהרֶערְן גֶעשְׁרִיבֶּען. אַלַאנְגֶע צַייט הָאבֶּען דִי טֶערְקֶען, וָואס הָאבֶּען דַאמָאלְס גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף פַּאלִיסְטִינַא הָאבֶּען נִיט נוּר קֵיין יוּדֶען נִיט גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אָבֶּער אוֹיךְ דִי קְרִיסְטֶען, וָואס פְלֶעגֶען קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיפ'ן קֶבֶר פוּן זֵייעֶר גוֹאֵל פְלֶעגֶען זֵיי אוֹיךְ אָנְטְהוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּנ דֶערְצוּ בַּיי זֵיי נָאךְ רַייסֶען פִיעל גֶעלְד אוּנ חוֹזֵק מַאכֶען פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִיגְיָאן. דִי סִירִישֶׁע קְרִיסְטֶען אוּנ אוֹיךְ דִי דָאזִיגֶע וָואס פְלֶעגֶען גֶעהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם הָאבֶּען זִיךְ שְׁטַארְק אָנְגֶעלִיטֶען, אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי וָואס הָאט מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהן דָאס אַכְזָרִיוֹת פוּן דִי טֶערְקֶען, פֶּעטֶער פוּן אַמִיֶען, הָאט דַארִיבֶּער גֶעמַאכְט אַגַאנְצֶען לַארְם אִין אֵייראָפַּא, עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אֵיין אֲסִיפָה פוּן גֵייסְטְלִיכֶע אִין קְלֶערְמוֹנְט אִין פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען, אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר נָאטְט אִין הַארְצֶען זָאל זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען קֵיין פַּאלֶעסְטִינַא זִיךְ אָנְנֶעהמֶען פַאר דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶער אֱמוּנָה. בַּאלְד הָאט זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקְלוֹיבֶּען אַגְרוֹיסֶע מַחֲנֶה, צְוִוישֶׁען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן אַסַךְ פְרוּמֶע וָואס הָאבֶּען אַלְדִינְג גֶעוָואלְט טְהוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר נָאךְ מֶעהר זֶענֶען גֶעוֶועהן פְּשׁוּטֶ'ע לֵיידִיג גֶעהֶערְס, וָואס הָאבֶּען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז סַאי ווִי סַאי קָאן עֶס זֵיי נִיט שַׁאדֶען אוּנ דֶערְלֶענְגֶען וֶועלֶען זֵיי גֶעווִיס נִיט. מִיט רוֹיטְהֶע קְרַייצֶען אוֹיף דִי קְלַיידֶער, אוּנ פִיעל אוֹיךְ מִיט אוֹיסְגֶעבְּרֶענְטֶע קְרַייצֶען אוֹיפ'ן

לַייבּ, הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען גֶעהן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ דֶערְוַוייל הָאט מֶען זִיךְ אִין אֵיין וֶועגְס צוּפִיהרְט דִי הָאנְד אוּנ גֶערוֹיבְּט אוּנ גֶעטֵייט אוּנְשׁוּלְדִיגֶע יוּדֶען.

דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן זֵייעֶר נוֹיט. מֶען הָאט אַזוֹי גֶעשֶׁאצְט זֵייעֶר נוּצְלִיכְקֵייט, אַז וֶוען דֶער עֶפִּיסְקָאפּ רִידִיגֶער הָאט גֶעוָואלְט מַאכֶען „שְׁפַּייאֶר", פַאר אַ שְׁטָאדְט, הָאט עֶר גֶעלָאזְט רַאטְהֶען דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ דָארְט בֶּעזֶעצֶען אוּנ הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַלֶע רֶעכְטֶע. דֶער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ דֶער פִירְטֶע הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען נָאךְ מֶעהר פְרַייהַייט, אוּנ אַז מֶענְשֶׁען אִיז צוּ פִיעל גוּט גְלוּסְט זִיךְ זֵיי נָאךְ בֶּעסֶערְס: פְּלוּצִים הָאט מֶען זֵיי פִירְגֶעזָאגְט אַז בִּיז צוּם יָאהר 1104 מוּז מָשִׁיחַ קוּמֶען, אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ שְׁטַארְקֶער רַעַשׁ, אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט פֶערְדוּלְטֶע קָאפּ אוּנ הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דֶער גְאוּלָה. נָאר גְרָאד דֶעמָאלְט וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְטְרָאגֶען מִיט דֶער פַאלְשֶׁער הָאפְנוּנְג, הָאט זִיךְ אוֹיף זֵיי אָנְגֶערוּקְט אַ צָרָה, וָואס הָאט זִיךְ זֵיי פְרִיהֶער אֲפִילוּ נִיט גֶעחָלוֹמ'ט: דִי גִבּוֹרִים פוּנ'ם קְרַייצְצוּג הָאבֶּען אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ זֵיי דֶעם גַאנְצֶען כַּעַס אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט אָבְּקוּמֶען פַאר פְרֶעמְדֶע זִינְד.

פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער חֶבְרָה, וָואס פֶּעטֶער פוּן אַמִיעֶן אַלֵיין מִיט זַיינֶע אַכְט הוֹיפְּט־לַייט אוּנ דֶער גֵייסְטְלִיכֶער נָאטְשַׁאלְק הָאבֶּען גֶעפִיהרְט, הָאבֶּען דִי יוּדֶען נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעלִיטֶען, וַוייל זֵיי הָאבֶּען גֶערַאבֶּעוֶועט גְלַייךְ אִי יוּדֶען אִי קְרִיסְטֶען אוּנ זֶענֶען נָאךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט רַחֲמָנוּת. דִי רֶעכְטֶע צָרָה הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפֶּעטֶער, אוּנ פוּן אַלֶע זַייטֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעלָאזְט אַ בַּאנְדֶע פוּן גֶעוִויסֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען זִיךְ נָאר בֶּענוּצְט מִיט דֶעם צוּפַאל, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען קָאנֶען זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיט פְרֶעמְדֶע גוּט אוּנ בְּלוּט אוּנ נָאךְ דֶערְלַאנְגֶען בַּיי דֶער וֶועלְט אַ דַאנְק דֶערְפַאר. דִי לַייט הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג, אַז אוֹיפ'ן הֵיילִיגֶען קֶבֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אַ פַּאפִּיעֶר אַז עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה יוּדֶען נוֹיטְהֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען, אוּנ אַז דִי וָואס לָאזֶען זִיךְ נִיט בֵּייגֶען מוּז מֶען בֶּעטְרַאכְטֶען וִוי פַיינְדֶע פוּן דֶער קִירְכֶע אוּנ מֶען מֶעג זֵיי אֲפִילוּ אוֹיפ'ן פַייעֶר בְּרֶענְגֶען. דִי רְצִיחוֹת הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ דִי יוּדֶען פוּן דָארְט הָאבֶּען בַּאלְד דֶערְפוּן צוּ וִויסֶען גֶעגֶעבֶּען זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ, מֶען הָאט זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען אִין דִי שׁוּלֶען אוּנ גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶועהן. דִי דַייטְשֶׁע יוּדֶען זֶענֶען דֶערְוַוייל אָבְּגֶעקוּמֶען נָאר מִיט'ן שְׁרֶעק, וַוייל דִי גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען פוּן זֵיי גֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאבֶּען זֵיי גֶעשִׁיצְט. נָאר אִין (רָאוּעֶן), וָואס הָאט

גֶעהֶערְט צוּ עֶנְגְלַאנְד, הָאט מֶען דִי יוּדֶען מִיט גֶעוַואלְד אַרַיינְגֶעטְרִיבֶּען אִין קִירְכֶע אוּנ מֶען הָאט זֵיי גֶעהֵייסֶען אוֹיסְקְלַייבֶּען צְוִוישֶׁען טוֹיט אוּנ לֶעבֶּען.

דָאס אִיז אָבֶּער נָאךְ אַלְץ אַ נָאר נִישְׁט גֶעוֶועהן גֶעגֶען דֶער מְהוּמָה, וָואס הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין דַייטְשְׁלַאנְד, וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן וִוי אַ שִׁיף אָהן אַ רוּדֶער, וַוייל דֶער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ הָאט גֶעמוּזְט אַ לַאנְגֶע צַייט בְּלַייבֶּען אִין אִיטַאלְיֶען, אוּנ עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועהן קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ אָנְנֶעהמֶען פַאר דִי אוּנְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען. נָאךְ פוּן דֶערְוַוייטֶענְס הָאט מֶען גֶעהֶערְט וָואס פַאר אַ אוּמְגְלִיק עֶס מַאכְט אָן אַ גֶעוִויסֶער פְרַאנְצֶאזִישֶׁער רִיטְטֶער וִוילְהֶעלְם דֶער צִימְמֶערְמַאן, וָואס הָאט אִין אַלֶע אֶרְטֶער אוֹיסְגֶעזוֹיגֶען דָאס בְּלוּט בַּיי דִי כּוֹיעֶרְן כְּדֵי עֶר זָאל קָאנֶען אוֹיסְהַאלְטֶען זַיין חֶבְרָה. אַז עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶערוּקְט קֵיין טְרִיעֶר, אִיז אוֹיף דִי יוּדֶען גֶעפַאלֶען אַזַא אֵימָה אַז פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען גֶענוּמֶען, אוּנ יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהַאנְגֶען שְׁטֵיינֶער אוֹיפְ׳ן הַאלְז אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין טַייךְ מָאזֶעל. אֵיינֶע פוּן דִי יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער וָואס הָאבֶּען אַזוֹי מְקַדֵשׁ ה׳ גֶעוֶועהן אִיז מָרַת אֶסְתֵּר בַּת ר׳ יְחֶזְקִיָה הַנָבִיא, אוּנ אִיהר נָאהמֶען אִיז גֶעבְּלִיבֶּען לְזִכָּרוֹן, אוּנ אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבֶּען פִיעל גֶעטְהוּן אַבִּי זֵיי זָאלֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט נִיט אַרַיינְפַאלֶען אִין דִי הֶאנְד פוּנ׳ם רוֹצֵחַ, וָואס הָאט גֶעהַאט פּוּנְקְט אַזוֹי פִיעל חָכְמָה וִוי רַחֲמָנוּת, אוּנ אַז עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אָנְהוֹיבֶּען דִי הֵיילִיגֶע מִלְחָמָה הָאט עֶר גֶעלָאזְט פָארְאוֹיסְגֶעהן פַאר זַיין מַחֲנֶה אַ גַאנְז מִיט עֶטְלִיכֶע צִיעגֶען, אוּנ הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז זֵיי וֶועלֶען אִיהם פִיהרֶען גְלַייךְ קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. דִי אִיבְּרִיגֶע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְּרוּבְט זוּכֶען יוֹשֶׁר בַּיים עֶפִּיסְקָאפּ עֶגִילְבַּארְט, נָאר עֶר הָאט מִיט זֵיי גָאר קֵיין לַאנְגֶע טַעֲנוֹת נִיט גֶעמַאכְט אוּנ הָאט זֵיי מְגַלֶה גֶעוֶועהן אַז זֵיי הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער בְּרֵירָה נִיט, נָאר צוּם קַאטָאלִיצִיזְמוּס אִיבֶּערְצוּגֶעהן. זֵיי הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז דִי סַכָּנָה אִיז גְרוֹיס, אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵייעֶרֶע פָארְשְׁטֶעהֶער מִיכָה הָאט פָארְגֶעלֶעגְט מֶען זָאל לְפָנִים וֶוערֶען קְרִיסְטֶען. אַזוֹי אִיז דָאס טַאקִי גֶעשֶׁעהן אוּנ זֵיי זֶענֶען נִצוֹל גֶעוָוארֶען פוּנ׳ם שְׁרֶעקְלִיכֶען טוֹיט.

אַ אֶרְגֶערן סוֹף הָאבֶּען גֶעהַאט דִי יוּדֶען פוּן שְׁפַּייעֶר, וָואס הָאבֶּען זִיךְ פֶערְלָאזְט אוֹיף דֶעם שוּצְבְּרִיעף וָואס דֶער עֶפִּיסְקָאפּ רֶעדִיגֶער אוּנ דֶער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ הָאבֶּען זֵיי גֶעגֶעבֶּען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט, אַז קֵיינֶער וֶועט זִיךְ נִיט עֶרְלוֹיבֶּען זֵיי עֶפִּיס שְׁלֶעכְטְס טְהוּן. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער אַ טָעוּת גֶעהַאט: דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ גֶעזֶעטְץ, זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁלֶעפֶּען דִי יוּדֶען אִין קִירְכֶע אוּנ זֵיי מִיט גֶעוַואלְד טוֹיפֶען, אוּנ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען זִיךְ

אָנגעהויבען װערען האָט מען קיין איינציגען פון זיי ניט איבערגעלאָזט לעבעדיג. פון דעסטװעגען איז דער רוב פון די שפּייערישע יודען נצול געװאָרען, װייל דער גוטהארציגער אונ פרומער עפּיסקאָפּ יוהאַנזען האָט זיי געהאַלטען ביי זיך, אונ אַז די רוצחים האָבען זיך געפּרובט אָנפאַלען אויף זיי האָט ער זיי אונטערגענעבען חשק זיי זאָלען נעגען זייערע שונאים אויך אַרויסגעהן מיט כח, אונ עס איז זיי טאַקי געראָטהען מיט איינעגע קראַפט צו בעשיצען זייער מקום מנוחה.

אויף דער שטאָדט װאָרמס איז שוין אין פערצעהן טאָג אַרום אָנגעפאַלען אַ גרעסערע באַנדע; די רייכסטע יודען האָבען זיך בעהאַלטען ביים עפּיסקאָפּ אַללעבראַנדוס, װאָס האָט ניט געקאָנט, אָדער ער האָט ניט געװאָלט אַללע יודען אונטער זיין שוטץ נעהמען. די רוצחים האָבען זיך געחאַפּט ברעכען יודישע הייזער, ראַבעװען יודיש פערמעגען, צושטערן שולען, צוריייסען ספרים אונ פיעל יודען זענען אומגעקומען אויף קדוש השם. אַז עס איז אַװעקגעגאַנגען אַ װאָך אונ די רוצחים האָבען זיך צוגעלאָזט צום פּאַלאַץ פונ'ם עפּיסקאָפּ, האָט ער זיי געלאָזט זאָגען אַז מעהר קאָן ער זיי ניט האַלטען, אונ אַז װען זיי װעלען זיך ניט טויפען, זענען זיי מיט'ן לעבען ניט זיכער. די יודען האָבען זיך אויסגעבעטען אַ קורצע צייט, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען בעדענקען, אונ די רוצחים האָבען געװאַרט מען זאָל זיי עפענען דעם טהויער אונ זיי זאָלען די יודען אָדער פיהרען אין קירכע, אָדער זיך באָדען אין זייער בלוט. אַז עס איז איבערגעלאָפען די צייט אונ דער עפּיסקאָפּ איז אַריינגעקומען צו די יודען געװאָהר װערען אויף װאָס זיי האָבען זיך ענטשלאָסען, האָט ער זיי אַללע געפונען טויט, װייל עס איז זיי ליעבער געװעהן אַלליין זיך דאָס לעבען נעהמען אונ ניט שטאַרבען דורך דער האַנד פונ'ם שונא. דעמאָלט איז ערשט געװאָרען אַ שחיטה, װייבער אונ קינדער האָט מען געקוילעט אין די גאַסען, אונ אַ יודיש יונגעל שמחה כהן, װאָס מען האָט דערהרג'ט זיין פאָטער מיט זיבען ברידער, האָט ער ניט געװאָלט געהן פון דער װעלט ביז ער װעט זיך נוקם זיין אין איינעם פון די שונאים; ער האָט זיך דאַריבער געהייסען פיהרען אין קירכע אַריין אונ געזאָגט אַז ער װיל זיך כלומר'ש טויפען, אונ אַז מען האָט איהם אַהין געבראַכט האָט ער אַרויסגעחאַפּט אַ מעסער אונ האָט געשטאָכען איינעם פון דעם עפּיסקאָפּ'ס קרובים. אַכט הונדערט יודען זענען דעמאָלט אומגעקומען אין װאָרמס, צװישען די קדושים אין װאָרמס זיינען אויך געװעהן רבינו יצחק הלוי'ס קינדער, װאָס ער איז געװעהן דער רבי פון רש"י, אונ אויך פיעל פון זיינע תלמידים.

אַיין אַנְדֶער חֶבְרָה מִיט זַייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער גְרַאף עֶמְמֶערִיךְ, וָואס אִיז גֶעוֶועהֶן אַ קָרוֹב פוּנ'ם עֶפִּיסְקָאפּ רוּטְהַארְד אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף מַאיְנְץ, אוּנ דָא הָאט מֶען דִי יוּדֶען, אִי אָבְּגֶענַארְט, אִי גֶעהַרְגֶ'ט. דֶער עֶפִּיסְקָאפּ הָאט צוּפְלַייס פָארְגֶעלַיינְט דִי רַייכְסְטֶע יוּדֶען זַיי זָאלֶען בַּיי אִיהם בְּלַייבֶּען אוּנ אִיהם גֶעגֶּעבֶּען צוּ בֶּעהַאלְטֶען זַייעֶר פֶּערְמֶעגֶען; קוֹים וֶוענֶען זַיי שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהֶן אִינְוֶוענִיג, וֶוענֶען בַּאלְד, נָאךְ אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער נַאכְט, צוּגֶעטְרֶעטֶען דִי שׂוֹנְאִים, אוּנ הָאבֶּען פֶּערְלַאנְגְט מֶען זָאל זַיי אַרוֹיסְגֶעבֶּען דִי יוּדֶען. דֶער עֶפִּיסְקָאפּ הָאט זִיךְ כְּלוֹמֶר'שְׁט אַרוֹים גֶעשְׁטֶעלְט, אוּנ הָאט עֶס נִיט גֶעוָואלְט דֶער לָאזֶען, נָאר דָאס אִיז אִין נַאנְצֶען גֶעוֶועהֶן אַ אָנְשְׁטֶעל: זַיי הָאבֶּען פְּרִיהר צְווִישֶׁען זִיךְ אָבְּגֶערֶעדְט אַז רוּטְהַארְד זָאל זִיךְ מַאכֶען גְלַייךְ וִוי עֶר הָאט גֶעבִּיךְ שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים וָואס עֶר קָאן נִיט רֶעכְט פַארְהִיטֶען דִי יוּדֶען, נָאר וָואס זָאל עֶר טְהוּן אַז מֶען הָארְט אִיהם אַלֵיין אוֹיךְ נִיט, אוּנ דֶערְוַוייל אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז עֶמְמֶערִיךְ הָאט גֶעהַאט פֶּערְטִיגֶע קָרְבָּנוֹת. אַזוֹי אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהֶן אוּנ בִּיז אִין דֶער פְּרִיה וֶוענֶען גֶעפַאלֶען דְרַייצֶעהֶן הוּנְדֶערְט הֲרוּגִים. וֶועכְצִיג יוּדֶען וֶוענֶען נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען בֶּעהַאלְטֶען, נָאר בַּאלְד הָאט מֶען זַיי אוֹיךְ גֶעפוּנֶען אוּנ גֶעקוּילֶעט. נָאר עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט טוֹיפֶען, זַיי הָאבֶּען אָבֶּער בַּאלְד חֲרָטָה גֶעהַאט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעסֶער עֶנְטְשְׁלָאסֶען גֶעהְן צוּ זַייעֶרֶע דֶערְהַרְגְ'טֶע בְּרִידֶער. צְווֵיי יוּדֶען, מַר אוּרִיָה אוּנ מַר יִצְחָק בַּר דָוִד הַפַּרְנָס מִיט זַיינֶע צְווֵיי טֶאכְטֶער, הָאבֶּען אֲפִילוּ מְקַדֵשׁ הַשֵׁם גֶעוֶועהֶן נָאךְ דֶער טוֹיפֶע: מַר יִצְחָק הָאט אַלֵיין דֶערְשְׁטָאכֶען זַיינֶע בֵּיידֶע טֶאכְטֶער אוּם עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אוּנ הָאט זַיין הוֹיז אוּנְטֶערְגֶעצוּנְדֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּזַאמֶען מִיט אוּרִיָ'ה אַרַיין אִין שׁוּל, בֵּיידֶע הָאבֶּען זַיי אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט פַייעֶר אוּנ וֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט דֶער שׁוּל אוּנ מִיט אַלֶע סְפָרִים פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. דֶעמָאלְט אִיז אִין מַאיְנְץ גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׂרֵפָה, אוּנ אַ הַאלְבֶּע שְׁטָאדְט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין פַייעֶר.

אַ וָואךְ פַאר שָׁבוּעוֹת וֶוענֶען דִי רוֹצְחִים, מִיט זַייעֶר הוֹיפְּט-פִירֶער הֶערְמַאן, אַרַיין קַיין קָאלְן (קוֹלוֹנְיָא). דִי יוּדֶען הָאבֶּען שׁוֹין גֶעוואוּסְט וָואס זַיי עֶרְוַוארְטֶעט אוּנ הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען דִי אִיבְּרִיגֶע אַיינְוָואהְנֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט מֶען זָאל זַיי בֶּעשִׁיצֶען. מֶען הָאט טַאקִי אוֹיף זַיי רַחֲמָנוֹת גֶעהַאט, אוּנ יֶעדֶער קְרִיסְט הָאט צוּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אַ יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אוּנ אַז דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואלְט צוּ פִירֶען דִי הָאנְד, הָאבֶּען זַיי קֵיינֶעם נִיט גֶעפוּנֶען. זַיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט שְׁטִילֶען זַייעֶר רְצִיחָה נָאר דֶערְמִיט וָואס זַיי הָאבֶּען גֶערַאבֶּעוֶועט דָאס בִּיסֶעל פֶּערְמֶעגֶען, וָואס הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי לֵיידִיגֶע יוּדִישֶׁע הַייזֶער, אוּנ אֲפִילוּ

דָאס עֶרְדְצִיטֶערְנִיש, וָואס אִיז גְרָאד גֶעוֶועהן דֶעם טָאג, הָאט זֵיי נִיט דֶערְשְׁרָאקֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען עֶס נָאךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַ וואוּנְק פוּן אוֹיבֶען אַז גָאטט וִויל טַאקִי זֵיי זָאלֶען מִיט אַזוֹי פִיעל בְּלוּט-פֶערְגִיעסֶען הֵיילִיג מַאכֶען זַיין נָאהמֶען. אַז עֶס אִיז אָבֶער בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן, הָאבֶּען דִי יוּדֶען זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְדְרֶעהֶען פוּן דִי שׂוֹנְאִים׳ס הֶאנְד: דֶער פְרוּמֶער עֶפִּיסְקָאפּ הֶערְמַאן דֶער דְרִיטֶער הָאט שְׁטִילֶערְהֵייד אִיבֶּערְגֶעפִּיהְרְט דִי יוּדֶען פוּן קֶאלְן אִין דִי נָאהֶענְטֶע דֶארְפֶער, נָאר, נָאךְ דְרַייא וָואכֶען אִיז מֶען גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן זֵייעֶר בֶּעהֶאלְטֶענִיש, אוּנ פִיעל פוּן זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען. דִי יוּדֶען הָאבֶּען דֶעמָאלְט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען שְׁטַארְק מְסִירוּת נֶפֶשׁ: אֵיינֶער פוּן דִי אַלְטֶע לוֹמְדִים ר׳ שְׁמוּאֵל בֶּן יְחִיאֵל הָאט אִין טַייךְ גֶעקוֹילֶעט זַיין אֵיינְצִיגֶעם זוּהן אוּנ הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט אוֹיף דֶער שְׁחִיטָה אוּנ זַיין קָרְבָּן הָאט גֶעאֶנְטְפֶערְט: אָמֵן! אוֹיף אִיהם קוּקֶענְדִיג, הָאבֶּען זִיךְ פִיעל אִין וַואסֶער גֶעוָוארְפֶען. אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט מֶען אִין אַ צַייט פוּן צְוֵויי חֳדָשִׁים אִין דִי שְׁטֶאדְט בַּיים רְהַיין מֶעהר פוּן צְוֶועלְף טוֹיזֶענְד יוּדֶען אוֹיסְגֶעהַרְגֶ׳ט, אוּנ דִי וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דוּרְךְ דֶער טוֹיפֶע הָאבֶּען גֶעהָאפְט אַז גִיךְ וֶועט דֶער גוּטֶער קֵייזֶער הֵיינְרִיךְ צוּרִיקְקוּמֶען פוּן אִיטַאלְיֶען אוּנ וֶועט זִיךְ אָנְנֶעהמֶען פַאר זֵיי.

אִין דֶער צַייט זֶענֶען דִי יוּדֶען פוּן בֶּאהמֶען, וָואס הָאבֶּען אוֹיךְ דָארְט בִּיז דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט רוּהִיג, אוֹיךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען פוּן צָרוֹת, וַוייל דִי גַייסְטְלִיכֶע אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס דֶער עֶפִּיסְקָאפּ אַדָאלְבֶּערְט פוּן פְּרָאג, הָאבֶּען אוֹיף זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען שְׁלֶעכְט, אוּנ אַז דֶער גִיפְט פוּן דִי קְרֵייצְצוּגֶע הָאט זִיךְ צוּנָאסֶען אִיבֶּער גַאנְץ אֵייראָפַּא הָאט מֶען אַ וואוּנְק גֶעטְהוּן מֶען זָאל זִיךְ קוּמֶען אָבְּרֶעכְנֶען אוֹיךְ מִיט דִי בֶּאהמִישֶׁע יוּדֶען. דֶערְצוּ אִיז נָאךְ דֶער הֶערְצָאג וְורַאטִיסְלַאוו דֶער צְוֵוייטֶער גֶעוֶועהן פֶערְנוּמֶען מִיט אַ מִלְחָמָה אוּנ עֶס אִיז אִין לַאנְד נִיט גֶעבְּלִיבֶּען קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ קָאנֶען אָנְנֶעהמֶען פַאר זֵיי. אַוַדַאי הָאבֶּען דִי רוֹצְחִים נִיט גֶעלָאזְט זִיךְ לַאנְג בֶּעטֶען, זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין פְּרַאג אוּנ אוֹיסְגֶעהַרְגֶ׳ט אַ סַךְ יוּדֶען אוֹיסֶער דִי וָואס זֶענֶען מְרוּצֶה גֶעוָוארֶען זִיךְ צוּ טוֹיפֶען. אוּמְזִיסְט הָאט דֶער פְרוּמֶער עֶפִּיסְקָאפּ קָאסְמַאס גֶעשְׁרִיעֶן גְוַואלְד גֶעגֶען אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת: מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעוָוארֶען וָועלְף אוּנ זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרְן זֶענֶען טוֹיב גֶעוָוארֶען צוּ הֶערֶען רֵייד פוּן יוֹשֶׁר אוּנ רַחֲמָנוּת.

דֶעם אֱמֶת מוּז מֶען זָאגֶען אַז דֶעם גְרֶעסְטֶען טְהֵייל פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע אוּנ אַללֶע עֶדְלֶע קְלַאסֶען הָאט דָאס הַארְץ וֶועה גֶעטְהוּן צוּ צוּזֶעהן אַזַא חִלּוּל הַשֵּׁם, וִוי צוּנוֹיפְגֶעלָאפֶענֶע מָארְדֶער פֶערְגִיעסֶען אָפֶען מֶענְשְׁלִיךְ בְּלוּט אוּנ וִוִיקֶלֶען נָאךְ

זיין זייער גזלה אונ רציחה אין אהיילינען נאמען: קרייצצוג, אונ דערפאר אז עס איז אנגעקומען די בשורה אז עס איז אמאל געווארען פון צוויי הונדערט טויזענד מאנן פון די קרייצבריעדער, האט עס זיי שטארק הנאה געטהון אונ זיי האבען די מפלה גערעכענט פאר א גערעכטען משפט פון גאטט. דערווייל איז דער קייזער היינריך צוריקגעקומען פון איטאליען אונ האט זעהר בעדויערט וואס מען האט די יודען אזעלכע צרות אנגעטהון. ער האט באלד בעווילינט די בקשה פון ר׳ משה בן יקותיאל דעם פארשטעהער פון דער יודישער קהלה אין שפייער, אז אללע געטויפטע יודען זאלען מאגען צוריק איבערגעהן צום יודענטהום. מיט שמחה זענען די דייטשע יודען געוואהר געווארען פון דעם בעפעהל אונ באלד איז כמעט ניט איינער פון די געטויפטע יודען ניט געבליבען אין לאנד. דאס האט אפילו שטארק פערדראסען דעם פאפסט קלעמענס דער דריטען אונ ער האט זיך געפרובט פועל׳ן ביים קייזער ער זאל מבטל זיין אזא בעפעהל, נאר ער האט איהם ניט געוואלט אפילו הערען אונ האט נאך געגעבען די יודען פון מאינץ איין ערלויבניש זיי זאלען זיך לאדען מיט׳ן עפיסקאפ רוטהארד דערפאר וואס ער האט צוגענומען זייער פערמעגען, אונ דערווייל האט ער געהייסען צונעהמען ביי איהם אללע הכנסות.

אוודאי האט דאס געהייסען א שטיקעל ישועה פאר די דייטשע יודען. אין באהמען איז אבער דערפון דווקא ארויס פאר זיי א רעה. אז עס איז אנגעקומען די בשורה אז דער דייטשער קייזער האט ערלויבט די געטויפטע יודען צוריק זיך אומקעהרען צו זייער אמונה, האבען זיי מורא געהאט צו בלייבען אין לאנד אונ האבען זיך ענטשלאסען בעסער ארויסצופאהרען. עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען אריבער קיין פאלען אדער קיין פאנאניען (דאס איצטיגע אסטעררייך אונגארן), אונ האבען זיך אנגעהויבען פאקען אונ ארויסשיקען זייער פארמעגען. דערווייל איז דער הערצאג ווראטיסלאוו צוריקגעקומען פון דער מלחמה אונ האט ניט געוואלט לײדען אז די יודען זאלען זיך ארויסקלייבען פון באהמען, ווייל צווישען זיי זענען געוועהן די גרעסטע עשירים. ער האט זיי געלאזט זאגען אז זיי טארען ניט רירען קיין פאדעם, ווייל זייער גאנץ פערמעגען איז ניט זייער איינענס, עס געהער צום לאנד אונ אז זיי זענען אהין געקומען האבען זיי גאר ווייניג מיטגעבראכט. די יודען האבען פערשטאנען אז אויסטענה׳ן זיך האבען זיי ניט מיט קיינעם אונ זענען אנטלאפען פון באהמען נאקעט אונ בלויז.

נָאךְ אָרְגֶער אִיז גֶעוֶועהן דִי יוּדֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם. אַז גָאטְטְפְרִיעד פוּן בּוּלְלִיָאן הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט, הָאט עֶר אִים 15 יוּלִי 1099, צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט אַללֶע יוּדֶען, אוּנ מִיט זֵיי אוֹיךְ דִי קַרָאִימֶעס, אִין אֵיין שׁוּל אוּנ הָאט זֵי אָנְגֶעצוּנְדֶען פוּן אַללֶע זַייטֶען.

נָאר דֶער אֵיינֶער קֵייזֶער פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פֶּעסְט פַאר דִי יוּדֶען. עֶר הָאט אִים יַאהר 1103 גֶעלָאזְט צוּנוֹיפְרוּפֶען דִי גְרֶעסְטֶע לַייט פוּנ׳ם לַאנְד אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט שְׁוֶוארֶען אַז זֵיי וִוילֶען לֶעבֶּען גוּט מִיט יוּדֶען אוּנ וָועלֶען נִיט דֶערְלָאזֶען מֶען זָאל זֵיי שְׁלֶעכְטְס טְהוּן. אַזַא שְׁבוּעָה אִיז פוּן אֵיין זַייט גֶעוֶועהן פַאר דִי יוּדֶען אַ גְרוֹיסֶע הִילְף, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן חָאטְשׁ בֶּעוָוארֶענְט פַאר אִינְוֶוענִיגְסְטֶע שׂוֹנְאִים, פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט אָבֶּער הָאט עֶס זֵיי עֶרְנִידֶערִיגְט, וַוייל מֶען הָאט אוֹיף זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען וִוי אוֹיף מֶענְשֶׁען וָואס מוּזֶען הָאבֶּען אִיבֶּער זִיךְ בַּעֲלֵי בָּתִּים אוּנ קָאנֶען אַלְלֵיין נִיט בֶּעשִׁיצֶען זֵייעֶר פְרַייהַייט. בַּיי אַזַא לַאגֶע הָאט דִי רֵיינֶע יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אוֹיךְ גֶעמוּזְט לַיידֶען, עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְצוּוַוייזֶען אַזֶעלְכֶע פְרוּמֶע וָואס הָאבֶּען אַלְלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט וואוּ אַיין וואוּ אוֹיס, פוּן דִי קַאטָאלִיקֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אָבְּגֶעלֶערְנְט הֵיילִיג צוּ הַאלְטֶען דֶעם זֵכֶר פוּן דִי „קְדוֹשִׁים" וָואס הָאבֶּען דָאס לֶעבֶּען אַוֶועקְגֶעגֶעבֶּען פַאר זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, פוּן זֵיי הָאבֶּען זֵיי אָבֶּער אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוֹיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן בְּלָאזֶען זִיךְ אוּנ מֵיינֶען אַז נָאר בַּיי זֵיי שְׁטֶעקְט דִי גְרֶעסְטֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ וַוייטֶער בַּיי קֵיינֶעם נִיט. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען רוֹדפ׳ן דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע וָואס זֶענֶען פְרִיהֶער גֶעצְוואוּנְגֶען גֶעוֶועהן אִיבֶּערְצוּגֶעהן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם אוּנ הָאבֶּען דֶערְנָאךְ זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער. דִי פְרוּמֶע וָואלְטֶען זֵיי בֶּעדַארְפְט שְׁטַארְקֶען אוּנ טְרֶעסְטֶען, זִיךְ אִיבֶּערְנֶעהמֶען מִיט זֵיי, צוּם סוֹף הָאבֶּען זֵיי גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי קְרוּם, אוּנ עֶס וָואלְט גֶעוֶועהן גֶעקוּמֶען צוּ שְׁטַארְקֶע בִּזְיוֹנוֹת וֶוען דֶער גוּטֶער אוּנ עֶדְלֶער רש״י נֶעהמְט זִיךְ נִיט אָן פַאר זֵיי אוּנ דֶערְוַוייזְט נִיט אַז מֶען קָאן קֵיינֶעם נִיט בֶּעשׁוּלְדִיגֶען פַאר אַזַא זַאךְ וָואס אַ מֶענְשׁ טְהוּט וֶוען עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה.

אִין שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען נָאךְ אַלְץ דִי יוּדֶען גֶעוואוּקְסְט פוּן אַ לֶעבֶּען צוּ זָאגֶען אוּנ דִי נַייעֶ הֶערְשֶׁער פוּנ׳ם לַאנְד, דִי אַל־מוֹרַאבִידֶען, הָאבֶּען זֵיי אוֹיךְ בֶּעטְרַאכְט וִוי דִי בֶּעסְטֶע אוּנ נוּצְלִיכְסְטֶע אַיינְוָואהנֶער. דֶער צְוֵוייטֶער אַל־מוֹרַאבִידִישֶׁער כַּלִיף עַלִי הָאט דִי יוּדֶען גֶעגֶעבֶּען שְׁטֶעללֶען: זַיין לַייבּ־דָאקְטָאר אִיז גֶעוֶועהן אַ יוּד: אֵיינֶער פוּן דִי בֶּערִיהמְטֶע דִיכְטֶער אַבּוּ־אַיוּב שְׁלֹמֹה אַלְמוּלַאם פוּן שִׁיבִילָה. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ אַ יוּדִישֶׁען יוֹעֵץ,

אויך אַדָאקְטָאר, אַבּוּל־חַסַאן אַבְרָהָם בֶּן מֵאִיר אִבְּן־קַמְנִיאֵל פון סַאַרַ־
גוֹסַה. אִין דֶער צַייט הָאט אויך גֶעדִיעֶנְט בַּיי אֵיינֶעם פון דִי קְרִיסְטְלִיכֶע קֶאנִינֶע
אַ גְרוֹיסֶער מַאנְן שְׁלֹמֹה אִבְּן־פַּרוּצַל, וָואס אִיז גֶעהַרְגֶ׳ט גֶעוָוארֶען אִין אַמִלְחָמָה
אוּנ וָואס זַיין טוֹיט הָאט ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי בֶּעוֵויינְט אִין אַפַייעֶרִינֶער קִינָה. פון
אַנְדֶערֶע בֶּערִיהְמְטֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט, מוּז מֶען דֶערְ־
מָאנֶען ר׳ אַבְרָהָם בַּר׳ חִיָיא אַלְבַּרְגֶ׳לוֹנִי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן מִינִיסְטֶער בַּיי
אֵיינֶעם פון דִי מַחְמַדַנִישֶׁע מוֹשְׁלִים, אוּנ אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דֶער גְרֶאסְטֶער
חָשׁוּב צוּ לִיעבּ זַיין חָכְמָה, אוּנ ר׳ יוֹסֵף אִבְּן־מִיגַאשׁ, אֵיינֶער פון אַלְפַסִי׳ס
תַּלְמִידִים, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר׳ן גְרֶאסְטֶען רַב אוּנ אִיז זַיין גַאנְץ
לֶעבֶּען גֶעוֶועהן פָארְשְׁטֶעהֶער פון דֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָּה אִין לוּצֶענַא (אַלִיטַאנַה)
ר׳ יוֹסֵף אִבְּן מִיגַאשׁ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַפְּרוּמֶען זוּהן ר׳ מֵאִיר אוּנ וֶועהר
פִיעל תַּלְמִידִים, צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ בֶּעזָאנְדֶערְס אַרוֹיסְגֶעוֶועהן מַיְמוּן,
דֶעם רמב״ם׳ס פָאטֶער.

אִין דֶער צַייט הָאבֶּען זִיךְ אויך צְווִישֶׁען יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען פִיעל דִיכְטֶער,
(מְלִיצִים) וָואס הָאבֶּען נָאכְגֶעטְהוּן דִי אַרַאבֶּער אוּנ הָאבֶּען אויך אויף לָשׁוֹן
קֹדֶשׁ גֶעמַאכְט שֶׁאנֶע שִׁירִים. בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעקַאנְט זֶענֶען נָאר דִי נָאהמֶען פון
משֶׁה אִבְּן עֶזְרָא, יְהוּדָה אִבְּן־גִיאַת, יְהוּדָה אִבְּן־עֶבְּבַּאס אוּנ שְׁלֹמֹה
אִבְּן צַאקְבֶּעל. זֵייעֶרֶע שִׁירִים הָאבֶּען אָבֶּער קֵיין שׁוּם וֶוערְט נִיט פַאר דִי
יוּדֶען אוּנ אֲפִילוּ אִבְּן־צַאקְבֶּעל׳ס סֵפֶר „תַּחְכְּמוֹנִי״ אִיז מֶעהר נִיט וִוי אָנְגֶעשְׁרִי־
בֶּען אִין אַשֶׁאנֶער הֶעבְּרֶעאִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע, אָבֶּער דֶער אִינְהַאלְט אִיז גַאנְץ וַוייט
פוּנ׳ם יוּדִישֶׁען הַאֶרֶץ. דָארְט בֶּעשְׁרַייבְּט דֶער מְחַבֵּר וִוי אֵיינֶעם, וָואס הָאט
אִין דִי יוּנְגֶע יָאהְרֶען גֶעלֶעבְּט אַלֵיין אָהן גוּטֶע פְרַיינְד, הָאט זִיךְ פֶערְגְלוּסְט
אויף דֶער אֶלְטֶער צוּ זוּכֶען גוּטֶע בְּרִידֶער אוּנ מִיט זֵיי פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט,
אוּנ וִוי עֶר הָאט מִן הַסְתָּם אויף יֶעדֶען שְׁרִיט גֶעפוּנֶען נָאר פַאלְשְׁקַייט אוּנ
אָבְּנַארֶעַיי. אוּנ דָאס אִיז שׁוֹין דָאס בֶּעסְטֶע וָואס דִי דִיכְטֶער פון יֶענֶער צַייט
הָאבֶּען גֶעשֶׁענְקְט דֶער וֶועלְט.

אַ גַאנְץ אַנְדֶער וֶוערְט הָאט אָבֶּער גֶעהַאט ר׳ משֶׁה אִבְּן עֶזְרָא, וָואס
אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִים יַאהר 1070 אוּנ אִיז פִיעל הֶעכֶער גֶעשְׁטַאנֶען פון
אַנְדֶערֶע יוּדִישֶׁע דִיכְטֶער וָואס הָאבֶּען דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט. זַיין פָאטֶער ר׳ יַעֲקֹב,
הָאט פֶערְנוּמֶען וֶועהר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע בַּיים קֶאנִיג חַאבּוּס, וֶוען דִי מְלוּכָה
הָאט גֶעפִיהְרְט ר׳ שְׁמוּאֵל הַנָגִיד; זַיין יִחוּס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פון דָוִד הַמֶלֶךְ.
ר׳ יַעֲקֹב׳ס אַלֶע פִיער זִיהְן זֶענֶען גֶעוֶועהן וֶועהר גֶערָאטְהֶען, נָאר מֶעהר הָאט

זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גייסט ר׳ משה אבן עזרא. ער האט אָבער קיין מזל ניט געהאַט אונ פון די פריהערסטע יאָהרען האָט איהם דאס אונגליק געיאָגט. מען קאָן זאָגען אַז אויף איהם איז כּמעט געפאַלען דער איינענער גורל וואָס אויף ר׳ שלמה אבן־גבירול אונ זיי ביידען איז בּעשערט געוועהן צו ליידען דאס גאַנצע לעבען פון קנאה אונ שׂנאה. אבן־עזרא׳ס לאַנגע איז נאָך ערגער געוועהן, וועיל ער האָט געהאַט שׂונאים טאַקי אין זיין איינענער משפּחה אונ צום ערשטען האָט ער געמוזט פון זיי אַנטלויפען. אַז ער איז געוועהן נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, האָט ער זיך פערליעבּט אין זיין עלטערן ברודער׳ס טאָכטער, נאַר אַבּוּ איבּרהים יצחק איז ניט בּעשטאַנען אויף דעם שידוך אונ די יינגערע צוויי בּרידער אַבּוּ־חסאן יהודה אונ אַבּוּ־האַג׳גאַג יוסף זענען אויך געוועהן דאגעגען. פאַר צרות איז אבן עזרא אַוועק פון דער היים אונ האָט זיך אַלאַנגע צייט אומגעוואָנעלט איבּער פּאָרטוגאַל אונ קאַסטיליען, אונ אַז ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין רוה האָט ער זיך ענטשלאָסען צו פאַרגעסען דעם איינציגען וואונש וואָס איז איהם געווען געבּליבּען נאָר אין דער יוגענד, אונ זוכען זיין טרייסט נאָר אין לערנען. ער האָט אָנגעשריבּען עטליכע ספרים אויף אַראַבּיש אונ פון איהם זענען אויך געבּליבּען העבּראַישע שירים מיט דעם נאָמען „העֲנָק” אָדער „תַּרשׁיש”. איין נוטען פריינד האָט ער יאָ געהאַט, דאס איז געוועהן דער בּעריהמטער ר׳ אַבְרָהָם בּן מאיר אבן קמניאל וואָס האָט איהם געשיצט; נאָר די איינציגע פריינדשאַפט האָט איהם ניט געקאָנט פאַרהיילען די אַללע וואונדען אונ ער איז אים יאָהר 1139 געשטאָרבּען עלענד אונ דערוואַייטערט פון מענשען, נאָר זיינע אינוועניגסטע צרות האָט ער אויסגעגאָסען אין זיינע בּעריהמטע שירים.

נאָר גרעסער פון אַללע דיכטער איז געוועהן אַבּוּל־חַסַאן יהודה בּן שמואל הלוי, וואָס איז געבּאָרען געוואָרען אים יאָהר 1086 אונ האָט אין דער יודישער געשיכטע איבּערגעלאָזט אַ גרויס ליכט וואָס וועט קיין מאָל ניט פערלאָשען ווערען בּיז איין יודיש האַרץ וועט נאָך אַ קרעכץ טהון בּיי זיינע קינות, בּיז איין יודיש אויג וועט נאָך אַ טרער לאָזען בּיי זיינע ציון׳ס. ר׳ יהודה הלוי האָט געלערנט אין דער ישיבה פון אלפסי אין לוצענא (אַליסאַנה) אונ נאָך אין די קינדערשע יאָהרען האָט זיך שוין אַרויסגעוויזען וואָס פאַר אַ גרויסער גייסט אין איהם איז פערבּאָרגען. אַז ער איז בּעקאַנט געוואָרען מיט ר׳ משה אבן עזרא אונ איז געוואָהר געוואָרען ווי גרויס זיינע יסורים זענען פון ליעבּע, האָט ער איהם געטרייסט מיט טהייערע שירים אונ פון זיין עדלער

װעלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פַייעֶרִינֶע נֶעפִיהלֶע. אַז עֶר אִיז אֶלְטֶער גֶעװָארֶען אוּנ הָאט נֶעמוּזְט לֶעבֶּען פוּן מֶעדִיצִין, אִיז אִיהם דִי פַּרְנָסָה נִיט גֶעפֶאלֶען אוּנ עֶר הָאט זַיינֶע גַאנְצֶע יָאהרֶען פֶערְבְּרַאכְט נָאר מִיט לֶערְנֶען אוּנ שְׁרַייבֶּען אַרַאבִּישׁ אוּנ הֶעבְּרֶאִישׁ. נָאר דֶעם רַייכֶען קְוַואל פוּן לִיעבֶּע, װָאס אִיז פֶערְבָּארְגֶען גֶעװֶעהן אִין זַיין הַארְץ, הָאט עֶר אִין גַאנְצֶען אַװֶעקְגֶעשֶׁענְקְט זַיין פָאלְק אוּנ זַיין אֱמוּנָה. אַז מֶען הָאט אִיהם פוּן אַללֶע זַייטֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרֶעגֶען שַׁאֲלוֹת װֶעגֶען דֶעם יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען אִין פֶערְגְלַייךְ מִיט אַנְדֶערֶע רֶעלִיגְיָאנֶען, הָאט עֶר אוֹיף אַללֶע קוּשְׁיוֹת גֶעאֶנְטְפֶערְט אֵיין תֵּירוּץ, אוּנ הָאט אוֹיף אַרַאבִּישׁ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַיין בֶּערִיהמְט סֵפֶר „הַכּוּזָרִי“ װָאס ר׳ יְהוּדָה אִבְּן־תִּבּוּן הָאט דֶערְנָאךְ אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ. דִי מַעֲשֶׂה װָאס יוֹסֵף, דֶער לֶעצְטֶער חַאזַארִישֶׁער מֶלֶךְ הָאט בֶּעשְׁרִיבֶּען אִין זַיין בְּרִיעף צוּ חִסְדָאִי אִבְּן־שַׁפְּרוּט, הָאט ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי אוֹיסְגֶעקְלוֹיבֶּען פַאר אַ אִינְהַאלְט צוּ זַיין סֵפֶר אוּנ בֶּעשְׁרַייבְּט װָאס פַאר אַ מַחֲשָׁבוֹת עֶס הָאבֶּען אַרוֹיפְגֶעפִיהרְט דֶעם קֶאנִיג בּוּלַאן עֶר זָאל זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן עֲבוֹדָה זָרָה אוּנ אָנְהֵייבֶּען זוּכֶען אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה. אִין דִי שַׁאֲלוֹת װָאס דֶער מְחַבֵּר לֶעגְט אַרַיין אִין מוֹיל פוּן דֶעם חַאזַארִישֶׁען מֶלֶךְ, אִין דֶעם וִכּוּחַ װָאס דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן אַללֶע דְרַיי רֶעלִיגְיָאנֶען הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעהַאט, זֶעהט מֶען מִיט װָאס פַאר אַ שֵׂכֶל ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ זַיין אַרְבַּייט, אוּנ אוֹיב אִין אֱמוּנָה־זַאכֶען גֶעשִׁיקְט זִיךְ רֶעדֶען פוּן בֶּעוַוייזֶע — וַוייל דֶער גְלוֹיבֶּען אִיז מֶעהר נָאהֶענְטֶער צוּם גֶעפִיהל װִי צוּם שֵׂכֶל — קָאן מֶען זָאגֶען, אַז אִין זַיין סֵפֶר בֶּעוַוייזְט עֶר מִיט אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים דָאס רֵיינְקַייט פוּנ׳ם יוּדֶענְטְהוּם. נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן זַיין אִיבֶּערְגֶעבֶּענְהַייט צוּ דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה אִיז גֶעװֶעהן זַיין לִיעבֶּע צוּ זַיין פָאלְק, אוּנ װָאס מֶעהר אֶלְטֶער עֶר אִיז גֶעװָארֶען הָאט זִיךְ אִין אִיהם אַלְץ מֶעהר צוּבְּרֶענְט דֶער חֵשֶׁק צוּ זֶעהן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בֶּעטְרַאכְטֶען דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד, וואוּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען דֶער אַלְטֶער יוּדִישֶׁער יִחוּס, בֶּעוואוּנְדֶערְן דָאס װִיגֶעלֶע פוּן דֶער יוּדִישֶׁער נַאצִיָאן. אוּמְזִיסְט הָאבֶּען גֶעזוּכְט זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ תַּלְמִידִים אִיהם אָבְּהַאלְטֶען פוּן דֶעם גֶעדַאנְק אוּנ דֶערְוַוייזֶען, אַז בַּיי דִי אֶלְטֶערֶע יָאהרֶען אִיז שְׁװֶער צוּ מַאכֶען אַזָא וַוייטֶע נְסִיעָה, ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי הָאט אָבֶּער פוּן קֵיין זַאךְ נִיט גֶעװָאלְט הֶערֶען, אוּנ אִים יַאהר 1141 אִיז עֶר אוֹיף אַ שִׁיף אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען קֵיין מִצְרַיִם. אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז עֶר אַרוּמְגֶעשְׁווּאוּמֶען אוֹיפ׳ן יַם, נִיט אֵיין מָאל אִיז זַיין לֶעבֶּען גֶעװֶעהן אִין סַכָּנָה, עֶר הָאט אָבֶּער אַלְדִינְג אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען, אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פֶערְטְרַאכְט אוֹיפ׳ן שִׁיף אוּנ זַיינֶע פֶערְגְלָאצְטֶע

אוּנגֶען הָאבֶּען גֶעקוּקְט ..קיין מִזְרַח זַייט, אִיז בַּיי אִיהם דֶער גְרֶאסְטֶער וֶועהְטִיג
גֶערֶעכֶענְט גֶעוָוארֶען וִוי אַתַּעֲנוּג, דִי רוּיִשֶׁענְדֶע חְוַואלֶעס הָאט עֶר בֶּעטְרַאכְט
וִוי הִימְלִישֶׁע מַלְאָכִים וָואס טְרָאגֶען אִיהם אַרִיבֶּער אוֹיף זַייעֶרֶע פְלִיעגֶעל צוּ
זַיין צִיעל. עֶרְשְׁט פַאר סֻכּוֹת אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען ..קיין אַלֶכְּסַנְדְרִיעֶן, אוּנ דִי
יוּדִישֶׁע קְהִלָּה הָאט אִיהם אַרַיינְגֶענוּמֶען מִיט כָּבוֹד, וִוי עֶס שְׁטֶעהְט אָן אַזַא
אוֹרֵחַ. דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי אַלֶכְּסַנְדְרִינִישֶׁע יוּדֶען, ר׳ אַהֲרֹן בֶּן צִיוֹן
אִבְּן־אַלֶעמַאנִי, וָואס אִיז גֶעוֶועהן רַב אוּנ דָאקְטָאר, הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט
אָבְּרַייסֶען פוּן ר׳ יְהוּדָה הַלֵּוִי, וָואס הָאט גֶעמוּזְט בַּיי אִיהם בְּלַייבֶּען דְרַיי
חֳדָשִׁים אוּנ דֶערְנָאךְ אִיז אִיהם אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶועהן זִיךְ צוּ שֵׁיידֶען. דָאס
אֵיינֶעגֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהן אִין דֶער שְׁטָאדְט דַאמִיאֶט, וַוייל זַיין פְרַיינְד
אַבּוּ סַעִיד בֶּן חַלְפָן הַלֵּוִי הָאט אִיהם אוֹיךְ פֶערְהַאלְטֶען אַלַאנְגֶערֶע צַייט.
פוּן דָארְט הָאט עֶר נָאךְ גֶעמוּזְט אַרַיינְפָאהרֶען ..קיין קַאהִירָה צוּם בֶּערִיהְמְטֶען
יוּדִישֶׁען פִירְשְׁט אַבּוּ מַאסְנוּר (מַאנְסוּר) שְׁמוּאֵל בֶּן חֲנַנְיָה, וָואס הָאט
פֶערְנוּמֶען בַּיים כַּלִיף דִי גְרֶאסְטֶע שְׁטֶעללֶע אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דֶעם טִיטֶעל
„נָגִיד". אַבּוּ־מַאסְנוּר הָאט אִיהם אַזוֹי גִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אַוֶועקְלָאזֶען אוּנ הָאט
אִיהם אִיבֶּערְהוֹיפְּט גֶערַאטְהֶען צוּ בְּלַייבֶּען דָארְט אוּנ זִיךְ בֶּעזְנִיגֶען מִיט מִצְרַיִם,
וָואס אִיז אוֹיךְ אַלַאנְד, וואוּ גָאט הָאט מִיט דִי יוּדֶען גֶעטְהוּן זֶעהר פִיעל וואוּנ־
דֶער; נָאר ר׳ יְהוּדָה הָאט אִיהם דַארוֹיף גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז אִין מִצְרַיִם הָאט זִיךְ
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל בֶּעוִויזֶען צוּ זַיין פָאלְק אוּנ פַּאלֶעסְטִינַא
הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פַאר אַמִשְׁכָּן וואוּ עֶס רוּהְט שְׁטֶענְדִיג דִי שְׁכִינָה. מִיט
גְרוֹיס מִיה הָאט עֶר זִיךְ טַאקִי אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ הָאט
זִיךְ גֶעפִיהלְט נָאר גְלִיקְלִיךְ, אַז עֶר הָאט פוּן דֶערְוַוייטֶענְס דֶערְזֶעהן יְרוּשָׁלַיִם.
אַקוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז אוֹיךְ אַרַיינ־
גֶעפָאהרֶען אִין דַמֶשֶׂק, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן שְׁטִיל אִין לַאנְד, אוּנ
דָאס פַייעֶר פוּנ'ם קְרַייצְצוּג אִיז אַבִּיסֶעל גֶעלָאשֶׁען גֶעוָוארֶען. נָאר וִוי אַזוֹי דֶער
סוֹף זַיינֶער אִיז גֶעוֶועהן, וֶוען אוּנ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, ווייסְט מֶען נִיט.
עֶס וֶוערְט דֶערְצֶעהלְט: אַז אַרַייטֶער הָאט אִיהם מִיט זַיין פֶערְד צוּטְרָאטֶען
וֶוען עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען פַארְטְרַאכְט אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער פַּאלֶעסְטִינִישֶׁער עֶרְד אוּנ
הָאט בֶּעוֵויינְט דִי גֶעוֶועזֶענֶע הַיים פוּן זַיין פָאלְק. נָאר הָאטְשׁ זַיין גוּף אִיז
פַארְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען אִיז זַיין נָאהמֶען אוֹיף עֶבִּיג גֶעבְּלִיבֶּען צְווִישֶׁען יוּדֶען:
יֶעדֶען תִּשְׁעָה בְּאָב פַארְגִיסְט מֶען טַייכֶען טְרֶערֶען בַּיים לֵיינֶען פוּן זַיינֶע קְלָאגֶ־
לִידֶער אוּנ צְווִישֶׁען דִי זִיסֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן פַארְצַייטֶענְס שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶעדֶען יוּדֶען

פַאר דִי אוֹיגֶען דָאס הֵיילִיגֶע בִּילְד פוּן ר׳ יְהוּדָה הַלֵוִי דֶער מָקוֹר פוּן לִיעבֶּע אוּנ טְרַייֶע צוּם יוּדִישֶׁען פָאלְק אוּנ צוּ זַיין אֱמוּנָה.

---

4 דֶער צְוֵייטֶער קְרַייצְצוּג אוּנ דִי עֶרְשְׁטֶע בְּלוּט־בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג גֶעגֶען דִי יוּדֶען.

(1146—1171 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

פוּנְקְט וְוִי דִי יוּדֶען אִיז גוּט גֶעוֶועהן אִין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה הָאבֶּען בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיהט, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר לַאגֶע גְלֶאנְצֶענְד גֶעוֶועהן אִין פְרַאנְקְרַייךְ אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער הֶאלְפְט פוּנ׳ם צְוֶועלְפְטֶען יָאהר־הוּנְדֶערְט אוּנְטֶער דֶער מְלוּכָה פוּן דִי קֶאנִיגֶע לוּאִי (לוּדְווִיג) דֶעם זֶעכְּסְטֶען אוּנ דֶעם זִיבֶּעטֶען. דֶער גַאנְצֶער מִסְחָר פוּן וַויין, תְּבוּאָה אוּנ אַנְדֶערֶע פְּרָאדוּקְטֶען הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען בַּיי זֵיי אִין דִי הֶענְד; כִּמְעַט אַ הַאלְבֶּע שְׁטָאדְט פַּארִיז אִיז גֶעוֶועהן בֶּעזֶעצְט מִיט יוּדֶען, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט אַ סַךְ פֶעלְדֶער אוּנ וַויינְגֶארְטְנֶער, וָואס זֵיי הָאבֶּען אַלֵיין בֶּעאַרְבֵּייטֶעט אָדֶער גֶעהַאלְטֶען דֶערְצוּ קְרִיסְטְלִיכֶע קְנֶעכְט. יֶעדֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה הָאט זִיךְ גֶעפִיהרְט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער דֶער הַשְׁגָּחָה פוּן אַ בֶּעזוּנְדֶער מַנְהִיג וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען פְּרֶעוָוא (Prevöt), אוּנ וָואס דִי קְהִלָּה פְלֶעגְט אִים אוֹיסְקְלַייבֶּען אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט נָאר בֶּעדַארְפְט אִיהר הַסְכָּמָה בַּארוּיף גֶעבֶּען. יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיךְ פֶערְנוּמֶען גוּטֶע שְׁטֶעלֶען אִין לַאנְד אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע יוּדִישֶׁע לוֹמְדִים, רַבֵּינוּ יַעֲקֹב בֶּן מֵאִיר, אָדֶער וְוִי מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען רַבֵּינוּ תָּם, אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב אִין קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיף.

בַּיי אַזַא וָואהלֶען מַעֲמָד הָאבֶּען דִי פְרַאנְצֶעזִישֶׁע יוּדֶען זִיךְ גֶעקָאנְט נָאךְ מִיט מֶעהר הֵישֶׁק נֶעהמֶען צוּ דֶער גְרוֹיסֶער אַרְבֵּייט, וָואס רַשִׁ״י הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוּנ זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען עֶס טַאקִי וַוייט גֶעבְּרַאכְט. דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי בַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת, וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דֶערֶךְ פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶען רֶבִּי׳ן, אוּנ הָאבֶּען מִיט חֲרִיפוּת אוֹיסְגֶעגְלַייכְט דִי מֵיינוּנְגֶען פוּנ׳ם תַּלְמוּד מִיט דֶעם גַייסְט פוּן דֶער צַייט. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער גֶעוָואלְט אַז דֶער עִיקָר זָאל בְּלַייבֶּען רַשִׁ״יס פֵּירוּשׁ, אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי גֶערֶעכֶענְט זֵייעֶר אַרְבֵּייט נָאר וְוִי אַ צוּגָאבּ, אוּנ הָאבֶּען זִי גֶערוּפֶען תּוֹסְפוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע בַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת זֶענֶען גֶעוֶועהן רַשִׁ״יס אֵיידֶעמְ׳ס: ר׳ מֵאִיר בֶּן שְׁמוּאֵל פוּן רוּמְבּוּרְג אוּנ ר׳ יְהוּדָה בֶּן נָתָן (הָרִיבָ״ן), זַיינֶע דְרַיי אֵיינֶעקְלֶעךְ, יִצְחָק (הר״י הַזָּקֵן), שְׁמוּאֵל (רַשְׁבַּ״ם), אוּנ יַעֲקֹב תָּם אוּנ אַ וַוייטֶער קָרוֹב רַשִׁ״יס פוּן שְׁפַּייעֶר ר׳ יִצְחָק בֶּן אָשֵׁר הַלֵוִי

(הָרִיבָ"א). פון רש"י'ס אֵיינֶעקְלֶעךְ אִיז מֶעהר בֶּערִיהמְט ר' שְׁמוּאֵל בֶּן מֵאִיר מִיט זַיין אָבְּגֶעקִירְצְטֶען נָאהמֶען רַשְׁבַּ"ם: עֶר הָאט נָאךְ פַאר'ן זַיידֶענְס לֶעבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט אִיהם אִין פִיעל עִנְיָנִים, אוּנ רש"י הָאט אִיהם גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין, אַז וֶוען עֶר וָאל שׁוֹין נִיט זַיין צוּ אַלְט וָואלְט עֶר זִיךְ אַלֵיין גֶענוּמֶען אִיבֶּער־מַאכֶען זַיין פֵּירוּשׁ. פִיעל אֶהנְלִיךְ צוּם רַשְׁבַּ"ם אִיז גֶעוֶועהן ר' יוֹסֵף בֶּן שִׁמְעוֹן קַרָא אוּנ בֵּיידֶע הָאבֶּען מִיט זֵייעֶר טִיפֶען פֶערְשְׁטַאנְד בֶּעפֶעסְטִיגְט דָאס לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה צְווִישֶׁען דִי פְרַאנְצֶאזִישֶׁע יוּדֶען, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אַ פִינְסְטֶע־רֶער וָואלְקֶען אוּיפ'ן מַזָל פוּן דִי יוּדֶען, אוּנ צוּ לֵיעבּ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט פַארְגֶעסֶען אָן אַלֶעמֶען וָואס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶועהן טֵהייעֶר אוּנ הֵיילִיג.

פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעקוּמֶען אַ גֶעשְׁרֵיי וֶוענֶען הִילְף: דָאס הָאבֶּען דִי קְרִיסְטֶען וָואס הָאבֶּען שׁוֹין דָארְט רוּהִיג גֶעלֶעבְּט נָאךְ דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְרֵייצְצוּג, גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים קַיין אֵייראָפַּא אוּנ הָאבֶּען מוֹדִיעַ גֶעוֶועהן אַז דֶער טֶערְקִישֶׁער גִבּוֹר נוּרְדִין הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק רוֹדֵף'ן אוּנ אַז מֶען זָאל זִיךְ בַּאלְד אָנְנֶעהמֶען פַאר זֵיי. דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַ פְרִישֶׁער פוּנְק פוּנ'ם אַלְטֶען פַייעֶר, וָואס אִיז נָאךְ נִיט אִין גַאנְצֶען אוּיסְגֶעלָאשֶׁען גֶעוָוארֶען: דִי גַייסְטְלִיכֶע פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ פְרַאנְקְרֵייךְ הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאפְּט אוּיפ'ס נַיי דַרְשׁ'נֶען וֶועגֶען דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער לַאגֶע פוּן דִי סִירִישֶׁע קְרִיסְטֶען אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹי־בֶּען דֶער צְוֵוייטֶער קְרֵייצְצוּג מִיט'ן אַלְטֶען אַכְזָרִיוּת אוּנ מִיט דִי נַייעֶ לֵיידֶען פַאר דִי יוּדֶען, וָואס צוּ זֵיי הָאט מֶען גֶעהַאלְטֶען פַאר דֶער עֶרְשְׁטֶער מִצְוָה אוּיסְצוּ־לָאזֶען דִי פֶערְבִּיטֶערְטֶע הֶארְצֶער.

דֶער קֶאנִיג לוּדְווִיג דֶער זִיבֶּעטֶע פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ אוּנ דִי קֶאנִיגֶען עֶלֶעאָנָארֶע מִיט אַלֶע אִיהרֶע הוֹיף־דַאמֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן דִי עֶרְשְׁטֶע, וָואס הָאבֶּען מִיט'ן קְרֵייץ אִין דֶער הַאנְד זִיךְ גֶעלָאזְט גֶעהן נֶעגֶען דִי שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קִירְכֶע. דֶער בֶּערִיהמְטֶע גַייסְטְלִיכֶער בֶּערֶנְהַארְד פוּן קְלֶאירְבָא הָאט מִיט זַיינֶע פַייעֶרִיגֶע דְרָשׁוֹת אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט דָאס פָאלְק אוּנ פוּן אַלֶע זַייטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעיָאגְט מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ הֵיילִיגֶען חוֹב אַ חֵלֶק צוּ הָאבֶּען אִין אַזַא מִלְחָמָה. דֶער פַאפְּסְט אֵייזֶשֶׁענִיוּס (אַבְּנִינוּס) דֶער דְרִיטֶער הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָא הָאט מֶען זֶעהר אַ נוּטְשֶׁע גֶעלֶעגֶענְהַייט זִיךְ אָבְּ־צוּרֶעכְנֶען מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ עֶר הָאט מַתִּיר גֶעוֶועהן אַלֶע וָואס גֶעהן אִין קְרֵייצְצוּג נִיט צוּ צָאהלֶען זֵייעֶרֶע חוֹבוֹת דִי יוּדֶען. דֶערְצוּ הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ גַייסְטְלִיכֶער, פֶּעטֶער דֶער פְרוּמֶער, וָואס הָאט גֶעוָואלְט זַיין נָאךְ מֶעהר מַחְמִיר פוּנ'ם פַאפְּסְט אוּנ הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען דֶעם קֶאנִיג אַיינְרֶעדֶען אַז דִי

יודען וועגען די ערנסטע איינוואהנער פונ'ם לאנד, אז זיי זענען פול מיט עבירות, אז צונעהמען ביי זיי דאס פארמעגען אונ עס פארוועגדען אויף אזא טהייערע זאך ווי דער קרייצצוג, איז די שאנסטע מצוה, אז די יודען האבען גאר קיין איינען געלד ניט, אלדינג האבען זיי געגנב'ט אונ געגזל'ט, אונ אז עס איז גאנץ גערעכט פאר זיי ווען מען וועט זיי שענקען דאס לעבען. דער פרומער גייסט־ליכער בערנהארד איז אפילו ניט צופרידען געוועהן פון דעם פאפסט'ס היתר אונ האט עס ביי זיך אין הארצען גערעכענט פאר א גרויסע עולה, נאר געגען דעם רצון פונ'ם פאפסט האט ער ניט געטארט אפענען קיין מויל. דער קעניג איז אבער מעהר ניט בעשטאנען ווי אויף דעם בעפעהל פונ'ם פאפסט וועגען יודישע חובות, אונ דעם ערשטען קלאפ האבען געכאפט די רייכע יודען, וואס זייער געלד איז פערפאלען געווארען; די ארעמע יודען האט מען געלאזט צו רוה אונ די מלוכה איז ניט מרוצה געווארען מען זאל זיי לאזען ראבעווען. דאס האבען זיי געהאט צו פערדאנקען דעם קעניג אליין אונ די גוטע עצות פון זיינע מיניסטער אונ די גייסטליכע סוגער אונ בערנהארד, וואס האבען בשום אופן ניט געוואלט אז גזלה אונ רציחה זאלען זיך רעכנען פאר מעלות.

אין דייטשלאנד האבען זיך אבער ניט געפונען אזעלכע גייסטליכע, וואס זאלען האבען גאטט אין הארצען, אונ דארט איז שוין די סכנה געוועהן גרע־סער. דער קייזער קאנראד דער דריטער איז געוועהן צו שוואך ער זאל קאנען שיצען די יודען, וואס האבען זיך נאך ניט ערהאלט פון די פריהעריגע מכות אונ ביי די איבריגע איינוואהנער איז געווארען גאר א איבערקעהרעניש: פונקט ווי פריהער האבען זיי די יודען אבגעהיט פון פרעמדע רוצחים, זענען זיי איצונד אליין געווארען זייערע שונאים אונ האבען מיט אייגענע הענד זיי געוואלט אבשינדען די הויט. דערצו האט זיך אנגעהויבען ארומדרעהען אין לאנד א פראנצאזישער מאנאך רודאלף וואס איז געוועהן זעהר א בעריהמטער דרשן אונ האט פערשטאנען ווי אזוי אונטערצוהיצען דאס פאלק אונ זיי בעווייזען אז דער קרייצצוג מוז זיך אנהייבען פון די יודען. ווער ווייסט ווי שרעקליך די הריגה וואלט געוועהן, ווען דער קייזער קאנראד פערזארגט זיי ניט אונ ניט זיי ניט אב די גאנצע שטאדט נידנבורג אונ נאך עטליכע פעסטונגען, וואו זיי האבען געקאנט זיצען רוהיג אונ ניט מורא האבען פאר אנפאלען. דער קייזער האט זיך אפילו געפרובט בעטען די גראפען זיי זאלען אויך שיצען די יודען פון זייערע שטאדט אונ דארפער, נאר ווי עס ווייזט אויס, האט מען איהם וועניג געהערט. דער ערשטער יודישער קרבן איז געפאלען אים יאהר

1176: דָאס אִיז גֶעוֶועהן אֵיינֶער פוּן דִי לוֹמְדִים פוּן טְרִיעֶר, וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען ר׳ שִׁמְעוֹן הַחָסִיד (דֶער פְרוּמֶער). עֶר אִיז גֶעפָאהְרֶען פוּן עֶנְגְ־ לַאנְד אַהֵיים אוּנ הָאט זִיךְ בֶּעדַארְפְט אִין קֶעלְן אוֹיפְזֶעצֶען אוֹיף אַ שִׁיף, נָאר פּוּנְקְט דֶעמָאלְט וֶוען עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף, אִיז מֶען אוֹיף אִיהם אָנְגֶעפַאלֶען אוּנ מֶען הָאט אִיהם גֶעשְׁלֶעפְּט אִין קִירְכֶע, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעלָאזְט טוֹיפֶען אוּנ דֶערְפַאר הָאט מֶען אִיהם דֶערְהַרְגֶ׳ט. בַּאלְד דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעטֵייטְט אַ יוּדִישֶׁע פְרוֹי מִינְנָא פוּן שְׁפַּייעֶר, וָואס הָאט נִיט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעהְן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם הָאבֶּען זֵיי אִיהר אָבְּגֶעהַאקְט דִי אוֹיעֶרן אוּנ דִי פִינְגֶער פוּן דִי הֶאנְד אוּנ פִים אוּנ זִי הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט טוֹיטֶען אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַ קוּק גֶעטְהוּן אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיטֶען מִיט גֶעלְד אוּנ צָאהלֶען דִי גְרַאפֶען דֶערְפַאר וָואס זֵיי וֶועלֶען זֵיי בֶּעהַאלְטֶען אִין זֵייעֶרֶע פַּאלַאצֶען אוּנ פֶעסְטוּנְגֶען. דֶער קַארְדִינַאל אַרְנָאלְד פוּן קֶעלְן, וָואס אִיז גֶעוֶועהן פּוּנְקְט אַזַא אֵיידֶעלֶער מֶענְשׁ וִוי דֶער עֶפִּיסְקָאפּ הֶערְמַאנְן, וֶועלְכֶער הָאט גֶעשִׁיצְט דִי יוּדֶען בַּיים עֶרְשְׁטֶען קְרֵייצְצוּג, הָאט זֵיי אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה גֶעטְהוּן. עֶר הָאט זֵיי אָבְּגֶעגֶעבֶּען דִי פֶעסְטוּנְג וָואלְקֶענְבּוּרְג, אוּנ הָאט זֵיי עֶרְלוֹיבְּט צוּ הָאבֶּען בַּיי זִיךְ כְּלֵי זַיִן. אַוַדַאי צְוִוישֶׁען דִי פִיער וֶוענְד וואוּ דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן פֶערְשְׁלָאסֶען, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעפִיהלְט זִיכֶער, נָאר בִּיטֶער אִיז גֶעוֶועהן דִי יֶענִיגֶע, וָואס זֶענֶען גֶעצְווּאוּנְגֶען גֶעוֶועהן צוּ לִיעב פַּרְנָסָה זִיךְ אַרוּמְשְׁלֶעפֶּען אִיבֶּער דֶער מְדִינָה: וִוי בַּאלְד דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע זֶענֶען נָאר אַרֵיינְגֶעפַאלֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן דִי רוֹצְחִים, הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין דֶערְהַרְגֶ׳ט מִיט עִנוּיִם קָשִׁים. בִּיסְלֶעכְוַויים הָאבֶּען אָבֶּער דִי נַייסְטְלִיכֶע אוּנ דִי פִירְסְטֶען פוּן לַאנְד דֶערְפִיהלְט, אַז דָאס, וָואס מֶען שְׁלָאגְט יוּדֶען, אִיז פַאר זֵיי אַלֵיין קֵיין מַעֲלָה נִיט, וַוייל דָאס פָאלְק שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס פוּן דֶער הֶעָזָה, אוּנ וִויל שׁוֹין נָאר קֵיינֶעם נִיט הֶערֶען. אַז דֶער אַרְכִיעֶפִּיסְקָאפּ פוּן מַאיְנְץ הֵיינְרִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר שֵׁנִי לְמַלְכוּת, הָאט בַּיי זִיךְ אִין הוֹיף בֶּעהַאלְטֶען עֶטְלִיכֶע יוּדֶען, הָאבֶּען דִי רוֹצְחִים אֲפִילוּ אוֹיף אִיהם קֵיין כָּבוֹד נִיט גֶעלֵייגְט: וִוי ווִילְדֶע הַיוֹת זֶענֶען זֵיי אַרֵיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין זַיין הוֹיף אוּנ הָאבֶּען פַאר אִיהם אִין דִי אוֹיגֶען דֶערְהַרְגֶ׳ט דִי יוּדֶען. דֶעמָאלְט הָאט דֶער אַרְכִיעֶפִּיסְקָאפּ אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעוֶועהן וִוי גֶעפֶאהְרְלִיךְ דֶער סַם אִיז, וָואס דֶער מָאנַאךְ רוּדָאלְף הָאט אַרֵיינְגֶעלֶעגְט אִין זַיינֶע דְרָשׁוֹת פַאר׳ן פָאלְק, אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען דֶעם פְרוּמֶען בֶּערְנְהַארְד פוּן קְלֶעִירְוָא, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט נָאךְ הֵיילִיגֶער פוּנ׳ם פַאפְּסְט, עֶר זָאל דֶעם רוּדָאלְפ׳ן צוּ רֶעכְט וַוייזֶען. בֶּערְנְהַארְד הָאט בַּאלְד גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפֶען אַז

רוּדָאלְף וָוערְד פֶערְשְׁטְטוֹיסֶען פוּן דֶער קִירְכֶע פַאר זַיינֶע שָׁאנְדְלִיכֶע מַעֲשִׂים, אוּנ הָאט אוֹיךְ צוּשִׁיקְט אוּמֶערוּם בְּרִיעף וָועגֶען דֶעם. דָאס פָאלְק אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוָועהן פוּל מִיט שִׂנְאָה גֶעגֶען דִי יוּדֶען, אוּנ בֶּערְנְהַארְדְ'ס בְּרִיעף הָאבֶּען נָאר נִיט גֶעקָאנְט הֶעלְפֶען. רוּדָאלְף הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ אַרְבַּייטֶען, נָאר זַיין גִיפְט פוּן פְרִיהֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען. דָער פְּרוֹמֶער בֶּערְנְהַארְד הָאט זִיךְ דַארִיבֶּער עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַלֵיין אַרוּמְפָאהרֶען אוּנ וַוייזֶען דָאס פָאלְק, אַז דֶער קְרַייצְצוּג מֶאג טַאקִי זַיין בַּיי זֵיי הֵיילִיג, נָאר זֵיי דַארְפֶען שְׁטִילֶען דֶעם כַּעַס אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יוּדֶען, וָואס נִיט זֵיי קָאן מֶען רֶעכְנֶען פַאר שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קִירְכֶע. אוּמְזִיסְט אִיז אָבֶּער גֶעוָועהן בֶּערְנְהַארְדְ'ס מִיה: טַאקִי בַּאלְד אוּם וִוינְטֶער פוּנ'ם יָאהר 1147, אִיז מֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן וִוירְצְבּוּרְג, מֶעהר פוּן צְוַואנְצִיג יוּדֶען זָענֶען דֶערְהַרְגֶע'ט גֶעוָוארֶען אוּנ צְוִוישֶׁען זֵיי הָאט אוֹיךְ מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּצָאהלְט דֶער רַב ר' יִצְחָק בֶּן אֶלְיָקִים וָועלְכָען זֵיי הָאבֶּען טוֹידְט גֶעשְׁלָאגֶען אוֹיף זַיין סֵפֶר וָואס עֶר הָאט בִּיז דָער לֶעצְטֶער מִינוּט גֶעלֶערְנְט. דִי צָאהל פוּן דִי הֲרוּגִים וָואלְט גֶעוִויס גֶעוָועהן גְרֶעסֶער, נָאר דָאס גְלִיק אִיז גֶעוָועהן וָואס דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען פִּיעל פוּן דִי צוּהַרְגֶ'טֶע אוּנ צוּשְׁלָאגֶענֶע גֶערֶעכֶענְט פַאר טוֹיט, אוּנ אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ דֶערְנָאךְ אוֹיפְגֶעהַאפְּט אוּנ גוּט הָארְצִיגֶע קְרִיסְטֶען הָאבֶּען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוֹת גֶעהַאט אוּנ זֵיי גֶעהָאלְפֶען קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, הָאט זֵיי דָער גוּטֶער עֶפִּיסְקָאפּ פוּן וִוירְצְבּוּרְג אַוָועקְגֶעפִיהְרְט אִין אַ נָאהֶענְטֶע פֶעסְטוּנְג, אוּנ דָארְט זָענֶען זֵיי נִצוֹל גֶעוָוארֶען. אֶרְגֶער אִיז שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים גֶעוָוארֶען דִי לַאגֶע פוּן דִי דַייטְשֶׁע יוּדֶען, וָוען דֶער קֵייזֶער קָאנְרַאד אִיז אַלֵיין צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּם קְרַייצְצוּג: דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין דָאס פָאלְק נִיט גֶעהַאט פַארְוָועמֶען צוּ שָׁאמֶען, אוּנ יוּדִישׁ בְּלוּט הָאט זִיךְ גֶעגָאסֶען נָאר אָהן רַחֲמָנוֹת.

פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אִיז דָאס פַייעֶר גִיךְ אַרִיבֶּער קַיין פְרַאנְקְרַייךְ, אָבֶּער צוּבְּרֶענְט הָאט עֶס זִיךְ נָאר אִין עֶטְלִיכֶע גֶעצֶאהלְטֶע אֶרְטֶער. דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ דָארְט שְׁטַארְק גֶעוָועהְרְט, אוּנ עֶס אִיז דִי רוֹצְחִים זֶעהר שְׁוָוער גֶעוָועהן בַּיי צוּקוּמֶען זֵיי. אִין קַארֶענְטָאן אִיז גֶעוָועהן פָּשׁוּט אַ מִלְחָמָה: דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען גֶענוּג גְבוּרָה, אוּנ דִי שׂוֹנְאִים וָואלְטֶען גֶעמוּזְט אַוֶועקְגֶעהן מִיט נָאר נִישְׁט, וָוען זֵייעֶר צָאהל אִיז נִיט כִּמְעַט הוּנְדֶערְט מָאל גְרֶעסֶער. דֶעמָאלְט אִיז דֶערְהַרְגֶע'ט גֶעוָוארֶען אֵיינֶער פוּן דִי בַּעֲלֵי־הַתּוֹסְפוֹת רַבֵּינוּ פֶּטֶר אַ תַּלְמִיד פוּן רַשְׁבַּ"ם. אִים צְוֵוייטֶען טָאג שָׁבוּעוֹת אִיז דִי בַּאנְדֶע אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן רַאמֶערוּ, זֵיי זָענֶען אַרַיין אִין הוֹיז פוּן דֶעם בֶּערִיהמְטֶען רַבֵּינוּ תָּם, זַיין גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען אָבְּגֶעבְּרַאבֶּעוָועט, אַ סֵפֶר תּוֹרָה צוּרִיסֶען אוּנ אִיהם אַלֵיין הָאבֶּען

זיי געשלעפּט מיט זיך אין פעלד אריין, כּדי זיי זאלען איהם דארט אָנטהון ענוּים קשים. אויפ'ן וועג האט ער בּעגעגענט אַ בּעקאַנטען ריטטער אונ האט איהם געבּעטען ער זאל זיך אָננעהמען פאר איהם; דער ריטטער איז געוועהן אַזוי גוטהערציג, אַז פריהר האט ער זיך מיט דעם אומגליקליכען רבינו יעקב תּם גע- שטעלט דינגען אונ האט מיט איהם אויסגענומען אַ תּנאי, אַז ער מוז איהם שיינקען אַ פערד, דער נאך האט ער איהם אָבּגענומען בּיי די רוֹצחים אונ האט זיי איינגערעדט, אַז ער וועט איהם אַלליין טויטען. אַזוי איז רבינו תּם נצול געוואָרען, אונ דער פרומער בּערנהארד האט בּאלד גענומען אַללע מיטעל צו פארלעשען דאס פייער וואס האט אויסגעבּראָכען נאר אין דריי שטאָדט אונ ווייטער איז עס ניט געגאַנגען.

אין ענגלאַנד האט דער קאניג סטעפהאַן ניט דערלאָזט מען זאל אָנ- רירען די יודען. אין בּאהמען ווידער האבּען זיי שוין געליטען, אונ מעהר פון הונדערט פונפציג יודען האט מען דארט אויסגעקוילעט. אויסגעהיט האבּען זיך נאר די וואס האבּען זיך בּעהאַלטען אין די פעסטונגען, אָדער די וואס זענען לפנים איבּערגעגאַנגען צום קריסטענטהום. דער צווייטער קרייצצוג האט איבּער- הויפּט וויינינגער קרבּנות איינגעשלונגען ווי דער ערשטער, ווייל דאס מאל איז דער ערב־רב ניט געוועהן אַזוי גרויס, אונ די מושלים וואס האבּען אָנגעהויבּען די מלחמה האבּען ניט צוגעלאָזט אַז זייער חיל זאל בּעשטעהן פון לויטער גנבים אונ רוצחים. דערצו האבּען די נייסטליכע געשיצט יודען, אונ עס האט זיך אַפילו צווישען זיי געפונען אַזא גוט הארציגער מענש, וואס האט אַלליין געהאָלפען פיעל פון די, וואס מען האט זיי געצוואונגען צו דער טויפע, זיי זאָלען זיך קאנען אומקעהרען צו זייער אמונה. דער דייטשער קייזער האט זיך אויך אַרויסגע- שטעלט פאר אַ בּעשיצער פון די יודען, נאר דערפון איז אַרויס נאך אַ גרעסערע רעה, ווייל בּיסלעכוויים האט זיך די מלוכה אָנגעהויבּען געוואהנען מיט דעם געדאַנק, אַז די יודען זענען ניט גלייך מיט אַנדערע פעלקער, אַז זיי מוז מען שטאַנדיג אַכּהיטען. די יודען אַלליין זענען בּיי זיך אין די אויגען אויך געפאַלען, מען האט זיי אָנגעהויבּען רופען: „קאמער־קנעכט", אונ אַזוי זענען זיי פון פרייע איינוואָהנער געוואָרען כּמעט אַבּהענגיגע קנעכט מיט נאר קליינע רעכטע אונ זענען געבּליבּען אויף אַזא נידריגער מדרגה בּיז צום סוף פונ'ם אַכטצעהנטען יאהר־הונדערט.

אין דער איינענער צייט, וואס די יודען פון איירופּא האבּען אויסגעשטאַ- נען אַזוי פיעל צרות, האבּען זיך פאר זייערע בּרידער אין אַפריקא אויך אָנגעהויבּען

פִינְסְטֶערֶע מָאן. אַ גֶעוִויסֶער עַבֶּד־אַלַה אִבְּן־תּוּמַרְת הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ נַייעֶם דֶרֶךְ אִין דֶער מַחְמַדַנִישֶׁער אֱמוּנָה, אוּנ הָאט אַרוּם זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט אַ גַאנְצֶען שֵׁבֶט פוּן דִי אַרַאבֶּער, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערוּפֶען „אַלְמוּהַדִים“. נָאךְ זַיין טוֹיט אִיז גֶעוָוארֶען דֶער גַאנְצֶער פִירֶער פוּן דֶעם שֵׁבֶט זַיין תַּלְמִיד עַבֶּד־אַל־מוּמִין, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער שׂוֹנֵא פוּן דִי „אַל־מוּרַאבִּידֶען“, אוּנ הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען בַּיי זֵיי דִי גַאנְצֶע מַאכְט אַרוֹיסְרַייסֶען כְּדֵי עֶר זָאל קָאנֶען מֶעהר בֶּעפֶעסְטִיגֶען זַיין אֱמוּנָה. בִּיסְלֶעכְוַויס הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען פִיעל עֶרְטֶער אִין אַפְרִיקָא בִּיז דִי הוֹיפְּט־שְׁטָאדְט מַארָאקְקָא אִיז אוֹיךְ נִיט אַריינְגֶעפַאלֶען צוּ אִיהם אִין דִי הֶענְד. דָארְט הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה אוּנ עַבֶּד־אַל־מוּמִין הָאט גָאר קֵיין לַאנְגֶע טַעֲנוֹת נִיט גֶעמַאכְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען אוֹיסְקְלֵייבֶּען צְוִוישֶׁען טוֹיט אוּנ דֶעם מַחְמַדַנִישֶׁען גְלוֹיבֶּען. עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶע יְלָלָה, פִיעל זֶענֶען שׁוֹין פֶערְטִיג גֶעוֶועהן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אוּנ מִיט גְרוֹיס מִיה הָאט מֶען בַּיי אִיהם גֶעפּוֹעל'ט עֶר זָאל לָאזֶען דִי יוּדֶען אַרוֹיסְפָאהרֶען אוּנ זֵיי גֶעגֶעבֶּען אַ קְלֵיינֶע צַייט דַארוֹיף. בַּאלְד הָאבֶּען זִיךְ פִיעל פוּן זֵיי אַוֶועקְגֶעלָאזְט קֵיין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ אִיטַאלְיֶען, אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע, וָואס זֶענֶען צוּ שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען גֶעוֶועהן צוּם לַאנְד, הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער בְּרֵירָה נִיט גֶעהַאט אוּנ הָאבֶּען גֶעמוּזְט לְפָנִים זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן יוּדִישְׁקַייט. דָאס אֵיינֶענֶע הָאט עַבֶּד־אַל־מוּמִין גֶעטְהוּן אוֹיךְ מִיט קְרִיסְטֶען. נָאר זֵיי אִיז גְרִינְגֶער גֶעוֶועהן אַוֶועק צוּ פָאהרֶען, וַוייל אוּמֶעדוּם הָאבֶּען זֵיי גֶעפוּנֶען גְלוֹיבֶּענְסְבְּרִידֶער, וָואס הָאבֶּען זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט לִיעבֶּע. דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען וָואס הָאבֶּען זִיךְ קְלָאמֶערְשְׁט גֶערֶעכֶענְט פַאר מַהְמַדַנֶער אִיז גֶעוֶועהן דַוְקָא נִיט שְׁלֶעכְט, וַוייל זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט פְרַיי אָבְּהִיטֶען דִי דִינִים פוּן זֵייעֶר פְרִיהֶרִיגֶען גְלוֹיבֶּען אוּנ קֵיינֶער הָאט זִיךְ אוֹיף זֵיי נִיט אוּמְגֶעקוּקְט. דָאס אִיז טַאקִי גֶעוֶועהן דִי סִבָּה וָואס פִיעל יוּדֶען, אוּנ צְווִישֶׁען זֵיי אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע אוּנ פְרוּמֶע רַבָּנִים, זֶענֶען מְרוּצָה גֶעוָוארֶען אָנְצוּנֶעהמֶען דִי מַהְמַדַנִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן, וָואס הָאט זֵיי נִיט גֶעשְׁטֶערְט צוּ בְּלַייבֶּען אֱמֶת'ע יוּדֶען אוּנ מִיט דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶערְצוּ הָאבֶּען נָאךְ פִיעל פוּן זֵיי גֶערֶעכֶענְט, אַז נָאךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת מוּז מָשִׁיחַ קוּמֶען, אוּנ אַז עֶס אִיז זֵיי נִמְאָס גֶעוָוארֶען צוּ וַוארְטֶען, הָאבֶּען זֵיי פוּן זִיךְ אַרָאבְּגֶעוָוארְפֶען דִי מַאסְקֶע אוּנ הָאבֶּען אֶפֶענְטְלִיךְ עֶרְקְלֶעהרְט אַז זֵיי הָאבֶּען קֵיין מָאל נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זַיין יוּדֶען, דֶער רוֹב פוּן זֵיי אִיז טַאקִי אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם.

דֶערְוַויל הָאט זִיךְ עַבֶּד־אַל־מוּמִין צוּגֶערוּקְט קֵיין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ הָאט אָבְּגֶענוּמֶען דִי הוֹיפְּט־שְׁטָאדְט קוֹרְדוֹבָה. גֶעגֶען דִי יוּדֶען הָאט עֶר זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהן

מִיט דֶעם אֵיינֶענֶעם ישׁר וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרַאכְט פוּן אַפְרִיקָא: זַייעֶרֶע שֶׁאנֶע שׁוּלֶען הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְט אוּנ זַיי אַלֵיין הָאט עֶר גֶעצְווּאוּנְגֶען צוּ פֶערְלָאזֶען דָאס לַאנְד. דֶער אַלְטֶער רַב פוּן קוֹרְדוֹבָה ר׳ יוֹסֵף בֶּן צַדִיק דֶער מְחַבֵּר פוּנ׳ם סֵפֶר עוֹלָם קָטָן, הָאט נִיט גֶעקָאנְט צוּזֶעהֶן ווִי עֶס וָוערְט אַ תֵּל פוּן דֶער גְרֶעסְטֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָּה אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּען. דִי יְשִׁיבוֹת פוּן שִׁיבִילְיָה אוּנ לוּצֶענַא הָאבֶּען זִיךְ צוּגֶעמַאכְט, אוּנ ר׳ מֵאִיר דֶער זוּהן פוּן ר׳ יוֹסֵף אִבְּן-מִיגַאשׁ אִיז מִיט פִיעל יוּדֶען אַרִיבֶּער קַיין טוֹלֵידָה. דִי אִיבְּרִיגֶע יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעמוּזְט לְפָנִים וֶוערֶען מַהְמַדְנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרֵייט אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג אָן דִי רְפוּאָה פַאר דֶער מַכָּה. אִין טוֹלֵידָה הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַקְרִיסְטְלִיכֶער קֶענִיג, אַלְפָאנְסָא רַיימוּנְדֶעץ, וָואס הָאט גֶעהַאלְטֶען פוּן יוּדֶען, אוּנ ר׳ יְהוּדָה אֶבֶּן עֶזְרָא, דֶער זוּהן פוּן יוֹסֵף אֶבֶּן עֶזְרָא, וָואס הָאט אִין אֵיינֶעם מִיט זַיינֶע דְרַיי בְּרִידֶער אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע גֶעשְׁפִּיעלְט צְוִוישֶׁען דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען, אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב. ר׳ יְהוּדָה הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר אַ פִירְסְט אוּנ דֶער קֶענִיג הָאט אִיהם גֶעמַאכְט פַאר אַמוֹשֵׁל אִיבֶּער דֶער פֶעסְטוּנְג קַאלַאטְרַאוַוא אוּנ הָאט צוּ אִיהם גֶעהַאט דָאס גְרֶעסְטֶע צוּטְרוֹיעֶן. צוּ לִיעבּ אִיהם אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן זֶעהר גוּט, ווַייל ר׳ יְהוּדָה אֶבֶּן-עֶזְרָא הָאט פוּן זַייעֶרְטְוֶועגֶען אַלְדִינְג גֶעטְהוּן אוּנ נָאר דִי קַרָאִים׳עס הָאט עֶר פַיינְד גֶעהַאט אוּנ הָאט זַיי נִיט גֶעלָאזְט קַיין קָאפּ אוֹיפְהֵייבֶּען. אַז אִין קוֹרְדוֹבָה הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי רְדִיפוֹת, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעפוּנֶען אִין טוֹלֵידָה אַפֶערְטִיג מָקוֹם מְנוּחָה אוּנ מִיט דֶער הִילְף פוּן ר׳ יְהוּדָה אֶבֶּן עֶזְרָא, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעפַאנְגֶענֶע, אוֹיסְגֶעקוֹיפְט שְׁקְלַאוֶוען, אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטֶען אָרֶעמֶע, אִיז דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה פוּן טוֹלֵידָה גֶעוָוארֶען פַארְגְרֶעסֶערְט. דִי פְרִישֶׁע ווָאוּנְדֶען הָאבֶּען זִיךְ בַּאלְד פֶערְהֵיילְט אוּנ תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען בְּלִיהֶען אוֹיפ׳ן נַייעֶם אָרְט, צְוִוישֶׁען דִי קְרִיסְטֶען, פּוּנְקְט ווִי פְרִיהֶער, ווֶוען זַיי זֶענֶען גֶעוֶועהן אִין שְׁכֵנוּת בַּיי דִי אַלְמוֹרַאבִּידֶען.

צְווִישֶׁען דִי בֶּערִיהמְטֶע לוֹמְדִים פוּן יֶענֶער צַייט הָאט פֶערְנוּמֶען זֶעהר אַ כְּבָוד׳ן פְּלַאץ ר׳ אַבְרָהָם אִבְּן דַאוּד. וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִים יַאהר 1110 אוּנ הָאט אִין אַלֶע זַיינֶע זִיבְּצִיג יָאהר, וָואס עֶר הָאט אָבְּגֶעלֶעבְּט, זִיךְ נָאר בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט תּוֹרָה אוּנ ווִיסֶענְשַׁאפְטֶען. אִבְּן דַאוּד אִיז גֶעוֶועהן אַדָאקְטָאר, נָאר עֶר הָאט זִיךְ לִיעבּ גֶעהַאט אָבְּצוּגֶעבֶּען מִיט אַלֶערְלֵיי חָכְמוֹת. אוֹיף אַרַאבִּישׁ הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ גְרוֹיס סֵפֶר וֶועגֶען דִי גוּטֶע מִדּוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְשׁ אִיז מְחוּיָב זִיךְ אָן זַיי צוּ הַאלְטֶען, אוּנ וֶועגֶען דֶעם אֱמֶת׳ן תַּכְלִית

פוּן אֱמוּנָה, אוּנ אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ אִיז פוּן אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען אַ חִבּוּר גֶעגֶען דִי קַרָאִימֶעס וָואס הָאבֶּען, וִוי עֶס שַׁיינְט, נָאךְ דֶעם קֶאנִיג אַלְפָאנְסאָ'ס טוֹיט, זִיךְ וַוייטֶער גֶעפְּרִיוְוט צוּ פִירֶען דִי הֶאנְד. אִבֶּן דַאוּד הָאט אוֹיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי אַרְבַּייט פוּן ר' יְהוּדָה אֶבֶּן עֶזְרָא, אוּנ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִירֶען מִיט כֹּחַ, הָאט עֶר עֶס גֶעטהוּן מִיט דֶער פֶּען.

נָאךְ פִיעל גְרֶעסֶער פוּן אִיהם אִיז גֶעוֶועהן ר' אַבְרָהָם בֶּן מֵאִיר אֶבֶּן עֶזְרָא פוּן טוּלֶידָה, וָואס צוּ לִיעבּ זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶער תּוֹרָה, אִיז דֶער נָאהמֶען „אֶבֶּן עֶזְרָא" עַד הַיּוֹם הֵיילִיג גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי דִי יוּדֶען. עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין טוּלֶידָה אִים יַאהר 1088 אוּנ אוֹיף אִיהם מֶאג מֶען בֶּאֱמֶת זָאגֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ נַיין אוּנ זִיבְּצִיג יָאהר אָבְּגֶעמוּטְשֶׁעט אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַגָּדוֹל בַּתּוֹרָה אוּנ אַ טִיעפֶער חַקְרָן, נָאר דֶער קָאפּ זַיינֶער אִיז נִיט גֶעוֶועהן אִין גַאנְצֶען גֶעזֶועצְט: עֶר הָאט גֶעקָאנְט גְלוֹיבֶּען אִי אִין הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַז נָאטט פִירְט דִי וֶועלְט נָאךְ גֶעוִויסֶע כְּלָלִים וָואס זֶענֶען אָבְּהֶענְגִיג פוּן זַיין הֵיילִיגֶען רָצוֹן, אִי אִין דִי שְׁטֶערְן, וָואס הֵייסֶען מַזָּלוֹת, אוּנ מֵיינֶען אַז יֶעדֶער הָאט זַיין שְׁטֶערְן אִין הִימֶעל. קֵיין פַּרְנָסָה הָאט אֶבֶּן עֶזְרָא נִיט גֶעהַאט אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי אָרֶעם אַז בַּיי אִיהם אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבֶּען פֶּעסְט אַז עֶר וֶועט קֵיין מָאל נִיט אוֹיפְהֶערֶען צוּ לַיידֶען. „אִיךְ זָאל הַאנְדְלֶען מִיט לִיכְט — פְלֶעגְט עֶר אָפְּט קְלָאגֶען — וָואלְט דִי זוּנְן קֵיין מָאל נִיט אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען; אִיךְ זָאל הַאנְדְלֶען מִיט תַּכְרִיכִים — וָואלְטֶען מֶענְשֶׁען עֶבִּיג גֶעלֶעבְּט". שׁוֹין אוֹיף דִי אֶלְטֶערֶע יָאהרֶען, הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט זַיין זוּהן יִצְחָק, אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִין דִי וַוייטֶע מְדִינוֹת; עֶר אִיז גֶעוֶועהן אִין אַפְרִיקָא, מִצְרַיִם אוּנ פַּאלֶעסְטִינַא אוּנ אִיז אַלֶאנְגֶערֶע צַייט גֶעבְּלִיבֶּען אִין טְבֶרְיָא, וַוייל דָארְט הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען לוֹמְדִים וָואס עֶר הָאט גֶעקָאנְט מִיט זֵיי רֶעדֶען פוּן תּוֹרָה. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרִיבֶּער קֵיין בָּבֶל אוּנ הָאט זִיךְ אַ צַייט אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִין בַּגְדַד, נָאר דָארְט הָאט זִיךְ אִיהם גֶעטְרָאפֶען אֵיין אוּמְגְלִיק וָואס זַיין זוּהן הָאט זִיךְ פוּן אִיהם אָבְּגֶעטְהֵיילְט אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ מְחַבַּרְגֶער. דָאס אִיז אִיהם גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער קְלַאפּ, אַהֵיים זִיךְ אוּמְקֶעהרֶען הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט אוּנ דַארִיבֶּער אִיז עֶר וַוייטֶער נָע וָנָד גֶעוֶועהן בִּיז עֶר אִיז אִים יַאהר 1140 אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין רוֹם. אִין אִיטַאלְיֶען זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן צְוִוישֶׁען דִי יוּדֶען זֶעהר וֶועניג לוֹמְדִים אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי אִיהם נָאךְ מִיט מֶעהר כָּבוֹד אוֹיפְגֶענוּמֶען. דֶערְצוּ אִיז גְרָאד דָארְט אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ גַייסְטְלִיכֶער אַרְנָאלְד פוּן בְּרֶעסְצְיַה אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְוַוייזֶען אַז דֶער פַאפְּסְט הָאט אִין זִיךְ וֶועניג יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ עֶס קוּמְט אִיהם נִיט מֶען זָאל אִיהם רֶעכְנֶען

פאר היילינ. ארום דעם גייסטליכען האבען זיך פערזאמעלט אללע יונגע לייט וואס דער מה"ח (?) האט זיי געטראגען צו עדלערע ענינים, אונ אז אבן עזרא האט געוואהנט אין רום איז ער שטענדינ ארומגערינגעלט געוועהן פון די לייט, וועלכע האבען איהם אלץ געפרעגט שאלות, אונ האבען זיך מיט איהם געקאנט אריינלאזען אין חקירות. ער איז אבער ניט לאנג געבליבען אין רום אונ האט געוואנדערט אין פיעל אנדערע איטאליענישע שטאדט, ווי סאלירנה, לוקקה אונ מאנטובה. דאס פארשטעהט מען אז ער איז ערגיץ ניט געזעסען לעדינ, ער האט שטענדינ געשריבען זיינע ספרים, נאר דאס נע ונד זיין, דאס אומבאנדרעווען איבער דער וועלט אהן א בעשטימטער פרנסה, האט איהם נאך ארמער געמאכט, אונ וועהר אפט פלעגט ער ליידען הונגער, געהן אין צוריסענע קליידער אונ אויסזעהן ווי א בעטלער. פון דעסטוועגען האט שוין זיין נאהמען געקלונגען צווישען יודען, אונ אז ער איז פון איטאליען אריבער קיין פראנקרייך, האט מען איהם דארט אנגעטהון דעם גראסטען כבוד. לאנג בלייבען אין פראנקרייך איז איהם אבער שווער געוועהן, אונ גיך איז ער אוועקגעפאהרען קיין לאנדאן; דארט האט ער ארויסגעגעבען א ספר וועגען היילינקייט פון שבת „אגרת השבת" אונ איז שטארק אנגעפאלען אויפ'ן רשב"ם מיט זיינע תלמידים וואס האבען געדרונגען אז שבת דארף זיך רעכנען נאר פון אין דער פריה, ניט פון פרייטאג־צו־נאכטס. פאר'ן טויט איז אבן עזרא נאך אמאל געקומען קיין פראנקרייך אונ האט דארט אים יאהר 1167 געענדינט זיין שווער אונ ביטער לעבען.

אין פראנקרייך איז ר' יעקב תם געוועהן דער פארשטעהער פון אללע יודען פונ'ם לאנד, אונ חאטש ער האט זיך ניט גערעכענט פאר קיין רב אונ האט זיין פרנסה געצויגען ניט פונ'ם לערנען, פון דעסטוועגען האט מען איהם גערופען „רבינו תם", אונ זיין נאהמען, בעזאנדערס נאך דעם וואס ער איז נצול געווארען אין דעם קרייצצוג, איז געווארען היילינ ניט נאר אין פראנקרייך, נאר אויך אין אנדערע לאנדער, וואו עס האבען זיך נאר געפונען מבינים אויף זיין חריפות. רבינו יעקב תם האט פערשטאנען אז עס איז נאטהיג אויסצוארבייטען פאר די יודען נייע דינים אונ מנהגים, וואס זאלען מעהר פאסען צו דער טרויעריגער צייט פון די קרייצצוגע, וואס זיי האבען נאר וואס געפטר'ט, וואס זאלען בעפעסטיגען ביי זיי גוטע מדות, אונ זאלען זיי דערווייטערן פון יעדער סבה, וואס קאן ארויסרופען אונצופרידענהייט ביי די קריסטען, אונ דערפאר האט ער געמאכט איין אסיפה פון הונדערט פונפצינ רבנים אונ מען האט בעשלאסען: אז יודען זאלען ניט האנדלען מיט כלים פון דער קירכע, וואס קריסטען בענוצען

זַיי צום נָאטְטֶעסְדִיעֶנְסְט, אוּנ אַז עֶס קוּמְט אַרוֹיס עֶפִּיס אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען יוּדֶען זָאלֶען זַיי זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיסְגְלַייכֶען בַּיים יוּדִישֶׁען בֵּית דִין. אִין דֶער אֲסִיפָה אִיז אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען, אַז הוּנְדֶערְט רַבָּנִים מֶאגֶען מְבַטֵּל זַיין דֶעם חֵרֶם פוּן רַבֵּינוּ גֵרְשׁוֹם וֶוענֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט עֶטְלִיכֶע ווַייבֶּער.

אִין רַבֵּינוּ תַּם'ס צַייט אִיז אַרוֹיס דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעשׁוּלְדִינוּנְג דֶער בִּלְבּוּל אַז יוּדֶען דַארְפֶען הָאבֶּען קְרִיסְטְלִיךְ בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח. גֶעטְרָאפֶען הָאט זִיךְ עֶס אִין בְּלוֹאַ אָדֶער בְּלָאִיש, ווָאוּ עֶס הָאבֶּען אִין גַאנְצֶען גֶעווָאהְנְט פִּירְצִיג יוּדֶען. דָארְט הָאט אַ יוּד אֵיין מָאל פַאר נַאכְט אַרָאבְּגֶעפִיהְרְט זַיין פֶערְד צוּם טַייךְ לָאזַר אִיהם אָנְטְרִינְקֶען מִיט וַואסֶער. גְרָאד דֶעמָאלְט הָאט אַ קְנֶעכְט פוּן אַ הוֹיפְּטְמַאנְן אוֹיךְ גֶעפִיהְרְט אַ פֶערְד צוּם טַייךְ אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פְלוּצְלוּנְג שְׁטֶעהֶן אוּנ הָאט נִיט גֶעווָאלְט צוּגֶעהֶן צוּם וַואסֶער. דֶער קְנֶעכְט הָאט נוּט גֶעקֶענְט זַיין בַּעַל־הַבַּיִת, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶס וֶועט בַּיי אִיהם שְׁטַארְק אָנְגֶעלֶענְט זַיין וֶוען עֶר וֶועט אִיהם עֶפִּיס אָנְרֶעדֶען אוֹיף דִי יוּדֶען, הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעווֶעהֶן אוּנ הָאט אִיהם דֶערְצֶעהְלְט אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶר הָאט מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהֶן ווִי דֶער יוּד, ווָאס אִיז מִיט אִיהם צוּזַאמֶען גֶעווֶעהֶן בַּיים וַואסֶער, הָאט אַרַיינְגֶעווָארְפֶען אַ גֶעקוֹילֶעט קְרִיסְטְלִיךְ קִינְד אִין טַייךְ אַרַיין. דֶער הוֹיפְּטְמַאנְן הָאט זִיךְ גֶעווָאלְט נוֹקֵם זַיין אִין אַלֶע יוּדֶען אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אִין אַ גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע גְבִירָה פּוּלְצֶילִינַה, הָאט עֶר בַּאלְד דֶערְ־ פוּן מוֹדִיעַ גֶעווֶעהֶן דֶעם גְרַאף טְהֶעאָבַּאלְד פוּן שַׁארְטְרֶע, אוּנ הָאט נָאךְ צוּם לִיגֶען צוּגֶעזֶעצְט אַ ווָארְט־צַייכֶען, אַז דָאס קִינְד הָאבֶּען דִי יוּדֶען דֶערְהַרְגֶ'ט, ווַייל זַיי מוּזֶען הָאבֶּען קְרִיסְטְלִיךְ בְּלוּט צוּ דִי מַצּוֹת. פַאר'ן גְרַאף אִיז דָאס גֶענוּג גֶעווֶעהֶן עֶר זָאל הֵייסֶען אַלֶע יוּדֶען אַרַיינְווַארְפֶען אִין תְּפִיסָה, נָאר אֵיין פּוּלְצֶי־ לִינָה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פְרַיי, ווַייל דֶער גְרַאף הָאט זֶעהר גֶעשֶׁאצְט אִיהר שֶׁאנְקַייט. דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע יוּדֶען הָאבֶּען טַאקִי גֶעהָאפְט אַז אִיהר וֶועט גֶעווִיס גֶערָאטְהֶען זַיי מַצִּיל צוּ זַיין, נָאר, צוּם אוּמְגְלִיק, הָאט דִי גְרֶעפִין אִיזַאבָּא פֶערְשְׁטַאנֶען אַז פַאר אִיהר אִיז נִיט אַזוֹי גְלַייךְ וֶוען דֶער גְרַאף וֶועט טְהוּן טוֹבוֹת דֶער שֶׁענֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹי, אוּנ וֶועט צוּ לִיעבּ אִיהר ווֶערֶען אַ ווָאהְלְטְהֶעטֶער, אוּנ זִי הָאט פּוּלְצֶילִינַה'ן נָאר נִיט צוּגֶעלָאזְט צוּם גְרַאף. אַז דִי הָאפְנוּנְג אוֹיף פּוּלְצֶילִינַה אִיז פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעווָארֶען, הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעווָאלְט פְּרוּבֶען מִיט גֶעלְד, אוּנ דָאס הָאט טַאקִי דֶער גְרַאף גֶעמֵיינְט, נָאר אַ גַייסְטְלִיכֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אַז אוֹיבּ דִי זַאךְ אִיז אֱמֶת טָאר מֶען נִיט דִי רוֹצְחִים לָאזֶען זִיךְ אוֹיסְקוֹיפֶען אֲפִילוּ פַאר דִי גְרֶעסְטֶע אוֹצְרוֹת. עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל גוּט

חוֹקר וְדוֹרֵש זיין, אוּנ אַזוֹי וִוי דער קְנֶעכְט אִיז געוועהן דער איינציגער עֵדוּת האָט מען געמאַכט אַזאַ פְּרוּב: מען האָט דעם קנעכט אַריינגעזעצט אין אַ שִׁיפֶעל, וואָס אִיז געוועהן פוּל מִיט וואַסער, מען האָט עס אַרויסגעלאָזט אויפ'ן טייך, אוּנ מען האָט געוואַרט — קוים אִיז ער נִיט אוּנטערגעגאַנגען, אִיז דאָס געוועהן דער בעסטער סִימָן אַז ער זאָגט אֱמֶת. אויף אַזאַ ריינעם אוּנ קלאָרען בעווייז אִיז געבּוֹיט געוואָרען די ערשטע עֲלִילוֹת הַדָם, אוּנ עס אִיז אַרויס אַ גערעכטער מִשְׁפָּט: מען זאָל די יודען פאַר בּרענען אִין פייער. דעם צוואַנציגסטען סִיוָן פוּנ'ם יאָהר 1171 האָבען די קריסטען דַן געוועהן מִיט שְׂרֵפָה פִיער אוּנ דרייסיג מאַנער אוּנ דיבּעצעהן פרויען אוּנ נאָר עטליכע, וואָס וועגען אִיבּערגעגאַנגען צוּם קריסטענטהוּם האָבען געראַטעוועט דאָס לעבּען. ר' יַעֲקֹב תַּם האָט נִיט געקאָנט אִיבּערלעבּען אַזאַ בּוּשָׁה אוּנ אַזאַ עַוְלָה אוּנ אִיז נאָך אִין דעם יאָהר געשטאָרבּען. דעם טאָג פוּן „כ' סִיוָן" האָט ער בּעשטימט פאַר אַ תַּעֲנִית אויף דוֹרֵי דוֹרוֹת, גְלַייך וִוי ער האָט פאָראויסגעזעהן אַז די נאַרישע בּעשוּלדיגוּנג וועט זִיך האַלטען גאַנצע הוּנדערטער יאָהרען, אוּנ וועט נאָך אויס־רייסען געווּג קָרְבָּנוֹת.

מִיט'ן אִבּן־עֶזְרָא'ס אוּנ רַבֵּינוּ תַּם'ס טוֹיט אִיז אַוועק דער גְלַאנְץ פוּן די פראַנצאָזִישע אוּנ שְׁפַּאנִישע לוֹמְדִים אוּנ אַ נַיי לִיכְט אִיז אויפגעגאַנגען אוּנ האָט אָנגעהויבּען בּעשיינען דעם פִינסטערען יוּדישען גָלוּת: דאָס אִיז געוועהן דער רַמְבַּ"ם, וואָס אִיהם האָט די הַשְׁגָחָה אויסגעקליבּען צוּ ווערען אַ לייכט־טהוּרם אִין מִיטען פוּן די רוישענדע וואַלעס אִין דעם גרויסען יַם פוּן יוּדישע צָרוֹת אוּנ העלפען דעם יוּדישען שִׁיפעל ווייטער צוּ שווימען, מִיט דער האָפנוּנג, אַז עס וועט זִיך אַ מָאל צוּ שלאָגען צוּ אַ בּרעג.

---

5 די צייט פאַר דעם רַמְבַּ"ם.

(1171—1205 נאָך קריסטוּס געבּוּרט).

חאָטש אִין אַזיען אִיז די צאָהל פוּן די יודען גרעסער געוועהן, פוּן דעסט־וועגען האָבען די קליינע קריסטליכע מְלוּכוֹת, אִין שְׁפַּאניען, וִוי קאַסטילְיען, לִיאָן, אַראַגאָניען, פּאָרטוּגאַל אוּנ נוּבַארַה, זִיך געערעכענט פאַר אַ נַייע אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווייל דאָרט האָבען יודען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, אוּנ צייט די אַלמוֹהאַדען האָבען זיי אַרויסגעטריבּען פוּן די פריהעריגע ערטער אוּנ די יְשִׁיבוֹת פוּן קוֹרדוֹבַה, שִׁיבִילָה, גְרַאנאַדַה אוּנ לוּצענאַ זענען פערוויסט געוואָרען אִיז

דִי קַאסְטִילִיסֶע הוֹיפְּט־שְׁטַאדְט טוֹלֵידָה גֶעוֶוארֶען אַ קְוַואל פוּן יוּדִישֶׁע חֲכָמִים אוּנ לוֹמְדִים. דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה אִיז דָארְט בֶּעשְׁטַאנֶען מֶעהר וִוי פוּן צְוֶועלְף טויזֶענְד רַייכֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים, וָואס הָאבֶּען אוֹיסְגֶעבּוֹיעט זֶעהר שֶׁאנֶע שׁוּלֶען אוּנ עֶרְצוֹיגֶען דֶעם נַייעֶם דוֹר אוֹיף אַזַא אַרְט, אַז דִי יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין מִיט רֶעכְט גֶעמֶאנְט רֶעכְנֶען פַאר אֱמֶת׳ע קִינְדֶער פוּנ׳ם לַאנְד. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען זֵייעֶרֶע פֶעהִיגְקַייטֶען נִיט נָאר צוּם לֶערְנֶען, נָאר אוֹיךְ צוּ גְבוּרָה, אוּנ פִיעל פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אִין פֶעכְטֶען זִיךְ מִיט דֶער שְׁוֶוערְד, אוּנ דָאס הָאט זֵיי שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ דִי עֶדֶעלְסְטֶע קְלַאסֶען פוּן דִי אַיינְוואהְנֶער. אִין דֶער צַייט פוּן אַלְפָאנְסָא דֶעם אַכְטֶען הָאבֶּען פִיעל יוּדֶען גֶעדִיעֶנְט בַּיי דֶער קְרוֹין אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט ר׳ יוֹסֵף בֶּן שְׁלֹמֹה אִבְּן־שׁוֹשַׁן, וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אִי פְרוּם, אִי רַייךְ אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ אַ גְרויסֶער לַמְדָן אוּנ אַ בַּעַל צְדָקָה. דֶער קֶענִיג הָאט אִיהם זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ הָאט אִיהם גֶעשֶׁענְקְט דֶעם טִיטֶעל „פִירְסְט". נָאךְ אֵיין חָשׁוּב אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועזֶען — ר׳ אַבְרָהָם אִבְּן־אַלְפַאכַר, אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע אַרַאבִּישֶׁער דִיכְטֶער, וָואס הָאט זִיךְ בַּיי יֶעדֶען קוֹנֶה אַהֲבָה גֶעוֶועזֶען פַאר זַיין גוּט הַארְץ אוּנ זַיינֶע עֶדְלֶע מַעֲשִׂים. דֶעמָאלְט הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט דֶער אַלְטֶער ר׳ אַבְרָהָם אִבְּן־דַאוּד, נָאר אִים יַאהר 1180 הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ אוּמְגְלִיק, וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען דֶערְבַּיי אַ בִּיסֶעל גֶעלִיטֶען אוּנ נָאר אוּמְגֶערֶעכְט אִיז אִבְּן־דַאוּד גֶעפַאלֶען פַאר אַ קָרְבָּן. דֶער עֶדְלֶער קֶענִיג אַלְפָאנְסָא הָאט גֶעהַאט זִיבֶּען יָאהר בְּסֵדֶר אַ יוּדִישֶׁע גֶעלִיבְּטֶע רָחֵל, וָואס מֶען הָאט זִי פַאר אִיהר גְרוֹיס שֶׁאנְקַייט גֶערוּפֶען פָארְמָאזַא, אַז עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ עֶנְגְלִישֶׁער פְּרִינְצֶעסִין אִיז דֶער קֶענִיגִין, מִן הַסְּתָם, נִיט גֶעפֶאלֶען אַזַא לִיעבְּשַׁאפְט אוּנ זִי הָאט אָנְגֶעשְׁטֶעלְט רוֹצְחִים מֶען זָאל רָחֵל׳ן דֶערְהַרְגֶ׳נֶען. אַזוֹי אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהֶן: דָאס שֶׁאנֶע יוּדִישֶׁע מֶאדֶעל הָאט מֶען גֶעקוֹילֶעט כִּמְעַט פַאר׳ן קֶענִיג׳ס אוֹיגֶען אוּנ אַז דִי חֶבְרָה הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּיים שְׁלָאגֶען אִיז מֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יוּדֶען אוּנ אִבְּן־דַאוּד הָאט בֶּעצָאהלְט מִיט זַיין לֶעבֶּען פַאר פְרֶעמְדֶע כַּעַס אָדֶער פַאר פְרֶעמְדֶע זִינְד. דֶער דָאזִיגֶער פַאל הָאט אָבֶּער נִיט גֶעאֶנְדֶערְט דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען, אוּנ דֶער קֶענִיג הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זֵיי אַרוֹיסְצוּווייזֶען זַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט, אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען אִיהם טַאקִי גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַלֶע נוֹיטֶען, אַז עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט אָנְהוֹיבֶּען אַ מִלְחָמָה מִיט דִי אַלְמוֹהַדֶען, הָאבֶּען אִיהם יוּדֶען גֶעגֶעבֶּען גֶעלְד אוֹיף הוֹצָאוֹת, אוּנ אַז דֶער שׂוֹנֵא הָאט צוּשְׁלָאגֶען זַיין חַיִל אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט זִיךְ אַרַיינְכַאפֶּען קֵיין קַאסְטִילְיֶען, הָאבֶּען דִי

יודען ארויסגעשיקט זייערע בעסטע יונגע לייט און האבען דאס לאנד מציל געוועהן פון א סכנה.

אין אראגאניען האבען די יודען אויך געלעבט גליקליך, ווייל דער קעניג אלפאנסא דער צווייטער איז געוועהן א גרויסער ליעב האבער פון וויסענשאפטען, און געלערנטע לייט האבען זיך צווישען די יודען געפונען. דער פארשטעהער פון דער הויפט־שטאדט בארצעלונה איז געוועהן ששת בנבנישתי, א בעריהמטער דאקטאר און איינער פון די בעסטע יודישע לומדים. ער האט געקאנט גוט אראביש: צו ליעב דעם האט איהם די מלוכה געגעבען די בעסטע שטעללע און ער האט זיך ערווארבען אי א גוטען נאהמען, אי גרויס עשירות, און די יודען האבען אויף איהם געקוקט ווי אמאל אויף שמואל הנגיד. דעמאלט האט אויך אין בארצעלאנה געשפיעלט א גרויסע ראללע ר' שמואל אבן חסדאי הלוי, וואס האט געהאט פינף בעריהמטע זיהן, גרויסע לומדים; צווישען זיי איז בעזאנדערס בעקאנט דער נאהמען פון ר' אברהם אבן חסדאי, דער מחבר פונ'ם ספר „בן המלך והנזיר", וואס ווייזט אן אונ לויבט גוטע מדות ביי מענשען.

איבער דער קליינער שטאדט טודילה פלעגט אפט פארקומען א קריעג צווישען די קעניגע פון אראגאניען און נאבארא און די איינוואהנער האבען געמוזט אלליין אבהיטען זייער פרייהייט. די יודען האבען אויך געשיצט די שטאדט און דערפאר האבען זיי געהאט רעכטע גלייך מיט אללע. פון דארט האט אויך געשטאמט דער בעריהמטער רייזענדער ר' בנימין בן יונה, וואס איז געבארען געווארען אין טודילא און איז א צייט פון אכט יאהר פון 1165 ביז 1173, אויסגעפאהרען די גאנצע וועלט און האט איבערגעלאזט א רייזעבעשרייבונג, וועלכע מען האט דער נאך איבערגעזעצט אין פערשיעדענע שפראכען. די קליינע יודישע קהלה פון גיראנה האט אויך ארויסגעגעבען זעהר פיעל גרויסע לייט, וואס מען האט זיי אללע גערופען נאך דער שטאדט גירונדים. זיי האבען זיך מעהר בעשעפטיגט מיט'ן תלמוד און בעזאנדערס איז בעקאנט מיט זיין חריפות ר' זרחיה הלוי גירונדי.

ניט ערגער איז געוועהן די יודען, וואס האבען געוואהנט אין פראנקרייך, פון יענער זייט בארג וועלכע הייסען פירענאען, אין די ערטער לאנגעדאק און פראוואנס. זיי האבען זיך בעשעפטיגט מיט אקערבוי (עבודת האדמה) און מסחר און האבען געהאט פרנסה בשפע; ארעמע לייט איז צווישען זיי געוועהן זעהר ווייניג ווייל די רייכע האבען געשטיצט זייערע ברידער ווי ווייט זיי האבען

נָאר נֶעקָאנְט דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט מִיט זֵיי נָאר פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ פְלֶעגֶען זֵיי אָפְּט אוֹיסְקְלוֹיבֶּען פַאר פָארְשְׁטֶעהֶער פוּנ'ם גַאנְצֶען פָאלְק. גֶעהֶערְשְׁט הָאט דֶעמָאלְט דִי קְלוּגֶע אוּנ עֶדְלֶע פִירְסְטִין עֶרְמַאנְגַארְד אוּנ זִי הָאט אוֹיךְ פֶערְשְׁטַאנֶען וְוִי אַזוֹי צוּ שֶׁעטְצֶען דִי יוּדֶען. אִין דֶער הוֹיפְּט־שְׁטָאדְט נַארְבָּאן הָאבֶּען אִין גַאנְצֶען גֶעוְואוֹינְט דְרַיי הוּנְדֶערְט יוּדֶען אוּנ זֵייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער אִיז גֶעוֶועהֶן ר' קְלוֹנִימוּס בֶּן תוּדְרוּס, אֵיין עֶנִיקֶעל פוּן ר' מָכִיר, וָואס הָאט זִיךְ נָאךְ אִין דֶער צַייט פוּן קַארל דֶעם גְרוֹיסֶען בֶּעזֶעצְט אִין פְרַאנְקְרַייךְ. ר' קְלוֹנִימוּס אִיז גֶעוֶועזֶען זֶעהר רַייךְ אוּנ הָאט גֶעהַאט פִיעל אֵיינֶענֶע עֶרְד. דָארְט הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אַלְטֶע יְשִׁיבָה, וואוּ דֶער רַב ר' אַבְרָהָם בֶּן יִצְחָק, הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע הָאט אִין נַרְבּוֹנָה גֶעשְׁפִּיעלְט דִי מִשְׁפָּחָה קִמְחִי. דֶער אַלְטֶער ר' יוֹסֵף בֶּן יִצְחָק קִמְחִי אִיז אַהִין אַרִיבֶּער פוּן שְׁפַּאנְיֶען וֶוען דִי אַלְמוֹהִידֶען הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן דָארְט דִי יוּדֶען. עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַרַאבִּישׁ אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ דֶעם רַבֵּנוּ בְּחַיֵי'ס סֵפֶר „חוֹבַת הַלְבָבוֹת". אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַפֵּירוּשׁ אוֹיף דֶער תּוֹרָה אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען עֶטְלִיכֶע תְּפִלּוֹת. עֶס אִיז אַסְבָרָא אַז פוּן אִיהם אִיז אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען אַסֵפֶר וָואס דָארְט וֶוערְד בֶּעשְׁרִיבֶּען אַוִכּוּחַ צְוִוישֶׁען אַיוּדֶען אוּנ אַקְרִיסְט: דֶער יוּד לוֹיבְּט דִי מַעֲלוֹת פוּן זַיין פָאלְק, דָאס רֵיינְקַייט פוּנ'ם פַאמִילְיֶען לֶעבֶּען, דָאס צְנִיעוּת פוּן יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער, דָאס נִיט־וִויסֶען פוּן קֵיין גְזֵילָה אוּנ רְצִיחָה, דִי גְרוֹיסֶע מִצְוֹת פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים אוּנ בִּקוּר חוֹלִים. דֶער קְרִיסְט דֶערְמַאנְט אִיהם אָבֶּער, אַז יוּדֶען הָאבֶּען לִיעבּ צוּ רַייסֶען פְּרָאצֶענְט אוּנ דַארוֹיף אֶנְטְפֶערְט אִיהם דֶער יוּד, אַז דִי קְרִיסְטֶען זֶענֶען אוֹיךְ נִיט פְרַיי פוּן דֶעם חֵטְא. אַזַא סֵפֶר בֶּעוַוייזְט אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין יֶענֶער גֶעגֶענְד גַאנְץ פְרַיי אוּנ הָאבֶּען אָפֶען גֶעקָאנְט אַרוֹיסְזָאגֶען זֵייעֶרֶע מֵיינוּנְגֶען. ר' יוֹסֵף'ס בֵּיידֶע זִיהן, ר' מֹשֶׁה אוּנ ר' דָוִד קִמְחִי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶועהֶן גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז בֶּעקָאנְט ר' דָוִד קִמְחִי מִיט זַיין אָבְּגֶעקִירְצְטֶען נָאהְמֶען רַדַ"ק, וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַסֵפֶר וֶועגֶען דִקְדוּק.

דִי אַלְטֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה אִין בַּדְרַשׁ (Beziers), וואוּ דֶער אֶבֶּן־עֶזְרָא הָאט זַיינֶע לֶעצְטֶע יָאהר אָבְּגֶעלֶעבְּט, הָאט זִיךְ גֶעפִיהְרְט נָאר זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג, בֶּעזָאנְדֶערְס וֶוען דֶער וִויצֶע־גְרַאף רַאיְימוּנְד־טְרֶענְקַאבַאל אוּנ זַיין זוּהן רוּגִיר (Roger) הָאבֶּען גֶעהַאט צוּ שַׁאפֶען אִיבֶּער דֶעם לַאנְד. דֶעמָאלְט הָאבֶּען יוּדֶען גֶעהַאט אוֹיךְ דִי גְרָאסְטֶע שְׁטֶעלֶען בַּיי דֶער קְרוֹין. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט זִיךְ דָארְט גֶעהַאלְטֶען פוּן לַאנְג אָן אַמִנְהָג, אַז יֶעדֶעס יָאהר אִים זוּנְטָאג וָואס

פַאר דֶעם קְרִיסְטְלִיכֶען פֶּסַח הָאט דֶער גַייסְטְלִיכֶער אָנְגֶערֵייצְט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלֶען וַוארְפֶען שְׁטֵיינֶער אוֹיף דִי יוּדִישֶׁע הַייזֶער; דִי יוּדֶען פְלֶעגֶען, מִן הַסְתָּם, נִיט שְׁוַוייגֶען, אוּנ עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס אַ גֶעשְׁלֶאג. עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעראָטְהֶען דִי יוּדֶען מְבַטֵּל צוּ זַיין דֶעם מִנְהָג, אוּנ זֵיי הָאבֶען זִיךְ מִתְחַיֵּיב גֶעוֶועהן בֶּעסֶער צוּ צָאהלֶען דֶערְפַאר, אוּנ אַללֶע יָאהר הָאבֶען זֵיי אַרַיינְגֶעטְרָאגֶען פִיער פוּנְט זִילְבֶּער.

אִין דֶער גְרוֹיסֶער הַאנְדֶעלְסְשְׁטָאדְט מוּנְטְפֶּיילִיר (Montpellier), וואוּ דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶען דַוְקָא נִיט אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ בֶּעהַאנְדֶעלְט דִי יוּדֶען, אִיז גֶעוֶועהן אוֹיךְ נִיט קֵיין קְלֵיינֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה, וָואס אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן פִיעל עֲשִׁירִים, וֶועלְכֶע הָאבֶען זִיךְ גֶערִימְט מִיט זֵייעֶר צְדָקָה. פִיעל יוּדֶען הָאבֶען אִין דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט פוּן מוּנְטְפֶּיילִיר גֶעלֶערְנְט מֶעדִיצִין.

דָאס קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטֶעל לוּנֶיל, נִיט וַוייט פוּן מוּנְטְפֶּיילִיר, אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער כְּרַךְ; דָארְט הָאבֶען גֶעוָואהְנְט אִיבֶּער דְרַיי הוּנְדֶערְט יוּדֶען, אוּנ פִיעל יוּנְגֶע לַייט הָאבֶען גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה פוּן דֶער יְשִׁיבָה, וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט דִי צְוֵוייטֶע נָאךְ נַרְבּוֹנָה. דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער לוּנֶיל'ר קְהִלָּה אִיז גֶעוֶועהן אַ בֶּערִיהְמְטֶער לַמְדָן ר' מְשׁוּלָּם בֶּן יַעֲקֹב, וָואס הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אִי תּוֹרָה, אִי חָכְמָה, אוּנ הָאט גֶעלָאזְט פִיעל סְפָרִים אִיבֶּערְזֶעצֶען פוּן אַרַאבִּישׁ אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ. פוּן ר' מְשׁוּלָּם'ס פִינְף זִיהְן אִיז נָאר אֵיין ר' אַהֲרֹן גֶענַאנְגֶען אִין דֶעם דֶרֶךְ פוּן זַיין פָאטֶער אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעשֶׁאצְט וֶועלְטְלִיכֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶען זִיךְ נָאר אִין גַאנְצֶען פֶערְטִיעפְט אִין פְרוּמְקַייט אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבֶען זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט צְוֵויי פוּן זֵיי, ר' יַעֲקֹב אוּנ ר' אָשֵׁר, וָואס הָאבֶען זִיךְ לַחֲלוּטִין אוֹיסְגֶעטְהוּן פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי גֶערוּפֶען „אָבְּגֶעשֵׁיידְטֶע“—נְזִירִים. אִין לוּנֶיל הָאבֶען זִיךְ אָבֶּער גֶעפוּנֶען צְוֵויי גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים ר' יוֹנָתָן בֶּן דָוִד כֹּהֵן אוּנ ר' יְהוּדָה בֶּן שָׁאוּל אִבַּן־תִּבּוֹן, וָואס הָאבֶען גֶעאַרְבַּייט אַזוֹי גְלַייךְ מִיט'ן תַּלְמוּד זָאלֶען יוּדֶען זִיךְ אוֹיךְ אָבְּגֶעבֶּען מִיט פֶערְשִׁיעדֶענֶע חָכְמוֹת אוּנ לְשׁוֹנוֹת. אִבַּן־תִּבּוֹן אִיז אַלֵיין גֶעוֶועהן פוּן גְרַנַאדַה, אוּנ דִי רְדִיפוֹת פוּן דִי אַלְמוֹהִידֶען הָאבֶּען אִיהם גֶעצְווּאוּנְגֶען אַרוֹיס קֵיין פְרַאנְקְרַייךְ. עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ בֶּערִיהְמְטֶער דָאקְטָאר אוּנ צוּ זַיינֶע רְפוּאוֹת הָאבֶען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען דִי גְרֶעסְטֶע לַייט. שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט אָבְּגֶעבֶּען מִיט חוֹלִים, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר גֶעפוּנֶען צַייט אִיבֶּערְזֶעצֶען פוּן אַרַאבִּישׁ עֶטְלִיכֶע סְפָרִים פוּן רַב סַעֲדְיָה גָאוֹן, אִבַּן־גַ'נַאח, אִבַּן־גְבִירוֹל, דֶעם „חוֹבַת הַלְּבָבוֹת“ פוּן רַבֵּינוּ בְּחַיֵי, אוּנ דֶעם „כּוּזָרִי“ פוּן ר' יְהוּדָה הַלֵּוִי. זִיבְּצִיג יָאהר

איז ער אלט געוועהן ווען ער איז געשטארבען אים יאהר 1190. זיין זוהן ר׳ שמואל אבן תבון האט זיך אויך בעשעפטיגט מיט מעדיצין, אונ איז, פונקט ווי דער פאטער, בעקאנט ווי א גוטער איבערזעצער פון עטליכע אראבישע ספרים. ער האט אויך געלעבט זיבצינ יאהר, אונ איז געשטארבען אים יאהר 1230.

אין פאסקיירא, א שטאדטעל ניט ווייט פון לוניל, האבען סך הכל גע-וואהנט פירצינ יודען, אונ פון דארט איז ארויסגעקומען איינער פון די בעסטע תלמודיסטען פון יענער צייט ר׳ אברהם בן דוד, וואס איז געוועהן זייער רייך אונ האט זיין גאנץ עשירות בענוצט נאר אויף אויסצוהאלטען א בעזונדער ישיבה, ווייל ביי איהם איז דאס היילינסטע געוועהן נאר דאס לערנען פון גמרא, אונ חאטש ער האט, פונקט ווי זיין חבר ר׳ זרחיה הלוי גרונדי, געהאט זעהר א גוטען קאפ, האט ער זיך ניט געוואלט אבגעבען מיט אנדערע זאכען אונ האט נאך געראכענט פאר דער גראסטער מעלה דאס וואס ער איז בלינד אין וויסענשאפט.

אין דער שטאדט בורג די ס״ט גילעס (בורד׳סענט זשילל) די צווייטע הויפטשטאדט פונ׳ם הערצאג רייטאנד דעם פינפטען פון טולוזה, האט זיך גליקליך געלעבט א קליינע יודישע קהלה פון הונדערט בעלי-בתים, ווייל דער איידעלער הערצאג איז געוועהן א גרויסער מענשענפריינד, אונ אויף זיין דרך איז אויך געגאנגען זיין זוהן דער יונגער הערצאג רייטאנד דער זעכסטער, וואס האט פון דעסטוועגען ניט געקאנט אויסהאלטען די בעשולדיגונגען פונ׳ם פאפסט אינאקענטי דעם דריטען, אונ האט געמוזט געבען א שבועה אז ער וועט אויפהערען צו שטיצען די יודען.

אז דער גוטהערציגער קעניג לודוויג דער זיבעטער האט געלעבט, איז די יודען געוועהן גוט אויך אין די איבריגע ערטער אין צפון-זייט פון פראנקרייך. אללע איינוואהנער פונ׳ם לאנד זענען ביי לודווינ׳ן אין די אויגען געוועהן גלייך, אונ אז די גייסטליכע האבען בעשטימט אויף זייער אסיפה, מען זאל פארווערען יודען צו האלטען קריסטליכע דיענסטען אונ אמען, האט ער בשום אופן ניט געוואלט אונטערשרייבען אזא גזירה. זיין זוהן פיליפ אוי-גוסט, וואס האט נאך, ווען דער קראנקהייט פונ׳ם פאטער, פאר זיין לעבען איבערגענומען די מלוכה, איז צום אנהייב אויך געוועהן פריינדליך געגען די יודען, נאר ביקלעכווייס האבען איהם די גייסטליכע אריינגעהאפט אין זייער נעץ, אונ ער האט זיך אין גאנצען איבערגעביטען. דערצו האט מען איהם נאך אויפגעקלערט, אז די יודען זענען אנגעשטאפט מיט געלד אונ אז עס איז

אַ גְרויסֶע מִצְוָה בַּיי זֵיי צוּ צוּנֶעהמֶען דָאס פֶערְמֶעגֶען אוּנ דֶערְמִיט בְּרייכֶער מַאכֶען דִי מְדִינָה. אויף שְׁלֶעכְטְ׳ס טְהוּן לָאזְט מֶען זִיךְ נִיךְ אַיינְרֵיידֶען, אוּנ נָאר אִין אַ קוּרְצֶער צֵייט אִיז בַּיי פְהִילִיפְּ אויגוּסְט גֶעבְּלִיבֶּען אַז עֶר וֶועט נָאר דֶעם לַאנְד דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה טְהוּן וֶוען עֶר וֶועט מַאכֶען אַ תֵּל פוּן דִי יוּדֶען וָואס נֶעהמֶען פְּרָאצֶענְט, אוּנ זֶענֶען נָאךְ דֶערְצוּ פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְשֶׁענְפְרֶעסֶער, וַוייל זֵיי קוילֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּנ בַּאקֶען מִיט זֵייעֶר בְּלוּט מַצוֹת אויף פֶּסַח. דֶער אַלְטֶער קָאנִיג הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט וֶוען זַיין יוֹרֵשׁ הָאט אוּם שַׁבָּת, דֶעם 19 יַאנוּאַר 1180, גֶעהֵייסֶען אַרוּמְרִינְגְלֶען דִי שׁוּל, וואוּ דִי יוּדֶען הָאבֶען גֶעדַאוֶוענְט, אוּנ זֵיי אַללֶע אַוֶועק פִיהרֶען אִין גֶעפֶאנְקֶענִים. דִי יוּדֶען הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען וִויל פוּן זֵיי, בַּאלְד הָאבֶען זֵיי אַוֶועק גֶעטְרָאגֶען אַ שֶׁאנֶע מַטְבֵּעַ אוּנ מֶען הָאט זֵיי אַרויסְגֶעלָאזְט. דָאס אִיז אָבֶער פַאר פְהִילִיפְּ אויגוּסְט גֶעוֶועהן וֶוענִיג: נָאךְ אִין דֶעם אֵיינֶענֶעם יָאהר הָאט עֶר אַרויסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז אַללֶע יוּדִישֶׁע חובות זֶענֶען פֶערְפַאלֶען, נָאר יֶעדֶער סוּז אַ פִינְפְטֶעל פוּנ׳ם חוֹב בֶּעצָאהלֶען דֶער קְרוֹין, אוּנ טַאקִי בַּאלְד, אַז דִי גְרֶעסְטֶע יוּדִישֶׁע גְבִירִים זֶענֶען גֶעוָוארֶען עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים, הָאט עֶר נִיט גֶעמַאכְט קַיין לַאנְגֶע שִׁיהוּת אוּנ הָאט זֵיי אַללֶע גֶעהֵייסֶען אַרויס־טְרַייבֶען פוּנ׳ם לַאנְד; נָאר דִי זַאכֶען אוּנ חֲפֵצִים הָאט עֶר זֵיי עֶרְלויבְּט צוּ פֶערְקויפֶען, הַייזֶער, וַויינְגֶארְטְנֶער, תְּבוּאוֹת אוּנ עֶרְד הָאבֶען זֵיי גֶעמוּזְט אִיבֶּערְלָאזֶען. פוּן דִי שׁוּלֶען הָאט עֶר גֶעמַאכְט קִירְכֶען. וִוי וַוייט דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען פַאר זֵיי נִיט שֶׁאדְלִיךְ אוּנ אַז זֵיי הָאבֶען נִיט פֶערְדִיענְט מֶען זָאל זֵיי טְהוּן אַזַא רָעָה — זֶעהט מֶען אַרויס דֶערְפוּן, וָואס פִיעל גְרויסֶע לַייט הָאבֶען גֶעבֶּעטֶען דֶעם קָאנִיג אַז עֶר זָאל נִיט אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכֶען אַזוֹי פִיעל אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְשֶׁען, נָאר עֶס הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען אוּנ דִי בֶּערוֹיבְּטֶע יוּדֶען פוּן פַּארִיז, אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע גֶעצָאהלְטֶע וָואס הָאבֶען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ טוֹיפֶען, הָאבֶען זִיךְ נָאךְ גֶעמוּזְט צוּם אִיבְּרִיגֶען צוּ בְּרֶעכֶען אוּנ זִיךְ זוּכֶען אַ נַייעֶ הֵיים. צוּם גְלִיק, הָאבֶען דִי גְרַאפֶען פוּן דִי קְלֵיינֶערֶע אֶרְטֶער נִיט גֶעקוּקְט אוֹיפ׳ן קָאנִיגְ׳ס בֶּעפֶעהל אוּנ הָאבֶען יוּדֶען גֶעלָאזְט בַּיי זִיךְ רוּהִיג זִיצֶען. דִי יְשִׁיבָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט צוּ מַאכֶען אִין פַּארִיז, הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶען בְּלִיהֶען אִין שַׁאמְפַּאן, אוּנ דִי בַּעֲלֵי־הַתּוֹסְפוֹת הָאבֶען וַוייטֶער גֶעקָאנְט זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט זֵייעֶר אַרְבַּייט אוּנ הָאבֶען בַּיי דִי יוּדֶען אַזוֹי שְׁטַארְק בֶּעפֶעסְטִיגְט דִי תּוֹרָה אוּנ דִי אֱמוּנָה, אַז וֶוען שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע יָאהר הָאט זִיךְ דֶעם קָאנִיג פְהִילִיפְּ אוֹינוּסְט פַארְגְלוּסְט בְּלוּט צוּ פֶערְגִיסֶען אוּנ עֶר הָאט דֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָּה פוּן בְּרָאא (Bray) פָארְגֶעלֶעגְט זֵיי זָאלֶען זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבֶען אֵיינֶע פוּן בֵּיידֶע, אָדֶער

איבּערגעגעהן צום קריסטענטהום אָדער פערליערען דאס לעבּען, האָבּען זיי קיין
רגע ניט געטראַכט אונ האָבּען זיך געלאָזט פאַרבּרענען אויף קדוש השם. כּמעט
הונדערט יודען זענען דערמאָלט אומגעקומען אונ נאָר קינדער, יונגער פון דריי־
צעהן יאהר, זענען געבּליבּען לעבּען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבּען אַנייער קרייצצוג, ווייל חאַטש דער גבּור
סאַלאַדין אין ירושלים האָט געמאַכט שלום אונ עס איז געבּליבּען אַז די קריס־
טען זאָלען מאָגען קומען צום הייליגען קבר, פון דעסטוועגען האָט מען זיי ווייטער
אָנגעטהון צרות אונ די אייראָפּעאישע מלוכות האָבּען זיך נאָך אַמאָל געהאַפּט
צו דער שווערד אונ אויף די יודען האָט ווידער אָנגעהויבּען די הויט צו ציטערן.
דער פּאַפּסט אינאָקענטי דער דריטע האָט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט
אַגעוויסען פולקא פאָן נייליז, אַמענשען אָהן געוויסען אונ ער האָט מיט
זיינע דרשות אונטערגעהיצט דאס פאָלק אונ אַללע, פון גרויס בּיז קליין, האָבּען
איהם נאָכגעפאָלגט, ווייל ער האָט טאַקי גערדרשנ׳ט פון זייערט וועגען אונ האָט
זיי בּעוויזען אַז די גרעסטע שונאים פון דער קירכע זענען די יודען אונ אַז
מען דאַרף זיי דערפאַר ניט נאָר קיין חובות ניט אומקעהרען, נאָר אַפילו בּיי
זיי דאס לעצט בּיסעל פערמעגען צונעהמען. באַלד האָט מען אומעדום אָנגע־
הויבּען טרייבּען יודען, אונ דווקא דערמאָלט האָט פאַר זיי פיליפּ אויגוסט גע־
עפענט זיין לאַנד אונ האָט ערשט שפּעטער מיט זיבּעצעהן יאָהר זיך מישב
געוועהן אַז ער האָט גיט גוט געטהון דערמיט וואָס ער האָט אַמאָל גערודפ׳ט
די יודען. די טובה איז אָבּער פאַר די יודען געוועהן אַרעה, ווייל די מלוכה
אונ די בּאַראָנען, וואָס צו זיי האָט געהערט די ערד, האָבּען טאַקי זיי געשיצט,
נאָר מיט דער צייט האָבּען זיי אָנגעהויבּען קוקען אויף די יודען ווי אויף מענשען,
וואָס האָבּען נאָר קיין רעכטע ניט, וואָס לעבּען נאָר מיט זייערע חסדים, אונ
יעדער יוד האָט ניט געטאָרט זיך רירען פונ׳ם פּלאַץ אָהן דעם רצון פון זיין
גראַף, אונ אַז ער איז יאָ ערגיץ אַרויסגעפאָהרען האָט ער ניט געקאָנט אַפילו
אַפּאָדעם פון זיין פערמעגען מיט געהמען.

אין ענגלאַנד, וואָס האָט גיט געהאַט קיין חלק ניט אין ערשטען, ניט
אין צווייטען קרייצצוג, איז די יודען געוועהן זעהר גוט אונ אַסך יודען זענען
אין דער צייט וואָס הייגריך דער צווייטע האָט געהערשט געוואָרען
אַזעלכע עשירים אַז זיי האָבּען זיך אויסגעבּויעט כּמעט קאָניגליכע פּאַלאַצען.
פיעל ענגלאַנדער האָבּען אַזוי ליעב בּעקומען יודען אונ זייער אמונה אַז זיי
האָבּען זיך מגייר געוועהן אונ עס איז געוואָרען אַגאַנצע קהלה פון גרים. מיט

לֶערְנֶען הָאבֶּען זִיךְ דִי עֶנְגְלִישֶׁע יוּדֶען זֶעהר וֶועניג בֶּעשֶׁעפְטִיגְט אוּנ רַבָּנִים פְּלֶע־
גֶען זַיי בֶּעצִיהֶען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ. אִין לָאנְדָאן אִיז גֶעוֶועהן רַב אֵיינֶער פוּנ׳ם
רַבֵּנוּ תַּם׳ס תַּלְמִידִים ר׳ יַעֲקֹב פוּן אָרְלֶעאַנְס (אוֹרְלַיינִישׁ), וָואס הָאט זִיךְ אַגְרוֹי־
סֶען נָאהמֶען גֶעמַאכְט צְווִישֶׁען דִי בַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת. אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען
גֶעפִיהלְט גְלִיקְלִיךְ אִין עֶנְגְלַאנְד בִּיז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ הֵיינְרִיךְ׳ס
זוּהן רִיכַארְד לֵאבֶּענְהַארְץ, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַזַא עֶדְלֶער מֶענְשׁ וִוי
דֶער פָאטֶער, נָאר דִי גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אִיהם קַאלְיֶע גֶעמַאכְט. דֶעם דְרִיטֶען
סֶעפְּטֶעמְבֶּער 1189, אִין דֶעם טָאג וָואס רִיכַארְד הָאט זִיךְ גֶעקְרֶוינְט. הָאבֶּען דִי
יוּדֶען בֶּעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְלַאפּ אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען זַיי שׁוֹין אַלֶע מָאל גֶעלִיטֶען
פוּן דִי רְדִיפוֹת בִּיז מֶען הָאט זַיי נִיט שְׁפֶּעטֶער מִיט הוּנְדֶערְט יָאהר אִין גַאנְצֶען
אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן עֶנְגְלַאנְד. אָנְגֶעהוֹיבֶּען הָאט זִיךְ דָאס אוּמְגְלִיק פוּן אַנָאר
נִישְׁט: אַז דֶער גֶעקְרֶוינְטֶער יוּנְגֶער קֶענִיג אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן דֶער קִירְכֶע
הָאבֶּען אִיהם שְׁלוּחִים פוּן אַלֶע אַנְוָואהנֶער בֶּעגְרִיסְט אוּנ גֶעבְּרַאכְט גֶעשֶׁאנְקֶע
אוּנ צְווִישֶׁען זַיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶועהן צְווֵיי יוּדִישֶׁע גְבִירִים וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען
דוּרְךְ זַיי גֶעשִׁיקְט רִיכַארְד׳ן טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת. קוֹים הָאט דֶער אַרְכִיעפִּיסְקָאפּ פוּן
קֶענְטֶערְבּוּרִי בַּלְדוּוִין דֶערְזֶעהן דִי יוּדֶען, הָאט עֶר בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן אַז
מֶען טָאר פוּן קֵיין יוּדֶען קֵיין גֶעשֶׁאנְק נִיט אָנְגֶעהמֶען אוּנ אַז מֶען זָאל דִי יוּדֶען
הֵייסֶען אַרוֹיסְגֶעהן. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶועהן צוּ שְׁוַואךְ אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶע־
קָאנְט שְׁטֶעלֶען גֶעגֶען דֶעם אַרְכִיעפִּיסְקָאפּ; דָא הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין דִי שׂוֹנְאִים צוּ־
פִיהרְט דִי הֶענְד אוּנ דִי דִיעֶנֶער הָאבֶּען דִי יוּדִישֶׁע שְׁלוּחִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען מִיט
אַזַא כַּעַס אַז זַיי זֶענֶען אִיבֶּער דֶער נַאס גֶעלָאפֶען וִוי אָהן אַ נְשָׁמָה. אַז דָאס
פָאלְק הָאט דֶערְזֶעהן מֶענְשֶׁען לוֹיפֶען פוּנ׳ם קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיף, הָאט מֶען זַיי אָנְ־
גֶעהוֹיבֶּען נָאכְוַוארְפֶען שְׁטֵיינֶער. בַּאלְד אִיז טַאקִי אַרוֹיס אַ קוֹל, אַז דֶער קֶענִיג
הָאט גֶעהֵייסֶען שְׁלָאגֶען יוּדֶען אוּנ בִּיז נַאכְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעפְלוֹיגֶען פֶּעדֶערְן אִין
אַלֶע גַאסֶען אוּנ דִי יוּדִישֶׁע הַייזֶער הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט, אוּמְזִיסְט הָאט דֶער
קֶענִיג גֶעשִׁיקְט זָאגֶען אַז עֶר הָאט דָאס גָאר נִיט גֶעמֵיינְט: דָאס צוּהִיצְטֶע פָאלְק
אִיז שׁוֹין אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן אַיינְצוּהַאלְטֶען אוּנ פִיעל יוּדֶען זֶענֶען דֶערְהַרְגֶ׳ט
גֶעוָוארֶען. צְווִישֶׁען דִי הֲרוּגִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן דֶער רַב ר׳ יַעֲקֹב פוּן אָרְלֶעאַנְס.
פוּן דִי צְווֵיי שְׁלוּחִים, בֶּענֶעדִיקְטוּס פוּן יָארְק אוּנ יָאצֶעאוּס (יַעֲקֹב) וָואס
זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען פוּנ׳ם קֶענִיגְלִיכֶען הוֹיף, הָאט בֶּענֶעדִיקְט אָפְּגֶעבְּרַאטֶעוֶועט זַיין
לֶעבֶּען דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַרַיינְשְׁלֶעפֶּען אִין אַ קִירְכֶע אוּנ דָארְט
טוֹיפֶען. אוֹיפ׳ן אַנְדֶערְן אִין דֶער פְרִיה, אַז רִיכַארְד אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען וָואס

מֶען הָאט דִי נַאכְט אִיבֶּערְגֶעטְהוּן מִיט דִי יוּדֶען, הָאט עֶר בַּאלְד פֶערְמִשְׁפַּט דִי רוֹצְחִים צוּם טוֹיט אוּנ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל: מֶען זָאל זִיךְ נִיט דֶערְוָואגֶען מֶעהר צוּ בֶּערִירֶען דִי יוּדֶען. בֶּענֶעדִיקט׳ן הָאט עֶר עֶרְלוֹיבְּט צוּרִיק וֶוערֶען אַ יוּד, נָאר עֶר הָאט נִיט לַאנְג גֶעלֶעבְּט אוּנ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן דִי וואוּנְדֶען וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶעמַאכְט. דִי גֵייסְטְלִיכֶע הָאט עֶס גוּט פֶערְדְרָאסֶען, נָאר זֵיי הָאבֶּען נָאר נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט דֶעם נִיפְט בֶּעהַאלְטֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. דֶער נִיפְט הָאט זִיךְ טַאקִי נָאר נִיךְ גֶעלָאזְט פִיהלֶען: קוֹים אִיז רִיכַארְד צוּזַאמֶען מִיט פְהִילִיפּ אוֹיגוּסְט אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען צוּם נַייֶעם קְרַייצְצוּג, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רוֹדֵפ׳ן דִי יוּדֶען פוּן דָאס נַיי אוּנ מֶען הָאט זֵיי אִין פִיעל שְׁטֶעדְט גֶעמַאכְט דִי אֵיינֶענֶע הֲרִיגָה וָואס אִין לָאנְדָאן. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבֶּען גֶעלִיטֶען דִי יוּדֶען פוּן יָארְק, וַוייל דָארְט הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט דִי צְווֵיי גְרוֹיסֶע נְגִירִים יַעֲקֹב אָדֶער יָאצֶעאוּס אוּנ בֶּענֶעדִיקְטוּס אוּנ דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז בַּיי זֵיי אִיז דָא וָואס צוּ רַאבֶּעוֶוען, דִי מְלוּכָה הָאט זֵיי אֲפִילוּ גֶעשִׁיצְט אוּנ הָאט זֵיי אַריינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין אַ פֶעסְטוּנְג, וואוּ דָאס חַיִל הָאט זֵיי אָבְּגֶעהִיט, נָאר דִי גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אָנְגֶערֶעדְט דִי רוֹצְחִים זֵיי זָאלֶען נִיט אָבְּטְרֶעטֶען אוּנ וַוארְטֶען בִּיז בַּיי דִי יוּדֶען וֶועלֶען אוֹיסְגֶעהן לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל אוּנ זֵיי וֶועלֶען זִיךְ מוּזֶען אוּנְטֶערְגֶעבֶּען. בַּאלְד הָאבֶּען טַאקִי דִי יוּדֶען גֶעזֶעהן אַז מֶעהר קָאנֶען זֵיי זִיךְ נִיט הַאלְטֶען, אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען צוּ פָאלְגֶען דִי עֵצָה פוּנ׳ם רַב ר׳ יוֹם טוֹב פוּן יוֹנִי (זְשָׁאאַנִי) אוּנ זִיךְ בֶּעסֶער אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען נֶעהמֶען. דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער יָארְקֶער קְהִלָּה יַעֲקֹב אָדֶער יָאצֶעאוּס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעקוֹילֶעט זַיין גֶעלִיעבְּטֶע פְרוֹי אַנְנַא אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט אִיהם דֶער רַב אַלֵיין גֶעקוֹילֶעט אוּנ הָאט אַבְּרָכָה גֶעמַאכְט אוֹיף דִי שְׁחִיטָה. אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעפַאלֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְנ׳ס הַאנְד; מֶעהר פוּן פִינְף הוּנְדֶערְט יוּדֶען זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אוּנ פוּן דִי יָארְקֶער יוּדֶען אִיז קֵיין אֵיינְצִיגֶער נִיט גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען.

אוֹיפ׳ן אַנְדֶערְן טָאג, דֶעם 18 מַארְץ 1190, אִיז מֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן סַ״ט־עֶדְמוּנְד אוּנ מֶען הָאט זִיבֶּען אוּנ פוּפְצִיג פוּן זֵיי גֶעהַרְג׳ט. דֶעמָאלְט הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעקוֹילֶעט דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה וָואס אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן גֵרִים. רִיכַארְד הָאט זִיךְ אֲפִילוּ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יוּדֶען אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען מְשַׁפְּטֶ׳ן דִי רוֹצְחִים, נָאר זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צוּלָאפֶען, אוּנ אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין בְּרוּדֶער יָאהַאן אוּנ דָאס לַאנְד אַלֵיין הָאט אָנְגֶעוָואהְרֶען דֶעם גְלַאנְץ, אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען נָאךְ אֶרְגֶער.

בֶּעסֶער אִיז גֶעוֶועהן דִי יוּדֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד, וַוייל דָארְט הָאט דָאס

פאלק ארויסגעזעהן אז די מלוכה טרייבט ניט קיין קאטאוועס אונ וויל טאקי ערנסט בעשיצען די יודען: ביים ערשטען קרייצצוג האט זיי געשיצט היינריך דער פיערטע אונ ביים צווייטען – קאנראד דער דריטע, אונ דאס איז גענונג געוועהן אז די איינוואהנער זאלען פערשטעהן אז מען טאר זיי ניט אנריהרען. מיט די דייטשע יודען האט זיך דווקא אזוי געפיהרט, אז חאטש מען האט זיי גערעכענט „פאר קנעכט פון דער קרוין", האבען זיי פון דעסטוועגען געהאט אללע רעכטע אונ האבען געמאנט אפילו האלטען כלי זיין. אז מען האט בעלאגערט די שטאדט ווארמס, האבען זיך יודען געשלאגען גלייך מיט קריסטען אונ די רבנים האבען זיי מתיר געוועהן מלחמה צו האלטען אים שבת. פיעל יודען האבען בעקומען גרויסע שטעללען: ביים הערצאג לעאפאלד פון אסטערנייך איז א יוד שלמה געוועהן דער ממונה איבער אללע אוצרות. אפילו צווישען די דייטשע פאלקסזאנגער איז אויך געוועהן א יוד זיסקינד פון טרימבערג. אין שלעזיען האבען יודען געהאט איינענע דארפער; נאר אין גאנצען רוהיג זענען זיי ניט געוועהן: ביסלעכווייז האט זיי די בעשולדיגונג פון „קריסטליך-בלוט" פאר אומערט דאס לעבען, ווי באלד מען האט נאר ערגיץ געפונען א טויטען קארפער זענען זיי שוין מיט'ן לעבען ניט זיכער געוועהן, אונ חאטש דער קייזער פרידריך בארבארסא האט אנגעזאגט די גייסטליכע, איידער ער איז אוועקגעפאהרען קיין פאלעסטינא, זיי זאלען אבהיטען די יודען, פון דעסטוועגען האט מען זיי אנגעטהון גענונג צרות.

אין איטאליען איז אים צוועלפטען יאהרהונדערט די יודען געוועהן נאר ניט שלעכט; דער פרומער פאפסט אלעקסאנדער דער דריטער האט געהאלטען פון זיי, אונ א יוד ר' יחיאל בן אברהם דעי מנסי איז געוועהן דער גאנצער טהוער אין אללע זיינע געשעפטען. אז דער פאפסט איז אריינגעפאהרען קיין רום זענען איהם די יודען אקעגענגעגאנגען מיט א חופה אונ א ספר תורה, דאס איז ביי איהם זעהר אנגעלעגט געוועהן אונ דערפאר זענען זיי ביי איהם געוואָרען די גרעסטע חשובים. אונ בעזאנדערס האט ער זיי א גרויסע טובה געטהון ביי דער אסיפה, וואס איז געוועהן אים יאהר 1179, ווען דריי הונדערט גייסטליכע האבען זיך אנידערגעזעצט טראכטען וואס פאר א גזירות מען זאל ארויסגעבען געגען די יודען. אוודאי האבען זיך די יודען געהאט פאר וואס צו שרעקען אונ ניט אומזיסט האבען זיי אויף דריי טאג גוזר תענית געוועהן, זיי זענען אבער טאקי נאר אבגעקומען מיט'ן שרעק. די אסיפה האט נאר בעשטימט אזעלכע תקנות, וואס זענען געוועהן גוט פאר די יודען – מען זאל זיי מיט געוואלד ניט

באַקוועמען אונ ניט שטערן זיי אָבצוהיטען זייער אֱמוּנָה.

נאָך פריהער האָבען די יודען געלעבט אויף דעם אינזעל סיציליען אונ האָטש פון דאָרט איז נאָר נאָהענט צו די אֶרטער פון דער ביצאַנטינישער מְלוּכָה, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעל יודען, פון דעסטוועגען האָט מען אין ביצאַנטען אונ בעזאָנדערס אין גריכענלאַנד געזעהן פונקט דעם היפּך. אין טהעבען (תִּיבָה) איז געוועהן אַ גרויסע יודישע קְהִלָּה אונ די יודען פון דאָרט זענען גע־וועהן די בעסטע פאַבריקאַנטען פון זייד אונ פון פורפור. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען געוואוינט ביז צוויי טויזענד יודישע פאַמיליען, אַחוץ פינף הונדערט קראַאימעס. נאָר די לאַגע פון די אַללע יודען איז געוועהן זעהר אַ ביטערע: די שִׂנְאָה פון די גריכען צו זיי איז געוועהן חוץ מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, מען האָט געמאַכט אָפענטליך שלאָגען יודען אין די גאַסען, אונ דאָס געזעץ האָט זיי ניט געשיצט. אַ יוד האָט ניט געטאָרט פאָהרען רייטענדיג אויף אַ פערד, אונ אין דער גאַנצער מְדִינָה האָט נאָר איינער, שְׁלֹמֹה פון מִצְרַיִם (שְׁלֹמֹה הַמִּצְרִי), וואָס איז גע־וועהן אַ לייב־דאָקטאָר ביים קייזער עִמָּנוּאֵל, געהאַט דאָס רעכט דערצו. נאָר ביי די אַללע צָרוֹת האָבען דאָרט די יודען געהאַט פַּרְנָסָה; דאָס לערנען פון תּוֹרָה איז ביי זיי געוועהן נאָר קליין, דערפאַר זענען זיי אָבער געוועהן גרויסע בַּעֲלֵי־צְדָקוֹת, זיי האָבען פערזאָרגט אָרעמע לייט, אונ האָבען אויך געקאָנט אויס־שטעהן די שרעקליכע נְתִינוֹת, וואָס די מְלוּכָה האָט ביי זיי געריסען.

אין קליין־אַזיען, סיריען אונ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז די צאָהל פון די יודען גע־וואָהרען נאָר קליין; אֲפִילוּ אין יְרוּשָׁלַיִם האָבען מעהר ניט געוואוינט ווי דריי הונדערט יודען, אונ כְּמְעַט אַללע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פאַרבעריי. די פריהעריגע לעבעדיגע שטאָדט נְהַרְדְּעָא, סוּרָא אונ פּוּמְבְּדִיתָא, וואו די תּוֹרָה האָט אַ מאָל געבליהט, זענען אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען; דערפאַר איז אין בַּגְדַד אויסגעוואַקסען אַ גרויסע קְהִלָּה, וואָס איז בעשטאַנען פון טויזענד יודישע מִשְׁפָּחוֹת אונ האָט געהאַט פיער שולען. דער כַּלִיף מַחְמֶד אַל־מוּקְטַאפִי האָט זעהר ליעב געהאַט אַ יודען שְׁלֹמֹה, אונ האָט איהם געמאַכט פאַר „רֵישׁ גָּלוּתָא", אונ דער פאַרשטעהער פון אַללע יודען איז געוועהן אַרומגערינגעלט כְּמְעַט מיט קאָניגליכען כָּבוֹד. אין בַּגְדַד איז אויך געוועהן אַ גרויסע יְשִׁיבָה, וואָס האָט זיך געפיהרט אונטער דער הַשְׁגָּחָה פון אַ בעזונדער „גָּאוֹן". אין דער שטאָדט מָאסוּל אָדער דאָס נייע נִינְוֵה איז געוועהן נאָך אַ גראָסע קְהִלָּה, וואָס איז בעשטאַנען פון זיבען טויזענד מִשְׁפָּחוֹת. אין דעם געגענד אַדְהִיר־בַּייזַשַׁאן, ניט ווייט פונ'ם קאַספּישען יַם, האָבען אויך געוואוינט פיעל יודען,

נָאר זַיי זֶענֶען גֶעוֶועהן וָעהר ווִילְד אוּנ פֶערְגְרֶעבְּט, אַללֵיין הָאבֶּען זַיי פוּן יוּדִישְׁקַייט נָאר וֵויינִיג גֶעוואוּסְט, אוּנ הָאבֶּען נָאר בְּלִינְד גֶעפָאלְגְט דִי רַבָּנִים, וָואס דֶער רֵישׁ גָלוּתָא פְלֶעגְט זַיי צוּשִׁיקֶען. אִים יָאהר 1160 אִיז פוּן דִי דָאזִיגֶע יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָוִד אַלְרוֹאִי, וָואס הָאט זַיין בְּרִיָה'שַׁאפְט גֶעוָואלְט בֶּענוּצֶען צוּ לִיעבּ אַ תַּכְלִית, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אוּנְבֶּעקַאנְט. זַיין זֵכֶר הָאט בֶּעשְׁרִיבֶּען דֶער בֶּערִיהמְטֶער עֶנְגְלִישֶׁער מִינִיסְטֶער בִּנְיָמִין הַיִשְׂרְאֵלִי, אָדֶער לָארְד בִּיקָאנְסְפִילְד, אִין זַיין רָאמַאן „דָוִד אַלְרוֹאִי”.

נַאנְץ זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד יוּדִישֶׁע פַאמִילְיֶען אִין דֶער גֶעגֶענְד כּוּרְסַן, אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג בַּיי נִישַׁאבּוּר. זַיי הָאבֶּען גֶעהַאט זַייעֶר אֵייגֶענֶעם מוֹשֵׁל, יוֹסֵף אַמַרְכַּלָאִי הַלֵוִי, אוּנ הָאבֶּען גֶערֶעכֶענְט אַז זַיי שְׁטַאמֶען אַרוֹיס פוּן דִי שְׁבָטִים דָן, זְבֻלוּן, אָשֵׁר אוּנ נַפְתָּלִי. זַייעֶר בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג אִיז גֶעוֶועהן מִיט בְּהֵמוֹת. אוֹיךְ הָאבֶּען זַיי זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין חִינַוא, וואוּ עֶס הָאבֶּען גֶעוָואהְנְט בִּיז אַכְט טוֹיזֶענְד מִשְׁפָּחוֹת, אוּנ אִין סַאמַארְקַאנְד, וואוּ זַייעֶר צָאהל הָאט דֶערְגְרֵייכְט בִּיז פוּנְפְצִיג טוֹיזֶענְד. פוּן אִינְדְיֶען וֵוייסְט מֶען וָואהל, אַז אִין יֶענֶער צַייט הָאבֶּען זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען פִיעל שְׁוַוארְצֶע יוּדֶען וָואס הָאבֶּען פוּן אַללֶע יוּדִישֶׁע מִצְוֹת גֶעדֶענְקְט נָאר מִילָה אוּנ שַׁבָּת. אוֹיף דֶעם אִינְזֶעל צֵיילָאן, אָדֶער קַאנְדִי, הָאבֶּען זִיךְ דֶערְמָאלְט גֶעפוּנֶען דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד יוּדֶען אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעהַאט אַללֶע רֶעכְטֶע. דֶער קֶענִיג פוּן דֶעם אִינְזֶעל הָאט גֶעהַאט פִיער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן יֶעדֶער רֶעלִיגְיָאן אוּנ דַארִיבֶּער זֶענֶען בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן אוֹיךְ פִיער יוּדִישֶׁע פָארְשְׁטֶעהֶער. אִין אַדֶען אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה, וָואס הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט נָאר פְרַיי אִין אֵייגֶענֶע פֶעסְטוּנְגֶען. דִי יוּדֶען פוּן דָארְט הָאבֶּען גֶעמַאכְט יַד אַחַת מִיט פֶערְסְיֶען אוּנ מִצְרַיִם אוּנ פְלֶעגֶען פִיהרֶען מִלְחָמָה מִיט דִי קְרִיסְטֶען פוּן נוּבֶּען.

אִין אַרַאבִּיֶען הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט דֶער צַייט וַוייטֶער בֶּעזֶעצֶען יוּדֶען, חָאטְשׁ דֶער עֶרְשְׁטֶער כַּלִיף הָאט זַיי אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען. נָאר אִין דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע שְׁטֶאדְט מֶעקְקַא אוּנ מֶדִינַה (יַתְרִיב) הָאט זִיךְ קֵיין יוּד נִיט גֶעפוּנֶען. דֶערְפַאר אִיז דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְד יֶמֶן (תֵּימָן) גֶעוֶועהן פוּל מִיט יוּדֶען, אוּנ צוּ לִיעבּ זַיי הָאט דָארְט דֶער מִסְחָר גֶעבְּלִיהט. נָאךְ גְרֶעסֶער אִיז גֶעוֶועהן זַייעֶר צָאהל אִין צָפוֹן-צַייט: אִין תֵּימַא הָאבֶּען זַיי גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָּה, אוּנ זַייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער, דֶער פִירְסְט חָנָן, עֶר הָאט זַיין יִחוּס גֶערֶעכֶענְט פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד. דָארְט הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען פִיעל פְרוּמֶע, וָואס פְלֶעגֶען נָאר גֶעהן אָנְגֶעטְהוּן אִין שְׁוַוארְצֶען, נִיט עֶסֶען קֵיין פְלֵיישׁ, נִיט טְרִינְקֶען קֵיין וַויין, זַיי הָאבֶּען זִיךְ

גערופען "אבלי ציון", אונ דאס פאלק, וואס האט זיך גראָסטענטהיילס בעשעפטיגט מיט ערד אַרבייט, פלעגט אויסהאלטען די "אבלי ציון" אונ זיי געבען מעשר. אין טאלמאם איז געוועהן איין אנדער יודישע קהלה, וואס חנן׳ס ברודער שלמה איז געוועהן זייער פארשטעהער, ער האט זיך אויך גערעכענט פאר א פירסט אונ האט געלעבט אין א טהייערן פאלאץ אין דער אלטער הויפט-שטאדט צנעא אדער טאנא, צווישען זיי האבען זיך אויך געפונען אזעלכע פרומע וואס פלעגען פאסטען פערציג טאג אין יאהר. נאך א דריטע קהלה, פון פונפציג טויזענד יודען, האט זיך געפונען אין דער געגענד חבור (כיבר): זיי זענען געוועהן אללע גרויסע גבורים אונ פלעגען זיך אבגעבען מיט מלחמה, נאר צווישען זיי זענען שוין געוועהן ניט ווייניג לומדים; זיי האבען גערעכענט, אז זיי קומען ארויס פון גד, ראובן אונ חצי שבט מנשה. אויסער דעם האבען זיך געפונען ביז צוואנציג טויזענד יודען אין האלב-ווילדע שטאדט גואזיט, בסרא (בצרה) אונ קופה.

אזוי ווי דער כליף פון בגדד האט געהאט צו שאפען כמעט איבער אללע אראבער, אזוי האבען אויך די אראבישע יודען אנגענומען איבער זיך דעם עול פונ׳ם ריש גלותא פון בגדד. דער צווייטער ריש גלותא איז געוועהן דניאל, א זוהן פון שלמה׳ן, אונ ער איז געוועהן ביים נייעם כליף פונקט אזא חשוב ווי דער פאטער ביים אלטען כליף. אין דער צייט פון דניאל האט געלעבט א גרויסער למדן שמואל בן עלי הלוי אונ ער האט די בגדד׳ער ישיבה געבראכט נאר צו א הויכער מדרגה. מעהר פון צוויי טויזענד תלמידים האבען דארט געלערנט אונ די ישיבה איז געוועהן אזוי גרויס אז הערען וואס מען רעדט איז געוועהן אונמעגליך, אונ שמואל בר עלי פלעגט געבען זיך שטעלען בעזונדערע מענשען אונ זיי פלעגען שוין זייניגע ווארטער צוטראגען אין אללע ווינקעלעך. שמואל בר עלי איז געוועהן דער דין אונ אללע טאג פלעגט ער פסקנען שאלות אונ דער עולם פלעגט קומען צו איהם זיך משפט׳ן. אז דניאל איז געשטארבען האט שמואל בר עלי איבערגענומען זיין גאנצע מאכט אונ האט אזוי פערשטאנען זיך צו פיהרען אז מען האט פאר איהם געציטערט אונ זיין נאמען איז גרויס געוועהן ניט נאר צווישען די יודען פון דמשק ביז אינדיען אונ פון דעם קאספישען ים ביז אראביען, נאר אויך אין אנדערע לאנדער. ניט אומזיסט האט זיך צו איהם א גאנץ פאלק פון גאטצענדיענער וואס האט געוואהנט אויף די קווקאזער בערג געווענדעט מיט דער בקשה אז זיי ווילען צו שטעהן צו דער יודישער אמונה: ניט ווייל דאס ליכט פונ׳ם גלויבען האט זיך געקאנט ווארפען

אִין דִי אוֹיגֶען פוּן דִי בְּלִינְדֶע מֶענְשֶׁען, נָאר דֶער גְלַאנְץ פוּנ'ם כָּבוֹד. מִיט וֶועלְכֶען דֶער יוּדִישֶׁער רֵישׁ גָלוּתָא הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט. דֶער רַייזֶענְדֶער ר' פְּתַחְיָה פוּן רֶעגֶענְשְׁבּוּרְג הָאט מִיט זַיינֶע אֵיינֶענֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהֶן דִי שְׁלוּחִים פוּנ'ם קַאוְוקַאזֶער פָאלְק אוּנ אִיז גֶעוֶועהֶן אֵיין עֵדוּת וִוי פוּן בַּגְדַד וֶוענֶען מִיט זֵיי אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען לוֹמְדִים צוּ בֶּעפֶעסְטִיגֶען דָארְט דָאס יוּדִישְׁקַייט.

דִי יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט נָאר אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן זַייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אַזְיֶען; זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט זֵייעֶר אֵיינֶענֶעם פָארְשְׁטֶעהֶער, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען „נָגִיד" אוּנ הָאט גֶעהַאט דָאס רֶעכְט צוּ בֶּעשְׁטִימֶען רַבָּנִים אוּנ חַזָנִים אוּנ בֶּעשְׁטְרָאפֶען פַאר עֲבֵירוֹת מִיט גֶעלְד אָדֶער מִיט מַלְקוֹת. אִין יֶענֶער צַייט אִיז גֶעוֶועהֶן דֶער נָגִיד ר' נְתַנְאֵל אִבְּן־אַלְנַמִי (אִבְּן־אַנ' לַמִי), וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעדִינְט פַאר אַלֵייבּ־דָאקְטָאר בַּיים כַּלִיף אַלדְהִיד אוּנ שְׁפֶּעטֶער בַּיי סַאלַאדִין. עֶר אִיז גֶעוֶועהֶן אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּנ הָאט אִין אַרַאבִּישֶׁען אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען עֶטְלִיכֶע סְפָרִים אִיבֶּער מֶעדִיצִין. אוּנְטֶ'ר זַיין הַשְׁגָחָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ יְשִׁיבָה, וואוּ דִי יוּדִישֶׁע יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען גֶעלֶערְנְט תַּלְמוּד. אִין קַאִירָה אִיז דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן צְוֵויי טוֹיזֶענְד מִשְׁפָּחוֹת, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם הָאבֶּען דָארְט גֶעוָואהְנְט נָאךְ מֶעהר קַרַאִימֶעס, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט זֵייעֶר אַבֶּעזוּנְדֶערְן נָשִׂיא. אִין אַלֶכְּסַנְדְרִיֶען הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט דְרַיי טוֹיזֶענְד יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, נָאר אִיבֶּער הוֹיפְּט זֶענֶען דִי יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם גֶעוֶועהֶן זֶעהר אוּנְוִויסֶענְד, אוּנ גְרָאד פוּן דֶעם פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְשַׁיינֶען אַלִיכְטִיגֶער שְׁטֶערְן — דָאס אִיז גֶעוֶועהֶן דער רמב"ם, וָואס הָאט דָאס לַאנְד גֶעמַאכְט פַאר'ן מִיטֶעלְפּוּנְק'ט פוּנ'ם גַאנְצֶען יוּדֶענְטְהוּם.

---

6 דֶער רַמְבַּ"ם.

(1171—1205 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

אִינ'ם צְוֶועלְפְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט הָאט דָאס יוּדִישְׁקַייט גֶעהַאלְטֶען גַאנְץ שְׁמָאל, וַוייל דִי קְוֶואלֶען, וָואס עֶס פְלֶעגְט זִיךְ פוּן זֵיי גִיסֶען תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה, זֶענֶען פֶערְשְׁטָאפְּט גֶעוָוארֶען. דָאס בִּיסֶעל יוּדֶען, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין שְׁפַּאנְיֶען נָאךְ דֶעם, וֶוענְן דִי אַלְמוּהִידֶען הָאבֶּען זֵיי אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ לְפָנִים גֶעמוּזְט רֶעכְנֶען פַאר מַחְמַדַנֶער, אוּנ חָאטְשׁ זֵיי הָאבֶּען זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין רֶגַע נִיט פַארְגֶעסֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין נִיט גֶע־קָאנְט אָפֶען אוּנ פְרַיי בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. אִין טוּלֶידָה אִיז דִי לַאנְגֶע

פון די יודען נֶעוועהן נִיט שְׁלֶעכְט אוּנְטֶער דֶער קְרִיסְטְלִיכֶע מְלוּכָה, נָאר זַייעֶר צָאהל אִיז נִיט נֶעוועהן אַזוֹי גְרוֹיס אוּנ זַיי זֶענֶען נֶעוועהן צוּ שְׁוַואך אַז זַייעֶרֶע לוֹמְדִים זָאלֶען קֶענֶען הָאבֶען אַוֶועקְטְרֶעטֶען אוֹיךְ אִין פְרֶעמְדֶע וַוייטֶע לֶאנְדֶער. אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאבֶען זִיךְ דִי יוּדֶען אַרַיינְגֶעלָאזְט נָאר אִין פִּלְפּוּל אוּנ הָאבֶען פוּן קֵיין אַנְדֶער זַאךְ נִיט נֶעוואלְט וויסֶען. פוּן דִי דַייטְשֶׁע יוּדֶען הָאט מֶען נָאר נִיט נֶעקֶאנְט פָאדֶערְן, וַוייל זֵיי הָאבֶען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט ווִי „קְנֶעכְט״ אוּנ זֵיי אִיז מֶעהר אִין זִין נֶעלֶעגֶען צוּ הַאפֶען עֶפִּיס אַחַיי שָׁעָה אוּנ נִיט זָארְגֶען פַאר׳ן כְּלַל. פוּן אַזֶעלְכֶע ווִידֶער, וואוּ עֶס אִיז פְּלוּצְלוּנְג אוֹיסְגֶעוואַקְסֶען נָאךְ אַמָאל אַרֵישׁ גָלוּתָא, אִיז נִיט נֶעוועהן ווָאס צוּ עֶרְווַארְטֶען, וַוייל דָאס אִיז מֶעהר נִיט נֶעוועהן ווִי אַקַאפְּרִיז פוּן אַמַזָּל, ווָאס הָאט נֶעווָאלְט כָּבוֹד אָנְטְהוּן אַיוּדֶען, נָאר דֶער רֵישׁ גָלוּתָא פוּן בַּגְדַד הָאט אִין זִיךְ נֶעהַאט דֶעם כֹּחַ אוּנ דֶעם ווֶערְטְה צוּ זַיין אַפִּירֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אוּנ פּוּנְקְט דֶעמָאלְט, ווֶוען אוּמֶעטוּם הָאט זִיךְ נָאר גֶעהַאלְטֶען אַשְׁוַואכֶער פוּנְק פוּן יוּדִישְׁקַייט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעשִׁיקְט דֶעם רמב״ם עֶר זָאל דֶערְהַאלְטֶען דָאס הֵיילִיגֶע פַייעֶר, אֶפְנֶען דִי אוֹיגֶען פוּן זַיינֶע צְוֶוארְ־פֶענֶע קִינְדֶער, בֶּעלַייכְטֶען זַייעֶר פִינְסְטֶערְן ווֶעג אוּנ אָנְצִינְדֶען אַנֵר תָּמִיד אוֹיף עֶבִּיגֶע צַייטֶען.

רַבִּי משֶׁה בֶּן מַיְמוֹן, אָדֶער ווִי עֶר הָאט אוֹיף אַרַאבִּישׁ גֶעהֵייסֶען אִבְּן עַמְרַאן מוּסַא בֶּן מַאיְמוּן עוֹבַּי״ד אַלַה, אִיז גֶעבָּארֶען גֶעווָארֶען דֶעם 80 מָארְץ 1136 אִין קוֹרְדוֹבָה, וואוּ דֶער פָאטֶער אִיז נֶעוועהן רַב. דֶער אַלְטֶער מַיְמוֹן אִיז גֶעוועהן אִי אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן, אִי אַטִיעפֶער חַקְרָן אוּנ דִי לִיעבֶּע צוּ ווִיסֶענְ־שַׁאפְטֶען הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אוֹיךְ דֶעם זוּהן. אַז ר׳ משֶׁה אִיז נָאךְ קֵיין דְרַייצֶען יָאהר נִיט אַלְט גֶעוועהן, אִיז קוֹרְדוֹבָה אַרוּנְטֶערְגֶעפַאלֶען אוּנְטֶער דֶער מַאכְט פוּן דִי אַלְמוֹהִידֶען אוּנ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועק קֵיין אַלְמֶערְיָה. נָאךְ דְרַיי יָאהר אִיז אָבֶּער דִי שְׁטָאדְט אוֹיךְ אַרַיין צוּ דִי אַלְמוֹהִידֶען אִין דִי הֶענְד אוּנ מַימוֹן מִיט זַיין הוֹיז גֶעזִינְד אִיז ווַייטֶער גֶעצְווִאוּנְגֶען גֶעוועהן נָע וָנָד צוּ זַיין אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע אֶרְטֶער אָהן פַּרְנָסָה. דָאס אָרֶעמְקַייט אוּנ נָע וָנָד זַיין הָאט אָבֶּער נִיט גֶעשַׁאדְט דֶעם יוּנְגֶען רמב״ם צוּ לֶערְנֶען, ווָאס מֶעהר אַיָאהר אִיז זַיין מֹחַ גֶעווָארֶען גֶעשְׁלִיפֶענֶער, זַיין חָכְמָה גְרֶעסֶער, זַיין הַארְץ רֵיינֶער, אוּנ חָאטְשׁ עֶר אִיז נָאךְ גֶעוועהן נָאר יוּנְג הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקָאנְט זֶעהן, אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין גֶעוואֶהנְלִיכֶער מֶענְשׁ, אַז נָאטּ הָאט אִיהם גֶעבֶּענְשְׁט מִיט אַללֶע מַעֲלוֹת, מִיט שְׁטַארְק הֲרִיפוּת, מִיט לוֹיטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ מִיט דִי עֶדֶעלְסְ־טֶע מִדוֹת. דָאס הָאבֶען דֶערְנָאךְ בֶּעווִיזֶען זַיינֶע סְפָרִים: אַז עֶר בְּרֶענְגְט עֶפִּיס

אַ סְבָרָא אוּנ וַויל אָבְּלֵיינֶען דִי דֵעָה פוּן אַנְדֶערֶע פַאלְט עֶר נִיט אָן אוֹיף זַיינֶע גֶעגְנֶער נָאר רוּהִיג אוּנ מִיט אִיבֶּערְלֶעגוּנְג בֶּעוַוייזְט עֶר דֶעם אֱמֶת – אוּנ טַאקִי נָאר דִי וָואס הָאבֶּען אִין זִיךְ דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע זַאכֶען, הֲרִיפוּת אוּנ יִשּׁוּב הַדַעַת, קָאנֶען הָאבֶּען אַ וִוירְקוּנְג אוֹיף אַ פָאלְק.

מִיט דֶער צַייט הָאט זִיךְ מַיְמוֹן גֶעמוּזְט בֶּעזֶעצֶען אִין פֶס (פֶעץ) אִין מַארָאקָא וואוּ דִי יוּדֶען הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער בְּרֵירָה נִיט גֶעהַאט אוּנ מֶען הָאט זֵיי מִיט גֶעוַואלְד גֶענֵייטְה אָנְצוּנֶעהמֶען דִי מַחְמַדַנִישֶׁע אֱמוּנָה. וָואס הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם אַלְטֶען מַימוֹן דֶערְצוּ, אַז עֶר זָאל אַרַיין אִין אַזַא סַכָּנָה אוּנ זָאל נִיט הָאבֶּען מֶעהר קֵיין מִיטֶעל ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַאטֶעוֶוען – ווֵייסְט מֶען נִיט; עֶס אִיז נָאר בֶּעקַאנְט, אַז דֶער רמב״ם הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְק אַרְבַּייטֶען אִיבֶּער זַיין סֵפֶר וֶוענֶען דֶער מִשְׁנֶה, וֶוען נָאר פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען דָאס אוּנְגְלִיק אוּנ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ קְלָאמֶערְשְׁט גֶעמוּזְט אָבְּזָאגֶען פוּן יוּדִישְׁקַייט. ווִי אַזוֹי שְׁוֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועהן פַאר מַיְמוֹן מִיט דִי קִינְדֶער אֶפֶענְטְלִיךְ צוּ זַיין מַחְמַדַנֶער אוּנ אִינְוֶוענִיג בְּלַייבֶּען הֵייסֶע יוּדֶען – דָאס קָאן מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֶעהן, מֶעהר פוּן צֶעהן יָאהר הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעמוּזְט אַזוֹי פַאר שְׁטֶעלֶען אוּנ מִיט אַ וֶועהטִיג הָאט מַיְמוֹן אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִיךְ צוּקוּקֶען ווִי פִיעל יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעוָואהנְט מִיט דֶער נַייעֶר רֶעלִיגְיָאן אוּנ הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעפִיהלְט כִּמְעַט ווִי אָבְּגֶערִיסֶען פוּן דֶער אַלְטֶער אֱמוּנָה. מַיְמוֹן הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיעף אוּנ הָאט אִיהם מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ גֶעלָאזְט פַארְשְׁפְּרֵייטֶען צְווִישֶׁען זַיינֶע בְּרִידֶער זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט פַארְגֶעסֶען וֶוער זֵיי זֶענֶען אוּנ זָאלֶען הָאפֶען אַז אִין גִיכֶע צַייטֶען וֶועלֶען זֵיי זִיךְ קָאנֶען צוּרִיק אוּמְקֶעהרֶען צוּם יוּדֶענְטְהוּם. אִין דֶער צַייט אָבֶּער וָואס מַיְמוֹן הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט מִיט אַללֶע כֹּחוֹת מַצִיל צוּ זַיין דִי פַארְבְּלָאנְזֶעטֶע שָׁאפֶעלֶעךְ זֵיי זָאלֶען אִין גַאנְצֶען נִיט אַרָאבּ פוּנ׳ם וֶועג, הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ פְרוּמֶער יוּד, אַ הֵייסֶער אוּנ נִיט קֵיין בֶּעטְרַאכְטֶער, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר אוּנ בֶּעווִיזֶען אַז דֶער יוּד וָואס גֶעהמְט נָאר אֲפִילוּ לְפָנִים אָן אֵיין אַנְדֶער אֱמוּנָה קָאן נָאר קֵיין מָאל קֵיין כַּפָּרַת עָוֹן נִיט הָאבֶּען אוּנ הָאט דֶעם וֶועג צוּ זַיין גְלוֹיבֶּען אוֹיף עֶבִּיג פֶערְלָארֶען. דָאס הָאט פֶערְדְרָאסֶען דֶעם רמב״ם אוּנ עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אָבְּצוּלֵיינֶען דִי פַאלְשֶׁע דֵעָה פוּן דֶעם צוּהִיצְטֶען מְחַבֵּר: דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט זַיין עֶרְשְׁטֶען חִבּוּר אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז עֶס אִיז אַוַדַאי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ דָאס לֶעבֶּען אַוֶועקְצוּגֶעבֶּען פַאר דֶעם וָואס אִיז דָאס טְהַייעֶרְסְטֶע אוּנ הֵיילִיגְסְטֶע בַּיים מֶענְשֶׁען, נִיט יֶעדֶער הָאט אָבֶּער אִין זִיךְ דֶעם כֹּחַ מַפְקִיר צוּ זַיין דֶעם נֶפֶשׁ, אוּנ אַז עַל פִּי תּוֹרָה מוּז מֶען נָאר אָבְּהַאלְטֶען יֶעדֶען

פון אַ סַכָּנָה. אונ דַאריבֶּער הָאט עֶר גֶעדְרוּנְגֶען אַז דֶער יוּד וָואס אִיז מְקַדֵשׁ הַשֵׁם דֶערְמִיט וָואס עֶר זָאגְט לְפָנִים, אַז עֶר גְלוֹיבְּט אִין עֶפִּיס אַנְדֶערְשׁ, בֶּעזָאנְדֶערְס נָאךְ אִין אַזַא אֱמוּנָה וָואס מֶען קָאן אוֹיף אִיהר נִיט קוּקֶען וִוי אוֹיף אַ עֲבוֹדָה זָרָה, טְהוּט נִיט קֵיין שׁוּם עֲבֵירָה אוּנ הָערְט זִיךְ נִיט אוֹיף צוּ רֶעכְנֶען צְווִישֶׁען דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

דֶער רמב״ם הָאט זִיךְ נִיט בֶּעגְנִיגְט נָאר מִיט שְׁרַייבֶּען אַלֵיין: עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעטְהוּן אוּנ עֶס אִיז אִיהם גֶערָאטְהֶען פִיעל פוּן דִי אָבְּגֶערִיסֶענֶע יוּדֶען צוּרִיק צוּ צוּבִּינְגֶען צוּ זֵייעֶר אֱמוּנָה. דִי מְלוּכָה אִיז אָבֶּער בַּאלְד דֶערְפוּן גֶעוָוארֶע גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר וָואלְט גֶעוִויס מִיט׳ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט, וָוען דֶער בֶּערִיהמְטֶער מַחְמַדַנִישֶׁער דִיכְטֶער אַבּוּל עַרַב אִבֶּן־מַיאַשָׁה גֶעהְמְט זִיךְ נִיט אָן פַאר אִיהם. עֶס אִיז אִיהם אָבֶּער נִמְאַס גֶעוָוארֶען צוּ לֶעבֶּען שְׁטֶענְדִיג אִין גֶעפַאהר אוּנ עֶר הָאט זִיךְ מִיט דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה אַוֶועקְגֶעלָאזְט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַ קוּרְצֶע צַייט זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען אִין עַכּוֹ, דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפָאהרֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ פוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער קֵיין מִצְרַיִם אוּנ דָארְט אִיז אִים יָאהר 1166 גֶעשְׁטָארְבֶּען דֶער אַלְטֶער מַיְמוֹן. נָאךְ מַיְמוֹנ׳ס טוֹיט אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעבְּלִיבֶּען אִין קָאִירָה. דֶער רמב״ם הָאט זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט נָאר מִיט לֶערְנֶען אוּנ דֶער יוּנְגֶערֶער בְּרוּדֶער דָוִד הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט דִימַאנְטֶען אוּנ פְלֶעגְט אָפְט צוּ לִיעב דֶעם מִסְחָר פָאהרֶען קֵיין אִינְדְיֶען. צוּם אוּנְגְלִיק אִיז דָוִד נִיךְ דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען אִין אִינְדִישֶׁען יַם אוּנ דוּרְךְ דֶעם אִיז פֶערְלָארֶען גֶעוָוארֶען נִיט נָאר זֵייעֶר גַאנְץ פַארְמֶעגֶען נָאר אוֹיךְ פְרֶעמְד גֶעלְד אִיז גֶעגַאנְגֶען לְאִבּוּד. דֶעם עוֹל פוּן פַּרְנָסָה פַאר דֶער גַאנְצֶער פַאמִילְיֶע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען אוֹיפ׳ן רמב״ם אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעקָאנְט מֶעדִיצִין הָאט עֶר גֶעמוּזְט אָנְהוֹיבֶּען לֶעבֶּען פוּן דָאקְטָארַיי. עֶר הָאט אָבֶּער נִיט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דָאס לֶערְנֶען אוּנ וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט אַ פְרַייעֶ מִינוּט הָאט עֶר זִי פֶערְבְּרַאכְט מִיט שְׁרַייבֶּען, אוּנ אִים יָאהר 1168 הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זַיין עֶרְשְׁט סֵפֶר אוֹיף אַרַאבִּישׁ, וָואס הֵייסְט „סִירַאגַה״, דִי בֶּעלַייכְטוּנְג פוּנ׳ם תַּלְמוּד. אִין דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר זִיךְ בֶּענִיצְט מִיט אַלֶע וִויסֶענְשַׁאפְטְלִיכֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען צוּוָוארְפֶען אִין דֶער גְמָרָא אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס מִיט דִי קְלוּגֶער רֶעד פוּן פִּרְקֵי אָבוֹת, אוּנ בֶּעוַויזְט אַז דֶער תַּלְמוּד אִיז אֵיין אוֹצָר פוּן חָכְמָה אוּנ מוּסָר. דֶעמָאלְט הָאט אוֹיךְ דֶער רמב״ם אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דִי דְרַייצֶעהן עִקָרִים פוּן דֶער אֱמוּנָה, כְּדֵי יֶעדֶער יוּד זָאל הָאבֶּען אַ רֵיינֶעם בֶּעגְרִיף אַז זַיין גְלוֹיבֶּען אִיז גֶעגְרִינְדֶעט אוֹיף דֶעם, וָואס עֶס אִיז דָא אַ גָאטט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דֶער גָאטט אִיז אֵיינְצִיג, וָואס עֶר הָאט נִיט קֵיין

נוזף אונ וָוערְד נִיט פֶערְאֶנְדֶערְט, וָואס עֶר אִיז עֶבִּיג, וָואס צוּ אִיהם אַלֵיין מוּז מֶען בֶּעטֶען, וָואס דֶער גָאטט קְלוֹיבְּט אוֹיס זַיינֶע נְבִיאִים, וָואס קֵיינֶער קָאן זִיךְ נִיט גְלַייכֶען צוּ משֶׁה'ן, וָואס דִי תּוֹרָה אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, וָואס גָאטט פִירְט דִי וָועלְט מִיט זַיין הַשְׁגָּחָה, וָואס עֶס אִיז דָא שָׂכָר וְעוֹנֶשׁ, וָואס מָשִׁיחַ דַארְף קוּמֶען אוּנ וָואס עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

אִין קַאִירָה הָאט מֶען זִיךְ נָאךְ אוֹיפ'ן רמב"ם נִיט אוּמְגֶעקוּקְט אוּנ מֶען הָאט נָאךְ נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען דֶעם וָוערְטְה פוּן זַיין אַרְבַּייט, נָאר אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיס אוֹיף דֶער וָועלְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶערֶעדְט פוּן אִיהם אוּנ הוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט זַיין נָאהמֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט עֶר זִיךְ בֶּערִיהמְט גֶעמַאכְט בַּיי דִי יוּדֶען פוּן יֶמֶן (תֵּימָן) וַוייל אַהִין אִיז גֶעקוּמֶען זַיין תַּלְמִיד ר' שְׁלמֹה כֹּהֵן אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין רֶבִּי'ן אוּנ זֵיי גֶערַאטְהֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ צוּ אִיהם וָוענְדֶען הֵן אִין אַנוּיט הֵן אִין תּוֹרָה. בַּאלְד הָאבֶּען זֵיי טַאקִי בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּם רמב"ם, וַוייל אִיהם יַאהר 1172 הָאבֶּען זִיךְ אִין יֶמֶן אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטַארְקֶע רְדִיפוֹת אוּנ מֶען הָאט גֶעוֵויְטְהָה דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען אָנְנֶעהמֶען דִי מַחְמַדַנִישֶׁע אֱמוּנָה; פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען עֶס לְכַתְּחִלָּה גֶעטְהוּן לְפָנִים, נָאר בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעוָואהְנְט מִיט דֶער לַאגֶע אוּנ הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶערֶעכֶענְט פַאר אֱמֶת'ע מַחְמַדַנֶער. דֶערְצוּ הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען פוּן אֵיין זַייט אֵיינֶער, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז מַחְמַד אִיז אַנָבִיא, אוּנ אַז אִין דֶער תּוֹרָה אִיז בְּפֵירוּשׁ דָא אַרֶמֶז אוֹיף אִיהם, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט אַזֶעלְכֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אַז מָשִׁיחַ דַארְף בַּאלְד קוּמֶען. פוּן אַזֶעלְכֶע צוּמִישְׁטֶע דֵעוֹת הָאט קֵיין גוּטְס נִיט גֶעקָאנְט אַרוֹיס, דִי יוּדֶען הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט וָואס זֵיי זָאלֶען אָנְנֶעהמֶען פַאר אֱמֶת אוּנ הָאבֶּען זִיךְ דֶערְוַוייל אָנְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם וָואס הָאט זֵיי מֶעהר גֶעטוֹיגְט אוּנ וֶועניגֶער צָרוֹת גֶעבְּרַאכְט. דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז דָאס יוּדִישְׁקַייט קָאן אִין יֶמֶן זֶעהר שְׁטַארְק לַיידֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי לוֹמְדִים ר' יַעֲקֹב אַלְפַאיוּמִי הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּם רמב"ם עֶר זָאל עֶפִּיס גֶעבֶּען אֵיין עֵצָה. דֶער רמב"ם הָאט נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אַרַאבִּישׁ אַבְּרִיעף צוּ דִי יוּדֶען פוּן יֶמֶן וָואס אִיז בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאמֶען אִגֶּרֶת תֵּימָן, מִיט זִיסֶע וֶוערְטֶער אוּנ הוֹיכֶע גֶעדַאנְקֶען הָאט עֶר זֵיי פַארְשְׁטֶעהן גֶעגֶע־בֶּען דֶעם אֱמֶת'ען וֶוערְטְה פוּן דֶער יוּדִישֶׁער רֶעלִיגִיָאן, עֶר הָאט זֵיי גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶער הָאפְנוּנְג אַז בַּאלְד וֶועט דִי צַייט בֶּעסֶער וֶוערֶען אוּנ הָאט זֵיי גֶעבֶּעטֶען זֵיי זָאלֶען בַּיי זִיךְ נִיט פַאלֶען וֶוען עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי יְסוּרִים ווֶעלֶען קֵיין מָאל נִיט אוֹיפְהֶערֶען. דֶער בְּרִיעף הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַשְׁטַארְקֶען רַעַשׁ

אין יָמֶן, אונ די דָאזִינֶע, וָואס דָער פונ׳ק פון יודישְׁקַייט הָאט שוין גֶעהַאלְטֶען בַּיי זֵיי כִּמְעַט בַּיים אויסְלֶעשֶׁען, זֶענֶען גֶעוָוארֶען בַּיי זִיךְ בֶּעהַארְצְט אונ הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען דָאס פֶּעקִיל צָרוֹת בִּיז דֶער רמב״ם אִיז שְׁפֶּעטֶער נָאר גְרוֹיס גֶעוָוארֶען אונ הָאט זֵיי אִין גַאנְצֶען בֶּעפְרַייהט פון די אונטֶערְדְרִיקוּנְגֶען אונ זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט פְרַיי דִיעֶנֶען זֵייעֶר גָאטט. דֶערְפַאר אִיז דֶער נָאהְמֶען פונ׳ם רמב״ם הַיילִיג גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי די יוּדֶען פון יָמֶן אונ גַאנְץ אַרַאבְּיֶען, אונ פַאר דַאנְקְבַּארְקַייט הָאבֶּען זֵיי אִיהם אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין קַדִיש אונ הָאבֶּען דָארְט צוּגֶעזֶעצְט די וָוארְטֶער: „וּבְחַיֵּי רַבֵּנוּ מֹשֶׁה בֶּן מַיְמוֹן״.

עֶרְשְׁט אִים יַאהר 1175 הָאט די יוּדִישֶׁע קְהִלָּה פון קָאִירָה אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רמב״ם פַאר רַב, אונ הָאטְ׳ש עֶר אִיז נִיט אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אַוֶועקְצוּוַארְפֶען די מֶעדִיצִין, הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט׳ן רַבָּנוּת. גֶעגֶען די קַרַאִיטֶעס הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטֶען וֶועהר פְרֵיינְדְלִיךְ אונ הָאט גֶעהֵייסֶען אוֹיף זֵיי כָּבוֹד לֶעגֶען וִוי אוֹיף בְּרִידֶער פון אֵיין פָאטֶער. נָאר רֶעכְט בֶּעקַאנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אִים יַאהר 1180, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין בֶּערִיהמְט סֵפֶר „מִשְׁנֶה תּוֹרָה״ אָדֶער „יָד הַחֲזָקָה״, וָואס עֶר הָאט דַארוֹיף גֶעאַרְבַּייט מֶעהר פון צֶעהן יָאהר. אִין דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר דֶעם גַאנְצֶען בִּנְיָן פונ׳ם תַּלְמוּד אִיבֶּערְגֶעבּוֹיט נָאר נָאךְ אַ בֶּעזוּנְדֶער פְּלַאן, אַז קֵיינֶער זָאל דָארְט נִיט דַארְפֶען בְּלָאנְזֶען אונ יֶעדֶער וָואס פַארְשְׁטֶעהט נָאר די תּוֹרָה זָאל נִיךְ קָאנֶען אָבְּזוּכֶען דָאס וָואס עֶר וִויל וִויסֶען. עֶר הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַללֶע דִינִים אונ הֲלָכוֹת, וָואס זֶענֶען אָהן אַ סֵדֶר צוּוָוארְפֶען אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע מַסֶכְתּוֹת פון דֶער גְמָרָא אונ הָאט יֶעדֶע זַאךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בֶּעזוּנְדֶער אָרְט. צוּ לִיעבּ אַזַא אָרְדְנוּנְג אונ אוֹיךְ צוּ לִיעבּ דֶער רֵיינֶער אונ פֶערְשְׁטֶאנְדְלִיכֶער הֶעבְּרֶאִי׳שֶער שְׁפְּרַאכֶע פונ׳ם רמב״ם, הָאט דֶער תַּלְמוּד בֶּעקוּמֶען אַ דָאפֶּעלְטֶען וֶוערְטְה אונ עֶס אִיז נָאר צוּ בֶּעוואוּנְדֶערְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעקָאנְט אֲפִילוּ אִין צֶעהן יָאהר אֵיינֶער אַלֵיין עֶנְדִיגֶען אַזַא אַרְבַּייט. אַוַדַאי הָאט זִיךְ נִיךְ דָאס סֵפֶר „יָד הַחֲזָקָה״ פַארְשְׁפְּרֵייט צְווִישֶׁען די יוּדֶען נִיט נָאר פון אַרַאבְּיֶען אונ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר אוֹיךְ פון אַפְרִיקָא, שְׁפַּאנְיֶען, פְרַאנְקְרַייךְ אונ אִיטַאלְיֶען, אונ פון אַללֶע לֶאנְדֶער הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיקֶען צוּם רמב״ם שַׁאֲלוֹת־תְּשׁוּבוֹת וִוי צוּם גְרֶעסְטֶען גָאוֹן פון יֶענֶער צַייט. פִיעל פון די קְלֵיינֶע רַבָּנִים הָאט אָבֶּער פֶערְדְרָאסֶען וָואס פְּלוּצְלוּנְג אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען אַזַא רִיז וִוי דֶער רמב״ם, וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעגֶען אִיהם אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי די מִילְבֶּען, אונ הָאבֶּען מִיט אַללֶע כּוֹחוֹת אִיהם גֶעוָואלְט עֶרְנִידְרִיגֶען. אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעדְרוּנְגֶען אַז דֶער רמב״ם קָאן נָאר קֵיין לַמְדָן נִיט זַיין, וַוייל עֶר הָאט

ניט גֶעלֶערְנְט אִין דָער יְשִׁיבָה פוּן בַּגְדַד, אוּנ וָוער שְׁמוּעסְט פוּנ'ם רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁמוּאֵל בַּר עֵלִי, וָואס אִיז גֶעוָואהנְט גֶעוָועהן צוּ זִיצֶען אוֹיף זַיין שְׁטוּהל אוֹיבֶען אָן, אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט שְׁקְלַאוֶוען אוּנ אַיינְגֶעטוּנְקְט אִין גָאלְד, הָאט נִיט גֶעקָאנְט דֶערְלָאזֶען, אַז יֶעמַאנְד זָאלל אַנְדֶערֶע נָאמֶען הָאבֶּען פַאר אִיהם, אוּנ וִוי וַוייט עֶר הָאט נָאר גֶעקָאנְט הָאט עֶר גֶעוָואלְט דֶעם רמב"ם שְׁלֶעכְטֶס טְהוּן. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט שׂוֹנְאִים צְווִישֶׁען דִי גָאר פְרוּמֶע, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען פַאר זַיינֶע חֲקִירוֹת אוּנ עֶרְקְלֶערוּנְגֶען, אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶערֶעכֶענְט פַאר צוּפִיעל אוֹיפְגֶעקְלֶערְט. דֶער רמב"ם הָאט אָבֶּער גֶעטְהוּן זַיינְס אוּנ זַיינֶע גֶעגְנֶער זֶענֶען נָאךְ מֶעהר אוֹיפְגֶערֶעגְט גֶעוָוארֶען דֶערְפוּן, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף זֵיי נָאר נִיט גֶעוָואלְט אוּמְקוּקֶען.

נָאךְ צְוַואנְצִיג יָאהר וָואס דֶער רמב"ם הָאט גֶעלֶעבְּט אִין מִצְרַיִם אוּנ הָאט גֶעשֵׁמְ'ט אִין גַאנְצֶען לַאנְד פַאר דֶעם גְרֶעסְטֶען דָאקְטָאר, אִיז אִיהם גֶערָאטְהֶען בֶּעקָאנְט צוּ וֶוערן אִין הוֹיף פוּנ'ם בֶּערִיהמְטֶען סוּלְטַאן סַאלַאדִין, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז גֶעוֶועהן פֶערְנוּמֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אִיז עֶר גֶעוָוארֶען לַייבּ־דָאקְטָאר בַּיים שֵׁנִי לְמַלְכוּת אַלְפַדְהָאל אוּנ נָאר נִיךְ אִיז עֶר בַּיי אִיהם אוֹיךְ גֶעוָוארֶען דֶער גְרֶעסְטֶער חָשׁוּב אוּנ דֶער בֶּעסְטֶער יוֹעֵץ, אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֵיילֶען בַּיי אִיהם, אוּנ דֶער רמב"ם אִיז אַזוֹי פֶערְוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען מִיט אַרְבַּייט אַז עֶר הָאט קוֹים מִיט גְרוֹים מִיה גֶעקָאנְט אִין זִין הָאבֶּען דָאס רַבָּנוּת. זַיין נָאהמֶען הָאט אַזוֹי גֶעקְלוּנְגֶען אַז דֶער בֶּערִיהמְטֶער דָאקְטָאר פוּן בַּגְדַד עַבְּדַל־לַאטִיף אִיז צוּפְלַיים גֶעקוּמֶען קַיין קַאִירָא זִיךְ מִיט אִיהם זֶעהן, אוּנ דֶער דִיכְטֶער אַל־סַאִיד אִבְּן סִינַה אַלְמוּלְק הָאט אִיהם בֶּעזוּנְגֶען אִין אַ זֶעהר שֶׁאנֶעם שִׁיר. דֶער עֶנְגְלִישֶׁער קֶאנִיג רִיכַארְד לֶאבֶּענְהֶארְץ, וָואס אִיז אִין דֶער צַייט פוּנ'ם דְרִיטֶען קְרַייצְצוּג דוּרְכְגֶעפָאהרֶען דוּרְךְ מִצְרַיִם, הָאט דֶעם רמב"ם פָארְגֶעלֶעגְט עֶר זָאל בַּיי אִיהם וֶוערֶען לַייבּ־דָאקְטָאר, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָבְּגֶעזָאגְט פוּן דֶעם כָּבוֹד. דָאס פְרַיינְדְשַׁאפְט פוּן אַלְפַדְהָאל הָאט דֶעם רמב"ם גֶעדִיענְט אִין אַ נוֹיט.
1187 אִים יָאהר הָאט זִיךְ מִיט אִיהם צוּקְרִיגְט זַיין פְרִיהֶערִיגֶער נוּטֶער פְרַיינְד אַבּוּל־עַרַב אִבְּן מַייאַשָׁה, וָואס הָאט אִיהם אַמָאל אִין פֶעץ אָבְּגֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַ סַכָּנָה, אוּנ עֶר הָאט אִיהם גֶעמַסֶר'ט, אַז עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט אַוֶועקְצוּוַארְפֶען דִי מַהְמַדַנִישֶׁע אֱמוּנָה וָואס עֶר אִיז פְרִיהֶר צוּ אִיהר צוּגֶעשְׁטַאנֶען. דִי זַאךְ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת אַלְפַדְהָאל אוּנ עֶר הָאט גֶעפַּסְקְ'ט אַז דֶער רמב"ם אִיז נִיט שׁוּלְדִיג, וַוייל אוּמְקֶעהרֶען זִיךְ צוּ אַיין אֱמוּנָה, וָואס מֶען הָאט פוּן אִיהר

דעם מענשען מיט געוואלד אבגעריסען, איז ניט קיין עבירה. ער האט ניט נאר
בעשטראפט דעם רמב״ם, נאר ער האט איהם נאך בעשטימט פאר׳ן „נגיד״ איבער
אללע יודישע קהלות אין מצרים. די הויכע שטעללע האט זיך געהאלטען אין
דעם רמב״ם׳ס משפחה ביז צום פונפצעהנטען יאהר־הונדערט, אונ אלליין האט ער
זיך בענוצט מיט זיין גרויסקייט נאר אויף טובות צו טהון יודען. דעמאלט האט
ער אויך געזעהן אז אין תימן זאלען אויפהערען די רדיפות נעגען די יודען, אונ
אז סאלאדין האט ארויסגעריסען ירושלים פון די קריסטענס האנד, וואס האבען
דארט געוועלטיגט כמעט הונדערט יאהר, האט דער רמב״ם באלד געפועלט ביי
איהם ער זאל ערלויבען די יודען זיך בעזעצען אין דער הייליגער שטאדט, אונ
פון ווייט אונ פון נאהענט האבען זיך די פערשמאכטע אונ בענקענדיגע קינדער
געלאזט צו דער אלטער היים. דעמאלט איז די לאגע פון די תלמודיסטען בע-
סער געוועהן ווי פון די קראימעס; פיעל פון זיי זענען איבערגעגאנגען צו די
תלמודיסטען, אונ די פרומע יודען האבען פערשטאנען אז דאס האבען זיי דעם
רמב״ם צו פערדאנקען.

וואס גראסער אבער דער רמב״ם איז געווארען — האט זיך אויך פארגרע-
סערט דער צארן פון זיינע נעגנער. שמואל בר עלי פון איין זייט האט ניט
אויפגעהערט צו גראבען אין בגדד; פון דער אנדערער זייט איז געגען רמב״ם
ארויסגעשפרונגען א פרומער למדן מר זכריה פון אחלב, וואס האט געהאל-
טען אין איין שרייען אז פון קאירא צו שפרייט זיך אפיקורסות איבער דער
גאנצער וועלט, ווייל עטליכע תלמידים פונ׳ם רמב״ם, וואס האבען זיך בעזעצט
אין תימן אונ דמשק, האבען געוויזען, אז מען דארף א ביסעל איידעלער בע-
טראכטען דעם גלויבען אין „השארת הנפש״ אונ פארשטעהן, אז דער גוף
פונ׳ם מענשען ווערד טאקי פערפוילט אונ נאר די נשמה געהט ארויף אין די
אויבערשטע וועלטען אונ בלייבט אייביג לעבען. פאר אזא תורה זענען די שונאים
פערטיג געוועהן צו דערטרינקען דעם רמב״ם, ווי מען זאגט, אין א לעפעל
וואסער, נאר דאס גאנצע גליק איז געוועהן, וואס ער איז שוין געשטאנען צו
הויך אונ זיי האבען איהם ניט געקאנט שאדען.

חאטש דער רמב״ם האט זיך וועניג געקאנט אבגעבען מיט שרייבען,
ווייל דאס רבנות אונ די מעדיצינישע פראקטיק האבען ביי איהם צו גענומען
די גאנצע צייט, פון דעסטוועגען האט ער אים יאהר 1190 ארויסגעגעבען זיין
בעריהמטע ספר אין דער אראבישע שפראכע „מורה נבוכים״, דאס הייסט
„דער פיהרער פון פערבלאנזשעטע״. איבער דעם ספר האט ער געארבייט עטליכע

יָאהר אוּנ הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אַיין אַרְט פוּן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי שַׁאֲלוֹת, וָואס זַיין גֶעלִיעבְּטֶער תַּלְמִיד יוֹסֵף אִבְּן־עֶקְנִין פוּן פֶעץ הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט אִין חֲקִירָה זַאכֶען. דֶער רמב"ם הָאט זִיךְ בֶּענוּצְט מִיט דֶער פִילָאזָאפִיע פוּן אַרִיסְטָאטֶלוּס, אוּנ הָאט אִין זַיין סֵפֶר אוֹיסְגֶעווִיזֶען אַז דִי רֵיינֶע יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה אִיז נִיט סוֹתֵר קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן יֶענֶער שִׁיטָה. אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז דֶער גַאנְצֶער „מוֹרֶה נְבוּכִים" גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶעם, אַז דֶער מֶענְשׁ מוּז נָאר זֶעהן אוֹיסְצֶעדְלֶען אוּנ לַייטֶערן זַיין הַארְץ דוּרְךְ מִדּוֹת טוֹבוֹת, וַוייל דָאס גוּטְצֶע וָואס גָאטט הָאט בֶּע־שַׁאפֶען שְׁטֵייט טַאקִי אַיין נָאר בַּיים מֶענְשֶׁען אִין דִי הָאנְד, אוּנ אָן אִיהם אַלֵיין אִיז גֶעווֶענְדֶט צוּ דֶערְגְרֵייכֶען בִּיז צוּ דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵגָה אוּנ ווֶערֶען כִּמְעַט אַ מַלְאָךְ; דַארִיבֶּער אִיז דֶער חוֹב פוּנ'ם מֶענְשֶׁען צוּ בֶּעוָוארֶענֶען דֶעם גוּף מִיט צְדָקָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ דִי נְשָׁמָה – מִיט לוֹיטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען וֶועגֶען דֶעם אֵייבִּיגֶען בֶּעשֶׁעפֶער. דֶער „מוֹרֶה נְבוּכִים" הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען רַעַשׁ צְווִישֶׁען דִי יוּדֶען אוּנ אוֹיךְ צְווִישֶׁען דִי מַחְמַדַנֶער, אוּנ דִי גֶעגְנֶער פוּנ'ם רמב"ם הָאבֶּען ווַייטֶער גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּ לַיארְמֶען אוּנ שְׁרַייעֶן אַז עֶר אִיז אַרָאבְּגֶעקְרָאכֶען פוּנ'ם גְלַייכֶען ווֶעג, וַוייל אִינ'ם סֵפֶר ווֶערְט ווֵיינִיג גֶערֶעדְט פוּן תְּחִיַּת הַמֵּתִים. דָאס הָאט בֶּעוָואוֹגֶען דֶעם רמב"ם אִין אַ יָאהר אַרוּם אָנְצוּ־שְׁרַייבֶּען אַ בֶּעזוּנְדֶער חִבּוּר אוּנ ווַייזֶען אַז מֶען בֶּעשׁוּלְדִיגְט אִיהם אוּמְזִיסְט אוּנ מֶען הָאט אִיהם נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, וַוייל עֶר גְלוֹיבְּט גֶעווִיס אִין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, נָאר עֶר רֶעכֶענְט עֶס פַאר אַ וואוּנְדֶער אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר ווֶעגֶען דֶעם נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען. אַוַודאי הָאבֶּען דִי שׂוֹנְאִים גֶעמוּזְט ווַייטֶער אַיין בֵּייגֶען דֶעם קָאפּ, אוּנ אוּמֶעדוּם הָאט מֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִינְטֶערֶעסִירֶען מִיט דֶעם רַמְבַּ"ם'ס סְפָרִים. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט מֶען אִיהם גֶעשֶׁעצְט אִין פְּרַיינְקְרַייךְ, אוּנ דָארְט הָאבֶּען דִי לוֹמְדִים פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז דָאס גַאנְצֶע אָנְשְׁפַּארֶענִישׁ פוּנ'ם דוֹר אוּנ אַז אוֹיף אִיהם הַאלְט זִיךְ דָאס יוּדִישְׁקַייט. ר' יְהוֹנָתָן כֹּהֵן אוּנ דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה פוּן לוּנֶעל הָאבֶּען אַזוֹי ווַייט גֶעהַאלְטֶען פוּן אִיהם אַז זֵיי הָאבֶּען אִיהם אַוֶועקְ־גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף פוּל מִיט לוֹיב אוּנ דַאנְק אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל זֵיי צוּשִׁיקֶען דֶעם „מוֹרֶה נְבוּכִים", וָואס זֵיי הָאבֶּען שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אִיהם. עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ פָּאר יָאהר אִיז דֶער רמב"ם אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן צוּ אֶנְטְפֶערן דֶער קְהִלָּה פוּן לוּנֶעל אוֹיף זֵייעֶר לִיעבֶּען בְּרִיעף. דִי שְׁוַואכֶע אֶלְטֶער אוּנ דִי שְׁווֶערֶע אַרְבַּייט הָאבֶּען אִיהם קְרַאנְק גֶעמַאכְט אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַ לַאנְגֶע צַייט לִיעגֶען צוּ בֶּעט; דֶערְצוּ אִיז אִין לַאנְד אַלֵיין גֶעוָוארֶען זֶעהר אוּנְרוּהִיג, וַוייל נָאךְ סַאלַאדִין'ס טוֹיט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ קְרִיעג צְווִישֶׁען זַיינֶע זִיהן

אונ זַיין בְּרוּדֶער וֶוענֶען דֶער יְרוּשָׁה, אונ אַזוֹי וִוי דֶער רמב״ם אִיז גֶעוֶועהן אַיינֶער פוּן דִי הויף-לַייט אִיז אִיהם אוּנְמֶאגְלִיךְ גֶעוֶועהן צוּ בְּלַייבֶּען רוּהִיג אונ עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט אִין זִין הָאבֶּען אַנְדֶערֶע זַאכֶען בִּיז דִי מְלוּכָה וֶועט נִיט זַיין בֶּעפֶעסְטִיגְט. עֶס אִיז אָבֶּער דֶעם רמב״ם שׁוֹין נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ הָאבֶּען נַחַת אוֹיף דִי אֶלְטֶערֶע יָאהרֶען: אַלְפַדְהֶאל, סַאלַאדִין׳ס אֶלְטֶערֶער זוּהן, הָאט אִיבֶּערגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה אונ הָאט אִיהם דַוְקָא גֶעמַאכְט פַאר זַיין לַייב-דָאקְטָאר, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער נַייעֶר מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזֶען אִין שִׁכְּרוּת אונ אִיז נָאכְגֶעלָאפֶען נָאךְ אַנְדֶערֶע תַּעֲנוּגִים, וָואס מַאכֶען אַ תֵּל פוּנ׳ם מֶענְשֶׁען, הָאט אִיהם דֶער רמב״ם אָפְט בֶּעדַארְפְט זָאגֶען מוּסָר אונ אָנְהַאלְטֶען פוּן פִיעל נַארִישְׁקַייטֶען אונ עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת.

דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶען תַּעֲנוּג, וָואס הָאט אִיהם זִיס גֶעמַאכְט דָאס לֶעבֶּען אִין זַיינֶע לֶעצְטֶע יָאהרֶען: מִיט שִׂמְחָה הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי דָאס וָואס עֶר הָאט פַארְזַייהט אִין מִצְרַיִם וֶועט גֶעבֶּען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת אִין פְרַאנְקְרַייךְ, וואו ר׳ שְׁמוּאֵל אִבְּן-תִּבּוֹן הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אִיבֶּערְזֶעצֶען זַיין „מוֹרֶה נְבוּכִים״ אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ, אונ מִיט אַ גֶעפִיהל פוּן דַאנְקְבַּארְקַייט הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען זַיין תְּשׁוּבָה דֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָּה פוּן לוּנֶעל. פוּן דֶער תְּשׁוּבָה קָאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהן וָואס פַאר אַ הֵייסֶער יוּד דֶער רמב״ם אִיז גֶעוֶועהן, וִוי גֶעטְרַייא אונ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען עֶר אִיז גֶעוֶועהן זַיין פָאלְק, אונ וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט בֶּעוָוארְנֶען אַז דִי לוֹמְדִים, וָואס זֶענֶען אִים שְׁטַאנְד צוּ אַרְבַּייטֶען פַאר׳ן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זָאלֶען נָאר אִין זִין הָאבֶּען דֶעם הֵיילִיגֶען גֶעדַאנְק פוּן בֶּעפֶעסְטִיגֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה. מִיט שְׁוַוארְצֶע פַארְבֶּען הָאט רמב״ם אוֹיסְגֶעמָאלְט דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאגֶע פוּן דִי יוּדִישֶׁע לוֹמְדִים אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער, אונ הָאט גֶעבֶּעטֶען דִי לוּנֶעלֶער יוּדֶען זֵיי זָאלֶען נִיט פַארְבֵּייגֶען דָאס לֶערְנֶען אונ זָאלֶען צוּנוֹיפְבִּינְדֶען צוּזַאמֶען תּוֹרָה מִיט חָכְמָה, אונ דֶערְהַאלְטֶען דָאס יוּדִישְׁקַייט בַּיים אֱמֶת׳ן גְלַאנְץ.

דִי תְּשׁוּבָה אִיז גֶעוֶועהן דִי לֶעצְטֶע וָואס דֶער רמב״ם הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען: דֶעם צְוַואנְצִיגְסְטֶען טֵבֵת פוּנ׳ם יָאהר 1204 אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארֶען, מִיד אונ אָנְגֶעהָארֶעוֶועט פוּן דֶער שְׁוֶוערֶער מַשָּׂא וָואס זַיין זִיבְּצִיג-יָאהרִיגֶעס לֶעבֶּען הָאט אוֹיף אִיהם אַרוֹיפְגֶעוָוארְפֶען. זַיין טוֹיט הָאבֶּען בֶּעוֵויינְט יוּדֶען אונ מַהְמַדַנֶער, אונ פִיעל קְהִלּוֹת הָאבֶּען נוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶועהן. זַיין קֶבֶר אִיז אִין טְבַרְיָא, אונ מֶען דֶערְצֶעהלְט אַז וֶוען מֶען הָאט אִיהם אַהִין גֶעפִירְט זֶענֶען רוֹצְחִים אָנְגֶעפַאלֶען, אונ אַז זֵיי הָאבֶּען דֶעם אָרוֹן נִיט גֶעקָאנְט רִירֶען פוּנ׳ם פְּלַאץ זֶענֶען זֵיי שְׁטַארְק בָּטֵל גֶעוָוארֶען אונ הָאבֶּען אִיהם מִיט גְרוֹיס פַּחַד בַּאלֵייט בִּיז טְבַרְיָא. פוּנ׳ם

רמב"ם איז געבליעבען נאר איין זוהן אבול־מיני רבי אברהם, וואס איז אויך געוועהן לייב־דאקטאר ביים סולטאן אונ האט אויך איבערגענומען די שטעללע פון „נגיד". אויף דער מצבה איז אלאנגע צייט געוועהן אויסגעקריצט איין אויפשריפט אז דער רמב"ם איז געוועהן א „הימעל־מענש". שפעטער אבער, אז די שונאים האבען זיך מעהר צופיהרט די האנד, האט מען די אויפשריפט אויסגעמעקט אונ מען האט אנגעשריבען אז דארט ליענט בעגראבען „דער אפיקורוס וואס האט פערדיענט דעם חרם". אזא אומ־כבוד פאר'ן זכר פונ'ם הייליגען רמב"ם בעווייזט צו וואס עס האט געפיהרט דאס מחלוקת וואס האט זיך נאך זיין טויט אנגעהויבען צווישען די יודישע לומדים וועגען די הויכע געדאנקען, וואס האבען בעפעסטיגט דאס יודישקייט אונ געגעבען דעם יודישען פאלק א פרישען קוואל פון ריינער אמונה.

---

7 דאס גראסטע מחלוקת אונ דער שאנדלאבער צייכען אויף די קליידער.

(1236—1205 נאך קריסטוס געבורט).

אז מען קוקט זיך צו מיט אפענע אויגען צום גאנג פון דער יודישער געשיכטע, איז לייכט ארויסצוזעהן אז דאס ערנסטע אומגליק וואס יאגט נאך די יודען אויף יעדען שריט איז דאס, וואס פון אמת אחדות האבען זיי קיינמאל ניט געוואוסט. עס איז ביי זיי ניט געוועהן קיין הייליגע זאך וואס זיי זאלען דארויף קיין פלעקען ניט זוכען, זיי האבען זיך ניט אויסגעקלויבען קיין פאהן, וואס ארום איהר זאלען זיך אללע צונויפנעהמען ווי קינדער פון איין פאטער, ווי ברידער מיט איין מזל, אונ זאלען בעטראכטען פאר זייער ציעל, פאר זייער טראסט אונ האפנונג. פון וואנען דאס נעהמט זיך אונ צו איז אין דעם ניט שולדיג די לאנגע פון די יודען צווישען אנדערע פעלקער — איז שווער צו בעשטימען, נאר דאס מוז מען מודה זיין, אז דער ווארם פון מחלוקת קריכט אין יעדער צייט אריין נוט אין די ביינער פונ'ם יודישען פאלק אונ רייסט ארויס מעהר קרבנות ווי פרעמדע שנאה, אונ עס איז נאר קיין וואונדער ניט וואס נאך דעם רמב"ם'ס טויט האבען זיך צוגעלאזט די ניפטיגע צונגען אונ מען האט ניט געלענט קיין כבוד אויף דעם נאהמען פון אזא גרויסען מאנן, וואס איז אים שטאנד געוועהן מיט זיין גייסט צונויפצונעהמען די פערטריקענטע צווארפענע ביינער אונ פון זיי מאכען איין נעזונדען לעבעדיגען יודישען גוף.

דער רמב"ם האט איבערגעלאזט די יודען יתומים, ווייל זיין זוהן האט נאר נעקאנט איבערנעהמען זיין שטעללע, אבער אזוי ארבייטען ווי דער פאטער איז איהם אונמעגליך געוועהן. אבו־ל־מיני־אברהם מימוני איז אויך געוועהן לייב־דאקטאר ביים סולטאן אלקאמאל, סאלאדין'ס ברודער, אונ איז ביי איהם געוועהן א גרויסער חשוב; ער האט אין איינעם מיט דעם בעריהמטען אראבישען דאקטאר אבן־אבי אוזאיביה געפיהרט דאס קראנקענהויז אין קאהירא; ער איז אויך געוועהן זעהר א גרויסער למדן, נאר צום רמב"ם איז ער פארט ניט נעקומען, אונ צווישען אללע לומדים פון אזיען, אפריקא אונ איראפא האט זיך ניט געפונען איינער וואס זאל זיך קאנען גלייכען צו איהם אין תורה אונ חכמה אונ זאל זיך פיהלען איהם שטאנד אויף זיך נעהמען דעם רמב"ם'ס שווערע ארבייט. דערצו האט זיך באלד, אים אנהייב פונ'ם דרייצעהנטען יאהר הונדערט, פעראנדערט צום שלעכטען די לאגע פון די יודען, ווייל דער פאפסט אינאקענטי דער דריטע, וואס איז בעקאנט מיט זיין אכזריות, האט זיך גענומען אויף זייער לעבען. לכתחלה האט ער זיך דווקא אנגענומען פאר זיי אונ. אז מען האט זיי אנגעהויבען, צו ליעב דעם קרייצצוג, ווייטער ראבעווען אונ די יודען האבען ביי איהם געבעטען הילף, האט ער אים יאהר 1199 ארויסגעלאזט א בעפעהל מען זאל זיי מיט געוואלד ניט טויפען, ניט צונעהמען ביי זיי זייער פערמעגען, ניט שטערען זיי ביים גאטטעסדיענסט אונ ניט ארויסוואַרפען זייערע מתים פון די קברים. פון דעם בעפעהל זעהט מען ארויס, אז מען האט די יודען ניט געלאזט צו רוה אפילו נאכ'ן טויט, אונ דאס האט אפילו אזא בעל רחמנות ווי אינאקענטי אויך ניט געקאנט ליידען. ער האט אבער גערעכענט אז מען זאל די יודען אזוי בעהאנדלען אז טאקי נאר די נשמה זאל זיך אין זיי האלטען, אבער ניט לעבען אונ האבען פרנסה גלייך מיט אנדערע מענשען. אז ער האט זיך אומגעקוקט אז אין פיעל ערטער איז די לאגע פון די יודען גאר ניט שלעכט אונ די קעניגע אונ אנדערע הערשער בעגעהען זיך געגען זיי מיט יושר, האט איהם שוין באנג געטהון פאר וואס ער האט פריהער געזאגט פון זייערט וועגען א גוט ווארט, אונ ער האט זיך ערשט גענומען רעכט זיי צו רודף'ן. דעם פראנצויזישען קעניג פהיליפ־אויגוסט, וואס האט ארויסגעטריבען די יודען אונ האט זיי צוריק אריינגעלאזט אין פראנקרייך ווען ער האט בעדארפט ביי זיי אויסזייגען די עטליכע גילדען, האט אינאקענטי אנגעשריבען אים יאהר 1205 א פייערינגען בריעף אונ האט אפען ארויסגעזאגט, אז דאס הארץ טהוט איהם וועה ווען ער דערמאנט זיך אז די יודען געניעסען פרייהייט, האלטען קריסטליכע

דיענסטען אונ אמען, בויען שולען אונ האבען נאך דאס עזות זיך אפענטליך
ארומצודרעהען אין די גאסען ווען ביי די קריסטען איז יום טוב. מיט אזא בריעף
האט ער זיך אויך געוואנדט צו אלפאנסא דעם קאניג פון קאסטיליען אונ
האט איהם בעפוילען זעהר שטרענג, ער זאל זיך ניט דערוואגען צו בעשיצען
יודען אונ עס זאל איהם גאר ניט הארען וואס די גייסטליכע געהמען צו מיט
געוואלד יודישע שקלאווען אונ טויפען זיי, אונ הייסען זיך געבען מעשר פון
יודישע אונ מחמדנישע פעלדער. נאך שארפער האט ער אים יאהר 1205, גע־
שריבען דעם גראף פון נעווער, וואס איז געוועהן א גרויסער יודענפריינד,
אז ער טהוט די גרעסטע עולה, וואס ער דערלאזט מען זאל האנדלען מיט די
יודען, ביי זיי לייהען געלד אונ מען דערשטיקט זיי ניט; אונ אז אויב ער וועט
ניט אויפהערען צו טהון טובות יודען וועט ער איהם מוזען אין חרם אריינלעגען.
אינאקענטי'ס כעס איז נאך מעהר פערגרעסערט געווארען ווען אין פראנקרייך
האבען זיך די אנוואהנער פון דער שטאדט אלבי, וואס מען האט זיי דערפאר
גערופען אלביגענזער, חאטש זיי האבען שוין געלעבט אין פיעל אנדערע
ערטער - אין גאנצען אבגעזאגט פונ'ם פאפסט, אונ דער גראף ריימאנד דער
זעכסטע פון טולידה האט זיי געשיצט. ער האט גערעכענט אז אין דער
זאך האבען די יודען א שטארקע נגיעה, אונ אז ער האט אנגעשיקט די חברה
לייט פונ'ם קרייצצוג אויף די אלבינגענזער, האט ער געהייסען אין איין וועג
שלאגען די יודען אויך. אינאקענטי האט טאקי אויסגעפיהרט אונ אז מען האט
געשלעפט דעם צוהרג'טען גראף ריימאנד אויף א שטריק אין קירכע אריין,
האט ער געמוזט געבען א שבועה אז מעהר וועט ער קיין יודען ניט געבען קיין
שטעללע. ביי דעם איינגענעם מעמד האבען געמוזט שווערען נאך דרייצעהן
באראנען אז זיי וועלען קיין יודען ניט אריינלאזען אין זייער גבול אריין. נאר
אפילו דארט וואו מען האט זיי געלאזט וואהנען האבען זיי ניט געטארט קיין
קאפ אויפהייבען אונ מען האט ביי זיי צוגענומען אללע פרנסות. בעזאנדערס
האט געליטען די יודישע קהלה פון בעזיע (בדר"ש), ווען דער גייסטליכע ארנאלד
פון סיטא איז צוזאמען מיט'ן גראף סימאן פון מוטפארט אנגעפאלען
אויף דעם וויצע-גראף ריימאנד רוזשיר, אונ האבען געמאכט א תל פון די
אלבינגענזער. ארנאלד איז געוועהן אזא רוצח אז אין זיין הארץ האט זיך קיין
מאל ניט אריינגעגנב'ט קיין געפיהל פון חרטה אונ רחמנות אונ אז זיין חברה
האט איהם געפרעגט: וואס זאלען זיי טהון ווען זיי ווייסען ניט געוויס וועהר עס
איז א קאטאליק אונ וועהר איין אלבינגענזער, האט ער גאנץ קאלט געענטפערט:

„מֶען זָאל אַללֶע אויסְקוילֶען אונ נָאכט װָעט שוין אַלֵיין אויסְקְלויבֶּען די זַיינִיגֶע". בַּיי אַזַא יֹשֶׁר קָאן מֶען שוין פַארְשְׁטֶעהן וָואס מֶען הָאט גֶעטהון מִיט די יוּדֶען: אִיבֶּער צְוַויי הוּנְדֶערְט זָענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען, די אִיבְּרִיגֶע הָאט מֶען גֶעמוּזְט שְׁטֶעט אִין גֶעפֶאנְגְנִיס, אוּנ נִיט אוּמְזִיסְט הָאבֶּען די פְרַאנְצֶאזִישֶׁע יוּדֶען גֶערֶעכֶענְט דָאס יַאהר 1210 פַאר דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶען.

עֶס אִיז דֶעמָאלְט די יוּדֶען גֶענוּג שְׁלֶעכְט גֶעוֶועהן אִין פְרַאנְקְרַייךְ, זַיי הָאבֶּען נִיט גֶעטָארְט הַאלְטֶען קֵיין קְרִיסְטְלִיכֶע דִיענְסְטֶען, אַרְבַּייטֶען אִין די קְרִיסְטְלִיכֶע יָמִים טוֹבִים, אוּנ אֲפִילוּ פְלֵייש עֶסֶען אִין דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער פַאסְטֶען-צַייט; נָאר נָאךְ אֶרְגֶער אִיז זַיי גֶעוֶועהן אִין עֶנְגְלַאנְד, וַוייל דָארְט הָאבֶּען זַיי גֶעהַאט אויף זִיךְ דְרַיי מַכּוֹת: דֶעם קֶאנִיג יָאהַאנְן „אָהן לַאנְד", וָואס הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט וָואס מֶעהר גֶעלְד בַּיי זַיי אַרוֹיסְצוּרַייסֶען, די בַּארָאנֶען, וָואס הָאבֶּען דֶעם קֶאנִיג נִיט פֶערְגוּנֶען די הַכְנָסָה וָואס עֶר הָאט פוּן די יוּדֶען אוּנ הָאבֶּען אַלֵיין פוּן זַיי גֶעשׁוּנְדֶען די הוֹיט אוּנ דֶעם קַארְדִינַאל סְטֶעפַּהאן לַאנְגְטָאן, וָואס הָאט גֶעמוּזְט צוּ לִיעבּ טְהוּן דֶעם פַּאפְּסְט אוּנ גְלַאט אַזוֹי אָנְטְהוּן די יוּדֶען צָרוֹת. בַּיי אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאגֶע הָאבֶּען מֶעהר פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט פְרַאנְצֶאזִישֶׁע אוּנ עֶנְגְלִישֶׁע רַבָּנִים גֶעמוּזְט אַרוֹיסְפָאהְרֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ צְווִישֶׁען זַיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען ר' יְהוֹנָתָן בֶּן דָוִד כֹּהֵן, וָואס הָאט זִיךְ פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען אָן דֶעם רמב"ם, אוּנ ר' שִׁמְשׁוֹן בֶּן אַבְרָהָם בַּעַל הַתּוֹסְפוֹת, וָואס אִיז גֶעוֶועהן דֶעם רמב"ם'ס אַנְגֶעגְנֶער. דֶער סוּלְטַאן אַלַאדִיל הָאט זַיי פְרַיינְדְלִיךְ אויפְגֶענוּמֶען אוּנ הָאט זַיי עֶרְלוֹיבְּט צוּ מַאכֶען נַייֶע שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, אוּנ זַיי הָאבֶּען זִיךְ וַוייטֶער גֶע־אַרְבַּייט זַייעֶר „תּוֹסְפוֹת".

רוּהִיג זֶענֶען נָאר גֶעוֶועהן די יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין די קְלֵיינֶע שְׁפַּאנִישֶׁע קְרִיסְטְלִיכֶע מְלוּכוֹת; נִיךְ אִיז אָבֶּער דָארְט אויךְ גֶעוָוארֶען אַ פֶערְאֶנְדֶערוּנְג. דֶער הֶערְשֶׁער פוּן די אַלְמָהִידֶען אִין אַפְרִיקָא, מַחְמַד אַל־נַזִיר, הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע מַחֲנֶה פוּן אַ הַאלְבּ מִילְיָאן מֶענְשֶׁען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט קֵיין שְׁפַּאנְיֶען. אַלְפָאנְסָא, דֶער קֶאנִיג פוּן קַאסְטִילְיֶען, הָאט אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אָנְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ אוּנ בֶּעטֶען דֶעם פַּאפְּסְט אִינָאקֶענְטִי עֶר זָאל הֵייסֶען די קְרִיסְטֶען מַאכֶען אַ קְרֵייצְצוּג אוּנ גֶעהן אַקְעגֶען די מַחְמַדַנֶער. אִינָאקֶענְטִי הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט קֵיין קַאסְטִילְיֶען אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה אוּנ מִיט זַיי אויךְ דֶעם נוּטֶען אַרְנָאלְד, אוּנ דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען זַיי קֵיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ נִיט גֶעפוּנֶען ווי אָנְפַאלֶען אויף די יוּדֶען פוּן טוֹלֶעדַה, דָאס אִיז גֶעשֶׁעהן אִים יַאהר 1212, אוּנ זַיי וָואלְטֶען גֶעוֶועהן אָנְגֶעמַאכְט אַ שֶׁאנֶע שְׁחִיטָה

וָועןּ אַלְפָאנְסָא הַאלְט זֵיי נִיט אָבּ דֶערְפוּן אוּנ נִיט זֵיי נִיט צוּ פַארְשְׁטֶעהן אַז נִיט אַזֶעלְכֶע טוֹבוֹת פֶערְלַאנְגְט עֶר פוּן זֵיי.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער פַאפְּסְט אִינָאקֶענְטִי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה אוּנ הָאט פָארְגֶעלֶעגְט: מֶען זָאל אוֹיסְאַרְבַּייטֶען נַאנְצֶע כְּלָלִים וִוי אַזוֹי מֶען זָאל רוֹדֵף׳ן דִי שׂוֹנְאִים פוּן דֶער קִירְכֶע אוּנ הָאט דֶערְבַּיי שְׁטַארְק אִין זִין גֶעהַאט אוֹיךְ דִי יוּדֶען. אַז דוֹן יִצְחָק בְּנְבְּנִישְׁתִּי, דֶער לַייבּ־דָאקְטָאר פוּן יַאקָאבּ דֶעם עֶרְשְׁטֶען, דֶעם קָאנִיג פוּן אַרַאגָאנְיֶען אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר בַּאלְד זִיךְ בֶּעמִיהט אַז עֶטְלִיכֶע בְּכָבוֹדְ׳עֶ בַּעֲלֵי בָּתִּים זָאלֶען אַוֶועקְפָאהְרֶען קַיין רוֹם אוּנ זָאלֶען דָארְט בֶּעטֶען, טָאמֶער וֶועלֶען זֵיי קָאנֶען מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵרוֹת. עֶס הָאט אָבֶּער נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ בַּאלְד אִיז אַרוֹיס אַ גֶעזֶעץ אַז יוּדֶען טָארֶען נִיט פַארְנֶעהְמֶען קַיין שְׁטֶעללֶען בַּיי דֶער קְרוֹין, אַז גֶעלְד מֶאגֶען זֵיי לַייעֶן נָאר אוֹיף אַ קְלֵיינֶעם פְּרָאצֶענְט, אוּנ אַז דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּנ׳ם קְרִיסְטְלִיכֶען פֶּסַח טָארֶען זֵיי נִיט זֶעהן דִי לִיכְטִיגֶע שַׁיין. נָאר דָאס עֶרְנְסְטֶע פוּן אַלְדִינְג אִיז גֶעוֶועהן דֶער בֶּעפֶעהל, אַז יוּדֶען מוּזֶען טְרָאגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אַ בֶּעזוּנְדֶער צֵייכֶען, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל זֵיי דֶערְקֶענֶען, אוּנ דָאס הָאט מֶען נָאכְגֶעטְהוּן דֶעם אַלְמָהַדִישֶׁען הֶערְשֶׁער אַבּוּ־יוּסִיף יַעֲקֹב אַלְמַנְצוּר, וָואס הָאט נָאךְ פְרִיהֶר אַיינְגֶעפִיהְרְט, אַז יוּדֶען זָאלֶען גֶעהן נָאר אַנְדֶערְשׁ אָנְגֶעטְהוּן, נִיט גְלַייךְ מִיט אַללֶע אַיינְוָואהְנֶער פוּנ׳ם לַאנְד. דֶעם 30 נָאוֶועמְבֶּער 1215 הָאט מֶען דִי יוּדֶען גֶענוֹיטְה זֵיי זָאלֶען זִיךְ אָנְטְהוּן מְשׁוּנֶה׳נֶע קְלֵיידֶער אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז דָאס שָׁאנְדְלִיךְ גֶעזֶעץ גֶעבְּלִיבֶּען אִין אֵייְרָאפַּא גַאנְצֶע זֶעכְס הוּנְדֶערְט יָאהר.

וְוִי וַוייט דִי יוּדֶען הָאבֶּען נָאר גֶעקָאנְט הָאבֶּען זֵיי גֶעזוּכְט אַללֶע מִיטֶעל אוֹיסְדְרֶעהֶען זִיךְ פוּן דֶעם שָׁאנְדְלִיכֶען צֵייכֶען, וָואס מֶען הָאט נָאר אוֹיסְגֶעטְרַאכְט צוּ לִיעבּ דֶעם, אַז יֶעדֶער זָאל פוּן זֵיי לַאכֶען אוּנ שְׁפָּאטֶען אוּנ זֵיי זָאלֶען נָאר קַיין צוּטְרִיט נִיט הָאבֶּען צוּ קַיין לַייטִישֶׁע קְרִיסְטֶען. דִי שׂוֹנְאִים וִוידֶער הָאבֶּען זִיךְ גֶעלֶעגְט אִין דֶער לֶאנְג אוּנ אִין דֶער בְּרֵייט אַז מֶען זָאל דַוְקָא שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען חָלִילָה נִיט אֵיין רֶגַע בְּלַייבֶּען אָהן דֶעם „יוּדִישֶׁען צֵייכֶען״ אוּנ הָאבֶּען אֲפִילוּ אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט גַאנְצֶע דִינִים וְוִי גְרוֹיס אוּנ וְוִי בְּרֵייט דֶער צֵייכֶען דַארְף זַיין, פוּן וֶועלְכֶע פַארְבּ אוּנ אוֹיף וָואס פַאר אַ אָרְט מֶען דַארְף אִיהם אָנְטְשֶׁעפֶּען, נָאר דִי יוּדֶען פוּן אַרַאגָאנְיֶען הָאבֶּען אִים יַאהר 1220 גֶעפּוֹעֶלְט בַּיים נַייעֶם פַּאפְּסְט הָאנָארִיוּס דֶעם דְרִיטֶען, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ בִּיסֶעל מִיט מֶעהר יָשָׁר וְוִי אִינָאקֶענְטִי, עֶר זָאל זֵיי בֶּעפְרַייעֶן פוּן דֶעם צֵייכֶען אוּנ עֶר הָאט עֶס צוּ לִיעבּ גֶעטְהוּן דֶעם קָאנִיגְס לַייבּ־דָאקְטָאר, דוֹן יִצְחָק בְּנְבְּנִישְׁתִּי.

דאס איז אבער טאקי געוועהן נאר דער איינציגער חסד, וואס האנאריוס האט געטהון מיט די יודען; אז די ענגלישע יודען האבען זיך געווענדעט צו איהם אויך מיט אבקשה וועגען דעם שאנדליכען צייכען, האט ער זיי אפילו ניט געוואלט אויסהערען, אונד האט אויסער דעם צוגעשיקט בריף צו אללע קריסטליכע קאניגע זיי זאלען מעהר ניט בענוצען קיין יודען פאר שלוחים אין אנדערע לאנדער. אין ענגלאנד איז דעמאלט די מלוכה אין גאנצען געוועהן אין די האנד פונ'ם קארדינאל סטעפהאן לאנגטאן ווייל דער קאניג יאהאן איז געשטארבען אונד זיין זוהן היינריך דער דריטער איז נאך געוועהן צו קליין. דער קארדינאל איז פריהער אויך ניט געוועהן קיין שטארקער אוהב ישראל, ווער שמיעסט נאך אז פלוצלונג האט זיך נאר איינער פון די גייסטליכע מגיר געוועהן אונד מען האט איהם דערפאר פארברענט, האט ער נאר ניט געוואוסט ווי אזוי זיין הארץ צו קיהלען אונד האט די יודען אנגעטהון שרעקליכע צרות.

אין נעאפעל אונד סיציליען, וואו עס האט געהערשט דער נוטער דייטשער קייזער פרידריך דער צווייטער, האבען די יודען אויך געמוזט טראגען א בעזונדער צייכען, חאטש דער קייזער האט דווקא געהאלטען פון יודען אונד ביי איהם אין הויף אלליין האבען געוואהנט עטליכע לומדים וואס האבען איבערגעזעצט פיעל פילאזאפישע ביכער פון אראביש אויף לאטיין. אין פראנקרייך איז די שנאה צו די יודען נאר געווארען גרויס אונד פון דארט האט זיך דער ניפט צוגאסען איבער אללע נאהענטע אונד ווייטע לאנדער. פון פיער מענשען האבען זיך אין יענער צייט די יודען אנגעליטען: דאס זענען געוועהן — דער פאפסט גרעגאר דער נייגטער, וואס איז געוועהן אדם שונא דעם עדלען קייזער פרידריך דעם צווייטען אונד האט געמאכט א תל פון דייטשלאנד; דער קאניג פון פראנקרייך לודוויג דער נייגטער, וואס מען האט איהם אויך גערופען „דער הייליגע" אונד וואס האט קיין יודען ניט געקאנט אנקוקען; פערדינאנד דער דריטער, דער קאניג פון קאסטיליען, וואס האט מיט אייגענע האנד פארברענט אזעלכע קריסטען, וועלכע האבען ניט געהאלטען מיט דער קאטאלישער קירכע אונד האט דערפאר אויך זוכה געוועהן פאררעכענט צו ווערען צווישען די „הייליגע", אונד ריימונד דע פעניא פארטע, וואס האט נאר געוואלט טויפען יודען אונד מחמדאנער אונד האט זיי דערפאר אנגעטהון ענוים קשים. אונד די פיער מענשען האבען געלאזט כמעט איבער גאנץ איראפא פליעסען יודיש בלוט.

פון דייטשלאנד איז שוין נאר א קורצע וועג צו די לאנדער וואס ליגען

בַּיי דֶער דָאנוֹי. אִין אוּנְגַארְן הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואהנְט יוּדֶען, וָואס זֶענֶען אַהִין גֶעקוּמֶען פוּן דֶער חַאזַארִישֶׁער אוּנ בִּיצַאנְטִינִישֶׁער מְלוּכָה, אוּנ אַזוֹי ווִי דָארְט אִיז דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם נָאךְ נִיט אַזוֹי בֶּעפֶעסְטִיגְט גֶעוֶועהן אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען אוֹיךְ פִיעל מַחְמַדַנֶער אוּנ גָאטְצֶענְדִיעֶנֶער, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעשְׁפִּיעלְט אֵיין הוֹיפְּט-רָאלֶלֶע, זֵיי פְלֶעגֶען זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט קְרִיסְטֶען, דֶער מִסְחָר אִיז אִין גַאנְצֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זֵיי אִין דִי הָאנְד. זֵיי פְלֶעגֶען אָבְּדִינְגֶען דֶ"ם מַס בַּיי דֶער מְלוּכָה, אוּנ הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהַאט דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעללֶען בַּיי דֶער קְרוֹין. אַז עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַז דֶער קֶאנִיג אַנְדְרֶעאַס הָאט בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּם פַּאפְּסְט גְרֶעגָאר, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אִיהם גֶעבֶּען דָאס וָוארְט אַז עֶר וֶועט מֶעהר קַיין יוּדֶען אוּנ מַחְמַדַנֶער נִיט צוּלָאזֶען צוּ קַיין דִינֶסְט; עֶס אִיז אִיהם אָבֶּער שְׁוֶוער גֶעוֶועהן דָאס אוֹיסְצוּפִיהרֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ נִיט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט. דָאס הָאט דֶעם פַּאפְּסְט פֶערְדְרָאסֶען, עֶר הָאט נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ אַנְדְרֶעאַס'ן אִין חֵרֶם אַרַיינְגֶעלֶעגְט, אוּנ עֶר הָאט גֶעמוּזְט מִיט חֶרְפָּה אוּנ בוּשָׁה שְׁוֶוערֶען אַז עֶר וֶועט פָאלְגֶען, אוּנ פוּנ'ם יָאהר 1233 הָאבֶּען יוּדֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דִינֶען אִין לַאנְד, חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין נִיט גֶעטָארְט אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאט מֶען זֵיי גֶעגֵייטְה זֵיי זָאלֶען טְרָאגֶען דֶעם שֶׁאנְדְלִיכֶען צֵייכֶען. דָאס אֵיינֶענֶע הָאט גֶעמוּזְט טְהוּן בֶּעלַא, דֶער קֶאנִיג פוּן סְקְלַאוָואנֶיען, אוּנ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע מַאגְנַאטֶען, וָואס יוּדֶען הָאבֶּען גֶעוָואהנְט אוֹיף זֵייעֶר עֶרְד.

דִי אוֹיסְוֶוענִינְסְטֶע צָרוֹת זֶענֶען נָאךְ אָבֶּער גֶעוֶועהן אַ גָארְנִישְׁט גֶעגֶען דִי אִינְוֶוענִינְסְטֶע, וָואס יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין אָנְגֶעמַאכְט. דָאס מַחֲלוֹקֶת אִיבֶּער דֶעם רמב"ם הָאט זִיךְ מִיט דֶער צַייט צוּבְּרֶענְט ווִי אַהֶעלִישׁ פַייעֶר, אוּנ דִי לוֹמְדִים, וָואס דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם הָאט נוּר זֵיי גֶעקֶענְט אוּנ גֶעגְלוֹיבְּט הָאבֶּען זִיךְ צוּטְהֵיילְט אוֹיף צְווֵיי פַיינְדְלִיכֶע מַחֲנוֹת, וָואס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן זֶענֶען גֶעוָוארֶען שׂוֹנְאִים אוֹיפ'ן לֶעבֶּען. פוּן אֵיין זַייט הָאבֶּען דִי אֵיידֶעלֶע מוֹחוֹת, וָואס הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה זֶענֶען צְווֵיי שְׁוֶועסְטֶער אוּנ שְׁטַאמֶען אַרוֹיס פוּן אֵיין שֹׁרֶשׁ, גֶעהַאלְטֶען שְׁטָאל אוּנ אַייזֶען פַאר'ן רמב"ם; פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ גֶעגְנֶער צְווִישֶׁען דִי דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט אַז צוּפִיעל חֲקִירָה זָאל נִיט שַׁאדֶען דֶער אֱמוּנָה. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מִתְנַגְדִים אִיז גֶעוֶועהן ר' מֵאִיר בֶּן טוֹדְרוֹס הַלֵוִי אַבּוּלַאפְיָא, וָואס הָאט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף דִי לוֹמְדִים פוּן לוּנֶיל זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט לָאזֶען פֶערְפִיהרֶען. אִין לוּנִיל אִיז אָבֶּער דֶער זֵכֶר פוּנ'ם רמב"ם אַזוֹי הֵיילִיג גֶעוֶועהן אַז מֶען הָאט אִיהם נָאר נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען אוּנ דֶער גְרֶעסְטֶער לַמְדָן פוּן דָארְט, ר' אַהֲרֹן בֶּן

משולם, האט איהם אויף זיין בריעף געשיקט אזא תשובה אז מעהר פרובען זיך האט ער שוין ניט געקאנט. אויסער דעם האט דער בעריהמטער דאקטאר פון ברצלונה, ששת בנבנישתי געמאכט איבער ר׳ מאיר אבולאפיא א גאנצע הלצה, אונ געוויזען אז ער טהוט פונקט פארקעהרט ווי זיין נאהמען איז, ווייל ער הייסט „מאיר״, דער „בעלייכטער״ אונ צום סוף מאכט ער נאר „פינסטער״. מען קאן זאגען אז די ערשטע צייט איז ר׳ מאיר אבולאפיא געוועהן כמעט דער איינציגער געגנער פונ׳ם רמב״ם, ווייל אין שפאניען אונ אויך אין פראנקרייך איז דאס פאלק זעהר צופרידען געוועהן פון דער פרייהייט, וואס דעם רמב״ם׳ס ספרים האבען זיי געגעבען. נאר אין גאנצען איינגעשוויגען ווערען האט ער ניט געקאנט, ער האט אויף זיין זייט צוגעצויגען איינעם פון די בעלי־התוספות, ר׳ שמשון, אונ אז עס האבען זיך מיט דער צייט שפאנישע אונ פראנצאזישע יודען אנגעהויבען משדך זיין מיט קריסטען אונ מחמדנער, האבען זיי אנגעמאכט א געוואלד אונ געשריגען אז דאס האט מען אלץ דעם רמב״ם צו פערדאנקען. דעמאלט איז דער פרומער רב פון מאנפעלייער ר׳ שלמה בן אברהם אפענטליך ארויסגעשפרונגען געגען דעם רמב״ם אונ אזוי ווי ער האט געזעהן ווי דער פאפסט גרעגאר האט גראד אין יענער צייט אריינגעלעגט אין חרם די קריסטליכע פרייע געלעהרטע פון דער פאריזער אוניווערזיטאט, האט ער זיך ענטשלאסען אויך צו בענוצען מיט אזא מיטעל. עס איז איהם אבער שווער געוועהן אבצוזוכען נאך עטליכע רבנים, וואס זאלען האלטען מיט זיין דעה אונ ער האט זיך געמוזט בעגנוגענען מיט זיינע צוויי תלמידים, ר׳ יונה בן אברהם גירונדי אונ ר׳ דוד בן שאול: אללע דריי האבען געמאכט א בית דין אונ האבען ארויסגעלאזט א כרוז אז ווער עס וועט זיך צורירען צום רמב״ם׳ס ספרים דער איז שוין אין חרם. פריהר האבען זיי גערעכענט צו בעטען די מלוכה זי זאל זיי העלפען אין דער היילינער מלחמה, וואס זיי האבען אנגעהויבען, נאר באלד האבען זיי שוין קיין פרעמדע הילף מעהר ניט בעדארפט, ווייל ביסלעכווייס האבען אנגעהויבען צו זיי צו צושטעהן אויך אנדערע רבנים. דא איז ערשט ארויס דאס רעכטע מחלוקת: די רבנים פון לונעל, בעזיע (בדרש) אונ נארבאן האבען באלד אריינגעלייגט אין חרם ר׳ שלמה׳ן מיט זיינע תלמידים. אין מאנפעלייע אליין האט זיך אויך די קהלה צוטהיילט אויף צוויי כתות, אונ אזוי האט זיך אנגעהויבען א קריעג אין אללע יודישע קהלות פון קאטאלאניען, אראגאניען אונ קאסטיליען, אונ יעדער האט בייזיך גערעכענט אז ער איז גערעכט.

צְווֵיי בֶּערִיהמְטֶע לוֹמְדִים פוּן יֶענֶער צַייט, דֶער אַלְטֶער ר׳ דָוִד קִמְחִי, וָואס אִיז בֶּעקַאנְט מִיט זַיינֶע רָאשֵׁי תֵּבוֹת רַדַ״ק, אוּנ דֶער יוּנְגֶער ר׳ משֶׁה בֶּן נַחְמָן, אָדֶער וִוי מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען אָבְּגֶעקִירְצְט רַמְבַּ״ן, הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דֶער מַחֲלוֹקֶת. דֶער רד״ק אִיז גֶעוֶועהן אַ פַייעֶרִיגֶער בֶּעשִׁיצֶער דֶעם רמב״ם, אוּנ דִי פְרוּמֶע רַבָּנִים הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג אוֹיף אִיהם קְרוּם גֶעקוּקְט דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעטַייטְשְׁט דִי מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה—וָואס דֶער נָבִיא יְחֶזְקֵאל בֶּעשְׁרַייבְּט—אוֹיף אַיין אֵיידֶעלֶערן אוֹפֶן, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעדְרוּנְגֶען אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דֶער תַּלְמוּד אָנְוֶוארֶען זַיין וֶוערְט. קוּים הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דָאס מַחֲלוֹקֶת וֶועגֶען רמב״ם הָאבֶּען אִיהם דִי רַבָּנִים בַּאלְד אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם, נָאר עֶר פוּן זַיין זַייט הָאט אוֹיךְ נִיט גֶערוּהְט: וִוי אַלְט אוּנ שְׁלַאף עֶר אִיז גֶעוֶועהן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פָאהְרֶען צוּ פִיעל פְרַאנְצֶאזִישֶׁע קְהִלּוֹת, אוּנ הָאט זֵיי אוּנְטֶערְגֶעהִיצְט גֶעגֶען דֶעם רַב פוּן מָאנְפֶּעלִיֶע. דֶער רמב״ן, וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין קַאטַאלָאנְיֶען אִים יָאהר 1195 אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעטְרָאגֶען דֶעם נָאהמֶען בּוּנְשְׁתְּרוּק ד׳ פָּארְטַא, אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיט אַיין אַנְדֶער דֶרֶךְ, אוּנ דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעכֶענְט צְווִישֶׁען דֶעם רמב״ם׳ס גֶעגְנֶער. חָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ דָאקְטָאר אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט נַאטוּר-וִויסֶענְשַׁאפְטֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט אִיבֶּער אִיהם מֶעהר שְׁלִיטָה גֶעהַאט דָאס הַארְץ וִוי דֶער מֹחַ: עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִין גַאנְצֶען נָאר מִיט׳ן גֶעפִיהל, ווייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז מִיט׳ן פֶערְשְׁטַאנְד אִיז שְׁוֶוער אַלְדִינְג צוּ בֶּעגְרַייפֶען; דֶערְפַאר אִיז אִיהם אוֹיךְ נִיט גֶעפֶאלֶען דֶער רמב״ם, וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע סוֹדוֹת אוּנ נִסִּים צוּ פַארְעֶנְפֶערן מִיט׳ן שֵׂכֶל, אוּנ וָואס דֶער רמב״ם הַאלְט נִיט פוּן קַבָּלָה. עֶס קָאן זַיין אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעלֶעבְּט אִין דֶער צַייט פוּנ׳ם רמב״ם אוּנ וָואלְט גֶעקַאנְט מִיט אִיהם אִיבֶּער פִיעל עִנְיָנִים פֶערְזֶענְלִיךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסֶען, וָואלְט עֶר זִיךְ נִיט גֶעוֶועהן אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִיהם; דִי טוֹיטֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי סְפָרִים הָאבֶּען אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעקַאנְט גֶעבֶּען אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע שַׁאֲלוֹת אוּנ עֶס אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען אַז עֶס אִיז אַסַךְ גְלַייכֶער וֶוייניגֶער קְלֶערן אוּנ מֶעהר פִיהלֶען אוּנ גְלוֹיבֶּען. אַז ר׳ שְׁלֹמֹה פוּן מָאנְפֶּעלְיֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם חֵרֶם גֶעגֶען דִי וָואס הַאלְטֶען מִיט׳ן רמב״ם, אִיז נָאךְ דֶער רמב״ן גֶעוֶועהן צוּ יוּנְג, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶועהן רַב אִין גֶערָאנַא (גִירוּנְדִי), זַיין דֵעָה אִיז גֶעוֶועהן שְׁטַארְק וִויכְטִיג, אוּנ ר׳ מֵאִיר אַבּוּלַאפְיַא הָאט אִיהם זֶעהר גֶעוָואלְט אַרִיבֶּער נֶעהמֶען אוֹיף זַיין זַייט. פְרִיהֶר הָאט זִיךְ דֶער רמב״ן גֶעהַאלְטֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס, נָאר

אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְנְט גֶעוָוארֶען אַז מֶען הָאט שְׁלֹמֹה׳ן אוּנ זַיין קָרוֹב ר׳ יוֹנָה׳ן מַחֲרִים
גֶעוֶועהן, הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטֶען אוּנ אִיז אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ
זֵיי אוּנ הָאט זִיךְ אֲפִילוּ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּ שִׁיקֶען אַ בְּרִיעף אִין יֶענֶע אָרְטֶער פוּן
שְׁפַּאנְיֶען וואוּ דֶער רמב״ם הָאט גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶען צַד. זַיין בְּרִיעף הָאט
אָבֶּער אִין עֶרְגִיץ קַיין שוּם רוֹשֶׁם גֶעמַאכְט, אוּנ דָער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דָער
יוּדִישֶׁער קְהִלָּה אִין סַאראַגָאסַא, דָער לַייבּ־דָאקְטָאר פוּנ׳ם קֶאנִיג רַבִּי בְּחַיֵי
בֶּחִיאֵל אִבַּן אַלְקוֹנְסְטַאנְטִינִי הָאט בְּפֵירוּשׁ עֶרְקְלֶעהְרְט, אַז מֶען וֶועט
נִיט אַרָאבְּנֶעהמֶען דֶעם חֵרֶם פוּן ר׳ שְׁלֹמֹה׳ן בִּיז עֶר וָועט מוֹדֶה זַיין אַז עֶר הָאט
גֶעטְהוּן אַ פֶּעהלֶער. אַחוּץ דֶעם הָאט רַבִּי בְּחַיֵי, זַיין בְּרוּדֶער שְׁלֹמֹה אוּנ נָאךְ
גְרוֹיסֶע לַייט צוּ גֶעשִׁיקְט בְּרִיעף צוּ אַללֶע שְׁפַּאנִישֶׁע קְהִלּוֹת: מֶען זָאל נִיט שְׁוַויי־
גֶען אִין דֶער זַאךְ אוּנ מֶען זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין דִי וָואס הָאבֶּען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט מְחַלֵּל
צוּ זַיין דֶעם כָּבוֹד פוּנ׳ם רמב״ם. בַּאלְד אִיז זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה פוּן הוּעֶסְ־
קַא, מָאנְצָאן (מַנְתְּשׁוֹן), קַאלַאטַאיוּד (קַלַעַת־אִיוּב) אוּנ לֶערִידַא (לִירִידָה),
אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז זֵייעֶר צַד וֶוערְט אַללֶע מָאל גְרֶעסֶער. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער
אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף טָאלֶעדַא, ווַייל זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז אוֹיף דֶער גְרוֹי־
סֶער קְהִלָּה וָועלֶען אַללֶע יוּדֶען שְׁטֶעללֶען. דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי טָאלֶעדַא׳ר
יוּדֶען, ר׳ יְהוּדָה בֶּן יוֹסֵף אִבַּן אַלְפַאכַאר, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן לַייבּ־
דָאקְטָאר בַּיים קֶאנִיג פֶערְדִינַאנְד דֶעם דְרִיטֶען, הָאט אָבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע
צַייט גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְזָאגֶען זַיין מֵיינוּנְג וֶוער פוּן בֵּיידֶע
צְדָדִים הָאט רֶעכְט. ר׳ מֵאִיר אַבּוּלַאפְיָא הָאט דֶערְוַוייל גֶעשְׁטַארְקְט דֶעם רמב״ן
מִיט זַיינֶע בְּרִיעף אוּנ הָאט אִיהם גֶעטְרֵייסְט אַז נָאר נִיךְ וֶועלֶען אַללֶע פְרוּמֶע
יוּדֶען זַיין אוֹיף זֵייעֶר זַייט. פְּלוּצְלוּנְג הָאט אָבֶּער דֶער רמב״ן דֶערְזֶעהן אַז פִיעל
רַבָּנִים וֶוערֶען עֶפִּיס קַאלְט צוּ ר׳ שְׁלֹמֹה׳ן — אוּנ דָאס הָאט גֶעפּוֹעֶלְט בַּיי זֵיי רַבִּי
בְּחַיֵי אַז זֵיי זָאלֶען הָאטְשׁ בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהן פוּן דֶערְוַוייטֶענְס אוּנ זִיךְ נִיט מִישֶׁען —
דֶעמָאלְט אִיז בַּיים רמב״ן גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל זִיךְ פְּרוּבֶען מַאכֶען אַ שָׁלוֹם צְוִוישֶׁען
דִי צְדָדִים. עֶר הָאט אוֹיךְ פָארְגֶעלֵייגְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגְלַייכֶען אוֹיף אַזַא אוֹפֶן,
אַז פוּנ׳ם רמב״ם׳ס סְפָרִים זָאל נָאר דֶער „מוֹרֶה נְבוּכִים״ בְּלַייבֶּען גֶעאַסֶרְט, אוּנ אַז
טַאקִי דֶעם רמב״ם׳ס זוּהן אַלֵיין, אַבּוּל־מִינִי אַבְרָהָם, זָאל בֶּעשְׁטֶעהן דַארוֹיף. עֶס
הָאבֶּען אִיהם אָבֶּער קֵיינֶער נִיט גֶעוָואלְט פָאלְגֶען, אוּנ דָאס מַחֲלוֹקֶת הָאט זִיךְ
נָאךְ מֶעהר צוּ פְלַאקֶערְט.

דֶער צַד פוּנ׳ם רמב״ם הָאט נִיט גֶערוּהט, אַז דֶער אַלְטֶער רד״ק הָאט זִיךְ
עֶנְטְשְׁלָאסֶען אַלֵיין צוּ פָאהרֶען קַיין טָאלֶעדַא. אוּנ זִיךְ אִיבֶּערְצַייגֶען מִיט וָועמֶען

מען האַלט דאַרט, אויפ'ן וועג איז ער אָבער שטאַרק קראַנק געוואָרען און האָט אָנגעשריבען אַ בריעף צו ר' יהודה אבן אַלפאַכאַר, און האָט איהם געבעטען ער זאָל אָפען אַרויסזאָגען זיין דעה און ער זאָל ניט שטעהן פון ווייטען ביי אַזאַ וויכטיגע שאלה. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען אַז אַלפאַכאַר איז געוועהן פונ'ם רמב"ם'ס געגנער און ער האָט דעם רד"ק געענטפערט מיט אַזעלכע שטאַכ-ווערטער אַז ער האָט שוין געזעהן מיט וועמען ער האָט צו טהון. פון דעסט-וועגען איז דער כח פון ר' שלמה'ן ניט שטאַרקער געוואָרען, האָטש עס האָבען געהאַלטען מיט איהם אַזעלכע גרויסע לייט ווי דער רמב"ן, אַבולאַפיאַ און אַלפאַכאַר; ביסלעכווייס האָבען זיך פון איהם אָבגעזאָגט אַללע וואָס זענען פריהר געוועהן אויף זיין זייט, און אַז ער האָט געזעהן ווי ווייט ער שטעהט פון זיין ציעל האָט ער געפועלט ביי זיך צו טהון אַזאַ חלול השם, וואָס טאַקי נאָר דער ווילדעסטער נצחון האָט געקאָנט דאַרויף אַרויפבּרענגען אַזאַ צדיק. דער פּאַפּסט גרעגאָר האָט דעמאָלט גערודף'ט די אַלביגענזער און האָט אַללע זייערע כתבים געוואָרפען אין פייער. אַוודאי האָט ר' שלמה פערשטאַנען, אַז ווען ער וועט מודיע זיין די גייסטליכע אַז צווישען יודען געפינען זיך אויך אפיקורסים, וואָס לערנען אפיקורסישע ספרים, און ער וועט זיי טאַקי ווייזען די לאַטיינישע איבערזעצונג פונ'ם „מורה נבוכים", וואָס מען האָט געמאַכט אויפ'ן בעפעהל פונ'ם דייטשען קייזער פרידריך דעם צווייטען, וועלען די גייסטליכע קיין בלאַטעל ניט איבער-לאָזען פונ'ם רמב"ם. אַזוי איז טאַקי געוועהן: די מסירה איז ביי די גייסטליכע שטאַרק אָנגעלעגט געוועהן, און זיי וואָלטען געוויס זיך גוט אָבגערעכענט מיט די „יודישע אפיקורסים", נאָר דאָס גליק איז געוועהן וואָס איבער די יודען האָבען זיי דעמאָלט קיין ממשלה ניט געהאַט, דאַריבער האָבען זיי אויסגעלאָזט דעם גאַנצען כעס צו די שעדליכע חבורים. זיי האָבען געהייסען זוכען אין אַללע יודישע הייזער דעם רמב"ם'ס ספרים און האָבען זיי אין מאָנפּעליע (מונפּיילור) עפענטליך פאַרברענט. נאָך וועניג דאָס פערברענגען דעם רמב"ם'ס ספרים, האָבען זיי נאָך אָנגעשטעללט פאַלשע עדות אויף זייערע מתנגדים, און פיעל יודען פון מונפּיילור זיינען געוועהן אין גרויס סכנה.

אַזאַ עולה האָט אָנגעמאַכט אַרעש אויף דער וועלט, און ר' שלמה'ס בעסטע פריינד האָבען זיך אין גאַנצען פון איהם אָבגעזאָגט. די מוסרים, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט, האָבען געהאַט אַ שוואַרצען סוף: מען האָט ביי זיי אויסגעשניטען די צונגען. ר' יונה גירונדי האָט זיך גענוג געשלאָגען „על חטא" און האָט אויף זיך גענומען צו פאָהרען קיין טבריא און זיך אויסבעטען אַ כפרת עון אויפ'ן

רמב״ם׳ס קֶבֶר. אִין בַּרְצלוֹנָה הָאט דֶער פָארְשְׁטֶעהר ר׳ אַבְרָהָם בֶּן חִסְדָאִי אַיינְגֶעפִירְט אַז אַלֶע שַׁבָּת זָאל מֶען לֵייעֶנֶען אַ קַאפִּיטֶעל פוּנ׳ם „מוֹרֶה נְבוּכִים,, אוּנ פוּן דֶעם מִנְהָג הָאט מֶען צוּ וִויסֶען גֶעגֶעבֶּען דִי יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת פוּן קַאסְ- טִילְיֶען, אַרַאגָאנִיֶען, לֶעאָן אוּנ נַאוַואַרַא.

אֵיינֶער פוּן דִי בַּעֲלֵי־תּוֹסְפוֹת, ר׳ מֹשֶׁה פוּן קוּצִי, דֶער מְחַבֵּר פוּן דֶעם בֶּערִיהמְטֶען חִבּוּר סֵפֶר מִצְוֹת גָדוֹל (סְמַ״ג), הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אִים יָאהר 1235 אַרוּמְפָאהרֶען אִיבֶּער שְׁפַּאנְיֶען אוּנ מִיט זַיינֶע דְרָשׁוֹת מַאכֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען דִי כִּתּוֹת, וָואס צוּ לִיעבּ זַייעֶר מַחֲלוֹקֶת הָאט דֶערְוַוייל דָאס יוּדִישְׁקַייט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאלֶען. דֶעמָאלְט אִיז טַאקִי דֶער אִינְוֶוענִינְסְטֶער מַצָּב פוּן דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן גָאר נִיט קַיין פְרֶעהלִיכֶער: אִין דֶער צַייט וָואס דִי רַבָּנִים אוּנ דִי לוֹמְדִים הָאבֶּען גֶע- שְׁטְרִיטֶען צוּ דַארְף מֶען דִי תּוֹרָה אָבְּהִיטֶען פוּן חֲקִירָה, אִיז דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם אִין גַאנְצֶען פֶערְוָואהרְלָאזְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט קְרִיסְטֶען אוּנ מַחְמַדְנֶער. גֶעגֶען אַזֶעלְכֶע גֶעמִישְׁטֶע חֲתוּנוֹת הָאט ר׳ מֹשֶׁה פוּן קוּצִי גֶעאַרְבַּייט מַעֲשִׂים, אוּנ עֶס אִיז אִיהם גֶעָראטְהֶען צוּ דֶערְוֶועקֶען אִין דֶעם עוֹלָם דִי לִיעבֶּע צוּ דִי אֱמֶת׳ע פְרוּמְקַייט.

וֶוען דָאס מַחֲלוֹקֶת הָאט פַארְדְרֶעהט דִי עֶדֶעלְסְטֶע מוֹחוֹת, הָאט זִיךְ אָנְגֶע- הוֹיבֶּען נָאר אַנַייעֶר לִמּוּד וָואס מֶען הָאט אִיהם גֶערוּפֶען קַבָּלָה, וַוייל דֶער לִמּוּד אִיז גֶעוֶועהן גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף אַלְטֶע זַאכֶען וָואס יֶעדֶער הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועהן פוּנ׳ם אַנְדֶערְן פוּן דִי פְרִיהֶרִיגֶע יָאהרֶען. דִי קַבָּלָה בֶּעשְׁטֶעהט נִיט פוּן קַיין בֶּעשְׁטִימְטֶע כְּלָלִים אוּנ אִיז נָאר פוּל מִיט סוֹדוֹת אוּנ וִוינְקֶען, וָואס פִיהרֶען אַרַיין דֶעם מֶענְשֶׁען אִין גַאנְץ אוּנבֶּעקַאנְטֶע וֶועלְטֶען. אֲפִילוּ וֶוען דִי קַבָּלָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען — אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ סוֹד, הָאטְשׁ דָאס אִיז זִיכֶער אַז פַאר דֶעם דְרַייצֶעהנְטֶען יָאהר- הוּנְדֶערְט הָאט מֶען פוּן אִיהר כִּמְעַט נִיט גֶעוואוּסְט. פַאר׳ן עֶרְשְׁטֶען מְקוּבָּל רֶעכֶענְט מֶען ר׳ יִצְחָק (סַגִי נְהוֹר), אוּנ אַטְהֵייל מֵיינֶען אַז עֶר הָאט דֶעם לִמּוּד גֶעיַרְשׁ׳ט בַּיי זַיין פָאטֶער ר׳ אַבְרָהָם בֶּן דָוִד פוּן פוּשְׁקִיירוּשׁ (הָרַאבַ״ד). דֶער הוֹיפְּט- בִּנְיָן פוּן קַבָּלָה שְׁטֶעהט אוֹיף גִלְגוּל נֶפֶשׁ, דָאס הֵייסְט, אַז דִי נְשָׁמָה וֶוערְד מְגוּלְגָל נָאךְ׳ן טוֹיט פוּן אַ מֶענְשֶׁען אוּנ גֶעהט אִיבֶּער אִין אֵיין אַנְדֶער גוּף בִּיז זִי דֶער גְרֵייכְט נִיט נָאר דִי הוֹיכֶע מַדְרֵגָה אוּנ וֶוערְד נִיט גֶעלַייטֶערְט. דִי תַּלְמִידִים פוּן ר׳ יִצְחָק סַגִי נְהוֹר פְלֶעגֶען דֶערְצֶעהלֶען, אַז זֵייעֶר רַבִּי הָאט בֶּעדַארְפְט נָאר אַ קוּק טְהוּן אוֹיף אֵיינֶעם, הָאט עֶר בַּאלְד דֶערְקֶענְט וָואס פַאר אַ נְשָׁמָה עֶר הָאט. פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶועגֶען בֶּעקַאנְט נָאר צְוֵויי ־ עֶזְרִיאֵל אוּנ עֶזְרָא, וָואס הָאבֶּען אִיבֶּערְ- גֶענוּמֶען אִין גַאנְצֶען ר׳ יִצְחָק׳ס אַרְבַּייט. אִין זֵייעֶרֶע כְּתָבִים זַיינֶען זַיי זִיךְ סוֹתֵר

אין די ריכטיגקייט פון וואנען שטאמט די קבלה, ווייל אויף איין ארט דערצעהלען זיי נאנצע נסים, אז די קבלה שטאמט פון נאר אלטע צייטען אונ ניט יעדער האט זוכה געוועהן נהנה צו זיין פון איהר ליכטיגקייט, אונ אויף איין אנדער ארט זענען זיי מגלה דעם סוד אז זיי האבען דעם למוד אנגעהויבען ערשט ניט לאנג, ווען זיי האבען זיך ארומגעדרעהט איבער דער וועלט אונ געזוכט די טיעפע חכמה, וואס קאן זיי ווייזען דעם וועג צום בעשעפער.

אז מען קוקט זיך צו צום יסוד פון דער קבלה, זעהט מען בפירוש ארויס אז דאס למוד וואקסט פון דעם רמב"ם'ס געגנער: א טהייל פון זיי האבען זיך איבערצייגט אז דער רמב"ם איז אזוי אנגענומען נאר צו ליעב דעם וואס ער ערקלערט מיט'ן שכל אללע סודות פון דער תורה אונ גיט צו פערשטעהן דעם טעם פון די מצות, ווייל דעם מענשען איז שווער בלינד אלדינג צו גלויבען אונ וויל ווי ווייט מאגליך מיט זיין פערשטאנד בעגרייפען דאס נעטהיגקייט אונ ניצליכקייט פון דעם, וואס מען הייסט איהם טהון, דאריבער האבען זיי זיך ענטשלאסען אנצוהייבען אנדערע מיני חקירות וואס זאגען אז די תורה איז אין נאנצען סודות. יעדעס ווארט, יעדער אות איז א סוד וואס א מענשליכער שכל קאנן נאר ניט אריינדרינגען צו פערשטעהן אקוראט. די מקובלים האבען ער־קלאהרט אז גאטט איז א „אין סוף", אונ אז די וועלט איז בעשאפען געווארען דורך צעהן ספירות אדער פרצופים. נאך זייער דעה, איז די וועלט גלייך צו א בוים מיט בלעטער אונ די ספירות זענען דיווארצעלן וואס גיבען א יניקה דעם בוים. די מקובלים רעכנען אז די וועלט שטעהט אויף תרי"ג מצות וואס יודען היטען אב. אונ אז פון די תפלות, וואס דער יוד זאגט מיט א רעכטער כונה, ווערד די נשמה געלייטערט. די ביטערע שאלה פון שכר פאר גוטע מעשים אונ ענש פאר שלעכטע זאכען אויף דער אדער אויף יענער וועלט, אונ בעזאנדערס די פראגע וואס ניט נאך עד היום פיעל מענשען קיין מנוחה ניט, פאר וואס איז אמאל דער רשע גליקליך אונ דעם צדיק געהט שלעכט, האבען די מקובלים פאראנפערט מיט זייער אמונה אין גלגולים, אונ האבען דערוויזען, אז די הצלחה געווענדט זיך נאר אן דער נשמה: קוים איז שוין די נשמה אב־געקומען פאר פריהריגע זינד, מאג זי שוין אריין אפילו אין דעם ערגסטען גוף וועט זי פון קיין שלעכטס מעהר ניט וויסען, אונ משיח וועט ערשט דע־מאלט קומען ווען קיין איינציגע פערפלעקטע נשמה וועט זיך מעהר ניט ארומ־דרעהען אויף דער וועלט.... אט די אללע זאכען האבען ביידע ברידער, עזריאל אונ עזרא, איבערגעגעבען זייערע תלמידים אונ לויט דעם נאנג זיי דערקלערט

און געוויזען אַלדינג מיט אותות ומופתים. דער אַנדערער מקובל אָבער, יעקב בן ששת גרונדי, האָט שוין תוך געמאַכט פון אַללע חקירות און האָט געפאָדערט פון זיינע תלמידים מען זאָל איהם נאָר גלויבען:

די ערשטע מקובלים האָבען אָבער געוואָלט אויך אַז זייער נייער למוד זאָלל ניט אויסווייזען אַז ער איז צו נייא זיי האָבען זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט אַ ספר מיט דעם נאָהמען בהיר (דער גלאַנץ) און האָבען געזאָגט אַז ער שטאַמט פון'ם בעריהמטען תנא נחוניא בן הקנה. עס איז טאַקי געראָטהען פיעל מענשען צו זיך צו ציהען און האָטש ר' מאיר בן שמעון פון נרבונה און ר' משולם בן משה פון בעזיע (בדרש) האָבען צושיקט בריעף און בעוויזען אַז דער „בהיר" איז פאַלש, איז זייער מיה געוועהן אומזיסט.

אַזוי איז גירונדי געוואָרען אַ געסט פון די מקובלים און זיי האָבען זיך דאָרט פאַרמעהרט, ווייל צווישען זיי איז אויך געוועהן אַזא גרויסער גאון ווי דער רמב"ן וואָס האָט שטאַנדיג געגלויבט זיין האַרץ מעהר ווי זיין קאָפּ. ביסלעכווייז האָט זיך די קבלה פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע ערטער, און פירציג יאָהר נאָכ'ן רמב"ן'ס טויט זענען פלוצלונג געוואָרען ביי יודען דריי כתות: חקרנים, וואָס האָבען געהאַלטען פון דעם רמב"ם ספרים, תלמודיסטען, וואָס זענען אויף איין שריט ניט אָבגעטרעטען פון דער גמרא, און מקובלים, וואָס האָבען זיך אַרומגעטראָגען נאָר מיט רמזים און סודות. די ערשטע צייט האָבען זיך נאָך די תלמודיסטען מיט די מקובלים געהאַלטען איניינעם און האָבען מיט זייערע פערדאָפּעלטע כוחות געוואָרפען מיט שטיינער אויף די חקרנים נאָר גיך האָבען זיי זיך אויך צושלאָגען און אַללע דריי כתות זענען זיך געוואָרען שונאים אויפ'ן לעבען.

פון די יודישע דיכטער (משוררים אָדער פייטנים), וואָס האָבען געלעבט אין יענער צייט, זענען בעקאַנט געבליבען די נעהמען פון ר' יהודה אַלחריזי, וואָס האָט איבערזעצט פון אַראַביש אַ טהייל פון'ם רמב"ם'ס ספרים און האָט אָנגעשריבען אויף לשון קדש זיין ספר „תחכמוני"; ר' יוסף בן סבארה, וואָס איז געוועהן אַ דאָקטאָר אין ברצלונא און האָט אָנגעשריבען אַ ספר „שעשועים"; ר' יהודה בן יצחק בן שבתי, וואָס האָט אויך געשריבען העברעאישע שירים, און ר' אַברהם בן שמואל הלוי בן חסדאי, וואָס האָט איבערזעצט פון אַראַביש דעם ספר „בן המלך והנזיר". דערבאַלט האָט אויך ר' ברכיה בן נטרונאי הנקדן אָנגעשריבען זיינע הונדערט זיבען משלים וואו ער האָט דעם אמת אַריינגעלעגט אין מויל אַריין פערשיעדענע חיות און

עופות, אונ האט אנאמען געגעבען „משלי שועלים“. ר' יצחק אבן סהולא, וואס פון איהם איז געבליבען א ספר „משל הקדמוני“. צווישען די אראבישע דיכטער האט זיך אויך אויסגעצייכענט א יוד, אבו יצחק אברהם אבן סהיל פון שיבילה, איינער פון די וואס די אלמאהדען האבען זיי געצוואונגען צו ווערען מחמדנער.

די וועלט זאגט אבער א ווארטעל, אז צווישען דער באבע אונ דער קימפעטארן ווערד דאס קינד דערשטיקט: דאס האט מען ארויסגעזעהן דערפון ווי די יודען האבען נאך דעם רמב"ם'ס טויט פערנאכלעסיגט זייער היילינע שפראכע. די דריי כתות האבען זיך גערופ'ט איינס דאס אנדערע אונ אלץ צו ליעב דעם ווייל יעדע האט גערעכענט אז נאר זי געהט מיט'ן אמת אונ נאר איהר וועט געראטהען ארויפברענגען דאס יודישקייט אויף א פעסטען מעמד. צום סוף האבען זיי אללע דריי פארגעסען אז לשון קדש איז דער איינציגער יסוד פונ'ם גאנצען יודענטהום, אונ אז דער רד"ק איז אויך געשטארבען, האט זיך קיינער ניט בעשעפטיגט מיט דעם לשון וואס איז אזוי שטארק צו געבונדען צו דער תורה אונ צו דער יודישער אמונה. אזוי זענען ביסלעכוויז אבגעפאלען די בלעטער פון דעם שענעם בוים, וואס האט ערשט ניט לאנג געבליהט אונ געבראכט געשמאקע פירות פון תורה אונ חכמה.

8 די וכוחים אונ דאס פארברענען פונ'ם תלמוד.

(1240—1270 נאך קריסטוס געבורט).

אין דער צייט וואס די יודען האבען געהאלטען אין איין שלאגען זיך אינוועניג איבער פערשיעדענע דעות, האט דער שונא ניט געדרימעלט פון דרויסען אונ האט פון זייערטוועגען ניט געזשאלעוועט קיין קלאפ נאר צו ליעב איין דעה וואס ער האלט זיך פעסט אן איהר נאך אין איצטיגע יאהרען: אז דער יוד איז פאר איהם סתם שעדליך אונ וואס מעהר צרות ער וועט איהם אנטהון וועט פאר איהם געווים בעסער זיין. דער סם וואס דער פאפסט אינאקענטי דער דריטע האט אריינגעלאזט אין פאלק האט געמאכט א פיעל ערגערע ווירקונג: ווי פיעל ער אליין האט געקאנט ערווארטען. אינאקענטי האט נאר געוואלט די יודען א ביסעל צודריקען, זיי זאלען ניט אזוי שטארק אויפ-הייבען דעם קאפ, אבער מען זאל זיי טאקי ניט לאזען לעבען — דאס האט ער גאר ניט גערעכענט. דאס פאלק האט אבער ליעב צו מאכען אנדערע

חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן אַלֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען, וָואס לְכַתְּחִלָּה הָאט מֶען זֵיי גֶעהַאלְטֶען פַאר נַארִישְׁקַייטֶען אוּנ אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע זַאכֶען. אִיז בַּיים פָאלְק גֶעוָוארֶען אַ אֱמֶת גָּמוּר אוּנ מֶען הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מִצְוָה צוּ בְּרֶענְגֶען דֶערְפַאר דִי יוּדֶען אוּנ בְּרָאטֶען. נִיט וַוייט פוּן בִּישָׁאפְסְהֵיים אוּנ לַאוַדַה הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אַ הָרוּג אַ קְרִיסְט; בַּאלְד אִיז בַּיי אַלֶע גֶעבְּלִיבֶּען, אַז דָאס אִיז דִי יוּדֶענְס אַרְבַּייט, מֶען אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת פוּן יֶענֶע צְוֵויי שְׁטֶעדְטְלִיךְ אוּנ מֶען הָאט אוֹיסְגֶעהַרְגֶ'עט נָאר אָהְן אַ שׁוּם טַעֲנָה פִיעל אוּנְשׁוּלְדִיגֶע יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת, אוּנ צְווִישֶׁען זֵיי אוֹיךְ וַוייבֶּער אוּנ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ עֶרְשְׁט הָאט מֶען פֶערְנוּמֶען אַכְט מֶענְשֶׁען פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּנ מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעטְהוּן עִנּוּיִים קָשִׁים בִּיז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אוֹיף אַ לִיגֶען, אַז זֵיי זֶענֶען דִי רוֹצְחִים אוּנ מֶען הָאט זֵיי קְלָאמֶערְשְׁט מִיט רֶעכְט דֶערְהַרְגֶ'עט. דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַ קוּק גֶעטְהוּן, אַז דָאס אִיז קֵיין תַּכְלִית נִיט אַז אַזֶעלְכֶע מַעֲשׂוֹת קָאנֶען מִיט זֵיי גֶעשֶׁעהְן יֶעדֶען טָאג, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם פַאפְּסְט גְרֶעגָאר דֶעם נַיינְטֶען בֶּעטֶען עֶר זָאל אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ אָבְּהַאלְטֶען דִי קְרִיסְטֶען פוּן פָּשׁוּט'ע רְצִיחוֹת. עֶס אִיז אַ סְבָרָא אַז מִיט לֶעדִיגֶע הֶענְד זֶענֶען זֵיי נִיט גֶעקוּמֶען צוּם פַאפְּסְט, נָאר וִוי אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה אִיז פוּן דָארְט גֶעוֶועהְן, צוּ הָאט דָא גֶעהָאלְפֶען „תְּפִלָּה" אָדֶער „דוֹרוֹן", נָאר גְרֶעגָאר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ רָצוֹן צוּ מַאכֶען אַ סוֹף פוּן דֶער „מִלְחָמָה" אוּנ עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל מֶען זָאל דִי יוּדֶען נִיט טְהוּן מֶעהר קֵיין שְׁלֶעכְטְס. דִי שִׂנְאָה אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהְן אַזוֹי גְרוֹיס אַז אֲפִילוּ דֶעם פַאפְּסְט בֶּעפֶעהל הָאט מֶען אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען.

ווִי וַוייט דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען גֶעהַאסְט דִי יוּדֶען, קָאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהְן דֶערְפוּן וָואס אֲפִילוּ דֶער עֶדְלֶער דַייטְשֶׁער קֵייזֶער פְרִידְרִיךְ דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶועהְן אַ שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל. פְרִידְרִיךְ הָאט זִיךְ דַוְקָא אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט דִי בֶּעסְטֶע יוּדִישֶׁע חֲכָמִים, וַוייל עֶר הָאט זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט חָכְמָה, עֶר פְלֶעגְט אָפְט שְׁרַייבֶּען בְּרִיעף קֵיין טָאלֶעדַא צוּ אַ בֶּערִיהמְטֶען יוּדִישֶׁען לַמְדָן ר' יְהוּדָה בֶּן שְׁלֹמֹה כֹּהֵן אִבְּן מַלְכָּא (מַתְקָה) אוּנ הָאט אִיהם בֶּעצוֹיגֶען קֵיין אִיטַאלְיֶען. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעלָאזְט קוּמֶען קֵיין נֶעאַפֶּעל פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אֵיין אַנְדֶער יוּדִישֶׁען גֶעלֶעהְרְטֶען ר' יַעֲקֹב אַנָטוֹלִי אוּנ הָאט אִיהם בֶּעשְׁטִימְט אַ יָאהר־גֶעהַאלְט דֶערְפַאר וָואס עֶר וֶועט פוּן אַרַאבִּישׁ אִיבֶּערְזֶעצֶען ווִיסֶענְשַׁאפְטְלִיכֶע בִּיכֶער. ר' יַעֲקֹב אַנָטוֹלִי אִיז גֶעוֶועהְן ר' שְׁמוּאֵל אִבְּן תִּבּוֹן'ס אֵיידֶעם, אוּנ הָאט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף לַאטֵיין דֶעם „מוֹרֶה נְבוּכִים", אוּנ נַאנְץ אָפְט פְלֶעגְט פְרִידְרִיךְ זִיךְ

פערטיפען אין דעם רמב·ם׳ס חקירות. ביי אזא נאהענטקייט צו יודען וואלט דאכט זיך פרידריך בעדארפט זיי שאטצען אונ ליעב האבען, בעזאנדערס נאך דעם וואס קיין פרומער קריסט איז ער קיין מאל ניט געוועהן אונ האט פיינד געהאט די גייסטליכע, צום סוף האט ער נאך די יודען ערגער בעהאנדעלט ווי אנדערע אונ אין זיין הויפט־שטאדט פאלערמא האבען זיי געמוזט זיצען אין א בעזונדער גאס, וואס מען האט גערופען געהעטא. אין עסטערייך איז די יודען געוועהן בעסער: דער ערץ־הערצאג פרידריך דער ערשטער האט דערקאנט זייער ווערטה אונ האט זיי געגעבען די גראסטע פרייהייט, כדי זיי זאלען בעלע־בען דעם מסחר פונ׳ם לאנד. צוויי יודען, ליבלין אונ נעקעלא, זענען ביי איהם געוועהן די גאנצע פיהרער, אונ אחוץ דעם האט ער יודען צוגעלאזט צו די בעסטע שטעללען. דער קייזער פרידריך האט דאס אבער ניט געוואלט ליידען אונ האט אזוי לאנג געארבייט ביז מען האט צוגענומען די רעכטע אויך ביי יענע יודען. איבערהויפט איז שווער צו פערשטעהן פון וואנען נעהמט זיך אזא אכזריות צו אעדלען מענשען וואס פלעגט שטאנדיג קוועלען פון יודישער חכמה אונ חריפות. אז די אפריקאנישע יודען זענען אנטלאפען קיין סיציליען פון די אלמהדען האט ער זיי אריינגעלאזט, נאר ער האט פון זיי געפאדערט אזוי פיעל מס אז ער האט זיי אין גאנצען אויסגעזויגען אונ דאס לעבען איז זיי ניט ניחא געוועהן.

ביי אנייעם קרייצצוג אים יאהר 1236, איז מען אנגעפאלען אויף די יודישע קהלות פון אנזשוא, פאאטוא בארדא, אנגולעם אונ נאך אנדערע שטאדט אונ מען האט גענייטה די יודען זיי זאלען זיך טויפען. טהייער האבען די יודען בעצאהלט פאר זייער גלויבען: נאר פינף הונדערט יודען זענען איבער־גאנגען צום קריסטענטהום אונ מעהר פון דריי טויזענד זענען אומגעקומען; מעוברת׳ע ווייבער אונ פיצלעך קינדער האט מען מיט די פערד צוטראטען, די טויטע קארפערס האט מען געלאזט זיך וואלגערן אין די גאסען, מען האט צו־ריסען ספרים, פארברענט הייזער אונ אומעדום געראבאוועט וואס מען האט נאר געקאנט צונעהמען. די יודען האבען זיך נאך אמאל געווענדעט צום פאפסט ער זאל זיי מציל זיין פון דער נייער צרה. גרעגאר האט באלד צושיקט בריעף צו די גייסטליכע אונ האט אויך געשריבען דעם קאניג פון פראנקרייך לודוויג דעם ניינטען אז גאטט וויל ניט אזעלכע קרבנות אונ די קירכע בעדארף ניט מען זאל יודען שלעפען מיט געוואלד צום טויפען. לודוויג איז אבער געוועהן אזא שונא די יודען, זיי צו טויפען האט ער געהאלטען פאר דער גרעסטער

כַּוָּנָה, אַז עֶר הָאט אוֹיפְ'ן פַּאפְּסְט'ס בְּרִיעף נָאר נִיט גֶעקוּקְט אוּנ הָאט זִיךְ גֶעטְהוּן וַוינְס. דִי יוּדֶען אִיז נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען אֵיין מִטֶעל – זִיךְ אָבְּצוּקוֹיפֶען מִיט גֶעלְד, אוּנ דָאס הָאבֶּען זֵיי גֶעטְהוּן. אִין עֶנְגְלַאנְד הָאבֶּען זֵיי בַּיי הַיינְרִיךְ דֶעם דְרִיטֶען פַּאר אַהִיבְּשֶׁע סַטְבֵּעַ גֶעפּוֹעלְ'ט עֶר זָאל צוּשִׁיקֶען שְׁלוּחִים אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד אוּנ אָנְזָאגֶען שְׁטְרֶענְג מֶען זָאל זֵיי נִיט טְשֶׁעפֶּען. אַזַא מִיטֶעל אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן, וְוִי מֶען זָאגְט, אַ שְׁטֶעקֶען מִיט צְווֵיי עֶקֶען: צוּ לִיעבּ דֶעם זֵיי זָאלֶען קָאנֶען גֶעלְד גֶעבֶּען, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעמוּזְט רַייסֶען גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְטֶען, אוּנ צוּ לִיעבּ דִי פְּרָאצֶענְטֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אָפְט בֶּעדַארְפְט אוֹיסְקוֹיפֶען מִיט גֶעלְד. אַזוֹי אִיז דֶער יוּד גֶעוָוארֶען אַזַא מְסוּכָּנ'ער חוֹלֶה, וָואס וואוּ מֶען לֶעגְט אִיהם אִיז אִיהם שְׁלֶעכְט. פוּן אַללֶע זַייטֶען הָאט מֶען נָאר גֶעהָארְט אַ גֶעשְׁרֵיי, אַז דֶער יוּד אִיז אַ הוֹיט-שִׁינְדֶער, אַ בְּלוּטְזֵייגֶער, נָאר קַיינֶער הָאט לוּדְווִיג גֶעוָואלְט נָאר לַחֲלוּטִין פַּאר וֶועהרֶען דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען נִיט נֶעהמֶען קֵיין רְוָחִים, הָאבֶּען עֶס דִי גְרֶעסְטֶע בַּארָאנֶען נִיט דֶערְלָאזְט אוּנ הָאבֶּען גֶעוִויזֶען אַז אַזוֹי וֶועט זַיין נָאךְ אֶרְגֶער אוּנ מֶען וֶועט נִיט הָאבֶּען בַּיי וֶועמֶען אַ פְּרוּטָה צוּ לַייעֶען, ווייל דִי קְרִיסְטֶען פְלֶעגֶען נָאר דֶערְקְוֶועטְשֶׁען זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אֵיין שְׁטִיקֶעל אָנְשְׁפַּארֶענִישׁ הָאט נָאךְ דֶער יוּד גֶעהַאט אִין יֶענֶער פִינְסְטֶערֶער צַייט – דָאס אִיז גֶעוֶועהן דִי יְשִׁיבָה, דָאס שׁוּלְכֶען, דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ. וואוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעקָאנְט אַנִידֶערְזֶעצֶען אִיבֶּער אַ בְּלַאטְט גְמָרָא, זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען שְׁווִימֶען אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסֶען יַם פוּנ'ם תַּלְמוּד אוּנ פַארְגֶעסֶען דֶעמָאלְט אַללֶע צָרוֹת. דֶער שׂוֹנֵא הָאט אָבֶּער גֶעטְרָאפֶען אוֹיךְ אַהִין אוּנ הָאט בַּיי אִיהם צוּ גֶענוּמֶען זַיין לֶעצְטֶע טְרֶאסְט. אַ גֶעטוֹיפְטֶער יוּד, נִיקָאלַאי דָאנִין, פוּן לַארָאשֶׁעל הָאט גֶעמַסֶר'ט דֶעם פַּאפְּסְט, אַז דָאס גַאנְצֶע אוּמְגְלִיק לִיעגְט נָאר אִין דֶעם תַּלְמוּד, אַז דִי יוּדֶען וָואלְטֶען גֶעוֶועהן אַסַךְ לַייטִישֶׁער וֶוען דִי גְמָרָא פַּארְדְרֶעהט זֵיי נִיט דֶעם קָאפּ אוּנ רֵייצְט זֵיי נִיט אָן גֶעגֶען דִי קְרִיסְטֶען אוּנ אַז מֶען מוּז דֶעם שֶׁעדְלִיכֶען לִמּוּד אִין גַאנְצֶען צוּ שְׁטֶערְן עֶס זָאל פוּן אִיהם קֵיין זֵכֶר נִיט בְּלַייבֶּען.

דִי גְמָרָא אִיז פַאר דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועהן אַ כָּשֵׁר'ע מְצִיאָה, ווייל דָארְט זֶענֶען צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט פֶערְשִׁיעדֶענֶע מֵיינוּנְגֶען, וָואס דִי תַּנָּאִים אוּנ אֲמוֹרָאִים הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִין פֶערְשִׁיעדֶענֶע צַייטֶען אוּנ וָואס מֶען קָאן זִיךְ צוּ זֵיי צוּטְשֶׁעפֶּען. עֶס אִיז דַארִיבֶּער נָאר קֵיין וואוּנְדֶער נִיט וָואס דֶער גֶעטוֹיפְטֶער נִיקָאלַאי דָאנִין הָאט אָבְגֶעזוּכְט אִין תַּלְמוּד פִינְף אוּנ דְרַייסִיג אַרְטֶער וָואס בֶּעווייזֶען דִי שִׂנְאָה פוּן דִי יוּדֶען צוּ דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אֱמוּנָה. בַּאלְד וְוִי דִי

מְסִירָה איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ פַּאפְּסְט גְרֶעגָאר, הָאט עֶר שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ בֶּעפֶעהל צוּ אַללֶע גַייסְטְלִיכֶע פוּן פְרַאנְקְרַייךְ, עֶנְגְלַאנְד, קַאסְטִילְיֶען, אַרַאגָאנְיֶען אוּנ פָּארְטוּגַאל, אַז זֵייא זָאלֶען הֵייסֶען, אוּם עֶרְשְׁטֶען שַׁבָּת פוּן פַּאסְטֶען־צַייט, וֶוען דִי יוּדֶען וֶועלֶען אַוֶועקְגֶעהן דַאוְונֶען, אָנְפַּאלֶען אוֹיף אַללֶע יוּדִישֶׁע הַייזֶער אוּנ צוּנֶעהמֶען אַללֶע תַּלְמוּדִישֶׁע סְפָרִים, וָואס מֶען וֶועט גֶעפִינֶען. אַחוּץ דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעשְׁרִיבֶּען דִי מְלָכִים פוּן יֶענֶע לֶאנְדֶער, זֵייא זָאלֶען דִי גֵייסְטְלִיכֶע בֶּעהִילְפִיג זַיין. אוּנ אַז מֶען וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְצַייגֶען אַז אִין תַּלְמוּד גֶעפִינֶען זִיךְ טַאקִי דִי אֶרְטֶער, וָואס דָאנִין הָאט אָנְגֶעוויזֶען, זָאל מֶען אֶנְטְלִיךְ דֶען תַּלְמוּד פַארְבְּרֶענֶען. דֶעם מוֹסֵר הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען אַ אֵיינֶענְהֶאנְדִיגֶען בְּרִיעף צוּם עֶפִּיסְקָאפּ פוּן פַּארִיז, עֶר זָאל זִיךְ מִיט אַללֶע כּוֹחוֹת מִשְׁתַּדֵל זַיין אוּנ צוּשְׁטֶערֶען דִי גֶעסְט וָואס דִי בַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת הָאבֶּען גֶעהַאט אִין פְרַאנְקְרַייךְ.

אִין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ עֶנְגְלַאנְד הָאט מֶען זִיךְ כִּמְעַט נִיט גֶעוָואלְט אוּמְקוּקֶען אוֹיף גְרֶעגָאר'ס בֶּעפֶעהל. נָאר אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט זִיךְ דֶער קָאנִיג לוּדְוִויג דֶער נַיינְטֶער אָנְגֶעהַאפְּט אַן דֶער מְסִירָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אוּנ הָאט גֶעגֵייטְרָה דִי יוּדֶען, זֵייא זָאלֶען אַרוֹיסְגֶעבֶּען אַללֶע סִפְרֵי הַתַּלְמוּד. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען אַז נִיקָאלַאי דָאנִין זָאל הָאבֶּען אַ אֶפֶענְטְלִיכֶען וִכּוּחַ מִיט פִיער רַבָּנִים אוּנ עֶר הָאט דֶערְצוּ אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען ר' יְחִיאֵל פוּן פַּארִיז, ר' משֶׁה מִקוּצִי, וָואס אִיז נָאר וָואס צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין לַאנְגֶער נְסִיעָה אִיבֶּער דִי שְׁפַּאנִישֶׁע לֶאנְדֶער, ר' יְהוּדָה בֶּן דָוִד פוּן מֶעלִין אוּנ ר' שְׁמוּאֵל בֶּן שְׁלֹמֹה פוּן שַׁאטָאטְהִיעְרִי (שַׁתּוּ־תִּיֶערְדִי). דֶער וִכּוּחַ הָאט בֶּעדַארְפְט זַיין אוֹיף לַאטֵיינִישׁ אִין דֶעם קֶאנִיגְלִיכֶען הוֹיף דֶעם 25 יוּנִי 1240, אוּנ דִי קְלוּגֶע מוּטֶער פוּנ'ם קֶאנִיג בְּלַאנְשׁ מִיט זֵייעֶר פִיעל גַייסְטְלִיכֶע זֶענֶען גֶעוֶועסֶען דֶערְבַּיי. ר' יְחִיאֵל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ הָאט גֶעקָאנְט פְרֶעמְדֶע לְשׁוֹנוֹת, הָאט אִיבֶּער זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ פֶערְאֶנְפֶערן דֶעם תַּלְמוּד, אוּנ הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ פֶערְרוּפֶען אוֹיף דִי גֶעזֶעצֶע, וָואס שִׁיצֶען דָאס אִינֶעווֵיינִיגְסְטֶע לֶעבֶּען פוּן דִי יוּדֶען, אוּנ הָאט בֶּעוויזֶען אַז קֵיינֶער הָאט קֵיין רֶעכְט נִיט צוּ מִשְׁפָּט'ן אַ זֶעלְכֶע סְפָרִים, וָואס זֶענֶען בַּיים יוּדֶען הֵיילִיג. דִי קֶאנִיגִין הָאט אִיהם בֶּערוּהִיגְט, אַז מֶען וִויל דָא גָאר נִיט בֶּערִירֶען דִי יוּדִישֶׁע אֱמוּנָה, אוּנ הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל נָאר גֶעבֶּען רֶעכְטֶע תְּשׁוּבוֹת אוֹיף אַללֶע שַׁאֲלוֹת וָואס מֶען וֶועט אִיהם פָארְלֵייגֶען. אַז נִיקָאלַאי דָאנִין הָאט גֶעפָאדֶערְט פוּן ר' יְחִיאֵל'ן עֶר זָאל גֶעבֶּען אַ שְׁבוּעָה אַז עֶר וֶועט זָאגֶען דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, הָאט עֶר גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר הָאט נָאךְ אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבֶּען נִיט גֶעשְׁוָוארֶען, אוּנ דִי קֶאנִיגִין

הָאט אִיהם בֶּעפְרַייהט דֶערְפוּן · דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶער וִכּוּחַ צְוִוישֶׁען נִיקָאלַאִי דָאנִין אוּנ ר׳ יְחִיאֵל׳ן, וָואס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט נַאנְצֶע צְוֵויי טֶאג. אַללֶע יוּדֶען פוּן פַּארִיז הָאבֶּען דֶערְוַוייל גֶעפַאסְט, ווַייל זֵיי הָאבֶּען גֶעפִיהלְט אַז קֵיין גוּטְס קָאן דֶערְפוּן נִיט אַרוֹיס. אוֹיפ׳ן דְרִיטֶען טָאג הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶערוּפֶען ר׳ יְהוּדָה בֶּן דָוִד פוּן מֶעלִין, וָואס אִיז דֶערְוַוייל גֶעזֶעסֶען פֶערְשְׁפַּארְט אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער חֶדֶר, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִיט קָאנֶען אָבְּרֶעדֶען מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע רַבָּנִים, אוּנ אַז ר׳ יְהוּדָה הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דָאס אֵייגֶענֶע וָואס ר׳ יְחִיאֵל, הָאט מֶען שוֹין קֵיינֶעם מֶעהר נִיט גֶעפְרֶעגְט, אוּנ אֵיינֶער פוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס הָאט בֶּאֱמֶת גֶעהַאט נָאטְט אִין הַארְצֶען, הָאט פָארְגֶעלֶעגְט מֶען זָאל דִי יוּדֶען בֶּעפְרַייעֶן פוּן דִי פַאלְשֶׁע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען אוּנ זֵיי אָבְּגֶעבֶּען דִי סְפָרִים. אַזוֹי אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהֶן, נָאר צוּם אוּמְגְלִיק אִיז תֵּיכֶף דֶער פְרוּמֶער גַייסְטְלִיכֶער, וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי יוּדֶען, גֶעשְׁטָארְבֶּען פְּלוּצְלוּנְג אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן אַז דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַ עוֹנֶשׁ דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט נִיט דֶערְלָאזְט מֶען זָאל פַארְבְּרֶענֶען דֶעם תַּלְמוּד. דֶער קֶאנִיג הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְרֶעדֶען אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען מֶען זָאל שוֹין נָאר אָהן טַעֲנוֹת פֶערְנִיכְטֶען דֶעם תַּלְמוּד. אַזוֹי הָאט מֶען אִים יָאהר 1242 אִין פַּארִיז אוֹיף פִיער אוּנ צְוַואנְצִיג וָואגֶען צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען גַאנְץ ש״ס אוּנ מֶען הָאט זֵיי אוֹיף אַ פְרַייעֶן פְּלַאץ פַארְבְּרֶענְט. דָאס אִיז גֶעוֶועהן אַ שְׁטַארְקֶער בְּרָאךְ פַאר דִי יוּדֶען. דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען אִין דֶעם טָאג אַללֶע יָאהר גֶעפַאסְט, אוּנ ר׳ אַבְרָהָם בַּדַרְשִׁי אוּנ ר׳ מֵאִיר פוּן רָאטֶענְבּוּרְג הָאבֶּען בֶּעוֵויינְט דִי שְׂרֵפָה אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער קִינָה.

דָאס פַארְבְּרֶענֶען פוּנ׳ם תַּלְמוּד, פּוּנְקְט ווִי אַללֶע אוּמְגְלִיקֶען בַּאלְד אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער צַייט וָואס זֵיי טְרֶעפֶען זִיךְ אִין דֶעם יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען—הָאט וֶועניגְסְטֶענְס גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ וָואס אִינֶעווֵייניג אִיז חָאטְשׁ גֶעוָוארֶען רוּהִיג אוּנ דִי פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע כִּתּוֹת הָאבֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קְרִיגֶען. בַּאלְד אָבֶּער הָאט מֶען גֶעמַסֶר׳ט דֶעם פַּאפְּסְט אִינָאקֶענְטִי דֶעם פִירְטֶען, אַז יוּדֶען הָאבֶּען ווַייטֶער בֶּעקוּמֶען ש״ס אוּנ לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק. דֶער פַּאפְּסְט הָאט גֶעבֶּעטֶען דֶעם קֶאנִיג עֶר זָאל נִיט דֶערְלָאזֶען אַזַא עַוְלָה; מֶען אִיז נָאךְ אַ מָאל אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדִישֶׁע הַייזֶער, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזוּכְט וואוּ עֶס אִיז נָאר דָא אַ בְּלֶאטֶעל שֵׁמוֹת אוּנ מֶען הָאט דֶעם תַּלְמוּד ווַייטֶער פַארְבְּרֶענְט.

אִין דַייטְשְׁלַאנְד אִיז דִי יוּדִישֶׁע לַאגֶע אוֹיךְ נִיט בֶּעסֶער גֶעוֶועהן. דֶער קֵייזֶער פְרִידְרִיךְ הָאט שוֹין אַזוֹי גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם שְׁטֵייגֶער, אַז אוֹיף יוּדֶען מֶאג מֶען אוֹיסְטְרַאכְטֶען וָואס מֶען ווִיל. אַז דִי מָאנְנָאלֶען הָאבֶּען אַיינְגֶענוּמֶען גַאנְץ רוּסְלַאנְד

אוּנ פָּאלֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ מִיט זֵייעֶר ווִילְדֶען גִּבּוֹר טְשִׁינְגִיס-חַאן צוּגֶערוּקְט בִּיז צוּם גְרֶענִיץ פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד, הָאט דָאס פָּאלְק בַּאלְד גֶעמַאכְט דִי יוּדֶען פַאר דֶעם שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל. גֶענוּמֶען הָאט זִיךְ עֶס דֶערְפוּן וָואס צְווִישֶׁען דִי מָאנְגָאלֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען יוּדֶען, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז זֵיי שְׁטַאמֶען אַרוֹיס פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים, אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם הָאט מֶען שׁוֹין נִיט גֶעזְשַׁאלֶעוָועט זִיךְ צוּ קְלָאגֶען אוֹיף דִי יוּדֶען, אַז זֵיי הָאבֶּען גֶעמַאכְט יַד אַחַת מִיט'ן שׂוֹנֵא אוּנ הָאבֶּען אִיהם גֶעשִׁיקְט אֲפִילוּ כְּלֵי זַיִן. אַוַדַאי הָאבֶּען שׁוֹין דִי יוּדֶען בַּיי אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג, גֶעהַאט גֶענוּג לֵייד אוּנ צָרוֹת.

אַז מֶען הָאט גֶעהַאלְטֶען דִי יוּדֶען אִין רוֹדֵף'ן, הָאט מֶען זִיךְ בַּאלְד אַרוּמְגֶעקוּקְט אַז עֶס טוֹיג נִיט וָואס זֵיי בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט מֶעדִיצִין, וַוייל פִיעל פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועהן לֵייבּ-דָאקְטוֹרִים בַּיי קֶענִיגֶע אוּנ מַאנְנַאטֶען אוּנ הָאבֶּען צוּ לִיעבּ דֶעם גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהְרֶען דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבוֹת פַאר זֵייעֶרֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער. מֶען הָאט גָאר לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ אִים יָאהר 1246 אִיז אִין בֶּעזִיעֶ גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה פוּן גֵייסְטְלִיכֶע, אוּנ מֶען הָאט בֶּעשְׁלָאסֶען אַז יוּדֶען טָארֶען נִיט הֵיילֶען קַיין קְרִיסְטֶען. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען טַאקִי דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין גֶעמוּזְט בְּרֶעכֶען דִי תַּקָּנָה, וַוייל בַּיי אַ סַכָּנָה הָאט מֶען גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּם יוּדִישֶׁען דָאקְטָאר. אַז דֶעם קֶענִיג לוּדְווִיג'ס בְּרוּדֶער אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוֹיף דִי אוֹיגֶען, הָאט מֶען קוֹים אַיינְגֶעבֶּעטֶען דֶעם יוּדִישֶׁען דָאקְטָאר ר' אַבְרָהָם פוּן אַרַאגָאנְיֶען עֶר זָאל אִיהם אוֹיסְהֵיילֶען. אִין מָאנְפֶּעלִיעֶ הָאבֶּען פְּרַאקְטִיצִירְט פִיעל יוּדִישֶׁע דָאקְטוֹרִים אוּנ עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶועהן פְּרָאפֶעסָארֶען אִין דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט.

אִין עֶנְגְלַאנְד הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעמוּזְט אוֹיסְשְׁטָעהן אַנְדֶערֶע צָרוֹת, בֶּעזָאנְדֶערְס אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ הֵיינְרִיךְ דֶעם דְרִיטֶען, וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט כְּמַעַט זֶעכְצִיג יָאהר. עֶר אִיז נִיט גֶעוֶועהן אַזַא אַכְזָר ווִי דֶער פָאטֶער יָאהַאנְן, נָאר עֶר הָאט פוּן זֵיי אַזוֹי פִיעל גֶעלְד אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען אַז עֶר הָאט כְּמַעַט אַלֶע עֶנְגְלִישֶׁע יוּדֶען גֶעמַאכְט פַאר אֶבְיוֹנִים. אִין זִיבֶּען יָאהר הָאט בַּיי זֵיי דִי מְלוּכָה צוּגֶענוּמֶען מֶעהר פוּן צְוֶועלְף מִילְיָאן פְרַאנְק אוּנ דֶערְצוּ הָאט מֶען זֵיי נָאךְ גֶעמַאטֶערְט זֵיי זָאלֶען טְרָאגֶען דֶעם שֶׁאנְדְלִיכֶען יוּדִישֶׁען צֵייכֶען, קַיין נַייעֶ שׁוּלֶען זָאלֶען זֵיי נִיט טָארֶען בּוֹיעֶן אוּנ דַאווְנֶען זָאלֶען זֵיי שְׁטִיל אַז דִי קְרִיסְטֶען וָואס גֶעהֶען נֶעבֶּען דֶער שׁוּל זָאלֶען נִיט הֶערֶען זֵייעֶרֶע קוֹלוֹת. עֶס אִיז אַזוֹי וַוייט גֶעקוּמֶען אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל זֵיי בֶּעסֶער אַרוֹיסְלָאזֶען פוּנ'ם לַאנְד; דֶער קֶענִיג הָאט אָבֶּער נִיט גֶעווָאלְט אָנְוֶוערֶען אַזַא הַכְנָסָה אוּנ זֵיי

הָאבֶּען גֶעמוּזְט בְּלַייבֶּען אִין עֶנְגְלַאנְד אוּנ לַייְדֶען.

אַנְדַאי הָאט דָאס לֶעבֶּען פוּן דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען, אַקֶעגֶען זֵייעֶרֶע דַייטְשֶׁע, פְרַאנְצֶאזִישֶׁע אוּנ עֶנְגְלִישֶׁע בְּרִידֶער אוֹיסְגֶעזֶעהֶן ווִי אַגַן עֶדֶן. אִין קַאסְטִילְיֶען הָאט פוּנ'ם יָאהר 1252 בִּיז 1284 גֶעהֶערְשְׁט אַלְפָאנְסָא דֶער צֶעהנְטֶער, ווָאס הָאט זִיךְ נִיט גֶעהַאלְטֶען אָן דֶעם דֶרֶךְ פוּן זַיין פָאטֶער „פֶערְדִינַאנְד דֶעם הֵיילִיגֶען" אוּנ הָאט בֶּעסֶער גֶעווָאלְט אַז דִי ווֶעלְט זָאל אִיהם רוּפֶען „דֶער קְלוּגֶער". עֶר אִיז גֶעווֶעהן נִיט שְׁלֶעכְט גֶעגֶען דִי יוּדֶען, ווָאס פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען גֶעדִינְט אִין זַיין חַיִל ווֶען עֶר אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף שְׁבִילְיֶה. אַז עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאדְט אוּנ הָאט דִי עֶרְד אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט זַיינֶע גִבּוֹרִים, הָאט עֶר אוֹיךְ דִי יוּדֶען נִיט פֶערְטְהֵיילְט אוּנ הָאט בַּאלְד בֶּעקוּמֶען גֶעטְרַייֶע מֶענְשֶׁען, ווַייל דִי יוּדֶען פוּן שְׁבִילְיֶה, ווָאס הָאבֶּען זִיךְ לְפָנִים גֶערֶעכֶענְט פַאר מַהְמַדַנֶער, זֶענֶען זֶעהר צוּפְרִידֶען גֶעווֶעהן ווָאס זֵיי הָאבֶּען גֶעפַּטֶר'ט דִי אַלְמָהָדֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעקָאנְט אָפֶען אִיבֶּערְגֶעהן צוּם יוּדֶענְטְהוּם. אַלְפָאנְסָא הָאט זֵיי טַאקִי אָבְּגֶעגֶעבֶּען דְרַיי כָּאשֶׁעען (מָאצֶעטֶען) אוּנ זֵיי הָאבֶּען דָארְט גֶעמַאכְט שׁוּלֶען, אוּנ פַאר גְרוֹיס דַאנְקְבַּארְקֵייט הָאט אִיהם דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה — ווֶען עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט אַרַיינְפָּאהְרֶען אִין שְׁטָאדְט — אַקֶעגֶען גֶעטְרָאגֶען אַ טְהַייעֶרְן שְׁלִיעסֶעל מִיט אַ הֶעבְּרֶעאִישֶׁער אוּנ שְׁפַּאנִישֶׁער אוֹיפְשְׁרִיפְט: „דֶער מֶלֶךְ אִיבֶּער אַלֶע מְלָכִים אֶפֶענְט אוּנ דֶער מֶלֶךְ פוּנ'ם לַאנְד קוּמְט אַרַיין". אַלְפָאנְסָא הָאט גֶעגֶעבֶּען יוּדֶען דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטֶעלֶען: זַיין פִינַאנְץ-מִינִיסְטֶער אִיז גֶעווֶעהן אַ יוּד, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן דוֹן מֵאִיר דִי-מַאלְיַא, אוּנ נָאךְ זַיין טוֹיט אִיז דִי שְׁטֶעלֶע אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם זוּהן דוֹן יִצְחָק. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַ יוּדִישֶׁען לַייבּ-דָאקְטָאר, דוֹן יְהוּדָה בֶּן מֹשֶׁה הַכֹּהֵן, אוּנ אַחוּץ דֶעם אִיז עֶר גֶעווֶעהן אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט פִיעל גֶעלֶערְנְטֶע יוּדֶען, ווִי דֶער נַאטוּר-פָארְשֶׁער דוֹן ר' שְׁמוּאֵל הַלֵּוִי, ווָאס הָאט פַאר'ן קֶאנִיג גֶעמַאכְט אַ קוּנְצִינֶען זֵייגֶער, ווָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט'ן כֹּחַ פוּן ווַאסֶער, אוּנ דֶער חַזָן דוֹן יִצְחָק אִבְּן-סַעִיד, ווָאס אִיז גֶעווֶעהן אַ גְרוֹיסֶער אַסְטְרָאנָאם. ווִי עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען, הָאט אַלְפָאנְסָא גֶעלֶענְט כָּבוֹד נָאר אוֹיף זַיינֶע גֶעצֶאהלְטֶע יוּדִישֶׁע נוֹטֶע פְרַיינְד, ווָאס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעקָאנְט אוּנ גֶעשֶׁעצְט פַאר זֵייעֶרֶע קֶענְטְנִיסֶע; דָאס גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע פָאלְק הָאט עֶר טַאקִי נִיט גֶעקָאנְט לַייְדֶען אוּנ הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע מִיטֶעל ווִי אַזוֹי עֶס צוּ עֶרְנִידְרִיגֶען. עֶר הָאט פַאר יוּדֶען אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט בֶּעזוּנְדֶערֶע גֶעזֶעצֶע, עֶר הָאט פַארְווֶעהרְט דִי קְרִיסְטֶען זֵיי זָאלֶען נִיט עֶסֶען אוּנ זָאלֶען זִיךְ נִיט בָּאדֶען אִינֵיינֶעם מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶעם פְרַייטָאג פַאר דֶעם קְרִיסְטְלִיכֶען פֶּסַח זָאל קֵיין יוּד זִיךְ

נִיט טָארֶען וַוייזֶען אוֹיף דֶער נַאס. חָאטְשׁ דֶער פַּאפְּסְט אִינָאקֶענְטִי דֶער פִירְטֶע הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אָפֶען עֶרְקְלֶאהרְט אַז דִי יוּדֶען דַארְפֶען נִיט קַיין בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט זִיךְ דֶער בִּלְבּוּל נָאךְ גֶעהַאלְטֶען אוּנ אַלְפָאנְסָא הָאט אוֹיךְ גֶעגְלוֹיבְּט אַז דִי יוּדֶען קוֹילֶען קְרִיסְטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּנ וֶוען עֶס אִיז זַיי אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ בֶּעקוּמֶען אַלֶעבֶּעדִיג קִינְד זֶענֶען זַיי יוֹצֵא נָאר מִיט'ן זֵכֶר דֶערְפוּן אוּנ מוּטְשֶׁען חָאטְשׁ אַ הָאלְצֶערְנֶע אָדֶער אַ וַואקְסֶענֶע לַיאלֶקֶע; דַארִיבֶּער הָאט עֶר אִין זַיינֶע גֶעזֶעצֶע אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דִין, אַז וִוי בַּאלְד מֶען וֶועט גֶעפִינֶען אַ יוּדֶען, וָואס וֶועט מַאכֶען אַזַא שְׁפִּיעל מִיט אַ לַיאלֶקֶע, אִיז עֶר חַיָב מִיתָה. עֶס אִיז אָבֶּער מֶערְקְווִירְדִיג, וָואס אַלְפָאנְסָא אַלֵיין הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועהן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע גֶעזֶעצֶע: עֶר הָאט פֶערְבָּאטֶען אַז אַ קְרִיסְט טָאר נִיט נִיטְצֶען אֲפִילוּ דֶעם רֶעצֶעפְּט, וָואס אַ יוּד הָאט זִיךְ צוּ אִיהם צוּגֶערִירְט, אוּנ צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין נָאר גֶעהֵיילְט בַּיי זַיין יוּדִישֶׁען לֵייבּ־דָאקְטָאר, אוּנ דִי אֵייגֶענֶע יוּדֶען, וָואס עֶר הָאט זַיי חוֹשֵׁד גֶעוֶועהן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע נַארִישְׁקַייטֶען, זֶענֶען בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דִי גְרֶעסְטֶע חֲשׁוּבִים אוּנ זַייעֶרֶע עֵצוֹת הָאט עֶר גֶעפָאלְגְט.

אַ סַךְ עֶרְגֶער אִיז גֶעוֶועהן דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען אִין אַרַאגָאנִיֶען. דֶער קֶאנִיג יַאקָאבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער פְלֶעגְט אָפְט קוּמֶען קַיין פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט שְׁלֶעכְט צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען דִי יוּדֶען. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר לִיעבּ גֶעהַאט צוּ טְהוּן אַלְץ וָואס זַיינֶע גַייסְטְלִיכֶע ווִילֶען, אוּנ זַיי הָאבֶּען טַאקִי גֶעוָואלְט מֶען זָאל דִי יוּדֶען אָנְטְהוּן צָרוֹת, כְּדֵי זַיי זָאלֶען זִיךְ נִיבֶער טוֹיפֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט שְׁטַארְק גֶעוָואלְט צוּ צִיהֶען צוּ זִיךְ יוּדֶען אוּנ מַחְמַדְנֶער דֶער גַייסְטְלִיכֶער דֶע־פֶּענְיַא־פָארְטֶע, וָואס הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַז אִין דִי קְרִיסְטְלִיכֶע שׁוּלֶען זָאל מֶען לֶערְנֶען אַרַאבִּישׁ אוּנ לָשׁוֹן קֹדֶשׁ אוּנ אוֹיסְבִּילְדֶען אַזֶעלְכֶע גַייסְטְלִיכֶע, וָואס זָאלֶען פַארְשְׁטֶעהן דִי בֵּיידֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ זָאלֶען קֶאנֶען אַרוֹיסְחַאפֶּען קָרְבָּנוֹת בַּיי דִי צְווַיי פֶעלְקֶער.

צְווִישֶׁען דִי גַייסְטְלִיכֶע, וָואס זֶענֶען אִימִיסְטֶען עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען דֶערְצוּ זַיי זָאלֶען זִיךְ נָאר בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט צוּרֶעדֶען יוּדֶען צוּ דֶער טוֹיפֶע, אִיז גֶעוֶועהן אַ לִיעבְּהַארְצִידִיגֶער חָבֵר פוּן דֶעם בֶּעקַאנְטֶען נִיקָאלַאי דָאנִין, אוֹיךְ אַ גֶעטוֹיפְטֶער יוּד, פַּאבְלוֹ כְּרִיסְטִיַאנִי, וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען אִיבֶּער דֶער מְדִינָה זוּכֶען צְווִישֶׁען יוּדֶען בַּעֲלָנִים אוֹיף צוּ בַּייטֶען דִי אֱמוּנָה אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעפוּעלְט. אַז דֶע־פֶּענְיַא־פָארְטֶע הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי זַאךְ גֶעהט צוּ שְׁוַואךְ, אִיז אִיהם אַיינְגֶעפַאלֶען אַ גֶעדַאנְק, אַז עֶר זָאל מַאכֶען אַ אָפֶענְטְלִיכֶען וִכּוּחַ צְווִישֶׁען פַּאבְלוֹ כְּרִיסְטִיַאנִי אוּנ דֶעם רמב"ן, וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן דֶער הוֹיפְּט־רַב פוּן

גֶערַאנָא (נִירוּנְדָה) אוּנ עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט, אַז וָוען עֶס וֶועט אִיהם גֶערָאטְהֶען
דֶעם רמב״ן אִיבֶּער צוּ שְׁפַּארֶען אוּנ עֶר וֶועט אָנְנֶעהמֶען דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם וֶועט־
לֶען זִיךְ אִיהם שׁוֹין דִי אִיבְּרִינֶע יוּדֶען נָאכְשְׁלֶעפֶּען וִוי דִי שָׁאפֶעלֶעךְ. דֶעם קֶאנִיג
אִיז דֶער פְּלַאן גֶעפֶאלֶען אוּנ אִים 20 יוּלִי פוּנ׳ם יָאהר 1268 אִיז אִין קֶאנִינְלִיכֶען הוֹיף
גֶעוֶועהן אַנְרוֹיסֶע פֶערְזַאמְלוּנְג אוּנ פַאר דִי אוֹיגֶען פוּן יַאקָאב דֶעם עֶרְשְׁטֶען
אוּנ אַללֶע שְׂרָרוֹת אוּנ גַייסְטְלִיכֶע פוּן בַּרְצֶלוּנַה אוּנ אוֹיךְ פוּן פִיעל יוּדִישֶׁע
לוֹמְדִים, וָואס דֶער קֶאנִיג הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט בֶּעטֶען זֵיי זָאלֶען זִיצֶען דֶערְבַּיי,
הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דֶער וִכּוּחַ, וָואס דֶע־פֶּענְיַאפָארְטֶע הָאט אוֹיף אִיהם אַרוֹיפְ־
גֶעלֶעגְט אַזוֹי פִיעל הָאפְנוּנְגֶען. דֶער רמב״ן הָאט, אִין דִי פִיער טֶאג. וָואס דֶער
וִכּוּחַ הָאט גֶעדוֹיעֶרְט, אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען זַיין גַאנְץ חֲרִיפוּת אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט
פְרִיהֶר אוֹיסְנֶענוּמֶען אַתְּנַאי, אַז מֶען מוּז אִיהם לָאזֶען אַלְדִינְג זָאנֶען פְרַיי, הָאט
עֶר מִיט זַיין שַׁארְפֶען שֵׂכֶל פַארְאֶנְפֶערְט אַללֶע שַׁאֲלוֹת אוּנ הָאט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען
מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ גֶערֶעדְט פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער רֶעלִינְיָאן. פַאקְלוּ כְּרִיסְטִיַאנִי
אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט׳ן דֶרֶךְ פוּן נִיקָאלַאי דָאנִין, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיעֶן,
אַז דֶער תַּלְמוּד לֶאסְטֶערְט דָאס הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶער קִירְכֶע: עֶר הָאט פַארְקֶערְט,
גֶעדְרוּנְגֶען אַז פוּן דֶער גְמָרָא אַללֵיין קָאן מֶען אַרוֹיסְזֶעהן אַז מָשִׁיחַ אִיז שׁוֹין לַאנְג
גֶעקוּמֶען אוּנ אַז דִי קְרִיסְטֶען שְׁטֶעהֶען נֶאהֶענְטֶער צוּם אֱמֶת. דַארוֹיף הָאט דֶער
רמב״ן גֶעאֶנְפֶערְט אַז נָאךְ דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָהוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז וָוען מָשִׁיחַ וֶועט
קוּמֶען וֶועט מֶען נִיט דַארְפֶען מֶעהר בֶּענוּצֶען קַיין כְּלֵי זַיִן אוּנ אַללֶע מֶענְשֶׁען
וֶועלֶען פֶערְבּוּנְדֶען וֶוערֶען מִיט בְּרִידֶערְלִיכֶע לִיעבֶּע, צוּם סוֹף זֶעהט מֶען דָאךְ
אַז אָהן מִלְחָמוֹת קָאן מֶען זִיךְ נָאךְ נִיט בֶּעגֶעהן. אַזוֹי הָאט דֶער רמב״ן נִיט אֵיין
שַׁאֲלָה גֶעלָאזְט אָהן אַתְּשׁוּבָה. בַּיי דִי יוּדֶען אִיז עֶס אַוַדַאי אָנְגֶעלֶעגְט גֶעוֶועהן,
נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען. אוּנ נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי טֶאג,
הָאבֶּען זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען בַּאטְהֶען דֶעם רמב״ן עֶר זָאל זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּנ׳ם וִכּוּחַ,
ווייל זֵיי הָאבֶּען מוֹרָא אַז זָאל נִיט אַרוֹיסְקוּמֶען אַסַכָּנָה אֲפִילוּ וֶוען זֵיי וֶועלֶען
בְּלַייבֶּען גֶערֶעכְט. דֶער רמב״ן הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶענֶעבֶּען דֶעם קֶאנִיג, נָאר עֶר
הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען מוּז שׁוֹין דֶעם וִכּוּחַ עֶנְדִינֶען, אוּנ אוֹיפ׳ן פִירְטֶען טָאג
זֶענֶען זִיךְ בֵּיידֶע צְדָדִים צוּנַאנְגֶען. אוּנ וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בַּיי וִכּוּחִים פוּן רֶעלִינְ־
יָאנְס־זַאכֶען, אִיז זִיךְ יֶעדֶער גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי זַיין אִיבֶּערְצַייגוּנְג: דִי יוּדֶען הָאבֶּען
גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ אַז דֶער רמב״ן הָאט זַיין זַאךְ גֶעטְהוּן בִּשְׁלֵמוּת, אוּנ דִי קְרִיסְטֶען
הָאבֶּען זִיךְ בֶּערִיהמְט אַז דֶער יוּדִישֶׁער רַב אִיז אַוֶועקְגֶענַאנְגֶען מִיט חֶרְפָּה אוּנ
בּוּשָׁה. דֶער קֶאנִיג אַללֵיין הָאט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד בֶּעגְרִיסְט דֶעם רמב״ן, עֶר

האָט גֶעלויבּט זַיין טִיעפֶע חָכְמָה אוּנ האָט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז עֶר זֶעהט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל. מֶען זָאל קאֶנֶען אויף אַטָעוּת בְּרֶענְגֶען אַזוֹי פִיעל אֱמֶת׳ע רַאיוֹת. דֶער רמב״ן אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען עֶטְלִיכֶע טָאג אִין בַּרְצֶלוֹנַה, ווַייל מֶען הָאט גֶעוואוּסְט אַז שַׁבָּת וִויל דֶער קֶאנִיג מִיט עֶטְלִיכֶע גַייסְטְלִיכֶע אָנְקוּמֶען דִי יוּדִישֶׁע שׁוּל אוּנ עֶפִּים רֶעדֶען מִיט׳ן עוֹלָם. עֶס אִיז טַאקִי אַזוֹי גֶעוֶועהן: דֶער קֶאנִיג אוּנ דֶע-פֶּענְיַאפָארְטֶע זֶענֶען שַׁבָּת גֶעקוּמֶען צוּם דַאוְונֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ ווַייטֶער גֶע-פְּרִיוְוט בֶּערִירֶען דִי שְׁאֵלָה פוּן אֱמוּנָה. דֶער גַייסְטְלִיכֶער הָאט גֶעזָאגְט אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה, נָאר דֶער רמב״ן הָאט אויךְ נִיט גֶעשְׁווִיגֶען אוּנ אַז זַיינֶע רֶעד זֶענֶען גֶע-פֶאלֶען דֶעם קֶאנִיג, זֶעהט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן וָואס עֶר הָאט אִיהם נָאךְ אַ מָאל פַאר׳ן פָאהרֶען אוֹיפְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִין פַּאלַאץ אוּנ אִיהם גֶעשֶׁענְקְט טְהַייֶערֶע מַתָּנוֹת.

נָאךְ דֶעם וִכּוּחַ הָאבֶּען שׁוֹין, דַאכְט זִיךְ, דִי גַייסְטְלִיכֶע בֶּעדַארְפְט פֶערְ-שְׁטֶעהן אַז זַיי וֶועלֶען שׁוֹין מִיט יוּדֶען נָאר נִיט אוֹיסְפִיהרֶען; פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט דֶע-פֶּענְיַאפָארְטֶע גֶעפּוֹעלְט בַּיים קֶאנִיג עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקֶען פַּאבְּלוֹ כְּרִיסְ-טִיַאנִי צוּ אַנְדֶערֶע יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת פוּן אַרַאגַאנְיֶען כְּדֵי עֶר זָאל דַרְשֶׁ׳נֶען אִין דִי שׁוּלֶען אוּנ דִי יוּדֶען זָאלֶען אִיהם מוּזֶען אוֹיסְהֶערֶען, אִיהם גֶעבֶּען אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶר וֶועט פָאדֶערְן אוּנ אַחוּץ דֶעם זָאלֶען זַיי טַאקִי בֶּעצָאהלֶען אַלֶע הוֹצָאוֹת פוּן זַיין נְסִיעָה. דֶער קֶאנִיג הָאט אויךְ דָאס בֶּעוִוילִיגְט, נָאר אַז פַּאבְּלוֹ כְּרִיסְטִיַאנִי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט גָאר נִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין גֶענוּמֶען אויף נִיקָאלַאי דָאנִין׳ס וֶועג אוּנ הָאט אויךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען, אַז דִי גְמָרָא אִיז אַ סַם פַאר דֶער קְרִיסְטְלִיכֶער אֱמוּנָה. דֶער פַּאפְּסְט קְלֶעמֶענְטִי דֶער פִירְטֶער הָאט דֶע-מָאלְט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַבֶּעפֶעהל מֶען זָאל אִיבֶּערְקוּקֶען דֶעם תַּלְמוּד אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועלֶען זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען דִי שְׁטֶעלֶען, וָואס פַּאבְּלוֹ כְּרִיסְטִיַאנִי ווַייזְט אָן, זָאל מֶען אִיהם בַּאלְד פֶערְבְּרֶענֶען. דֶער קֶאנִיג יַאָקאבּ הָאט אָבֶער פֶערְקְלֶענֶערְט דִי גְזֵרָה: עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען צוּנוֹיפְרוּפֶען אַקָאמִיסְיָאן פוּן גַייסְטְלִיכֶע אוּנ הָאט זַיי אָנְגֶעזָאגְט, זַיי זָאלֶען נָאר אוֹיסְמֶעקֶען פוּנ׳ם תַּלְמוּד דִי אֶרְטֶער, וָואס זַיי וֶועלֶען זַיי הַאלְטֶען פַאר שֶׁאדְלִיךְ. אַזוֹי הָאט מֶען אִין אַרַאגָאנְיֶען צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל צֶענְזוּרִירְט דֶעם תַּלְמוּד, אוּנ אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פוּן דִי גֶעלֶעהרְטֶע גַייסְטְלִיכֶע, רַיימוּנְד מַארְטִין, הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז אִין דֶער גְמָרָא אַלֵיין זֶענֶען דָא פִיעל רַאיוֹת אַז דִי קְרִיסְטְלִיכֶע רֶעלִיגְיָאן אִיז אֱמֶת, אִיז דֶער תַּלְמוּד נִצּוֹל גֶעוָוארֶען פוּן פַייעֶר אוּנ עֶר הָאט זִיךְ נָאר גֶענוּמְט גֶעזֶעגֶענֶען מִיט עֶטְלִיכֶע אַרוֹיסְגֶערִיסֶענֶע בְּלֶעטֶער.

דערמיט האבען זיך אבער נאך ניט געענדיגט די נאכוועהנישען פונ'ם וכוח. אזוי ווי פאבלו כריסטיאני איז ארומגעפאהרען אונ האט זיך אומעדום בערימט, אז ער האט ביים וכוח איבערגעשפארט דעם גרעסטען יודישען למדן אונ ער האט איהם געמוזט מודה זיין אז ער האט רעכט, האט דער רמב"ן מורא געהאט טאמער לאזען זיך עטליכע יודען נארען אונ גלויבען איהם אויפ'ן ווארט האט ער זיך ענטשלאסען אויף לשון קודש צו בעשרייבען אלדינג וואס עס איז פארגעקומען. אין וואס עס זיינען בעשטאנען די טענות אונ ווי אזוי ער האט זיי פארענטפערט. דעם ספר האט ער א נאמען געגעבען „מלחמת חובה", פון זיין ספר האט ער געגעבען א קאפיע דעם עפיסקאפ פון געראנא (גירונדה) אונ אז ער האט געזאגט אז ער האט גאר ניט דאגעגען, האט ער עס צוטהיילט צווישען די יודען. פאבלו־כריסטיאני האט אבער מעהר ניט בעדארפט האבען. ער האט באלד אנגעמאכט א רעש, אז דער רמב"ן איז אנגעפאלען מיט זידלען אויף די קריסטען, אונ האט געפאדערט מען זאל איהם משפט'ן פאר אזא גרויסען חטא. די גייסטליכע האבען אזוי לאנג געמוטשעט דעם קעניג ביז ער איז מרוצה געווארען אז מען זאל אויפ'ן רמב"ן מאכען א פראצעס, נאר ער האט געזעצט זיינע ריכטער ניט פון די גייסטליכע, אונ האט אליין געוואלט זיצען ביי דעם משפט. דער רמב"ן האט זיך גאר ניט בעדארפט קיין סך פארענטפערן: ער האט דעם קעניג אליין געבעטען ער זאל זאגען צו האט ער ניט געשריעבען דעם ריינעם אמת, אונ צו איז אין זיין ספר דא איין איבריג ווארט. אלע האבען ארויסגעזעהן אז דער רמב"ן איז גערעכט, נאר מען האט ניט געוואלט דערביזערן דיא גייסטליכע אונ דאריבער איז ארויס דער פסק, אז דער רמב"ן מוז אויף צוויי יאהר אוועקפאהרען אונ זיין ספר דארף מען פארברענען. פאר די גייסטליכע איז דאס אבער נאך אלין ווענין געוועהן אונ זיי האבען אנגעהויבען אזוי צו דרייען אז די מלוכה זאל דעם רמב"ן איבערגעבען זיי אין די הענד אריין, ווייל זיי האבען גוט געוואוסט אז קיים פאלט ער אריין צו זיי אין דיא הענד וועט ער שוין לעבעדיג ניט ארויס. דער קעניג האט פערשטאנען וואס די חברה מיינט אונ האט זיי דוקא ניט צוליעב געטהון; ער האט נאך דעם רמב"ן ארויסגעגעבען א פאפיער אז קיינער טאהר איהם ניט טשעפען. דערמיט האט יאקאב דערצערענט די גייסטליכע, וואס האבען איהם אנגעקלאגט ביים פאפסט קלעמענטי אונ דערביי ארויפגעלעגט די גאנצע תוכחה אויף די יודען. דער רמב"ן האט פערשטאנען אז פאי ווי פאי קען ער דא ניט גוט אבשניידען, אונ ווי שווער עס איז איהם געוועזען ביי זיבציג יאהר אוועקפארען זיין פאטערלאנד, בידע זיהן,

די יְשִׁיבָה אונ זַיינֶע תַּלְמִידִים אונ אָנְהֹויבֶּען זִיךְ אַרוּמְשְׁלֶעפֶּען אִיבֶּער דֶער וָועלְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט עֶנְטְשְׁלִיסֶען אַוֶועקְצוּפָאהרֶען קֵיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וָואהִין זַיין הַארְץ הָאט אִיהם שׁוֹין לַאנְג גֶעצוֹיגֶען. עֶס אִיז אִיהם אָבֶּער נִיט בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן אוֹיךְ אוֹיפ׳ן נַייעֶם אָרְט נַחַת צוּ הָאבֶּען: עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט עָלֶענְד אונ פֶערְוִויסְט: דִי מָאנְגָאלֶען הָאבֶּען גְרָאד פְרִיהֶר מִיט זֶעכְּס יָאהר אַ תֵּל גֶעמַאכְט פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אונ נָאר צְוֵויי יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת הָאט עֶר דָארְט גֶעטְרָאפֶען, אונ דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט הָאט עֶר אֲפִילוּ נִיט גֶעהַאט קֵיין מִנְיָן צוּם דַאוְונֶען. בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען הָאט דֶער רמב״ן פֶערְגָאסֶען אוֹיף דֶעם „חוּרְבָּן״ וָואס עֶר הָאט מִיט אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהן, נָאר עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז מִיט וַויינֶען אונ קְלָאגֶען וֶועט עֶר גָאר נִיט מַאכֶען, אונ עֶר הָאט צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען זַיינֶע לֶעצְטֶע כּוֹחוֹת אונ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבֵּייטֶען, אונ גָאר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר גֶעאָפֶּענְט עֶטְלִיכֶע שׁוּלֶען אונ הָאט אַרוּם זִיךְ גֶעזֶעהן הוּנְדֶערְטֶער תַּלְמִידִים, וָואס הָאבֶּען בַּיי אִיהם גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אונ זֶענֶען דוּרְךְ אִיהם צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶער „קַבָּלָה״. אֲפִילוּ קַרַאִימֶעס הָאבֶּען בַּיי אִיהם גֶעלֶערְנְט, אונ דֶער בֶּערִיהמְטֶער קַרַאִימֶעשֶׁער לַמְדָן, אַהֲרֹן בֶּן יוֹסֵף אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער רמב״ן אָבְּגֶעלֶעבְּט זַיינֶע אַלְטֶע יָאהרֶען אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער עֶרְד, אונ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶער תּוֹרָה, וָואס בֶּעוַוייזְט אַז דִי סוֹדוֹת פוּן קַבָּלָה הָאבֶּען נִיט פֶערְדוּנְקֶעלְט זַיין לִיכְטִיגֶען פֶערְשְׁטַאנְד, אונ אַז אֲפִילוּ אוֹיף דֶער אֶלְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיין גְרוֹיס חֲרִיפוּת.

דֶער גַייסְט פוּנ׳ם רמב״ן, וָואס הָאט זִיךְ מֶעהר גֶעהַאלְטֶען אָן דִי סוֹדוֹת פוּן קַבָּלָה, אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס עֶר הָאט גֶעלָאזְט אִין אֵיירָאפַּא, אונ בֶּעזָאנְדֶערְס צוּ ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶּרֶת (רַשְׁבָּ״א), וַוייל בַּאלְד נָאךְ זַיין טוֹיט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאר דִי יוּדֶען נָאר דִי אֶרְנְסְטֶע צַייטֶען, אונ קֵיין אַנְדֶער נֶחָמָה וִוי דִי בְּלִינְדֶע אֱמוּנָה, אַז מֶען דַארְף אַלְדִינְג אָנְנֶעהמֶען פַאר לִיעבּ אונ מֶען טָאר דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קֵיין קוּשְׁיוֹת נִיט פְרֶעגֶען, אִיז זֵיי נִיט גֶעבְּלִיבֶּען. אַז עֶס הָאט זִיךְ אִין דַייטְשְׁלַאנְד נָאךְ דֶעם קֵייזֶער פְרִידְרִיךְ׳ס טוֹיט, אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַאִינְוֶוענִינְסְטֶע קְרִיעג, צְוִוישֶׁען דִי נְהִיבֶּעלִינְגֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען מִיט׳ן קֵייזֶער, אונ דִי גְוֶועלְפֶּען, וָואס הָאבֶּען נָאר גֶעהַאלְטֶען פוּנ׳ם פַאפְּסְט, הָאבֶּען בֵּיידֶע צְדָדִים אוֹיסְגֶעלָאזְט זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ צוּ דִי יוּדֶען, אונ מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַגַאנְצֶע שְׁחִיטָה אִין פִיעל שְׁטֶעדְט, וִוי וַויסֶענְבּוּרְג, מַאגְדֶעבּוּרְג, אַרְנְשְׁטַאדְט, קָאבְּלֶענְץ, זִינְצִיג, עֶרְפוּרְט אונ נָאךְ

אַנְדֶערֶע. עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד אַ סַךְ קְרִיסְטְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, וָואס הָאבֶּען זִיךְ נָאר אָבְּגֶעגֶעבֶּען דֶערְמִיט וָואס זַיי הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט אוּנ גֶעבְּרָאטֶען דִי יוּדֶען, אוּנ דֶערְפַאר הָאט מֶען זַיי גֶערוּפֶען „יוּדֶענְבְּרַאטֶער“. דִי שִׂנְאָה צוּ דִי יוּדֶען אִיז גֶעוָועהן אַזוֹי גְרוֹיס אַז בַּיי אַ גְרוֹיסֶער פֶערְזַאמְלוּנְג אִין וִויען, אִים יָאהר 1264, הָאט מֶען אִין זִין גֶעהַאט זִיךְ צוּ בֶּעשֶׁעפְּטִיגֶען מִיט יוּדִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים, אוּנ מֶען הָאט בֶּעשְׁטִימְט אַז אוֹיסֶער דֶעם צֵייכֶען אוֹיף דִי קְלֵיידֶער זָאלֶען יוּדֶען טְרָאגֶען אוֹיפ'ן קָאפּ שְׁטְרַיימְלֶעךְ מִיט שְׁפִּיצֶען, כְּדֵי מֶען זָאל זַיי נִיכֶער דֶערְקָאנֶען וָוען מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפֶען מִיט זַיי אָבְּרֶעכְנֶען, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם זָאלֶען דִי נַאסֶען־יוּנְגֶען הָאבֶּען וֶועסֶען נָאכְצוּלוֹיפֶען אוּנ נָאכְוַוארְפֶען שְׁטֵיינֶער.

אִין פְרַאנְקְרֵייךְ הָאבֶּען דִי נַייסְטְלִיכֶע פֶערְשְׁפָּארְט פִיעל צוּ טַעֲנָה'ן מִיט דֶער מַלְכָּה זִי זָאל דִי יוּדֶען צוּ פְּרֶעסֶען; דֶער קֶענִיג לוּדְוִויג הָאט נִיט אוּמְזִיסְט פֶערְדִיעְנְט דֶעם טִיטֶעל „דֶער הֵיילִיגֶער“: אַ יָאהר פַאר'ן טוֹיט הָאט עֶר נָאר נָאהֶענְט צוּ זִיךְ צוּגֶעלָאזֶען פַּאבְּלוֹ־כְּרִיסְטְיַאנִי, אוּנ דֶער הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַיין עֵצָה, אַז עֶר זָאל הֵייסֶען דִי יוּדֶען אָנְגֵייהֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פוּן פָארֶענְט אוּנ פוּן הִינְטֶען אַ רוֹיטֶע רָאד, כְּדֵי מֶען זָאל זַיי דֶערְקָאנֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען.

אִין אוּנְגַארְן אוּנ פָּאלֶען אִיז אַ בִּיסֶעל שְׁוֶוערֶער אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייסְטְלִיכֶע אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דִי מְלוּכָה דַארוֹיף זִי זָאל אוֹיךְ רוֹדֵף'ן דִי יוּדֶען, וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען צוּ זַיי אוּנ זַיי גֶעבֶּען דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶען, וַוייל קֵיין פֶעהִיגֶערֶע פַאר דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ דָארְט נִיט גֶעפוּנֶען. דֶער אוּנְגַארִישֶׁער קֶענִיג בֶּעלַא דֶער פִירְטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעשִׁיצְט דִי יוּדֶען אוּנ הָאט זַיי גֶעגֶעבֶּען דִי גְרֶעסְטֶע פְרַייהַייט. עֶרְשְׁט אִים יָאהר 1279 הָאבֶּען דִי קַאטוֹילִישֶׁע נַייסְטְלִיכֶע גֶעמַאכְט אַיין אֲסִיפָה אִין דֶער שְׁטָאדְט אָפֶען אוּנ הָאבֶּען אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט נַאנְצֶע תַּקָנוֹת פַאר דִי יוּדֶען פוּן אוּנְגַארְן, פָּאלֶען, קְרָאאַטְיֶען, דַאלְמַאצְיֶען, סְלַאוָואנְיֶען אוּנ גַאלִיצְיֶען אוּנ דָאס לִיעדֶעל, וָואס מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען כִּמְעַט אִין גַאנְץ אֵייְרָאפַּא, הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶערֶען. יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט טְרָאגֶען אַ בֶּעזוּנְדֶער צֵייכֶען, אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעטָארְט וָואהְנֶען אִין אֵיין הוֹיז מִיט אַ קְרִיסְט. דִי עֶרְשְׁטֶע צַייט הָאט זִיךְ דָאס פָּאלְק נִיט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי נַייעֶ גְזֵירוֹת, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען זַיי עֶרְשְׁט דֶערְפִיהְלְט שְׁפֶּעטֶער מִיט פוּנְפְצִיג יָאהר אַז דֶער קֶענִיג לַאדִיסְלוֹיס (לַדִיסְלַב) דֶער פֶערְטֶער הָאט זִיךְ גֶענַאפְּט אוֹיסְצוּפִיהְרֶען מִיט חֵשֶׁק אַלְדִינְג וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט בַּיי דֶער אֲסִיפָה אִין אָפֶען.

אִין שְׁפַּאנְיֶען אִיז אוֹיךְ נִיט אַזוֹי גְרִינְג גֶעוֶועהן מִיט אַמָאהל בִּינְדֶען דִי יוּדֶען מִיט נַייֶע גֶעזֶעצֶע, וַוייל, עֶרְשְׁטֶענְס הָאבֶּען זַיי גֶעהַאט זֶעהר פִיעל גוּטֶע פְרַיינְד צְווִישֶׁען דִי מַחֲמַדְנֶער, אוּנ צְווייטֶענְס אִיז דִי גַאנְצֶע בִּילְדוּנְג אַייְנְגֶע־שְׁטַאנֶען בַּיי זַיי אִין דִי הֶאנְד, אֲפִילוּ אַלְפָאנְסָא דֶער צֶעהנְטֶער, וָואס הָאט אַלֵיין אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דִי גֶעזֶעצֶע גֶעגֶען דִי יוּדֶען, הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועקְקוּקֶען אוּנ הָאט פָארְט נִיט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ בֶּענוּצֶען אוֹיסֶער יוּדֶען. זַיין פִינַאנְץ־מִינִיסְטֶער אִיז גֶעוֶועהן דֶעם אַלְטֶען דוֹן מֵאִיר'ס זוּהן, דוֹן יִצְחָק דֶע־מַאלְיַאה, אוּנ חָאטְשׁ דֶער פַּאפְּסְט נִיקָאלַאי דֶער דְרִיטֶער הָאט אִיהם לַאנְג נִיט גֶעקָאנְט מוֹחֵל זַיין פַאר אַזַא עֲבֵירָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט עֶר זִיךְ נִיט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט כָּל זְמַן עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז פַאר אִיהם אַ טוֹבָה. עֶרְשְׁט אִים יָאהר 1280 אִיז אַלְפָאנְסָא אֶפֶענְטְלִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען דִי יוּדֶען אוּנ עֶס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶערְפוּן וָואס זַיין זוּהן, דֶער פְּרִינְץ סַאנְכָא (שַׁאנְגוֹ) הָאט אַיינְגֶעבֶּעטֶען דוֹן יִצְחָק דֶע־מַלְיָאה עֶר זָאל אִיהם אַרוֹיסְגֶעבֶּען פוּן דֶער קַאסְסֶע אַ גְרוֹיסֶע סוּמְמֶע גֶעלְד אוּנ עֶר הָאט אִיהם נִיט גֶעקָאנְט מְעַיֵז זַיין. אַז אַלְפָאנְסָא אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען דֶעם יוּדִישֶׁען מִינִיסְטֶער שְׁמִידֶען אִין קֵייטֶען אוּנ אִיהם אַיינְזֶעצֶען אִין תְּפִיסָה. אוּמְזִיסְט הָאט סַאנְכָא (שַׁאנְגוֹ) גֶעבֶּעטֶען פַאר אִיהם אוּנ גֶעוִויזֶען אַז עֶר אִיז אִין דֶער זַאךְ נִיט שׁוּלְדִיג; אַלְפָאנְסָא הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען טוֹיטֶען, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר אָנְגֶעפַאלֶען אוּם שַׁבָּת אוֹיף אַלֶע יוּדֶען, אוּנ זַיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט בֶּעצָאהלֶען אַ גְרוֹיסֶע גֶעלְד־שְׁטְרָאף. דָאס הָאט שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען סַאנְכָא'ן; עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ מְרִידָה גֶעגֶען פָאטֶער אוּנ הָאט אָנְגֶערֵייצְט דִי גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן דֶער מְדִינָה אוּנ אַלְפָאנְסָא אִיז פַאר צָרוֹת בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּען. סַאנְכָא (שַׁאנְגוֹ) הָאט אוֹיף דִי יוּדֶען בֶּעסֶער גֶעקוּקְט, נָאר אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זֶעהר לִיעב גֶעהַאט גֶעלְד, הָאט עֶר פוּן זַיי אַלֶע מָאל גֶעשְׁלֶעפְּט מַס, אוּנ דִי אַכְצִיג יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת פוּן קַאסְטִילְיֶען, וָואס זֶענֶען בֶּע־שְׁטַאנֶען פוּן אַכְט הוּנְדֶערְט פוּנְפְצִיג טוֹיזֶענְד נְפָשׁוֹת, הָאבֶּען אִיהם גֶעמוּזְט יֶעדֶעס יָאהר אַרֵיינְטְרָאגֶען אִיבֶּער זֶעכְס מִילְיָאן פְרַאנְק. נָאר דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין גוּט גֶעוֶועהן, וָואס דֶער גַאנְצֶער גֵזֵר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מַטְבֵּעַ.

נָאר גוּט אִיז גֶעוֶועהן אִין יֶענֶער צַייט דִי יוּדֶען פוּן פּוֹרְטוּגַאל, וֶוען דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קֶענִיגֶע אַלְפָאנְסָא דֶעם דְרִיטֶען, וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט פוּן 1248 בִּיז 1279, אוּנ דִינִיץ, וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט פוּן 1279 בִּיז 1325. זַיי הָאבֶּען דָארְט נִיט גֶעוואוּסְט פוּן קֵיין שׁוּם בֶּעזוּנְדֶער צֵייכֶען אוֹיף דִי מַלְבּוּשִׁים, זַיי הָאבֶּען נִיט בֶּעדַארְפְט גֶעבֶּען דִי גֵייסְטְלִיכֶע מַעֲשֵׂר פוּן זַייעֶר

פֶערְמֶעגֶען ווִי אַ מָאל, אוּנ פִיעל פוּן זֵיי הָאבֶּען פֶערְנוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶּען. דֶער קֶאנִיג דִינִיץ הָאט גֶעהַאט אַ יוּדִישֶׁען פִינַאנְץ-מִינִיסְטֶער, דוּן ר׳ יְהוּדָה, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר לַאנְד-רָב פוּן גַאנְץ פּוֹרְטוּגַאל, אוּנ אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי רַייךְ, אַז עֶר הָאט גֶעקָאנְט קוֹיפֶען אַ גַאנְצֶע שְׁטָאדְט. דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ אֲפִילוּ אָפְּט גֶעפְּרוּבְט דָארְט אוֹיךְ אַרַיינְצוּלָאזֶען דֶעם גִיפְט פוּן שִׂנְאָה צוּ דִי יוּדֶען, אוּנ עֶס פְלֶעגְט אָפְּט קוּמֶען צוּ אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען זֵיי אוּנ דֶער מְלוּכָה, נָאר עֶס הָאט זֵיי נִיט גֶעהָאלְפֶען, אוּנ אֲפִילוּ אַז זֵיי הָאבֶּען אֵיין מָאל גֶעפּוֹעֶלְ׳ט בַּיים קֶאנִיג דִינִיץ עֶר זָאל זִיךְ נִיט אַזוֹי צוּלָאזֶען צוּ דִי יוּדֶען, אִיז דָאס נָאר גֶעוֶועהן לְפָנִים, אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שָׁאטְצֶען דִי יוּדֶען אוּנ צוּ הָאבֶּען צוּ זֵיי דָאס צוּ טְרוֹיעֶן.

---

9 דָאס שְׁטַארְקֶע פְרוּמְקַייט אוּנ דִי קַבָּלָה.

(1270—1328 נָאךְ קְרִיסְטוּס גֶעבּוּרְט).

וָואס מִיט דִי יוּדֶען אִין אֵייְרָאפַּא הָאט זִיךְ נִיט אִיבֶּערְגֶעטְהוּן, אִיז שְׁפַּאנְיֶען אַלְץ גֶעוֶועהן אַ מְקוֹם תּוֹרָה, אוּנ גַאנְצֶע צְווֵיי יָאהרהוּנְדֶערְטֶע הָאבֶּען דָארְט דִי לוֹמְדִים הוֹיךְ גֶעהַאלְטֶען דִי פָאהן פוּן יוּדִישְׁקַייט. דֶעם רמב״ן׳ס תַּלְמִיד ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַבְרָהָם בֶּן אַדֶרֶת (הרשב״א), וָואס אִיז פֶערְצִיג יָאהר גֶעוֶועהן רַב אִין בַּרְצֶלוֹנַה, הָאט גֶעשֵׁם׳ט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ צוּ אִיהם פְלֶעגְט מֶען זִיךְ וֶוענְדֶען מִיט שַׁאֲלוֹת נִיט נָאר פוּן אַלֶע אֵייְרָאפֵּיאִישֶׁע לֶאנְדֶער, נָאר אֲפִילוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאטְ׳ש אִין דֶער אֵיינֶעגֶער צַייט הָאט אִין שְׁפַּאנְיֶען גֶעלֶעבְּט נִיט קֵיין קְלֶענֶערֶער מַאנְן. ר׳ אַהֲרֹן בּ״ר יוֹסֵף הַלֵוִי. דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶעם, וָואס עֶר הָאט אָבְּגֶעהִיט דִי יוּדֶען אִי פוּן אִינְוֶוענִיג, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען דִי אוֹיפְגֶעקְלֶעהְרְטֶע אוּנ פְרוּמֶע, אִי פוּן דְרוֹיסֶען, וַוייל אִין שׂוֹנְאִים הָאבֶּען דִי יוּדֶען קֵיין מָאל קֵיין מַאנְגֶעל נִיט גֶעהַאט, אוּנ אוֹיךְ דֶעמָאלְט הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעזוּכְט גֶעוּנוּג נִיפְטִיגֶע צוּנְגֶען, וָואס הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען רְכִילוּת אוּנ לָשׁוֹן הָרָע מֶעהר ווִי מֶען דַארְף. אַזַא חֶבְרָה הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג בֶּעדַארְפְט אָבְּשְׁלָאגֶען דִי פְלִיעגֶעל אוּנ דַארוּיף הָאט ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת זַיין מִיה נִיט גֶעזְשַׁאלֶעוֶועט. אַז דֶער גַייסְטְלִיכֶע רַיימוּנְד מַארְטִין, וָואס הָאט אַ מָאל גֶעזָאגְט אַ גוּט וָוארְט וֶועגֶען תַּלְמוּד אוּנ הָאט אִיהם נִיט גֶעלָאזְט פַארְבְּרֶענֶען, הָאט זִיךְ בֶּענוּצְט מִיט זַיין בְּקִיאוּת אִין אַלֶע יוּדִישֶׁע סְפָרִים אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען צְווֵיי בִּיכֶער, וועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶועהן פוּל מִיט גִיפְט גֶעגֶען דִי

יודען, האט ר׳ שלמה בן אדרת פערשטאנען אז דא טאר מען ניט שווייגען, ווייל די איבריגע שונאים, וואס ווייסען נאר ניט וואס עס טהוט זיך אין דעם יודישען לעבען, קאנען אננעהמען מארטין׳ס ווארטער ווי עפּיס רעכטס, אונ שפּעטער זיך פערופען אויף זיי ווי אויף פעסטע בעווייזע, אונ דעריבער האט ער אנגעשריבען א תשובה אונ האט איהם אבגעלייקענט אלע זיינע מיינונגען מיט ישוב הדעת אונ מיט גרויס דרך ארץ, ווי עס שטעהט אן אערליכען מענשען, וואס וויל ניט אפילו זיין געגנער׳ס כבוד אנרירען.

פּלוצלונג האט זיך נאר ווייטער ארויסגערוקט די אלטע שאלה וועגען דעם היילינקייט פונ׳ם רמב״ם׳ס ספרים. די שאלה איז נאך אמאל אויפגעוועקט געווארען צווישען די דייטשע אונ איטאליענישע יודען אונ פון זיי איז זי אריבער קיין ארץ ישראל אונ האט זיך פון דארט ערשט רעכט צובּרענט; אין שפּאניען אונ אויך אין א טהייל ערטער פון פראנקרייך איז שוין דער רמב״ם צו הויך געשטאנען ביים פאלק אונ ביי די רבנים אונ עס האט נאר קיינעם ניט געקאנט איינפאלען צו פרעגען עפּיס א שאלה. איינער פון די פראנצויזישע מקובלים ר׳ שלמה הקטן (פּעטיט), האט זיך אוועקגעלאזט קיין עכו; דארט איז אין יענער צייט געוועהן דער הויפּט־פונקט פון אלע מקובלים אונ פון דארט האט ער געשאסען מיט גיפטיגע פיילען אויף די וואס האבען ניט געהאלטען מיט זיי אונ האט געוואלט אבמעקען אפילו דעם רמב״ם׳ס זכר. ער האט גערעכענט אז אין ארץ ישראל וועט ער עס ביי אלע גרינג פועל׳ן אונ פון אלע זייטען וועט מען ווארפען דעם רמב״ם׳ס ספרים אין פייער אריין, ער האט אבער א גרויסען טעות געהאט, ווייל דער ריש גלותא, ישי בן חזקיהו האט אליין זעהר שטארק געהאלטען פונ׳ם רמב״ם אונ אויסער דעם איז ער געוועהן דער בעסטער פריינד פון זיין עניקעל דוד, דער נגיד איבער אלע יודישע קהלות פון מצרים, אונ קוים האט ער דערהערט וואס ר׳ שלמה פּעטי (הקטן) וויל אויפטהון, האט ער איהם באלד געשיקט זאגען אז ווען ער וועט זיך נאך אמאל דערוואגען ארויס־צושפּרינגען געגען רמב״ם, וועט ער איהם אין חרם אריינלעגען. פיעל רבנים פון קליין־אזיען האבען אויך מסכים געוועהן צו דער דעה פונ׳ם ריש גלותא.

ר׳ שלמה פּעטי איז אבער ביי זיך ניט אראבגעפאלען, ער איז באלד אוועק־געפאהרען קיין איירָאפּא, אונ האט אנגעהויבען צו ארבייטען מיט די דייטשע רבנים זיי זאלען אסר׳ן דעם רמב״ם׳ס ספרים. אז ער האט שוין געהאט אסך הסכמות פון דייטשע אונ א טהייל פראנצויזישע רבנים, האט ער זיך ענטשלאסען צוריקפאהרען קיין ארץ ישראל אונ נאך מיט דער הילף פון די הסכמות ווייטער

פִירֶען דִי מִלְחָמָה. עֶר אִיז אוּמִיסְטֶען גֶעפָאהרֶען אִיבֶּער אִיטַאלְיֶען, וַוייל עֶר הָאט גֶעהָאפְט דָארְט אוֹיךְ צוּ גֶעפִינֶען וָואס זָאלֶען אִיהם מַסְכִּים זַיין, אוּנ צוּם סוֹף הָאט עֶר דָארְט אוֹיף יֶעדֶען שְׁרִיט נָאר בֶּעגֶעגֶענְט נֶעגְנֶער. אִין אִיטַאלְיֶען אִיז גְרַאד דֶעמָאלְט דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן נָאר נִיט שְׁלֶעכְט אוּנ אוּמֶעדוּם אִין אַלֶע קְלֵיינֶע מְלוּכוֹת, וָואס דָאס לַאנְד אִיז פוּן זֵיי דֶעמָאלְט בֶּעשְׁטַאנֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבֶּען פָאלְקָאמֶענֶע פְרֵייהֵייט. אִין פֶערַארַא הָאט זִיךְ דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה גֶעפִיהרְט זֶעלְבְּסְט-שְׁטֶענְדִיג, אוּנ קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִיט גֶעטָארְט צוּ זֵיי מִישֶׁען. דֶער קֶענִיג פוּן סִיצִילְיֶען, קַארַל פָאן אַנְזְשוּא, הָאט גֶעהַאלְטֶען בַּיי זִיךְ אַ יוּדִישֶׁען לַייבּ-דָאקְטָאר פַארַאג אִבֶּן-שְׁלֹמֹה, וָואס אִיז מִיט זַיין חָכְמָה גֶעוֶועהן בֶּערִיהמְט אוֹיךְ צְוִוישֶׁען דִי קְרִיסְטֶען, אוּנ אֲפִילוּ דֶער פַאפְּסְט אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעהֵיילְט בַּיי אַ יוּדִישֶׁען דָאקְטָאר, יִצְחָק בֶּן מָרְדְכַי, וָואס מֶען הָאט אִיהם אוֹיךְ גֶערוּפֶען מַאיֶעסְטְרָא גַאיָא. אִין יֶענֶער צַייט הָאבֶּען זִיךְ אִין אִיטַאלְיֶען אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען פִיעל גֶעלֶערְנְטֶע יוּדֶען, וָואס פוּן זֵיי אִיז בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעקַאנְט ר' הִלֵּל פוּן וֶוערָאנַא, אֵיינֶער פוּן דִי לוֹמְדִים וֶועלְכֶע זֵיי הָאבֶּען אַלֶע זֵייעֶרֶע חֲקִירוֹת גֶעשֶׁעפְּט פוּנ'ם רמב"ם. אַוַדַאי הָאט ר' שְׁלֹמֹה פֶּעטִי דָארְט נָאר נִיט גֶעקֶאנְט מַאכֶען. דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר מִיט אֵיין אַנְדֶער הֶסֶק גֶענוּמֶען צוּ זַיין אַרְבַּייט אוּנ הָאט אוֹיךְ גֶעפוּנֶען פִיעל יוּדֶען וָואס הָאבֶּען אֶפֶענְטְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען מְחַלֵּל זַיין דֶעם רמב"ם'ס סְפָרִים אוּנ שְׁרַייעֶן אַז עֶר אִיז גֶעוֶועהן אֵיין אַפִּיקוֹרוֹס. וִוי עֶס זַיינְט, הָאבֶּען זַיינֶע לַייט זִיךְ דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער גֶעחַאפְּט קַיין טְבֶרְיָה אוּנ הָאבֶּען אוֹיפְ'ן רמב"ם'ס מַצֵּבָה אוֹיסְגֶעמֶעקְט דִי פְרִיהֶרִיגֶע אוֹיפְשְׁרִיפְט אוּנ אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַנַייעֶ, וָואס לָאסְטֶערְט דֶעם הֵיילִיגֶען זֵכֶר פוּנ'ם צַדִיק. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען נִיט אַלֶע אִין עַכּוֹ גֶעהַאלְטֶען מִיט דִי מְקוּבָּלִים, עֶס אִיז בַּאלְד אַרוֹיס אַ שְׁרֶעקְלִיךְ מַחֲלוֹקֶת, עֶס אִיז אָפְט גֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעשְׁלֶאג אוּנ נִיךְ וֶוענֶען דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען דִי יוּדֶען פוּן אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער.

מֶען קָאן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס הָאט אוּמֶעדוּם אָנְגֶעמַאכְט דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע יְדִיעָה אַז דַוְקָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַארְבְּרֶענְט מֶען אָפֶען דֶעם רמב"ם'ס סְפָרִים: אַלֶע גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זֶענֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט נִיט גֶעקָאנְט אַיינְרוּהֶען ר' הִלֵּל פוּן וֶוערָאנַא. עֶר הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף דֶעם רמב"ם'ס עֶנִיקֶעל דָוִד מַיְימוֹנִי אוּנ הָאט אִיהם פָארְגֶעלֶענְט מֶען זָאל אִין אַלֶכְּסַנְדְרִיֶען מַאכֶען אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה פוּן אַלֶע רַבָּנִים, וָואס וָואהנֶען אִין דִי מִזְרַח-לֶאנְדֶער, אוּנ זֵיי זָאלֶען פָאדֶערֶען בַּיי דִי דַייטְשֶׁע רַבָּנִים וָואס

הָאבֶּען גֶענֶעבֶּען זֵייעֶר הַסְכָּמָה ר׳ שְׁלֹמֹה פֶּעטִי, זֵיי זָאלֶען אָנְוַייזֶען אִין וָואס עֶס
לִיעגְט דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת אִין דֶעם רמב״ם׳ס סְפָרִים אוּנ אַזוֹי וִוי דָאס דֶערְוַייזֶען אִיז
נָאר קֵיין מֶעגְלִיכְקַייט נִיט וֶועלֶען זֵיי זִיךְ מוּזֶען אוּנְטֶערְגֶעבֶּען, אֶלָא נִיט זָאל מֶען
זֵיי פָּשׁוּט אַרַיינְלֶעגֶען אִין חֵרֶם. דָוִד מַיְמוֹנִי הָאט נִיט בֶּעדַארְפְט וַוארְטֶען אוֹיף
בְּרִיעף פוּן אֵייךָאפַּא; קוֹים אִיז עֶר גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען וָואס דִי אַרְבַּייטֶען פַאר
מַעֲשִׂים, אִיז עֶר בַּאלְד גֶעקוּמֶען אִין עַכּוֹ אוּנ הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען פִיעל גוּטֶע
פְרַיינְד, וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעהָאלְפֶען צוּ בֶּעשִׁיצֶען דֶעם זֵיידֶענְ׳ס כָּבוֹד. דֶער
רֵישׁ גָלוּתָא פוּן מָאסוּל דָוִד בֶּן דָנִיאֵל. הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען עֶלְף רַבָּנִים אוּנ
הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶועהן אַז וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ עֶרְלוֹיבֶּען צוּ רֶעדֶען עֶפִּיס אַקֶעגֶען
דֶעם רמב״ם, וֶועט עֶר בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען מִיט׳ן חֵרֶם; דָאס אֵיינֶעגֶע הָאט
אוֹיךְ גֶעטְהוּן דֶער רֵישׁ גָלוּתָא פוּן דַמֶשֶׂק, יִשַׁי בֶּן חִזְקִיָה, אוּנ עֶר מִיט נָאךְ
צְוֶועלְף רַבָּנִים הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַ בֶּעפֶעהל אַז יֶעדֶער אִיז מְחוּיָב צוּ צוּשְׁטֶעלְ-
לֶען דָוִד מַיְמוֹנִי דִי כְּתָבִים וָואס דִי גֶעגְנֶער הָאבֶּען אַרוֹיס גֶעלָאזְט אִיבֶּער דֶעם
רמב״ם, אוּנ עֶר זָאל זֵיי שׁוֹין פֶערְנִיכְטֶען, כְּדֵי עֶס זָאל מֶעהר נִיט גֶעשֶׁאנְדֶעט
וֶוערֶען זַיין אוּנְשְׁטֶערְבְּלִיכֶער נָאהמֶען. נָאר נִיךְ הָאבֶּען זִיךְ דִי גֶעגְנֶער גֶעקָאנְט
אִיבֶּערְצַייגֶען אַז אַללֶע בֶּעסְטֶע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ פוּן זֵיי אַוֶועקְגֶעקֶעהְרְט. דֶער
פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער גְרֶעסְטֶער יוּדִישֶׁע קְהִלָה אִין צְפַת, ר׳ משֶׁה בֶּן יְהוּדָה
כֹּהֵן, אִיז אִימִיסְטֶען אַרָאבְּגֶעפָאהרֶען קֵיין טְבַרְיָה אוּנ מִיט אַגַאנְצֶען בֵּית
דִין הָאט עֶר אוֹיפ׳ן רמב״ם׳ס קֶבֶר עֶרְקְלֶעהְרְט אַז אַללֶע גֶעגְנֶער פוּן זַיינֶע סְפָרִים
וֶועגֶען אִין חֵרֶם. דֶערְמִיט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעדְרִיקְט דֶעם ווִילֶען גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
אוּנ דֶער פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דִי יוּדֶען אִין בַּגְדַד סַעִיד־אַדַאוּלַא אִיז
דֶערְפוּן אוֹיךְ צוּפְרִידֶען גֶעוֶועהן, אוּנ אַזוֹי וִוי יֶעדֶער רַב, וָואס הָאט אַ חֵלֶק
אִין דֶער מִלְחָמָה גֶעגֶען דִי גֶעגְנֶער, הָאט זַיין פְּסַק אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף פַּאפִּיער,
הָאט דֶער רֵישׁ גָלוּתָא יִשַׁי בֶּן חִזְקִיָהוּ אַללֶע פַּאפִּיערֶען אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט קֵיין בַּרְצֶלוֹנָה
צוּ ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת אוּנ דֶער בֶּערִיהמְטֶער דִיכְטֶער פוּן יֶענֶער צַייט, שֵׁם טוֹב
פַלְכֶּרַא הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעזוּנְדֶער סֵפֶר אוּנ הָאט גֶעוִויזֶען אַז זֶעהר וֶוענִיג
מֶענְשֶׁען פֶערְשְׁטֶעהֶען דֶעם אֱמֶת׳ן וֶוערְטְה פוּנ׳ם „מוֹרֶה נְבוּכִים"; אָבֶּער אַזַא
סֵפֶר, וָואס זָאל פַארְאֶנְפֶערְן דֶעם רמב״ם, הָאבֶּען שׁוֹין דִי יוּדֶען מֶעהר נִיט
גֶענֶאטְהִיגְט, וַוייל אִין שְׁפַּאנִיֶען אִיז דֶעם רמב״ם׳ס זֵכֶר גֶעוֶועהן צוּ הֵיילִיג
אוּנ קֵיינֶער הָאט דָארְט נָאר נִיט בֶּעדַארְפְט הָאבֶּען מֶען זָאל אוֹיף אִיהם מְלַמֵד
זְכוּת זַיין, אוּנ אִין דַייטְשְׁלַאנְד הָאבֶּען דִי רַבָּנִים אוֹיפְגֶעהֶערְט מֶעהר שְׁטְרַייטֶען

װָענֶען רמב״ם, װײל עָס אִיז זײ אַזײנְס פַארְנַאנְגֶען אַז זײ הָאבֶּען שױן דָעם וִכּוּחַ פַארְגֶעסֶען.

זֶעהר אַ בִּיטֶערֶע צַײט הָאט זִיךְ טַאקִי אָנְגֶעהױבֶּען פַאר דִי יוּדֶען אִין דַײטְשְׁלַאנְד, װָען דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קֵײזֶער רוּדָאלְף פָאן הַאבְּסְבּוּרְג, װָאס הָאט זײ אָנְגֶעטְהוּן אַזױ פִיעל צָרוֹת אַז זײ הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט עָנְטְשְׁלִיסֶען אִין נַאנְצֶען צוּ פֶערְלָאזֶען דָאס לַאנְד. רוּדָאלְף אִיז גֶעוֶועהן אַ שְׁטַארְקֶער נִצְרָךְ אוּנ צוּ לִיעבּ גֶעלְד הָאט עֶר דִי יוּדֶען גֶעטְהוּן אִי טוֹבוֹת אִי רָעוֹת: אִיז עֶר גֶעוֶועהן אִין אַנוֹיטְה, הָאט עֶר דִי יוּדֶען גֶעוִויזֶען אַ פְרַײנְדְלִיכֶע מִינֶע אוּנ הָאט זײ אוֹיסְגֶעלֶעדִיגְט דִי קֶעשְׁינֶעס; הָאבֶּען זִיךְ װִידֶער דִי יוּדֶען בֶּערוּהִיגְט אוּנ גֶעמֵיינְט אַז אַזױ װָעט שױן שְׁטֶענְדִיג זַײן, הָאט עֶר פְלוּצְלוּנְג אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַנַײע גְזֵרָה אוּנ װַײטֶער בַּײ זײ גֶעצַאפְּט גֶעלְד. דֶערִיבֶּער הָאבֶּען זִיךְ אִין יֶענֶער צַײט בֶּענַײהְט אַסַךְ בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען, װָאס נָאךְ דֶער פַאפְּסְט אִינָאקֶענְטִי דֶער פִיעְרְטֶער הָאט גֶעגֶעבֶּען זַײן הַסְכָּמָה אַז זײ זֶענֶען פַאלְשׁ. רוּדָאלְף הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אָנְהַאפֶּען אָן דִי אַלְטֶע לִיעגֶענְס, כְּדֵי עֶר זָאל קֶאנֶען שִׁינְדֶען פוּן דִי יוּדֶען דִי הוֹיט. אִים יָאהר 1283 הָאט מֶען אִין מַאיְנְץ פוּנְקְט אוּם פֶּסַח גֶעפוּנֶען אַ טוֹיט קְרִיסְטְלִיךְ קִינְד אוּנ דָאס פָאלְק הָאט בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען דִי רוֹצְחִים. אוּמְזִיסְט הָאט זִיךְ דֶער עֶרְצְבִּישָׁאף װֶערְנֶער אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יוּדֶען, מֶען הָאט אִיהם נִיט גֶעוָואלְט הֶערֶען אוּנ צֶעהן יוּדִישֶׁע מַאיְנְצֶער בַּעֲלֵי בַּתִּים הָאבֶּען בֶּעצָאהלְט מִיט׳ן לֶעבֶּען, חוּץ װָאס מֶען הָאט כִּמְעַט אַללֶע יוּדִישֶׁע הַײזֶער אָבְּגֶערַאבֶּעװֶעט. אִין דָעם אֵײגֶענֶעם טָאג הָאט מֶען אוֹיךְ דֶערְהַרְג׳ט זֶעכְּס אוּנ צְוַואנְצִיג יוּדֶען אִין בַּאכְרַאךְ. רוּדָאלְף הָאט זִיךְ אֲפִילוּ דֶערְנָאךְ אָבְּגֶערֶעכֶענְט מִיט דִי רוֹצְחִים, נָאר דָאס פָאלְק הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נָאר גֶעטְהוּן גֶעוָוארֶען לְפָנִים, אוּנ אַז מֶען מָאג דִי יוּדֶען װַײטֶער שְׁלָאגֶען. אַזױ אִיז טַאקִי גֶעוֶועהן: אִין צְװֵײ יָאהר אַרוּם הָאט מֶען אִין מִינְכֶען אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָבְּגֶעקוֹיפְט אַ קְרִיסְטְלִיךְ קִינְד בַּײ אֵיין אַלְטֶער פְרוֹי אוּנ הָאבֶּען עֶס דֶערְהַרְג׳ט. דָאס פָאלְק הָאט לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הַרְג׳נֶען יוּדֶען אִין דִי גַאסֶען, װֶעמֶען מֶען הָאט נָאר גֶעהַאפְּט; אַז מֶען הָאט דֶערְהֶערְט אִין שְׁטָאדְט װָאס עֶס טְהוּט זִיךְ, הָאבֶּען זִיךְ זֶעהר פִיעל יוּדֶען בֶּעהַאלְטֶען אִין שׁוּל, נָאר דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען אָנְגֶעצוּנְדֶען דִי שׁוּל פוּן אַללֶע זַײטֶ׳ן אוּנ הוּנְדֶערְט אַכְטְצִיג יוּדֶען זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ יָאהר הָאט מֶען אִין אָבֶּערְװֶעזֶל אוּנ בָּאפְּפַארְד גֶעטֵײדְט זֶעהר פִיעל יוּדֶען, װײל מֶען הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז זײ הָאבֶּען דֶער-

הרג'ט איין אלטען מאנן אונ אויסגעצאפט זיין בלוט. עס איז מערקווירדיג, אז די מלוכה פלעגט זיך דוקא ארויסשטעללען פאר די יודען, נאר זי פלעגט שטענדיג פארשפעטיגען אונ קומען גראד אין דער צייט, ווען יודיש בלוט האט זיך שוין געגאסען אונ טויטע קערפערס האבען זיך געוואלגערט. ערשט דעמאלט פלעגט רודאלף פסקנען אז די קריסטען טהוען ניט גוט אונ ביי די יודען געהמען טאקי פסק־געלד.....

דערפון וואס אפילו די יודען, וואס זענען שוין געוואהנט מיט קלאפ, איז נמאס געווארען אזוי פיעל צו ליידען, קאן מען פארשטעהן אז מעהר אויס־האלטען זענען זיי ניט געוועהן אין כח. כמעט אללע יודען פון מאינץ, וואָרמס, שפייער, אפענהיים אונ נאך אנדערע שטאדט האבען זיך אוועקגעלאזט אים יאהר 1286, איינציגעם מיט'ן בעריהמטען רב, ר' מאיר פון רוטענבורג (מהר"ם מרוטענבורג), וואס איז געוועהן בעקאנט פאר אגרויסען צדיק, קיין ארץ ישראל. דאס וואס זיי האבען זיך ענטשלאסען אויף אזא ווייטע נסיעה, האט זיך גענומען דערפון וואס זיי האבען געהערט אז ערגיץ אין דער מזרח זייט איז אויפגעגאנגען פלוצלונג די זונן אונ יודען זענען דארט גאר עולה לגדולה געווארען. די ליכטיגע שיין וואס האט צו זיך צוגעצויגען די פערוואגעלטע דייטשע יודען איז טאקי געקומען פון דעם לאנד, וואס איז געלעגען צווישען סיריען אונ דעם קאספישען ים אונ וואס דער מאנגאלישער קאניג ארגון האט בארויף געהאט צו שאפען. ביי דעם קאניג האט געדיענט א יודישער לייב־דאקטאר סעד־עבדאולה, אמענש פון גרויסע קענטניסע, וואס האט איהם ניט נאר געהאלפען ביי א קראנקהייט נאר אויך געגעבען אפט די בעסטע עצה אונ איז מיט דער צייט געווארען דער גרעסטער חשוב אונ ביי איהם איז געוועהן די גאנצע דעה. דער שם פון אזא יודען, וואס מען האט געמאנט רעכנען אויף איהם, אז דאס איז אמין משיח, איז גיך אנגעקומען קיין אייראפא אונ די דייטשע יודען האבען אוועקגעווארפען זייערע הייזער אונ האבען זיך געלאזט זוכען די ווייטע מדינה, וואו זייער ברודער האט געקאנט דערגרייכען אזא גליק. צום אנהייב האט עס ביי רודאלפ'ן ניט אויסגעמאכט וואס א טהייל יודען פאהרען ארויס, ווייל ער האט זיך גערעכענט פאר קהל'ס יורש אונ האט צוגענומען דאס גאנצע פערמעגען וואס איז פון זיי איבערגעבליבען, נאר אז ער האט אקוק געטהון אז עס וועט באלד טאקי קיין איינציגער יוד ניט בלייבען אין לאנד אונ ער וועט פערלירען אזא גרויסע הכנסה, האט ער זיך מיישב געוועהן אז דאס טויג פאר איהם ניט אונ האט געהייסען פערהאלטען דעם רב ר' מאיר פון רוטענבורג

אונ איהם איינגעזעצען אין געפענגניס. חאטש מען האט ר׳ מאיר׳ן געהאלטען מיט גרויס כבוד פון דעסטוועגען האבען די יודען גיט געקאנט איבערטראגען אז אזא צדיק זאל זיצען אין תפיסה אונ זיי האבען פארגעלעגט רודאלפ׳ן א גרויסע סומע געלד אבי ער זאל בעפרייהען ר׳ מאיר׳ן. רודאלף האט שכל געהאט, דאס געלד האט ער צוגענומען אונ ר׳ מאיר׳ן האט ער ניט ארויסגעלאזט, כדי ער זאל עפים נאך אויסרייסען. די יודען זענען פערטיג געוועהן אוועקצוגעבען דעם לעצטען גראשען, נאר ר׳ מאיר אליין האט ניט געוואלט מען זאל איהם אויסלייזען, ווייל ער האט מורא געהאט עס זאללען אנדערע מלכים אויך ניט טהון דאס איינענע אונ זאלען ניט איינזעצען די רבנים, אונ דורך דעם אויס־נארען ביי זיי געלד. אזוי איז ר׳ מאיר פינף יאהר געוועהן אין געפיינגעניס אין דער שטאדט ענזיסהיים אין עלזאס אונ איז דארט געשטארבען. נאך זיין טויט האט די מלוכה ניט געוואלט ארויסגעבען זיין קערפער ביז זיסקינד אלכסנדר וימפפען פון פראנקפורט האט אריינגעטראגען רודאלפ׳ס יורשים וויפיעל זיי האבען פערלאנגט, אונ האט ערשט א לאנגע צייט נאך ר׳ מאיר׳ס פטירה איהם געבראכט אין ווארמס צו קבר ישראל. דער פאר האט ר׳ זיסקינד געבעטען אז נאך זיין פטירה זאלל מען איהם ברייננען צו קבר ישראל געבען רבינו מאיר׳ס קבר.

אין דער איינענער צייט האט זיך אויסגעגאסען דער צארן אויך אויף די ענגלישע יודען אונ זיי זענען נאך געוועהן אומגליקליכער פון זייערע דייטשע ברידער. דער קאניג עדוארד דער ערשטער איז דווקא ניט געוועהן קיין שלעכטער, חאטש אויף מס נעהמען ביי די יודען צעהן מאל אזוי פיעל ווי ביי אנדערע איז ער אויך געוועהן א גרויסער בעלן, נאר ווי אזוי עס איז האט ער זיי פארט אבגעהיט זיי זאללען זיך קאנען לעבען רוהיג. פלוצלונג האט זיך אבער אים יאהר 1276 געמאכט א צופאל, וואס איינער פון די גייסטליכע, דאבערט דע רידינגדז, א גרויסער געלעהרטער, האט זיך געחאפט מיט חשק לערנען העברעאיש, כדי ער זאל קאנען דרשנ׳ען אונ זיי צורעדען צום טויפען. אז דאבערט האט זיך אבער פערטיעפט אין די יודישע הייליגע ספרים, איז אויסגעקומען פונקט פארקעהרט: ער האט ניט נאר קיין איינציגען יודען געטויפט, נאר ער האט זיך נאך אליין מגייר געוועהן אונ האט חתונה געהאט מיט א יודיש קינד. אללע האבען געוואוסט דעם אמת, אז די יודען האבען אין דער זאך קיין שום נגיעה ניט געהאט, פון דעסטוועגען האבען די שונאים אנגעמאכט א שטארקען רעש, אונ די גייסטליכע האבען זיך געפרובט צו ריידען דעם קאניג ער זאל די

יוּדֶען אָנְגְלֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט מִישֶׁען. דִי נַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶערוּהט, דִי אַלְטֶע קֶאנִיגִין עֶלֶעאָנָארָה אִיז גֶעוֶועהן אוֹיף זֵייעֶר זַייט, אוּנ נָאר נִיךְ הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי יוּדֶען אָנְטְהוּן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אַז עֶס אִיז נָאר אַ וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבֶּען גֶעקָאנְט אוֹיסְשְׁטֶעהן. נִיט אוּמְזִיסְט שְׁרַייבְּט אֵיינֶער אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען דֶעמָאלְט אִין עֶנְגְלַאנְד גֶעאַרְבַּייט פּוּנְקְט וִוי בַּיי פַּרְעה'ן אִין מִצְרַיִם, נָאר דֶער חִלוּק אִיז גֶעוֶועהן וָואס דָארְט הָאבֶּען זֵיי גֶעמוּזְט טְרָאגֶען צִיגֶעל אוּנ דָא הָאט מֶען זֵיי גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ בְּרֶענְגֶען גָאלְד.

אַז דָאס פָּאלְק הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי מְלוּכָה מַאכְט זִיךְ נִיט וִויסֶענְדִיג אוּנ לָאזְט אוֹיסְטְרַאכְטֶען אוֹיף דִי יוּדֶען וָואס עֶס קוּמְט נוּר אֵיינֶעם אִין קָאפּ אַרַיין, הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען שִׁיטֶען בִּלְבּוּלִים אָהן אַ שִׁעוּר אוּנ אָהן אַ צָאהל. דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה הָאט מֶען גֶעפוּנֶען, אַז דִי יוּדֶען פַארְפְלֵייצֶען דָאס לַאנְד מִיט פַאלְשֶׁע אָדֶער בֶּעשְׁנִיטֶענֶע מַטְבֵּעוֹת; מֶען הָאט גָאר מִיט זֵיי נִיט גֶעטַעֲנֶה'ט אוּנ אוּם פְרַייטָאג, דֶעם 17 נָאוֶועמְבֶּער 1278, הָאט מֶען פֶערְנוּמֶען אַלֶע יוּדֶען פוּן עֶנְגְלַאנְד מִיט וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּנ מֶען הָאט אִין זֵייעֶרֶע וָואהנוּנְגֶען גֶעזוּכְט פַאלְשֶׁע מַטְבֵּעוֹת. חָאטְשׁ עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען, אַז מִיט דֶער זַאךְ הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מֶעהר דִי קְרִיסְטֶען אוּנ דַוְקָא גֶעהוֹיבֶּענֶע מֶענְשֶׁען, אוּנ פוּן יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ מֶעהר נִיט גֶעפוּנֶען וִוי דְרַיי הוּנְדֶערְט, וָואס עֶס הָאט גֶעקָאנְט אוֹיף זֵיי פַאלֶען אַ חְשַׁד, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען דֶערְפוּן גֶעלִיטֶען אִיבֶּער צֶעהן טוֹיזֶענְד יוּדֶען. דִי קְרִיסְטֶען הָאבֶּען זִיךְ מִיט גֶעלְד אוֹיסְגֶעדְרֵייהט, אוּנ פוּן דִי יוּדֶען הָאט מֶען טַאקִי אַ תֵּל גֶעמַאכְט: עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען, אַ סַךְ הָאבֶּען גֶעמוּזְט זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבֶּען בְּלַייבֶּען אִין תְּפִיסָה, אוּנ נָאךְ מֶעהר הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּנ'ם לַאנְד אוּנ בַּיי זֵיי דָאס פֶערְמֶעגֶען צוּגֶענוּמֶען. דִי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען הָאבֶּען אוֹיךְ קֵיין נוּטֶעס גֶעהַאט, וַוייל דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גַאנְצֶע פַּרְנָסָה דֶערְפוּן וָואס זֵיי פְלֶעגֶען יֶעדֶען יוּדֶען הַאלְטֶען אִין דֶער מוֹרָא אוּנ רַייסֶען בַּיי אִיהם גֶעלְד דֶערְפַאר, וָואס זֵיי מַסֶר'ן אִיהם נִיט. דֶער קֶאנִיג עֶדוּאַרְד הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקָאנְט צוּזֶעהן אַזַא עַוְלָה, אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַז שְׁפֶּעטֶער פוּן חֹדֶשׁ מַאי 1279 זָאל מֶען אוֹיף דִי יוּדֶען מֶעהר קֵיין מְסִירוֹת וֶועגֶען פַאלְשֶׁע מַטְבֵּעוֹת נִיט אָנְנֶעהמֶען.

דִי שׂוֹנְאֵי־יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אָבֶּער נִיט מִיעד גֶעוָוארֶען צוּ זוּכֶען אוֹיף דִי יוּדֶען נַייעֶ עֲבֵירוֹת. בַּאלְד אִיז אַרוֹיס אַ קוֹל אַז אִין נָארְטְהַאמְפְּטָאן הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעהַרְגֶ'ט אַ קְרִיסְטְלִיךְ קִינְד, אוּנ דֶערְפַאר הָאט מֶען פִיעל פוּן זֵיי אִין לָאנְדָאן,

דֶעם 2 אַפְּרִיל 1279, צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ פֶערְד אוּנ זֵיי אוֹיף שְׁטִיקֶער צוּרִיסֶען. דֶערְ־
נאָךְ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז דִי יוּדֶען לֶאסְטֶערן דִי קְרִיסְטְלִיכֶע אֱמוּנָה אוּנ
מַאכֶען אֶפֶּענְטְלִיךְ חוֹזֶק פוּנ׳ם קְרַייץ אוּנ פוּן דִי הֵיילִיגֶע בִּילְדֶער, אוּנ מֶען הָאט
גֶעפּוֹעֵלְ׳ט בַּיים קָאנִיג עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגֶען אַ גֶעזֶעץ אַז דִי יוּדֶען וָואס וֶועלֶען
שׁוּלְדִיג זַיין אִין דֶעם זָאל מֶען בֶּעשְׁטְרָאפֶען מִיט׳ן טוֹיט. עֶדוּאַרְד הָאט אָבֶער
גֶעקָאנְט זַיין חֶבְרָה אוּנ הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִיט אַזַא גֶעזֶעץ נִיט עֶר דִי יוּדִישֶׁע
שׂוֹנְאִים אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אִין דִי הֶאנְד; דֶערְפַאר הָאט עֶר בֶּעשְׁטִימְט, אַז דִי
יוּדֶען קָאנֶען נָאר פֶערְמִשְׁפָּט וֶוערֶען פוּן אֱמֶת עֶהרְלִיכֶע שׁוֹפְטִים. דִי שׂוֹנְאִים
הָאבֶען פֶערְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף אַזַא אוֹפֶן וֶועט זֵיי שְׁוֶוער זַיין עֶפִּים צוּ מַאכֶען.
הָאבֶען זֵיי זִיךְ גֶענוּמֶען רֵייצֶען דִי יוּדֶען אוּנ זֵיי אַרוֹיפְבְּרֵיינְגֶען דַארוֹיף זֵיי זָאלֶען
זָאגֶען גְרָאבֶּע וֶוערְטֶער. דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶען גֶעבֶּעטֶען דֶעם קָאנִיג עֶר זָאל זֵיי
עֶרְלוֹיבֶּען דַרְשְׁנֶען פַאר דִי יוּדֶען וֶועגֶען הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶער קַאטוֹלִישֶׁער רֶעלִיגְיָאן
אוּנ זֶענֶען גֶעוֶועהן זִיכֶער אַז דֶערְבַּיי וֶועלֶען זִיךְ דִי יוּדֶען נִיט קָאנֶען אַיינְהַאלְטֶען
אוּנ מֶען וֶועט שׁוֹין הָאבֶען פַאר וָואס זִיךְ צוּ זֵיי צוּ טְשֶׁעפֶּען. עֶדוּאַרְד הָאט זֵיי
דָאס נִיט גֶעטָארְט פַארְוֶואהרֶען, נָאר דֶערְבַּיי הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלָאזְט זָאגֶען דִי
יוּדֶען זֵיי זָאלֶען אַלְדִינְג רוּהִיג אוֹיסְהֶערֶען, נִיט שֶׁעלְטֶען אוּנ נִיט זִידְלֶען. וָואס פוּן
דִי דְרָשׁוֹת אִיז אַרוֹיס — אִיז נִיט בֶּעקַאנְט. עֶדוּאַרְד הָאט אֲפִילוּ גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן
אַ גְרוֹיס הוֹיז פַאר גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען אוּנ הָאט דַארוֹיף מְנַדֵר גֶעוֶועהן פִיעל גֶעלְד,
נָאר וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס אִיז דִי צָאהל פוּן דִי גֶעטוֹיפְטֶע גֶעוֶועהן נָאר קְלֵיין.
גְרֶעסֶער אִיז נָאר גֶעוָוארֶען דִי שִׂנְאָה צוּ דִי יוּדֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס אַז דֶעם גַייסְטְלִיכֶען
דוּנְשׂ־סְקוֹטוּס אִיז גֶערָאטְהֶען צוּזַאמֶען מִיט דֶער אַלְטֶער קָאנִיגִין גְלֶעאָנַארַא,
אוֹיסְצוּרַייסֶען פוּן עֶדוּאַרְד׳ס הַארְץ דָאס לֶעצְטֶע בִּיסֶעל יוֹשֶׁר נֶעגֶען דִי יוּדֶען,
אוּנ דֶער נַייעֶר פַאפְּסְט הָאנָארִיוּס דֶער פֶערְטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶען צוּ
נְוַאלְדֶעוֶוען אַז דִי קְרִיסְטֶען וֶוערֶען קַאלְיֶע פוּן דִי יוּדֶען, אוּנ אַז דָאס בֶּעסְטֶע
וָואלְט גֶעוֶועהן מֶען זָאל זֵיי אִין גַאנְצֶען אַרוֹיסְפַּטֶר׳ן פוּנ׳ם לַאנְד. דִי יוּדֶען הָאבֶען
גֶעפִיהְלְט וָואס פַאר אַיין אוּמְגְלִיק עֶס לִיעגְט אוֹיף זֵייעֶרֶע קָאפּ: אִים יָאהר 1287
הָאט מֶען נָאךְ אַ מָאל אַלֶע יוּדֶען פוּן עֶנְגְלַאנְד, נָאר אָהן אַ שׁוּם טַעֲנָה, אַיינְ־
גֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, נָאר עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן מִיט חֶסֶד, וַוייל זֵיי הָאבֶען זִיךְ
בַּאלְד אוֹיסְגֶעקוֹיפְט מִיט גֶעלְד; שְׁפֶּעטֶער אָבֶער מִיט דְרַיי יָאהר הָאט מֶען שׁוֹין
זֵייעֶר גֶעלְד אוֹיךְ נִיט גֶעוָואלְט, עֶס אִיז אַרוֹיס אַ בֶּעפֶעהל אַז בִּיז צוּם חֹדֶשׁ
נָאוֶועמְבֶּער פוּנ׳ם יָאהר 1290 מוּז יֶעדֶער יוּד פֶערְקוֹיפֶען זַיין הוֹיז, אוּנ אָבְגֶעבֶּען דִי
קְרִיסְטֶען זֵייעֶרֶע מַשְׁכָּנוֹת אוּנ זִיךְ נֶעהן וָואהִין דִי אוֹיגֶען וֶועלֶען זֵיי טְרָאגֶען. דִי

גזרה האט זיי שוין דַוְקָא ניט אַזוי איבערראַשט, ווייל זיי האבען זיך פריהר אַזוי אָנגעליטען אַז דער לעצטער קלאַפּ האט זיך שוין ניט געקאָנט אָנזעהן. די מלוכה האט אפילו געמיינט אַז עס וועט איהר שווער זיין ענגלאַנד אָבצורייסען פון יודען, אונ דערפאַר האט זי זיי געלאָזט זאָגען אַז יעדען יודען, וואס מען וועט שפּעטער דאָרט טרעפען, וועט מען באַלד הייננען; צום סוף זענען די יודען אַרויס פון דאָרט נאָך פאַר דער בעשטימטער צייט, אונ דעם ניינטען אָקטאָבער האבען זיך 16511 יודען געזעגענט מיט דער ערד, וואו זייערע עלטערן האבען פערבראַכט מעהר פון פיער הונדערט יאָהר. פיעל יודישע הייזער, וואס מען האט זיי ניט געקאָנט פערקויפען, האט אָבגעריס'ט דער קעניג, וואס האט נאָך פון דעסטוועגען געהאט אַזוי פיעל מענשענליעבע, אַז ער האט אָנגעזאָגט מען זאָל די יודען וועניגסטענס לאָזען רוהיג אַוועקפאָהרען, אונ אויף די שיפען זאָל מען זיך מיט זיי פריינדליך בעגעהן. מען האט אָבער דעם קעניג ניט געהערט אונ אפילו דאס פאָהרען איז זיי אויך אָנגעקומען מיט צרות: אַ קאַפּיטאַן האט אויף זיין שיף געפיהרט פיעל יודישע משפחות, דאס וואַסער איז אָבער אָבגע-פאַלען, האבען זיי זיך אַללע דערווייל אָבגעשטעלט אויף אַ אינזעל, אונ אַז דאס וואַסער איז צוגעקומען האט ער זיי שוין ניט אַרויפגעלאָזט אויפ'ן שיף אונ האט זיי מיט אַ געלעכטער געזאָגט, אַז זיי האבען אַ משה רבינו וואס קאן זיי טרוקען אַריבערפיהרען איבער'ן ים. די יודען זענען אַזוי אומגעקומען, נאָר אַז עדוואַרד איז דערפון געוואָהר געוואָרען האט ער געהייסען דעם קאַפּיטאַן אויפ-הייננען ווי אַ פּראָסטען רוצח.

דעמאָלט האט מען אויך אַרויסגעטריבען די יודען פון גאַסקאָניע, וואס האט געהערט צו ענגלאַנד. זיי האבען זיך געוואָרפען קיין פראַנקרייך, אונ צום אָנהייב האט זיי דער קעניג פיליפּ דער פערטער פריינדליך אויפגענומען, נאָר באַלד האט ער חרטה געהאט אונ טאַקי נאָך אין דעם אייגענעם יאָהר האבען זיי געמוזט ווייטער חאַפּען דאס פּעקעל אויף די פּלייצעס אונ זוכען אַ נייעם היים.

פון אַזיען האט נאָך געגלאַנצט דער האָפנונגס-שטערן פאַר די אומגליקליכע פערטריבענע, אונ פיעל פון זיי האבען גערעכענט אַז זיי וועלען זיך קאָנען צושלאָגען צו זייערע ברידער וואס האבען אַזוי גליקליך געלעבט אינ'ם לאַנד פונ'ם מאָנגאָלישען קעניג אַרגון. סעד אַדאולה האט טאַקי דערגרייכט די גרעס-טע מדרגה אונ איהם צו ליעב זענען די יודען אויך געווען זעהר געשאַצט, אַז דער קעניג האט בעמערקט אַז אין כנדד קומט עפּיס פאַר אַ שווינדעל מיט

די הכנסות פון דער מדינה, האט ער אהין ארויסגעשיקט זיין לייב-דאקטאר סעד אדאולה אונ נאר אין א קורצע צייט איז איהם געראטהען צו מאכען אזא ארדנונג, אז אין דער קאססע פון דער מלוכה איז צוגעקומען אסך געלד. דעמאלט האט איהם ארגון געמאכט פאר זיין פינאנץ-מיניסטער אונ א חוץ דעם האט ער אהן איהם קיין זאך ניט געטהון. סעד-אדאולה, וואס איז געוועהן א גרויסער שפראכען-קענער, האט אויך געמאכט שטארקע פערבינדונגען צווישען ארגון אונ די אייראפעאישע קאניגע, וואס האבען מיט פערגניגען געזעהן ווי נוט די קריסטען ווערען דארט בעהאנדעלט. אפילו דער פאפסט פלעגט שרייבען בריעף צום מאנגאלישען קאניג אונ האט גערעכענט אז מיט דער צייט וועלען די מאנגאלען אננעהמען די קאטאלישע אמונה. סעד-אדאולה האט טאקי די בעסטע שטעללען אוועקגעגעבען יודען אונ קריסטען אונ האט עס געטהון נאר פאר דער טובה פון דער מדינה. גוטע אונ רוהיגע מענשען האבען פערשטאנען זיין כונה אונ האבען געשאצט זיין שווערע ארבייט. דערפאר האבען זיך אבער אויך געפונען געגנער מחמדנער אונ מאנגאלען וואס עס האט זיי געקרענקט צו צוזעהן ווי יודען אונ קריסטען קאמאנדעווען נאר מיט זיי אונ זענען געווארען דעם "יודישען מיניסטער" שונאים אויפ'ן לעבען. זיי פלעגען ניט איינמאל אויס-טראכטען אז סעד-אדאולה וויל איינפיהרען א נייע רעליגיאן, אז ער קלויבט זיך צו געהן מיט פיעל חיל קיין מעקקא אונ דארט שטעללען א טעמפעל פאר עבודה זרה אונ אללע מחמדנער צווינגען זיי זאללען צוריק ווערען געטצענדיענער. נאנץ אפען זענען שוין די שונאים פערטיג געוועהן אנצופאלען אויף סעד-אדאולה מיט זיינע קרובים, נאר ער פלעגט שטענדיג דערפון פריהער זיך דערוויסען אונ דער נאנצער פלאן פלעגט בטל ווערען. צום אומגליק איז אבער אים יאהר 1290 דער קאניג ארגון שטארק קראנק געווארען אונ חאטש סעד-אדאולה האט זיך אגאנץ יאהר געמוטשעט מיט איהם אונ האט אללע מיטעל אנגעווענדט איהם צו דערהאלטען ביים לעבען איז דאס אונמעגליך געוועהן. דעמאלט האבען די שונאים געפונען די בעסטע געלעגענהייט אויסצופיהרען זייערע אונ זיך בע-פרייען פון דער מאכט, וואס איז זיי אזוי פיעל יאהר ניט ליעב געוועהן, אונ אז דער קאניג האט שוין געהאלטען ביי דער גסיסה האבען זיי סעד-אדאולה אבגעשניטען דעם קאפ אונ אללע זיינע קרובים מיט ווייבער אונ קינדער האבען זיי געמאכט פאר שקלאווען אונ צוגענומען ביי זיי זייער גאנצען פערמעגען. די מחמדנער זענען אומעדום אנגעפאלען אויף די יודען אונ אין בגדד איז מען געגאנגען אויף מעסער-שטאך אונ פיעל הרוגים זענען געפאלען פון ביידע זייטען.

אַזוֹי הָאט זִיךְ פּוּנְקְט אִין דֶער צַייט, וָוען אִין אֵייראָפַּא הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען אַרוּמְגֶעדְרֶעהט אָהן אַצִּיעל אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט וואוּ אַקָאפּ אַנִידֶערְצוּלֶעגֶען, אוֹיךְ אִין אַזְיֶען פֶערְחַסְארֶעט דֶער הִימֶעל אוּנ פַאר דִי וָואס זַייעֶרֶע פֶערְוָואגֶעלְטֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען זֵיי מְקַנֵא גֶעוֶועהן אוּנ עֶס הָאט זֵיי גֶעצְוֹוינֶגֶען צוּ זֵיי, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען גֶעבֶּען זֵיי אוֹיךְ הָאבֶּען אֵיין אָרְט וואוּ אַקָאפּ צוּצוּלֶעגֶען, הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִינְסְטֶערֶע טֶאג.

נָאר דָאס שְׁרֶעקְלִיךְ פִינְסְטֶערְנִישׁ, וָואס הָאט זִיךְ מִיט אַמָאל אִין דֶעם דְרַייצֶעהְנְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט אַרוֹיפְגֶערוּקְט אוֹיפ׳ן יוּדִישֶׁען מַזָל, אִיז אַנָאר נִישְׁט גֶעגֶען דֶער פִינְסְטֶערְנִיס, וָואס הָאט צוּגֶעדֶעקְט דָאס אִינֶוֶוענִינְסְטֶע יוּדִישׁ לֶעבֶּען. מֶעהר פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאהר הָאבֶּען דִי יוּדֶען אִין אֵייראָפַּא, בֶּעזָאנְדֶערְס אִין שְׁפַּאנְיֶען אוּנ פְרַאנְקְרַייךְ גֶעהַאלְטֶען אִין זַייעֶרֶע הֶאנְד דָאס רֵיינֶע לִיכְט פוּן תּוֹרָה, חָכְמָה אוּנ אֱמוּנָה! פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען דִי קַבָּלָה מִיט אִיהרֶע סוֹדוֹת אוּנ רְמָזִים, אוּנ הָאט דָאס שֶׁאנֶע לִיכְט פֶערְלָאשֶׁען אוֹיף הִיבְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת.

וָואס עֶרְגֶער דֶער מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען אִיז גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען דִי מְקוּבָּלִים אַלְס מֶעהר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ, אוּנ פוּן גֶערָאנַא (גִירוּנְדַה) הָאבֶּען זֵיי אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען זֵייעֶר הוֹיפְּט־פּוּנְקְט קֵיין טָאלֶעדָא, וַוייל דָארְט הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט אַפָּארְשְׁטֶעהֶער, וָואס הָאט זֵיי גֶעקָאנְט שִׁיטְצֶען מִיט זַיין שֶׁאנֶעם נָאהמֶען אוּנ מִיט זַיין גְרוֹיס רַייכְקַייט. דָאס אִיז גֶעוֶועהן ר׳ טוּדְרוֹס בֶּן יוֹסֵף הַלֵוִי פוּן דֶער בֶּערִיהמְטֶער מִשְׁפָּחָה אַבּוּלַאפְיָא, אַקְרוֹב נָאךְ פוּן ר׳ מֵאִיר אַבּוּלַאפְיָא, וָואס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען רמב״ם אוּנ אַלֶלֶע חֲקִירָה־סְפָרִים. ר׳ טוּדְרוֹס אִיז צוּ לִיעבּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע קֶענְטְנִישֶׁע אִין מֶעדִיצִין אוּנ זַיין פִינַאנְץ־וַואכֶען, גֶעוֶועהן אַשְׁטַארְקֶער חָשׁוּב אִין הוֹיף פוּן סַאנְכָא דֶעם פִיעֶרְטֶען אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס בַּיי דֶער קְלוּגֶער קֶאנִיגִין מַארִיַא דֶע מָאלִינַא. דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהם וִוי אוֹיף אַנָשִׂיא אוּנ אַז דֶער קֶאנִיג מִיט דֶער קֶאנִיגִין זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָאהרֶען זִיךְ זֶעהן מִיט׳ן פְרַאנְצֶעזִישֶׁען קֶאנִיג פִילִיפּ דֶעם פִיעֶרְטֶען, אִיז ר׳ טוּדְרוֹס אַבּוּלַאפְיָא אוֹיךְ גֶעוֶועהן צְווִישֶׁען דִי גְרוֹיסֶע לַייט וָואס הָאבֶּען בַּאלֵייט דֶעם שְׁפַּאנִישֶׁען קֶאנִיג, אוּנ דָאס הָאט זַיין נָאהמֶען נָאר גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוֹיךְ בַּיי דִי פְרַאנְצֶעזִישֶׁע יוּדֶען. ר׳ טוּדְרוֹס אַבּוּלַאפְיָא אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער גֶעגְנֶער פוּן דִי יוּדִישֶׁע חַקְרָנִים, חָאטְשׁ אַלֵיין אִיז עֶר נִיט גֶעוֶועהן וַוייט פוּן וִויסֶענְשַׁאפְטֶען אוּנ הָאט זִיךְ קוֹנֶה שֵׁם גֶעוֶועזֶען וִוי אַבֶּערִיהמְטֶער דָאקְטָאר. אִיהם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז אַלֶע לוֹמְדִים ווִילֶען דִי תּוֹרָה פֶערְשְׁטֶעהן נָעבֶּען

מיט שֵׂכֶל אונ נָאר אוֹיפ'ן פְּרָאסְטֶען אוֹיפ'ן, אַ שְׁטֵיינֶער וְוִי דֶער רמב"ם הָאט גֶעטְהוּן מִיט דִי דִינִים פוּן קָרְבָּנות, וָואס עֶר הָאט גֶעווִיזֶען אַז זֵיי שְׁטַאמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם גֶאטְצֶענְדִיענְסְט, מַאכֶען אַתֵּל פוּן יוּדִישְׁקַייט, אונ אַז דִי קַבָּלָה שְׁטֶעהט אַסַךְ נֶאהֶענְטֶער צוּם אֱמֶת. מִיט דֶעם דֶרֶךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶענַאנְגֶען זֵיינֶע זִיהן לֵוִי אונ יוֹסֵף אונ זֵיינֶע פִיעל תַּלְמִידִים פוּן וֶועלְכֶע עֶס זֶענֶען אַרוֹיס דִי בֶּערִיהמְטֶע דְרַיי מְקוּבָּלִים: ר' יִצְחָק אִבֶּן־לַאטִיף, ר' אַבְרָהָם אַבוּלַאפְיָא אונ ר' מֹשֶׁה דִי־לֵיאוֹן. וָואס הָאבֶּען דֶערְנָאךְ מִיט דֶער קַבָּלָה פֶערְשְׁטֶעלְט דֶעם אֱמֶת'ן שַׁיין פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אונ גֶעבְּרַאכְט דֶעם פָאלְק צוּ פִיעל אַבֶּערְגְלוֹיבֶּען אונ דְמִיוֹנוֹת בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג.

ר' יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַלְלַטִיף אָדֶער אִבֶּן־לַאטִיף אִיז גֶעוֶועהן מֶעהר אַיינְגֶעהַאלְטֶענֶער אונ הָאט נִיט אַזוֹי פִיעל גֶעאַרְבַּייט וְוִי זַיי'ן חָבֵר ר' אַבְרָהָם אַבוּלַאפְיַא, וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין סַארַאגוֹזָא אִים יָאהר 1240 אונ אִיז גֶעוֶועהן אַ מֶענְשׁ, וָואס עֶס הָאט אִיהם שְׁטֶענְדִיג גֶעצוֹיגֶען נָאר צוּ בֶּע־הַאלְטֶענֶע אונ פֶערְבָּארְגֶענֶע זַאכֶען. קַיין שְׁווִינְדְלֶער אִיז עֶר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט גֶעוֶועהן. מִיט זַיין קַבָּלָה הָאט עֶר נִיט גֶעמֵיינְט קַיין חָכְמוֹת אונ הָאט פֶעסְט גֶעגְלוֹיבְּט אַז מִיט דִי סוֹדוֹת פוּן דֶעם לִמּוּד וֶועט עֶר אוֹיפְדֶעקֶען אַ נַייעֶ וֶועלְט אַ פְרַייעֶ, אַ גְלִיקְלִיכֶע, אָהן צָרוֹת, אָהן יְסוּרִים אונ פַאר יוּדֶען טַאקִי — אַ פָּשׁוּטֶ'ען גַן־עֵדֶן. זֵיינֶע בֶּעסְטֶע יָאהרֶען הָאט עֶר פֶערְבְּרַאכְט אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּם סַמְבַּטְיוֹן, וואו עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָבְּזוּכֶען דִי פֶערְלָארֶענֶע שְׁבָטִים, אונ אַז עֶר הָאט, מִן הַסְתָּם, אַזַא טַייךְ נִיט גֶעפוּנֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט קַיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל דֶערְוַייל הָאט עֶר אוֹיפ'ן וֶועג אִין גְרִיכֶענְלַאנְד חֲתוּנָה גֶעהַאט אונ טַאקִי בַּאלְד אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען דִי פְרוֹי, אונ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ הָאט עֶר דָארְט גֶעמוּזְט בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהן, וַוייל פַאלֶעסְטִינַא הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעפוּנֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן דִי מָאנְגָאלֶען. דְרַיי אונ פִיערְצִיג יָאהר אִיז אַבְרָהָם אַבוּלַאפְיָא אַלְט גֶעוֶועהן אַז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין שְׁפַּאנְיֶען אונ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט'ן רֶעכְטֶען חֵשֶׁק צוּ דֶער קַבָּלָה. עֶס אִיז בַּיי אִיהם קַיין סָפֵק נִיט גֶעוֶועהן אַז אִין יֶעדֶען אוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה לִיעגֶען בֶּעהַאלְטֶען טִיעפֶע סוֹדוֹת, אונ עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז דֶערְגֶעהן דִי סוֹדוֹת קָאן מֶען נָאר דוּרְךְ גִימַטְרִיָּאוֹת, דָאס הֵייסְט: אָנְנֶעהְמֶען יֶעדֶעס אוֹת פַאר אַ צִיפֶער אוּנ אַזוֹי לַאנְג מַאכֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת בִּיז עֶס קוּמְט אַרוֹיס דָאס וָואס מֶען ווִיל וִויסֶען. דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת הָאבֶּען אִיהם אַזוֹי פֶערְדוּלְט דֶעם מוֹחַ אַז עֶר הָאט זִיךְ אִין גַאנְצֶען אוֹיסְגֶעטְהוּן פוּן דֶער וֶועלְט: עֶר הָאט זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אִין אַ חֵדֶר מְיוּחָד, גַאנְצֶע טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעסֶען אִין טַלִּית אונ

תפלין, יעדעס ווארט פונ'ם דאוונען האט ער געצוינגען מיט אַ בעזונדער כונה אונ האט געוואַרט ביז דער שלאף וועט איהם צומאַכען די אויגען, די שכינה וועט זיך איהם באַווייזען דורך אַ קוש אויף די ליפען אונ אַזוי וועט אין איהם אַריין אַ רוח נבואה. דאס פאַרשטעהט מען אַז ווי באַלד ער האט נאר געפועל'ט ביי זיך אַלליין אַז ער איז שוין אַ נביא, האט ער פערשטאַנען אַז ביי זיך אין דער היים וועט ער ווייניג וואס מאַכען, אונ ער איז אים יאהר 1279 אַוועק קיין איטאַליען. דארט האט ער אַרויסגעגעבען אַ ספר אונ האט מגלה געוועהן דעם עולם אַז ער האט זוכה געוועהן צו רעדען מיט גאטט אַלליין. דעם ספר האט ער אַ נאמען געגעבען „רזיאל“ וואס איז בגימטריא אברהם. נאר כל זמן ער האט נעהאט צו טהון מיט יודען, האט זיך די מלוכה אויף איהם ניט אומגעקוקט; עס איז איהם אָבער אַיינגעפאַלען אַ משוגע'נער געדאַנק אַז ער מוז דעם פאַפסט מאַרטין דעם פיערטען מגייר זיין, דא האט מען שוין איהם אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין תפיסה, אונ מען וואלט איהם געוויס פערברענט, ווען עס טרעפט ניט אַ נס: ר' אברהם אַבולאַפיא האט זיך דערנאָך בעריהמט, אַז איהם האבען אַבגעראַטעוועט די „צוויי צונגען“ וואס גאט האט איהם געגעבען, נאר מען האט פערשטאַנען אַז דער גאַנצער מופת וואס ער איז ניצל געוואָרען האט זיך גענומען דערפון וואס ער האט מיט'ן פאַפסט געריידט מיט איין אַנדער צונג אונ איהם געוויזען אַז זיין למוד פון קַבָּלָה גלייכט זיך אוים מיט די סודות פון דער קריסטליכע אמונה. דערפאַר האט מען שוין איהם געלאָזט פריי אַרומדרעהען זיך אין רום, נאר ער איז פון דאָרט אַוועקגעפאָהרען קיין סיציליען אונ האט זיך שוין דאָרט אויסגעגעבען פאַר משיח אונ האט אַפילו אויסגערעכענט אַז אים יאהר 1290 מוז זיך אָנהייבען די גאולה. חאָטש עס האט זיך באַלד אַרויסגעוויזען אַז דער חשבון פון ר' אברהם אַבולאַפיא איז ניט אַזוי ריכטיג אונ ער אַלליין איז אין צוויי יאהר אַרום געשטאָרבען, פון דעסטוועגען האט ער אין סיציליען געהאט אַ סך מאמינים אונ געטריַיע תלמידים, וואס האבען געהאַלטען מיט איהם. ער האט אויך אין די לעצטע יאהרען געאַרבייט מיט אַללע כוחות צו בעפעסטיגען די קַבָּלָה, אונ אַז די יודישע קהלה פון פאַלערמא האט געשיקט אָנפרעגען קיין באַרצעלאָנא צו ר' שלמה בן אדרת (הרשב"א) וואס זיין דעה איז וועגען די מקובלים, אונ דער בעריהמטער רב האט געענטפערט: מען זאל זיך היטען פאַר זיי ווי פאַר פייער, האט ר' אברהם אַבולאַפיא אַרויסגעלאָזט אַ פייערינען בריעף אונ האט זיך נעקלאָגט דאַרויף וואס די יודען ווילען ניט זיין חכמים אונ פרעגען שאלות ווען אַפילו די קריסטען גלויבען איהם אונ נעהמען פלינק אָן זיינע ווערטער. ער

האט אבער ניט בעדארפט זיך לאנג קלאגען, ווייל חכמים און שאלות פראגער האבען זיך צווישען יודען געפונען נאר ווענינ, דאס פראסטע פאלק האט זיך זעהר לייכט געלאזט איינרעדען אויפ'ן הימעל אייד, און א פאר פון זיינע תלמידים האבען איבערגעטראגען זיין תורה קיין שפאניען: איינער פון זיי וואס האט זיך געלאזט רופען שמואל הנביא האט זיך בעזעצט אין א קליין-שטאדטעל איילון, דער אנדערער האט זיך געפונען א גראסערע שטאדט אבילה און ביידע האבען אנגעהויבען שפיעלען די ראללע פון נביאים און טראסטער דעם עולם אז באלד וועט זיך אנהייבען די משיח'ס צייט. ר' שלמה בן אדרת (הרשב"א) האט אפילו אללעמען מזהיר געוועהן זיי זאלען זיך ניט לאזען אראבפיהרען פונ'ם וועג, נאר וועמען גלוסט זיך נאך אזוי בלינד גלויבען ווי דעם יודען אין א שלעכטער צייט, ווען דאס פערביטערט שווער הארץ לענגט ארויף א שטיין אויך אויף דעם דערשלאגענעם פערמאראטשעטען קאפ: און דאריבער האט דער "נביא" פון אבילה געהאט א סך נארען וואס האבען איהם נאכגעטאנצט און אז ער האט בע-שטימט געזאגט אז אים יאהר 1296, פונקט אינ'ם לעצטען טאג פון חודש תמוז, וועט משיח קומען האט מען איהם געגלייבט און מען האט זיך מכין געוועהן צו דער גרויסער ישועה. אללע האבען געפאסט דעם גאנצען טאג, זיי האבען זיך אנגעטהון אין ווייסען ווי אום יום כפור און זענען ביז נאכט געבליבען אין שול און האבען געווארט ביז זיי וועלען דערהערען דעם שופר של משיח. אוודאי האט זיך פון דעם אויסגעלאזט א חלום, און אז פיעל פון זיי האבען בעמערקט אויף זייערע ווייסע קיטעל אנגענעהטע רויטע קרייצלעך זענען זיי נאר פערדולט געווארען און זענען פלוצלונג איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום. וואס דאס איז אזיינס געוועהן, צו האט מען אימיסטען אזוי אבגעטהון די יודען אדער עס איז עפים א צופאל דא געוועהן, קאן מען ניט וויסען: די גאנצע זאך איז פונקט אזוי פינסטער ווי דאס לעבען פון די צוויי נביאים, וואס מען ווייסט אפילו ניט וואהין זיי זענען פערפאלען געווארען און וואס עס האט זיך פון זיי אויסגעלאזט

אין דער זעלבער צייט איז אויף דער וועלט צום ערשטען מאל בעקאנט געווארען דער ספר "זוהר הקדוש" וואס לויט ווי די מקובלים האבען געגלייבט, האט איהם געשריבען ר' שמעון בן יוחאי אין דער מערה, וואו ער איז דרייצעהן יאהר בעהאלטען געוועזן פון דער רוימישער מלוכה. (עיין למעלה זייטע 48), א געוויסער מקובל פון יענער צייט מיט'ן נאמען ר' משה בן שם טוב די ליאון, וועלכער איז געבארן אים יאהר 1250, האט דערצעהלט, אז רבנו משה בן נחמן

רמב"ן) האָט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל געפונען אַלְטע כְּתָבִים, וועלכע ער האָט דערקענט, אַז דאָס זיינען ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ס כְּתָבִים. אונ אַזוֹי ווִיא ער, ר' משֶׁה בֶּן נַחְמָן האָט געוואָלט אַז זיי זאָללען דער וועלט בעקאַנט ווערן האָט ער זיי אַוועק געשיקט אין קאַטאַלאָניען, פון דאָרט האָט זיי אַגרויסער שטורם ווינד פערטראָגען אין דער מְדִינָה אַראַגאָניען אונ דאָ זיינען זיי צו איהם, צו ר' משֶׁה די ליאון, אין די האַנד אַריינגעפאַללען אונ איהם איז בעשערט דיזעלבע כְּתָבִים מְפַרְסֵם צו זיין מיט דעם נאָמען „זוהַר הַקָּדוֹשׁ".

דער נאָמען פון'ם הייליגען תַּנָּא ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אַלליין, האָט מעהר קיין הַסְכָּמוֹת ניט געבּרויכט אונ פון אַללע זייטען האָט מען זיך געווענדעט צו ר' משֶׁה די ליאון ער זאָלל אָבְּשרייבען קאָפּיעס. אַוַדַאי זיינען אין אָנְהֵייב אונ אויך שפּעטער געוועזען געגנער, וואָס האָבען ר' משֶׁה'ן חוֹשֵׁד געוועהן, אַז די גאַנצע זאַך איז איין אויסגעטראַכטע, ניט ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי האָט עס געשריבען נור טאַקי ער אַלליין, אונ האָט עס נאָר אַנאָמען געגעבען אויף ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, כְּדֵי דער עוֹלָם זאָלל עס פאַר הייליג אָננעהמען אונ זאָלל איהם פאַר זיינע קאָפּיעס אָבְּשרייבען גוט בעצאָהלען. גענומען האָט זיך דער חֲשַׁד דערפון, וואָס ער האָט קיינעם דעם עֶצֶם כְּתַב יַד פון ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי ניט געוויזען אונ נאָך מעהר, דערפון, וואָס גְרָאד צו דער איינענער צייט איז פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל געקומען ר' יִצְחָק פון עַכּוֹ, דעם רמב"ן'ס אַחָבֵר אונ אַתַּלְמִיד, אונ אַלליין אויך אַגרויסער מְקוּבָּל, אונ האָט געשריען, אַז דער רמב"ן האָט נאָר קיינמאָל אַזעלכע כְּתָבִים ניט געפונען אונ ערגעץ קיין קַבָּלָה כְּתָבִים ניט געשיקט. דער ר' יִצְחָק האָט ניט אויפגעהערט חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ צו זיין דעם אֱמֶת אֲפִילוּ נאָך ר' משֶׁה'ס טוֹידט. אונ ווי ער דערצעהלט, האָבען איהם ר' משֶׁה'ס ווייב אונ זיין טאָכטער מוֹדֶה געוועהן אונ האָבען געשוואָרען, אַז ר' משֶׁה האָט קיינמאָל קיין כְּתַב יַד פון ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי ניט געהאַט, אונ האָט דעם זוהַר געשריבען פון קאָפּ. נור ווי די זאַך איז, דער רוֹב מְקוּבָּלִים, בעזאָנדערס די פון ר' טוֹדְרוֹס הַלֵּוִי אַבּוּלאַפְיָא'ס חֶדֶר, האָבען איהם פאַר הייליג אונ פאַר ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ס „זוהַר הַקָּדוֹשׁ" אָנגענומען, בִּפְרַט אַז זיי האָבען אין איהם געפונען רְמָזִים אויף'ן קֵץ אונ אויף מָשִׁיחַ'ס צייטען, וואָס דער עוֹלָם האָט דאַמאָלס, ווי אין אַללע שלעכטע צייטען שטאַרק געוואַרט אונ געהאָפט. אונ אַזוֹי איז דער „זוהַר הַקָּדוֹשׁ" מיט דער צייט אַריין אין גאַנצען יודענטהום אונ שפּיעלט די גרעסטע ראָללע צווישען אַללע קַבָּלָה סְפָרִים אונ איז פאַר הייליג

אָנגענומען, אֲפִילוּ בַּיי די וואס בעשעפטיגען זיך ניט מיט קַבָּלָה ביז היינטיגען טָאג.

אין דער צייט וואס פון איין זייט האבען די מקובלים מיט אללע כוחות געצויגען דאס פאלק צום בלינדען גלויבען האבען זיך פון דער אנדערער זייט געפונען פריי גייסטער, וואס האבען זיך געמיהט זייערע ברידער מיט געוואלד צו צופיהרען דוקא צו חקירה, נאר זיי האבען אויך איבערגעצויגען דאס שטריקעל אונ זענען מיט זייערע חקירות דערגאנגען אזוי ווייט, אז אפילו דעם רמב"ם'ס גאנג האט זיך זיי אויסגעוויזען נאך ווענינ. זיי האבען געוואלט, אז די אמונה מיט דער חכמה זאלען זיך אויסגלייכען אין אללעמען, אונ אלדינג וואס עס איז געגען שכל הישר זאל מען להלוטין ארויסווארפען פון די היילינע ספרים אדער אויפפראגן צו גלויבען. די חקרנים האבען זיך גראסטענטהיילס גע-פונען אין פערפיניאן אין ארראגאניען; דארט איז געוועהן א קליינע יודישע קהלה וואו די יודען איז דוקא ניט אזוי גוט געוועהן, ווייל זיי האבען אללע געמוזט וואהנען ווייט פון דער שטאדט אין א בעזונדער גאס, וואס איז געוועהן בעשטימט פאר מצורעים, פאר מענשען מיט הויט-קראנק-הייטען, נאר פון לאנג אן האט דארט געהערשט א פרייער גייסט אונ א בעזונדערע ליעבע צו וויסענשאפט. דער פארשטעהער פון די חקרנים איז געוועהן א בעריהמטער למדן ר' לוי בן חיים פון ווילפראנש, איהם האט שטארק געהאלפען איינער פון די שאנסטע בעלי בתים, דון שמואל הסולמי, אדער מען עסקאליטא, וואס האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט אונ צדקה אונ האט זיך אלליין אויך גערעכענט צווישען די גראסטע לומדים. דער רב פון דארט, דון ווידאל מנחם בן שלמה המאירי איז אפילו אפט ניט צו-פריעדען געוועהן פון ר' לוי'ס פרייע געדאנקען, נאר ער האט אבער אלליין אויך זעהר ליעב געהאט די חכמה, דערפאר האט ער קיינעם ניט געוואלט שטארן אונ די חקרנים האבען געקאנט אפען דרש'נען אונ בעפעסטיגען זייערע דעות.

די פרומע לומדים פון מאנפעליע, וואו דער רב ר' שלמה איז אפילו געגען רמב"ם ארויס מיט חרמות, האבען פאר די חקירות וואס האבען זיך אנגעהויבען שיטען פון פערפיניאן זיך שטארק דערשראקען אונ עס איז ביי זיי געבליבען מען זאל אנמאכען א רעש צווישען די יודען אז די גאנצע אמונה איז אין א גרויסער סכנה אונ מאכען א סוף מיט די אפיקורסים אז עס זאל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען. דער ערשטער איז ארויסגעשפרונגען אבא מרי בן משה פון מאנפעליע, אדער ווי מען האט איהם גערופען, דון אסטרוק

דע-לונעל, נאר אזוי ווי ער האט זיך ניט געפיהלט אין כח, אז ער זאל אלליין קאנען בייקומען אזא למדן ווי ר׳ לוי בן חיים פון ווילל״פראנש. האט ער זיך געווענדעט צו ר׳ שלמה בן אדרת (הרשב״א) אונ האט איהם בעשריבען ווי הייליג די מלחמה איז אקעגען די אפיקורסים אונ ווי נעטהיג עס איז אז דער בעריהמ-טער רב פון ברצלונה זאל אויך אפענטליך דא ארויסטרעטען. ר׳ שלמה בן אדרת האט פריהער געענטפערט אז ער קאן זיך ניט אריינמישען אין עסקים פון פרעמדע קהלות, נאר אז ער האט דערנאך געזעהן אז די פרומע רבנים ווילען מעהר ניט איינפיהרען אז מען זאל פאר דרייסיג יאהר ניט לערנען קיין חקירה ספרים האט ער געמוזט צו ליעב טהון אונ האט אנגעשריבען א בריעף צו זיין פריינד דון שמואל הסולמי, ער זאל ניט אזוי מקרב זיין ר׳ לוי בן חיים פון ווילל״פראנש, כדי די חקרנים זאלען ניט האבען אזא שטארק אנשפארעניש. ער האט עס אפילו גע-פועל׳ט אונ דון שמואל הסולמי האט זיך אנגעהויבען דערווייטערן פון ר׳ לוי׳ן, נאר עס איז דערפון גאר ניט געווארען, ווייל אין פערפיניאן האט מען שוין שטארק געהאלטען מיט די חקרנים אונ טאקי אין מאנפעליע אליין זענען פיעל ברונז געוועהן אויף אבא מרי פאר דער מחלוקת וואס ער האט אנגעמאכט. גענומען האט זיך עס דערפון וואס די פרומע האבען געוואלט צו שלעפען צו זיך איינעם פון די גרעסטע יודישע לייט פון מאנפעליע, ר׳ יעקב בן מכיר אבן-תבון, אדער דון פראפאטיוס, וואס איז געוועהן א בעריהמטער דאקטאר אונ א גרויסער שפראכענקענער אונ האט געשפיעלט א וויכטיגע ראללע צווישען זיינע ברידער, ער האט געשטאמט פון דער משפחה „אבן-תבון“ אונ האט זיך פונקט ווי זיינע עלטער-זיידעס בעשעפטיגט מיט איבערזעצונגען פון פערשיעדענע וויסענשאפטליכע אראבישע ביכער אויף לשון קדש. די פרומע זענען פון דעסטוועגען ביי זיך אזוי גענארט געוועהן, אונ אפשר האבען זיי גערעכענט אז זיי זענען אזוינע תקיפים אז אפילו אזא זעלבסטשטאנדיגער מענש ווי ר׳ יעקב בן מכיר וועט זיי אויך מוזען נאכגעבען אונ זיי האבען איהם פאר-געלעגט ער זאל קומען צו זייער אסיפה אונ זאל פון זיין זייט אויך געבען עצות ווי אזוי צו רודף׳ן די חקרנים. זיי האבען אבער א גרויסען טעות געהאט: ר׳ יעקב האט ניט נאר אפען ערקלעהרט אז ער איז א געגנער פון זייער דעה, נאר ער האט נאך צו זיך צוגעצויגען א פאר בעלי בתים, אונ ביידע צדדים האבען זיך אנגעהויבען קריעגען גאר אויף איין אנדער אופן. אבא מרי האט געוואלט מאכען חאטש פינף אונ צוואנציג חתימות פון געהויבענע מענשען, כדי צו ווייזען ר׳ שלמה בן אדרת אז מיט איהם האלטען אללע עהרליכע יודען; ר׳ יעקב בן

מְכַּבֵּד גָאט זִיךְ ווידֶער אָנְגֶענוּמֶען פַארְ'ן כָּבוֹד פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְ'ן, וָואס הָאבֶּען אַלֶּע גֶעאַרְבַּייט פַאר דֶער חָכְמָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזוּכְט פַארְנְרֶעסֶערְן די צָאהל פוּן זַיינֶע נוּטְצֶע פְרַיינְד, עֶר הָאט זַיי גֶענוּמֶען דֶערְמִיט וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז אַבָּא מָרִי וִויל וָוערֶען דֶער צְוַוייטֶער ר' שְׁלֹמֹה פוּן מָאנְפֶּעלְיֶע אוּנ זוּכְט אַפִּיקוֹרְסוּת אֲפִילוּ אִין דֶעם רמב"ם'ס סְפָרִים, אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָוענְדְט צוּ ר' שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת עֶר זָאל מוֹדֶה זַיין אַז די פְרוּמֶע זָענֶען אוּנְגֶערֶעכְט; ר' שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעהַאלְטֶען פוּן דֶערְוַוייטֶענְס אוּנ אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס מַחֲלוֹקֶת צוּבְּרֶענְט אִין פִיעל שְׁטֶערְט, אוּנ די קְהִלּוֹת פוּן אַרְגֶענְטִיעֶר, אֶ-אַוִוינְיָאן אוּנ לוּנֶעל הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַבָּא מָרִי'ס זַייט. אֲפִילוּ אִין פֶּערְפִּינְיָאן אַלֵיין אִיז צוּ די פְרוּמֶע צוּגֶעשְׁטַאנֶען דֶער בֶּעריהְמְטֶער לַמְדָן ר' קְלוֹנִימוּס בֶּן טוֹדְרוּס אוּנ אַלֶּע הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרְבַּייטֶען טָאמִיר וֶועט מֶען פוֹעֶלְ'ן בַּיי ר' שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת עֶר זָאל די תַּקְרָנִים אַרַיינְלֶעגֶען אִין חֵרֶם, נָאר ר' שְׁלֹמֹה הָאט גֶעאֶנְפֶערְט אַז עֶר קָאן זִיךְ אוֹיף קֵיין זַאךְ נִיט עֶנְטְשְׁלִיסֶען בִּיז נַאנְצֶע צְוַואנְצִיג קְהִלּוֹת וֶועלֶען נִיט עֶרְקְלֶעהְרֶען אַז זַיי פָארֶערְן מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען די תַּקְרָנִים בֶּענוּטְצֶען מִיט אַזָא גֶעפֶאהְרְלִיכֶען מִיטֶעל.

אַז עֶס אִיז בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן דָאס מַחֲלוֹקֶת זָאל זִיךְ פַארְגְרֶעסֶערְן, הָאט נְרָאד בֶּעדַארְפְט אִין דֶער צַייט אָנְקוּמֶען קֵיין שְׁפַאנְיֶען דֶער בֶּעריהְמְטֶער לַמְדָן ר' אָשֵׁר בֶּן יְחִיאֵל, וָואס אִיז מֶעהר בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאהמֶען רא"ש. ר' אָשֵׁר אִיז גֶעוֶועהן אַ תַּלְמִיד פוּן ר' מֵאִיר פוּן רוֹטֶענְבּוּרְג אוּנ עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט אִין דַייטְשְׁלַאנְד זֶעהר אַ בִּיטֶערֶע צַייט: די צָרוֹת הָאבֶּען אִיהם אִין גַאנְצֶען אָבְּגֶערִיסֶען פוּן דֶער וָועלְט, עֶר הָאט זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוֹיסֶער דֶער גְמָרָא אוּנ די מְפָרְשִׁים הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט וִויסֶען, קֵיין הֵיילִינֶערֶע פוּן דֶער תּוֹרָה אִיז בַּיי אִיהם נִיט גֶעוֶועהן, אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט זִיא בַּיי אִיהם אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט פָּשׁוּט אַ שִׂנְאָה צוּ אַלֶּע אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת. מֶען דַארְף אָבֶּער טַאקִי וִויסֶען וָואס דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטְהוּן מִיט די דַייטְשֶׁע יוּדֶען כְּדֵי מֶען זָאל קָאנֶען פַארְשְׁטֶעהן פַאר וָואס אַזֶעלְכֶע לוֹמְדִים וִוי ר' אָשֵׁר הָאבֶּען גֶעמוּזְט בְּלַייבֶּען פְרֶעמְד פוּן וָועלְטְלִיכֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען. אַז עֶר הָאט זִיךְ אִין דַייטְשְׁלַאנְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ אִינְוֶוענִינְסְטֶער קְרִיגְ צְווִישֶׁען די אַיינְוָואהנֶער וֶוענֶען דֶער מְלוּכָה, אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען פַארְ'ן קֵייזֶער אַדָאלְף פוּן נַאסוֹיא אוּנ אַנְדֶערֶע הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט אַלְבְּרֶעכְט פוּן אָסְטֶערְרַייךְ, הָאבֶּען בֵּיידֶע צְדָדִים אוֹיסְגֶעלָאזְט זַייעֶר כַּעַס צוּ די יוּדֶען אוּנ טוֹיזֶענְדֶער פוּן

זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעבְּרַאכְט גֶעווָארֶען. פְלוּצְלוּנְג הָאט מֶען נָאר אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶאדְטֶעל
רָאטְטִינְגֶען, אִים יָאהר 1298 אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען מְבַזֶה גֶעוֶועהְן
אֵיינְס פוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכֶען, וָואס וֶוערֶען בֶּענוּצְט בַּיים קְרִיסְטְלִיכֶען גָאטֶעס־
דִיעְנְסְט, אוּנ בַּאלְד הָאט זִיךְ אָנְגֶעזוּכְט אַ רוֹצֵחַ, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען רִינְדְפְלֵייש
אוּנ הָאט צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה מֶען זָאל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין דִי יוּדֶען.
מֵילָא פוּן דִי יוּדֶען פוּן דֶעם שְׁטֶאדְטֶעל אַלֵיין, וואוּ דֶער הֵטְא אִיז קְלָאמֶערְשְׁט
גֶעשֶׁעהְן, הָאט מֶען נָאר נִיט וָואס צוּ רֶעדֶען אַז זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען אִין
פַייעֶר; נָאר רִינְדְפְלֵייש הָאט נִיט אוֹיסְגֶעלָאזְט אֵיין שְׁטָאדְט אוּנ דָארְט וואוּ עֶר
אַלֵיין הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט צוּפִיהרֶען דִי הָאנְד הָאט עֶר אָנְגֶערֵייצְט דָאס פָאלְק
אוּנ מֶען הָאט אוּמֶעדוּם גֶעמַאכְט אַ תֵל פוּן דִי יוּדֶען. אִין וִוירְצְבּוּרְג הָאט
מֶען נִיט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קֵיין אֵיינְצִיגֶען פוּן דֶער גְרוֹיסֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָה; אִין
נִירְנְבֶּערְג הָאבֶּען דִי קְרִיסְטֶען צוּם אָנְהֵייבּ גֶעשִׁיצְט דִי יוּדֶען, נָאר גִיךְ זֶענֶען
זֵיי מִיעד גֶעווָארֶען אוּנ מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁחִיטָה. דֶעמָאלְט הָאט מֶען דֶער־
הַרְגֶ'ט ר' אָשֵׁר'ס אַ קָרוֹב אוּנ אַ חָבֵר, ר' מָרְדְכַי בֶּן הִלֵל מִיט זַיין פְרוֹי אוּנ
פִינְף קִינְדֶער. פִיעל עֶלְטֶערְן, וָואס הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער
וֶועלֶען נִיט קָאנֶען בֶּעשְׁטֶעהְן אוֹיף דֶעם נִסָיוֹן אוּנ וֶועלֶען אֶפְשַׁר אָבְּטְרֶעטֶען פוּן
דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה, הָאבֶּען אַלֵיין זִיךְ מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען
אִין פַייעֶר. אַ הַאלְבּ יָאהר הָאט גֶעדוֹיעֶרְט רִינְדְפְלֵיישְ'ס רְצִיחָה אוּנ מֶעהר פוּן
הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד יוּדֶען הָאבֶּען מִיט'ן לֶעבֶּען בֶּעצָאהלְט. נָאר אַז דֶער קֵייזֶער
אַלְבְּרֶעכְט הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה אִיז גֶעווָארֶען אַ בִּיסֶעל שְׁטִילֶער, וַוייל
עֶר הָאט נִיט גֶעווָאלְט פֶערְלִירֶען דֶעם גְרוֹיסֶען מַס וָואס דִי יוּדֶען פְלֶעגֶען צָאהלֶען.
דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזֶעהְן מֶען זָאל זֵיי מֶעהר נִיט טְשֶׁעפֶּען אוּנ עֶס הָאט אֲפִילוּ
אִיהם נִיט גֶעהַארְט וָואס פִיעל פוּן דִי וָואס מֶען הָאט זֵיי פְרִיהר גֶעצְווּאוּנְגֶען זֵיי
זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען, זֶענֶען צוּרִיק גֶעווָארֶען יוּדֶען. נָאר אַ שֵׁיינֶעם קִיוּם קָאן שׁוֹין
הָאבֶּען אַזַא שְׁטִילְקַייט, וָואס אִיז גֶעבּוֹיעט אוֹיף גֶעלְד־רַייסֶען. ר' אָשֵׁר הָאט זִיךְ
שׁוֹין מֶעהר נִיט גֶעפִיהלְט זִיכֶער אִין דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעווָאהר גֶע־
וָוארֶען אַז דֶער קֵייזֶער אַלְבְּרֶעכְט ווִיל בַּיי אִיהם פָארְדֶערְן דִי סוּמֶע, וָואס דִי
יוּדֶען הָאבֶּען גֶעווָאלְט פְרִיהר בֶּעצָאהלֶען פַאר זַיין רֶבִּי'ן ר' מֵאִיר פוּן רוֹטֶענְבּוּרְג
אוּנ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט טָאמֶער זֶעצְט מֶען אִיהם אוֹיךְ אִין תְּפִיסָה, הָאט עֶר זִיךְ
אִים יָאהר 1303, צוּזַאמֶען מִיט זַיין פְרוֹי אוּנ זַיינֶע אַכְט זִיהן אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִין
דֶער וֶועלְט אַרַיין. צְווֵיי יָאהר אִיז עֶר נָע וָנָד גֶעוֶועהְן, אַ קְלֵיינֶע צַייט אִיז עֶר
גֶעבְּלִיבֶּען אִין סַאבּוֹיעֶן, אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעשְׁלָאגֶען קֵיין טוֹלֶעדָא.

און איז דאָרט געוואָרען רב. ר' אָשר איז שוין געוועהן בעקאַנט מיט זיין איבערגעבענהייט נאָר דעם יודישען לערנען, און צו איהם האָט זיך געוואָרפען אַבא מרי און האָט איהם פאַרשטעהן געגעבען אַז אויף איהם איז זיין גאַנצע האָפנונג, אַז ער מוז העלפען אָבראַטעווען דאָס פאָלק און די אמונה. שטאַרק בעטען האָט ער ר' אָשר'ן ניט בעדאַרפט, ווייל ער איז געוועהן נאָך אַ גראָסערער מחמיר פון איהם און האָט געדרונגען, אַז אפילו יודען פון דרייסיג יאָהר טאָרען זיך ניט צורירען צו קיין וויסענשאַפטליכע ספרים און אַז מען מוז די אפיקורסים עוקר מן השורש זיין. ר' אָשר'ס אַריינמישען-זיך האָט צוגעפיהרט דערצו וואָס ר' שלמה בן אדרת האָט אויך אויפגעהערט שלאַבעריג זיין און האָט זיך פעסט ענטשלאָסען אונטערצושרייבען דעם חרם געגען די חקרנים, בעזאָנדערס אַז איינער פון זיינע תלמידים, ר' שמשון בן מאיר, האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלען חתימות פון צוואַנציג קהלות. עס האָט זיך אפילו באַלד אַרויסגעוויזען אַז ניט אין אַללע שטאָדט האָט מען געוואָלט בעשטעהן מען זאָל מיט די חקרנים געהן מיט תקיפות, און דווקא אין מאָנפעליע, וואו די פרומע האָבען גערעכענט אַז מען וועט דעם חרם אויפהאַפען מיט ביידע האַנד, איז כמעט די גאַנצע קהלה געוועהן דערגעגען. ר' שלמה בן אדרת האָט שוין אָבער ניט געפאַסט אָבצוטרעטען, און אים שבת חזון דעם 23 יולי 1305, האָט ער אָפענטליך אין שול מיט אַ ספר תורה אויף די האַנד פאַרגעלייגט דעם חרם, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף די יונגע לייט וואָס וועלען פאַר פינף און צוואַנציג יאָהר לערנען חכמות, אויסער מעדיצין וואָס איז נאָטהיג פאַר'ן געזונד. אַחוץ דעם האָט ער אָנגעזאָגט מען זאָל פערברענען אַללע חקירה־ספרים און מען זאָל אפילו אויפ'ן רמב"ם אויך ניט לייגען קיין כבוד. דער חרם פון ברצלונה האָט אָבער ניט געקאָנט גילטען אין אַנדערע שטאָדט און דערפאַר האָט מען צוגעשיקט שלוחים איבעראַל וואָס זאָלען צו ריידען דעם עולם מען זאָל מסכים זיין צו דער דעה פון ר' אָשר מיט די איבריגע רבנים.

אַז די ידיעה פון דעם חרם איז אָנגעקומען קיין מאָנפעליע האָט ר' יעקב בן מכיר אבן-תבון בעוויזען זיינע געגנער אַז מיט איהם טאָר מען זיך ניט שפּיעלען און אַז די גאַנצע שטאָדט האַלט מיט איהם. די פרומע האָבען גערעכענט אַז ווי באַלד עס איז געראָטהען דער חרם צו פערעפענטליכען אין ברצלונה וועט מען אין מאָנפעליע נאָר ניט ריידען און מען וועט באַלד מאַכען אַ סוף פון די חקרנים. זיי האָבען אָבער אַ גרויסען טעות געהאַט: ר' יעקב אבן-תבון האָט פון זיין זייט אויך אַרויסגעגעבען אַ חרם געגען די וואָס וועלען זייערע קינדער

אָבְּהַאלְטֶען פוּן לֶערְנֶען פְרֶעמְדֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ חָכְמוֹת, אָדֶער זֵיי וָועלֶען רֶעדֶען עֶפִּים שְׁלֶעכְטְס אוֹיפ'ן רמב"ם אוּנ אַנְדֶערֶע יוּדִישֶׁע חֲכָמִים. ר' יַעֲקֹב הָאט זִיךְ נָאךְ נֶעפְּרוּבְט צוּ זוּכֶען הִילְף בַּיי דֶער מְלוּכָה אוּנ הָאט אִיהר אוֹיפְגֶעקְלֶאהרְט ווִי שֶׁאדְלִיךְ עֶס וֶועט זַיין פַאר דֶעם לַאנְד וֶוען אַ גַאנְץ פָאלְק וֶועט לִיעגֶען אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ אוּנ וֶועט בְּלַייבֶּען ווַייט פוּן וִויסֶענְשַׁאפְט; עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער בַּאלְד אִיבֶּערְצַייגְט, אַז אוֹיף דֶער מְלוּכָה קָאן עֶר ווֵינִיג רֶעכְנֶען, ווַייל מֶען הָאט אִיהם גֶעאֶנְטְפֶערְט אַז מֶען נֶעהמְט טַאקִי אָן זַיין דֵעָה אוּנ מֶען וֶועט נִיט דֶער לָאזֶען דִי פְרוּמֶע זָאלֶען אוֹיסְפִיהרֶען, נָאר אַ טַעַם הָאט מֶען אִיהם אָנְגֶעווִיזֶען אַזֶעלְכֶען, וָואס הָאט אִיהם גָאר נִיט גֶעשְׁמֶעקְט: מֶען הָאט אִיהם פָּשׁוּט גֶעזָאגְט אַז פַאר דֶער מְלוּכָה אִיז גֶעווִיס גְלַייכֶער יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ יָא בִּילְדֶען, נָאר צוּ לִיעבּ דֶעם, זֵיי זָאלֶען גִיכֶער קָאנֶען אִיבֶּערְגֶעהן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. ר' יַעֲקֹב הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָא סוּז עֶר גֶעהן מִיט זַיין אֵיינֶענֶעם שֵׂכֶל אוּנ כֹּחַ אוּנ הָאט אַזוֹי גֶעפִיהרְט אַז כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע קְהִלָּה אִיז גֶעוֶועהן אוֹיף זַיין זַייט, אוּנ אַבָּא מָרִי מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעצֶעהלְטֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין. דֶעמָאלְט אִיז אַבָּא מָרִי'ן נָאר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארֶען, ווַייל עַל פִּי דִין הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעטָארְט אָבְּזָאגֶען פוּן דֶעם וָואס דִי גַאנְצֶע עֵדָה הָאט אָנְגֶענוּמֶען, אוּנ צוּשְׁטֶעהן צוּ ר' יַעֲקֹב'ס חֵרֶם הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט, דֶען עֶר וָואלְט גֶעווִיס גֶעקוּמֶען צוּ לַייטִישֶׁע גֶעלֶעכְטֶער, אוּנ מֶען וָואלְט אוֹיף אִיהם מִיט דִי פִינְגֶער גֶעטַייט אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין זַיין אֵיינֶענֶעם גֶעץ. עֶר הָאט גֶעטְהוּן וָואס עֶר הָאט גֶעקָאנְט אַז עֶס זָאלל אִיהם גֶעְ־ רָאטְהֶען צוּ צוּצִיהֶען צוּ זִיךְ נָאךְ מֶענְשֶׁען, אוּנ אַז עֶס הָאט אִיהם נִיט גֶעהָאלְפֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע רַבָּנִים אוּנ הָאט גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל אִיהם מַתִּיר זַיין אַרוֹיסְצוּשְׁפְּרִינְגֶען גֶעגֶען אַ "רַבִּים", נָאר אֲפִילוּ ר' שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶּרֶת הָאט נִיט גֶעקָאנְט נֶעהמֶען אוֹיף זִיךְ אַזַא הֶיתֵּר, אוּנ אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער צַד פוּן דִי חַקְרָנִים אַללֶע מָאל מֶעהר פֶערְשְׁטַארְקְט אוּנ דֶער חֵרֶם פוּן בַּרְצֶלוֹנָה הָאט נִיט גֶעְ־ מַאכְט אַזַא גְרוֹיסֶע ווִירְקוּנְג.

בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ אִיבֶּערְשְׁלָאג, וָואס צוּ לִיעבּ דֶעם הָאבֶּען בֵּיידֶע צְדָדִים גֶעמוּזְט אוֹיף אַ קְלֵיינֶע צַייט אַוֶועקְלֵייגֶען דָאס מַחֲלוֹקֶת. פְּלוּצְלוּנְג הָאט דֶער קָאנִיג פוּן פְרַאנְקְרַייךְ פִילִיפּ דֶער פִיערְטֶער, אִים יָאהר 1306 אַרוֹיסְ־ גֶעגֶעבֶּען בְּסוֹד אַ בֶּעפֶעהל אַז אִין אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען טָאג זָאל מֶען אָנְפַאלֶען אוֹיף אַללֶע יוּדֶען פוּן דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד אוּנ מִיט ווַייבֶּער אוּנ קִינְדֶער זָאל מֶען זֵיי אַיינְזֶעצֶען אִין תְּפִיסָה, אוּנ פוּנְקְט אוֹיפ'ן אַנְדֶערְן טָאג נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וֶוען דִי יוּדֶען זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועהן מִיעד פוּנ'ם תַּעֲנִית, הָאט מֶען זֵיי אַללֶע פֶערְנוּמֶען פוּן

קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, אוּנ מֶען הָאט זֵיי פְרִיהר אָבְּגֶעהַאלְטֶען עֶטְלִיכֶע טָאג אִין גֶעפֶאנְגֶענִים אוּנ דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט אַז אִין אַ חֹדֶשׁ צַייט מוּזֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ פוּן זֵייעֶר פֶערְמֶעגֶען טָארֶען זֵיי קֵיין פָארֶעם נִיט מִיט נֶעהמֶען. וֶועמֶען מֶען וֶועט אָבֶּער דֶערְנָאךְ טְרֶעפֶען וֶועט עֶר פֶערְמִשְׁפָּט וֶוערֶען צוּם טוֹיט. פַאר דֶער וֶועלְט הָאט עֶס גֶעהֵייסֶען: אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ שְׁטַארְק פֶערְזִינְדִיגְט, אַז מֶען קָאן שׁוֹין פוּן זֵיי גָאר נִיט אוֹיסְהַאלְטֶען, אוּנ מֶען מוּז דִי שֶׁעדְלִיכֶע מֶענְשֶׁען פַּטֶר׳ן. אִין אֱמֶת אָבֶּער אִיז דָא גֶעוֶועהן נָאר אַיין אַנְדֶער כַּוָּנָה: דֶער דַייטְשֶׁער קֶענִיג אַלְבְּרֶעכְט הָאט גֶעהַאט צוּ פִילִיפְּ׳ן פֶערְשִׁיעדֶענֶע טַעֲנוֹת אוּנ מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִיהם וֶועגֶען דֶער הַכְנָסָה פוּן דִי יוּדֶען, אוּנ אַז פִילִיפְּ הָאט גֶעזֶעהן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר מוּזֶען זִיךְ אָבְּזָאגֶען פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען מַס, וַוייל דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט וִוי קַאמֶערְקְנֶעכְט פוּן דֶער דַייטְשֶׁער מְלוּכָה, אִיז בַּיי אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל זֵיי גָאר אִין גַאנְצֶען אַרוֹיסְוַוארְפֶען אוּנ זָאל זֵיי פְרִיהר גוּט אוֹיסְלֵיידִיגֶען דִי קֶעשֶׁענֶעס, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען קוּמֶען אוֹיף אַ נַיי אָרְט נַאקֶעט אוּנ בְּלוֹיז. אַזוֹי הָאט מֶען בַּיי דִי יוּדֶען צוּגֶענוּמֶען אַלְדִינְג וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט, דֶעם גְרֶעסְטֶען עוֹשֶׁר הָאט מֶען מֶעהר נִיט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאר וִוי אוֹיף אֵיין טָאג צוּם לֶעבֶּען, אוּנ בִּיז צוּם חֹדֶשׁ אִיז שׁוֹין קֵיין יוּדֶען אִין פְרַאנְקְרַייךְ נִיט גֶעוֶועהן, אוֹיסֶער דִי עֶטְלִיכֶע וָואס עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער גֶעוֶועהן זִיךְ אָבְּצוּרַייסֶען פוּן דִי הַייזֶער אוּנ פוּנ׳ם פֶערְמֶעגֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט טוֹיפֶען. אִין פִילִיפְּ׳ס קַאסֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע מִילְיָאנֶען, אוּנ כְּדֵי צוּ דֶערְוַוייזֶען כְּלוֹמֶר׳שְׁט, אַז עֶר הָאט נִיט גֶעמֵיינְט דָאס גֶעלְד, נָאר דִי יוּדֶען אַלֵיין זֶענֶען אִיהם נִמְאָס גֶעוֶועהן, הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט דָאס גֶעבַּיידֶע פוּן דֶער גְרֶעסְטֶער יוּדִישֶׁע שׁוּל אִין פַּארִיז זַיין קוּטְשֶׁער, עֶר זָאל דֶערפוּן מַאכֶען אַ בֶּעסֶערן תַּכְלִית וִוי אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ.

פִיעל יוּדֶען זֶענֶען דֶעמָאלְט אוּמְגֶעקוּמֶען, וַוייל נִיט אַלֶע זֶענֶען אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶועהן אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט זִיךְ מֵכִין זַיין צוּ אַ נְסִיעָה, וָואס מֶען הָאט נִיט גֶעקָאנְט וִויסֶען וִוי פִיעל זִי וֶועט גֶעדוֹיעֶרְן. דִי נְסִיעָה אִיז אוֹיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעוֶועהן: אַ טְהֵייל פוּן דִי פֶערְטְרִיבֶּענֶע הָאבֶּען אַזְוּשׁ אָנְגֶעשְׁפַּארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ אַהִין אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען אֶשְׁתּוֹרִי פַּרְחִי, אַ קָרוֹב פוּן ר׳ יַעֲקֹב אִבֶּן תִּבּוֹן, וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ גַאנְצֶע קִינָה וֶועגֶען דֶעם נַייעֶן גָלוּת; דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי נָאהֶענְטֶע לֶענְדֶער בַּיי דֶער פְרַאנְצֶעזִישֶׁער גְרֶענִיץ אוּנ הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף אַ גוּטֶע שָׁעָה, זֵיי זָאלֶען קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק אַרַיינְהַאפֶּען אִין דֶער אַלְטֶער הֵיים. זֵייעֶר הָאפְנוּנְג הָאט זֵיי אָבֶּער טַאקֵי נִיט אָבְּגֶענַארְט:

בִּיסְלֶעכְוַויז הָאט זִיךְ דִי גְזֵרָה אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאר גֶעסֶען אוּנ אַז אַ יוּד הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט פִילִיפּ גֶעהֵייסֶען אַוֶועקְקוּקֶען, וַוייל עֶר הָאט זֶעהר גֶעבֶּאנְקְט נָאךְ דִי יוּדִישֶׁע מַטְבֵּעוֹת אוּנ הָאט גֶעהַאלְטֶען פוּנ'ם וָוארְטֶעל: „דֶער יוּד אִיז טְרֵף, נָאר זַיין גְרָאשֶׁען אִיז כָּשֵׁר".

אִין דֶעם פִינְסְטֶערְן יָאהר, וָואס מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ, אִיז דָאס מַחֲלוֹקֶת צְוִוישֶׁען דִי פְרוּמֶע אוּנ דִי חַקְרָנִים אַ בִּיסֶעל שְׁטִילֶער גֶעוָוארֶען, נוּר קוֹים הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען פוּן מָאנְפֶּעלְיֶע אָבְּגֶעזוּכְט אַנַייעֶ הֵיים, הָאט זִיךְ וַוייטֶער דָאס פַייעֶר צוּבְּרֶענְט נָאךְ מִיט מֶעהר קְרַאפְט. ר' יַעֲקֹב אִבֶּן תִּבּוֹן מִיט זַיינֶע לַייט הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין פֶּערְפִּינְיַאן, וָואס הָאט גֶעהֶערְט צוּם אַרַאגָאנִישֶׁען קֶענִיג וֶועלְכֶער הָאט אֲפִילוּ נִיט שְׁטַארְק גֶעהַאלְטֶען פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה אוּנ הָאט גֶעהֵייסֶען דֶעם תַּלְמוּד פַארְבְּרֶענֶען, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר זֶעהר צוּפְרִידֶען גֶעוֶועהן וָואס פֶעהִיגֶע אוּנ גֶעלֶערְנְטֶע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעזוּכְט בַּיי אִיהם אַ מָקוֹם מְנוּחָה, עֶס הָאט אָבֶּער גֶעדוֹיעֶרְט נָאר אַ קְלֵיינֶע צַייט. אַז אַבָּא מָרִי מִיט זַיינֶע לַייט זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען קַיין פֶּערְפִּינְיַאן אוּנ אַז בֵּיידֶע צְדָדִים זֶענֶען וַוייטֶער גֶעוֶועהן אוֹיף אֵיין אָרְט הָאט קַיין שָׁלוֹם, מִן הַסְתָּם, צְוִוישֶׁען זֵיי נִיט גֶעקֶאנְט זַיין. ר' שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת הָאט זִיךְ נָאךְ אַ מָאל אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי פְרוּמֶע אוּנ נָאךְ זַיין טוֹיט הָאט ר' אָשֵׁר בֶּן יְחִיאֵל מִיט זַיינֶע זִיהן עֶרְשְׁט רֶעכְט זִיךְ צוּפִיהְרְט דִי הָאנְד, אוּנ אַז עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיפ'ן תַּלְמוּד אוּנ זַיין נָאהמֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען נָאךְ מֶעהר צוּ קְלִינְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז אִיהם נָאךְ גְרִינְגֶער גֶעוֶועהן צוּ הַאלְטֶען דָאס פָאלְק אִין דֶער מוֹרָא. מֶען הָאט אִיהם גֶעפָאלְגְט אוּנ מֶען הָאט זִיךְ פַאר בִּילְדוּנְג גֶעהִיט וִוי פַאר פַייעֶר. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען דֶער בֶּערִיהמְטֶער לַמְדָן ר' יִצְחָק בֶּן יוֹסֵף הַיִשְׂרְאֵלִי הָאט בֶּעדַארְפְט אָנְשְׁרַייבֶּען זַיין סֵפֶר „יְסוֹד עוֹלָם" אִיבֶּער מַאטֶעמַאטִיק אוּנ אַסְטְרָאנָאמְיֶע, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אִין דֶער הַקְדָמָה זַיין דֵעָה אַרוֹיס זָאגֶען וֶועגֶען דִי אֱמוּנָה, אוּנ רֶעכְט מַאכֶען אַ סַךְ פְּסוּקִים פוּן דֶער תּוֹרָה, כְּדֵי דֶער סֵפֶר זַיינֶער זָאלל הָאבֶּען אַ פָּנִים פוּן דִי פְרוּמֶע סְפָרִים אוּנ נִיט פוּן הַשְׂכָּלָה.

גְרָאד אִין דֶער צַייט, וָואס דֶער רא"ש אִיז גֶעוֶועהן רַב אִין טָאלֶעדַא, זֶענֶען דִי יוּדֶען וַוייטֶער גֶעוָוארֶען גְרוֹיסֶע חֲשׁוּבִים בַּיי דֶער מְלוּכָה. דֶער קֶענִיג פֶּערְדִינַאנד דֶער פִיעֶרְטֶער הָאט גֶעהַאט אַ יוּדִישֶׁען פִינַאנְץ-מִינִיסְטֶער ר' שְׁמוּאֵל; דִי אַלְטֶע קֶענִיגִין מַארִיַא דֶע מָאלִינַא הָאט אִיהם אָבֶּער פַיינְד גֶעהַאט, אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז עֶר מַאכְט אָן אַ שִׂנְאָה צְוִוישֶׁען אִיהר אוּנ דֶעם

זוהן. זי הָאט גֶעדוּנְגֶען אַ רוֹצֵחַ עֶר זָאל הַרְגְ'נֶען ר' שְׁמוּאֵלְן, נָאר אַז מֶען הָאט איהם גֶעשְׁטָאכֶען הָאט דֶער קֶענִיג אָנְגֶעוֶוענְדֶט אַלְלֶע מִיטֶעל אוּנ הָאט אִיהם אָבְגֶערַאטֶעוֶועט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהן זַיין בֶּעסְטֶער יוֹעֵץ אוּנ נָאר צוּ אִיהם הָאט עֶר צוּטְרוֹיֶען גֶעהַאט. אַז פֶערְדִינַאנְד אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ דִי אַלְטֶע קֶענִיגִין הָאט גֶעמוּזְט דֶערְוַוייל אִיבֶּערְנֶעהמֶען דִי מְלוּכָה, הָאט זִי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעקְלוֹיבֶּען פַאר פִינַאנְץ-מִינִיסְטֶער אַ יוּדֶען דוֹן מֹשֶׁה, וָואס אִיז אוֹיף דֶער שְׁטֶעלְלֶע גֶעבְּלִיבֶּען זִיבְּצֶעהן יָאהר. אַז דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם פְּרִינְץ דוֹן זְשׁוּאַן עְמַנוּאֵל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער גֶעלֶעהְרְטֶער אוּנ הָאט גֶעהַאט אַ סַךְ מְקוֹרָבִים יוּדֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס ר' יְהוּדָה בֶּן יִצְחָק אִבֶּן נַואַקַאר, הָאבֶּען דִי פְרוּמֶע נָאר אִין גַאנְצֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ, וַוייל ר' יִצְחָק אִיז גֶעוֶועהן אַ גוּטֶער פְרַיינְד פוּנ'ם רא"ש, אוּנ אִיהם צוּ לִיעבּ, הָאט דִי מְלוּכָה עֶרְלוֹיבְּט דִי רַבָּנִים זֵיי זָאלֶען אַרוֹיסְגֶעבֶּען דִי גְרֶעסְטֶע מִשְׁפָּטִים. דֶעמָאלְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען וָואס מֶען הָאט אַ יוּדֶען אָבְגֶעהַאקְט דִי צוּנְג דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעלֶעסְטֶערְט נָאמֶען, אוּנ אַ יוּדִישֶׁע פְרוֹי, וָואס הָאט זִיךְ נִיט גוּט אוֹיפְגֶעפִיהְרְט, הָאט מֶען אָבְגֶעשְׁנִיטֶען דִי נָאז. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז גֶעוֶועהן דֶער פַאנַאטִיזְם פוּן דִי קַנָּאִים וֶוען מֶען הָאט זֵיי נָאר גֶעגֶעבֶּען דִי מַאכְט זֵיי זָאלֶען מַאכֶען מִשְׁפָּט'ן וִויא זֵיי גֶעפֶאלְלְט.

דֶערְוַוייל זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעלָאפֶען נַיין יָאהר פוּן דֶער צַייט וָואס פִילִיפּ הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען דִי יוּדֶען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ אַז לוּדְוִויג דֶער צֶעהְנְטֶע אִיז גֶעוָוארֶען קֶענִיג הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער פָאטֶער הָאט נִיט גְלַייךְ גֶעטְהוּן אוּנ הָאט אִים יָאהר 1315 אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל אַז דִי יוּדֶען מֶאגֶען פְרַאנְק אוּנ פְרַיי צוּרִיק קוּמֶען. דִי יוּדֶען זֶענֶען שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהן גֶענוּג אִיבֶּער גֶעבְרָאקֶען אוּנ הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁטֶעלֶען אוֹיף לוּדְוִויגְ'ס וֶוערְטֶער וַוייל הַיינְט טְרַאכְט עֶר אַזוֹי אוּנ מָארְגֶען קָאן בַּיי אִיהם וֶוערֶען אֵיין אַנְדֶער דֵעָה; דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי פֶערְלַאנְגְט אַז דֶער קֶענִיג זָאל פֶעסְט בֶּעשְׁטִימֶען דִי אוֹפַנִים אוֹיף וֶועלְכֶע עֶר לָאזְט זֵיי נָאךְ אַמָאל אַרַיין. זֵיי הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ מֶאגֶען בֶּעזֶעצֶען אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר הָאט פְרִיהֶער גֶעוָואהנְט, אַז דִי שׁוּלֶען זָאל מֶען צוּרִיק אָבְגֶעבֶּען אָדֶער אוֹיסְבּוֹיֶען נַייֶע, אַז דִי הוֹבוֹת זָאלֶען זֵיי אַיינְמָאנֶען אוּנ דֶער מְלוּכָה אַרָאבְגֶעבֶּען פוּן זֵיי צְוֵויי דְרִיטֶעל. לוּדְוִויג אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אַלְלֶע תְּנָאִים אוּנ הָאט נָאר אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִי יוּדֶען אַ תְּנַאי, אַז נָאךְ צְוֶועלְף יָאהר מֶאג עֶר חֲרָטָה הָאבֶּען אוּנ גֶעבֶּען דִי יוּדֶען אַ גַאנְץ יָאהר צַייט זֵיי זָאלֶען קֶאנֶען פֶערְקוֹיפֶען זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּנ עֶנְדִיגֶען אַלְלֶע גֶעשֶׁעפְטֶען. אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ גֶעמוּזְט צוּ לִיעבּ טְהוּן דִי גַייסְטְלִיכֶע אוּנ הָאט אָבְּ·

גֶערֶעדְט מִיט דִי יוּדֶען, זֵייא זָאלֶען טְרָאגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אַבֶּעזוּנְדֶער יוּדִישֶׁען צֵייכֶען. אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען אוּמְגֶעקֶעהְרְט קֵיין פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ אַז אִין אַיָאהר אַרוּם אִיז לוּדְוִויג גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ זַיין בְּרוּדֶער פִילִיפּ דֶער פִינְפְטֶע אִיז גֶעוָוארֶען קֶענִיג, הָאט עֶר זֵייעֶרֶע רֶעכְטֶע נָאר אִין גַאנְצֶען פַארְגְרֶעסֶערְט אוּנ הָאט זֵייא טַאקִי אָפְּט גֶעמוּזְט בֶּעשִׁיצֶען פוּן דִי גֵייסְטְלִיכֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ נִיט אֵיין מָאל גֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ זֵייא אוּנ הָאבֶּען אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען אַללֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען וֶועגֶען שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּנ'ם תַּלְמוּד. דִי גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אַזוֹי וַוייט גֶעאַרְבֵּייט, אַז דִי מְלוּכָה הָאט זֵייא גֶעמוּזְט עֶרְלוֹיבֶּען אִין טוּלִידָה אֶפֶּענְטְלִיךְ פַארְבְּרֶענֶען צְוֵויי פוּלֶע וָואגֶענְס מִיט ש״ס. נָאר דָאס אִיז נָאךְ אַלְץ אַנָאר נִיט גֶעוֶועהן גֶעגֶען דִי צָרוֹת וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט אִיבֶּערְטְרָאגֶען פוּנ'ם פְּרָאסְטֶען פָאלְק אַלֵיין.

פִינְף יָאהר זֶענֶען אִין גַאנְצֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען זַייט דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ אַמָאל בֶּעזֶעצְט אִין פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ גָאר פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אוֹיף זֵייא אָנְגֶערִיקְט אַאוּמְגֶעהֶעְרְטֶע צָרָה. פִילִיפּ דֶעם פִינְפְטֶען הָאט זִיךְ אִים יָאהר 1302 פֶערְגְלוּסְט זַיין נָאמֶען בֶּערִיהמְט צוּ מַאכֶען דוּרְךְ אַנַייעֶם קְרַייצְצוּג, חָאטְשׁ דֶער פַּאפְּסְט יָאהַאנְן דֶער צְוֵויי אוּנ צְוַואנְצִינְסְטֶער הָאט אִים דֶערְפוּן אָבְּגֶעהַאלְטֶען. נָאר פוּן דֶער הֶעלֶער הוֹיט אִיז גֶעשֶׁעהן אַמוֹפֵת, אַפְּרָאסְטֶער פַּאסְטוּךְ הָאט דֶערְזֶעהן וִוי פוּן אַטוֹיבּ אִיז גֶעוָוארֶען אַיוּנְג מֶעדְכֶען, עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אִיהר קוֹל וִוי זִי רוּפְט אַללֶע פְרוּמֶע קְרִיסְטֶען מֶען זָאל זִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען קֵיין פַּאלֶעסְטִינַא אוּנ אַרוֹיסְרַייסֶען בַּיים שׂוֹנֵא דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם. עֶר הָאט דֶעם סוֹד בַּאלְד מְגַלֶה גֶעוֶועהן אַנְדֶערֶע, אַזַא נֵס אִיז פַאר דִי גֵייסְטְלִיכֶע גֶעוֶועהן וִוי גֶעוואוּנְשֶׁען אוּנ נָאר אִין אַקוּרְצֶער צַייט זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען פִיעֶרְצִיג טוֹיזֶענְד מַאנְן וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערוּפֶען „פַּאסְטוּכֶער“ אוּנ זֶענֶען מִיט פָאהְנֶען אוּנ מִיט גֶעזַאנְג גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין שְׁטָאדְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. מֵילָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע צַדִיקִים פוּן זֵייעֶרֶע זֵיידֶעס הָאבֶּען זֵייא נִיט בֶּעדַארְפְט זַיין אוּנ עֶס אִיז גָאר קֵיין וואוּנְדֶער נִיט וָואס קוֹדֶם כָּל הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁלָאגֶען יוּדֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס נָאךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵייא אוֹיפְגֶעקְלֶאהְרְט אַז פַאר יוּדִישׁ גֶעלְד קָאן מֶען קוֹיפֶען אַסַךְ שְׁוֶוערְדֶען אוּנ שְׁפִּיזֶען. אַשְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁחִיטָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ זֶעהר וֶוענִיג יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן בַּעֲלָנִים צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס לֶעבֶּען דוּרְךְ דֶער טוֹיפֶע. פִינְף הוּנְדֶערְט יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין דֶער פֶעסְטוּנְג וֶוערְדוּן אוּנ אַז זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז לַאנְג בְּלַייבֶּען וֶועלֶען זֵייא דָארְט נִיט קֶאנֶען, אִיז בַּיי זֵייא גֶעבְּלִיבֶּען זֵייא זָאלֶען פוּן דָארְט לֶעבֶּעדִיג נִיט אַרוֹיס. זֵייא

הָאבֶּען אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פוּן זִיךְ אֵיין אַלְטֶען אוּנ אַ יוּנְגֶען מַאנְן וָואס זֵיי בֵּיידֶע הָאבֶּען אַלֶּע אוֹיסְגֶעקוֹילֶעט, דֶערְנָאךְ הָאט דֶער יוּנְגֶער דֶערְהַרְג'ט דֶעם אַלְטֶען אוּנ אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ אַז דֶער יוּנְגֶער, וָואס אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער גֶעבְּלִיבֶּען, זָאל זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען נֶעהמֶען, הָאט אִיהם בַּאנְג גֶעטְהוּן צוּ שְׁטַארְבֶּען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ בֶּעסֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִי שׂוֹנְאִים אִין דִי הֶאנְד אַרַיין אוּנ אִיז מְרוּצָה גֶעוָוארֶען אָנְצוּנֶעהמֶען דָאס קְרִיסְטֶענְטְהוּם. עֶס הָאט אִיהם אָבֶּער נִיט גֶעהָאלְפֶען, וַוייל אוֹיף אַזַא קָרְבָּן הָאבֶּען זִיךְ דִי קְרִיסְטֶען אַלֵיין אוֹיךְ נִיט גֶערִיכְט: אִיהם הָאט מֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייד צוּרִיסֶען אוֹיף שְׁטִיקֶער אוּנ נָאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דֶער פֶעסְטוּנְג הָאט מֶען גֶעטוֹיפְט מִיט גֶעוַואלְד. אִין טוּלוּזַה הָאט זִיךְ אֲפִילוּ דִי מְלוּכָה אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יוּדֶען אוּנ הָאט פִיעל פוּן דִי פְרוּמֶע „פַאסְטִיבֶער" אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶועהן צוּ שְׁפֶּעט: דָאס צוּרֵייצְטֶע פָאלְק אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶועהן אַיינְצוּהַאלְטֶען, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי גֶעפֶאנְגֶענִירְ'ן אוּנ הָאבֶּען בֶּעפְרַייהט דִי רוֹצְחִים אוּנ דָאס יוּדִישֶׁע בְּלוּט הָאט זִיךְ גֶענָאסֶען אִין דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטֶעדְט, וִוי בָּארְדָא, נַאסְקָאן, טוּלוּזַה אוּנ אַלְבִּי. אִין אֵיין יָאהר אִיז אַ תֵּל גֶעוָוארֶען פוּן הוּנְדֶערְט צְוַואנְצִיג יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת אוּנ דִי וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען זֶענֶען אַזוֹי אָרֶעם גֶעוָוארֶען אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט פוּן זֵייעֶרְטְוֶועגֶען זַאמְלֶען נְדָבוֹת אִין אַנְדֶערֶע לֶאנְדֶער. דִי גְזֵרָה אִיז בֶּעקַאנְט אִין דֶער יוּדִישֶׁער גֶעשִׁיכְטֶע-סְפָרִים מִיט דֶעם נָאמֶען „גְזֵרַת הָרוֹעִים".

אַ צָרָה, זָאגְט דִי וֶועלְט, קוּמְט זֶעלְטֶען אַלֵיין. אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאט זִיךְ דָאס וָוארְטֶ'על בֶּעוִויזֶען מַאקִי אוֹיפְ'ן אַנְדֶערֶן יָאהר אוּנ הָאט דִי יוּדֶען נָאךְ מֶעהר בְּלוּט אָבְּגֶעקָאסְט. דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶועהן אַ מִנְהָג אַז אַלֶע מְצוֹרָעִים, וָואס מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז גֶעזוּנְדֶע מֶענְשֶׁען זָאלֶען זִיךְ נִיט אָנְגֶעהמֶען פוּן זֵייעֶרֶע הוֹיט-קְרַאנְקְהַייטֶען, הָאבֶּען גֶעמוּזְט וָואהנֶען בֶּעזוּנְדֶער אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאדְט; אַהִין פְלֶעגְט מֶען זֵיי בְּרֶענְגֶען עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ פוּן דָארְט הָאבֶּען זֵיי נִיט גֶעטָארְט אַרוֹיסְגֶעהְן בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען. אִין יֶענֶע יָאהרֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען נַבָּאִים, וָואס הָאבֶּען נִיט פַיינְד גֶעהַאט הֲנָאָה צוּ זַיין פוּנ'ם הֶקְדֵשׁ, אוּנ אַזוֹי וִוי דִי קְרַאנְקֶע זֶענֶען גֶעוֶועהן אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶע אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט פַאר וֶועמֶען זִיךְ צוּ קְלָאגֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבֶּען אַזֶעלְכֶע קָאכְט קוֹים דִי נְשָׁמָה צוּ דֶער הַאלְטֶען. אִין דֶער שְׁטֶעדְט נוּעֶנָה הָאט מֶען אַזוֹי פִיעל גֶעגַנְבֶ'ט אַז מֶען הָאט פָּשׁוּט אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי מְצוֹרָעִים עֶסֶען גֶעבֶּען; דָאס הָאט זֵיי פֶערְדָראסֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען נוֹקֵם צוּ זַיין זִיךְ דֶערְמִיט

וָואס זֵייא הָאבֶּען אַריינְגֶעוָוארְפֶען גִיפְט אִין דִי בְּרוּנֶעְנְס אוּנ טַייכֶען, אוּנ מֶענְשֶׁען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאלֶען וִוי שְׁטְרוֹי. מֶען הָאט זִיךְ אָבֶּער בַּאלְד אַרוּמְגֶעקוּקְט אוּנ אַז מֶען אִיז דֶערְגַאנְגֶען אַז דָאס אִיז דִי מְצוֹרָעִים׳ס אַרְבַּייט, הָאט מֶען זֵייא גֶענוּמֶען מוּטְשֶׁען זֵייא וָואלֶען זָאגֶען וֶוער עֶס הָאט זֵייא אָנְגֶערֶעדְט דֶערְצוּ. דִי קְרַאנְקֶע וֶוענֶען, מִן הַסְתָּם, נִיט גֶעוֶועהן בֶּעסֶער פוּן דִי גֶעזוּנְדֶע, אוּנ אַז מֶען הָאט זֵייא נָאךְ אָנְגֶעטְהוּן עִנוּיִם קָשִׁים הָאבֶּען זֵייא גָאר לַאנְג נִיט גֶעטְרַאכְט אוּנ אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט דִי גַאנְצֶע שוּלְד אוֹיף דִי יוּדֶען. אַ מִינְדֶעְסְט קִינְד הָאט, דַאכְט זִיךְ, גֶעקָאנְט פֶּערְשְׁטֶעהֶן אַז דָאס אִיז אַ נַארִישֶׁער בִּלְבּוּל אוּנ אַז יוּדֶען וֶועלֶען נִיט פֶּערְגִיפְטֶען דָאס וַואסֶער וָואס זֵייא דַארְפֶען אַלֵיין טְרִינְקֶען; פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע אָנְגֶעהַאפְּט אָן דֶעם לִיגֶען, אוּנ אֲפִילוּ דֶער קֶענִיג פִילִיפּ הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז דָאס אִיז אֱמֶת. מֶען הָאט זִיךְ נָאר גֶעבְּרָאכֶען דִי קָאפּ צוּ דֶערְגֵיין דִי כַּוָּנָה פוּן דִי יוּדֶען אוּנ מֶען הָאט דַארוֹיף גֶעלֶערְנְט אַ סַךְ פֵּירוּשִׁים: אַ טְהֵייל הָאבֶּען גֶעדְרוּנְגֶען אַז דָאס הָאבֶּען זֵייא גֶעטְהוּן צוּ לִיעבּ דֶעם מַחְמַד׳נִישֶׁען קֶענִיג פוּן גְרַאנַדַה, אוּנ אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז דֶערְמִיט הָאבֶּען זֵייא גֶעוָואלְט שְׁטֶערֶן דֶעם קְרַייצְצוּג פוּנ׳ם קֶענִיג פִילִיפּ. אִיבְּרִיגֶענְס הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען יֶעדֶען תִּירוּץ אוּנ מֶען הָאט דִי יוּדֶען גָאר קֵיין קַשְׁיוֹת נִיט גֶעפְרֶעגְט: מֶען הָאט זֵייא גֶעבְּרֶענְט אוּנ גֶעבְּרָאטֶען אוּנ טוֹיזֶענְדֶער פוּן זֵייא הָאט מֶען אַריינְגֶעוָוארְפֶען אִין תְּפִיסָה. אִין שִׁינָאן (קִינוֹן) הָאט מֶען אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען אַ טִיפֶען גְרוּבּ, מֶען הָאט דָארְט אָנְגֶעצוּנְדֶען אַ פַייעֶר אוּנ פִיעל יוּדֶען מִיט וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער אַהִין אַריינְגֶעוָוארְפֶען. אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהן מִיט זֵייא אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע אָרְטֶער אוּנ מֶעהר פוּן פִינְף טוֹיזֶענְד הָאט מֶען דֶערְמָאלְט אִין פְרַאנְקְרַייךְ פֶערְבְּרֶענְט. אַ חוּץ דֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסֶען אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען בֶּעצָאהלֶען אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְד אוּנ אַזוֹי וִוי זֵייא זֶענֶען שוֹין גֶעוֶועהן קַבְּצָנִים נָאךְ פוּן יֶענֶעם יָאהר, אִיז דִי גַאנְצֶע מַשָּׂא גֶעפַאלֶען אוֹיף דִי עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע עֲשִׁירִים, וָואס זֶענֶען צוּ לִיעבּ דֶעם אוֹיךְ גֶעפַאלֶען פוּן דִי פִּיס אוּנ דָאס עֲנִיוּת פוּן דִי פְרַאנְצֶעזִישֶׁע יוּדֶען אִיז גֶעוָוארֶען אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶעהר אוֹיסְזוֹיגֶען זֵייא הָאט מֶען שוֹין נִיט גֶעקָאנְט.

אִין דֶער צַייט הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶערוּקְט אַ חֲמָארֶע אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן רוּם, וָואס הָאבֶּען שוֹין פוּן לַאנְגֶע יָאהרֶען גֶעלֶעבְּט דָארְט רוּהִיג אוּנ פְרַיי אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוואוּסְט צוּ זָאגֶען פוּן דִי צָרוֹת, וָואס זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין פְרַאנְקְרַייךְ, עֶנְגְלַאנְד אוּנ שְׁפַּאנְיֶען הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעלִיטֶען. זַייט דֶער פַּאפְּסְט הָאט אִין רוּם גֶעהַאט אַ וֵוייניגֶע שְׁלִיטָה, אוּנ אִיבֶּער דֶער מְלוּכָה הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְרִיעגְט צְווֵיי מִשְׁפָּחוֹת קָאלָאנַא אוּנ אָרְסִינִי, הָאט מֶען אָן דִי יוּדֶען פֶערְגֶעסֶען אוּנ זֵייא

האָבען דערװײל געאַרבײט װעגען תּוֹרָה און חָכְמָה און האָבען אַרױסגעגעבען זעהר פיעל גרױסע לײט, װאָס זענען ניט נאָר געװעהן אַ צירונג פאַר זײער פאָלק, נאָר זײ האָבען אויך גרױס נוצען געבראַכט דעם לאַנד. עס איז נאָר קײן װאונדער ניט װאָס דער קאָניג פון נעאַפּעל, ראָבערט פאָן אַנזשוּא, װעלכער איז געװעהן אַ גרױסער ליעבהאָבער פון װיסענשאַפט, האָט זײער געהאַלטען פון די יודישע געלעהרטע און האָט בײ אײנעם פון די לוֹמְדִים, לעאָנע ראָמאַנאָ, װאָס איז בעריהמט געװעהן מיט זײנע העברעאישע איבערזעצונגען פון לאַטײנישע חֲקִירָה סְפָרִים, געלערנט לָשׁוֹן קֹדֶשׁ. דער קאָניג האָט זיך אַזױ אינטערעסירט מיט יודישע סְפָרִים, אַז װען ר׳ שְׁמַרְיָהוּ האיקריטי (פון אינזעל קריטה) אָנגעשריבען זײן פּירוש אויף דער תּוֹרָה האָט ער איהם צוגעטראָגען ראָבערט׳ן פאַר אַ מַתָּנָה און ער האָט איהם דער פאַר גוט בעלוינט. אַוַדאי אַז דער קאָניג האָט אַזױ מְקָרֵב געװעהן יודישע לוֹמְדִים, האָבען איהם אַללע גראָסטע לײט נאָכגעטהון און יעדער פון זײ האָט געהאַלטען פאַר אַ כָּבוֹד צו אונטערשטיצען אַ בֶּן־תּוֹרָה ער זאָל קאָנען זיצען און לערנען.

צװישען די יודישע מְשׁוֹרְרִים פון יענער צײט האָבען זיך בעזאָנדערס בעריהמט געמאַכט צװײ: קָלוֹנִימוֹס בֶּן קָלוֹנִימוֹס און עִמָּנוּאֵל רוֹמִי, װאָס האָבען זיך גענומען אויף אײן אַנדער דערך און פלעגען זײערע געדאַנקען אויסדריקען דורך אײן הֲלָצָה (סאַטירע), דאָס הײסט, דעם ביטערן אֱמֶת זיס מאַכען מיט אַ גלײך־װאָרטעל. ר׳ קָלוֹנִימוֹס בֶּן קָלוֹנִימוֹס איז געבאָרען געװאָרען אין פראַנקרײך אים יאָהר 1284, און איז געװעהן אַ גרױסער שפּראַכענקענער און אַ בָּקִי אין פערשיעדענע װיסענשאַפטען; אין דער יוגענד האָט ער פון אַראַבישען איבערזעצט פיעל ביכער איבער מעדיצין און אַנדערע חָכְמוֹת. אַללע זײנע אײגענע סְפָרִים, װאָס ער האָט אָנגעשריבען אויף העברעאיש, זענען פול מיט מוּסָר און הױכע געדאַנקען. די שרעקליכע צָרוֹת, װאָס די פראַנצאָזישע יודען האָבען איבערגעטראָגען האָט ר׳ קָלוֹנִימוֹס בעװײנט אין עטליכע פײערינע קִינוֹת, װאָס בעװײזען אַז זײן האַרץ איז געװעהן פול מיט ליעבע צום פאָלק און אַז ער איז פעהיג געװעהן, ניט נאָר אויף בײסענדיגע שטאַכװאָרטלעך, נאָר אויך אויף הײסע טרערען. אַז דער קאָניג ראָבערט איז גראַד דורכגעפאָהרען בײ זײנער אַ נְסִיעָה דורך פראַנקרײך, איז ער בעקאַנט געװאָרען מיט ר׳ קָלוֹנִימוֹס׳ן און האָט איהם מיט זיך מיטגענומען קײן איטאַליען. ר׳ קָלוֹנִימוֹס האָט זיך בעזעצט אין רוֹם און דאָרט האָט ער זיך ערשט, צװישען די לוֹמְדִים, נעקאַנט רעכט זיך אויסצײכענען. אין זײן שרײבען האָט ער פאָרט מעהר ליעב געהאַט לַעֲנָוות צו

מאכען, אונ פון איהם זענען געבליבען די בעריהמטע ספרים: „אגרת בעלי החיים״ „אבן בוחן״ אויך די „מסכתא פורים״, וואס איז כלומר׳שט נאכגעמאכט די גמרא מיט אללע פירושים. מען קאן אפילו ניט וויסען צו האט ער דערמיט געוואלט נאר דעם עולם פרעהליך מאכען אדער ער האט טאקי א ביסעל חוזק געמאכט פונ׳ם תלמוד, אונ האט געוויזען אז מען קאן זיך שטעלען אויפ׳ן גראסטען נארישקייט אונ מאכען דארויף אזעלכע פירושים, וואס מען זאל זיך דארפען איבער זיי מאטערן ווי איבער עפיס רעכטס. ר׳ קלונימוס האט אפט ליעב געהאט אריינצווארפען אזעלכע ווארטער, וואס מען האט געקאנט טייטשען ווי אזוי מען האט געוואלט; אין איינעם פון זיינע ספרים שרייבט ער אז עס וואלט איהם גלייכער געווען געבארען צו ווערען א נקבה איידער צו טראגען אויף זיך דעם עול פון תרי״ג מצות. פון דעסטוועגען האט מען געוואוסט אז ער איז געווען זעהר גוט אונ פרום אונ אז ער איז געשטארבען אים יאהר 1337 האט ער געהאט א לויה פון א צדיק.

נאך א גרעסערן נאהמען צווישען די איטאליעניש׳ע יודען האט געהאט ר׳ עמנואל בן שלמה הרומי, וואס איז געבארען געווארען אים יאהר 1265 אונ האט זיך דאס גאנצע לעבען אבגעגעבען נאר מיט שרייבען. ער איז געווען א גוטער פריינד פונ׳ם בעריהמטען רוימישען דיכטער (משורר) דאנטע. זיין קאפ איז געווען זעהר וויטציג, ער האט דעם בעסטען געדאנק געקאנט ארויסגעבען אויף אזא ארט אז די לעזער זאלען עס לעזען מיט פערגניגען אונ זאלען זיך פארט באלד אנשטויסען וואס ער מיינט. אז ער האט געוואלט טרעפען עטליכע לומדים אונ רבנים, וואס ער האט פון זיי ניט געהאלטען, האט ער בעשריבען ווי אזוי ער איז א מאל אריינגעפאלען אין גיהנם אונ וואס פאר א חברה ער האט דארט געטראפען אונ האט מן הסתם דעם אויבען־אן אבגעגעבען די צבוע־קעס, וואס האבען זיך אויף דער וועלט נאר איבערגענומען מיט זייער יראת שמים אונ געשריגען אז דער גאנצער שור הבר קומט נאר זיי. זיינע שירים זענען צונויפגעזאמעלט אין א בעזונדער ספר מיט דעם נאהמען „מחברות עמנואל״ וואס איז בעקאנט ביז היינט.

אזוי האבען זיך די איטאליעניש׳ע יודען געלעבט רוהיג. סאנגזא, די שוועסטער פונ׳ם פאפסט יאהאנן דעם צוועלפטען, וואס האט געוואהנט אין אוויניאן, האט אנגערעדט דעם ברודער ער זאל די יודען ארויסטרייבען פון רום. פון דער אנדערער זייט האט אויך דער קייזער פריעדריך דער שאנע, וואס פלעגט נאך פריהר גאנץ אפט ברענגען דעם תלמוד, געבעטען דעם פאפסט

ער זאל די יודען ניט לאזען זיין אזיינע פרייע בעלי בתים אין לאנד, אונ אים יאהר 1321 איז ארוים א בעפעהל אז די יודען זאלען זיך געהן פון דאנען וואו זיי זענען געקומען. אין רום איז דאס געוועהן א אונגעריכטער אומגליק. די יודען האבען באלד גוזר תענית געוועהן אונ אויסער דעם האבען זיי געשיקט שלוחים צום פאפסט אונ צום קאניג ראבערט פון נעאפעל אונ אזוי ווי זיי האבען צו זייער בקשה צוגעלעגט אויך א מתנה פון צוואנציג טויזענד רענדליך האט זיך דער פאפסט מיט דער שוועסטער באלד איבערצייגט אז די יודען זענען ניט אזוי שעדליך ווי מען האט זיי געזאגט אונ מען האט זיי געלאזט צו רוה. די יודישע געלד האט צושלאגען די וואלקענס אונ פאר די יודען איז נייטער ליכטיג געווארען.

נאר ווי גוט די יודען איז געוועהן אין רום, האבען זיי זיך מעהר אפגעגעבען מיט וויסענשאפטען אונ די תורה האט טאקי געבליהט נאר אין שפאניען, אין קאסטיליען אבער, וואו דער קאניג אלפאנסא דער עלפטע האט אויף זיי געלעגט גרויס כבוד, איז זייער לאגע געוועהן גאנץ אנדערש: דארט האט מען זיי געגעבען די בעסטע שטעללען, דער קאניג האט געהאט דאס גרעסטע צוטרויען צו זיינע צוויי יודישע יועצים, ר' יוסף דע-אסינה אונ ר' שמואל אבן נוקר, אונ אפילו די גייסטליכע, וואס זיי האט עס ניט געקאנט געפאלען, האבען אויך געמוזט שווייגען.

זעהר גליקליך האבען זיך בעדארפט פיהלען די יודען פון קאסטיליען אז זיי האבען געזעהן וואס עס טהוט זיך מיט זייערע ברידער וואס וואהנען נאר נאהענט פון זיי – אין ארראגאניען. דארט האט מען די יודען אנגעטהון צרות אונ מען האט זיי ניט געלאזט קיין קאפ אויפהויבען. נאר נאך ערגער איז געוועהן די יודען פון נאווארא, וואו איינער פון די גייסטליכע, פעדרא אולינאיען, האט אנגערייצט דאס פאלק אונ אים שבת, דעם 5 מערץ 1328 איז מען צוגעפאלען אויף דער גרויסער יודישער קהלה פון עסטעלה אונ מען האט אנגעמאכט א שרעקליכע שחיטה. אומזיסט האבען זיך די יודען געוועהרט, די רוצחים זענען געוועהן צעהן מאל שטארקער אונ גרעסער אונ זיי האבען ניט איבערגעלאזט קיין איינציגען פון זיי. נאר איין מנחם בן זרח, וואס איז דעמאלט אלט געוועהן צוואנציג יאהר אונ איז דערנאך געווארען א בעריהמטער מאנן, איז געבליבען לעבען טאקי נאר מיט א נס. זיינע עלטערן אונ פיער יונגערע ברידער האט מען געקוילעט אונ ער אליין איז אויך געלעגען האלב טויט צווישען די הרוגים, נאר ביי נאכט איז גראד דורכגעגאנגען א בעקאנטער

קְרִיסְט אוּנ הָאט בֶּעמֶערְקְט אַז עֶר אָטְהֶעמְט נָאךְ, הָאט עֶר אִיהם גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אוּנ הָאט אִיהם בֶּעהַאלְטֶען בִּיז עֶר אִיז גֶעזוּנְד גֶעוואָרֶען. אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶאדְט הָאט מֶען אוֹיךְ דָאס אֵייגֶענֶע גֶעטְהוּן אוּנ כַּךְ הַכֹּל וָוענֶען דֶערמָאלְט אוּמְגֶעקוּמֶען מֶעהר פוּן וָועכְּס טוֹיזֶענְד יוּדֶען.

ווִי עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען, אִיז דָאס גְלִיקְלִיכְקֵייט פוּן דִי יוּדֶען אִין קַאסְטִילְיֶען אוֹיךְ גֶעוועֶזען נָאר לְפִי שָׁעָה אוּנ עֶס הָאט זִיךְ גָאר גֶעהַאלְטֶען בִּיז דִי הַצְלָחָה פוּנ'ם קֶאנִיגְ'ס יוּדִישֶׁער יוֹעֲצִים הָאט גֶעשַׁיינְט. לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְן הָאט אָבֶּער דִי הַצְלָחָה אוֹיךְ נִיט גֶעקֶאנְט אוּנ עֶס אִיז אֲפִילוּ צוּ בֶּעוואוּנְדֶערְן ווִי אַזוֹי אַלְפָאנְסָא אִיז גַאנְצֶע צְוֶועלְף יָאהר גֶעבְּלִיבֶּען טְרַיי זַיינֶע יוּדִישֶׁע יוֹעֲצִים, וָואס הָאבֶּען טַאקִי אִין דֶער צַייט דֶערְגְרֵייכְט צוּ דֶער גְרֶעסְטֶער מַדְרֵגָה. ר' יוֹסֵף דֶע-אִיסִיגָה, אָדֶער דוֹן יוֹסֵף בֶּן אֶפְרַיִם בִּינְבִנְשְׁתִּי הַלֵוִי, אִיז גֶעוועֶן אַזַא מֶענְשׁ, וָואס הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ בֶּעלִיעבְּט צוּ מַאכֶען בַּיי גְרוֹיסֶע לַייט אוּנ דֶערְבַּיי נִיט פֶערְלִירֶען זַיין כָּבוֹד, נָאר פַארְקֶעהְרְט, אַזוֹי פִיהרֶען אַז מֶען זָאל פַאר אִיהם דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבֶּען. אַז דֶער קֶאנִיג הָאט בֶּעדַארְפְט עֶפִּיס אוֹיסְפִיהרֶען אַנְגֶעטְהִיגֶע זַאךְ, וָואס נִיט יֶעדֶער הָאט גֶעטָארְט דֶערְפוּן ווִיסֶען, פְלֶעגְט עֶר עֶס נָאר אִיבֶּערְגֶעבֶּען דוֹן יוֹסֵף דֶע-אִיסִיגָה אוּנ אִיז שׁוֹין גֶעוועֶן זִיכֶער אַז עֶר וועט אַלְדִינְג טְהוּן בִּשְׁלֵימוּת. דֶערְפַאר הָאט עֶר אִיהם טַאקִי זֶעהר גֶעשֶׁעצְט אוּנ אִיז אִיהם גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַלֶע נוֹיטְהֶען. אַמָאל הָאט זִיךְ גֶע-מַאכְט וָואס עֶר הָאט אִיהם אַוועקְגֶעשִׁיקְט קַיין וַואלַאדָאלִיד, מִיט אַ שְׁלִיחוּת צוּ דֶער פְּרִינְצֶעסִין, אוּנ דָאס פָאלְק, וָואס דוֹן יוֹסֵף'ס שׂוֹנְאִים הָאבֶּען עֶס אָנְ-גֶערֵייצְט, אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיפ'ן פַּאלַאץ אוּנ הָאט אִיהם גֶעוואָלְט הַרְגֶענֶען. דוֹן יוֹסֵף'ן הָאט אָבֶּער גֶערָאטְהֶען אַוועקְצוּשִׁיקֶען אַ שָׁלִיחַ צוּם קֶאנִיג אוּנ אִיהם מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא גֶעהט פָאר. אַלְפָאנְסָא הָאט נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ אִיז אַלֵיין מִיט גְרוֹיס חַיִל צוּגֶעטְרֶעטֶען צוּ דֶער שְׁטָאדְט אוּנ הָאט גֶעוואָלְט מַאכֶען אַ תֵּל פוּן אִיהר ווִי מֶען וועט זִיךְ צוּרִירֶען צוּ דוֹן יוֹסֵף. דָאס פָאלְק הָאט גֶעמוּזְט כּוֹרֵעַ אוּנ מִשְׁתַּחֲוֶה זַיין אוּנ מֶען הָאט פֶערְזִיכֶערְט דֶעם קֶאנִיג אַז דָאס הָאט מֶען נָאר נִיט גֶעמֵיינְט דוֹן יוֹסֵף'ן, נָאר דֶעם קְרִיסְטְלִיכֶען רִיטֶער, דוֹן אַלְוַואר נוּנִיץ. אַלְפָאנְסָא הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַ תֵּירוּץ אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֶעהט וָואס עֶר הָאט אַלֵיין אָבְּגֶערַאטֶעוועט זַיין גֶעלִיעבְּטֶען יוֹעֵץ פוּן אַ סַכָּנָה. פּוּנְקְט אַזַא חָשׁוּב אִיז בַּיי אִיהם גֶעוועֶן זַיין לַייבּ-דָאקְטָאר דוֹן שְׁמוּאֵל אִבְּן וַוקַר. וָואס הָאט זִיךְ אֲפִילוּ ווֶענִיג גֶעמִישְׁט צוּ דֶער מְלוּכָה, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען פְלֶעגְט זִיךְ אָפְּט דֶער קֶאנִיג מִיט אִיהם אֵיין עֵצָה הַאלְטֶען אוּנ הָאט אִיהם זֶעהר לִיעבּ גֶע-

האט פאר זיין שכל הישר. אז די רייכע יודען האבען זיך געפיהלט וואס פאר א גרויסען צד זיי האבען אין קאניגליכען הויף, האבען זיי זיך שוין ערלויבט צו־גענהמען פראצענט פון די, וואס האבען בעדארפט אנקומען צו זיי. דאס האט שטארק די יודען פערהאסט געמאכט ביים פאלק, מען האט זיך ניט איין מאל געקלאגט אויף זיי ביים קאניג, נאר דאס גאנצע גליק איז געוועהן וואס אלפאנסא אליין האט געהאט זיין אינטערעס אין דעם אז די יודען זאלען טאקי אויס־לערדיגען די קעשענעס ביי די קריסטען אונ ער זאל קאנען דערנאך ביי זיי צו־גענהמען די גזילה. דערפאר האט ער די יודען ניט געטשעפעט האט'ש די שונאים האבען געשריגען אז עס איז נאטהיג מען זאל ביי זיי צונעהמען די רעכטע, אונ האט נאך געגעבען דון שמואל אבן וקר א ערלויבניש ארויסצולאזען קליינע מטבעות אונ דערפון האבען ניט קיין קליינע הכנסה. צום אומגליק האבען אבער ביידע יועצים ניט געלעבט צווישען זיך צופרידען, יעדער האט אין זין געהאט נאר צו שאדען דעם אנדערן, אונ דערמיט האבען זיך בענוצט די שונאים אונ האבען אויפגעהערט אנצורייצען דאס פאלק אויף די יודען, ווייל זיי זענען זיכער געוועהן אז מיט דער צייט וועט זיי געראטהען דעם קאניג אויך אב־צורייסען פון זיינע חשובים. אזוי האט די שנאה ביסלעכווייז ווי א ווארם געטאטשעט דאס לעבען פון די יודען אין קאסטיליען ביז עס איז ניט ארויס־געשפרונגען טאקי פון זיי אליין איינער, וואס האט אנגעמאכט איין איבער־קערעניש אין דעם לאנד אונ געבראכט דערצו וואס די פיינדשאפט, מיט וועלכער מען האט זיך א צייט געשטיקט אונ געשאהמט אפענטליך ארויסצווייזען, איז געווארען אללע מאל גרעסער אונ האט זיך גענומען א וועג גלייך צו דער מלוכה.

דאס איז געוועהן אבנר פון בורגאס, איודישער דאקטאר אונ א גרוי־סער למדן, וואס האט זיך געטויפט ווען ער איז שוין אלט געוועהן זעכציג יאהר אונ איז דערנאך בעקאנט געווארען מיט'ן נאהמען אלפאנסא בורגענזיס דע וואלאדאליד. ער איז אייגענטליך געוועהן פריי פון יעדער אמונה אונ איז אריבערגעגאנגען צום קריסטענטהום ניט ווייל די יודישע רעליגיאן איז איהם ניט געפאלען, נאר צו ליעב דעם וואס ער האט געזעהן אז אזוי איז פאר איהם גלייכער. אזא מענש שמעקט גוט וואהין דער ווינד בלאזט אונ אז ער האט זיך איבערצייגט אז פאר זיינע געוועזענע ברידער הייבען זיך אן ניט קיין פרעהליכע טאג, איז ער באלד צוגעשטאנען צו די שונאים אונ האט אויף זיי אנגעהויבען רעדען אונ שרייבען אללע רעות. פיעל האט איהם געהאלפען דערצו דאס,

וואס ער איז געוועהן א גרויסער בקי אין תלמוד און אין אנדערע הייליגע ספרים, און אז ער האט געבראכט אויף זיינע ליגענס ראיות האבען איהם די קריסטען געגלויבט. דערפאר האט ער גאר אהן בושה אנגעהויבען ארויסלאזען ביכער און דערווייזען ווי שעדליך די יודישע אמונה איז, און זיין עזות האט איהם געבראכט דערצו וואס ער פלעגט זיינע כתבים צושיקען צו די בעריהמטעסטע יודישע לומדים ווייל ער האט געוואוסט אז קיינער וועט זיך ניט דערוואגען זיך ארויסצושטעלען געגען איהם און דערווייזען אז זיין מיינונג איז פאלש. די יודען זענען נאך אבער דעמאלט ניט געוועהן אזוי געפאלען זיי זאלען קאנען רוהיג צוקוקען ווי איינער, וואס איז זיי פאלש געווארען, שיט מיט שקרים און זאלען קיין ווארט ניט זאגען; עס האבען זיך געפונען אזעלכע יודישע שרייבערס וואס האבען איהם באלד געאנטפערט און געמאכט א תל פון אללע זיינע סברות און בעזאנדערס האט פון איהם חוזק געמאכט ר' יצחק פולגאר (פולקאר), איינער פון די גרעסטע יודישע געלעהרטע, וואס האט ניט געהאלטען אלפאנסא'ן ווערטה מען זאל מיט איהם א ויכוח האבען און האט איהם גאר אויסגעלאכט אין א קליינעם שיר, דאס האט אלפאנסאן אין גאנצען ארויסגעבראכט פון דער העזה און עס איז ביי איהם געבליבען ער זאל פשוט געהן מיט מסירות. ער האט דעם קאניג דערצעהלט אליגען אז די תפלה ולמלשינים פון שמונה עשרה איז געגען דעם גרינדער פון דער קריסטליכער אמונה, און האט עס אזוי ווייט געבראכט אז דער פארשטעהער פון דער יודישער קהלה אין וואלאדאליד האט געמוזט אנפערן א תירוץ אז די תפלה בעציהט זיך נאר אויף די מינים פון אמאל, וואס פלעגען מסר'ן די יודען, נאר דער תירוץ איז ניט אנגענאנגען, עס האט אפילו ניט געהאלפען דער ויכוח, וואס די רבנים האבען געהאט מיט אלפאנסא'ן און עס איז ארויס אים יאהר 1836, א בעפעהל מען זאל די תפלה אין גאנצען ארויסווארפען פונ'ם דאווענען.

דאס איז געוועהן דאס ערשטע מאל וואס די מלוכה האט נאכגעגעבען די יודישע שונאים, און דערנאך האבען זיי זיך שוין צופיהרט די האנד, בעזאנדערס ווען ביים קאניג איז געווארען א נייער חשוב איינער פון זייער חברה, א געוויסער גאנזאלא מארטינעץ, א שלאנג וואס ר' יוסף די־איסינה האט זי מגדל געוועהן ביי זיך אין שוים, כדי זי זאל איהם שפעטער בעצאהלען מיט איהר גיפט. גאנזאלא איז געוועהן א ארעמער יונגער מאנן, און ר' יוסף די־איסינה האט איהם געשיטצט און אריינגעפיהרט אין קאניגליכען הויף. קוים האט איהם אבער דער קאניג ליעב בעקומען און געגעבען א גרויסע שטעללע,

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען נְרָאבֶּען אַ גְרוּבּ פַאר זַיין בַּעַל־טוֹבָה אוּנ פַאר אַלֶע זַיינֶע גְלֹיבֶּענְסְבְּרִידֶער; עֶר הָאט דֶעם קָאנִיג פַארְשְׁטֶעהן גֶעגֶעבֶּען אַז עֶר דַארְף נִיט צוּ לִיעבּ יוּדֶען רֵייצֶען דָאס גַאנְצֶע פָאלְק, וָואס אִיז מִיט רֶעכְט בֵּייז אוֹיף זַיינֶע יוֹעֲצִים, וָועלְכֶע זֶענֶען רַייךְ גֶעוָוארֶען אוֹיפ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶער מְדִינָה. וָואס דֶעם קָאנִיג אִיז אַזֶעלְכֶעס גֶעשֶׁעהן, אַז עֶר הָאט גֶעקָאנְט נָאר פְּלוּצְלוּנְג זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְבֵּייטֶען, אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֶעהן, נָאר דָאס ווֵייסְט מֶען אַז דֶער כֹּחַ פוּן רְכִילוּת אוּנ פַאלְשְׁקַייט אִיז זֶעהר גְרוֹיס אוּנ דַארִיבֶּער הָאט נָאנְזַאלָא בֶּעקוּמֶען פוּן אִיהם אַיין עֶרְלוֹיבְּנִישׁ אַז עֶר מֶאג טְהוּן מִיט זַיינֶע גֶעוֶועזֶענֶע פְרַיינְד וָואס עֶר וִויל. נָאנְזַאלָא הָאט טַאקִי נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעהֵייסֶען אַרַיינְוַוארְפֶען ר׳ יוֹסֵף דִי־אִיסִינָה אוּנ ר׳ שְׁמוּאֵל אִבְּן וַוקָר מִיט זַיינֶע צְוֵויי בְּרִידֶער אוּנ נָאךְ אַכְט קְרוֹבִים מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה אִין תְּפִיסָה אוּנ דָארְט הָאבֶּען דֶעם קָאנִיגְס חֲשׁוּבִים גִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶר לֶעבֶּען. נָאךְ צְוֵויי יוּדֶען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען נָאהֶענְט צוּם קֶאנִיגְלִיכֶען הוֹיף, דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן דוֹן מֹשֶׁה אַבּוּדִיאֵל אוּנ דוֹן שְׁלֹמֹה בֶּן־יַעִישׁ, אוּנ אַזוֹי וִוי נָאנְזַאלָא הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעוָואלְט פַּטֶר׳ן, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן אַז דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶועהן מֶען זָאל נָאר אַלֶע יוּדֶען אַרוֹיסְטְרַייבֶּען פוּן קַאסְטִילְיֶען, אוּנ מֶען זָאל זִיךְ מִיט זֵיי נוֹהֵג זַיין וִוי אִין פְרַאנְקְרַייךְ: צוּנֶעהמֶען דִי הַייזֶער אוּנ פֶערְמֶעגֶען אוּנ זֵיי לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייד יַרְשְׁ׳נֶען. מִיט דֶעם פְּלַאן — אַרוֹיסְצוּטְרַייבֶּען דִי יוּדֶען — הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעטְרָאגֶען בִּיז צוּם טוֹיט, אוּנ דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן זַיין מַפָּלָה. אַז עֶר הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל פָארְגֶעלֶעגְט זַיין מֵיינוּנְג וֶועגֶען דֶעם אִין דֶער אֲסִיפָה פוּן אַלֶע מִינִיסְטָארֶען, הָאט עֶר פוּן קֵיינֶעם נִיט גֶעקָאנְט בֶּעקוּמֶען אַיין הַסְכָּמָה דַארוֹיף; אֲפִילוּ דִי נַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען אָבְּגֶערַאטְהֶען דֶערְפוּן, אוּנ דֶער אַרְכִיעֶפִּיסְקָאפּ פוּן טוֹלֶעדַא הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז, עֶרְשְׁטֶענְס טָאר מֶען נִיט מְשַׁנֶה זַיין דָאס וָוארְט, וָואס דִי אַלְטֶע קֶאנִיגֶע פוּן קַאסְטִילְיֶען הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען דִי יוּדֶען וֶוען זֵיי הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין לַאנְד, אוּנ צְווֵייטֶענְס, וֶועט עֶס פָּשׁוּט שַׁאדֶען דֶער מְדִינָה, וַוייל דִי יוּדֶען זֶענֶען אַ טְהַייעֶרֶער אוֹצָר פַאר דֶער מְלוּכָה, וָואס קָאן בַּיי זֵיי גֶעפִינֶען גֶעלְד צוּ יֶעדֶער צַייט, אוּנ אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי בֶּערוֹיבֶּען וֶועט עֶס אַלְץ נִיט נוּצֶען אַזוֹי פִיעל וִוי וֶוען מֶען זָאל זֵיי גְלַאטְט אִין אַ אַייְנְגֶער צַייט צוּ פְרֶעסֶען אַז דוֹן מֹשֶׁה אַבּוּדִיאֵל אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען וָואס פַאר אַ צָרָה דָא קָאן אַרוֹיס הָאט עֶר דֶערְפוּן מוֹדִיעַ גֶעוֶועהן אַלֶע יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת פוּן קַאסְטִילְיֶען, אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעחַאפְּט צוּם אַלְטֶען מִיטֶעל — צוּם פַאסְטֶען. דִי גֶעגְנֶער פוּן נָאנְזַאלָא׳ס דֵעה הָאבֶּען אִיהם אִיבֶּערְגֶעשְׁפַּארְט, אוּנ דִי סַכָּנָה אִיז אַוֶועק. דֶער־

ווייל איז טאקי נאנזאלא אליין אויך פערטראגען געוועהן, ער האט געמוזט זיך צוועקלאזען אין א מלחמה, אונ אז ער האט מנצח געוועהן דעם שונא, האט ער שוין גאר אין גאנצען פערריסען דעם קאפ אונ קיינער איז איהם ניט גלייך געוועהן. ווען א קליין מענשעלע שפיעלט צו די הצלחה אונ עס וואקסט פון איהם אויס א מושל מיט קראפט אין די האנד, מיינט ער אז קיין עלטערס פון איהם ג״ז ניטא אונ אז אללע מוזען איהם פאלגען; אזא מין הצלחה פיהרט איהם צו עקשנות אונ דאס עקשנות בעגראבט איהם. אזוי איז אויך געשעהן מיט נאנזאלא׳ן: ער האט גערעכענט אז אצונד וועט ער געוויס אויספיהרען זיין פלאן, אונ וועט פועל׳ן ביים קאניג מען זאל די יודען ארויסטרייבען, צום סוף האט ער דורך דעם נאך מעהר שונאים בעקומען, אונ בעזאנדערס האט זיך אן איהם נוקם געוועהן די שאנע לעאנארא דע גוזמאן, וועלכע האט אויפגעקלעהרט דעם קאניג, אז נאנזאלא איז איהם ניט געטריי אונ וויל די גאנצע מלוכה ארייננחאפען צו זיך אין די האנד אריין. דער קאניג האט באלד געשיקט צו נאנזאלא׳ן ער זאל קומען קיין מדריד, נאר ער האט פערשטאנען אז ניט אויף נוטס אונ כבוד רופט איהם דער קאניג האט ער זיך ניט נאר אבגעזאגט אויס-צופאלגען דעם קאניג׳ס בעפעהל, נאר ער האט אויך בסוד אנגעהויבען האנדלען מיט׳ן קאניג פון פארטוגאל אונ אפילו מיט׳ן מהמדאנישען מושל פון גראנאדה זיי זאללען איהם העלפען ארויסטרעטען אפען נעגען דער מלוכה. נאנזאלא האט געטראכט, אז ער מיט זיין גאנצער חברה וועלען קאנען בעשטעהן נעגען חיל פון קאסטיליען, ווען מען וועט איהם וועלען מיט געוואלד נעהמען, אונ דערפאר האט ער זיך ערלויבט צו שיסען אויף די קאסטיליענישע סאלדאטען ווען דער קאניג אליין איז מיט זיי צוגעקומען צו דער שטאדט, וואו נאנזאלא איז געש-טאנען, אונ א פייל האט געטראפען איינעם פון די סאלדאטען, וואס האבען זיך געפונען פונקט נעבען קאניג. דא האט שוין דער קאניג געהייסען זיך גאר אנ-דערש נעהמען צו איהם; ער האט זיך באלד געמוזט אונטערגעבען אונ מען האט איהם פערברענט. גרויס איז געוועהן די שמחה פון די קאסטיליענישע יודען אז פונקט פאר פורים פונ׳ם יאהר 1339 איז זיי אנגעקומען די בשורה פון נאנזאלא׳ס טויט: זיי האבען זיך דעמאלט געמאכט א דאפעלטען יום טוב אונ זיי האבען זיך טאקי געמאנט פרייען, ווייל נאך דעם איז דער קאניג ווייטער גוט געווארען צו די יודען, אונ אז ער האט זיך איבערצייגט וואס פאר א שקרים נאנזאלא האט אויסגעטראכט אויף דון משה אבודיאל, דעם איינציגען יודען וואס האט זיך נאך גערעטעט צווישען זיינע מקורבים אונ האט זיך געמוזט אין דער

שְׁלֶעכְטֶער צַייט אַ בִּיסֶעל דֶערְוַוייטֶערן, הָאט עֶר אִיהם צוּרִיק גֶעבֶּעטֶען אוּנ גֶעגֶעבֶּען דִי שֶׁאנְסְטֶע שְׁטֶעלֶע.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז אַלְפָאנְסָא, אוּנ דֶער נָאךְ זַיינֶע יוֹרְשִׁים, זִיךְ בֶּעגַאנְגֶען מִיט יוֹשֶׁר גֶעגֶען דִי יוּדֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זִיךְ גֶעקָאנְט לֶעבֶּען רוּהִיג, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז זֵייעֶר אִינְוֶוענִינְסְטֶע לַאגֶע נִיט גֶעוֶועהן אַזוֹי גְלֶאנְצֶענְד, וַוייל זַייט רַבֵּינוּ אָשֵׁר בֶּן יְחִיאֵל (הָרָא"שׁ) מִיט זַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען זִיךְ אַוֶועקְגֶעלֶעגְט נָאר פַאר פְרוּמְקַייט אִיז דִי בִּילְדוּנְג גָאר גֶעפַאלֶען, אוּנ אֲפִילוּ דָאס לֶערְנֶען פוּנ'ם תַּלְמוּד אִיז גֶעוָוארֶען אָהן טִיפְקַייט אוּנ אָהן חֲרִיפוּת. אִין שְׁפַּאנְיֶען הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעפוּנֶען אַיין יוּדִישֶׁער דִיכְטֶער שֵׁם טוֹב דִי קַרְיוֹן, וָואס הָאט נִיט שְׁלֶעכְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער לַאנְדֶעסְשְׁפְּרַאכֶע, נָאר דָאס אִיז מֶעהר נִיט גֶעוֶועהן ווִי אַיין שְׁוַואלְבּ, וָואס קָאן נָאךְ קַיין זוּמֶער נִיט מַאכֶען. יוּדֶען מִיט קָאפּ, מֶענְשֶׁען פוּן תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זֶעהן אוּנ נָאר פוּן דֶערְוַוייטֶענְס הָאבֶּען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ פוּן אַנְדֶערֶע אֶרְטֶער אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט דִי נָאהְמֶען פוּן ר' יוֹסֵף אִבְּן כַּסְפִּי, גֶרְשׁוֹנִי אוּנ נַרְבוֹנִי, אוּנ אוֹיךְ פוּן ר' יִצְחָק פוּלְגַר פוּן אַווִילָא אוּנ ר' דָוִד אִבְּן־אַלְבִּילְיַא פוּן פָּארְטוּגַאל.

פוּן דֶעם רָאשׁ'ס אַכְט זִיהן זֶענֶען מֶעהר בֶּעקָאנְט צְוֵיי: ר' יַעֲקֹב אוּנ ר' יְהוּדָה. ר' יַעֲקֹב בֶּן אָשֵׁר, וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִים יָאהר 1280, הָאט זַיינֶע יָאהרֶען אָבְּגֶעלֶעבְּט אִין גְרוֹיס דַחֲקוּת, אוּנ ווִי עֶס וַוייזְט אוֹיס, הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט גֶהֱנֶה זַיין פוּנ'ם פָאטֶערְס רַייכְקַייט, אוּנ אֲפִילוּ פַאר'ן רַבָּנוּת הָאט עֶר נִיט גֶענוּמֶען קַיין שְׂכִירוּת. זַיין גְרוֹיס אָרֶעמְקַייט הָאט אִיהם פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט אָבְּגֶערִיסֶען פוּנ'ם לֶערְנֶען אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דִי אַרְבָּעָה טוּרִים: אַ גֶעזֶעצְבּוּךְ, וָואס דָארְט זֶענֶען מִיט אַ בִּיסֶעל מֶעהר אָרְדְנוּנְג ווִי אִין תַּלְמוּד צוּזַאמֶענְגֶעזַאמֶעלְט אַלֶע דִינִים פוּן דֶער יוּדִישֶׁער אֱמוּנָה אוּנ פוּנ'ם יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען אוּנ אִיז בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאהְמֶען „בַּעַל הַטּוּרִים". זַיין בְּרוּדֶער ר' יְהוּדָה בֶּן אָשֵׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּנ נָאךְ דֶעם פָאטֶערְ'ס טוֹיט אִיז עֶר גֶעוָוארֶען רַב אִין טוֹלֶעדָא. עֶס הָאט אִיהם אָבֶּער גֶעצוֹיגֶען צוּרִיק קַיין דַייטְשְׁלַאנְד, אוּנ אַזוֹי ווִי עֶר אַלֵיין אִיז שׁוֹין צוּ אַלְט גֶעוֶועהן הָאט עֶר זַיינֶע קִינְדֶער אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלֶען אַוֶועקְפָארֶען שְׁפַּאנְיֶען. זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְפִיהְרֶען זַיין רָצוֹן, ווַייל אִין דַייטְשְׁלַאנְד הָאבֶּען זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי בִּיטֶערְסְטֶע יָאהְרֶען פַאר דִי יוּדֶען.

פוּן דִי וֶוענִיגֶע יוּדִישֶׁע גֶעלֶעהְרְטֶע, וָואס הָאבֶּען אִין יֶענֶער צַייט גֶעלֶעבְּט אִין פְרַאנְקְרַייךְ אִיז בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעקַאנְט דֶער נָאהְמֶען פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה גֶרְשׁוֹנִי,

וָואס הָאט אֵיינֶענְטְלִיךְ גֶעהֵייסֶען ר׳ לֵוִי בֶּן גֵרְשׁוֹן (רלב״ג) אָדֶער לֶעאָן דֶע בַּאנְיָאל. עֶר אִיז גֶעוֶועהן אֵיין עֶנִיקֶעל פוּן יֶענֶעם ר׳ לֵוִי פוּן וִוילֶעפְרַאנְשׁ, וָואס הָאט אַמָאל אַזוֹי פִיעל גֶעאַרְבֵּייט גֶעגֶען חָכְמָה, אוּנ דַוְקָא אִין דֶער מִשְׁפָּחָה אִיז בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן עֶס זָאל זִיךְ אַרַיינְהַאפֶּען אַ פוּנְק פוּן אוֹיפְקְלֶערוּנְג אוּנ עֶס זָאל אַרוֹיס אַזַא גְרוֹיסֶער מַאנְן, וָואס הָאט גֶעשֵׁם׳ט אִי צְוִוישֶׁען יוּדֶען אִי צְוִוישֶׁען קְרִיסְטֶען. ר׳ לֵוִי בֶּן גֵרְשׁוֹן אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִין אָרַאנְזִ׳ישׁ אִים יָאהר 1288 אוּנ נָאךְ אִין דֶער יוּגֶענְד הָאט אִיהם דֶער פָאטֶער, אִינֵיינֶעם מִיט תּוֹרָה, גֶעלָאזְט לֶערְנֶען אוֹיךְ פֶערְשִׁיעדֶענֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ חָכְמוֹת. בַּיי דְרַייסִיג יָאהר אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶועהן אַ בֶּערִיהמְטֶער דָאקְטָאר, דִי וֶועלְט הָאט שׁוֹין גֶע־קְלוּנְגֶען מִיט זַיין נָאמֶען, אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַסְטְרָא־נָאמְיֶע אוּנ הָאט עֶרְפוּנְדֶען אַ גְלָאז, וָואס מֶען זָאל קָאנֶען דֶערְמִיט בֶּעטְרַאכְטֶען דֶעם גַאנְג פוּן דִי שְׁטֶערְן אוֹיפ׳ן הִימֶעל. דִי אַללֶע זַאכֶען הָאבֶּען אִיהם פוּן דֶעסְטְ־וֶועגֶען נִיט גֶעשַׁאדְט אָנְצוּשְׁרַייבֶּען אוֹיף לְשׁוֹן קֹדֶשׁ אַ גַאנְץ סֵפֶר אִיבֶּער דֶער מִשְׁנָה וָואס אִיז בֶּעקַאנְט מִיט דֶעם נָאמֶען „יְסוֹד הַמִּשְׁנָה״. וֶועגֶען זַיין דָאקְטָארְיֶע״ הָאט ר׳ לֵוִי נִיט גֶעקָאנְט זִיצֶען אוֹיף אֵיין אָרְט אוּנ עֶר פְלֶעגְט אָפְט קוּמֶען קֵיין פֶּערְ־פִּינְיַאן אוּנ קֵיין אַוִוינְיָאן, וואו דֶער פַּאפְּסְט הָאט דֶעמָאלְט גֶעוָואהנְט. אַז מֶען הָאט דִי יוּדֶען אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ, אִיז עֶר נִיט גֶעוֶועהן אִין מִיטֶען, נָאר דִי צָרוֹת פוּן אַללֶע הָאט עֶר נִיט גֶעפִיהלְט אוּנ הָאט גֶעדְרוּנְגֶען אַז דָאס גְרֶעסְטֶע בֶּעוָוארֶענִישׁ פַאר דִי יוּדֶען אִיז נָאר בִּילְדוּנְג אוּנ אַז מִיט׳ן כֹּחַ פוּן חָכְמָה וֶועלֶען זֵיי אַלְדִינְג אִיבֶּערְטְרָאגֶען. דֶערְפַאר הָאט עֶר אַלֵיין זִיךְ גֶענוּמֶען נָאךְ מִיט מֶעהר חֵשֶׁק צוּ שְׁרַייבֶּען פַאר זַיין פָאלְק פֶערְשִׁיעדֶענֶע חֲקִירָה־סְפָרִים אוּנ צְוַאנְצִיג יָאהר כְּסֵדֶר הָאט עֶר נִיט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דִי פֶען פוּן דֶער הַאנְד. דֶער רֵיינֶער שֵׂכֶל אִיז בַּיי אִיהם גֶעשְׁטַאנֶען הֶעכֶער פוּן אַללֶעמֶען אוּנ נִיט אֵיין מָאל הַזֶר׳ט עֶר אִיבֶּער אִין זַיינֶע כְּתָבִים אַז דֶעם אֱמֶת מוּז מֶען אַרוֹיסְזָאגֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר גְלַייכְט זִיךְ אוֹיס מִיט דֶער תּוֹרָה אוּנ מֶען דַארְף נָאר זֶעהן גֶעפִינֶען אַ פְּשָׁרָה וָואס זָאל דֶעם פָּסוּק נִיט אָנְרִיהרֶען, אָבֶּער דֶער אֱמֶת זָאל בְּלַייבֶּען פֶעסְט. אַוַדַאי פַארְשְׁטֶעהט מֶען אַז דִי פְרוּמֶע הָאבֶּען נִיט גֶעהַאלְטֶען פוּן אַזַא חַקְרָן אוּנ הָאבֶּען זַיין סֵפֶר „מִלְחֲמוֹת ה׳״ גֶערוּפֶען מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער „אַ מִלְחָמָה גֶעגֶען גָאטט״. דֶערְפַאר הָאבֶּען אִיהם דִי קְרִיסְטֶען זֶעהר גֶעשָׁאצְט אוּנ דֶער פַּאפְּסְט קְלֶעמֶענְטִי דֶער זֶעקְסְטֶער הָאט אִים יָאהר 1342 גֶעהֵייסֶען אִיבֶּערְ־זֶעצֶען אוֹיף לַאטֵיינִישׁ זַיין בּוּךְ וֶועגֶען אַסְטְרָאנָאמְיֶע. אַזוֹי הָאט זִיךְ ר׳ לֵוִי בֶּן גֵרְשׁוֹן אוֹיסְגֶעלֶעבְּט זַיינֶע יָאהרֶען אִין נַחַת אוּנ אִיז אִים יָאהר 1345 גֶעשְׁטָארְבֶּען

פיל מיט ליעבע צו זיינע ברידער, וואס האבען ניט פערשטאנען זיין ווערטה אונ האבען זיך דערוויטערט פון איהם.

אנא כזל האט אויך געהאט איין אנדער יודישער געלעהרטער, ר׳ משה בן יהושע הנרבוני, אדער מאישטרו ווידאל, וואס האט ליעב געהאט מעהר פראקטיש צו בעטראכטען זיך מ׳ט׳ן לעבען פון די פעלקער, אונ איז כמעט צוואנציג יאהר ארומגעגאנגען צו פוס איבער פערשידענע לאנדער. ער פלעגט זיך אין א שטאדט ניט לאנג אויפהאלטען, אונ אז ער איז גראד געוועהן אין סירבירה אונ מען איז דארט אנגעפאלען אויף די יודען, האט ער אויך שטארק געליטען אונ פיעל פון זיינע כתבים זענען פערלארען געווארען. ער איז אויך געוועהן א גרויסער חקרן, חאטש זיינע געדאנקען האט ער ניט אזוי פריי ארויס־געדריקט ווי ר׳ לוי בן גרשון. ער איז געגאנגען מיט דעם דרך, אז די תורה קאן מען לערנען מיט צוויי אופנים: נאר פשוט – פאר׳ן פראסטען עולם, אונ מיט א העכערן פירוש – פאר די גרויסע לומדים. די פרומע האבען אבער ניט געוואלט ליידען מען זאל זיך אפילו צורירען צום מינדסטען אות פון א פסוק, זיי האבען געפאדערט מען זאל נאר ניט קלאהרען א־נ נאר בלינד גלויבען, דערפאר האבען זיי געשריגען אז ר׳ משה נרבוני איז אויך איין אפיקורוס, אונ אז ער איז גע־שטארבען אין דער פרעמד אין מיטען פון זיינע נסיעות, האט ער איבער־געלאזט זיינע ברידער פערזינקען אין פינסטערניש אונ פערשלאפען צווישען איינערנע וואנד, מיט וועלכע די מקובלים אונ די פרומע האבען די אומגליק־ליכע יודען אבגעשיידט פון דער ליכטיגער וועלט.

---

10 דער שווארצער טויט אונ די יודישע הריגות.

(1335—1391 נאך קריסטוס געבורט).

אז מען קוקט זיך צו צום לעבען פון איינציגע מענשען אונ פון גאנצע פעלקער זעהט מען זעהר אפט אז פונקט ווי א מענש חאפט זיך א מאל אן אן א נארישקייט ווערד עס ביי איהם תורת אמת אונ מיט טויזענד פלאקער וועט מען עס איהם פונ׳ם פארדרעהטען קאפ ניט ארויסשלאגען, אזוי טהוען אויך מיליאנען מענשען איינ׳נעם, קוים רעדען זיי זיך איין עפיס א זאך, אונ ווער שמיעסט נאך, אז מען זאגט זיי פאר א חטא אויף א זעלבען וואס מען קוקט אויף איהם קרום צו ליעב קנאה אדער פרנסה, פרעגט מען נאר קיין סך ניט איבער, מען וויל גאר ניט וויסען וואס דער ליגען ליעגט פון אויבען אויף, עס

גְלוֹיבְּט זִיךְ גְלוֹיבֶּען אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז וָועְרד דָערְפוּן אַפֶּעסְטֶע אִיבֶּערְצַיינוּנְג, וָואס דֶער שֵׂכֶל הַיָשָׁר קָאן זֵיי קֵיין מָאל נִיט אוּמְוַוארְפֶען. דָא קוּמְט יָא אוֹיס דָאס וָוארְטָעל: „אַז אַ נַאר וַוארְפְט אַ שְׁטֵיין אִין גָארְטֶען אַרַיין – קָאנֶען אִיהם קֵיין צֶעהן קְלוּגֶע נִיט אַרוֹיסְנֶעהמֶען״ אוּנ פוּן דֶעם שְׁטֵיין וָוערְד מִיט דֶער צַייט אַ גַאנְצֶער בַּארְג אוּנ שְׁפֶּעטֶער אִיז שׁוֹין אֲפִילוּ שְׁוָוער צוּ וִויסֶען וָוער עֶס הָאט גֶעוָוארְפֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען שְׁטֵיין.

אַזַא בַּארְג אִיז גֶעוָוארֶען פוּן דִי שְׁטֵיינֶער, וָואס דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאהר־הוּנְדֶערְטֶע גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דִי יוּדֶען, אוּנ וִוי נַארִישׁ עֶס הָאבֶּען פְרִיהֶר אוֹיסְגֶעזֶעהן דִי בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְגֶען פוּן בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח, דִי וַואסֶערְ־פֶערְגִיפְטוּנְגֶען אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים, הָאבֶּען זִיךְ מִיט דֶער צַייט גֶעפוּנֶען מַאֲמִינִים, וָואס בַּיי זֵיי אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין סָפֵק נִיט גֶעוֶועהן אַז אַלְדִינְג אִיז אֱמֶת; זֵיי הָאבֶּען שׁוֹין גֶעגְלוֹיבְּט אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטִיגְקֵייטֶען נֶעהמֶען זִיךְ נָאר פוּן דֶעם יוּדֶען, אוּנ דֶערְהַייזֶען זֵיי דֶעם טָעוּת אִיז גָאר קֵיין מֶעגְלִיכְקֵייט נִיט גֶעוֶועהן, אוּנ צוּם פֶּערְצֶעהנְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט אַז אִיז גְרָאד גֶעוָוארֶען אַ מַגֵפָה, וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶערוּפֶען „דֶער שְׁוַוארְצֶער טוֹיט״, אִיז בַּיי אַלֶע גֶעבְּלִיבֶּען אַז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען נָאר דִי יוּדֶען, אוּנ מֶען הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ מִצְוָה אַזֶעלְכֶע שֶׁעדְלִיכֶע מֶענְשֶׁען אוֹיסְצוּקוֹילֶען גָאר אָהן רַחֲמָנוּת. עֶס אִיז גֶעוִויס, אַז וֶוען מֶען זָאל גֶעוֶועהן דִי יוּדֶען אוּמֶעדוּם בֶּעטְרַאכְטֶען וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע אַיינְוָואהנֶער פוּנ׳ם לַאנְד, וָואלְט קֵיינֶעם גָאר נִיט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי גֶעדַאנְקֶען צוּ זוּכֶען אוֹיף זֵיי אַזֶעלְכֶע חֲטָאִים; צוּם אוּמְגְלִיק אִיז אָבֶּער זֵייעֶר לַאגֶע גֶעוֶועהן נִיט נָאר שְׁלֶעכְט נָאר אִין אֵיין שְׁפַּאנְיֶען, אִין גַאנְץ אֵייראָפַּא אָבֶּער הָאט מֶען אוֹיף זֵיי גֶעקוּקְט וִוי אוֹיף שְׁטִיף־קִינְדֶער אוּנ מֶענְשֶׁען מוּזֶען הָאבֶּען שְׁטֶענְדִיג אַ שָׂעִיר הַמִשְׁתַּלֵחַ, וָואס זֵיי זָאלֶען קָאנֶען צוּ אִיהם אוֹיסְלָאזֶען זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ אוּנ אוֹיסְטְרַאכְטֶען זַאכֶען וָואס זֶענֶען נִיט גֶעשְׁטוֹיגֶען אוּנ נִיט גֶעפְלוֹיגֶען.

אַזוֹי אִיז דֶער מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען גָאר שְׁלֶעכְט: אוֹיף אֵיין שׂוֹנֵא, וָואס הָאט טַאקִי גֶעמֵיינְט נָאר דֶעם יוּדֶען צוּ שַׁאדֶען, הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְד בְּלִינְדֶע מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט פִיהרֶען אוּנ הָאבֶּען נָאר נִיט גֶעפְרֶעגְט וֶועמֶען שְׁלָאגְט מֶען אוּנ וָואס מֶען שְׁלָאגְט, פַאר זֵיי אִיז גֶענוּג גֶעוֶועהן וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעלָאזְט וֶוערֶען בַּעֲלֵי בָּתִּים אִיבֶּער פְרֶעמְדֶע פְלֵייצֶעס אוּנ זֵיי הָאבֶּען וֶועסֶען אָבְּצוּלָאזֶען עֶטְלִיכֶע קְלֶאפּ.

רֶעכְט שְׁלֶעכְט אִיז דִי יוּדֶען גֶעוָוארֶען אִין דַייטְשְׁלַאנְד אִין דֶער צַייט פוּנ׳ם קֵייזֶער לוּדְוִויג, וָואס הָאט פוּן זֵיי גֶעשׁוּנְדֶען דִי הוֹיט: עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי

יוּדֶען זֶענֶען דֶער דַייטְשֶׁער מְלוּכָה גֶעבְּלִיבֶּען אַ יְרוּשָׁה נָאךְ פוּן דִי רָאמִישֶׁע מְלָכִים, אוּנ דֶערְפַאר הָאט עֶר אַיינְגֶעפִיהְרְט אַז דִי קְרוֹין זָאל פוּן זֵיי הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶע הַכְנָסָה אוּנ אַלֶע, אֲפִילוּ פְרוֹיעֶן אוּנ קִינְדֶער זָאלֶען צָאהלֶען מַס־אַגוּלְדֶען יֶעדֶעס יָאהר. מֵילָא אַז לוּדְוִויג הָאט יָא בַּיי זֵיי גֶערִיסֶען אַזוֹי פִיעל גֶעלְד, הָאט עֶר דָאךְ זֵיי בֶּעדַארְפְט אָבְּהִיטֶען דֶער אוֹצָר זָאל חָלִילָה נִיט קְלֶענֶער וֶוערֶען, צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ נָאר אוֹיף זֵיי נִיט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ אוּמְקוּקֶען, עֶר הָאט זֵיי נָאר דֶערְמָאנְט אִין זִין גֶעהַאט וֶוען עֶר הָאט בַּיי זֵיי בֶּעדַארְפְט צוּנֶעהְמֶען דִי לֶעצְטֶע מַטְבֵּעַ אוּנ וַוייטֶער אִיז אִיהם גָאר נִיט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גֶעטְהוּן; דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים יָאהר 1335, אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ גְרוֹיסֶע הֲרֵיגָה וָואס הָאט בַּיי דִי יוּדֶען אוֹיסְגֶערִיסֶען גֶענוּג קָרְבָּנוֹת. עֶס הָאבֶּען זִיךְ פְלוּצְלוּנְג אָבְּגֶעזוּכְט צְווֵיי רוֹצְחִים, וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפֶען קֶאנִיגֶע אַרְמְלֶעדֶער, וַוייל זֵיי הָאבֶּען דִי אַרְבֶּעל אַרוּמְגֶענֶעהט מִיט אַ שְׁטִיק לֶעדֶער, זֵיי הָאבֶּען פִירְגֶעזָאגְט דֶעם פְּרָאסְטֶען פָאלְק אַז פוּנ׳ם הִימֶעל הָאט מֶען זֵיי מְגַלֶה גֶעוֶועהן, אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין דִי יוּדֶען. בַּאלְד הָאט זִיךְ אַרוּם זֵיי צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט אַ גַאנְצֶע חֶבְרָה, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶערוּפֶען „יוּדֶענְשְׁלֶאגֶער" אוּנ הָאבֶּען טַאקִי עֶהרְלִיךְ פֶערְדִיעֶנְט דֶעם נָאהמֶען. צְווֵיי יָאהר כְּסֵדֶר הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעבָּאדֶען אִין יוּדִישׁ בְּלוּט, פוּן עֶלְזַאס בִּיז שְׁוַואבֶּען הָאבֶּען זֵיי גֶעמַאכְט אַ תֵּל פוּן אַלֶע יוּדִישֶׁע אַיינְוָואהנֶער. פִיעל הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען גֶענוּמֶען אוּנ הָאבֶּען אוֹיךְ דֶערְהַרְגֶ׳ט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלֶען פֶערְשְׁפָּארֶען זִיךְ צוּ טוֹיפֶען, אוּנ עֶרְשְׁט אַז דִי צָאהל פוּן דִי יוּדֶען אִיז גֶעוָוארֶען שִׁיטֶערְלִיךְ אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט אַ קוּק גֶעטְהוּן אַז פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען מַס פֶעהלְט אַסַךְ, הָאט זִי זִיךְ גֶעהַאפְּט צוּם לֶעשֶׁען דָאס פַייעֶר אוּנ הָאט פַארְמִשְׁפָּט אֵיינֶעם פוּן דִי „אַרְמְלֶעדֶער" צוּם טוֹיט.

אִין דֶער אֵייגֶענֶער צַייט הָאט מֶען אִין בַּייעֶרְן גֶעמַאכְט אַ בֶּעזוּנְדֶער שְׁחִיטָה אוֹיף דִי יוּדֶען. דִי אַיינְוָואהנֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט דֶעקֶענְדָארְף, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט גֶעשֶׁאפְטֶען מִיט דִי יוּדֶען אוּנ זֶענֶען זֵיי שׁוּלְדִיג גֶעוֶועהן גֶענוּג גֶעלְד, הָאבֶּען זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶועהן אַז פַאר זֵיי אִיז גְלַייכֶער זִיךְ צוּ בֶּעפְרַייעֶן פוּן דִי הוֹבוֹת אוּנ נָאר אִין גַאנְצֶען זֵיי אַרוֹיסְפַּטְרְ׳ן. מֶען הָאט נִיט לַאנְג גֶעטְרַאכְט אוּנ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קְלַאנְג, אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעלֶאכְטֶערְט דִי קַאטוֹלִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן אוּנ זֵיי הָאבֶּען מִיט אַ מֶעסֶער דוּרְכְגֶעשְׁטָאכֶען דִי הָאסְטִיֶע, דָאס הֵיילִיגֶע בְּרוֹיט וָואס וֶוערְד גֶעבַּאקֶען פוּן רֵיין נִיט גֶעזוֹיעֶרְטֶען וַוייצֶען־מֶעהל אוּנ וָואס דִי קַאטָאלִיקֶען הָאבֶּען פוּן צְוֶועלְפְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט אָן אַיינְגֶעפִיהְרְט מֶען זָאל עֶס הַאלְטֶען אִין קִירְכֶע אִין אַבֶּעזוּנְדֶער אָרוֹן קֹדֶשׁ אוּנ עֶס בֶּענוּצֶען בַּיים נָאטֶעס

דִיעֶנְסְט פַּאר אַ זֵכֶר פוּן קְרִיסְטוּס'ס פְלֵייש. אַזַא חִלּוּל הַשֵׁם הָאט טַאקִי קֵיינֶער נִיט גֶעקָאנְט לֵיידֶען, אִיבֶּערְפְּרֶעגֶען וִוידֶער הָאט מֶען נִיט בֶּעדַארְפְט, וַוייל אוֹיף אַ יוּדֶען אִיז דָאךְ אַלְדִינְג צוּ גְלוֹיבֶּען, אוּנ מֶען הָאט אָבְּגֶערֶעדְט צְוִוישֶׁען זִיךְ אַז דֶעם 30 סֶעפְּטֶעמְבֶּער 1337, וֶוען מֶען וֶועט דֶערְהֶערֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען קְלוּנְג פוּנ'ם גְלָאק, זָאלֶען אַללֶע אָנְפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען אוּנ קֵיין גַאנְץ בֵּיינֶדֶעל פוּן זֵיי נִיט לָאזֶען. אַזוֹי אִיז טַאקִי גֶעשֶׁעהֶן: דָאס צוּרֵייצְטֶע פָאלְק הָאט אוֹיסְגֶעקוֹילֶעט אַללֶע יוּדֶען, זֵיי הָאבֶּען אָנְגֶעצוּנְדֶען זֵייעֶרֶע הַייזֶער פוּן אַללֶע זַייטֶען אוּנ דָאס פֶּערְמֶעגֶען הָאבֶּען זֵיי אָבְּגֶערַאבֶּעוֶועט. פוּן דָארְט הָאט זִיךְ דֶער צָארְן צוּנָאסֶען אִיבֶּער גַאנְץ בַּייעֶרְן, בֶּעהֶמֶען, מֶאהרֶען אוּנ אֶסְטֶערְרַייךְ אוּנ טוֹיזֶענְ־דֶער יוּדֶען זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען. נָאר דִי אַיינְוָואהנֶער פוּן וִויען אוּנ רֶעגֶענְסְ־בּוּרְג זֶענֶען נִיט צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִי רוֹצְחִים אוּנ הָאבֶּען נָאךְ, פַארְקֶעהרְט, דִי יוּדֶען גֶעשִׁיצְט. דֶער דַייטְשֶׁער קֵייזֶער אִיז גֶעוֶועהן פֶערְטְרָאגֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכֶען, אוּנ הָאט נָאר קֵיין צַייט נִיט גֶעהַאט זִיךְ אוּמְצוּקוּקֶען אוֹיף דִי רְצִיחוֹת, אוּנ דֶער הֶערְצָאג הֵיינְרִיךְ פוּן בַּייעֶרְן הָאט נָאךְ גֶעשִׁיקְט אַ דַאנְק דֶער חֶבְרָה פוּן דֶעקֶענְדָארְף דֶערְפַאר „וָואס זֵיי הָאבֶּען פַארְבְּרֶענְט דִי יוּדֶען“. נָאר דֶער פַּאפְּסְט בֶּענֶעדִיקְט דֶער צְוֶועלְפְטֶער הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶער גֶעשְׁטָאכֶענֶער הָאסְטְיֶע אִיז נִיט קֵיין רֵיינֶע זַאךְ, דַארִיבֶּער הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען מֶען זָאל גוּט נָאכְפָארְשְׁטֶען פוּן וַואנֶען דִי בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוּנ אַז דֶער אֱמֶת וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזֶען זָאל מֶען דִי רוֹצְחִים שְׁטְרֶענְג בֶּעשְׁטְרָאפֶען. דֶעם פַּאפְּסְט'ס רָצוֹן אִיז אַוַדַאי גוּט גֶעוֶועהן, מֶען הָאט נִיט לַאנְג גֶעדַארְפְט אַרְבֵּייטֶען גֶעוָואהר צוּ וֶוערֶען דָאס פַאלְשְׁקַייט פוּן דֶעם לִיגֶען, נָאר אַז דִי מְלוּכָה אִיז גֶע־וֶועהן קַאלְט צוּ דֶער זַאךְ הָאט עֶר גָאר נִיט גֶעקָאנְט מַאכֶען, אוּנ נָאר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט פוּן צֶעהְן יָאהר הָאט זִיךְ דָאס פַייעֶר צוּבְּרֶענְט אִין גַאנְץ אֵייְרָאפַּא אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַזֶעלְכֶע שׂוֹנְאִים, וָואס דִי עֶרְשְׁטֶע „יוּדֶענְשְׁלֶא־גֶער“ זֶענֶען נָאר גֶעוֶועהן צַדִיקִים גֶעגֶען זֵיי.

אַז עֶס אִיז אִים יָאהר 1348 גֶעקוּמֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה אוֹיף גַאנְץ אֵייְרָאפַּא, נָאךְ אַ עֶרְד־צִיטֶערְנִישׁ אִיז גֶעוָוארֶען אַ מִין חוֹלַאַת וָואס מֶענְשֶׁען זֶענֶען דֶערְפוּן גֶעפַאלֶען וִוי פְלִיגֶען, אוּנ מֶעהר פוּן פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג מִילְלְיָאן זֶענֶען אִין פִיר יָאהר אוֹיס־גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן דֶעם „שְׁוַוארְצֶען טוֹיט“, הָאט דִי מַגֵּפָה, מִן הַסְתָּם, קֵיין כָּבוֹד נִיט גֶעלֶעגְט אוֹיךְ אוֹיף יוּדֶען אוּנ הָאט צְוִוישֶׁען זֵיי אוֹיךְ גֶעפוּנֶען פִיעל קָרְבָּנוֹת. נָאר זֵיי אִיז נָאךְ בֶּעשֶׁערְט גֶעוֶועהן צוּ הָאבֶּען אַ וֶועהטִיג אוֹיף דֶער מַכָּה: עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען גוּטֶע פְרֵיינְד, וָואס הָאבֶּען אַיינְגֶערֶעדְט דָאס פָאלְק אַז יוּדֶען

האבען דאס פערגיפטעט די לופט כדי אללע קריסטען זאלען אויסשטארבען. ווי אזוי האבען די יודען געקאנט פערגיפטען די לופט, וואס פאר א מין סם בענוצען זיי, אונ פאר וואס שטארבען זיי אלליין אויך הונדערטערווייז יעדען טאג? — די שאלות האט קיינער ניט געוואלט פרעגען; ביי איין אומגליק ווערט דער קלינגסטער מענש פערדרעשט, וואס זשע האט מען נאך צו רעדען פון פראסטע מענשען ווען מען טייט זיי אן מיט די פינגער אז שולדיג אין דעם זענען די אייגענע יודען, וואס מען האט זיי שוין פון לאנג חושד געוועהן אז זיי טרינקען קריסטליך בלוט אונ ווארפען ניפט אין וואסער. מען האט באלד אנגעהויבען גלויבען אז די מגפה איז נאר א יודיש שטיקעל ארבייט, אונ אזוי ווי די לאגע פון די שפאנישע יודען איז דעמאלט געוועהן ניט שלעכט, האט מען אויסגעטראכט אז פון שפאניען האט מען דעם גיפט צופיהרט איבער אללע לאנדער. גראד האט זיך נאך אין יענער צייט בעדארפט בעזעצען אין שאמבערי, אין סאבויה, א יוד פון טולעדא, ר' יעקב פאסקאטע, אונ אויף איהם איז טאקי שוין געפאלען דער חשד אז ער, מיט דער הילף פונ'ם רב פייריט, אונ נאך א יוד אבונעט האבען דעם גיפט צושיקט איבער אללע מדינות. די מלוכות פון יעדען לאנד, וואו די פאלשע בעשולדיגונג האט זיך פערשפרייט, וואלטען, דאכט זיך, בעדארפט באלד איינווענדען אללע מיטעל אז אזא נארישע בעשולדיגונג זאל זיך ניט האלטען אין פאלק; צום סוף האבען זיי נאך אלליין מעהר צושארט דאס פייער דער מיט וואס זיי האבען געהייסען מען זאל זוכען די שולדיגע. דארט וואו מען זוכט שוין דעם חוטא — איז שוין נאר קיין ספק ניט אז א חטא איז אוודאי דא, אונ דערפאר האט מען שוין, נאך אים יאהר 1348, אין פראנקרייך אויסגעהרג'ט א גאנצע יודישע קהלה אונ פערברענט די שולען צוזאמען מיט די ספרי תורות. פון דארט איז דאס אומגליק אריבער קיין קאטאלאניען אונ אראגאניען אונ די רוצחים האבען זיך אויך געוואלט צופיהרען די האנד אין בארצעלונה. זיי האבען שוין דארט אבגעראבעוועט פיעל יודישע הייזער אונ געקוילעט צוואנציג יודען, נאר די איינוואהנער האבען זיך אדורכגעשטעלט אונ האבען ניט דערלאזט עס זאל קומען צו א גרויסע שחיטה. עטליכע טאג שפעטער איז מען אנגעפאלען אויף דער יודישער קהלה פון סערווערא, נאר דארט האט מען געטייטעט ניט מעהר פון אכטצעהן יודען אונ די איבריגע זענען זיך צולאפען. מען קאן זיך פארשטעלען וואס עס האט זיך געטהון אין שפאניען צווישען די יודען, וואס האבען זיך אויך געמאנט שרעקען זיי זאלען ניט האבען דעם אייגענעם סוף וואס זייערע איבריגע ברידער; זיי האבען

גֶעפַּאסְט אוּנ זִיךְ פֶערְשְׁלָאסֶען אִין דִי הַייזֶער אוּנ יֶעדֶע מִינוּט וֶוענֶען זֵיי מִיט'ן לֶעבֶּען נִיט זִיכֶער גֶעוֶועהן. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דֶער פְרוּמֶער פַּאפְּסְט קְלֶעמֶענְטִי דֶער זֶעכְסְטֶער, דֶער אֵייגֶענֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען אִיבֶּערְזֶעצֶען ר' לֵוִי בֶּן גֵרְשׁוֹן'ס סְפָרִים, אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִי יוּדֶען אוּנ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִיט דֶערְוֶואגֶען זֵיי צוּשְׁלָאגֶען אָדֶער רַאבֶּעוֶוען אוּנ מִיט גֶעוַואלְד טוֹיפֶען. צוּ לִיעבּ דֶעם בֶּעפֶעהל אִיז אִין פְרַאנְקְרַייךְ גֶעוָוארֶען אַ בִּיסֶעל שְׁטִילֶער; דֶערְפַאר הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֲרִיגוֹת נָאר אִין אַנְדֶערֶע אֶרְטֶער. דֶער הֶערְצָאג אַמַאדֶעאוּס פוּן סַאוָואיֶען הָאט גֶעהֵייסֶען עֶטְלִיכֶע יוּדֶען אַיינְזֶעצֶען אִין תְּפִיסָה, וַוייל עֶר הָאט זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶועהן אַז זֵיי פֶערְגִיפְטֶען דִי לוּפְט, אוּנ בַּאלְד הָאבֶּען אַללֶע אַיינְוָואהנֶער פוּן דֶער זְשֶׁענֶעוֶוער גֶעגֶענְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייֶען אִין אֵיין קוֹל אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר לֶעבֶּען גֶענוּמֶען. אִין שִׁילְלָאן אוּנ שַׁאטֶעל הָאט מֶען גֶעחַאפְּט אַ סַךְ יוּדֶען, מֶען זֵיי הָאט אָנְגֶעטְהוּן עִנוּיִים קָשִׁים אוּנ מֶען הָאט זֵיי אַזוֹי לַאנְג גֶעמַאטֶערְט בִּיז זֵיי הָאבֶּען גֶעזָאגְט דָאס וָואס זֵייעֶרֶע רוֹצְחִים הָאבֶּען גֶעוָואלְט. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶועהן אַ יוּד, אַקֶוֶועט, אַז עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט גִיפְט אִין אַ סַךְ אֶרְטֶער וָואס זֶענֶען זֶעהר וַוייט אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּנ חָאטְשׁ אֲפִילוּ אַ בְּלִינְדֶער הָאט גֶעקָאנְט אַרוֹיסְזֶעהן אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען פַאלְשׁ, הָאט מֶען זֵיי גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ בֶּעוַוייז אוּנ מֶען הָאט צוּ לִיעבּ דֶעם פַארְבְּרֶענְט אַללֶע יוּדֶען פוּן יֶענֶער גֶעגֶענְד. אַזוֹי הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעטְהוּן אִין דֶער גַאנְצֶער שְׁוֵוייץ בֶּעזָאנְדֶערְס אִין בֶּערְן; מֶען הָאט גֶעחַאפְּט דֶעם עֶרְשְׁטֶען יוּדֶען אוּנ מֶען הָאט בַּיי אִיהם לֶעבֶּעדִינֶערְהֵייד דִי אָדֶערְן גֶעצוֹיגֶען בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, אוּנ קוֹים הָאט מֶען שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף פַּאפִּיעֶר זַיין חֲתִימָה, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעבְּרֶענְט אוּנ גֶעבְּרָאטֶען אַללֶע יוּדֶען נָאר אָהן טַעֲנוֹת. אִין בַּאזֶעל, פְרַייבּוּרְג, שְׁטְרַאסְבּוּרְג אוּנ קָאלְן הָאט מֶען זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי נוֹהֵג גֶעוֶועהן. אַז דֶער פַּאפְּסְט קְלֶעמֶענְטִי אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, הָאט עֶס אִיהם פַארְקְלֶעמְט בַּיים הַארְצֶען אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועהן אִיבֶּערְצַייגְט אַז דִי יוּדֶען לַיידֶען אוּמְזִיסְט, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט נָאךְ אַ שְׁטְרֶענְגֶערן בֶּעפֶעהל וִוי פְרִיהֶר, עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעשְׁרִיבֶּען אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען אוּמְשׁוּלְדִיג, אַז דִי גַייסְטְלִיכֶע זֶענֶען מְחוּיָב זֵיי צוּ בֶּעשִׁיצֶען אוּנ אַרַיינְוַוארְפֶען אִין חֵרֶם יֶעדֶען וָואס טְרַאכְט אוֹיף זֵיי אוֹיס בִּלְבּוּלִים. דָאס פָאלְק אִיז שׁוֹין אָבֶּער גֶעוֶועהן אַזוֹי צוּהִיצְט אוּנ מָלֵא רְצִיחָה אַז דִי גוּטֶע רֵייד פוּנ'ם פַּאפְּסְט הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין נִיט גֶעקָאנְט אָבְּהַאלְטֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּנ דָאס יוּדִישֶׁע בְּלוּט הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעגָאסֶ'ן אָהן אַיין אוֹיפְהֶער.

בעזאנדערס האט זיך דייטשלאנד אויסגעצייכענט מיט רציחות. חאטש דער נייער קייזער קארל דער פיערטער האט אללע מאל ארויסגעלאזט איין אנדער בעפעהל מען זאל די יודען לאזען צו רוה, ווייל ער האט ניט געוואלט פערליערען אזא גרויסע הכנסה פון זיינע „קאמערקנעכט", פון דעסטוועגען האט זיך דאס פאלק געטהון זיינס, אונ דארט האט מען ניט אזוי גענומען צו בע-באכעווען די יודען ווי מען האט טאקי געגלויבט אז זיי זענען שולדיג אין דער מגפה אונ אז מען וועט זיך פון זיי בעפרייען וועט אויך די שרעקליכע קראנקהייט אוועק. עס איז ביי קיינעם מעהר קיין ספק ניט געוועהן אז די יודען האבען פערגיפטעט אללע טייכען אונ ברונענס, אונ דערפאר האבען זיי געטרונקען נאר רעגען-אדער שנעע-וואסער; מען האט אויך באלד אבגעזוכט א יודען, ר' משה פון מאינץ, אונ מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט דעם גאנצען הטא אז ער האט צושיקט סם איבער גאנץ דייטשלאנד.

אין דער פינסטערער צייט גלאנצען ווי ליכטיגע שטערען, די נאהמען פון עטליכע קריסטען, וואס האבען זיך כמעט מיט מסירת נפש אנגענומען פאר די אומגליקליכע יודען, דאס זענען געוועזען די פארשטעהער פון שטראסבורג. קאנראד פאן ווינטערטור, נאסע שטורם אונ פעטער שווארבער, זיי האבען ניט געקוקט אויף קיין שום סכנה אונ האבען זיך ארויסגעשטעלט אפילו געגען עפיסקאפ; מיט אללע כוחות האבען זיי געשיצט די יודען אונ אויף זיי קוקענדיג האבען זיך געפונען אזעלכע בעלי טובה אויך צווישען די פארשטעהער פון באזעל, פרייבורג אונ קאלן. אז מען האט אין בענפעל-דען, אין עלזאס, געמאכט איין אסיפה אונ דער בישאף בערטהאלד פון שטראסבורג מיט נאך אנדערע גרויסע לייט האבען זיך פערזאמעלט אונ געזוכט עפיס איין עצה, וואס מען זאל טהון מיט די יודען, האבען די פארשטעהער פון שטראסבורג זיך בעמיהט צו איבערצייגען אללע וואס פאר א שרעקליכע עבירה די קריסטען נעהמען אויף זיך מיט די פאלשע בעשולדיגונגען. צום אומגליק האבען זיי אבער נאר ניט געקאנט מאכען, די שונאים האבען זיי איבער-געשפארט אונ עס איז געבליבען מען זאל ארויסטרייבען די יודען פון אללע שטאדט וואס ליעגען ביים רהיין. דעמאלט האט מען צום איבעריגען דערשלאגען די עלזאסער יודען, וואס האבען זיך נאך ניט אויסגעהיילט פון די פריהריגע וואונדען פון ארמלעדערס חברה: מען האט זיי אנגעהויבען יאגען ווי די ווילדע חיות פון איין ארט אויס'ן אנדערן ביז עס איז פון זיי קיין איינציגער ניט גע-בליבען לעבען. דאס אייגענע האט מען אויך געטהון מיט די יודען פון באזעל

אונ נִיט וַוייט פוּן דָארְט אוֹיף אַ אִינְזֶעל הָאט מֶען אוֹיסְגֶעבּוֹיעט אַ בֶּעזוּנְדֶער שְׁטוּבּ, מֶען הָאט דָארְט פַארְשְׁפַּארְט אַ סַךְ יוּדֶען אוּנ דֶער נָאךְ אָנְגֶעצוּנְדֶען דָאס הוֹיז פוּן אַלֶע זַייטֶען, אוּנ טַאקִי דָא בַּיים פַייעֶר הָאבֶּען דִי רוֹצְחִים גֶעשְׁוָוארֶען אַז פַאר צְוַויי הוּנְדֶערְט יָאהר טָאר מֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶען יוּדֶען נִיט אַרַיינְלָאזֶען אִין שְׁטָאדְט. שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ וָואךְ אִיז דִי אֵייגֶענֶע גְזֵרָה אוֹיסְגֶעגָאסֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן פְרַייבּוּרְג, אוּנ בַּאלְד הָאט מֶען אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן מִיט דֶער גַאנְצֶער קְהִלָה אִין שְׁפַּייעֶר: דָאס פָאלְק הָאט אוֹיסְגֶעהַרְג'ט אַלֶע יוּדֶען, פִיעל הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען גֶענוּמֶען אוּנ נָאר עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם. נָאר אֵיין שְׁטְרַאסְבּוּרְג הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטֶען, וַוייל דִי עֶדְלֶע פָארְשְׁטֶעהֶער זֶענֶען נִיט מִיעד גֶעוָוארֶען אוֹיף יֶעדֶען שְׁרִיט אָבְּצוּהַאלְטֶען דָאס פָאלְק פוּן רְצִיחָה, אוּנ זֵיי פְלֶעגֶען נָאךְ שְׁרַייבֶּען בְּרִיעף אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט אוּנ בֶּעטֶען מֶען זָאל זִיךְ נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק פֶערְזִינְדִיגֶען גֶעגֶען נָאטֶט אוּנ נִיט טֵייטֶען אוּנְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְשֶׁען. אַז דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער צוּבְּרֶענְט אִין אַלֶע עֶרְטֶער אַרוּם אוּנ מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט וִוי אוּמֶעדוּם הַרְג'ט מֶען יוּדֶען, הָאבֶּען דִי שְׁטְרַאסְבּוּרְגֶער אַיינְוָואהְנֶער אוֹיךְ גֶעוָואלְט פֶערְזוּכֶען דֶעם טַעַם פוּן אַ רֶעכְטֶער הֲרִיגָה, אוּנ אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט, אַז דִי פָארְשְׁטֶעהֶער וֶועלֶען עֶס נִיט דֶערְלָאזֶען, הָאבֶּען זֵיי פְרִיהֶער אָנְגֶעמַאכְט אַ לַארְם אַז זֵיי זֶענֶען נִיט צוּפְרִידֶען פוּן זֵיי, אוּנ קוֹים הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אַנְדֶערֶע, הָאט מֶען אִין אֵיין טָאג גֶעמַאכְט אַ תֵּל פוּן דֶער גַאנְצֶער יוּדִישֶׁער קְהִלָה. מֶעהר פוּן צְוַויי טוֹיזֶענְד יוּדֶען הָאט מֶען פֶערְבְּרֶענְט אוּנ מֶען הָאט זִיךְ צוּטְהֵיילְט מִיט זֵייעֶר פֶערְמֶעגֶען, אוּנ דִי נַייעֶ פָארְשְׁטֶעהֶער הָאבֶּען בֶּעשְׁלָאסֶען מֶען זָאלל הוּנְדֶערְט יָאהר כְּסֵדֶר נִיט לָאזֶען יוּדֶען זִיךְ בֶּעזֶעצֶען אִין שְׁטְרַאסְבּוּרְג.

בַּאלְד נָאךְ דֶעם הָאט דָאס אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען דִי יוּדֶען פוּן וָוארְמְס אוּנ דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען נָאךְ גֶעהַאט אַ וואהלֶען תֵּירוּץ, וַוייל דֶער קֵייזֶער קַארְל דֶער פִיעֶרְטֶער הָאט נָאךְ פְרִיהֶער אַוֶועקְגֶעשֶׁענְקְט דֶער שְׁטָאדְט אַלֶע יוּדֶען, אוּנ הָאטְשׁ עֶר הָאט מִיט דֶער מַתָּנָה גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער מַס, וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט צָאהלֶען זָאלל גֶעהֶערֶן דֶער שְׁטָאדְט הָאט מֶען זִיךְ גֶעמַאכְט אַ הֶיתֵּר אוּנ מֶען הָאט גֶעטַייטְשְׁט אַז מֶען מֶאג מִיט זֵיי טְהוּן וָואס מֶען וִויל. דֶערְפַאר הָאבֶּען דִי פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט בֶּעשְׁלָאסֶען מֶען זָאל דִי יוּדֶען פֶערְבְּרֶענֶען, נָאר אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען הָאבֶּען זֵיי בֶּעסֶער אַלֵיין אָנְגֶעצוּנְדֶען זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶעבֶּען, אַבִּי זֵיי זָאלֶען נִיט אוּמְקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם שׂוֹנֵא'ס הָאנְד. דָאס אֵייגֶענֶע הָאבֶּען אוֹיךְ

געטהון די יודען פון אפענהיים אונ פראנקפורט אם מאין; טויזענדער פון זיי האבען זיך אלליין דאס לעבען גענומען אונ האבען ניט געוואלט אבינ־פאלען צום צורייצטען פאלק.

דעמאלט האט זיך אנגעהויבען א נייע צרה: עס האבען זיך געפונען פרומע קריסטען וואס האבען אויף זיך גענומען צו ליידען יסורים, נעהמען אויף זיך אענש אונ דערמיט אויסבעטען ביים רבונו של עולם ער זאל צונעהמען דעם גזר דין אונ די מגפה זאל אויפהערען. דאס יראת שמים פון די פרומע האט אבער מעהר ניט געטראגען נאר דארויף זיי זאלען ארומגעהן פון איין שטאדט צו דער אנדערער האלב נאקעט אונ זיך שלאגען מיט לעדערנע רימענס אזוי שטארק, אז דאס בלוט זאל שפריצען; פון יושר אונ רחמנות אבער האבען זיי ניט געוואלט וויסען אונ האבען, פערקעהרט, פון זייער זייט אויך אונטערגעהיצט דאס פאלק אונ געשריגען אז מען דארף זיך נוקם זיין אין די יודען. מען קאן זיך פארשטעלען ווי אזוי די רוצחים זענען ביי זיך פעסט געווארען, ווען זיי האבען געזעהן אז אפילו די פרומע לויבען מענשענפרעסעריי אונ רציחה! זיי זענען באלד אנגעפאלען אויף דער גרויסער יודישער קהלה פון מאינץ, נאר דארט האבען די יודען ניט געוואלט זיך לאזען קוילען ווי שאף, דרייהונדערט פון זיי האבען דערטאפט כלי זיין אונ האבען דערהרג׳ט צוויי הונדערט רוצחים; אז די קריסטען האבען דערזעהן אזא מעשה האבען זיי זיך אללע גענומען אויף די יודען, נאר גרינג איז עס זיי ניט אנגעקומען, די יודען האבען ארויסגעוויזען גענוג גבורה אונ האבען זיך געהאלטען עטליכע טאג: ביז זיי האבען אלליין ניט אנגעצונדען זייערע הייזער אונ זעכס טויזענד פון זיי זענען אומגעקומען. אין דעם איינענעם טאג האט מען אויך אויסגעהרג׳ט די יודען פון קעלן, וואס זייער צאהל איז געוועהן זעהר גרויס, ווייל אהין זענען זיך צונויפגעלאפען פיעל פערטריבענע פון אנדערע ערטער. צום אנהייב האבען זיך די יודען דארט אויך געפרובט צו ווערען, נאר קיינער האט ניט געקאנט בעשטעהן געגען דעם ווילדען פאלק וואס אפילו די מלוכה איז ניט אים שטאנד געוועהן עס איינצוהאלטען.

אזוי האט מען זיך אבגערעכענט מיט די יודען אין דייטשלאנד אונ כמעט אין איין יאהר איז דארט איין יודישע קהלה ניט געבליבען. אין בייערן אונ שוואבען האט דאס פאלק אויך ניט געשוויגען אונ גאר גיך איז קיין זכר פון קיין יודען ניט געבליבען אין אויגסבורג, וויירצבורג, מינכען אונ נאך אנדערע שטאדט. אין נירנבערג האבען געוואהנט גרויסע יודישע עשירים

אונ אויף זיי האבען בעזאנדערס געשארפט די ציין אזעלכע קריסטען, וואס זענען זיי גענוג געלד שולדיג געוועהן. דער קייזער קארל דער פיערטער האט פאראויסגעזעהן אז מען וועט אנפאלען אויף די רייכע יודען כדי מען זאל זיך בעפרייען פון די חובות אונ דערפאר האט ער פריהר געלאזט זאגען אז ער וועט שטרענג בעשטראפען די שולדיגע; עס האט אבער קיין שום אזהרה ניט געהאלפען אונ די רוצחים האבען אונטער דער שטאדט אויף א פרייען פלאץ געשטעלט א שייטערהויפען אונ דארט פארברענט די יודען. דאס איינענע האט מען אויך געוואלט טהון אין רעגענשבורג, נאר דארט האבען זיך געפונען גענוג ארדענטליכע איינוואהנער, וואס האבען כבוד געלעגט אויף זייער פאר־שטעהער, בערטהאלד עגאלטשפעכט, אונ האבען איהם צוגעשווארען אז זיי וועלען ניט דערלאזען מען זאל די יודען טהון שלעכטס. זיי האבען אויך געהאלטען די שבועה אונ די רעגענשבורגער יודען זענען ניצול געווארען פון דער צרה.

א שטארק גליק איז נאר וואס דאס פייער האט זיך ניט אריינגעכאפט אין אזעלכע לאנדער, ווי אונגארן אונ פאלען, וואו דער „שווארצער טויט" האט אויך פערוויסט אסך שטאדט אונ וואו מען האט, מן הסתם, געהערט וואס מען טהוט צו ליעב דעם מיט די יודען אין דייטשלאנד. דארויף זענען אבער געוועהן פערשיעדענע סבות: דער קאניג לודוויג פון אונגארן האט אפילו דעמאלט יא ארויסגעטריבען די יודען, נאר ניט דערפאר וואס ער האט זיי גערעכענט פאר גיפט־מישער; ער האט פשוט ניט געוואלט האלטען ביי זיך מענשען פון א פרעמדער אמונה. אין פוילען ווידער האט דער קאניג קאזימיר דער גרויסער דווקא מקרב געוועהן די יודען, פיעל פון זיי האט ער געגעבען די בעסטע שטעללען אונ האט זיי אים יאהר 1354 געשענקט אללע רעכטע. אוודאי האט מען דארט געלאכט פון אזעלכע נארישקייטען אונ קיינעם איז גאר ניט איינגעפאלען צו גלויבען אז די יודען זענען אים שטאנד א חולאת אראפ־צוברענגען אויף דער וועלט.

די צוויי לאנדער זענען טאקי אבער געוועהן די איינציגע, וואס האבען זיך ניט געוואלט אנכאפען אין דער נארישער בעשולדיגונג. ווייטער איז אין אייראפא קיין ווינקעל ניט געוועהן וואו מען האט ניט געגלויבט אז די יודען זענען שולדיג אונ זענען ווערטה מען זאל זיי ברענגען אונ בראטען. אין בעלגיען האבען אויך די יודען שטארק געליטען, ווייל די מלוכה האט זיך דעמאלט געפונען אין די האנד פונ'ם הערצאג יאהאנן דעם צווייטען, וואס

איז געוועהן צו שוואך אונ האט זיי ניט געקאנט בעשיצען. אין בריסעל האט געוואהנט א יוד א עשר, וואס איז געוועהן א גרויסער חשוב ביים הערצאג אונ אז עס האבען זיך אנגעהויבען הארגען די הרינות האט דער הערצאג איהם צוגעזאגט אז ער וועט איהם מיט אללע זיינע ברידער אבהיטען; צום סוף האבען די רוצחים געבעטען דעם הערצאג'ס זיהן ער זאל פועל'ן ביים פאטער אז די מלוכה זאל זיך מאכען ניט וויסענדיג; עס איז זיי טאקי געראטהען אונ זיי האבען אין איין טאג אויסגעקוילעט מעהר פון פינף הונדערט יודען.

די יודען פון קאטאלאניען אונ אראגאניען האבען אפילו אנגעהויבען זוכען מיטעל אונ האבען אוועקגעשיקט שלוחים צו די קאניגע בעטען ביי זיי, זיי זאלען אינאיינעם מיט די גייסטליכע זיך אננעהמען פאר זיי אונ ניט דערלאזען הרגנען טויזענדער נפשות צו ליעב פוסטע זאכען, עס איז אבער פון דעם נאר נישט געווארען, ווייל קיינער איז ניט געוועהן בכח איינצולעשען דעם פונק ווי מען קאן ניט איינהאלטען דעם שטראם וואסער ווען ער צעגיסט זיך אונ געהט ארויס פונ'ם ברעג. ניט קיין שכל, ניט קיין ישר, ניט קיין רחמנות האט געקאנט פערלעשען דעם כעס פון די רוצחים, אונ וואס גראבער דאס נאַרישקייט איז געוועהן – האט מען מעהר אין דעם געגלויבט. עס איז ניט געוועהן די זאך וואס מען זאל ניט אויסטראכטען אויף די יודען, אונ דאס פאלק זאל עס ניט האלטען פאר איין אמת, אונ עס איז נאר קיין וואונדער ניט וואס שפעטער מיט עטליכע יאהר האט דער איטאליענישער דיכטער דשיאוואני פיארענטיני בעשריבען א מעשה ווי א יוד האט געגעבען א קריסט געלד אויף א וועקסעל אונ האט דארט אנגעשריבען אז ווי באלד דער קריסט וועט איהם צו דער צייט ניט בעצאהלען דעם חוב האט ער דאס רעכט אויסצושניידען ביי איהם פון דער ברוסט א פונט פלייש. מיט דער אייגענער מעשה האט זיך אויך בענוצט, שפעטער מיט א פאר הונדערט יאהר דער בעריהמטער ענגלישער שרייבער ווילאם שעקספיר אין זיין טהעאטער שטיק „דער קויפמאנן פון וועני־געדיג", אונ דאס בעווייזט אז מען האט דעמאלט די יודען געהאלטען פאר גרויסע אכזרים אונ אז מענשען האבען שטענדיג ליעב ארויפצולעגען אויף יענעם זייערע אייגענע חסרונות.

עס איז אבער מערקווירדיג ווי די שנאה, וואס איז געבויעט אויף נארישע זאכען האט קיין שום יסוד ניט אונ ווערט שנעל פערגעסען. קוים זענען אוועק־געגאנגען עטליכע יאהר נאך די הרינות וועגען דעם „שווארצען טויט" האט מען אין אללע שטאדט פון דייטשלאנד אנגעהויבען זוכען די אייגענע יודען,

וואס מען האט זיי ערשט ניט לאנג אויסגעקוילעט און ארויסגעטריבען, און עס האט זיך אויסגעוויזען אז אהן זיי איז זיך פשוט שווער צו בעגעהן. מען האט זיך גאר ניט געוואלט דערמאנען אין דער שבועה וואס מען האט געגעבען, אז פאר צוויי הונדערט יאהר זאל מען קיין איינציגען יודען ניט אריינלאזען, און אפילו דער עפיסקאפ פון אויגסבורג האט ביים קייזער קארל געבעטען ער זאל איהם ערלויבען האלטען יודען. בעזאנדערס האט זיך מיה געגעבען דער ארביעפיסקאפ פון מאינץ געקלאר פאר די יודען, נאר זיין כוונה איז פשוט געוועהן אריינצוכאפען די גרויסע הכנסה פונ'ם יודישען מס. די יודען זענען קיין נאראנים ניט געוועהן. זיי האבען גוט פערשטאנען אז ניט פאר גרויס ליעבשאפט בעט מען זיי צוריק, אז דאס פאלק טהוט עס צו ליעב דעם וואס אהן זיי ליידט דער מסחר און די גרויסע לייט דארפען זיי האבען מען זאל פון זיי שינדען די הויט. נאר קיין אנדער ברירה האבען זיי ניט געהאט, ווי אזוי זיי האבען זיך ניט איבערגעלעגט איז זיי אלץ אויסגעקומען גלייכער זיך אומצוקעהרען צו די אלטע ערטער, און דאריבער האבען זיי קיין ווארט ניט גערעדט, זיי האבען זיך ניט לאנג געלאזט בעטען און האבען בענוצט אלע כוחות וועהן געלד צו פערדיענען, כדי זיי זאלען האבען מיט וואס צו פערשטאפען די מיילער פון די, וואס האבען טאקי נאר ארויסגעקוקט אויף דער מטבע און האבען שפעטער געהאט אזוי פיעל יושר אז זיי האבען זיך ניט געשעמט צו בעשולדיגען די יודען דערפאר וואס געלד שפיעלט ביי זיי אזא ראללע און צו ליעב דער מטבע זענען זיי פערטיג אלדינג צו טהון.

אין פראנקרייך האט מען זיך אויך ניך ארומגעקוקט אז אהן די יודען ווערט דאס לאנד אללע מאל געפאלען, און אז דער קאניג יאהאנן האט נאך פערלארען די מלחמה מיט ענגלאנד און דער געלד-מאנגעל האט זיך גאר שטארק געלאזט פיהלען, האט זיך דער יונגער פרינץ קארל, וואס האט אין דער צייט, ווען דער פאטער איז געוועהן געפאנגען ביי די ענגלאנדער, געפיהרט די מלוכה, ענטשלאסען צוריק אריינצונעהמען די יודען, זיי זאלען דער מדינה אריינגעבען א נייע חיות. א קלוגער יוד, מנשה דע וועזוא האט זיך גענומען צוריק צו-ברענגען פיעל יודען קיין פראנקרייך און דער קאניג יאהאנן האט אים יאהר 1360 ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז ער לאזט דערוייל די יודען אריין אויף צוואנציג יאהר און ערלויבט זיי אומעדום צו וואהנען, קויפען הייזער און אפילו ערד. די הכנסה האט ער מן הסתם קודם כל, אין זין געהאט און האט געמאכט אז יעדער יוד, וואס געפינט זיך אין פראנקרייך, זאל באלד אנדערלעגען פיער-

צֶעהן גוּלְדֶען פַאר זִיךְ אוּנ אַ גוּלְדֶען פַאר יֶעדֶען נֶפֶשׁ וָואס גֶעהֶער צוּ זַיין מִשְׁפָּחָה אוּנ דֶערְנָאךְ מוּז מֶען אַלֶּע יָאהר גֶעבֶּען מַס — פַאר זִיךְ זִיבֶּען גוּלְדֶען אוּנ פַאר די אִיבְּרִיגֶע נְפָשׁוֹת צוּ גוּלְדֶען. מִיט דֶעם גֶעלְד הָאבֶּען זֵיי זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוֹיפְט אִין גַאנְצֶען אוּנ די מְלוּכָה הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּ זֵיי נִיט גֶעטָארְט מִישֶׁען. זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט זֵייעֶר אֵיינֶענֶעם שׁוֹפֵט וָואס הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר'ן הוֹיפְּט־פָּארְשְׁטֶעהֶער אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אַלֶּע גֶעפוּנֶען אוּנְטֶער דֶעם שׁוּטְץ פוּן אַקָאנִינְגְלִיכֶען פְּרִינְץ. אוֹיף אַלֶּע מִשְׁפָּטִים, וָואס הָאט גֶעקָאנְט פָּארְקוּמֶען צְוִוישֶׁען זֵיי, וֶוענֶען גֶעזֶעצְט גֶעוָועהן צְוֵויי רַבָּנִים וָואס הָאבֶּען צוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בֶּעדַארְפְט צוּצִיהֶען פִיער בַּעֲלֵי בָּתִּים אוּנ זֵיי אַלֶּע אִינֵיינֶעם הָאבֶּען גֶעהַאט דָאס רֶעכְט אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען אַפְּסַק. די מְלוּכָה הָאט זֵיי בֶּעוָוארֶענְט זֵיי זָאלֶען קָאנֶען גֶעטְרַיי אָבְּהִיטֶען זֵייעֶר אֱמוּנָה, מֶען זָאל זֵיי נִיט נֵייטְהֶען ווי אַמָאל גֶעהן אִין די קִירְכֶען אוּנ הֶערֶען דְרָשׁוֹת פוּן די גֵייסְטְלִיכֶע, דֶעם תַּלְמוּד זָאל מֶען מֶעהר נִיט בְּרֶענֶען, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט זִי זֵיי גֶעגֶעבֶּען גְרוֹיס פְּרַייהֵייט וֶוענֶען פְּרָאצֶענְט־נֶעהמֶען אוּנ גֶעלְד לַייהֶען אוֹיף מַשְׁכּוֹנוֹת אוּנ דָאס אִיז טַאקִי בַּיי אִיהר גֶעוֶועהן דֶער עִיקָר, וַוייל זֵיי הָאבֶּען גֶעמוּזְט זֶעהן די יוּדֶען זָאלֶען הָאבֶּען פוּן וַואנֶען צוּ צָאהלֶען דֶעם גְרוֹיסֶען מַס. אַוַודַאי הָאבֶּען די יוּדֶען גֶעפוּנֶען די תְּנָאִים נָאר נִיט שְׁלֶעכְט פַאר זִיךְ, אוּנ מְנַשֶּׁה דֶע וֶועזוּא, וָואס הָאט דֶערְוַוייל בֶּעקוּמֶען בַּיי דֶער קְרוֹין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶּע אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ מַשְׁגִּיחַ אִיבֶּער דֶעם יוּדִישֶׁען מַס, הָאט טוֹיזֶענְדֶער יוּדֶען פוּן וַוייט אוּנ פוּן נָאהֶענְט גֶעבְּרַאכְט קַיין פְּרַאנְקְרַייךְ.

דֶער שְׁוַואכֶער קֶענִיג יָאהַאנְן הָאט אֲפִילוּ נָאר אִין גִיכֶע צַייטֶען קַיין וָוארְט נִיט גֶעהַאלְטֶען. פוּן אַלֶּע זַייטֶען הָאט מֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְלָאגֶען אוֹיף די יוּדֶען אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאבֶּען גֶעשְׂרִיגֶען די דָאזִיגֶע וָואס זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז גֶעשְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס די יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ וָואלְוָולֶער גֶעלָאזְט בֶּעצָאהלֶען פַאר זֵייעֶר מִיה. קְרִיסְטְלִיכֶע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען וָואס די יוּדִישֶׁע דָאקְטוֹרִים נֶעהמֶען וֶועניגֶער אוּנ הֵיילֶען בֶּעסֶער; די קְרִיסְטְלִיכֶע רִיכְטֶער הָאט פֶערְדְרָאסֶען וָואס זֵיי קָאנֶען זִיךְ נִיט אַרַיינְמִישֶׁען אִין דֶעם יוּדִישֶׁען לֶעבֶּען אוּנ רַייסֶען גֶעלְד פוּן טוֹיט אוּנ פוּן לֶעבֶּעדִיג; די גֵייסְטְלִיכֶע ווידֶער הָאט וֶועה גֶעטְהוּן דָאס הַארְץ וָואס זֵיי הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט צְווִינְגֶען יוּדֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ טוֹיפֶען. אָט די גַאנְצֶע חֶבְרָה הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר'ן קֶענִיג אַז מֶען קָאן פוּן די יוּדֶען נִיט אוֹיסְשְׁטֶעהן אוּנ הָאבֶּען גֶעפוֹעלְט בַּיי אִיהם אַ בִּיסֶעל צוּ פֶערְקְלֵיינֶערְן זֵייעֶרֶע רֶעכְטֶע. דֶער אִיבֶּערְשְׁלָאג הָאט אָבֶּער נָאר וֶועניג גֶעדוֹיעֶרְט,

וַוייל בַּאלְד הָאט די מְלוּכָה אִיבֶּערְגֶעֶנוּמֶען יָאהַאנְ'ס זִיהְן, קַארְל דֶער פִינְפְטֶע, אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט לַיידֶען אַז מֶען זָאל אִיהם זָאגֶען אַ דֵעָה. אַזוֹי וִוי דָאס צוּרִיקְקוּמֶען פוּן דִי יוּדֶען קֵיין פְרַאנְקְרֵייךְ אִיז גֶעשֶׁעהְן נָאךְ זֵיין ווִילֶען, ווָען עֶר אִיז נָאךְ אַ פְּרִינְץ גֶעוֶועהן, הָאט עֶר בֶּענוּצְט זֵיין גַאנְצֶע קֶאנִיגְלִיכֶע מַאכְט דַארוֹיף, אַז דִי יוּדֶען זָאלֶען קָאנֶען זִיצֶען זִיכֶער אִין לַאנְד, אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בֶּעפֶעהל מֶען זָאל נִיט פָאלְגֶען דִי גַייסְטְלִיכֶע, ווָאס רֶעדֶען צוּ דִי קְרִיסְטֶען זֵיי זָאלֶען נִיט הַאנְדְלֶען מִיט דִי יוּדֶען, אוּנ הָאט טַאקִי דֶערְבֵּיי בֶּעפֶאהְלֶען זֶעהר שְׁטְרֶענְג, אַז ווֶער עֶס ווֶעט אַרוֹיסְוַוייזֶען זֵיין שִׂנְאָה גֶעגֶען דִי יוּדֶען, דֶער ווֶעט שְׁטְרֶענְג בֶּעשְׁטְרָאפְט ווֶערֶען. אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע אוּנ שַׁארְפֶע רֶעד הָאבֶּען גֶעהַאט אַ פְּעוּלָה אוֹיפ'ן פָאלְק אוּנ דִי גַאנְצֶע צַייט, ווָאס קַארְל הָאט גֶעהֶערְשְׁט, אִיז דֶער מַעֲמָד פוּן דִי יוּדֶען אִין פְרַאנְקְרֵייךְ גֶעוֶועהן גַאנְץ גוּט.

דִי בֶּעסֶערֶע לַאגֶע פוּן דִי פְרַאנְצֶאזִישֶׁע אוּנ דַייטְשֶׁע יוּדֶען הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט אָנְגֶעוֶועהן אוֹיף זֵייעֶר אִינֶוֶוענִינְסְטֶען מַעֲמָד, אוּנ זַייט מֶען הָאט זֵיי אַנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַייבֶּען אוּנ זֵיי זֶענֶען אִין עֶרְגִיץ מִיט'ן לֶעבֶּען נִיט זִיכֶער גֶעוֶועהן אִיז צְווִישֶׁען זֵיי דָאס לֶערְנֶען שְׁטַארְק גֶעפַאלֶען, אוּנ טַאקִי אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם פְרַאנְקְרֵייךְ וואו גַאנְצֶע צְווֵיי הוּנְדֶערְט יָאהר, פוּן רש"י בִּיז דִי לֶעצְטֶע בַּעֲלֵי הַתּוֹסְפוֹת, הָאט דִי תּוֹרָה גֶעבְּלִיהט, אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶועהן צוּ גֶעפִינֶען רַבָּנִים ווָען דֶער קֶענִיג קַארְל הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט אָבְּגֶעבֶּען דִי גַאנְצֶע מַאכְט אִיבֶּער דִי יוּדֶען. דֶער אֵיינְצִיגֶער גָדוֹל, ווָאס הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט אוּנ מֶען הָאט אִיהם אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר לַאנְד־רַב, ר' מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹסֵף פְּרָוַונְסִי, אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּב בַּיי דֶער מְלוּכָה אוּנ אִיהם הָאט מֶען עֶרְלוֹיבְּט נִיט צוּ טְרָאגֶען דֶעם יוּדִישֶׁען צֵייכֶען אוֹיף דִי קְלֵיידֶער. עֶר הָאט גֶעמוּזְט אִין פַּארִיז אֶפְנֶען אַ יְשִׁיבָה, ווָאס זָאל קָאנֶען מְגַדֵל זֵיין רַבָּנִים. אִין דַייטְשְׁלַאנְד הָאט מֶען אוֹיךְ הִיבְּשֶׁע עֶטְלִיכֶע יָאהר גֶעפִיהלְט אַ מַאנְגֶעל אִין רַבָּנִים אוּנ ווָאס פַאר אֵיין עַם־הָאָרֶץ עֶס הָאט נָאר גֶעווָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען דָאס רַבָּנוּת אוּנ הָאט גֶע־פַּסְקֶנְ'ט שַׁאֲלוֹת, נָאר דֶער בֶּערִיהמְטֶער רַב ר' מֵאִיר בֶּן בָּרוּךְ הַלֵּוִי פוּן וִויעֶן הָאט אִים יָאהר 1870 אַיינְגֶעפִיהרְט, אַז יֶעדֶער ווָאס וִויל ווֶערֶען אַ רַב מוּז הָאבֶּען אַ סְמִיכָה פוּן אֵיין אֶלְטֶערְן רַב אוּנ דַארְף אוֹיךְ הָאבֶּען דֶעם טִיטֶעל מוֹרֵנוּ. אִיבֶּרִיגֶענְס אִיז אִין דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ פְרַאנְקְרֵייךְ נִיט נָאר דִי תּוֹרָה פֶערְגֶעסֶען גֶעווָארֶען, נָאר מֶען הָאט אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט אָבְּצוּהִיטֶען אַ סַךְ דִינִים אוּנ מִנְהָגִים ווָאס מֶען הָאט שׁוֹין נִיט גֶעדֶענְקְט; דַארִיבֶּער הָאבֶּען דִי רַבָּנִים אִים יָאהר 1381 גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה אִין מַאיְנְץ אוּנ מֶען הָאט בֶּעגֶייהט דִי תַּקָנוֹת ווָאס מֶען

הָאט אַ מָאל גֶעהַאלְטֶען אִין דִי שְׁטָאדְט שְׁפַּייעֶר, וָוארְמְס וָוערְמַייזָא) אונ מַאיְנְץ אונ וָואס מֶען הָאט זַיי דֶערְפַאר גֶערוּפֶען תַּקָּנוֹת שו״ם (דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דְרַיי שְׁטֶעדְט). דֶעמָאלְט הָאט מֶען בֶּעפְרַייהט פִיעל אַלְמָנוֹת אָהן קִינְדֶער, וָואס מֶען הָאט זֵייעֶרע מֶאנֶנֶער דֶערְהַרְגֶ׳ט, פוּן חֲלִיצָה, אונ מֶען הָאט זַיי אוֹיךְ צוּגֶע-לָאזְט צוּ נֶעהמֶען אַ חֵלֶק פוּן דֶער יְרוּשָּׁה.

שְׁפַּאנְיֶען הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט, וָואס דֶער „שְׁוַוארְצֶער טוֹיט“ הָאט דָארְט אוֹיךְ גֶענוּג מֶענְשֶׁען צוּגֶעהַאפְּט, גֶעהַאלְטֶען אִין דֶער מַעֲלָה: דֶער קָאנִיג אַלְפָאנְסָא דֶער עֶלְפְטֶער פוּן קַאסְטִילְיֶען אִיז אַלֵיין גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער קְרַאנְקְהַייט, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז קֵיינֶעם נִיט אַיינְגֶעפַאלֶען צוּ זוּכֶען חֲטָאִים בַּיי דִי יוּדֶען, וָואס הָאבֶען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט פַאר דִי שָׁאנְסְטֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים אִין דֶעם לַאנְד. אַז דִי מְלוּכָה אִיז נָאךְ אַלְפָאנְסָא׳ס טוֹיט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין זוּהן דוֹן פֶּעדְרָא דֶעם גְרוֹיזַאמֶען (הָאַכְזָרִי), הָאבֶּען דִי יוּדֶען דֶערְגְרֵייכְט נָאר צוּ אַ הוֹיכֶער מַדְרֵגָה, וַוייל חָאטְשׁ דֶער נַייעֶר קָאנִיג אִיז נִיט גֶעוֶועהן קַיין נוּטֶער, הָאט עֶר בֶּעהַאנְדֶעלְט דִי יוּדֶען מִיט יוֹשֶׁר, אונ הָאט גֶעשֶׁאצְט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע פֶעהִיגְקֵייטֶען. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע בֶּעסְטֶע חֲשׁוּבִים אִיז גֶעוֶועהן דֶער דִיכְטֶער שֵׁם טוֹב, אָדֶער סַנְטָאב דִי-קַרְרִיאָן, וָואס פְלֶעגְט נִיט אֵיין מָאל אִין זַיינֶע שֵׁיינֶע שְׁפַּאנִישֶׁע שִׁירִים אַרוֹיסְזָאגֶען דֶעם יוּנְגֶען מֶלֶךְ דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת אָהן חֲנִיפָה אונ אָהן מוֹרָא. אוֹיסֶער דֶעם הָאט דוֹן פֶּעדְרָא צוּ זִיךְ צוּגֶעצוֹיגֶען דִי בֶּעסְטֶע יוּדֶען, אונ אֵיינֶער פוּן זַיי, דוֹן שְׁמוּאֵל בֶּן מֵאִיר אַל-לֵוִי, פוּן דֶער בֶּערִיהמְטֶער מִשְׁפָּחָה אַבּוּלַאפְיָא הַלֵּוִי, אִיז גֶעוֶועהן זַיין פִינַאנְץ-מִינִיסְטֶער אונ עֶר הָאט צוּ אִיהם גֶעהַאט דָאס גְרֶעסְטֶע צוּטְרוֹיעֶן. נִיט וֶועניגֶער כָּבוֹד הָאט עֶר אָפְּגֶעגֶעבֶען אַיין אַנְדֶער יוּדֶען, אַבְרָהָם אִבְּן צַרְצַל, וָואס אִיז גֶעוֶועהן בַּיי אִיהם לַייבּ-דָאקְטָאר אונ פְלֶעגְט אִיהם אָפְט גֶעבֶען אַ רֶעכְטֶע עֵצָה. אַ זֶעלְבֶע יוּדֶען הָאבֶען לַייכְט גֶעקָאנְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דוֹן פֶּעדְרָא עֶר זָאל פְרַיינְדְלִיךְ קוּקֶען אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, אונ עֶס אִיז נָאר קַיין וואונְדֶער נִיט וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעזָאגְט דִי קְרִיסְטֶען, וֶוען מֶען הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל דִי יוּדֶען נִיט עֶר-לוֹיבֶען צוּ הָאבֶּען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שׁוֹפְטִים, אונ הָאט גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז דֶער הוֹב פוּן דֶער מְלוּכָה אִיז בֶּעזָאנְדֶערְס צוּ שִׁיצֶען שְׁוַואכֶע מֶענְשֶׁען אונ אַזוֹי וִוי דִי יוּדֶען זֶענֶען יְתוֹמִים מוּז מֶען זַיי נָאךְ מֶעהר בֶּעוָוארְנֶען וִוי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל זַיי, אוּמְגֶערן אָדֶער מִיט כַּוָּנָה, קַיין רָעָה נִיט טְהוּן. פוּן דֶער קְלוּגֶער תְּשׁוּבָה זֶעהט מֶען אַרוֹיס דֶעם יוֹשֶׁר פוּנ׳ם קָאנִיג אונ דִי חָכְמָה פוּן זַיינֶע יוּדִישֶׁע יוֹעֲצִים.

דאן פעדרא'ס פאמיליען-לעבען איז ניט געוועהן שטענדיג גליקליך, אונ פון דעם איז אויך אבגעהאנגען די לאגע פון די יודען. דער קאניג האט געהאט שונאים צווישען די גרויסע לייט, וואס זענען ניט צו פריעדען געוועהן פון זיין הנהגה, אונ האבען געקוקט קרום דארויף, וואס ער איז אזוי צוגעלאזט צום פראסטען פאלק; דערצו האבען נאך פערגרעסערט די שנאה זיינע שטיף-ברידער, וואס זענען ביי אלפאנסא'ן געבארען געווארען פון לעאנארא דע-גוזמאן, אונ בעזאנדערס האט געגען איהם געארבייט דער פרינץ הײנריך דע-טרסטמרע, וואס האט גערעכענט אז איהם קומט די מלוכה. אז דון פעדרא האט בעדארפט חתונה האבען, האבען זיינע געגנער אזוי געדרייט אז ער האט געמוזט נעמען דאס ווארט דער טאכטער פונ'ם פראנצאזישען הערצאג פון בורבאן בלאנקא, חאטש ער האט ליעב געהאט איין אנדערע, די שיינע מאריא דע-פאדילא, אונ האט שוין אפילו מיט איהר זיך פערלאבט. דון פעדרא איז אין די זאכען א ביסעל שוואך געוועהן, ער האט זיך עטליכע מאל אבגעזאגט פונ'ם שדוך, נאר בלאנקא וואס האט געוואלט זיין א קאניגין איז אלליין געקומען קיין קאסטיליען אונ דער קאניג האט ניט געקאנט זיין אזוי גראב אונ האט געשטעלט א שטילע חופה. די געגנער האבען געמיינט אז די נייע קאניגין וועט בעקומען די גאנצע דעה, אונ ביסלעכווייס וועט זיי געראטהען די גאנצע מלוכה אריינצוחאפען אין זייערע האנד, נאר זיי האבען א טעות געהאט: צוויי טאג אין גאנצען האט דון פעדרא געוואהנט מיט בלאנקא'ן אונ האט זי באלד אוועק געווארפען. אין דער געשיכטע האט א שטארקע נגיעה געהאט דון שמואל אל-לוי, ווייל, ערשטענס האט ער ניך אנגעשמעקט אז בלאנקא האט זיך בעריהמט, אז יודען וועלען מעהר אין קאניגליכען הויף ניט זיין קיין נאהענטע מחותנים, אונ צווייטענס האט ער טאקי געהאלטען פון מאריא דע-פאדילא פאר איהר גוטסקייט, אונ איז געוועהן איבערצייגט אז זי קאן דעם קאניג גליקליך מאכען. דעמאלט האבען זיך דעם קאניג'ס מקורבים צוטהיילט אויף צוויי צדדים, נאר דון פעדרא האט געוואוסט אז געטרייער פון אללע איז איהם דון שמואל אל-לוי אונ ער האט איהם, די שונאים אויף צו להכעיס, געמאכט פאר'ן ערשטען מיניסטער. באלד האט טאקי דון שמואל אל-לוי בעקומען די געלעגענהייט ארויסצווייזען דעם קאניג ווי איבערגעבען ער איז איהם אונ ווי דאנקבאר אללע יודען זענען איהם פאר זיינע חסדים. דון פעדרא'ס שונאים האבען איהם פערנארט אין א פעסטונג מיט אללע זיינע יועצים, אונ דער יודישער מיניסטער איז אויך געוועהן צווישען זיי, דעם קאניג האבען זיי דארט געהאלטען

גֶעפַאנְגֶען אונ דִי אִיבְּרִיגֶע הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקוֹילֶעט. נָאר אֵיין דוֹן שְׁמוּאֵל אַל־לֵוִי אִיז מַאקִי, עֶפִּיס נָאר דוּרְךְ אַ נֵס, גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען אונ עֶר הָאט נִיט גֶערוּהט בִּיז דֶער קֶאנִיג אִיז פְרַייא גֶעוָוארֶען. אַז עֶס הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ גְרוֹיסֶע מְרִידָה אִין קַאסְטִילְיֶען אונ דוֹן פֶּעדְרָא'ס שְׁטִיף־בְּרִידֶער זֶענֶען אָפֶען גֶעגֶען אִיהם אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעגֶעבּ כֹּחַ גֶעהַאט צוּ בֶּעשִׁיצֶען דֶעם קֶאנִיג. דִי מוֹרְדִים הָאבֶּען זֶעהר גֶעוָואלְט פֶּערְהַאפֶּען דִי הוֹיפְּט שְׁטָאדְט טוֹלֶעדָא, אונ עֶס אִיז זַייא טַאקִי גֶערָאטְהֶען אָבְּצוּנֶעהמֶען אֵיינֶע פוּן דִי וַוייטֶע גַאסֶען אוּנ דָארְט אָנְמַאכֶען אַ שְׁחִיטָה, וָואס כִּמְעַט צְוֶועלְף טוֹיזֶענד מֶענְשֶׁען זֶענֶען דֶערְבַּייא אוּמְגֶעקוּמֶען, נָאר אִינְוֶוענִיג אִין שְׁטָאדְט הָאבֶּען זַייא דִי יוּדֶען נִיט אַרַיינְגֶעלָאזְט כִּ'יז עֶס אִיז צוּגֶעקוּמֶען חַיִל, אונ דוֹן פֶּעדְרָא אִיז שְׁפֶּעטֶער מִיט עֶטְלִיכֶע טֶאג אִים שְׁטַאנְדֶע גֶעוֶועהן רוּהִיג אַרַיינְצוּפָאהרֶען קַיין טוֹלֶעדָא. דֶער קֶאנִיג הָאט גֶעזֶעהן אַז דָאס אַלְדִינְג הָאט עֶר נָאר דִי יוּדֶען צוּ פֶערְדַאנְקֶען אונ דוֹן שְׁמוּאֵל אַל־לֵוִי אִיז בַּייא אִיהם גֶעוָוארֶען נָאךְ מֶעהר חָשׁוּב, בֶּעזָאנְדֶערְס נָאךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט זֶעהר אַ שֵׁיינֶע אָרְדְנוּנְג אִין דֶער הַכְנָסָה פוּן דֶער מְדִינָה, מֶען זָאל נִיט בֶּערַייסֶען דִי אַיינְוָואהנֶער אונ דִי מְלוּכָה זָאל פָארְט גִיט הָאבֶּען קַיין מַאנְגֶעל אִין גֶעלְט.

אִין יֶענֶער צַייט הָאט דוֹן שְׁמוּאֵל אַל־לֵוִי, אונ מִיט אִיהם אוֹיךְ אַלֶע יוּדֶען פוּן קַאסְטִילְיֶען, דֶערְלַאנְגְט דָאס גְרֶעסְטֶע גְלִיק. דֶער יוּדִישֶׁער מִינִיסְטֶער אִיז אָבֶּער נִיט גֶעוֶועהן קַיין גְרוֹיסֶער לַמְדָן, אונ דֶערְפַאר הָאט עֶר וֶוענִיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיף לֶערְנֶען אונ הָאט זַיין גַאנְץ צְדָקָה פֶּערְוֶוענְדֶעט אוֹיף שׁוּלֶען בּוֹיעֶן. נָאךְ אַצוּנְד גֶעפִינְט זִיךְ אִין טוֹלֶעדָא אַ קִירְכֶע, וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבּוֹיעט גֶעוָוארֶען פוּן אַ שׁוּל; אוֹיף דֶער מִזְרָח־וַואנְד קָאן מֶען נָאךְ לֵייעֶנֶען אַיין אוֹיסְגֶעקְרִיצְטֶע „מִי שֶׁבֵּרַךְ”, וואו דִי טוֹלֶעדָא'ר קְהִלָּה „בֶּענְשְׁט דֶעם קֶאנִיג דוֹן פֶּעדְרָא אונ זַיין גֶעטְרַייעֶן יוֹעֵץ שְׁמוּאֵל בֶּן מֵאִיר הַלֵּוִי, אונ ווִינְשְׁט אִיהם אַז אִין זַיינֶע יָאהרֶען זָאל נָאךְ בֶּעגַייהט וֶוערֶען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אונ עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין דָארְט צְוִוישֶׁען דִי הֵיילִיגֶע לְוִיִּם נָאכְט דִינֶען”. דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם „מִי שֶׁבֵּרַךְ” זֶענֶען נִיט גֶעוֶועהן קַיין גֶעוֶואהנְלִיכֶע בְּרָכָה: דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי יוּדֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶער מַחֲשָׁבָה אַז אִין דֶעם יָאהר, וָואס מֶען הָאט גֶעאֶפֶּענְט דִי שׁוּל אִין טוֹלֶעדָא, מוּז מָשִׁיחַ קוּמֶען, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען אוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי רֶעכְנוּנְגֶען פוּן אַלֶע מְקוּבָּלִים, חָאטְשׁ דֶער רַב פוּן בַּרְצֶלוֹנָה, ר' נִיסָן בֶּן רְאוּבֵן גִירוּנְדִי, וָואס אִיז מֶעהר בֶּעקַאנְט מִיט'ן נָאהמֶען רַ"ן, הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִיט פַּארְדְרֶעהֶען דִי קָאפּ מִיט אַזֶעלְכֶע הֶשְׁבּוֹנוֹת, וָואס קֶאנֶען שְׁלַאבֶּערִיג מַאכֶען דֶעם גְלוֹיבֶּען וֶוען דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט פְלִיהט אִיבֶּער אונ דִי גְאוּלָה קוּמְט נָאךְ נִיט. ווִי עֶס

וַוייזְט אוֹיס, וָוענְען אָבֶּער דִי יוּדֶען שְׁטַארְק זִיכֶער גֶעוֶועהן אַז דִי נוֹטֶע צֵייט אִיז נָאהֶענְט אוּנ הָאבֶּען טַאקִי אוֹיף דוֹן שְׁמוּאֵל גֶעקוּקְט וִוי אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען, וָואס אוֹיף אִיהם אִיז גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל צוּ בֶּעפְרַייהֶען זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אִין אַלֶע אָרְטֶער, וואוּ זֵיי לַיידֶען גֶעבִּיךְ אַזוֹי פִיעל צָרוֹת. צוּם אוּמְגְלִיק, הָאבֶּען דִי יוּדֶען זֵייעֶרֶע הָאפְנוּנְגֶען נִיט בֶּעהַאלְטֶען אוּנ דִי שׂוֹנְאִים, בֶּעזָאנְדֶערְס דִי דָאזִיגֶע וָואס הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעמִיהט אָנְצוּמַאכֶען אַ פַיינְדְשַׁאפְט צְוִוישֶׁען קֶאנִיג אוּנ זַיין מִינִיסְטֶער, הָאבֶּען זִיךְ בֶּענוּצְט דֶער מִיט אוּנ הָאבֶּען דוֹן פֶּעדְרָא פֶערְשְׁטֶעהן גֶעגֶעבֶּען אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען נָאר אַ וַוייטֶען קוּק אוּנ אַז זֵיי ווִילֶען זֵייעֶר בֶּעפְרַייהוּנְג אָנְהוֹיבֶּען טַאקִי פוּן קַאסְטִילְיָען אוּנ אָבְּרַייסֶען דִי קְרוֹין פוּן זַיין קָאפּ אַלֵיין. מֶען הָאט אוֹיךְ דֶעם קֶאנִיג גֶעזָאגְט אַז דוֹן שְׁמוּאֵל הַלֵוִי אִיז זֶעהר רַייךְ, אַז אִין זַיין פַּאלַאץ גֶעפִינֶען זִיךְ גַאנְצֶע אוֹצְרוֹת, וָואס קֶאנֶען אִיהם צוּ נוּטְץ קוּמֶען וֶוען עֶר וֶועט וֶועלֶען אַיינְפִיהרֶען אַ יוּדִישֶׁע מְלוּכָה. צוּ הָאט זִיךְ טַאקִי דוֹן פֶּעדְרָא דֶערְשְׁרָאקֶען פַאר דֶער פַאלְשֶׁער טוֹרָא פוּן מָשִׁיחַ׳ס צַייטֶען, אָדֶער עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעוָואלְט צוּנֶעהמֶען זַיין מִינִיסְטֶערְ׳ס גֶעלְד — אִיז שְׁוֶוער צוּ ווִיסֶען, נָאר גָאר פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אִיהם גֶעהֵייסֶען אַרַיינְוַוארְפֶען אִין תְּפִיסָה אוּנ צוּ־נֶעהמֶען זַיין גַאנְץ פֶערְמֶעגֶען, אוּנ אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר אִיהם גֶעלָאזְט אָנְטְהוּן עִנוּיִים קָשִׁים, וַוייל עֶר הָאט אִיהם חוֹשֵׁד גֶעוֶועהן אַז פִיעל גֶעלְד אוּנ זִילְבֶּער הָאט עֶר בֶּעהַאלְטֶען. דוֹן שְׁמוּאֵל אַל־לֵוִי הָאט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְשְׁטֶעהן דִי אַלֶע יִסוּרִים אוּנ אִיז וִוי אַ קָדוֹשׁ גֶעשְׁטָארְבֶּען. זַיין טוֹיט הָאט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען נִיט אַרוֹיסְגֶערוּפֶען קֵיין אוּנְצוּפְרִידֶענְהַייט צְוִוישֶׁען דִי יוּדֶען אוּנ דֶער מְלוּכָה, אוּנ הָאט אוֹיךְ נִיט גֶעפִיהְרְט דֶערְצוּ אַז דֶער קֶאנִיג זָאל אֶנְדֶערְן זַיין מֵיינוּנְג וֶועגֶען דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלְק. דוֹן פֶּעדְרָא הָאט נָאךְ אַלְץ בַּיי זִיךְ גֶעהַאט יוּדִישֶׁע יוֹעֲצִים אוּנ חָאטְשׁ דֶער בֶּערִיהמְטֶער דִיכְטֶער פוּן יֶענֶער צַייט, דוֹן פֶּעדְרָא לָאפֶּעץ דֶע־אַייאַלַא, הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרַייבֶּען רָעוֹת אוֹיף דִי יוּדֶען אַז „זֵיי זוֹיגֶען אוֹיס דֶעם מַארְךְ בַּיי דִי קְרִיסְטֶען אוּנ פֶערְבְּלֶענְדֶען זֵיי נָאךְ דִי אוֹיגֶען מִיט זֵייעֶרֶע חֲנִיפָה", הָאבֶּען זַיינֶע וֶוערְטֶער בַּיי אִיהם קֵיין וֶוערְטָה נִיט גֶעהַאט. דָאס הָאט נָאךְ מֶעהר פֶערְדְרָאסֶען דִי שׂוֹנְאִים, אוּנ אַז דוֹן פֶּעדְרָא הָאט גֶעהֵייסֶען פֶערְנִיכְטֶען דִי קֶאנִיגִין בְּלַאנְקָא הָאבֶּען זֵיי אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ קוֹל אַז אַ יוּד הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם סַם אוּנ הָאט עֶס גֶעטְהוּן פוּן נְקָמָה דֶערְפַאר, וָואס זִי הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען דִי יוּדֶען אַרוֹיסְטְרַייבֶּען פוּן לַאנְד. דִי פֶערְנִיכְטוּנְג פוּן דֶער קֶאנִיגִין הָאט גֶעגֶעבֶּען דוֹן פֶּעדְרָא׳ס שְׁטִיף־בְּרוּדֶער, הֵיינְרִיךְ דֶע־טְרַאסְטַאמַארֶע, אַ מֶאגְ־לִיכְקֵייט עֶר זָאל וַוייטֶער גֶעגֶען אִיהם אַרוֹיסְשְׁפְּרִינְגֶען אוּנ אַצוּנְד הָאט עֶר שׁוֹין

גֶעקָאנְט רֶעכְנֶען אוֹיף דֶער הִילְף פוּנ׳ם קֶאנִיג פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ פוּן דֶעם פָּאפְּסְט, וָואס הָאט דוֹן פֶּעדְרָא׳ן דֶערְוַוייל אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אִין חֵרֶם.

הַיינְרִיךְ הָאט אוֹסְגֶעטְרַאכְט אוּנ גֶעשְׁרִיעֶן אַז נִיט נָאר דִי גֶעלִיעבְּטֶע פוּן זַיין בְּרוּדֶער, מַארְיַא דֶע פַּאדִילַּא אִיז אַ יוּדִישׁ קִינְד, נָאר אַז אֲפִילוּ דוֹן פֶּעדְרָא אַלֵיין קוּמְט פוּן דֶער מוּטְטֶער׳ס זַייט אַרוֹיס פוּן יוּדֶען. עֶר הָאט טַאקִי אָבֶער נִיט אוּמְזִיסְט גֶעשְׁרִיגֶען, וַוייל דִי יוּדֶען הָאבֶען עֶרְשְׁט אִין דֶער נוֹיטְה אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז אַ טוֹבָה גֶעדֶענְקֶען זֵיי גוּט אוּנ הָאבֶען דֶעם קֶאנִיג גֶעשְׁטִיצְט מִיט זֵייעֶר גֶעלְד אוּנ גֶעשִׁיצְט מִיט זֵייעֶר בְּלוּט, אוּנ הָאטְשׁ הַיינְרִיךְ הָאט גֶעדוּנְגֶען אַ גַאנְצֶע בַּאנְדֶע פוּן רוֹצְחִים אוּנ דֶער בֶּערִיהמְטֶער גִבּוֹר בֶּערְטְרַאנְד דוּ גוּעֶסְקְלִין הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז אִיהם זֶעהר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען אָבְּצוּנֶעהמֶען דָאס לַאנְד. צוּם אוּמְגְלִיק הָאט דוֹן פֶּעדְרָא, נָאךְ דוֹן שְׁמוּאֵל הַלֵוִי׳ס טוֹיט, שׁוֹין נִיט גֶעהַאט קֵיין רֶעכְטֶען יוֹעֵץ וָואס זָאל אִיהם וַוייזֶען אַ וֶועג וִוי אַרוּם זִיךְ אוֹיסְצוּדְרֶעהֶען; דִי יוּדֶען הָאבֶען פַאר אִיהם גֶענוּג בְּלוּט פֶערְגָאסֶען אוּנ הָאבֶען אַ לַאנְגֶע צַייט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען, נָאר סוֹף כָּל סוֹף אִיז דִי הוֹיפְּט שְׁטָאדְט טָאלֶעדַא אַרַיינְגֶעפַאלֶען צוּ הַיינְרִיכ׳ן אִין דִי הָאנְד אַרַיין. דִי יוּדִישֶׁע קְהִלָּה הָאט גֶעמוּזְט פַאר אִיהר עַקְשָׁנוּת בֶּעצָאהלֶען שְׁטְרַאף אַ גַאנְצֶען מַטְמוֹן גֶעלְד, אוּנ דוֹן פֶּעדְרָא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין שְׁבִילָה. עֶר הָאט שׁוֹין גֶערֶעכֶענְט נָאר אִין גַאנְצֶען צוּ אַנְטְלוֹיפֶען, נָאר פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִיהם גֶעקוּמֶען צוּ הִילְף פוּן עֶנְגְלַאנְד דֶער פְּרִינְץ פוּן וָואלְס, אָדֶער וִוי מֶען הָאט אִיהם דֶעמָאלְט גֶערוּפֶען דֶער שְׁוַוארְצֶער פְּרִינְץ, וַוייל עֶר אִיז פוּן קָאפּ בִּיז פוּס גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטְהוּן אִין אַייזֶען, אוּנ נָאר אִין אַ קוּרְצֶער צַייט הָאט גַאנְץ שְׁפַּאנְיֶען וַוייטֶער בֶּעגְרִיסְט דוֹן פֶּעדְרָא וִוי אַ קֶאנִיג, אוּנ הַיינְרִיךְ הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועק. דָאס גְלִיק אִיז אָבֶער גֶעוֶועהן נָאר אוֹיף אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק: נָאר נִיךְ הָאט אוֹיף אִיהם דֶער שְׁוַוארְצֶער פְּרִינְץ גֶעוָוארְפֶען אֵיין אוּם־חֵן אוּנ הָאט אִיהם גֶעלָאזְט שְׁטֶעהן אִין מִיטֶען, הַיינְרִיךְ הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל צוּגֶערוּקְט מִיט נַיי חַיִל פוּן פְרַאנְקְרַייךְ אוּנ אִיז אַרַיין קֵיין בּוּרְגָאס. דִי אַיינְוָואהנֶער הָאבֶען אִיהם גֶעאֶפֶענְט דִי שְׁטָאדְט, נָאר דִי יוּדֶען הָאבֶען אִיהם נִיט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזֶען אִין זֵייעֶר גַאס, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען טְרַייִ דֶעם קֶאנִיג. אַז עֶס הָאט אָבֶער נִיט גֶעהָאלְפֶען אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶען זִיךְ אוֹיךְ גֶעמוּזְט אוּנְטֶערְגֶעבֶּען, הָאט זֵיי פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הַיינְרִיךְ עֶרְלוֹיבְּט זֵיי זָאלֶען בְּלַייבֶּען אִין בּוּרְגָאס, נָאר עֶר הָאט אוֹיף זֵיי אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלְד־שְׁטְרָאף. דֶעמָאלְט הָאבֶען זִיךְ דִי קְרִיסְטֶען גֶעפְּרִיוְוט אוּנ הָאבֶען גֶערֶעבֶּענְט אַז זֵיי וָועלֶען בַּיי הַיינְרִיכ׳ן בַּאלְד פּוֹעֵל׳ן עֶר זָאל דִי יוּדֶען מֶעהר נִיט

צולָאזֶען צו ־קיין שְׁטֶעללֶען פון דֶער מְלוּכָה אונ ־קיינֶער פון זֵיי זָאל אֲפִילוּ נִיט טָארֶען דִיענֶען פַאר ־קיין לֵייבּ־דָאקְטָאר ; הֵיינְרִיךְ הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר וִויל נִיט אוֹיפְטְהוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס ־קיין אֵיינְצִיגֶער קָאנִיג פון ־קַאסְטִילְיֶען הָאט עֶס נִיט גֶעטְהוּן, נָאר אַזוֹי פִיעל וֶועט עֶר זֵיי צוּ לִיעבּ טְהוּן וָואס עֶר אַלֵיין וֶועט בַּיי יוּדֶען ־קיין עֵצוֹת נִיט פְרֶעגֶען אונ וֶועט זֵיי נִיט גֶעבֶּען אַזַא מַאכְט וָואס זָאל קָאנֶען שָׁאדֶען דֶעם לַאנְד . אַזַא תְּשׁוּבָה הָאט הֵיינְרִיךְ גֶעמוּזְט גֶעבֶּען, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּרֵייצֶען דִי יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען נָאךְ אַלְץ גֶעהַאלְטֶען מִיט דוֹן פֶּעדְרָא, אוּנ וָואס עֶר הָאט זֵיי זֶעהר גֶעוָואלְט אַרִיבֶּער שְׁלֶעפֶּען אוֹיף זַיין זַייט . דִי יוּדֶען הָאבֶּען אָבֶּער נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף הֵיינְרִיךְ'ס נוּטְסְקַייט אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט אָבְּטְרֶעטֶען פון דוֹן פֶּעדְרָא, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועהן שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ זֵיי אוּנ אַז עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ פְרֶעמְדֶער הִילְף, פְרִיהֶר צוּם שְׁוַוארְצֶען פְרִינְץ אוּנ דֶערְנָאךְ צוּם מַהֲמַדַנִישֶׁען קָאנִיג פון גְרַאנַדַה, הָאט עֶר קוֹדֶם כָּל גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל גוּט בֶּעהַאנְדְלֶען דִי יוּדֶען . צוּם אוּמְגְלִיק, הָאט מֶען עֶס אִיהם צוּגֶעזָאגְט נָאר מִיט'ן מוֹיל אוּנ גֶעטְהוּן הָאט מֶען טַאקִי יוּדֶען צָרוֹת וִוי וַוייט מֶען הָאט נָאר גֶעקָאנְט . אִין דֶער אֵיינֶעגֶער צַייט וָואס טוֹיזֶענְדֶער יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין חַיִל פון דוֹן פֶּעדְרָא אוּנ הָאבֶּען מִיט גֶעטְרַיישַׁאפְט פֶערְגָאסֶען זֵייעֶר בְּלוּט אִינֵיינֶעם מִיט דִי גֶעדוּנְגֶענֶע עֶנְגְלֶאנְדֶער אוּנ מַחְמַדַנֶער, הָאט דֶער שְׁוַוארְצֶער פְרִינְץ אַתֵּל גֶעמַאכְט פון גַאנְצֶע צְוֵויי יוּדִישֶׁע קְהִלוֹת פון וִוילַאדִיעָנָא אוּנ אַגוּאִילַאר אוּנ דֶער מַחְמַדַנִישֶׁער קָאנִיג הָאט אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט גֶעפַאנְגֶען דְרַיי הוּנְדֶערְט יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת פון יַאאֶין ־קיין גְרַאנַדַה . נָאךְ עֶרְגֶער הָאט זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶועהן מִיט דִי יוּדֶען הֵיינְרִיךְ'ס מִיט הֶעלְפֶער דִי־גוּעֶסְקְלִין עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי וִוי אוֹיף קְנֶעכְט וָואס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעגֶען זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת אוּנ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַהֶיתֵּר זֵיי צוּ קוֹילֶען נָאר אָהן אַ מִשְׁפָּט.

אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ דִי יוּדֶען גֶעפוּנֶען אִין אַ פַייעֶר אוֹיף בֵּיידֶע זַייטֶען אוּנ מֶעהר פון אַללֶע הָאבֶּען גֶעלִיטֶען דִי יוּדֶען פון טָאלֶעדַא, וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶע־הַאלְטֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אוּנ הָאבֶּען הֵיינְרִיךְ'ן נִיט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזֶען. אַז דִי לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּנ דֶער הוּנְגֶער אִיז גֶעוָוארֶען גְרוֹים, הָאבֶּען זֵיי גֶעגֶעסֶען לֶעדֶער אוּנ פַּארְמֶעט פון דִי סִפְרֵי תּוֹרוֹת אוּנ דָאס פְלֵיישׁ פון זֵייעֶרֶע אֵיינֶגֶענֶע קִינְדֶער אוּנ טוֹיזֶענְדֶער פון זֵיי זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען בִּיז הֵיינְרִיךְ הָאט אִין גַאנְצֶען נִיט גוֹבֵר גֶעוֶועהן זַיין בְּרוּדֶער, אִים יָאהר 1369 גֶעבֶּען מוֹנְטִיעֶל. דֶער סוֹף פון דוֹן פֶּעדְרָא אִיז גֶעוֶועהן שְׁרֶעקְלִיךְ : אַז בֵּיידֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען זִיךְ בֶּגֶע־

נֶעגֶענְט, הָאט הֵיינְרִיךְ גֶעהַאט דִי הָעֲזָה אוֹיף אִיהם אָנְצוּפַאלֶען מִיט דִי וֶוערְטֶער: „ווּאוּ אִיז עֶרְגִיץ דָאס יוּדֶעל, דֶער זוּהן פוּן אַדִיעֶנְסְטְ־מוֹיד, וָואס רוּפְט זִיךְ קֶענִיג פוּן קַאסְטִילְיֶען?" דוֹן פֶּעדְרָא הָאט עֶס נִיט גֶעקָאנְט אִיבֶּערְטְרָאגֶען אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁלָאגֶען הֵיינְרִיךְ'ן, נָאר דוּ־גוּעֶסְקְלִין אִיז בַּאלְד צוּגֶעלָאפֶען אוּנ הָאט אִיהם אָבְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ. אַז דִי בְּשׂוֹרָה פוּן זַיין טוֹיט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פַּאפְּסְט אוּרְבַּאן דֶעם פִינְפְטֶען הָאט עֶס אִיהם שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט וָואס מֶען הָאט גֶעפַּטֶר'ט אַזָא גֶעגְנֶער פוּן דֶער קִירְכֶע אוּנ אַזָא לִיעבְּהָאבֶּער פוּן יוּדֶען אוּנ עֶר הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט הֵיינְרִיךְ'ן זַיין בְּרָכָה צוּם טָאג וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטְהוּן דִי קְרוֹין פוּן קַאסְטִילְיֶען.

וֶוען דִי מְלוּכָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ הֵיינְרִיךְ'ן, זֶענֶען אִין טוֹלֶעדַא גֶעבְּלִיבֶּען אִין גַאנְצֶען עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט יוּדֶען אוּנ זֵיי הָאבֶּען זֶעהר גֶעצִיטֶערְט דֶער נַייעֶר קֶענִיג זָאל זִיךְ מִיט זֵיי נִיט אָבְּרֶעכְנֶען פַאר זֵייעֶר גֶעטְרַיישַׁאפְט, וָואס זֵיי הָאבֶּען בֶּעוִויזֶען דוֹן פֶּעדְרָא. זֵייעֶר מוֹרָא אִיז אָבֶּער גֶעוֶועהן נָאר אוּמְזִיסְט: הֵיינְרִיךְ הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז גְרָאד דֶעמָאלְט, וֶוען דִי מְדִינָה אִיז גֶעוֶועהן פֶערְאָרֶעמְט פוּן דֶער מִלְחָמָה אוּנ מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט זוּכֶען נַייעֶ מִיטֶעל צוּ פֶערְגְרֶעסֶערְן דִי הַכְנָסָה, וֶועט עֶר זִיךְ אָהְן יוּדֶען נִיט קָאנֶען בֶּעגֶעהֶן. אוּנ דַארִיבֶּער הָאט עֶר זֵיי דַוְקָא בֶּעהַאנְדֶעלְט מִיט יֹשֶׁר אוּנ הָאט אֶפֶענְטְלִיךְ גֶעזָאגְט אַז אוֹיף אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען, וָואס וַוארְפֶען נִיט אַוֶועק זֵייעֶר קֶענִיג בִּיז צוּ דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט, מָאג מֶען זִיךְ פֶערְלָאזֶען אוּנ זֵיי רֶעכְנֶען פַאר דִי עֶהְרְלִיכְסְטֶע אוּנ גֶעטְרַייעֶסְטֶע אֵיינְוָואהְנֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ וַוייטֶער דָאס רָאדֶעל אִיבֶּערְגֶעדְרֶעהט: דֶער אֵיינְגֶענֶער הֵיינְרִיךְ, וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז וֶוען עֶר וֶועט בֶּעקוּמֶען דִי מַאכְט וֶועט עֶר קֵיין זֵכֶר פוּן קֵיין יוּדֶען נִיט לָאזֶען, הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען יוּדֶען גֶעבֶּען דִי בֶּעסְטֶע שְׁטֶעלֶען אוּנ דִי גְרֶעסְטֶע חֲשׁוּבִים זֶענֶען בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן דוֹן יוֹסֵף פִּיכוֹן אוּנ ר' שְׁמוּאֵל אַבְּרַבַּנְאֵל. צוּ זֵיי הָאט עֶר גֶעהַאט אִין גַאנְצֶען דָאס צוּטְרוֹיעֶן אוּנ פְלֶעגְט בַּיי זֵיי פְרֶעגֶען עֵצוֹת.

הֵיינְרִיךְ'ן אִיז אָבֶּער לַייכְטֶער גֶעוֶועהן זִיךְ אוֹיסְצוּגְלַייכֶען מִיט דִי יוּדֶען וִוי מִיט דֶעם פָאלְק, וָואס הָאט נִיט גֶעקָאנְט פֶערְגֶעסֶען וִוי פִיעל בְּלוּט עֶס אִיז פֶערְגָאסֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶער מִלְחָמָה צְוִוישֶׁען בֵּיידֶע בְּרִידֶער אוּנ הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז דִי יוּדֶען הָאבֶּען אִין דֶעם שׁוּלְד, וַוייל וֶוען נִיט זֵיי וָואלְט דִי מִלְחָמָה אַזוֹי לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט אוּנ עֶס וָואלְטֶען נִיט גֶעפַאלֶען אַזוֹי פִיעל קָרְבָּנוֹת. דַארִיבֶּער הָאבֶּען דִי גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דִי קְרִיסְטֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען פָאדֶערְן בַּיים קֶענִיג עֶר זָאל בַּיי דִי יוּדֶען צוּנֶעהמֶען פִיעל רֶעכְטֶע, עֶר זָאל זֵיי נִיט צוּ לָאזֶען

צו קֵיין שׁום דִיעֶנְסְט בַּיי דֶער קְרוֹין, זֵיי זָאלֶען מוּזֶען זִיצֶען אִין בֶּעזוּנְדֶערֶע גַאסֶען נִיט דָארְט וואו קְרִיסְטֶען וָואהנֶען, אוֹיף דִי קְלֵיידֶער זָאלֶען זֵיי טְרָאגֶען דֶעם שֶׁאנְדְלִיכֶען יוּדִישֶׁען צֵייכֶען, רַייךְ אָנְטְהוּן זִיךְ זָאלֶען זֵיי נִיט טָארֶען, אוֹיף מִיל-עֶזְלֶען — נִיט רַייטֶען אוּנ מִיט קֵיין קְרִיסְטְלִיכֶע נָאהמֶען זָאלֶען זֵיי זִיךְ נִיט רוּפֶען, אִיז אִיהם שְׁלֶעכְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען: מִיט דִי יוּדֶען הָאט עֶר וָועהר קֵיין חֵשֶׁק נִיט גֶעהַאט צוּ זַאטְשֶׁעפֶּען אוּנ עֶר הָאט אָבֶּער מוֹרָא גֶעהַאט אִין גַאנְצֶען אָבְּזָאגֶען דִי בַּקָשָׁה פוּן דִי קְרִיסְטֶען; דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ שֵׂכֶל אוּנ הָאט זֵיי צוּ לִיעב גֶעטְהוּן נָאר אוֹיף צְוֵויי זַאכֶען — עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען דִי יוּדֶען זָאלֶען טְרָאגֶען אַ צֵייכֶען אוֹיף דִי קְלֵיידֶער אוּנ זָאלֶען זִיךְ נִיט רוּפֶען מִיט קְרִיסְטְלִיכֶע נָאהמֶען. דָאס זֶענֶען, בַּאכְט זִיךְ, גֶעוֶועהן נָאר קְלֵיינִיגְקֵייטֶען וָואס הָאבֶען זִיךְ נָאר אָנְגֶעקֶעהרְט צוּ דֶער הַלְבָּשָׁה אוּנ צוּ דִי נָאהמֶען, דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף זֵייעֶר פְרִיהֶרִיגֶען מַעֲמָד אוּנ קֵיינֶער הָאט זֵיי נִיט גֶעשְׁטֶערְט אִין פַּרְנָסָה, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען זֶענֶען זֵיי בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק אַרָאבְּגֶעפַאלֶען, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ זֵיי אוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז עֶרְגֶער קָאן נָאר נִיט זַיין אוּנ אַז אוֹיךְ אוֹיף זֵיי אִיז גֶעפַאלֶען דֶער גוֹרָל צוּ פֶערְזוּכֶען דִי אֵייגֶענֶע צָרוֹת וָואס זֵייעֶרֶע אִיבְּרִיגֶע בְּרִידֶער. וַוייל זֵיי הָאבֶּען נוּט גֶעוואוּסְט אַז קוּים מַאכְט מֶען אֵיין שְׁרִיט גֶעהט מֶען שׁוֹין וַוייטֶער אוּנ וַוייטֶער.. אַזוֹי אִיז טַאקִי אוֹיךְ גֶעשֶׁעהן מִיט הֵיינְרִיךְ'ן: פְּלוּצְלוּנְג הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהם שְׁטַארְק צוּגֶעלָאזְט דִי גֵייסְטְלִיכֶע, אוּנ גֶענֶען זֵיי הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט בֶּעשְׁטֶעהֶען, וַוייל מִיט זֵייעֶר הִילְף אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיפ'ן טְהרָאן, אוּנ זֵיי הָאבֶּען אִיהם אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט דַארוֹיף, עֶר זָאל עֶרְלוֹיבֶּען מֶען זָאל סִיט דִי יוּדֶען הָאבֶּען אַ אֶפֶּענְטְלִיכֶען וִכּוּחַ וֶועגֶען רֶעלִיגְיָאן. אַזוֹי הָאבֶּען צְוֵויי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען בֶּעקוּמֶען פוּנ'ם קֶאנִיג אַ עֶרְלוֹיבְּנִישׁ אַרוּמְצוּפָאהרֶען אִיבֶּער גַאנְץ קַאסְטִילְיֶען אוּנ אוּמֶערוּם הָאבֶּען אַ וִכּוּחַ מִיט יוּדִישֶׁע רַבָּנִים אוּנ לוֹמְדִים.

אִים יָאהר 1375 הָאט מֶען אִין אַוִוילַא גֶעצְוואוּנְגֶען דִי גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע קְהִלָה זִי זָאל זִיךְ פֶערְזַאמְלֶען אִין אַ קִירְכֶע אוּנ אִיהר פָארְשְׁטֶעהֶער, אַ דָאקְטָאר ר' משֶׁה כֹּהֵן דֶע טָארְדֶעסִילַס הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעמוּזְט נֶעהמֶען דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט צוּ פַארְעֶנְפֶערְן פַאר אַ גַאנְצֶען עוֹלָם פוּן קְרִיסְטֶען אוּנ מַחְמַדְנֶער דִי שְׁאֵלוֹת וָואס דֶער גֶעטוֹיפְטֶער יוּד יָאהַאנֶעס פוּן וַואלַאדָאלִיד הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶועהן דִי אַרְבַּייט נִיט אִיבֶּער דִי הַארְבֶּע קוּשְׁיוֹת וָואס זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען, פַארְקֶעהרְט, ר' משֶׁה כֹּהֵן הָאט זַיין גֶעגְנֶער בַּאלְד צוּשְׁלָאגֶען, אוּנ אַז אֵיין אַנְדֶער גֶעטוֹיפְטֶער יוּד הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְוַוייזֶען אַז דֶער תַּלְמוּד אִיז שֶׁעדְלִיךְ הָאט עֶר אוֹיךְ נִיךְ בֶּעוִויזֶען דֶעם הֵיפֶךְ; דָאס

נאנצע שְׁוָוערִקייט איז בֶּעשְׁטַאנֶען אין דֶעם וָואס בֵּיידֶע זֵייטֶען זֶענֶען נִיט גֶעוֶועהן גְלַייך: אֵיין צַד אִיז גֶעוֶועהן נָאר פְרַיי, עֶר הָאט נֶעמָאנְט רֶעדֶען וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אונ אֲפִילוּ אוֹיסְטְרַאכְטֶען שְׁקָרִים, דֶער אַנְדֶערֶער צַד אָבֶּער הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט הִיטֶען, עֶר הָאט נִיט גֶעטָארְט זָאגֶען קֵיין אִיבְּרִיג וָוארְט, וַוייל עֶר הָאט פְרִיהֶר גֶעוואוּסְט אַז דֶער גַאנְצֶער כּוֹחַ אִיז מֶעהר נִיט וִוי אַ אָנְשְׁטֶעל אונ מֶען וִויל נָאר אַז סַאי ווי סַאי זָאל עֶר אָנְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּ. בַּיי אַזַא לַאגֶע הָאבֶּען זִיךְ די פָּאר יוּדִישֶׁע לוֹמְדִים, וָועלְכֶע הָאבֶּען בַּיים אֶפֶּענְטְלִיכֶען רֶעדֶען נִיט גֶעקָאנְט אִין גַאנְצֶען אַרוֹיסְזָאגֶען זֵייעֶרֶע מֵיינוּנְגֶען, עֶנְטְשְׁלָאסֶען אָנְצוּשְׁרַייבֶּען אוֹיף לָשׁוֹן קֹדֶשׁ בֶּעזוּנְדֶערֶע סְפָרִים, כְּדֵי די יוּדֶען אַלֵיין זָאלֶען פַארְשְׁטֶעהְן וָואס צוּ אֶנְטְפֶערְן אַז מֶען וָועט זֵיי עֶפֶּעס פְרֶעגֶען וֶועגֶען רֶעלִיגְיָאן. בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיינֶע וִכּוּחַ־סְפָרִים ר׳ שֵׁם טוֹב בֶּן יִצְחָק שַׁפְּרוּט פוּן טוּדֶעלַא, וָואס הָאט אִין אַ גְרוֹיסֶער פֶערְזַאמְלוּנְג פוּן גַייסְטְלִיכֶע אַ וִכּוּחַ גֶעהַאט מִיט׳ן קַארְדִינַאל דוֹן פֶּעדְרָא דִי לוּנַא, וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארֶען פַּאפְּסְט אונ הָאט גֶעהֵייסֶען בֶּעגְנֶעדִיקְט דֶער דְרַייצֶעהְנְטֶע.

אַזֶעלְכֶע סְפָרִים, וָואס זֶענֶען גֶרֶאסְטֶעַנְטְהֵיילְס גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף פְּסוּקִים אוּנ זֶענֶען וֶועהר וַוייט פוּן רֵיינֶער חֲקִירָה, הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט הָאבֶּען עֶפֶּעס אַרֶעכְטֶע פְּעוּלָה אוֹיף דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען: דִי רַבָּנִים הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט פַאר חָכְמָה וִוי פַאר סַם, דָאס לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה אִיז אַלֶע מָאל מֶעהר גֶעפַאלֶען אונ דָאס פִּינְסְטֶערְנִי׳שׁ הָאט זִיךְ מִיט יֶעדֶען טָאג פֶערְגְרֶעסֶערְט. נָאר צְוֵויי לוֹמְדִים הָאבֶּען אִין יֶענֶער צַייט גֶעשְׁפִּיעלְט אַרָאלֶע: דָאס זֶענֶען גֶעוֶועהן ר׳ חִסְדָאִי קְרֶעשְׁקַשׂ אונ ר׳ יִצְחָק בֶּן שֵׁשֶׁת, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אִין אַרָאגָאנְיֶען, אונ אַזוֹי ווִי דָארְט אִיז דִי לַאגֶע פוּן דִי יוּדֶען גֶעוֶועהן בֶּעסֶער אִיז זֵיי גֶעָראטְהֶען פִיעל צוּ מְהוּן פַאר זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אונ נִיט דֶערְלָאזֶען אַז דָאס לִיכְט פוּן תּוֹרָה, וָואס הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אִין שְׁפַּאנְיֶען קוֹים גֶעצַאנְקְט, זָאל אִין גַאנְצֶען פֶערְלָאשֶׁען וֶוערֶען. הָאטְשׁ יֶעדֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין אַנְדֶער דֶרֶךְ, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶועהן אַלִיעבְּהָאבֶּער פוּן וִויסֶענְשַׁאפְט אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער – אַפַייעֶרִיגֶער נֶעגְנֶער, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעשֶׁאצְט אֲפִילוּ אִין אַנְדֶערֶע אֵייְרָאפֶּאִישֶׁע לֶאנְדֶער אוּנ מֶען פְלֶעגְט זִיךְ אָפְּט וֶוענְדֶען צוּ זֵיי מִיט פְרַאגֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט אַנְגִיעָה צוּם לֶעבֶּען פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

ר׳ חִסְדָאִי בֶּן אַבְרָהָם קְרֶעשְׁקַשׂ אִיז גֶעבּאָרֶען גֶעוָוארֶען אִים יָאהר 1840; פְרִיהֶער הָאט עֶר אַלַאנְגֶע צַייט גֶעוָואהְנְט אִין בַּרְצֶלוֹנַה אונ דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אוֹיפ׳ן זִיבֶּעצִיגְסְטֶען יָאהר. חָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן,

הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט רַבָּנוּת אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעגֶעבֶּען מִיט וָועלְטְלִיכֶע זַאכֶען. בֶּעזָאנְדֶערְס וַוייל עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וֶועהר נָאהֶענְט צוּם קֶאנִיג פוּן אַרָאגָאנִיֶען דוֹן זְשׁוּאַן דֶעם עֶרְשְׁטֶען אוּנ אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶועהן אַ גַאנְצֶער בֶּן בַּיִת. ר׳ חִסְדָאִי הָאט זֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט חָכְמָה אוּנ הָאט גֶעזוּכְט אַלֶע מִיטֶעל אוֹיסְצוּגְלַייכֶען חֲקִירָה מִיט תּוֹרָה, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט שָׁאדֶען צוּ אֶמֶת׳ע פְרוּמְקַייט. אַרוּם ר׳ חִסְדָאִי׳ן הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט פִיעל אָרֶעמֶע לַייט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועהן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל צְדָקָה אוּנ אַז עֶר הָאט אוֹיף דֶער אֶלְטֶער דֶערְלֶעבְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט אוּנ דִי יוּדֶען פוּן שְׁפַּאנְיֶען אִיז שְׁלֶעכְט גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, עֶר הָאט זִיךְ נִיט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן כְּלַל אוּנ הָאט בֶּענוּצְט זַיין גַאנְץ חֲשִׁיבוּת בַּיי דֶער מְלוּכָה אוּנ בַּיי אַלֶע גְרוֹיסֶע לַייט נָאר דַארוֹיף צוּ פֶערְלַייכְטֶערְן דִי צָרוֹת פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער.

שְׁטַארְק אֶהנְלִיךְ אוֹיף ר׳ חִסְדָאִי׳ן מִיט׳ן גוּטֶען חַארַאקְטֶער, נָאר פוּנְקְט דֶער הֵיפֶךְ אִין דִי מֵיינוּנְגֶען, אִיז גֶעוֶועהן ר׳ יִצְחָק בֶּן שֵׁשֶׁת בַּרְפַּט, וָואס אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען אִים יָאהר 1336. אִין דֶער יוּגֶענְד הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט בַּיים זוּהן פוּן ר׳ שְׁלֹמֹה בֶּן אַדֶרֶת (רַשְׁבָּ״א), אוּנ הָאט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעיַרְשֶׁ׳ט אַ שִׂנְאָה צוּ וִויסֶענְשַׁאפְטֶען. עֶר אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער פוּנ׳ם רָא״שׁ אוּנ הָאט גֶעפָאדֶערְט אַז אַ עֶהרְלִיכֶער יוּד דַארְף זִיךְ נָאר אָבְּגֶעבֶּען מִיט תּוֹרָה, אוּנ אֲפִילוּ אַז מֶען אִיז אַלְט מֶעהר פוּן דְרַייסִיג יָאהר טָאר מֶען זִיךְ קֵיין הֶיתֵּר נִיט מַאכֶען אוּנ זִיךְ נִיט אַרַיינְלָאזֶען אִין חֲקִירָה־סְפָרִים. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶועהן זֶעהר אַ וַוייכֶער מֶענְשׁ אוּנ הָאט לִיעבּ גֶעהַאט צוּ טְהוּן אַ טוֹבָה; נָאר דָארְט וואוּ עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ זַאכֶען, וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ חִלּוּל הַשֵּׁם, אִיז עֶר גֶעוֶועהן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אֲפִילוּ אִיבֶּער אַ מִינְדֶסְטֶען מִנְהָג אָדֶער אַ טַייטְשׁ פוּן אַ פָּסוּק. אַז עֶס פְלֶעגְט זִיךְ אִיהם נָאר אוֹיסְוַוייזֶען אַז דִי אֱמוּנָה אִיז אַ סַכָּנָה, הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף יֶענֶעמְס כָּבוֹד אוּנ הָאט נִיט גֶערוּהט בִּיז מֶען הָאט אִיהם גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶר הָאט רֶעכְט. אִין זַיין צַייט הָאט דֶער אַלְטֶער רָב פוּן הוּעֶסְקַא אוּנ פַּאמְפֶּעלוּנַא, ר׳ חַיִּים גַאלִיפַּפַּא גֶעוָואלְט וֶוערֶען אַ מֵקִיל אִין אַ סַךְ עִנְיָנִים; עֶר הָאט חָלִילָה נִיט אָנְגֶערִירְט דִי יְסוֹדוֹת פוּן דֶער אֱמוּנָה, נָאר עֶר הָאט זִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען אוֹיסְצוּבֶּעסֶערְן עֶטְלִיכֶע קְלֵיינִיגְקֵייטֶען, כְּדֵי דֶעם עוֹלָם זָאל נִיט שְׁוֶוער זַיין אָבְּצוּהִיטֶען דֶעם עִיקָר אוּנ נִיט גֶעבֶּען קֵיין שְׁפַּיי אוֹיפ׳ן גַאנְצֶען, אַזוֹי וִוי עֶס טְהוּעֶן טַאקִי אָפְּט דִי דָאזִיגֶע, וָואס הָאבֶּען אַלֵיין קֵיין שֵׂכֶל נִיט צוּ מַאכֶען אַ חִלּוּק צְווִישֶׁען רֶעכְטֶען אוּנ דֶעם אִיבְּרִיגֶען, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז גֶעגֶען אִיהם ר׳ יִצְחָק אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען מִיט אַ שְׁרֶעק־

ליבען כַּעַס אונ חָאטְשׁ ר׳ חַיִּים נַאלִיפַּפַּא הָאט שוין דֶעמָאלְט גֶעהַאט פִּיעל אֶלְטֶערֶע תַּלְמִידִים פון ר׳ יִצְחָק׳ן, הָאט עֶר זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעמְט אונ הָאט אִיהם דֶערְוִויזֶען אַז עֶר קָאן מִיט דֶעם דֶערְךְ אָנְמַאכֶען אַ גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת. אַוַדַאי הָאט אִיהם דֶער אַלְטֶער רָב גֶעמוּזְט צוּ לִיעב טְהוּן אונ עֶס אִיז גֶעוָארֶען שְׁטִיל.

ווִי גְרוֹיס דִי נָאהֶמֶען פון ר׳ חִסְדָאִי קְרֶשְׂקַשׂ אונ ר׳ יִצְחָק בֶּן שֵׁשֶׁת זֶענֶען שוין דֶעמָאלְט גֶעוֶועהן אוֹיף דֶער וֶועלְט – זֶעהט מֶען אַרוֹיס דֶערְפוּן וָואס אַז אִין פְרַאנְקְרַייךְ אִיז אַרוֹיס אַ קְרִיעג וֶועגֶען רַבָּנוּת אונ מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר, אַז זֵיי זָאלֶען מַאכֶען עֶפִּיס אַ פְּשָׁרָה, אִיז בַּיי אַלֶּע גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל נָאר פְרֶעגֶען דִי צְווֵיי אַרַאגָאנִישֶׁע לוֹמְדִים. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועהן אַזוֹי: פַּאר׳ן פָארְשְׁטֶעהֶער פון אַלֶּע פְרַאנְצֶאזִישֶׁע יוּדֶען הָאט זִיךְ גֶערֶעכֶענְט ר׳ מְנַשֶּׁה דֶע-וֶועזוּאַ, אונ לַאנְד רָב אִיז גֶעוֶועהן ר׳ מַתִּתְיָהוּ. נָאךְ זֵייעֶר טוֹיט אָבֶער אִיז גֶעוָוארֶען פָארְשְׁטֶעהֶער ר׳ מְנַשֶּׁה׳ס אַ זוּהן, ר׳ שְׁלֹמֹה דֶע-וֶועזוּאַ אונ דָאס רַבָּנוּת אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם אַלְטֶען רָב׳ס זוּהן ר׳ יוֹחָנָן, דֶער קֶעניג הָאט בַּארוֹיף גֶעגֶעבֶּען זַיין הַסְכָּמָה. פִינְף יָאהר זֶענֶען אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, ר׳ יוֹחָנָן הָאט זַיין זַאךְ גֶעטְהוּן בִּשְׁלֵמוּת אונ דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶעעֶפֶענְט אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען פון סַאוָואיֶען אֵיינֶער פון ר׳ מַתִּתְיָהוּ׳ס תַּלְמִידִים, ר׳ יְשַׁעְיָה אַסְטְרוּק בֶּן־אַבָּא מָרִי, אונ הָאט גֶעבְּרַאכְט אַ כְּתַב פוּנ׳ם דַייטְשֶׁען הוֹיפְּט־רָב, ר׳ מֵאִיר הַלֵּוִי פון ווִיען, אַז נָאר עֶר הָאט דָאס רֶעכְט צוּ גֶעבֶּען אַ סְמִיכָה אוֹיף רַבָּנוּת, אונ וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אָהן זַיין ווִילֶען אוֹיסְנֶעמֶען פַאר אַ רָב מֶאג עֶר אִין חֵרֶם אַרַיינְלֶעגֶען אונ אַלֶּע חֲתוּנוֹת אונ גֶט׳ן וָואס גֶעשֶׁעהֶן דוּרְךְ אִיהם וֶוערֶען בָּטֵל וּמְבוּטָל. מִיט דֶער מַאכְט הָאט עֶר ר׳ יוֹחָנָן אָבְּגֶעזָאנְט אונ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין גַאנְץ פְרַאנְקְרַייךְ אַנִידֶערְצוּזֶעצֶען זַיינֶע רַבָּנִים, פון זַיינֶע קְרוֹבִים אונ גוּטֶע פְרַיינְד. דָאס הָאט פֶערְדְרָאסֶען דִי פְרַאנְצֶאזִישֶׁע קְהִלּוֹת אונ אַלֶּע הָאבֶּען זִיךְ גֶעוֶוענְדְט מִיט אַ קְלָאג צוּ ר׳ חִסְדָאִי קְרֶשְׂקַשׂ אונ ר׳ יִצְחָק בֶּן שֵׁשֶׁת. זֵיי הָאבֶּען גֶעפַּסְקֶ׳ט אַז פְרֶעמְדֶע רַבָּנִים טָארֶען זִיךְ נִיט אַרַיינְמִישֶׁען אונ ר׳ יוֹחָנָן אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבֶּען רָב, חָאטְשׁ לַאנְג הָאט דָאס רַבָּנוּת נִיט גֶעדוֹיעֶרְט, ווַייל נָאר נִיךְ הָאט זִיךְ דִי הַצְלָחָה אָבְּגֶעטְהוּן פון דִי פְרַאנְצֶאזִישֶׁע יוּדֶען אונ עֶס הָאבֶּען זִיךְ פַאר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבֶּען בִּיטֶערֶע טֶעג.

אוֹיךְ דִי וָואגְשָׁאל פון דִי שְׁפַּאנִישֶׁע יוּדֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אוּנְרוּהִיג בּוֹיגֶען פון אֵיין זַייט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער. דָאס גְלִיק, וָואס הָאט זֵיי הוּנְדֶערְטֶער יָאהְרֶען טְרַייא גֶעדִיענְט, הָאט זֵיי אָפְּט מְשַׁנֶּה גֶעוֶועהן אונ אִין דֶער לוּפְט הָאט מֶען גֶעפִיהלְט עֶפִּיס אַ קִיהל ווִינְטֶעל, וָואס גֶענִיטְהֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען בַּאלְד

אַיינְגֶעזֶעהֶן אַז פְרִיהֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט דֶערְפוּן וֶוערֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁטוּרְם־
ווִינְד אוּנ עֶס וֶועט ווִי פוּן דֶער גֶעדִיכְטֶער חְמַארֶע אַרוֹיס אַ שְׁלַאגְס־רֶעגֶען. אַלֶע
הָאבֶּען עֶס גֶעפִיהלְט, נִיכֶער פוּן אַלֶע הָאט עֶס אָנְגֶעשְׁרֶעקְט דֶער יוּדִישֶׁער
אָרוּמְמַאנְן, וָואס אוֹיף אִיהם לִיעגְט אַיין עֶבִּיגֶער פַּחַד, אוּנ נָאךְ אֵיידֶער עֶס
קוּמְט דִי צָרָה זֶעהט עֶר שׁוֹין פוּן וַוייטֶענְס אוּנ ווייסְט אַז עֶר וֶועט מוּזֶען אוּנְטֶער־
שְׁטֶעלֶען דִי פְּלֵייצֶעס צוּ חַאפֶּען קְלֶאפּ פַּאר פְרֶעמְדֶע זִינְד; רוּהִיג הָאבֶּען זִיךְ
נָאר גֶעלֶעבְּט דִי רַייכֶע מְיוּחָסִים, דִי בַּעֲלֵי גַאֲוָה׳נִיקֶעס, וָואס זֶענֶען כְּלוֹמֶר׳שְׁט
גֶעוֶועהן דִי גְרֶאסְטֶע חֲשׁוּבִים בַּיי דִי קְרִיסְטֶען אוּנ הָאבֶּען גֶעמֵיינְט, אַז דִי גַאנְצֶע
וָועלְט אִיז שׁוֹין זֵייעֶרֶע, אוּנ וָואס פוּן זֵיי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין גַאנְצֶען דָאס
אוּמְגְלִיק. מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס לֶעבֶּען אוּנ גֶעלְד אוֹיסְבְּרֶענְגֶען, מִיט זֵייעֶרֶע טְהַייעֶרֶע
קְלֵיידֶער, מִיט זֵייעֶר רַייכֶע צִירוּנְג, מִיט זֵייעֶרֶע שֶׁאנֶע פֶערְד אוּנ קַארֶעטֶעס,
הָאבֶּען זֵיי אוֹיפְגֶערִיסֶען דִי אוֹיגֶען פוּן דִי קְרִיסְטְלִיכֶע עֶדֶעלְלַייט; דִי קִנְאָה הָאט
אוֹיסְגֶעאַרְבַּייט אַ שְׁטִילֶע שִׂנְאָה, וָואס אִיז נָאךְ גֶעפֶאהְרְלִיכֶער גֶעוֶועהן דֶערְמִיט,
וָואס זִי אִיז גֶעוֶועהן בֶּעהַאלְטֶען, וָואס דֶער שׂוֹנֵא אִיז לְפָנִים גֶעוֶועהן מִיט׳ן
יוּדִישֶׁען גְבִיר דֶער בֶּעסְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד אוּנ אִין הַארְצֶען הָאט עֶר אִיהם אוּנ
זַיין גַאנְץ פָאלְק גֶעוָואלְט דֶערְטְרִינְקֶען אִין אַ לֶאפֶעל וַואסֶער. אוּמְזִיסְט הָאט
דֶער מוּסָר־זָאגֶער פוּן יֶענֶער צַייט, ר׳ שְׁלֹמֹה אַלְקַבִּי גֶעשְׁטְרָאפְט דֶעם עוֹלָם
מִיט פַייעֶרִיגֶע וֶוערְטֶער: דִי וָואס הָאבֶּען עֶס בֶּעדַארְפְט הֶערֶען הָאבֶּען שׁוֹין גֶע־
הַאט פֶערְשְׁטָאפְּטֶע אוֹיעֶרְן אוּנ דֶער אֶמֶת הָאט שׁוֹין צוּ זֵיי זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט צוּ־
שְׁלָאגֶען; זֵיי הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט בֶּעסֶער זַיין פוּן זֵייעֶרֶע אֶלְטֶער־זֵיידֶעס, וָואס
הָאבֶּען אַ מָאל, וֶוען דִי נְבִיאִים הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט, אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְט אַ וָועלְט אוּנ
גֶעמֵיינְט אַז עֶבִּיג וֶועט אַזוֹי זַיין. בַּיי אַזֶעלְכֶע פֶערְדָארְבֶּענֶע מִדּוֹת, הָאבֶּען דִי
יוֹרֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בֶּענוּצֶען אוֹיף שְׁלֶעכְטְס דִי מַאכְט, וָואס דִי מְלוּכָה הָאט
זֵיי גֶעשֶׁענְקְט, אוּנ אַזוֹי ווִי אִין קַאסְטִילְיֶען, אַרַאגָאנְיֶען, וַואלֶענְסִיאַ
אוּנ קַאטַאלָאנְיֶען הָאבֶּען דִי רַבָּנִים גֶעהַאט דָאס רֶעכְט אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען
אַ מִשְׁפָּט אֲפִילוּ אוֹיף טוֹיט אוּנ נָאר בֶּעטֶען דַארוֹיף דִי חֲתִימָה פוּנ׳ם קֶענִיג,
פְלֶעגְט מֶען פָּשׁוּט טְהוּן רְצִיחוֹת אוּנ ווִי בַּאלְד עֶס הָאט זִיךְ נָאר גֶעפוּנֶען אַ מֶענְשׁ
וָואס הָאט זֵיי נִיט גֶעטוֹיגְט, הָאט מֶען אִיהם בַּאלְד גֶעבְּרַאכְט צוּם בֵּית דִין, מֶען
הָאט נָאר מִיט אִיהם נִיט גֶעמַאכְט קֵיין טַעֲנוֹת, נִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען פוּן זַיינְטְוֶועגֶען
אֵיינֶע פוּן דִי „אַרְבַּע מִיתוֹת“ אוּנ מִיט גֶעלְד הָאט מֶען אָבְּגֶעזוּכְט אַ וֶועג צוּ
בֶּעקוּמֶען דִי חֲתִימָה פוּנ׳ם קֶענִיג, וָואס פְלֶעגְט הָאבֶּען צוּטְרוֹיעֶן צוּ דִי רַבָּנִים,
אוּנ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעחַתְמְ׳ט יֶעדֶעס פַּאפִּיעֶר, וָואס מֶען הָאט אִיהם צוּגֶעטְרָאגֶען.

אִיבֶּער אַזאַ מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לָאזֶען פִיהלֶען דִי אָפֶּענֶע אוּנ־
צוּפְרִיעדֶענְהַייט פוּן דֶער מְלוּכָה אוּנ פוּן דֶעם פָאלְק, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ, פִיעל
יָאהרֶען שְׁפֶּעטֶער, נֶעעֶנְדִינְט מִיט דֶעם, וָואס מֶען הָאט דִי יוּדֶען לַהֲלוּטִין אַרוֹיס
נֶעטְרִיבֶּען פוּן שְׁפַּאנְיֶען.

דִי רַבָּנִים אוּנ דִי נְגִידִים הָאבֶּען נֶעוָוארְפֶען אַאוּם־חֵן אוֹיף יוֹסֵף פִּינְצוֹן
פוּן סֶעוִוילַא אוּנ חָאטְשׁ עֶר אִיז נֶעוֶועהן זֶעהר בֶּעלִיעבְּט בַּיים קֶאנִיג פוּן קַאסְ־
טִילְיֶען הַיינְרִיךְ דֶעם צְוַוייטֶען, הָאבֶּען זַיי אָנְגֶעפִיהרְט אַזַא רְכִילוּת אַז
מֶען הָאט אִיהם אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּנ מֶען הָאט אוֹיף אִיהם אַרוֹיפְגֶעלֶענְט
אַ גְרוֹיסֶע גֶעלְד־שְׁטְרָאף. בַּאלְד הָאט זִיךְ אָבֶּער זַיין אוּמְשׁוּלְדִיגְקַייט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען
אוּנ דֶערְפַאר אִיז עֶר בַּיים קֶאנִיג גֶעוָוארֶען נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער חָשׁוּב אוּנ עֶר הָאט
דוּרְךְ דֶעם אָנְגֶעהוֹיבֶּען קְרוּם צוּ קוּקֶען אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען
גֶערוֹדֵף׳ט אֵיין אֶרֶענְטְלִיכֶען מֶענְשֶׁען אוּמְזִיסְט אוּנ אוּמְנִישְׁט. דָאס הָאט נָאךְ
אָרְגֶער פֶערְדְרָאסֶען יוֹסֵף׳ס שׂוֹנְאִים, אוּנ אַז דֶער אַלְטֶער קֶאנִיג אִיז גֶעשְׁטָאר־
בֶּען אִים יָאהר 1379 אוּנ זַיין זוּהן דוֹן ז׳שוּאַן דֶער עֶרְשְׁטֶע הָאט זִיךְ גֶע־
לָאזְט קְרֶאנֶען אִין בּוּרְגָאס, הָאבֶּען זַיי פֶערְשְׁטַאנֶען אַז אַצוּנְד אִיז דִי בֶּעסְטֶע
צַייט אוֹיסְצוּפִיהרֶען זַייעֶר נְקָמָה. זַיי הָאבֶּען יוֹסֵף פִּינְצוֹן אוּנְטֶער דִי אוֹיגֶען פֶערְ־
מִשְׁפָּט וִוי אַ מוֹרֵד בְּמַלְכוּת, אוּנ אַזוֹי וִוי זַיי הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז דֶער קֶאנִיג
אִיז פֶערְטְרָאנֶען מִיט דֶער קְרֶאנוּנְג, זֶענֶען צוּ אִיהם עֶטְלִיכֶע בְּכָבוֹדֶע בַּעֲלֵי
בָּתִּים גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען עֶר זָאל זַיי עֶרְלוֹיבֶּען צוּ טֵייטְטֶען אַ שֶׁעדְלִיכֶען יוּדֶען וָואס
דֶער בֵּית דִין הָאט גֶעפוּנֶען אַז עֶר פֶערְדִיענְט דֶעם טוֹיט. דֶער יוּנְגֶער קֶאנִיג
הָאט נִיט אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט, קַיין נָאהמֶען הָאט מֶען אִיהם נִיט גֶעזָאגְט אוּנ עֶר הָאט
זַיי גֶענֶעבֶּען זַיין חֲתִימָה. קוֹים הָאבֶּען זַיי שׁוֹין גֶעהַאט אִין דִי הֶאנְד אַ בֶּעפֶעהל
פוּנ׳ם קֶאנִיג, הָאט זַיי שׁוֹין דִי מְלוּכָה גֶעמוּזְט מִיט הֶעלְפֶען אוּנ נָאר אוּמְגֶעקִיכְט
אִיז מֶען אִין אַ פְּרִיה מָארְגֶען גֶעקוּמֶען אִין ר׳ יוֹסֵף׳ס הוֹיז, וֶועלְכֶער הָאט פוּן
קַיין זַאךְ נִיט גֶעוואוּסְט, מֶען הָאט אִיהם אוֹיפְגֶעוֶועקְט, מִיט אֵיין אוֹיסְרֶעד הָאט
מֶען אִיהם אַרוֹיסְגֶעשְׁנַארְט אוֹיף דֶער גַאס אוּנ דָארְט הָאט מֶען אִיהם דֶערְהַרְגֶ׳ט.
דֶער טוֹיט פוּן אַזַא גְרוֹיסֶען מֶענְשֶׁען, וָואס אִיז אַלֵיין גֶעוֶועהן אַ קָרוֹב לְמַלְכוּת,
הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקֶען רַעַשׁ, אוּנ אַז דֶער קֶאנִיג אִיז גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען
וִוי אַזוֹי מֶען הָאט בַּיי אִיהם אוֹיסְגֶענַארְט אַ חֲתִימָה אוּנ פּוּנְקְט אִין דֶעם טָאג
פוּן דֶער קְרֶאנוּנְג הָאט מֶען פֶערְגָאסֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע בְּלוּט פוּן אַ מֶענְשֶׁען, וָואס
הָאט זַיין פָאטֶער אַזוֹי טְרַיי גֶעדִיענְט אוּנ אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר גֶעשֶׁעצְט אִין
זַיינֶע אוֹיגֶען, אִיז עֶר אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען אוֹיף אַלֶע יוּדֶען. עֶר הָאט בַּאלְד

צוגענומען ביי די רבנים דאס רעכט צו משפט׳ן יודען דיני נפשות, אונ אחוץ דעם האט ער געהייסען טיידטען דעם רב וואס האט אונטערגעשריבען דעם משפט, די יודען וואס האבען מקים געוועהן דעם פסק אונ אפילו דעם הויפט-מאנן וואס האט זיי געהאלפען דערצו אונ האט ניט געוואלט חוקר ודורש זיין צו איז ניט פארגעקומען א פאלשקייט אונ מען האט די מלוכה אבגענארט.

פון דערמאלט אן זענען שוין דעם קאניג׳ס אויערן אפען געוועהן פאר אללע מסירות אויף יודען אונ די קריסטליכע אנוואהנער פון שיבילה האבען נאר ארויסגעקוקט אויף דער ערשטער געלעגענהייט זיי זאלען זיך קאנען אברעכנען מיט די יודען פאר׳ן טויט פון ר׳ יוסף פיגון, וואס אללע האבען איהם געקאנט אונ ליעב געהאט. פון יענער צייט אן האט אויך דער קאניג אנגעהויבען פאר-קלייגערן די רעכטע פון די יודען, אונ אויסער דעם וואס ער האט אבגענומען פיעל יודען פון שטעלען, האט ער נאך ארויסגעגעבען א בעפעהל אז יודען מיט קריסטען זאלען ניט וואהנען אין איין הויז אונ אז קריסטליכע אמען זאלען ניט טארען זייגען קיין יודישע קינדער.

דאס מזל האט שוין אזוי געפיהרט אז דער קאניג דון זשואן האט געמוזט ווערען א שונא ישראל, ווייל צו ליעב די יודישע רבנים האט ער אנגעווארען די קרוין פון פארטוגאל. עס קומט אפילו פאר אונגלויבליך ביים געדאנק אז דאס רבנות האט געשפיעלט אזא גראלע אין ענינים פון מלוכה, נאר עס איז אבער פארט אזוי געוועהן. געקומען האט זיך עס דערפון וואס דער קאניג דון זשואן האט צום צווייטען מאל חתונה געהאט מיט דער פרינצעסין בעאטריץ, דער טאכטער פון׳ם פארטוגעזישען קאניג פערנאנד, אונ אזוי ווי פערנאנד האט ניט געהאט קיין קינדער זכרים האט ער געמאכט דעם איידעם פאר זיין יורש. אין פארטוגאל איז די יודען זעהר גוט געוועהן, ווייל דער קאניג האט זיי געלאזט לעבען פריי אונ זעלבסטשטענדיג, צו שאפען איבער אללע האט מעהר ניט געהאט נאר איין לאנד-רב, וואס פלעגט אללע משפטים ארויסגעבען אים נאמען פון׳ם מלך. אונטער זיין השגחה זענען געשטאנען זיבען קלייגערע רבנים, וואס פלעגען אבטונג געבען אז יעדע יודישע קהלה, וואס האט געהאט איהר בעזונדערן רב, זאל זיך פיהרען פיין אונ ארענטליך, אונ אללע יאהר פלעגט דער לאנד-רב מאכען א נסיעה איבער דער מדינה אונ בעטראכטען דעם מצב פון די יודען; ביים קאניג פערנאנד האבען געדיענט צוויי יודען: דון דוד נגרו איז געוועהן זיין יועץ אונ דון יהודה איז געוועהן פינאנס-מיניסטער. אז דער קאניג איז געשטארבען אונ זיין אלמנה, די שלעכטע לעאנארא

הָאט דֶערְוַוייל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה הָאבֶּען זִיךְ אִיהר בַּאלְד פָארְגֶעשְׁטֶעלְט
דִי גְרֶאסְטֶע לַייט פוּן לִיסַאבָּאן אוּנ הָאבֶּען זִי גֶעבֶּעטֶען זִי זָאל מֶעהר נִיט
דֶערְלָאזֶען, אַז יוּדֶען אוּנ מְחֻדָּשִׁים זָאלֶען דִינֶען בַּיי דֶער קְרוֹין. לֶעאָנָארַא
הָאט גֶעאֶנְטְפֶערְט אַז זִי הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט אַרוֹיס פַּטֶר'ן דִי יוּדֶען, נָאר
בַּיי פֶערְנַאנְדְ'ס לֶעבֶּען הָאט זִי עֶס נִיט גֶעקָאנְט פוֹעֵל'ן. בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען
הָאט זִי גֶעווּאוּסְט אַז אָהן יוּדֶען וֶועט זִי נִיט קָאנֶען אוֹיסְקוּמֶען, דֶערְפַאר הָאט
זִי נָאר לְפָנִים אָבְּגֶעזָאגְט דוֹן יְהוּדָה אוּנ דוֹן דָוִד נֶגְרוֹ פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטֶעלֶען,
אוּנ אוֹיפ'ן רֶעכְטֶען אֱמֶת הָאט זִי אָהן זֵיי נָאר נִיט גֶעטְהוּן. לַאנְג הַאלְטֶען זִיךְ
הָאט זִי אָבֶּער נִיט גֶעקָאנְט אוּנ אַז אֵיינֶער פוּן דִי פְּרִינְצֶען דוֹן זְשָׁאאַה הָאט
גֶעוָואלְט וֶוערֶען קָאנִיג פוּן פָּארְטוּגַאל אוּנ דָאס פָאלְק הָאט גֶעהַאלְטֶען מִיט אִיהם
אוּנ צוּ לִיעבּ דֶעם אִיז גֶעוָוארֶען אַ אִינְוֶוענִינְסְטֶער קְרִיעג צְווִישֶׁען דִי אַנְוָואהנֶער,
הָאט זִי גֶעמוּזְט אַוֶועק פוּן דֶער הוֹיפְט שְׁטָאדְט אוּנ קוּמֶען צוּ אִיהר אֵיידֶעם, צוּם
קָאנִיג פוּן קַאסְטִילְיֶען, אוּנ אִיהם קְלָאמֶערְשְׁט אָבְּגֶעגֶעבֶּען זַיין יְרוּשָׁה. עֶס אִיז
שׁוֹין בַּיי זֵיי בֵּיידֶע כִּמְעַט אִין גַאנְצֶען פֶערְטִיג גֶעוָוארֶען דֶער פְּלַאן מֶען זָאל פוּן
בֵּיידֶע לֶאנְדֶער מַאכֶען אֵיין שְׁטַארְקֶע מְלוּכָה, נָאר פְּלוּצְלוּנְג אִיז דִי זַאךְ צוּ נִישְׁט
גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דָאס רַבָּנוּת. אַז לֶעאָנָארַא אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין קַאסְטִילְיֶען וֶוענֶען
מִיט אִיהר אוֹיךְ אַהִין גֶעפָאהרֶען אִיהרֶע גֶעטְרַייעֶ צְוֵויי יוּדֶען דוֹן יְהוּדָה אוּנ דוֹן
דָוִד נֶגְרוֹ. גְרָאד אִין דֶער צַייט הָאט מֶען אִין קַאסְטִילְיֶען בֶּעדַארְפְט מַאכֶען אַ נַייעֶם
לַאנְד־רַב, אוּנ לֶעאָנָארַא הָאט זֶעהר גֶעוָואלְט אַז דִי שְׁטֶעלֶע זָאל בֶּעקוּמֶען דוֹן
יְהוּדָה, וָואס אִיהם הָאט זִי מֶעהר לִיעבּ גֶעהַאט. זִי הָאט גֶעבֶּעטֶען דֶעם
קָאנִיג, נָאר עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּ לִיעבּ טְהוּן דֶער קָאנִיגִין בֶּעאַטְרִיף, וָואס
הָאט מֶעהר גֶעהַאלְטֶען פוּן דוֹן דָוִד נֶגְרוֹ. דָאס הָאט לֶעאָנָארַא'ן שְׁטַארְק פֶערְ־
דְרָאסֶען אוּנ זִי הָאט פוּן אֵיין זַייט אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרַאכְטֶען זִי זָאל בֶּעסֶער שָׁלוֹם
וֶוערֶען מִיט דוֹן זְשָׁאאַה אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט הָאט זִי גֶעוָואלְט אָנְמַאכֶען
אַ מְרִידָה אִין קַאסְטִילְיֶען אוּנ טֵייטְטֶען דֶעם קָאנִיג. דוֹן יְהוּדָה הָאט אִיהר גֶע־
גֶעבֶּען אַלֶע עֵצוֹת, נָאר דוֹן דָוִד נֶגְרוֹ אִיז דֶערְפוּן גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען בַּאצַיי־
טֶענְס אוּנ הָאט דֶעם קָאנִיג מַצִיל גֶעוֶועהן פוּן אַ סַכָּנָה. לֶעאָנָארַא'ן הָאט מֶען
אֵיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּנ דוֹן יְהוּדָה'ן הָאט מֶען גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶ'ן. נָאר דוֹן
דָוִד הָאט זִיךְ פָארְט אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִיהם אוּנ הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעבֶּעטֶען פוּנ'ם
טוֹיט. דֶער קָאנִיג דוֹן זְשׁוּאַן הָאט זִיךְ נָאךְ דֶעם גֶעפְּרִיוְוט גֶעהן מִיט תְּקִיפוֹת
אוּנ אָבְּגֶענֶעהמֶען פָּארְטוּגַאל, נָאר עֶס אִיז אִיהם נִיט גֶערָאטְהֶען אוּנ אַזוֹי הָאט
עֶר צוּ לִיעבּ דֶעם רַבָּנוּת פֶערְלָארֶען אַ רֶעכְטֶע יְרוּשָׁה.

די קַאטָאלִישֶׁע גֵייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען דֶערְפִיהלְט אַז אַצוּנְד הָאבֶּען זֵיי אַשְׁעַת הַכּשֶׁר אָנְצוּטְהוּן דִי יוּדֶען צָרוֹת אוּנ זֵיי זֶענֶען נִיט פוּיל גֶעוֶועהן אַרוֹיסְצוּוַויֶיזֶען זֵייעֶר אַכְזָרִיוּת, גְלַייךְ וִוי זֵיי וָואלְטֶען אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף וִוילְדֶע חַיוֹת אוּנ נִיט אוֹיף מֶענְשֶׁען. אִים יָאהר 1389 הָאט אַגֵייסְטְלִיכֶער אָנְגֶערֵייצְט דִי אַנְוָואהנֶער פוּן פְּרָאג אוּנ נָאר אִין אַקוּרְצֶער צַייט הָאט מֶען אוֹיסְגֶעהַרְג'ט עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד יוּדֶען, פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶרֶע שׁוּלֶען, צֻוּרִיסֶען סִפְרֵי־תּוֹרוֹת אוּנ דֶער קֵייזֶער וֶוענְצֶעל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן וַוייטֶען אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעקָאנְט הֶעלְפֶען. שְׁפֶּעטֶער מִיט אַפָּאר יָאהר הָאט דָאס אֵייגֶענֶע גֶעטְהוּן אִין סֶעבִילַא פֶערְנַאן מַארְטִינֶעץ, אַגֵייסְטְלִיכֶער, וָואס זַיין נָאהמֶען שְׁפִּיעלְט אַגְרוֹיסֶע רָאללֶע אִין דִי שְׁוַוארְצֶע בְּלֶעטְלֶער פוּן דֶער יוּדִישֶׁער גֶעשִׁיכְטֶע אִין שְׁפַּאנְיֶען. דָארְט אִיז נָאךְ גֶעוֶועהן פְרִישׁ דֶער טוֹיט פוּן ר' יוֹסֵף פִּיגוֹן, מֶען הָאט נָאךְ גֶעדֶענְקְט וִוי דִי יוּדֶען הָאבֶּען פֶערְאָרֶעמְט דָאס לַאנְד דֶערְמִיט, וָואס זֵיי הָאבֶּען גֶעשִׁיצְט דוֹן פֶּעדְרָא אוּנ דוּרְךְ דֶעם הָאט לֶאנְגֶער גֶעדוֹיעֶרְט דִי מִלְחָמָה צְוִוישֶׁען בֵּיידֶע בְּרִידֶער, עֶס אִיז נָאךְ גֶעלֶעגֶען בַּיי אַלֶּע אִין טַעַם דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי יוּדִישֶׁע גְבִירִים, אוּנ דֶער־ פַאר הָאט מַארְטִינֶעץ גֶעהַאט גֶענוּג מַאטֶערְיַאל אוּנְטֶערְצוּצִינְדֶען דֶעם עוֹלָם מִיט זַיינֶע דְרָשׁוֹת אוּנ הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעאַרְבַּייט בִּיז דָאס פָאלְק אִיז, דֶעם 15 מֶארְץ 1391 אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה. דִי מְלוּכָה הָאט זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶענוּמֶען אוּנ דָאס הָאט נָאךְ מֶעהר אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט דִי אוּנצוּפְרִידֶענֶע אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַשְׁחִיטָה. דֶעמָאלְט זֶענֶען בַּאלְד עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע חֲשׁוּבִים אַוֶועקְגֶעלָאפֶען צוּם קֶענִיג הֵיינְרִיךְ דֶעם דְרִיטֶען אוּנ הָאבֶּען אִיהם פַאר־ שְׁטֶעהן גֶעגֶעבֶּען אַז דִי פָּאלִיצְיֶע פוּן סֶעוִוילַא אִיז צוּ שְׁוַואךְ אוּנ קָאן זִיךְ נִיט אַרוֹיסְשְׁטֶעלֶען גֶעגֶען דִי רוֹצְחִים. דֶער קֶענִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַבֶּעפֶעהל אַז עֶס אִיז אַחוֹב אוֹיף אַלֶּע עֶרֶעלְלַייט צוּ בֶּעשִׁיצֶען דִי יוּדֶען אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטִיל. דָאס שְׁטִילְקַייט אִיז אָבֶּער נָאר גֶעוֶועהן אוֹיף אַקוּרְצֶער צַייט: מַארְטִינֶעץ הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט אַרַיינְצוּלָאזֶען נִיפְט צְוִוישֶׁען פָאלְק אוּנ פוּנְקְט אִין דְרַיי חֳדָשִׁים אַרוּם הָאט זִיךְ דָאס פַייעֶר אַזוֹי צוּבְּרֶענְט אִין סֶעוִוילֶע אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין מֶאגְלִיכְקַייט נִיט גֶעוֶועהן אָבְּצוּלֶעשֶׁען. מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַתֵּל פוּן דֶער סֶעוִוילַא'ר יוּדִישֶׁער קְהִלָּה וָואס אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען כִּמְעַט פוּן דְרַייסִיג טוֹיזֶענְד יוּדֶען, פִיעֶר טוֹיזֶענְד זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען וֶוען מֶען הָאט דִי יוּדִישֶׁע נַאס אָנְגֶע־ צוּנְדֶען פוּן אַלֶּע זַייטֶען, פִיעל וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער הָאט מֶען פֶערְקוֹיפְט אוּנ אַוֶועקְגֶעפִיהרְט אִין דִי וַוייטֶע לֶאנְדֶער פַאר שְׁקְלַאוֶוען, דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעמוּזְט טוֹיפֶען אוּנ צְוֵויי שׁוּלֶען פוּן סֶעוִוילַא הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעמַאכְט פַאר

קוֹרְבֶּען, פוּן דָארְט הָאט זִיךְ דָאס אוּמְגְלִיק צוּגָאסֶען אִיבֶּער גַאנְץ שְׁפַּאנְיֶען אוּנ
גֶעמַט אִין אֵיין יָאהר אִיז פוּן זִיבְּצִיג קְהִלּוֹת קֵיין זֵכֶר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען. אִין
קָארְדָאבָה, וואוּ דִי יוּדֶען הָאבֶּען נִיט גֶעוואָלְט אָבְּטְרֶעטֶען פוּן דֶער אֱמוּנָה
אוּנ קֵיין אֵיינְצִיגֶער הָאט זִיךְ נִיט עֶנְטְשְׁלָאסֶען אִיבֶּערְגֶעהן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם,
הָאט זִיךְ יוּדִישׁ בְּלוּט גֶעגָאסֶען וִוי וַואסֶער; דָאס אֵייגֶענֶע אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהן אִין
טוֹלֶעדַא, הָאטְשׁ דָארְט הָאבֶּען זִיךְ פִיעל גֶערַאטֶעוֶועט דוּרְךְ דֶער טוֹיפֶע. אִין
טוֹלֶעדַא אִיז אוֹיךְ אוּמְגֶעקוּמֶען דֶעם רָא״שׁ׳ס אַאוּר-עֶנִיקֶעל, ר׳ יְהוּדָה בֶּן
אָשֵׁר, מִיט זַיין גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה: עֶר הָאט פְרִיהֶער דֶערְהַרְג׳ט זַיין פְרוֹי מִיט דֶער
שְׁווִיגֶער אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַלְלֵיין דָאס לֶעבֶּען גֶענוּמֶען. אַז דִי קְרִיסְטֶען
הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין צוּהִיצְט, הָאבֶּען זֵיי גֶעוואָלְט מִיט דִי מַחְמַדְנֶער אוֹיךְ אַזוֹי שֶׁארֶען
אוּנ עֶהְרְלִיךְ אָבְּרֶעכֶענֶען, נָאר מֶען הָאט זֵיי דֶערְמָאנְט אַז אִין גְרַנַאדַה גֶעפִינֶען
זִיךְ גֶענוּג קְרִיסְטֶען אִין דִי הֶאנְד פוּן דִי מַחְמַדְנֶער אוּנ מֶען טָאר מִיט זֵיי נִיט
אָנְהוֹיבֶּען; דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין דֶעם גַאנְצֶען כַּעַס אוֹיסְגֶעלָאזְט נָאר צוּ
די יוּדֶען.

הָאטְשׁ קַאסְטִילְיֶען אוּנ אַרַאגָאנְיֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן אָבְּגֶעטְהֵיילְט וִוי צְווֵיי
בֶּעזוּנְדֶערֶע מְלוּכוֹת, הָאט דִי קְרַאפְט פוּן שִׂנְאָה אוּנ רְצִיחָה נִיט גֶעוואָלְט וִויסֶען
פוּן קֵיין גְרֶענִיץ אוּנ גָאר גִיךְ הָאבֶּען זִיךְ אִין דֶער הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט וַואלֶענְסִיַא
אוֹיךְ אָבְּגֶעזוּכְט בַּעֲלָנִים אוֹיף יוּדִישׁ לֶעבֶּען אוּנ פֶּערְמֶעגֶען, אוּנ פוּן דִי פִינְף
טוֹיזֶענְד יוּדֶען, וָואס הָאבֶּען דָארְט גֶעווָאהְנְט, אִיז קֵיין אֵיינְצִיגֶער נִיט גֶעבְּלִיבֶּען
אוּנ פוּן זֵייעֶר גַאנְץ הָאבּ הָאט מֶען קֵיין פָּאדֶעם נִיט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט. פוּן
דָארְט הָאט זִיךְ דָאס פַייעֶר אַרִיבֶּערְגֶעחַאפְּט אוֹיף דֶעם אִינְזֶעל מַאלְלָארְקַא
אוּנ מֶעהר פוּן דְרַיי הוּנְדֶערְט יוּדֶען זֶענֶען גֶעפַאלֶען אִין דֶער הוֹיפְּטְשְׁטָאדְט
פַּאלְמַא. אָנְגֶעהוֹיבֶּען הָאט זִיךְ עֶס דָארְט פוּן אַ גֶעשְׁלֶאג, וָואס עֶס אִיז פָּארְ-
גֶעקוּמֶען צְווִישֶׁען אַ יוּדֶען אוּנ עֶטְלִיכֶע נַאסֶען-יוּנְגְלֶעךְ, אוּנ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאט
זִיךְ עֶס מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁחִיטָה אוּנ מֶען הָאט אוֹיךְ דֶערְהַרְג׳ט דֶעם רַב ר׳
אֶפְרַיִם גֶערוּנְדִי עֵין וְוִידַל. שְׁפֶּעטֶער מִיט דְרַיי טָאג פוּנְקְט אוּם שַׁבָּת וֶוען
עֶס אִיז גְרָאד גֶעפַאלֶען אוֹיךְ אַ קְרִיסְטְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אִיז דָאס פָּאלְק אָנְגֶע-
פַאלֶען אוֹיךְ אוֹיף דִי יוּדֶען פוּן בַּרְצֶלוֹנַה, נָאר דִי מְלוּכָה הָאט זֵיי פָּארְט
גֶעשִׁיצְט אוּנ הָאט זֵיי בֶּעהַאלְטֶען אִין אַ פֶּעסְטוּנְג. אַז דִי רוֹצְחִים הָאבֶּען אָבֶּער
אָנְגֶעצוּנְדֶען דִי פֶּעסְטוּנְג, הָאבֶּען פִיעל פוּן זֵיי אַלְלֵיין זִיךְ דָאס לֶעבֶּען גֶענוּמֶען
אוּנ עֶלְף טוֹיזֶענְד זֶענֶען גֶעצְווּאוּנְגֶען גֶעוֶועהן אִיבֶּערְצוּגֶעהן צוּם קְרִיסְטֶענְטְהוּם.
דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ אוּמְגֶעקוּמֶען דֶער בֶּן יָחִיד פוּן ר׳ חִסְדָאִי קְרֶעשְׁקַשׁ, וָואס הָאט

גֶעזָאלְט דִי צַייט חֲתוּנָה הָאבֶּען. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארֶען אַ סוֹף פוּן דִי יוּדִישֶׁע קְהִלּוֹת אִין לֶעְרִידַא אוּנ גֶערוֹנַא, פִיעל הָאט מֶען גֶעהַרְגֶ'ט, אַ סַךְ הָאבֶּען זִיךְ גֶעטוֹיפְט, אוּנ נָאר וֶוענִיגֶע אִיז גֶערָאטְהֶען זִיךְ צוּ בֶּעהַאלְטֶען אוּנ דֶערְנָאךְ אַנְטְלוֹיפֶען, חָאטְשׁ קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר קָאן רוּהִיג אֵיין קָאפּ אַנִידֶערְלֶעגֶען. גַאנְץ שְׁפַּאנְיֶען אִיז פוּל גֶעוֶועהן מִיט ווִילְדֶע צוּרֵייצְטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס הָאבֶּען אָהן רַחֲמָנוּת גֶעקוֹילֶעט אוּנ גֶערַאבֶּעוֶועט, אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי אַרָאבְּגֶעפַאלֶען אַז דִי אֵייגֶענֶע הֶעלְדֶען, וָואס הָאבֶּען, דַאכְט זִיךְ, עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג זִיךְ אַריינְגֶעמִישְׁט אִין אַללֶע ווִיכְטִיגֶע שַׁאֲלוֹת פוּן דֶער מְלוּכָה אוּנ הָאבֶּען מִיט דֶער שְׁוֶוערְד אִין דֶער הַאנְד גֶעקָאנְט שִׁיצֶען אַ קָאנִיג, הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁרָאקֶען פַאר'ן רוֹישׁ פוּן אַ בְּלֶאטֶעל אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַרוּמְגֶעבְּלָאנְקֶעט מִיט מוֹרָא, ווִי אַ חַיָה, וָואס מֶען יָאגְט זִיא נָאךְ אוּנ זִי ווֵייסְט נִיט פוּן וָועלְכֶער זַייט עֶס קָאן זִי טְרֶעפֶען אַ קוֹיל.

נָאר אִין אֵיין פָּארְטוּגַאל זֶענֶען דִי יוּדֶען אָבְּגֶעהִיט גֶעוֶועהן פוּן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת, ווַייל דֶער קָאנִיג דוֹן זְשָׁאַעָה דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר בֶּעלִיעבְּט בַּיים פָאלְק אוּנ קֵיינֶעם אִיז נָאר דָארְט אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה נִיט גֶעקוּמֶען צוּ טְהוּן אַזֵיינֶע זַאכֶען, וָואס זָאלֶען זַיין גֶעגֶען ווִילֶען פוּן דֶער מְלוּכָה. דִי גַייסְטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ אֲפִילוּ דָארְט אוֹיךְ גֶעוָואלְט פְּרִיוֶוען מַאכֶען עֶפֶּעס אֵיין אוּמְגְלִיק, אוּנ אַ בִּיסֶעל הָאבֶּען זֵיי טַאקִי רֶעכְט גֶעהַאט: ווַייל פִיעל פוּן דִי דָאזִיגֶע יוּדֶען, וָואס זֶענֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען גֶעצְוואוּנְגֶען גֶעוֶועהן לְפָנִים וֶוערֶען קְרִיסְטֶען זֶענֶען אַרִיבֶּער קַיין פָּארְטוּגַאל אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אֶפֶענְטְלִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען. אַוַדַאי הָאבֶּען דִי גַייסְטְלִיכֶע גֶעפָאדֶערְט מֶען זָאל אַזֶעלְכֶע יוּדֶען בֶּעשְׁטְרָאפֶען. נָאר דֶער לַאנְד־רַב ר' משֶׁה דִי נַאוַארְרַא הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם קָאנִיג אוּנ הָאט אִיהם דֶערְוִויזֶען אַז גֶעזִינְדִיגְט הָאבֶּען נִיט דִי יוּדֶען וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶענֵייטְהְ צוּ דֶער טוֹיפֶע אוּנ אַ צוּנְד ווִילֶען זֵיי נִיט נַארֶען דִי וֶועלְט. נָאר דִי וָואס הָאבֶּען זֵיי גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ, ווַייל דִי פֶּאפְּסְטֶע קְלֶעמֶענְטִי דֶער זֶעכְסְטֶער אוּנ בָּאנִיפַאצִיוּס דֶער נַיינְטֶער הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דִי יוּדֶען מִיט גֶעוואַלְד נִיט טוֹיפֶען. דֶער קָאנִיג הָאט גֶעהֵייסֶען מֶען זָאל דִי גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען לָאזֶען פְרַיי אִיבֶּערְגֶעהְן צוּרִיק צוּם יוּדֶענְטְהוּם, אוּנ אַחוּץ דֶעם הָאט עֶר גֶעלָאזְט דִי בֶּעפֶעהְלֶע פוּן דִי פֶּאפְּסְטֶע פֶערְאָפֶענְטְלִיכֶען אִין אַללֶע שְׁטֶעדְט, כְּדֵי דָאס פָאלְק אַללֵיין זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן אַז דִי הֵיילִיגֶע פָארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶעם קִירְכֶע ווִילֶען נִיט לֵיידֶען מֶען זָאל אִיהר בְּרֶענְגֶען אַזֶעלְכֶע קָרְבָּנוֹת. קוֹים אִיז מֶען אִין שְׁפַּאנְיֶען דֶערְפוּן גֶעוָואהר

גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע גֶעטוֹיפְטֶע פוּן דָארְט גֶעלָאזְט ־קַיין פָּארְטוּגַאל.

אִין פְרַאנְקְרַייךְ הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ דֶעמָאלְט דִי יוּדֶען נִיט גֶעקָאנְט אוֹיסְ־דְרֶעהֶען פוּן דֶער צָרָה, אוּנ אַז דָאס פָאלְק הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט בֶּעהַאנְדֶעלְט זֵיי אִין שְׁפַּאנְיֶען וֶוענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ נִיט זִיכֶער גֶעוֶועהן מִיט'ן לֶעבֶּען. צוּ וָואס זִיךְ צוּ צוּטְשֶׁעפֶּען – אִיז גֶעוֶועהן גֶענוּג סִבּוֹת, וַוייל דִי יוּדֶען הָאט מֶען אֵיינְגֶענְטְלִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט ־קַיין פְרַאנְקְרַייךְ נָאר אוֹיף אַ בֶּעשְׁטִימְטֶער צַייט, אַלֶע מָאל פְלֶעגֶען זֵיי זִיךְ אָבְּבֶּעטֶען אוֹיף וַוייטֶער, ־קַיין עֶרְד הָאבֶּען זֵיי, בַּיי אַזַא אוֹפֶן, נִיט גֶעקָאנְט קוֹיפֶען אוּנ זֵייעֶרֶע אַלֶע בֶּעדֶארְפֶענִי'שֶׁען הָאבֶּען זֵיי גֶעצוֹיגֶען פוּן פְרָאצֶענְט. אַוַדַאי הָאבֶּען זֵיי זִיךְ מִיט אַזַא פַּרְנָסָה נִיט גֶעקָאנְט קוֹנֶה אַהֲבָה זַיין, אוּנ דָאס פָאלְק הָאט נָאר נִיט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֶעהן אַז זֵיי הָאבֶּען ־קַיין אַנְדֶער בְּרֵירָה נִיט אוּנ הָאבֶּען אוֹיף זֵיי גֶעקוּקְט וִוי אוֹיף הוֹיט־שִׁינְדֶער. דֶערְצוּ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט נָאךְ אַמַעֲשֶׂה, וָואס אַרַייכֶער יוּד דֶענִיס מַאשָׁאל הָאט זִיךְ גֶעטוֹיפְט אוּנ אִיז כְּאַלְד פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען. דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען סוֹמְלֶען אוֹיף דִי יוּדֶען אוּנ שְׁרַייעֶן אַז זֵיי הָאבֶּען אִיהם דֶערְהַרְגֶ'ט אָדֶער אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט עֶרְגִיץ אִין אַוַייט לַאנְד. מֶען הָאט גֶעמַאכְט אֵיין אֲסִיפָה פוּן גֵייסְטְלִיכֶע אוּנ מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע יוּדֶען פֶערְמִשְׁפָּט צוּם טוֹיט, נָאר דֶער סֶענַאט הָאט זֵיי גֶעשֶׁענְקְט דָאס לֶעבֶּען אוּנ הָאט זֵיי נָאר גֶעהֵייסֶען הַאלְטֶען אִין תְּפִיסָה, בִּיז דֶער פֶערְשְׁווּאוּנְדֶענֶער דֶענִיס מַאשָׁאל וֶועט נִיט צוּרִיקְקוּמֶען. מִיט דֶעם מִשְׁפָּט זֶענֶען אָבֶּער דִי יוּדֶען נָאךְ נִיט אָבְּגֶעקוּמֶען: דִי שׂוֹנְאִים הָאבֶּען עֶרְשְׁט רֶעכְט גֶעאֶפֶּענְט דִי מַיילֶער אוּנ הָאבֶּען דֶעם ־קֶאנִיג ־קַארְל דֶעם זֶעכְסְטֶען אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט דַארוֹיף, עֶר זָאל דֶעם 17 סֶעפְּטֶעמְבֶּער 1894 אוּנְטֶערְשְׁרַייבֶּען אַבֶּעפֶעהל אַז דִי יוּדֶען מוּזֶען אִין גַאנְצֶען אַרוֹיס פוּן פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ אַזוֹי וִוי דִי צַייט, וָואס זֵיי הָאבֶּען נָאךְ גֶעהַאט רֶעכְט דָארְט צוּ בְּלַייבֶּען, אִיז נָאךְ נִיט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט אַגַאנְץ צֶעטֶעל פוּן צַוּנוֹת. פוּנְקְט אוּם יוֹם כִּפּוּר, וֶוען דִי יוּדֶען זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אִין דִי שׁוּלֶען פֶערְשְׁמַאכְט פוּנ'ם תַּעֲנִית, הָאט מֶען זֵיי אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען דֶעם ־קֶאנִיגְ'ס בֶּעפֶעהל, אוּנ נַיינְצִיג יָאהר נָאךְ דֶעם עֶרְשְׁטֶען אַרוֹיסְטְרַייבֶּען הָאבֶּען זֵיי וַוייטֶער גֶעמוּזְט אָנְהוֹיבֶּען וַואנְדֶערְן אוּנ זוּכֶען זִיךְ אַנַייעֶ הֵיים. אִיבֶּרִיגֶענְס הָאט זֵיי ־קַארְל דֶער זֶעכְסְטֶער אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען מֶעהר יֹשֶׁר וִוי פִילִיפּ דֶער פִיעֶרְטֶער אַמָאל: עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבֶּען גֶענוּג צַייט זֵיי זָאלֶען קֶאנֶען אַיינְמָאנֶען זֵייעֶרֶע הוֹבוֹת, אוּנ דִי מְלוּכָה הָאט אַלֵיין אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אַז ־קֵיינֶער זָאל בַּיי זֵיי נִיט צוּנֶעהמֶען זֵייעֶר פֶערְמֶעגֶען. בִּיז צוּם יָאהר הָאבֶּען דִי יוּדֶען אַוֶועקְגֶעוַוארְפֶען פְרַאנְקְרַייךְ,

נָאר אַז זֵיי זֶענֶען שוֹין גֶעוֶועהן פוּן יֶענֶער זַייט זֶענֶען זֵיי עֶרְשְׁט גֶעוָוארֶען חָשׁוּב׳ער אוּנ פִיעל פְּרִיצִים הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט אַוֶועקְלָאזֶען דִי יוּדֶען פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטֶאדְט, אוּנ אֲפִילוּ דֶער פַּאפְּסְט אִין אַבִינְיָאן הָאט פֶערְלַאנְגְט, אַז דָארְט זָאלֶען בְּלַייבֶּען עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת. דִי פְרַאנְצֶאזִישֶׁע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ אִיטַאלְיֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזָאנְדֶער בֶּעזֶעצְט אִין דִי שְׁטֶאדְט אַסְטִי. פָּאסַאנַא אוּנ מָאנְקַאלְוָוא, נָאר קֵיין רוּת הָאבֶּען זֵיי אִין עֶרְגִיץ נִיט גֶעפוּנֶען, וַוייל אִין גַאנְץ אֵייְרָאפַּא אִיז כִּמְעַט נִיט גֶעוֶועהן אֵיין וִוינְקֶעל, וואוּ דָאס פַייעֶר פוּן שִׂנְאָה הָאט נִיט גֶעבְּרֶענְט אוּנ וואוּ דִי יוּדֶען זָענֶען נִיט גֶעוֶועהן אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט רוֹצְחִים. עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארֶען דָאס נְבִיאוּת פוּן עָמוֹס, וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט פַאר דִי יוּדֶען, וֶוען זֵיי וֶועלֶען אַנְטְלוֹיפֶען פַאר אַ לֵייבּ אוּנ עֶס וֶועט זֵיי אַקֶעגֶענְקוּמֶען אַ בֶּער, זֵיי וֶועלֶען זִיךְ וֶואלֶען אָנְשְׁפַּארֶען אוֹיף אַ וַואנְד אוּנ פוּן דָארְט וֶועט אִיהם אַבִּיס טְהוּן אַ שְׁלַאנְג". דָאס אוּמְגְלִיק אִיז נָאךְ אָבֶּער גְרֶעסֶער גֶעוֶועהן, וָואס דִי אַלֶע לֵייבֶּען, בֶּערֶען אוּנ שְׁלַאנְגֶען זֶענֶען גֶעוֶועהן אֵיינְגֶענֶע: כִּמְעַט אַלֶע צָרוֹת, וָואס דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמוּזְט אוֹיסְשְׁטֶעהן אִין דֶעם פִינְפְצֶעהְנְטֶען יָאהר הוּנְדֶערְט, הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן מְסִירוֹת, וָואס גֶעטוֹיפְטֶע יוּדֶען הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעוֶועזֶענֶע בְּרִידֶער, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען דִי אַלְטֶע קְרַאנְקְהַייט וָואס יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט זֵיי נָאךְ בֶּעקְלָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער: „מְהָרְסַיִךְ וּמַחֲרִיבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵאוּ", דַיינֶע צוּשְׁטֶערֶער אוּנ פֶערְווִיסְטֶער קוּמֶען טַאקִי פוּן דִיר אַרוֹיס!

רעגיסטער

פֶערְצֵייכְנִיס פון אַלֶע נאָהמֶען װעלְכֶע קוּמֶען פָאר אִין דֶעם צְװײטֶען בַאנְד.